אין דער צווייטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט און אָנהייב פופצנטן איז לויצק, ווי לוואָוו און לודמיר, געווען איינער פון די עיקרדיקע צענטערס פונעם האַנדל מיטן מזרח. נאָך ליובאַרטס טויט איז די שטאָט אַריבער צו זיין זון פעדאָר. אָבער דער מלך יאַגיעלאָ האָט וואָלין, צוזאַמען מיט לויצק, איבערגעגעבן דעם גרויספירשט וויטאָלד, וואָס האָט פיל געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט אַלס האַנדלס־צענטער. ער האָט פון קרים געבראַכט קאַראַימער און טאָטערן, צוטיילנדיק זיי, אין יאָר 1408, רעכט און עקזיסטענץ־בריוו, וואָס האָבן דערמעגלעכט די אַנטוויקלונג פון מסחר און האַנטווערקעריי,

*) Lehensrecht — אין מיטלאַלטער די ברייטסטע פאָרם פון באַנוצונג־רעכט, וועלכע גייט אויך איבער בירושה.

ווי גאָלדשמידעריי, שלאָסעריי, געווער־שמידעריי, איינבינדעריי, פאַרבעריי.

באַזונדערס האָט ער געזאָרגט פאַר איינשטעלן האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט די דרום־מזרחדיקע לענדער און האָט די שטאָטישע איינוווינער צוגעטיילט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. ער האָט אויפגעשטעלט אין לוציק קלויסטערס, דעם דאָמיניקאַנישן מאָנאַסטיר (1393) און איבערגעפירט פון לודמיר אַהער דאָס זיצאָרט פון דער קאַטוילישער קירכע. די שטאָט איז געוואָקסן און זיך אויסגעברייטערט דורכן איינשליסן אין איר אַ צאָל דערפער.

אין יאָר 1409 איז אין משך פון זיבן וואָכן פאָרגעקומען אין לוציק, אויף דער איניציאַטיוו פון קעניג זיגמונט, אַ צוזאַמענפאָר פון אייראָפּעישע קעניגן און פירשטן, מיט דער באַטייליקונג פון דעם קיסר זיגמונט, כדי זיך צו באַראַטן וויאַזוי צו האַמעווען די אויסשפּרייטונג פון די טערקן. אין דער אמתן האָט זיגמונט געוואָלט — דורכן פאַרזיכערן צו קרוינען וויטאָלדן אַל מלך פון ליטע — אים צורעדן אָפּצושאַפן די ליטוויש־פּוילישע אוניע. אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען, הגם וויטאָלד האָט געשטרעבט צו פאַראייניקן וואָלין מיט ליטע אין אַ מאָנאַרכיע אונטער זיין הערשאַפט.

נאָכן טויט פון וויטאָלדן (1430) האָט וואָלין געירשנט שווידריגיעלאָ. בשעתו האָט דער קעניג יאַגיעלאָ געגעבן דער שטאָט, אין יאָר 1432, דאָס מאַגדעבורגער געזעץ און אין יורידיש־אַדמיניסטראַטיוון הינזיכט אויסגעגליכט די שטאָט מיט קראָקע, לוואָוו. אין יאָר 1444 זענען דער שטאָט צוגעטיילט געוואָרן נאָך ברייטערע פּריווילעגיעס.

אין די יאָרן פון זיין הערשאַפט, האָט לוציק געליטן פון מלחמות צווישן פוילן און ליטע, וואָס האָבן געדויערט אַ צען יאָר.

סוף פופצנטן יאָרהונדערט האָט לוציק ווידער פיל געליטן און איז דערפירט געוואָרן כמעט צו חורבן. אין יאָר 1497 האָט די שטאָט פונדאַסניי באַקומען דאָס מאַגדעבורגער געזעץ, און עס איז בטל געוואָרן די וואָלינער יוריסדיקציע. אַדאַנק די פּריווילעגיעס, וואָס די שטאָט האָט באַקומען פון קעניג זיגמונד אויגוסט, האָט זיך אין איר אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג.

אין די פּריווילעגיעס זענען באַשטימט געוואָרן די טערמינען פון די יאַרידן; אויסער זיי איז די נישט־אָרטיקע סוחרים פאַרבאָטן געווען צו קויפן און פאַרקויפן אָן אַ דערלויבעניש פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. בלויז די סוחרים פון ווילנע און טראָקי זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון דעם פאַרבאָט.

די שטאָט האָט באַקומען די דערלויבעניש אויפצושטעלן אַ קאָכעריי פון וואַקס. די פולמאַכט צו וועגן די תבואה און דעם וואַקס איז געגעבן געוואָרן אויסשליסלעך דעם סאָלטיס.

דער סאָלטיס האָט נאָמינירט אַ העלפט ראַטמענער פון שטאָטראַט, די צווייטע העלפט — דער שטאָטראָט. אויפן שטאָט־ראַט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט אויפצושטעלן אַ באָד, אַ יאַטקע, קראָמען פאַר בעקערס, שוסטערס און אַ ראָטהויז מיט אַ טורעם. אין פאַל פון אַ מלחמה, זענען די שטאָטלייט געווען פאַרפליכטעט צו פאַרטיידיקן די שטאָט.

נאָכן טויט פון יאַגיעלאָ (1452), ביז דער פּויליש־ליטווישער אוניע אין לובלין (1569), איז וואָלין געווען אַ באַזונדער געביט מיט אַ נאַמיעסטניק בראש. אין יאָר 1470 האָט דער פּוילישער קעניג קאַזימיר יאַגיעלאָנטשיק געשטעלט בראש פון וואָלין נישט קיין נאַמיעסטניק, נאָר אַ מאַרשאַלעק. דער ערשטער איז געווען אַליזאַר שילאָוויץ. בראש פון דער מאַכט אין לוציק איז געשטאַנען אַ סטאַראָסטע. אין מיינסטע פאַלן איז דער מאַרשאַלעק געווען אויך דער סטאַראָסטע פון לוציק.

מיט דער שטאָט לוציק זענען געווען פאַרבונדן משפחות פון אַדל־לייט און מאַגנאַטן, ווי: אָסטראָגסקי,ווישניאָוויעצקי, זבאַראַסקי, סאַנגושקא, שעמיאַשקאָוו, ראַשקרעוויטש, דעניס, הולאָניעווסקי, סטעצקי און באַזונדערס די משפחה טשאַרטאָריסקי. נאָך דער לובלינער אוניע (1569), איז וואָלין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָיעוואָדזטווע, מיט לוציק אַלס הויפּטשטאָט, און איינגעשלאָסן געוואָרן אין קרוין־פּוילן (korona).

לוציק האָט באַקומען פיל פּריווילעגיעס, באַזונדערס פונעם קעניג אַלעקסאַנדער יאַגיעלאָנטשיק, וועלכע האָבן איר געגעבן אַ באַזע זיך אויסצוברייטערן און פאַרפעסטיקן אַלס האַנדלס־צענטער. די לובלינער אוניע האָט געגעבן איר באַדייטנדיקן צושטייער דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. באַזונדערס האָט די שטאָט זיך באַרייכערט אַדאַנק איר האַנדל, מלאכה און אינדוסטריע, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער „אוניע".

אין זעכצנטן יאָרהונדערט זענען געשאַפן געוואָרן די ערשטע צעכן.

צווישן די בעלי־מלאכות דאַרף מען אונטערשטרייכן די שניידער, שלאָסער, איינבינדער, גאָלדשמידן, פאַרבער, געווער־אַרבעטער, סטאָליער, שמידער, בלעכער, היטלמאַכער, שווערדן־שלייפער, סאַלעטרע־קאָכער, פישער, שוסטער, סמאָלע־ברענער, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין בראַנזשע־פאַראייניגן — צעכן (cechy).

אין יאָר 1662 האָבן עקזיסטירט צעכן פון: שניידער, קירזשנער, שמידער, קצבים, שוסטער, סטאָליער, פישער, טעסלער, ווי אויך פון פּלויטן־שטעלער און וועבער.

אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט (אַן ערך אין יאָר 1628) האָט אין לוציק עקזיסטירט אַ דרוקעריי פון פּאַוועל היעראָנאָמאַק, וווּ ס'זענען געדרוקט געוואָרן ביכער אין דער רוטעניש שער שפּראַך. ווי לאַנג די דרוקעריי האָט עקזיסטירט — איז נישט באַוווּסט.

אין יאָר 1787 (14/2) האָבן די דאָמיניקאַנער באַקומען די פּריווילעגיע אויפצושטעלן אַ דרוקעריי און דרוקן ביכער אין דער לאַטייניש ער, פּוילישער און אַנדערע שפּראַכן.

דער האַנדל און די האַנטווערקעריי האָבן זיך דעראָבערט אַפּזאַץ־מערק אין וואָלין און אויך אין פוילן. אין שטאָט פלעגן זיך צונויפקומען די סיימיקס פון דער וואָלינער וואָיעוואָדזטווע, און פון צייט צו צייט פלעגן אויסער דער שטאָט אַדורכגעפירט ווערן די מיליטערישע מאָביליזאַציעס.

די בעלי־מלאכות און סוחרים, וואָס האָבן געבילדעט דעם שטאָטישן עלעמענט, זענען געשטאַנען אין אַ שווערן געריכטלעכן קאַמף מיטן סטאַראָסטע און די אַדל־לייט, וועלכע האָבן באַגרענעצט דעם שטאָטישן האַנדל.

אין יענער תקופה זענען אויך פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די שטאָטלייט און די יידן, אין וועלכע זיי האָבן געזען קאָנקורענטן וואָס גראָבן אונטער זייער קיום.

2

אויפן רעליגיעז־פּאָליטישן געביט איז אין לויצק פאָרגעקומען אַן איבערברוך, וואָס האָט געהאַט אַ ריזיקן איינפלוס אויף דער רעליגיעזער צעטיילונג אין גאַנצן געביט, בעת דער אָרטאָדאָקסישער מנהיג (וולאַדיקאַ) ציריל טרעלעצקי, איז אין יאָר 1595 צוגעשטאַנען צו דער אוניע מיט דער קאַטוילישער קירכע. אין יאָר 1596 איז ער באַשטימט געוואָרן דורכן פּויפּסט קלעמענס דעם זיבעטן אַלס דער ערשטער אוניטישער קאַרדינאַל. אַזוי איז דערגאַנגען צו אַ שפּאַלטונג אין דער מזרחדיקער קירכע. צו דער אוניטישער דיעצעזיע אין לויצק האָבן געהערט 15 דעקאַנאַטן און 6 מאָנאַסטירס. (די אוניטישע קירכע האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1833 און איז ליקווידירט געוואָרן דורך דעם לעצטן אוניטישן קאַרדינאַל אין לויצק, יאַן דאַמאָסצען קראַסנעווסקי).

צווישן דעם אוניטום און די אָנהענגער פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע — דיעסאַניטום — איז אין דעם זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט דערגאַנגען צו ערנסטע צוזאַמענשטויסן. די פּוילישע קעניגין זענען געצוווּנגען געווען צוצוטיילן פּריווילעגיעס די דיעסאַניטן, און נישט איינמאָל האָבן זיי באַהערשט די קירכע פונעם אוניטישן קאַרדינאַל אין לויצק.

די מלחמה צווישן ביידע קירכעס האָט געדויערט 70 יאָר. ערשט אין אָנהייב אכצנטן יאָרהונדערט האָט דער אוניטישער קאַרדינאַל באַהערשט די לאַגע און פאַרפעסטיקט די יסודות פון זיין קירכע.

מיט דער באַוויליקונג פון פּויפּסט מאַרטין דער פינפטער איז לויצק, פון יאָר 1427, געווען דאָס זיצאָרט פון דער קאַטוילישער קאַרדינאַליטעט און איז אַזוי פאַרבליבן אין די טעג פון אָנגעהעריקייט צו פּוילן.

דער ערשטער קאַרדינאַל אין לויצק איז געווען יענדזשיי ספּלאַווסקי, און זיין אָפיציעלער טיטול איז געווען „Episcopus Luclosiensis". די קאַטוילישע קירכע האָט געוואַקסן פון פיל פּריווילעגיעס. דער לויצקער דיעצעזיע און איר יוריסדיקציע זענען געווען אונטערגעאָרדנט די קירכעס אין פּוילן: אין דער וואָיעוודזטווע וואָלין, פּאָדאָליע, בראַצלאַוו און ברעסט־ליטאָווסק, דער פּינסקער קרייז און אַ גרויסער טייל פון רייסן — סך־הכל 13 דעקאַנאַטן מיט 185 קלויסטערס. די לויצקער קאַרדינאַלן האָבן געהאַט אַ גרויסע פּאָליטישע השפּעה. ביזן צווייטן פונאַנדערטייל פון פּוילן זענען אויפן קאַרדינאַלישן טראָן געזעסן 41 קאַרדינאַלן. דער לעצטער, אין דער צייט פון אָנגעהעריקייט צו פּוילן, איז געווען דער באַוווּסטער פּוילישער היסטאָריקער אַדאַם סטאַניסלאַוו נאַרושעוויטש.

אין יאָר 1798 זענען צו לויצק איינגעשלאָסן געוואָרן קלויסטערס פון אוקראַינע, און ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די קאַרדינאַליטעט לויצק—זשיטאָמיר.

די קאַטוילישע קירכע האָט געברענגט אין שטאָט דעם יעזואיטן־אָרדן, ווי אויך די אָרדנס פון די באַניפראַטן, בערנאַרדינער, בריגידקי, וואָס האָבן פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון העלפן קראַנקע, אָרעמעלייט און אויפן געביט פון בילדונג. אין די יאָרן 1608—1611 האָבן די יעזואיטן אויפגעעפנט אַ שול און אין יאָר 1613 — אַ טעאָלאָגישן קאָלעגיום. אין יאָר 1615 האָט מען אין קאָלעגיום אָנגעהויבן שטודירן פילאָזאָפיע אינעם דאָמיניקאַנער־מאָנאַסטיר. ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ביבליאָטעק, רייך באַזאָרגט מיט כתב־ידן און ווערטפולע ביכער. דורך די מאָנאַסטירן זענען געגרינדעט געוואָרן הייזער פאַר אַלטע לייט און אינוואַלידן, אַ שפּיטאָל, אַ יתומים־הויז.

די יעזואיטן זענען געווען פאַראינטערעסירט דער עיקר אין דערציען די יוגנט אין גייסט פון קאַטוילישן פאַנאַטיזם און אין געווינען די פּראַוואָסלאַווע פאַר דער אוניע.

כדי די דאָזיקע שטרעבונגען צו רעאַליזירן, האָבן זיי נישט איבערגעקליבן אין קיין מיטלען. האָבן זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אויפהעצן די מאַסן און די שילער. אין יאָר 1634 האָבן זיך די שילער פון זייער שול אין לויצק, בייַנאַנד מיט די קאַטוילישע בעלי־מלאכות, אַריינגעריסן אינעם פּראַוואָסלאַוונעם מאָנאַסטיר, זענען באַפאַלן די מאָנאַכן, לערער און שילער, האָבן זיי געשלאָגן און פאַרוווּנדעט, דערנאָך צעשטערט און באַרויבט די הייזער פון פּראַוואָסלאַווע און די אייגנטימער געשלאָגן, אַ טייל פון זיי אפילו געהרגעט. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אויפן בית־עלמין, אַרויסגענומען פון די קברים עטלעכע מתים און געוואָרפן פאַר די הינט.

די ערשטע שולן זענען געעפנט געוואָרן מיט 150 שילער, און אין אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט איז זייער צאָל געשטיגן ביז 300. די לויצקער שולן זענען באַרימט געווען דערמיט, וואָס דאָרט האָבן זיך אויך געלערנט קינדער פון דיעסאָניטום און יוגנט וואָס איז געקומען פון לעמבערג, אָסטראָ און אפילו קיעוו. די לערע איז געווען אַן אומזיסטע. אין יאָר 1752 זענען ביי די שולן אויפגעשטעלט געוואָרן אינטערנאַטן פאַר די קינדער פונעם אַדל, וועלכע האָבן דאָרט געלערנט אויך טענץ, שפּראַכן און געפעכט.

אין יאָר 1614 האָבן די יעזואיטן געגרינדעט אַ רוטענישע עלעמענטאַר־שול (Slavoni Cal Linguae), ווו מען האָט געלערנט לייענען און שרייבן רוטעניש און אויך חשבון. נאָכן ליקווידירן דעם יעזואיטן־אָרדן (1773) זענען די שולן אַריבערגעגאַנגען אונטער דער אויפזיכט פון דער עדוקאַציע־קאָמיסיע אין וואַרשע, וואָס האָט פאַרגרעסערט זייער צאָל און איינגעפירט ענדערונגען אינעם לערן־פּראָגראַם. צום סוף אַכצנטן יאָרהונדערט איז די צאָל שילער געשטיגן פון 40 ביז 165 (אין יאָר 1788/9). אויסער די עלעמענטאַר־שולן, האָט די עדוקאַציע־קאָמיסיע אויפגעשטעלט אַלגעמיינע שולן.

אין יענע יאָרן איז די קאַטוילישע קירכע אין לויצק דערשיטערט געוואָרן פון אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין וועלטלעכן ליצעום.

ווי באַוווּסט איז אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט פאָרגעקומען, אונטער דער השפּעה פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן, אַ גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציע אין באַשטימטע קרייזן פון דער מאַגנאַטעריע, דעם אַדלטום און אָפּיצירנטום, באַזונדערס פון דער יוגנט וואָס האָט געשטודירט אין אויסלאַנד, ספּעציעל אין פּאַריז. אין זייערע קולטורעלע, רעליגיעזע און פּאָליטישע אָנשויונגען זענען אַריינגעדרונגען באַדייטנדיקע ענדערונגען. איבער גאַנץ פּוילן האָט זיך פאַרשפּרייט די באַוועגונג פון פריימויערער, מאַסאָנען. אַפילו אין וואָלין זענען געגרינדעט געוואָרן מאַסאָנען־לאָזשעס, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אין דער הויפּט־לאָזשע אונטערן פאָרזיץ פון איגנאַצי פּאָטאָצקי. די ערשטע לאָזשע אין וואָלין

איז געגרינדעט געוואָרן אין דובנע און זי האָט אויסגעשפּרייט איר איינפלוס אויף דער גאַנצער סביבה, לויצק אַריינגערעכנט.

אונטערן איינפלוס פון אָט די אַנטוויקלונגען, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסנעמען די שולן און דערציִונגס־אַנשטאַלטן פון דער הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירכע און די מאָנאַס־טירן, און ס׳זענען געשאַפן געוואָרן וועלטלעכע שולן. די יונגע לערער פלעגן שאַרף אַרויסטרעטן קעגן די אַבערגלויבנס און די פירונגען פון דער קאַטוילישער קירכע. אין דאָזיקן געראַנגל האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, אין די יאָרן 1784—1789, דער פּראָפעסאָר פון לויצקער ליצעום יוזעף אָבמינסקי. בעת זיינע לעקציעס פלעגט ער פּרעדיקן פאַר די שילער אָנשויונגען קעגן דער קאַטוילישער קירכע און אַנדערע גלויבנס. ער פלעגט זיך נישט אָפּהאַלטן אַרויסצוברענגען זיינע מיינונגען אַפילו אויסער די שול־ווענט. זיינע אַרויסטריטן האָבן אין די קרייזן פון דער קאַטוילישער קירכע אַרויסגערופן אַ שטורעם, און ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געפאָדערט פון דער קירכע־אָנפירונג אים צו שטעלן פאַר אַ געריכט פון גייסטלעכע. דער דירעקטאָר פון ליצעום, גלח ברושניעווסקי, האָט דעם 13.3.1787 געשיקט צום אוניווערסיטעט־רעקטאָר אין קראָקע (Szkoła główna) אַ באַריכט, אין וועלכן ער באַשולדיקט אָבמינסקין אין פאַרשוועכן די רעליגיע, און שטעלט דערביי פעסט, אַז זיין שלעכטע ווירקונג אויף די שילער וועט ברענגען געפערלעכע רעזולטאַטן. דעריבער איז געווונטשן צו שטעלן אים פאַר אַ געריכט אַלס כופר און באַשמוצער פון דער קאַטוילישער רעליגיע.

אין זיין ענטפער פון 30.3 שרייבט דער רעקטאָר פון אוניווערסיטעט, אַז אָבמינסקיס אויפפירונג, וואָס איז אין סתירה צו זיינע עיקרדיקע פליכטן אַלס עפנטלעכער לערער, איז אַ פאַרברעכן. איז דעריבער נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר אַז אָבמינסקי זאָל גלייך דערשיינען פאַרן אוניווערסיטעט, כדי אויפצוקלערן די אָנקלאַגעס קעגן אים. די שול אין לויצק דאַרף שוין אָפּשטעלן זיין טעטיקייט אַלס פּראָפעסאָר.

אין זיין פאַרענטפער־בריוו האָט אָבמינסקי זיך מודה געווען אין פיל אָנקלאַגעס, נאָר אייניקע פון זיי אָפּגעלייקנט, ווי, למשל, ער זאָל האָבן דערקלערט, אַז דער גן־עדן און דאָס גהינום זענען באַשאַפן געוואָרן נאָר אין דער... פאַנטאַזיע פון מענטשן.

דער גאַנצער ענין האָט געשאַפן אַ שלעכטן שם דעם וועלט־לעכן ליצעום אין לויצק, און אַ צאָל לערער, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט אין דער עפנטלעכקייט אָבמינסקיס געדאַנקען זענען באַשטראָפט געוואָרן דורך איבערפירן זיי אויף אַנדערע ערטער.

אַזוי האָט אויך לויצק זוכה געווען צו זיין אַ שותף אינעם געראַנגל פאַרן פרייען געדאַנק אין פוילן.*)

דער לערן־פּראָגראַם אין די שולן איז פאַרבליבן אויך נאָך דעם ווי לויצק איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין רוסלאַנד. מען האָט בלויז אָנגעהויבן לערנען די רוסישע שפּראַך.

אין יאָר 1825 איז געגרינדעט געוואָרן אויך אַ גימנאַזיע. סוף יאָר 1830 האָבן אין אַלע שולן געלערנט 225 שילער. אויפן באַפעל פון די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען פון 12.1, 1831, זענען אַלע שולן אויף וואָלין איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם כאַרקאָווער שול־קרייז, און דעם 21.8, 1831 זענען אַלע פוילישע שולן געשלאָסן געוואָרן.

דעם 9.12, 1832, איז געעפנט געוואָרן אַ רוסישע גימנאַזיע. צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ און דער פאַרגרעסערטער צאָל שילער, האָט מען אין יאָר 1834 איבערגעפירט די גימנאַזיע קיין קלעוואַן און אין יאָר 1839 — קיין ראָוונע.

אין לויצק איז די גימנאַזיע געשאַפן געוואָרן אין צוויי עטאַפּן. אין יאָר 1895 — אַ פּראָ־גימנאַזיע, און אין יאָר 1898 — אַ גימנאַזיע פון 8 קלאַסן. אין יאָר 1912/13 האָבן אין איר געלערנט 380 שילער. אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז געגרינדעט געוואָרן אַ גימנאַזיע פאַר מיידלעך אויפן נאָמען קאָלענקי. אין יאָר 1908/9 איז די צאָל שילערינס דערגאַנגען ביז 299, און אין יאָר 1912/13 — 285.

3

לויצק האָט פיל געליטן פון די ערשטע קאָזאַקישע אײנ־וואַזיעס אונטער דער אָנפירונג פון נאַלעווייקאָ, וועלכער איז אין יאָר 1595 באַפאַלן שאַריגראָד און האָט זיך פון דאָרט אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון לויצק. די אַרמייען פון העטמאַן זשולקיעווסקי איז געלונגען צו פאַרטרייבן אים מיט זיינע קאָזאַקן ביזן דניעפּער.

אין 16־טן יאָרהונדערט האָט וואָלין אַדורכגעמאַכט אַן אייגנ־אַרטיקן היסטאָרישן פּראָצעס. פּאַקטיש איז דער געביט געווען דאָס אייגנטום פון די מאַגנאַטן (Kraj olbrzymiej prywaty). בלויז דריי שטעט — לויצק, קרעמעניץ און לודמיר, האָבן באַלאַנגט צום קעניג. דער קאַמף צווישן דעם אוניטום און דעסעאָניטום האָבן עס געבילדעט דעם עיקרדיקן פאָן פון די קאָזאַקישע מלחמות קעגן פוילן, אונטערן לאָזונג — „אַ טויט די אַדל־לייט און די יידן".

בעתן קאָזאַקן־איבערפאַל אין די יאָרן 1648—1649, האָבן די אָפּטיילונגען, אונטער דער אָנפירונג פון קאָלאָדקאָ, אויס־געשאָכטן 4000 איינוווינער און ביי אַ טויזנט זענען אַנטלאָפן פון שטאָט. לויטן עדות־זאָגן פון אַ מיטצייטלער, האָט די שטאָט זיך פולשטענדיק אויסגעליידיקט און שוין נישט אומגעקערט זיך צום פריערדיקן מצב. פון יענער דאַטע הייבט זיך אָן איר באַרג־אַראָפּ אין עקאָנאָמישן הינזיכט און אין דער צאָל פון דער באַפעלקערונג. אויסער דעם, האָט די שריפה אין יאָר 1617, די מגיפות און די אַזיאַטישע כאָליערע אין די יאָרן: 1618, 1638, 1652, 1704, 1714 איינגעשרומפּן די באַ־פעלקערונג.

נאָכן טויט פון יאַן סאָביעסקי דעם דריטן (1696), האָט זיך אין פוילן אָנגעהויבן אַן אינערלעכער געראַנגל אַרום דעם טראָנפאָלגער. אין יאָר 1697 איז אויגוסט, דער פירשט פון זאַקסן, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קעניג פון פוילן. גרויסע טיילן פונעם אַדל האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן אויס־וואַל. אין יאָר 1705 איז סטאַניסלאַוו לעשטשינסקי אויסגע־וויילט געוואָרן מיט דער הילף פון שוועדישן קעניג קאַראָל דער צוועלפטער, אַלס מלך פון פוילן. קאַראָל איז מיט זיין אַרמיי אַרויס קעגן רוסלאַנד. צוזאַמען מיטן קאָזאַקן־העטמאַן

———

*) Władysław Smoleński: Przewrót umysłowy w Polsce wieku XVIII. Warszawa 1923, p. 258—260, 354—357.

מאַזעפּאַ האָט ער פאַרפלייצט אוקראַינע און וואָלין, געקומען אויך קיין לויצק (1706). די וואָלינער אַדל־לייט אין לויצק האָבן באַשלאָסן, מיט געווער אין האַנט זיך קעגנשטעלן דעם שוועדישן קעניג קאַראָל דער צוועלפטער. אויף דער איניציאַטיוו פון סטאַניסלאַוו לעשטשינסקי האָט קאַראָל אויסגעמיטן לויצק און זיך פאַרהאַלטן אינעם דאָרף יאַראָסלאַוויצע. אין יאָר 1709 איז דער צאַר פּיאָטר דער גרויסער, אויף זיין צוריקוועג פון וואַרשע, פאַרבייגעפאָרן לויצק און האָט ביי דער געלעגנהייט באַפוילן אַריבערצופירן אין טיף רוסלאַנד דעם וולאַדיקאַ דיאָניז זאַבאַקשיצקי, וואָס האָט מיט זיין גאַנצער עדה זיך אָנגעשלאָסן אין אוניטום. אין יאָר 1724 איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ מעכטיקע שריפה, פון וועלכער ס'איז חרוב געוואָרן אַ גרויסער טייל הייזער, קלויסטערס און מאָנאַסטירן.

אין יאָר 1733 האָבן די וואָלינער אַדל־לייט געשטיצט די קאַנדידאַטור פון לעשטשינסקין צום כתר־מלכות קעגן אויגוסט דעם דריטן, און אויפן סיימיק אין לויצק דעם 12.9 באַשלאָסן, צוזאַמען מיט די אַדל־לייט פון די סיימיקס אין כעלם און זשיטאָמיר, אויפצושטעלן פאַרזייַנעטוועגן אַ קאָפעדעראַציע אונטער דער אָנפירונג פון וואָיעוואָדע יוזעף פּאָטאָצקי.

די פּאָליטישע געשעענישן, דער אַדורכמאַרש פון אַרמייען און זייער אויפהאַלט, די מלחמות און די אינערלעכע קאָנפליקטן אין פוילן, האָבן פאַראָרעמט די שטאָט אין עקאָנאָמישן הינזיכט. די שטאָטלייט האָבן געליטן פונעם שאַנטאַזש און די הפקרות פון די הערשער. די תקופה פון די סאַסן האָט נישט געגעבן איר צושטייער דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. אין דער צייט פון סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי איז די לאַגע בעסער געוואָרן, אָבער אין יאָר 1771 האָבן די איינוווינער פון שטאָט געליטן פון אַ כאָליערע, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט. אין יאָר 1871 איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ שריפה. 454 הייזער און עטלעכע קלויסטערס זענען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. בעת דער ציילונג אין יאָר 1878 זענען אין לויצק געווען 597 הייזער און 3.600 איינוווינער.

אינעם איבערזיכט פון יאָר 1789 האָבן די שטאָטלייט זיך געקלאָגט, אַז זיי קאָנען נישט קומען צו זיך צוליב דעם ווילקיר פון די מאַכט־אָרגאַנען און דער אונטערדריקונג פון דעם קלער און דעם אַדל. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי אויך באַשולדיקט די יידן אַלס אַ פאַקטאָר וואָס גראָבט אונטער זייער קיום.

אַ נישט קליינע דערשיטערונג האָט איבערגעלעבט די שטאָט אין יאָר 1789. די אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע אין לויצק און דובנע האָט באַקומען ידיעות, אַז דער עלטסטער פון מאָנאַסטיר, יאַוואָרסקי, העצט די פויערים קעגן דער מדינה און די פוילישע אַדל־לייט לטובת די רוסן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן, אָבער באַוויזן צו אַנטלויפן און ווייטער פאָרזעצן די העצע. אין טאָרטשין, נעבן לויצק, איז דערשינען אַן אויפרוף אין דער פוילישער און רוטענישער שפּראַך, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ וואָלין, אין וועלכן ער האָט גערופן די פויערים צום בונט קעגן דער פוילישער מדינה און דעם אַדל. די קאָמיסיעס אין לויצק און דובנע האָבן אָנגענומען מיטלען צו דערדריקן יעדן פּרוו פון מרידה. דער אויפשטאַנד איז נישט אויסגעבראָכן אין דער פאָרם ווי ער איז פּלאַנירט געוואָרן. דער אויפרוף פון טאָרטשין האָט נישט מצליח געווען צו וועקן די מאַסן פויערים אין וואָלין, און בלויז געוואָרפן די לאָזונג פאַר קאָזאַקישע אויסברוכן אין אוקראַינע, וואָס האָבן זיך קאָנסאָלידירט אַרום קולישן און גאָנטען.

4

די לאַגע פון לויצק האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט נאָך דער שריפה אין יאָר 1793 נאָך דעם איינגעשלאָסן ווערן אין רוסלאַנד, וואָס האָט די שטאָט פאַרוואַנדלט אין אַ קליין שטעטל. אין די טעג פון דער רוסישער אָקופּאַציע איז אין שטאָט געהאַלטן געוואָרן פיל מיליטער צוליב איר סטראַטעגישער באַדייטונג, אין אָנבליק פון איר נאָענטקייט צו דער עסטרייכישער גרענעץ.

אין די יאָרן 1816—1831 זענען אין לויצק אַדורכגעפירט געוואָרן גרויסע מיליטערישע פּאַראַדן אין דער אָנוועזנהייט פון פירשט קאָנסטאַנטין, וואָס פלעגט קומען אַהין יעדעס יאָר. אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט פלעגן פון צייט צו צייט אויסברעכן שריפות (אין די יאָרן 1844, 1845, 1847), עפּידעמיעס פון כאָליערע (אין די יאָרן 1848, 1856, 1866, 1871), וואָס האָבן דערפירט די שטאָט צו אַ זייער געפאַלענעם מצב.

דאָס שטעטל איז בכלל נישט געקומען צו זיך און געבליבן אין דער ראַם פון אַ פּראָווינץ.

אין יאָר 1862 האָט דער שטאָטישער בודזשעט באַטראָפן 12,956 רובל. אין שטאָט האָבן זיך געפונען 118 קראָמען און 36 האַנדלס־אונטערנעמונגען. די שטאָט האָט געציילט 282 בעל־מלאכות און 8 פאַבריקן (פון סאָדע — 1, צוויי — פון טאַבאַק, דריי — פון ליכט און חלב, 1 — פון פעטסן, 1 — פון פאַרבן). פון יאָר 1870 זענען אין לויצק אויפגעשטעלט געוואָרן 3 פעסטונגען (מיכיילאָגראַד).

אויך אין לויצקער קרייז איז נישט פאָרגעקומען קיין גרויסע ענדערונגען אין עקאָנאָמישער הינזיכט. געווען אין ראַיאָן אייזן־גרובנס, נאָר אין ניינצנטן און אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט האָט מען זיי נאָך נישט עקספּלאָאַטירט.

ווינציק זענען געווען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אין יאָר 1880 האָט דער גאַנצער קרייז געציילט 10 גאָזשעלניעס מיט 77 אַרבעטער, און די ווערט פון זייער פּראָדוקציע האָט באַטראָפן 158,700 רובל; 5 סאָדע־פאַבריקן מיט 25 אַרבעטער און זייער פּראָדוקציע־ווערט — 15,600 רובל; צוויי — צו פּראָדוצירן פעטסקייטן, 3 — פאַר ליכט און חלב, 7 אונטערנעמונגען פאַר סמאָלע און טערפּענטין מיט 26 אַרבעטער (פּראָדוקציע־ווערט — 10,400 רובל), 38 גאַרבערייען מיט אַ פּראָדוקציע־ווערט פון 6,140 רובל, 2 — פאַר טאַבאַק־אויסאַרבעטונגען מיט 12 אַרבעטער און אַ פּראָדוקציע־ווערט פון 12,000 רובל, 37 וועבערייען מיט 130 אַרבעטער און אַ פּראָדוקציע־ווערט פון 380.000 רובל.

אויסער די אויבנדערמאָנטע פאַבריקן, זענען נאָך געווען וואַרשטאַטן און קליינע האַנטווערקערייען. סך־הכל האָבן זיך געפונען 105 פאַבריקן און וואַרשטאַטן מיט 233 אַרבעטער. און די ווערט פון דער גאַנצער יערלעכער פּראָדוקציע איז דערגאַנגען ביז 587,040 רובל.

אין יאר 1888 זענען געווען אין שטאט 600 הייזער, אין יאר 1913 — 411 געמויערטע הייזער, 1324 — פון האלץ. אין יאר 1856 האט די צאל איינוווינער אין גאנצן קרייז, צוזאמען מיט דער שטאט, באטראפן 107,132, אין יאר 1881 — 159,860.

אין יאר 1921 האט דער לוציקער קרייז געציילט 195,931 איינוווינער. א געוויסע פארבעסערונג אין דער אנטוויקלונג פון שטאט איז פארגעקומען אין די יארן 1897—1909.

אין יאר 1897 האט די צאל איינוווינער אין שטאט באטראפן 12,925 נפשות.

פון יאר 1897 האט די באפעלקערונג פון שטאט געהאלטן אין איין פארגרעסערן זיך. אין יאר 1900 האט די צאל איינוווינער דערגרייכט ביז 22,480 נפשות, אין יאר 1910 — 27,822, אין 1911 — 28,141 און אין יאר 1912 — 28,753.

בעת דער ערשטער ציילונג אין באנייטן פוילן, אין יאר 1921, האבן אין לוציק זיך געפונען 21,157 איינוווינער.

II. דער יידישער ישוב און זיין אנהייב

„אין פערצנטן יארהונדערט האט אין לוציק געוועלטיקט דער פירשט וויטאלד, א ברודער־זון פון ליטווישן פירשט ליובארט. אין יענער צייט זענען געקומען יידן און האבן זיך באזעצט 7 קילאמעטער הינטער דער שטאט, אין דארף „זשידי־שטשע", פונעם ווארט „זשיד". זיי האבן דא געוווינט אין א מין געטא, ווייל זיי איז נישט דערלויבט געווען צו וווינען אין שטאט און אפילו פארבאטן געווארן צו קומען אויף יארידן."

די דאזיקע פארצייכענונג איז פארשריבן געווארן אין פנקס פון דער גרויסער שול, דורכן לוציקער משכיל אליעזר פטיק, וואס האט ליב געהאט צו זאמלען קוועלן צו דער געשיכטע פון דער קהילה לוציק.

לויט היסטארישע פארשונגען, האבן אין ליטע זיך געפונען יידן שוין אין דרייצנטן יארהונדערט. עס איז אבער באוווסט דער קיום פון א יידישן ישוב בלויז אין דער וואלינער הויפט־שטאט — וולאדימיר (לודמיר).

נאך אין די אלגעמיינע פארשריפטן, וואס דער גרויס־פירשט וויטאלד האט אין זיין פאלאץ אין לוציק, דעם 2־טן יולי 1388, געגעבן די קהילות אין ליטע, לויטן רעגולאמין פון יאר 1244, איז צווישן די קהילות אויך אויסגערעכנט לוציק.

די דאזיקע עקזיסטענץ־שריפט, לויטן מוסטער פון דער עקזיסטענץ־שריפט פון דער לוואווער קהילה (prout in Lamburga a Judaeis habentur), איז, בעת דער אנגעהעריקייט פון וואלין צו פוילן, באשטעטיקט געווארן דורכן קעניג זיגמונט דעם ערשטן (1507), זיגמונט אויגוסט (1568) און זיגמונט דעם דריטן (1588). דער קיום פון יידן אין לוציק אין פערצנטן יארהונדערט, ווי אין אנדערע יידישע ישובים אין וואלין, באזירט זיך אויף דער דאזיקער פריווילעגיע.

לויט דער פריווילעגיע, זענען די יידן אין פראגן פון יוריס־דיקציע און שטייערן געווען אונטערגעארדנט דער ליטווישער מאכט, ד. ה. דעם גרויספירשט און זיין באפולמעכטיקטן — דעם סטאראסטע. אבער מיט דער צייט, און נאך א באשטימטן היסטארישן פראצעס, איז אויך אין ליטע, אויפן ביישפיל פון פוילן, אנערקענט געווארן די יידישע יורידיקציע. שוין אין יאר 1410 ווערן יידן דערמאנט אין אן אפיציעלן דאקומענט. אין א ספעציעלן בריוו פון 31־טן אקטאבער 1432 באשטעטיקט דער קעניג וולאדיסלאוו יאגיעללא די רעכט פון די יידן אין ארמענער אין לוציק און גלייכט זיי אויס מיט די רעכט פון די אנדערע יידן און ארמענער אין דער מדינה, ווי זיי האבן זיי געהאט „אין אונדזערע גובערניעס קראקע און לוואוו".

אין יענער תקופה האבן יידן אין לוציק זיך פארנומען מיט האנדל און צאל־ארענדע.

א דאנק דער לאגע פון לוציק, מיט איר האנדלס־וועג וואס איז געגאנגען דורך וואלין, האט אין די יידישע הענט, ווי אויך אין די הענט פון די קאראימער פון האליטש, זיך געפונען די פארמיטלונג פון האנדל צווישן די ברעגן פון שווארצן ים און דעם מערב.

דער צאל־אמט אין לוציק, וואס האט געברענגט דעם קעניג גרויסע רווחים, איז ארענדירט געווארן דורך יידן. די האנדלס־פאזיציע פון די לוציקער יידן האט פאר זיי געשאפן א געפיל פון זיכערקייט.

אין די טעג פון וולאדיסלאוו יאגיעללא, ארגאניזירט פאר אים דער לוציקער ייד סלאמקאוויטש (Jacobes de Luczko) באנק־עסקים. ער ארבעט צוזאמען מיטן באנקיר לעווקא פון קראקע. סלאמקאוויטש איז פארבונדן מיט קראקע דורך משפחה־פעדים. זיין טאכטער האט חתונה געהאט מיטן זון פון ייד מרדכי פון קראקע. אין די יארן 1414—1434 ארענדירט סלאמקאוויטש דעם קעניג־לעכן צאל־אמט אין לוציק, און זיין זון יצחק באשעפטיקט זיך מיט הורט־האנדל. זיי ביידע, צוזאמען מיטן זון פון לעווקא־כנען — קויפן און פארקויפן הייזער.

אין סלאמקאוויטשעס הענט געפינט זיך דער סחורות־טראנספארט מזרחדיק פון לוואוו, און דער לוואווער שטאטראט נוצט נישט איינמאל אויס זיינע ברייטע פארבינדונגען. מען באשטעלט ביי אים וואקס פאר גרויסע סומען, ער ארדנט אויך איין פינאנסיעלע עסקים פארן מלך און מאגנאטן.

אויך שמחה פון לוציק, דער זון פון באנקיר יאסמאן פון קראקע און דער ברודער פון שמואלן פון קראקע, איז נאכן טויט פון זיין פאטער, אין יאר 1406, אריבערגעפארן קיין לוציק און דארט געווארן איינער פון די רייכסטע לייט. יענע יארן איז ער באוווסט געווען אלס הורט־סוחר. ער מיט אנדערע יידן שטייען אין האנדלס־פארבינדונגען מיט קראקע. לוציקער יידן פירן אויך טראנזיט סחורה־טראנספארטן אויך קיין דאנציג און אין די געביטן פון דעם קרייצלער־ארדן.

אויסער די דערמאנטע, זענען געווען אין שטאט נאך רייכע יידן — אייגנטימער פון הייזער, גיטער, וואס ארענדירן הייזער ביי קריסטן, ווי דער ייד באטקא, וואס האט ארענדירט הייזער ביים ביסקופ פון לוציק, אדער בענקא שאניוויטש, אן אייגנטימער פון פיל גיטער. לוציקער יידן ארענדירן אויך די צאל־אמטן אין אנדערע שטעט — בריסק, דראהיטשין, ביעלסקא און גראדנע.

דערווערבנדיק אויף אַזאַ וועג דאָס יידישע האָב־און־גוטס, האָט דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער געשענקט אין יאָר 1495 אַ הויז אין לויצק מאַרטין כרעפּטאָוויטש; אין יאָר 1497 האָט ער דעם לויצקער שטאָטראַט אַוועקגעשענקט די יידישע הייזער און פּלעצער, צו באַנוצן זיך מיט זיי לויטן אייגענעם איינזעען; אין יאָר 1498 האָט ער דעם ליטווישן העטמאַן קאָנסטאַנטין אָסטראָגסקי אַוועקגעגעבן אַ יידישן פאָלוואַרק.

מיט דער גירוש־גזירה פון ליטע, וואָס איז אין יאָר 1495 אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן גרויספירשט אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט פּטור ווערן פון די יידישע בעלי־חובות, וועמען ער איז שולדיק געווען גרויסע סומען, איז אויף די לויצקער יידן געקומען דער עקאָנאָמישער חורבן. ער האָט קאָנפיסקירט אַלע יידישע פאַרמעגנס, די יידן זענען געצוווּנגען געוואָרן אומצוקערן דער רעגירונג אַלע אַרענדעס.

אין יאָר 1501 איז אלעקסאַנדער געקרוינט געוואָרן אַלס קעניג פון פּוילן־ליטע און האָט דערפירט צו אַן איבערקערעניש לטובת די יידן, באַווילנדיק אָפּצושאַפן דעם גירוש און צוריקקערן די יידן קיין ליטע. ער קערט זיי אום דאָס פאַרמעגן, פאַר וועלכן זיי דאַרפן אויסצאָלן אַנטשעדיקונגס־סומען די צייטווייליקע אייגנ־טימער. דאָס דאָזיקע האָט גורם געווען שווערע צוזאַמענשטויסן צווישן די יידן און די קריסטן.

אין יאָר 1503, נאָכדעם ווי די יידן האָבן זיך אומגעקערט קיין ליטע, איז דאָס ליטווישע יידנטום פאַרפליכטעט געוואָרן אויסצוהאַלטן אויף זיין חשבון טויזנט קאַוואַלעריסטן צו פאַר־טיידיקן ליטע, „ווייל ביז איצט זענען זיי נישט געגאַנגען אין קיין מלחמות”, און צאָלן יעדעס יאָר באַדייטנדיקע סומען דער אָרטיקער מאַכט. די יידן אין לויצק האָבן באַדאַרפט צאָלן דעם לויצקער סטאַראָסטע, טעאָדאָר יאַנושעוויטש, 12 שאָק* גראָשן. ווען די לויצקער יידן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי איז שווער צו צאָלן יעדעס יאָר פון ביידע שולן — דער יידישער און קאַראַי־מער — די 12 שאָק גראָשן פאַרן סטאַראָסטע, האָט דער מלך געגעבן דעם 22־טן דעצעמבער 1506 אַ בפירושע אָנווייזונג דעם לויצקער סטאַראָסטע טעאָדאָר יאַנושעוויטש, אויף שטענדיק צו באַפרייען זיי פון דער דאָזיקער לאַסט.

צוליבן פאַלן פון די צאָל־הכנסות, וואָס זענען געהאַט געווען אין אַרענדע ביי יידן, און די אַרענדע איז בטל געוואָרן צוליבן גירוש, האָט דער קעניג איינגעזען די באַדערפעניש צוריקקערן די אַרענדע די יידן, דעם 19.3.1507 גיט ער צו וויסן פון קראָקע, אַז דעם צאָל אין לויצק האָט ער איבערגעגעבן די יידן שאַמאַי דאַנילאָוויטש און ניסן קאַסק, אויף צוויי יאָר, פאַר אַן אָפּצאָל פון 1600 שאָק גראָשן. פאַרן ערשטן יאָר דאַרפן זיי אַריינטראָגן 300 אונגאַרישע זלאָטעס אין גאָלד־מטבעות און צו דער וויי־נאַכט — 10 אינדיקעס. די פאַרבליבענע 800 שאָק גראָשן זאָלן זיי באַצאָלן, לויט מלוכהשע קבלות, פאַרן געהאַלט פון די באַאַמטע.

צווישן די יידישע צאָל־אַרענדאַרן אין יענער תקופה זענען נאָך באַקאַנט: יונתן איליך, שכנא נאָוואַקאָוויטש, אלחנן דאַני־לעוויטש, ישראל, יהודה און אָסטאַסקאָ.

אין יאָר 1507 האָט דער קעניג זיגמונט באַשטעטיקט די פּריווילעגיע פון וויטאָלדן פון יאָר 1388, און דעם 21־טן מאַרס 1511 — דאָס באַפרייען די יידן — פאַר אַ סטאַבילן געלט־אָפּצאָל — פון דער פליכט צוצושטעלן צו דער פאַרטיידיקונג פון דער מדינה טויזנט קאַוואַלעריסטן. און בנוגע שטייערן און פאַרשידענע באַשטייערונגען, גלייכט ער זיי אויס מיט די אַנדערע תושבים אין די ווויִן־ערטער. ער דערלויבט די יידן זיך באַשעפטיקן לויט זייער איינזען. אויך באַפרייט ער זיי פון צאָלן קנס לטובת דעם קעניג, אָדער זיין רעפּרעזענט, אויב איין צד וועט זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען אויף אַ פּראָצעס די באַווייזן פונעם קעגנערישן צד. אויך זאָגט צו דער קעניג איבערצולאָזן די יידן אַלע זייערע אַלטע רעכט און פּריווילעגיעס. די פּריווי־לעגיעס וואָס די יידן פון לויצק האָבן געהאַט פאַרן גירוש, האָבן זיי געשיצט קעגן די אונטערדריקונגען מצד דעם אַדל און די שטאָטלייט אויף אַזויפיל, פאַרשטייט זיך, אויף וויפל די קעניג־לעכע מאַכט איז געווען אַ פעסטע. די געשעענישן אין די יאָרן 1495—1503 האָבן נישט געענדערט די קעגנזייטיקע באַציִונגען. נאָכן אומקערן זיך האָבן די יידן צוריק פאַרנומען זייערע פּאָזי־ציעס אינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן. צו יענער צייט זענען נישט געווען קיין אָפענע קאַמפן צווישן די יידן און שטאָטלייט.

אין יאָר 1527 ווענדן זיך די יידן צוזאַמען מיט די שטאָט־לייט צום קעניג מיט אַ בקשה צו באַפרייען זיי פון שטייערן צוליב דער שריפה, וואָס האָט זיי געבראַכט גרויסע שאָדנס. דעם 18־טן יולי 1528 באַפרייט דער קעניג די יידן, אויף אַ תקופה פון 10 יאָר, פון אַלע פאַרפליכטונגען — שטייערן, באַ־דינונגס־אָפּצאָלן, און אויך אויף פינף יאָר — פון צאָלן דעם סטאַראָסטע. אַנשטאָט די דאָזיקע פאַרלייכטערונגען, וואָס זענען געווען גילטיק נאָר פאַר די געליטענע פון דער שריפה, זענען די שטאָטלייט און יידן פאַרפליכטעט געוואָרן אויפצושטעלן די שטאָטישע מויער אין דער הייך ווי פאַר דער שריפה.

דער סטאַראָסטע, פירשט צאַרטאָווסקי און די באַאַמטע, האָבן זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט די פאַראָרדענונגען פון קעניג. דאַן האָבן די שטאָטלייט, ביי דער אונטערשטיצונג פון דער קעניגין באָנאַ, זיך געווענדעט צום צווייטן מאָל צום מלך, און ער האָט פונדאָסניי באַשטעטיקט (אין יולי 1529) זיין פאַר־אָרדענונג פון 18־טן יולי 1528. נאָר דאָסמאָל האָט ער זיי נישט באַפרייט פונעם שטייער אויף וואַקס און זאַלץ (500 שאָק), און ער האָט באַדאַרפט אַריינגעטראָגן ווערן אין דער קאַסע פון קעניג.

דער שלום צווישן די שטאָטלייט און די יידן האָט גע־דויערט בלויז איניקע יאָר. אין יאָר 1539 איז דערגאַנגען צו אַ קאַמף צווישן די קריסטלעכע שוסטער־און שניידער־צעכן מיט די יידישע בעלי־מלאכות. די דאָזיקע צעכן זענען געגרינ־דעט געוואָרן אין זעכצנטן יאָרהונדערט און האָבן פון פאָרויס אויסגעשלאָסן די יידן צו געהערן צו זיי, אונטערשטרייכנדיק אין זייערע גרינדונגס־אַקטן, פון יאָר 1609, דעם פאַרבאָט אַריינצו־נעמען די יידישע „שניידער פאַרטאַטשן”. אויך דער קצבים־צעך האָט אין זיין סטאַטוס פון יאָר 1621 פעסטגעשטעלט, אַז די יידן זענען פאַר זיי אַ שטערונג.

די קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן האָבן זיך געקלאָגט פאַרן קעניג, אַז די יידן זענען אַריינגעדרינגען אין זייערע צעכן מיט דער כוונה מיט זיי צו קאָנקורירן. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער רעכט פון די יידישע בעלי־מלאכות צו פאַרקויפן זייער פּראָדוקציע די פּויערים אַרום לויצק. די קריסטלעכע האַנט־

* שאָק אין פּוילן און אין ליטע — 60 (kopa).

ווערקער האָבן זיך צוליב דעם אָפּגעזאָגט צו דערפילן די התחייבותן פונעם צעך לגבי דער קעניגלעכער קאַסע.

די יידישע בעלי־מלאכות האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן נישט געצאָלט, ווייל די קעניגלעכע פּריווילעגיע האָט זיי פאַרזיכערט די פרייהייט פון אויסקלייבן זיך אַ פאַך אָדער אַ מסחר. לויטן באַשלוס פון קעניגלעכן געריכט, איז דערלויבט געוואָרן די יידישע שניידער און קירזשנער אין לויצק און אומגעגנט, צו פאַרקויפן זייערע אויסאַרבעטונגען די פּויערים אין די מערק־טעג און אויף יארידן, קעגן דער פאַרפליכטונג צו צאָלן די האַנטווערקער־צעכן אַ יערלעכן אָפּצאָל פון 5 שאָק גראָשן. די שוסטערס האָט מען געצוווּנגען מסכים צו זיין, אַז די יידן זאָלן אויף זייער פּלאַץ אויפשטעלן צוויי געשעפטן, אין וועלכע זיי וועלן מעגן פאַרקויפן שיך און שטיוול. אין יאָר 1571, ווי מיר וועלן נאָך דערמאָנען, זענען צווישן זיי אויסגעבראָכן האַרבע מחלוקת.

לויט די פאַרשריפטן פונעם קעניג און דעם ליטווישן סיים, איז דעם 21־טן יאַנואַר 1529 אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פליכט אויף די יידישע קהילות פון ליטע: טראָקי, גראָדנע, פּינסק, בריסק, קאָברין, קלעצק, לודמיר, נאָוואָגראַד, לויצק און אַנדערע, אַריינצוטראָגן אויפן חשבון פונעם אַלגעמיינעם שטייער אין ליטע 1000 שאָק.

אין יאָר 1530 האָט דער מלך באַשטימט דאכנע וואַסילעוויטשן אָנצופירן מיט דער ווירטשאַפט אין לויצק, מיט יוריסדיקציע־רעכט אויף די אָרטיקע יידן.

אין יאָר 1545 האָבן די יידן און קאַראַימער זיך פאַרקלאָגט פאַרן לוסטראַטאָר אויפן פירשט מאַטעוש טשערטוועָרטינסקי, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּאַרט דעם וועג צום יידישן און קאַראַימישן בית־עלמין. די יידן האָבן פאַרגעשטעלט דעם בריוו פון מלך אלעקסאַנדער צום סטאַראָסטע אין לויצק, פירשט סעמען יוריעוויטש, אין בריוו איז געווען אַן אָנווייזונג אַוועקצורוימען פאַר די יידן די הייזער, שפּייכלער און וואַלן — אַן אָנווייזונג, וואָס איז לויט זייער מיינונג, נישט רעאַליזירט געוואָרן. דער פירשט טשערטוועָרטינסקי האָט געטענהט, אַז ער האָט אונטערגעשריבן אַ הסכם מיט די יידן וועגן אָפּצוימען און פעסטשטעלן די גרענעץ פונעם שטח, נאָר די יידן פלעגן אַריבערטרעטן די גרענעץ. די קאָמיסאַרן האָבן פאַרלאַנגט פון טשערטוועָרטינסקין ער זאָל זיי אָנצייכענען די גרענעצן. אַז ער האָט דאָס נישט געקאָנט טאָן, האָבן זיי דערקלערט, אַז די יידישע טענות זענען גערעכטע און מודה געווען, אַז די אָזיערע אויף דעם שטח איז איינגעאָרדנט צום שאָדן פון די יידן. זיי האָבן פאַרבאָטן טשערטוועָרטינסקין צו פאַרכאַפּן די אָזיערע, מאַכן אַ קאַנאַל און פאַרשפּאַרן דעם וועג צום יידישן בית־עלמין.

לויט דער רעגיסטראַציע פון מלוכהשע גיטער, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1552, געפינען זיך אין לויצק 33 יידישע הייזער, לויט ווי ס'איז אָנגענומען אין דער פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע, האָט יעדער הויז געציילט ווינציקסטנס 5 נפשות. אַזוי אַרום איז אין דעם יאָר געווען אין לויצק ווינציקסטנס 160 ביז 170 יידן. די צאָל קאַראַימער האָט באַטראָפן 27 הייזער, ד.ה. 135 נפשות.

דעם 30־טן יולי 1556 האָט דער קעניג זיגמונט אַוגוסט באַשטימט אין אַ ספּעציעלער תקנה, אַז די לויצקער יידן און קאַראַימער איז דערלויבט צו געניסן: פון דער צאָל־פרייהייט אין גאַנץ וואָלין — סיי אויף די יבשה־וועגן, סיי אויף די וואַסער־שליאַכן; פון פרייען האַנדל אויף די לויצקער יארידן; פון אַרענדירן קרעטשמעס אין דער סביבה פון שטאָט; פון באַטייליקן זיך אין די הכנסות פון די געריכטן, אַזוי ווי די קאַטוילישע שטאָטלייט און די גריכאָ־קאַטאָליקן — ווייל אין די שטאָטישע פּריווילעגיעס האָט מען דורך אַ טעות אַרויסגעוואָרפן דאָס וואָרט יידן.

דעם 25.7.1563 האָבן די לויצקער יידן באַדאַרפט באַצאָלן 400 שאָק גראָשן אַלס חלק פון די אַלגעמיינע שטייערן, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די קהילות פון ליטווישן פירשטנטום. נאָר דער ענין פון דעם צוגאָב צו דעם שטייער איז נישט געוואָרן דערלידיקט, און דעריבער האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט (דעם 16.8.1563) צו באַצאָלן די שטייערן צוזאַמען מיט די לויצקער איינוווינער לטובת דעם אוצר, מיטן מאָטיוו, אַז די לודמירער יידן נעמען זיי אַריין אין זייער קהילה און פאָדערן פון זיי צו צאָלן דעם שטייער אין די ראַמען פון זייער קהילה. אין ענין פון שטייער־צאָלן איז געקומען צו אַ סכסוך אפילו מיט דער מאַכט, צוליבן נישט אַריינטראָגן 3000 שאָק גראָשן, וואָס זענען אין יאָר 1569 געפאָדערט געוואָרן פון אַלע קהילות אין וואָלין פאַר די פאַרטיידיקונגס־באַדערפענישן פון דער מדינה. פון דער לויצקער קהילה האָט מען געפאָדערט, זי זאָל באַצאָלן די גאַנצע סומע וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַלע וואָלינער קהילות. אַזוי ווי די לויצקער יידן האָבן שוין געהאַט באַצאָלט דעם קאָפּ־שטייער (15 גראָשן פּער קאָפּ), האָבן די קהילה־עלטסטע געטענהט, אַז זיי זענען פּטור פון צאָלן אַנדערע שטייערן.

דער שליח פונעם מלוכה־אוצר, דער כאָראָנזשי סעמען איוואַנאָוויטש פון נאָוואָגראָד, וואָס איז געקומען איינקאַסירן דאָס געלט, האָט נישט אָנערקענט די טענות פון דער קהילה, האָט איף אַן אכזריותדיקן אופן אַרעסטירט די קהילה־עלטסטע, געשלאָסן די שול און אַרויפגעלייגט אַ זיגל אויפן טויער פון דער שול און אויף אַלע יידישע הייזער. די לויצקער יידן האָבן, מיט דער שתדלנות פון שלמה בן לוי, גלייך זיך געווענדעט צום קעניג, און ער האָט אין אַ דעקרעט פון 1.5.1569 פאַראָרדנט דעם סטאַראָסטע אין לויצק, פירשט קאַדעצקי, צו באַפרייען די קהילה־עלטסטע און אַראָפּנעמען פון דער שול און די פּריוואַטע הייזער די זיגלען.

דאָס יאָר 1569 האָט אין פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיוון הינזיכט געבראַכט מיט זיך יסודותדיקע ענדערונגען אינעם געבוי פון דער פּוילישער מלוכה. דאָס פּראָקלאַמירן די פאַראייניקונג (אוניע) פון ליטע מיט פּוילן אין איין קעניגרייך האָט דערפירט צו ענדערן אויך דעם מעמד פון וואָלין.

דעם 25־טן מאַי 1569 האָט דער קעניג זיגמונט אַוגוסט צוויסן געגעבן אין אַן אוניווערסאַל וועגן איינשליסן וואָלין אין פּוילן. לויצק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קעניגלעכער שטאָט. דעם 23־טן יוני האָבן אָפּגעגעבן זייער טרייהייט־שבועה דעם קעניג פון פּוילן: די לויצקער יידישע פאָרשטייער, וועלכע זענען אין מאַי, אין שייכות מיט די שטייער־צאָלונגען, געוואָרן אַרעסטירט און אויפן באַפעל פון קעניג באַפרייט: פלאַצקאָ, עליע, מאָשקאָ, שייקע און מרדכי; און די פאָרשטייער פון די קאַראַימער: באטקא יהושע, מיסין, שאנקא און אולעצקאָ. אין דעם זעלבן יאָר — אין יאָר פון פאַראייניקן פּוילן מיט ליטע — זענען פאָרגעקומען סיכסוכים און צוזאַמענשטויסן צווישן די יידן מיט די שטאָטלייט, וואָס האָבן נישט פאַרטראָגן, אַז די יידן, אין

ווען זיי האָבן קודם־כל געזען זייערע קאָנקורענטן אויפן עקאָנאָמישן געביט, זאָלן געניסן פון רעכט גלייך ווי זיי. די קריסטלעכע צעכן האָבן אָנגעהויבן די מלחמה מיט אָנקלאַגעס אויף יידן, אַז זיי גראָבן כלומרשט אונטער זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ. די יידן האָבן אָנטקעגן די אָנקלאַגעס זיך פאַררופן אויף דער תקנה פון יאָר 1544, געגעבן דורך דער קעניגין באָנאַ, אין אַט דער תקנה איז דערלויבט געוואָרן די יידן צו פירן אַ פרייען האַנדל מיט שיך און לעדער אין די יאַריד־טעג, אין צוויי באַראַקן אויפן שאָטישן פלאַץ.

ווייזט אויס, אַז דער דאָזיקער סיכסוך האָט געדראָט אָנצונעמען שאַרפע פאָרמען, און כדי צו באַרויקן די באַפעלקערונג, האָט דער לובלינער סיים נאָמינירט די קאָמיסאַרן מיקאָליי מאַלאַכאָווסקי, דעם קעניגס סעקרעטאַר, און דעם הויפמאַן סטאַניסלאַוו קרוצעווסקי, צו רעגולירן די ענינים. זיי האָבן געפסקנט אַז די יידן זענען באַרעכטיקט צו האַלטן אין שטח פון שטאָט 3 געשעפטן, און אַז די שטאָטלייט איז פאַרבאָטן אַרויסצופרעסן פון די יידן מערער, ווי עס קומט פון זיי. פאַר די באַדערפעניש און פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט, איז פאַרבאָטן איינצוקאַסירן פון זיי שטייערן אָן זייער הסכמה. די יידן האָבן דאָס רעכט איינצוקויפן אומבאַוועגלעכע גיטער, אַרענדירן די הכנסות פון דער שטאָט, זיך באַטייליקן אין באַשטימען דעם שטאָטישן בודזשעט און קאָנטראָלירן די שטאָטישע חשבונות אויף צו דעקן די שטאָטישע אויסגאַבן, דאַרף מען די יידן באַטייליקן אין פאַרגלייך מיט זייער צאָל. דעם 24־טן אַפּריל 1570 האָט דער מלך אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן גלייכבאַרעכטיקן די יידן פון לוצק און אויך די קאַראַימער, אויפן גרונט פון אַ פסק־דין, לויט וועלכן די יידן פון לוצק זענען דערקלערט געוואָרן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע מיט די בירגער פון שטאָט. אינעם דעקרעט ווערט געזאָגט:

„אונדז איז פאַרגעשטעלט געוואָרן די פריווילעגיע פון די יידן אין לוצק, לויט וועלכער זיי האָבן נאָך אין דער צייט פון דער סוווערניטעט פונעם ליטווישן פירשטנטום געניאָסן פון יענע רעכט, ווי די בירגער פון לוצק, דאָס הייסט, זיי זענען פריי פון אַריינטראָגן צאָל אינעם ליטווישן פירשטנטום, מיטן מאָטיוו, אַז אויף זיי ליגן אַלע התחייבותן בשותפות מיט די בירגער. מיר לאָזן איבער די דאָזיקע רעכט אין קראַפט, ווייל זיי זענען געגעבן געוואָרן אויפן לעצטן סיים אין לובלין אויך פאַר בירגער פון קרוין־פוילן. מיר האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק, לויט דער איניציאַטיוו פון אַ צאָל הערן, צוצוטיילן די דאָזיקע פרייהייט אויך די יידן פון לוצק, וואָס צוזאַמען מט די בירגער דערפילן זיי אַלע פליכטן. און אין אונדזער שריפט גיבן מיר די זעלבע פרייהייט סיי די יידן, סיי די קאַראַימער."

די בירגער ווידער האָבן זיך פון זייער זייט פאַרפליכטעט נישט צו פאָדערן פון די יידן מערער ווי פיל ס'קומט פון זיי אויפן סמך פון די פריווילעגיעס און דאָקומענטן. די יידן וועלן געניסן פון אַלע רעכט וואָס דרינגען אַרויס פון דער פרייהייט צו וווינען אין לוצק, נאָר זיי מוזן דערפילן אַלע פליכטן לגבי דער שטאָט, עס וועלן אויף זיי נישט אַרויפגעלייגט ווערן קיין שטייערן און באַשטייערונגען אָן זייער הסכמה. ס'ווערט זיי אויך געזיכערט די רעכט צו קאָנטראָלירן די אויסגאַבן פון שטאָט.

אָט די צוזאָגן זענען אָבער פאַרבליבן אויפן פאַפיר, ווייל ס'איז גאָרנישט געוואָרן געטאָן זיי מקיים צו זיין. דער קאַמף איז טאַקע איבערגעריסן געוואָרן, נאָר בלויז אויף אַ קורצער צייט, ער איז פונדאָסניי אויסגעבראָכן אין זיבעצנטן יאָרהונדערט.

מיטן איינשליסן וואָלין צו פוילן איז אויך פאָרגעקומען אַן ענדערונג אויפן געביט פון דער יוריסדיקציע איבער די יידן, וועלכע איז צוגעפאַסט געוואָרן צו די באַדינגונגען פון פוילן.

דעם 9.8.1569 האָט דער קעניג אין אַ דעקרעט איבערגעגעבן דעם וואָלינער וואָיעוואָדע אַלעקסאַנדער טשאַרטאָריסקי און די קומענדיקע נאָך אים, די יוריסדיקציע איבער די יידן פון לוצק, לודמיר, קרעמעניץ.

אינעם לעבן פון יידישן ישוב אין לוצק האָט פון יאָר 1569 זיך אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1795, און איז אין פיל ביזאַנסן געווען אַנדערש ווי אין דער צייט פון דער ליטווישער הערשאַפט.

III. 1649 — 1569

1

די אַלגעמיינע לאַגע

דאָס איינשליסן וואָלין אין פוילן האָט פאַר די יידן אין לוצק געבראַכט אַ תקופה פון עקאָנאָמישער און יורידישער פעסטקייט און צוזאַמען מיט דעם — אַן אויפשטייג, הגם בלויז אויף קנאַפע 80 יאָר — ביזן חורבן אין די יאָרן ת"ח—ת"ט. אויפן יורידישן געביט זענען פאָרגעקומען פאַרבעסערונגען, וואָס האָבן געשטאַלטיקט זייער פּאָזיציע אינערהאַלב דער נישט־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אויף דער בקשה פון ביידע קהילות אין לוצק, די יידישע און קאַראַימישע, וואָס האָבן זיך פאַרקלאָגט פאַרן מלך סטעפאַן באַטאָרי (1575—1588), אַז נישט געקוקט אויף די פריווילעגיעס, וואָס זענען זיי צוגעטיילט געוואָרן, ליידן זיי נאָך אַלץ פון אומרעכט, האַרבקייטן און שוועריקייטן מצד פאַרשידענע באַאַמטע — האָט סטעפאַן באַטאָרי געפונען פאַר נויטיק (דעם 1־טן דעצעמבער 1576), אַנטקעגנצוקומען דער בקשה פון די יידן און איינצוהיטן פאַר זיי אויך אין די געזעצן און פאָרשריפטן פון פוילן געוויסע תקנות און פריווילעגיעס, פון וועלכע זיי האָבן געניאָסן אין ליטווישן פירשטנטום, זיי גופא און די יידן אין די שטעטלעך פון קעניג, פון די פירשטן און אַדל־לייט אין וואָלין, און באַפוילן אַלע הערשער און באַאַמטע, פאַראַנטוואָרטלעכע איבער יידן:

א) איבער אַלע ענינים פון יידן און קאַראַימער זענען גילטיק נאָר די תקנות און דאָס פוילישע געזעץ.

ב) די רעכט פון משפטן געהערט צו אַ געריכט, צונויפגעשטעלט פון אונטער־וואָיעוואָדע (podwojewoda), אין דער אַנוועזנהייט פון זייערע צוויי פרנסים, אין זייער שול.

ג) אין פאָליצייאישע און קרימינעלע ענינים, אין וועלכע דער געמאָנטער איז אַ קריסט און דער מאָנער — אַ ייד, ווערן זיי באַהאַנדלט דורכן שטאָט־בירגערמייסטער אָדער סאָלטיס, לויטן פוילישן געזעץ.

אין פאַל, ווען דער ייד איז געווען דער געמאַנטער, איז דער פּראָצעס געפירט געוואָרן, ווי אין קרוין־פּוילן, — אין קעגנזאַץ צום ליטווישן געזעץ, וואָס אין אַזאַ פאַל זענען די פולמאַכטן געגעבן געוואָרן דעם סטאַראָסטע אָדער זיין פאַרטרעטער, — פאַר אַ יידיש געריכט, אונטערן פאָרזיץ פון וואָיעוואָדע, זיין פאַרטרעטער אָדער אַ ריכטער פאַר יידן, אָדער אַ ספּעציעלן פּוילישן ריכטער, מיטן אָנטייל פון צוויי יידישע אַסעסאָרן (ביייזיצער).

ד) ענינים פון אָפּשפּאָרונגען ווערן באַהאַנדלט לויטן פּוילישן געזעץ. ענינים, וואָס זייער ווערט איז ווייניקער פון 50 גזשיוונעס (זילבער), דאַרף מען אין שול אַדורכפירן אַ שבועה ביי אַ ספר־תורה. פאַר סומען ווייניקער פון 50 גזשיוונעס, דאַרף מען באַשווערן ביי די טירן פון שול.

ו) די יידן איז דערלויבט צו פירן האַנדל אין דער גאַנצער מלוכה, אָפּצאָלנדיק פריער דעם געוויינלעכן צאָל; זיי איז דערלויבט צו פאַרקויפן אין דעטאַל, ווי ס׳איז דערלויבט אַלע יידן וואָס וווינען אין פּוילן.

ז) אין פאַל פון שריפות, געפאַרן פאַרן יידישן קוואַרטאַל, דאַרפן די שטאָטלייט קומען צו הילף די יידן.

ח) אין די שבתים און יומטובים נישט שטעלן זיי פאַר קיין געריכט.

ט) די יידן איז פאַרבאָטן יעטוועדע אַרבעט און האַנדל אום זונטיק, אין פּסחא־יומטוב, ווייַנאַכט, אין יומטוב פון דער הייליקער מאַריאַ און אין יומטוב פון די אַפּאָסטאָלן, לויטן קריסטלעכן מנהג.

י) אין פאַל ווען אַ ייד וועט זיך נישט פירן לויט די מנהגים און דינים פון זיין רעליגיע, דאַרף ער פאַרטריבן ווערן פון זיין עדה מיט דער הילף פון דער מאַכט, אויסער אַ ייד וואָס וויל זיך שמדן. אַלע וואָיעוואָדעס און באַאַמטע, ממונים איבער יידן, דאַרפן זיך פירן לויטן פּוילישן געזעץ אין די אויבנדערמאָנטע פונקטן.

לויט דער פּריווילעגיע, זענען די יידן אין לויצק געוואָרן באַפרייט פון דעם סטאַראָסטעס הערשאַפט און אָוועקגעשטעלט אונטער דער יוריסדיקציע פון וואָלינער וואָיעוואָדע. ענינים פון יידן מיט יידן זענען פאַרבליבן אין די קאָמפּעטענצן פון רבנישן געריכט.

אין יאָר 1579 איז די יידן אין לויצק דערלויבט געוואָרן צו האַנדלען אין שטאָט, באַגלייך מיט די אַנדערע שטאָט־איינוווינער. אין יאָר 1600 האָט זיי דער קעניג זיגמונט דער דריטער געגעבן די דערלויבעניש צו וווינען אַן שטערונגען אויפן שטח פון די גאַסן וואָס זענען אַרומגענומען מיטן טייך, און דאָ איז אַנטשטאַנען דער יידישער קוואַרטאַל. די אַרסענאַל־געביידע, וועלכע וויטאָלד האָט אויפגעשטעלט אין יאָר 1380, האָט ער זיי אָוועקגעשענקט פאַר אַ שול. אין דער תקופה פון ערשטן באַזעצן זיך אין דאָרף זשידיטשין האָבן זיי דאָרט געהאַט אַ האָלצערנע שול; דאָס בית־עלמין איז געווען אַ שותּפותדיקס פאַר די יידן און קאַראַימער, וואָס האָבן געוווינט אין דאָרף קראַסנע.

דעם 5־טן מאַי 1626 האָט זיי דער מלך צוגעטיילט די רעכט אויפצושטעלן אויף דעם אָרט וווּ ס׳האָט זיך געפונען די אַלטע שול — אַ נייע שול, נאָר געבויט פון שטיין און ציגל, אין דער זעלבער גרויס און הייך, און מיטן באַדינג, אַז אויף דעם דאַך זאָל פון אַלע פיר זייטן מעגלעך זיין אַוועקצושטעלן ביקסן פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן קעגן שונאים. די יידן האָבן אויף זייער חשבון באַדאַרפט איינקויפן אַ האַרמאַט: אין פאַל פון שונאס אַריינדרינגען, דאַרפן זיי, צוזאַמען מיט די שטאָטישע בירגער, צושטעלן אַ צאָל מענטשן צו פאַרטיידיקונג, לויט די באַדערפענישן. דער סטאַראָסטע היעראָנים טשאַרלינסקי און זיינע נאָכפאָלגער, ווי אויך דער שטאָטראַט אין לויצק, ווערט באַפוילן נישט צו שטערן די יידן און אַדורכפירן אַלץ וואָס ווערט דערמאָנט אין דער עקזיסטענץ־שריפט, מיטן באַדינג, אַז די יידן וועלן אויספילן אַלץ וואָס פאַרפליכטעט זיי.

לויט דער דאָזיקער פּריווילעגיע זענען די יידן צוגעטרעטן אויפצובויען די שול־מויער, וואָס איז אויך געווען אַ פעסטונג. די בוי־אַרבעטן האָבן געדויערט צוויי יאָר.

אָבער האַרט פאַרן אויסענדיקן די געביידע האָבן די דאָמיניקאַנער דערלאַנגט אַ פּראָטעסט, טענהדיק, אַז די שול איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין קעגנזאַץ צו די באַשלוסן פונעם סינאָד פון דער קאַטוילישער קירכע, און זי איז צו נאָענט צום קלויסטער.

דעם 5־טן אויגוסט 1628 האָט דער מלך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אין וועלכן ער דערלויבט די יידן ענדיקן די געביידע אין גייסט פון דער פּריווילעגיע פון 5.5.1626. ער האָט אָפּגעוואָרפן די טענה פון די דאָמיניקאַנער, אַז די שול איז צו נאָענט צום קלויסטער: „די דערמאָנטע שול איז אויף אַזאַ מרחק, אַז דאָס שטערט נישט דעם קלויסטער פון די פאָטערס דאָמיניקאַנער, און איז נייטיק צו פאַרטיידיקן די שטאָט (לויצק), העריבער דערלויבן מיר (דער מלך) זיי (די יידן) צו בויען און ענדיקן די שול, בתנאי, אַז זיי זאָלן דערפילן אַלע פאַרפליכטונגען פון דער עקזיסטענץ־שריפט פון 5־טן מאַי 1626.״ טראָץ די דאָזיקע פאַראָרדענונגען, האָט דער שטאָטראַט דערלאַנגט אין געריכט אַן אָנקלאַגע קעגן די יידן, טענהנדיק, אַז זיי בויען די שול און זייערע הייזער אויף קעניגלעכע פלעצער, אָן וועלכן געזעצלעכן יסוד, צום שאָדן פון דער שטאָט. אויךביידע שולן פון האָלץ (איינע פון די יידן און איינע פון די קאַראַימער), שטייען קעגן געזעץ.

אין געריכט האָבן די יידן פאַרשפּילט. דעם 24.4.1629, אַ יאָר נאָך דער קעניגלעכער פאַראָרדענונג נישט צו שטערן די יידן ענדיקן דאָס בויען די שול, האָט דער מלך באַשאָנקען מיט אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע זיין נאָטאַר בענדערמאַן, אָוועקגעבנדיק אים אויף שטענדיק ביידע האָלץ־שולן פון די יידן און קאַראַימער, הייזער און צוויי פּרוכטן־סעדער, נאָענט פון זייער בית־עלמין, מיטן אַרגומענט, אַז די יידן האָבן דאָס אויפגעשטעלט אָן דער דערלויבעניש פון מלך און נישט באַצאָלט די ווערט פון די פלעצער און די שטייערן. אויפן סטאַראָסטע היעראָנים טשאַרלינסקי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו רעאַליזירן דעם געשאַנק־דאָקומענט.

די מתנה איז נישט רעאַליזירט געוואָרן, ווייל די יידן האָט זיך איינגעגעבן צו דערהאַלטן די שולן, און דער שטאָטראַט האָט נישט אָנגעגעבן קיין אַפּעלאַציע קעגן דעם. די שול אין דער פאָרם פון אַ פעסטונג איז אויפגעשטעלט געוואָרן לויט דער פּריווילעגיע פון 5.5.1626.

זי איז געבויט אינעם סטיל פון איטאַליעניש־פּוילישן רענעסאַנס. די געוועלבונג אינעווייניק איז אָנגעשפּאַרט אויף אַ שיינבאַצירטן זייל, אויפן פלאַכן דאַך האָט מען אויפגעבויט אַ שטיך־

ווענטל מיט אַ פּאַרטיפונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען נישעס צום קאָכן, אין איין פליגל האָט מען אויפגעבויט אַ טורעם אין דער פאָרם פון אַ ווינקל־זייל, וועלכער האָט פרידנס־צייט געדינט אַלס תפיסה פון דער קהילה.

די שול איז דערעפנט געוואָרן אין יאָר 1628.

2

די עקאנאמישע לאגע

אין דער באַהאַנדלטער תקופה דערפילן די לויצקער יידן נוצלעכע אויפגאַבן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן און ווייזן אַרויס אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט אין זייער איניציאַטיוו צווישן די יידישע סוחרים וואָס ברענגען מזרחדיקע סחורות. פּאַקטיש זענען זיי די הערשער איבערן האַנדלס־וועג פון קיעוו קיין רייסן, און אויסער דעם געפינען זיך אין די הענט פון די לויצקער צאָל־אַרענדאַרן אויך די אַנדערע צאָל־סטאַנציעס אין לויצק און אין אַנדערע שטעט. די אַרענדאַרן לעבאַנאָוויטש, מיכאל יוזעפאָוויטש, אברהם שפּאַנאָוויטש, קוזעץ, מאַשעיעוויטש, דוד שמערגלעוויטש, מאשקא פאַלכאָוואָוויטש און יצחק בראָדעווקע —ביידע פון בריסק, מענדל איזאַקאָוויטש און ליפּמאַן שמערלעוויטש קאָנצענטרירן אין זייערע הענט די קאָמוניקאַציע־אַרטעריעס און דעם האַנדל אויסער דער שטאָט לויצק.

אַ צאָל פאַרמעגלעכע און רייכע יידן זענען פון לויצק אַריבערגעפאָרן קיין בראָדי און דאָרט געקויפט הייזער.

אין לויצק גופא אַרענדירן זיי פּראָפּינאַציעס, שענקען, ברויערייען, האַנדלען מיטן ווייַן וואָס ווערט געבראַכט פון אונגאַרן. זיי זענען די אַרענדאַרן פון די ברענערייען פון פּאָטאַש און אַש. דער האַנדל מיט האָלץ און לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, געפינט זיך אין זייערע הענט. דערפאַר איז נישט קיין ווונדער, וואָס דער אַנטיסעמיטישער שרייבער מיטשינסקי האָט אין זיין פּאַשקוויל קעגן יידן Zwierciadło Korony Polskiej urazy ciężkie, które ponosi od żydów Wyrażające (Kraków 1618) געשריבן, אַז אין יידישע הענט געפינען זיך, אויסער די שטעט קראָקע, ווילנע, מאָהילעוו, סלוצק, בריסק־ליטעווסק — אויך לויצק.

נישטאָ קיין שטאָט אין פּוילן, ווו אויף די אָרטיקע יארידן זאָלן זיך נישט געפינען קיין יידן פון לויצק. זיי פאָרן אויף די יארידן אין רייסן, צענטראַל־פּוילן און אפילו קיין מערב־פּוילן. ברענגען אַהער פּוטערס, מילך און אויך ליטווישע שטאָפן, זענען באַקאַנט אין פּויזן און לובלין, וועלכע זיי האָבן באַזוכט שוין אין די יאָרן 1530—1531. באַזונדערס האָט אויפגעלעבט דער יידישער מסחר באָכן שענקען די פּריווילעגיע אין יאָר 1576, לויט וועלכער ס'איז די יידן דערלויבט געוואָרן צו האַנדלען איבער גאַנץ פּוילן און פירן דעטאַל־פּאַרקויף אין די קעניגלעכע שטעט. אויך אין האַנטווערקעריי — באַזונדערס אין שניידעריי און קירזשנעריי — איז געוואָקסן די צאָל יידישע בעלי־מלאכות. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן פאַרקויפן זייערע אייגענע אויסאַרבעטונגען אויף יארידן און אין דער סביבה פון שטאָט, און דאָס האָט דערפירט צו אַ זייער שווערן קאַמף מיט די קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט, אַז אָרטיקע יידן זאָלן האַנדלען, און געפאָדערט אַדורכצופירן די פּריווילעגיעס, אין וועלכע עס זענען געזיכערט געוואָרן זייערע רעכט. אָבער מיט דער פרייהייט פון מסחר און מלאכה לויט באַטאָריס פּריווילעגיעס פון יאָר 1569 האָבן זיך אָנגעהויבן צרות, צוליבן פאַרשאַרפן די קעגנזייטיקע באַציונגען און דער מורא פון די שטאָטישע פאַר זייערע יידישע קאָנקורענטן. דער אָנהייב פונעם קאַמף פון די שטאָטישע מיט די יידן דאַטירט זיך פון יאָר 1561, ווען דער בירגערמייסטער און די שטאָטישע ראַטגעבער האָבן אין נאָמען פון אַלע שטאָטלייט דערלאַנגט דעם 28/10 אַן אָנקלאַגע אויף די אָנגעשטעלטע פונעם יידישן אַרענדאַר עסקא שלאמיץ, פּרץ לאַזאַרעוויטש און שמעון פלעמניק, וועלכע פלעגן, אין קעגנזאַץ צו די פּריווילעגיעס פון לויצקער שטאָטראַט, איינקאַסירן הויכע שטייערן פאַר דער רעכט צו פאַרקויפן געטראַנקען, און דאָס האָט, לויט די רייד פון דער אָנקלאַגע, גורם געווען צו באַזייטיקן באַזוכער פון שטאָט און די יארידן און דערמיט פאַראָרעמען די איינוואוינער פון שטאָט. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ שפּאַנונג און געשטאַרקט די קעגנזאַצן, וואָס האָבן דערפירט אפילו צו איבערפאַלן. אַזוי זענען די לויצקער שטאָטלייט באַפאַלן דעם 17־טן מערץ 1566 דעם קעניגלעכן פאָלוואַרק, געכאַפּט דאָרט דעם לויצקער יידן שמואל גובשיצא, אַריינגעשלעפּט אין שטאָט און דערהרגעט.

די שפּאַנונג צווישן די שטאָטלייט און די יידן איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך די קאָמיסאַרן, וואָס האָבן אין יאָר 1569 מיטגעטיילט וועגן סיכסוכים צווישן יידן און שטאָטלייט.

קאָנפליקטן מיט אַרענדאַרן זענען נישט קיין זעלטענקייט אין יענער תקופה. אַזוי באַקלאָגט זיך אין יאָר 1583 דער עלטסטער פון מאָנאַסטיר אין פּערציסטאַן, מאַטוויי, אַז דער לויצקער אַרענדאַר ישעיה פון בריסק איז אָנגעפאַלן אויפן מאָנאַסטיר און צוגענומען 50 שאָק ליטווישע גראָשן, 100 רויטע זלאָטעס און 20 פערטעלעך בראָנפן.

דעם 6־טן מערץ 1625 איז, לויט דער מיטטיילונג פון די שמשים לייב בן ישראל און אליהו בן־אברהם, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן אין די גראָד־אַקטן, פאָרגעקומען אַן איבערפאַל. בעת די לוויה פונעם לויצקער יידן לייב בן־יצחק האָט זיך דערנענטערט צו דער פאָרשטאָט, האָט דער בירגער וואַלעריאַן לעסעצקי מודיע געווען, אַז ער וועט נישט דערלויבן דורכגיין די לוויה צום יידישן בית־עלמין, ביז מען וועט אים נישט באַצאָלן, ווייל דער בית־עלמין איז זיין פאַרמעגן. דער קירכע־כאָראָנזשע לעמפּיצקי, צו וועמען די יידן האָבן זיך געווענדעט, האָט געהייסן לעסעצקין צורו לאָזן די יידן, אָבער לעסעצקי האָט צוזאַמען מיט אַ באַוואָפנטן המון צעטריבן די יידן און דעם טויטן קערפּער אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב. פיל יידן זענען צעשלאָגן און פאַרוווּנדעט געוואָרן, פיל האָט מען באַרויבט און ביי איין יידישער פרוי האָט מען צוגענומען אַ זילבערנעם פּאַסעק.

די דערמאָנטע פאַלן זענען בלויז עפּיזאָדן. דער עיקרדיקער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1637, ווען די שטאָטלייט און די קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן האָבן דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע קעגן די קהילה־עלטסטע יעקב, דעם שווער פון גיטל און ישראל פון קראָקע, ווי אויך אויף די אַנדערע יידן און קאַראַימער אין לויצק, אַז אַ געוויסע צאָל יידן אַרבעטן אויס סאַמאַהאָן און ווילן נישט צאָלן דער שטאָטישער קאַסע, מיט דער טענה, אַז זיי אונטערליגן דעם סטאַראָסטע; אַז יידן האָבן אויפגעשטעלט

אַ צאָל הייזער אויף שטאָטישע פּלעצער; אַז אייניקע האָבן פיל הייזער באַפרייט פון דער שטאָטישער יורידיקציע, און אַנדערע ווידער האָבן אויף די וואַלן אויפגעשטעלט זעקס ביר־ברויערייען און אויף יענע ערטער צעשטערט די פּאַרטיידי־קונגס־מויערן פון דער שטאָט און אָפּגעשטעלט די וואַכן־דינסט; אַז יידן נעמען אין אַרענדע גענזלשאַפטלעכע איינקונפטן, גייען פון שטאָט צו שטאָט צו יידישע בראָנפן־סוחרים און ברענגען דעם בראָנפן אונטער זייער נאָמען; אַז פיל באַליידיקן די שטאָט־פאַרוואַלטונג, רעכענען זיך נישט מיט די רעכט פון דער שטאָט. דער שאָדן, וואָס די יידן ברענגען דער שטאָט, דערגייט ביז 10 טויזנט זלאָטעס.

אויסער די דאָזיקע אָנקלאַגעס, האָבן זיי אויך באַשולדיקט אין אומגעזעצלעכע און איבערטריבענע באַשטייערונגען מצד די יידישע צאָל־נעמער און זייערע אינקאַסענטן. באַזונדערס האָבן זיי זיך באַקלאָגט אויפן אַרענדאַר פון סטאַראָסטעס הכנסות, לעמל בן־יהודה, וואָס פאַר יעדן וואָגן, וואָס קומט אין שטאָט אויפן יאַריד, נעמט ער $8\frac{1}{2}$ גראָשן און פון יעדן פעסל — 20 גראָשן. די יידן באַרייכערן זיך אויפן חשבון פון די קריסטן און ברענגען זיי שאָדנס. דער שטאַטראַט האָט אויך געפאָדערט אַנטשעדיקונג אויף דעם געביט — אַ סומע פון 4000 זלאָטעס.

אויף די אָנקלאַגעס פלעגן די יידן ענטפערן מיט קעגן־אָנקלאַגעס. און דער דאָזיקער געראַנגל, אויך מיט צוזאַמענשטויסן, קריגערייען און צונעמען סחורות, האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1648.

וואָס מערער די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן האָט זיך אין פאַרבעסערן, אַלץ שטאַרקער ווערט די שפּאַנונג, און די באַציונג מצד די שטאָטישע צו זיי האַלט זיך אין איין פאַרערגערן. פאַר דער אַנטי־יידישער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט ערב די יאָרן ת״ח—ת״ט, איז כאַראַקטעריסטיש אַ פאַלגנדיקער פאַל: אין יאָר 1647 האָט דער גלח לעאָנט איוואַנאָוויטש געפּרעדיקט נישט צו קויפן קיין פלייש ביי יידן, ווייל זיי ווילן אויף אַזאַ אופן אָפּסמען די קריסטן. די לויצקער קהילה האָט דערלאַנגט קעגן אים אַן אָנקלאַגע אין געריכט, און דער גלח איז באַשטראָפט געוואָרן מיט 30 זלאָטעס.

ערב די געשעענישן ת״ח—ת״ט, האָט לויצק געציילט 84 יידישע הייזער (משפחות) — 420 נפשות.

די קהילה האָט זיך אויסגעברייטערט און פאַרגרעסערט מיט אינסטיטוציעס. אַ צאָל רייכע יידן האַלטן אויס ישיבות. אין די דרייסיקער יאָרן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט שטייט בראש פון דער קהילה יעקב, דער שווער פון דער נגידסטע גיטל און יעקב פון קראָקע, אויף זייערע פּלייצעס ליגט דער שווערער געראַנגל מיט די שטאָטלייט.

3

יידישע בעלי־מלאכות און זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ

מיטן וווקס פון יידישן ישוב האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל יידישע בעלי־מלאכות. צומערשט האָבן זיי געליפערט פאַר די באַדערפענישן פונעם יידישן געברויכער, באַזונדערס די שניידערס, קירזשנערס, בעקערס, קצבים. מיט דער צייט האָבן זיי אויסגעברייטערט זייערע געשעפטן אויך פאַר נישט־יידישע קאָנסומענטן. אין זיבעצנטן יאָרהונדערט האָבן די לויצקער שניידערס און קירזשנערס געאַרבעט פאַר די דערבייאיקע שטעטלעך און די דאָרפישע איינוווינער.

לויט דער פּריווילעגיע פון וויטאָלדן איז די יידן דערלויבט געווען צו פאַרנעמען זיך מיט אַלע מלאכות. פון דעם איז געדרונגען, אַז די מלאכה האָט געשפּילט אַן אַנגעזעענע ראָל אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן אין ליטע. אויף דעם באָדן פון קאָנקורענץ איז צווישן יידן און קריסטן פאָרגעקומען אַ שווערער קאַמף, אָבער די יידישע בעלי־מלאכות גייען פון אים אַרויס אַלס זיגער.

אין יאָר 1539 זענען די לויצקער יידישע שניידערס און קירזשנערס דערגאַנגען צו אַ הסכם מיט די צעכן, וואָס גיט די יידן גענוג ברייטע רעכט.

אויס מורא, טאָמער וועלן יידישע האַנטווערקער אַריינדרינגען אין די צעכן פון די קריסטלעכע האַנטווערקער, האָבן די לעצטע זיך באַמיט און באַקומען פון מלך זיגמונט אַוגוסט (אין יאָר 1546) אַ פּריווילעגיע, וואָס שטעלט בפירוש פעסט, אַז יידן טאָרן נישט אַריינדרינגען אין די קריסטלעכע צעכן.

אין יאָר 1629 זענען די יידישע בעלי־מלאכות אין ליטע, לויט אַ קעניגלעכער פּריווילעגיע, באַפרייט געוואָרן פון דער פליכט צו זיין אונטערגעאָרדנט די צעכן פון די קריסטלעכע האַנטווערקער, אין קעגנזאַץ צו אַן אַנדערער קעניגלעכער פּריווילעגיע, לויט וועלכער אַלע בעלי־מלאכות האָבן געמוזט געהערן צו די צעכן און אפילו אַריינטראָגן אַהין געלט־צאָלונגען.

די דאָזיקע לאַגע האָט געצוווּנגען יידישע בעלי־מלאכות צו גרינדן זייערע אייגענע חברות — און אַזוי אַנטשטייט אין אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט חברות פון שניידערס, קירזשנערס און קצבים.

די יידישע האַנטווערקער האָבן דעם פולן באַוווסטזיין פון דער חשיבות פון זייער באַשעפטיקונג „ווייל אין גאָטס אויגן איז טייערער דער וואָס געניסט פון זיין מי, איידער אַ גאָטספאַרכטיקער". צוליב דער באַדערפעניש צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, האָבן די יידישע בעלי־מלאכות געגרינדעט זייערע פאַראיינען, „די האַנט פון פעלקער איז געווען פאַר אונדז אַ תקיפותדיקע", דהיינו — אונטער דער נויט פון צעך — ווערט געזאָגט אין די תקנות פון יידישן שניידער־פאַראיין אין לויצק — „און אונדזער לעבן איז געווען אַ שווערס, צוליב דער גרייס פון די באַשווערונגען און שווערע גזירות, וואָס מען באַנייט כלפּי אונדז, יעדן טאָג האָט מען אונדז געוואָלט אומברענגען, ביז ג׳ האָט אַריינגעגעבן אונדזערע ערלעכע שרים אַ געהויבענעם גייסט, און מיר האָבן פון זיי באַקומען פּראַוועס, וואָס האָבן אונדז אַרויסגעפירט „פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט". און אויב ס׳איז נישט געשריבן געוואָרן, איז עס ראוי צום פאַרשרייבן, אַז יעדער וואָס וועט זיך וועלן באַשעפטיקן מיט שניידעריי און קירזשנעריי, ליגט אויף אים די פליכט צו געבן דעם ווערט פון די אויבנדערמאָנטע אויסגאַבן. און מ׳איז איינפאַרשטאַנען, אַז יעדער וואָס וועט זיך וועלן פאַרנעמען מיט די אויבנדערמאָנטע פאַכן, און נישט וועלן זיין איינער פון אונדזער חברה, וועט יעדעס יאָר צאָלן דער חברה אַ סומע פון 400 זלאָטעס, ביז ער וועט זיך איבערבעטן מיט דער חברה צו זיין איינער פון אירע מיטגלידער".

לויטן ביישפּיל פון די קריסטלעכע פאַראיינען, האָט אויך

דער יידישער האַנטווערקער געמוזט זיין אָנגעשלאָסן אין זיין צעך, אויב ער האָט געוואָלט אַרבעטן ביי זיין פאַך.

די גרויסע ענדערונגען אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון פוילן בכלל און פון יידן בפרט, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק, נאָך די גזירות ת״ח און ת״ט, אינעם גרינדן פּריוואַטע שטעט אין מזרח־פוילן, אין וועלכן די יידן האָבן געבילדעט די סוחרים און די בעלי־מלאכות, זענען, פאַרשטייט זיך, נישט געבליבן אָן אַ קענטיקער השפעה אויך אויף די קעניגלעכע שטעט.

די האַנטווערקער האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין זייערע פאַר־איינען און מיט די פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן באַקומען פון מלך, מצליח געווען אָפּצוהיטן זייערע אינטערעסן. אין אַ ריי פּריווילעגיעס, וואָס דערלויבן צו גרינדן צעכן, ווערט גערעדט וועגן אַריינעמען אין זיי יידן צוזאַמען מיט אַנדערע בעלי־מלאכות, און פאַראַן אויך פּריווילעגיעס, וואָס פאַראָרדענען די יידן אויפצושטעלן ספּעציעלע פאַראיינען פאַר זיך. אין לויצק האָבן די יידן זיך באַמיט אָנגענומען צו ווערן אין צעך, טראָץ דער קעגנערשאַפט פונעם צעך. וועגן דעם זאָגט עדות דער מאַניפעסט פונעם שניידער־און קירזשנער־צעך, וואָס זאָגט — אויפן סמך פון אַ דעקרעט פון זיגמונט אַוגוסט אין יאָר 1546, אַז „אין דאָזיקן פאַראיין וועלן זיך נישט אַריינבאַקומען יידן, נאָר קריסטן״.

אינעם פּראָפעסיאָנעלן באַשטאַנד פון די האַנטווערקער אין לויצק בילדן די שניידער און קירזשנער אַן אַבסאָלוטע מערהייט, נאָך זיי — קומען די קצבים און בעקערס. ביזן סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט זענען כמעט נישטאָ קיין שוסטערס, סטאָליערס, מויערערס, שמידערס, מוליערס.

פון סטאַטוט פון דעם שניידער־פאַראיין אין לויצק — וואָס איז, וואָס אַן אמת, פון יאָר 1721, אָבער בילדעט אָן שום ספק זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן, וואַרשיינלעך אין זיבעצנטן יאָרהונדערט — דערוויסן מיר זיך וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעל־געזעצגעבערישער זייט, ווי אויך וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די פאַראיינס־מיטגלידער.

דער שניידער־פאַראיין אין לויצק איז באַשטאַנען פון שניי־דערס און קירזשנערס. דער וואָס האָט געוואָלט אָנגענומען ווערן פאַר אַ מיטגליד, האָט זיך באַדאַרפט שטעלן פאַר די זיבן (7 גבאים) און קודם־כל באַצאָלן דאָס גאַנצע „איינשרייב־געלט״. צוליבן שטייגער אַז יעדער בעל־מלאכה זאָל האַלטן פיל מערער אַרבעטער איידער זיינע מעגלעכקייטן — אַ זאַך וואָס האָט גע־בראַכט אַ סך שאָדן — איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלער כלל, לויט וועלכן יעדן בעל־מלאכה וואָס פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון 150 זלאָטעס, איז דערלויבט צו האַלטן צוויי אַרבעטער און אַ לערניינגל. „און ווער עס האָט נישט די אויבנדערמאָנטע סומע — חלילה ער זאָל האָבן אַרבעטער״. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן אָנצונעמען און אַרויסצוגעבן אַרבעט פון דעם הויז צו אַן אַנדערן בעל־מלאכה, „סיי אויף דער וואָך, סיי אויפן שטיק״, נאָר עס איז דערלויבט צו דינגען זיך אַן אַרבעטער, ווינציקסטנס אויף אַ פערטל יאָר. באַזונדערס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער ענין־חזקה, לויט וועלכער אַ חבר וואָס גייט איבער אויף אַן אַנדער אָרט און וויל אויסהיטן זיין חזקה־רעכט, אויב ער וועט קומען צוריק קיין לויצק — דאַרף צאָלן „וואָכנגעלט״. דער פאַראיין האָט אַרענדירט אויף אַ יאָר די הכנסות, ווי „עמידה און כתר־תורה ווי אויך דאָס געלט פון אויפרופן צו דער תורה״.

אויב עס האָט זיך געפונעם עמעצער, וואָס האָט דאָס געדונגען, איז אַלץ איינגעאָרדענט געוואָרן דורכן נייעם פּרנס און די פאַרצייכענונגען פון די גבאים.

אַלע קריגערייען און געשלעגן זענען געמשפּט געוואָרן דורך די זיבן. און אויב איינער וויל „פירן זיין משפּט פאַר קהל און צו אים אָנשליסן דעם כבוד הרב אב״ד, איז אים דאָס דער־לויבט, נאָר ער מוז אַריינטראָגן אין דער פאַראיינס־קאַסע פיר זלאָטעס״.

אין פראַגן פון דיני־ממונות אונטערליגן אַלע פאַראיינס־מיטגלידער דעם משפּט פון רב און דיינים, ווי „אַלע מענטשן פון אונדזער קהילה״.

בראש פון פאַראיין זענען געשטאַנען 7 פּרנסים, און איינער פון זיי האָט לויט דער ריי געפירט יעדן חודש די ענינים פון דער חברה אַלס נייער פּרנס. ער איז געווען פאַרפליכטעט איבער־צוגעבן די קוראַטאָרן (נאמנים) אַ באַריכט פון אַלע איינקונפטן און אויסגאַבן. דעם פּרנס איז פאַרבאָטן „אויסצוגעבן פאַר איין מאָל מערער ווי איין זלאָטע, אפילו מיטן וויסן פון אַ מערהייט פון די זיבן (נ״ב און אויף אַ סעודת־מצוה, מילה אָדער אַ חתונה, צו קויפן, חלילה, אויף דער חתונה מערער ווי פאַר איין זלאָטע, אפילו ווען אַלע זיבן וועלן זיך דאָרט געפינען״ (פּונקט 26).

אַרבעטער וואָס וועלן זיך פאַרדינגען, זענען מחויב בעתן פאַרדינגען זיך צו קומען מיטן בעל הבית און פאַרשרייבן אין פּנקס אַלע פּרטים (אופנים). דעם לוין דאַרף דער בעל־הבית צאָלן יעדער פערטל יאָר און אין פּנקס פון דער חברה פאַרשרייבן די „איינגעצאָלטע סומע״. שכירות־געלט איז געווען פאַרבאָטן צו געבן מערער פון פערציק זלאָטעס. ווער עס האָט עובר געווען אויף דעם פאַרבאָט, איז דורך די זיבן באַשטראָפט געוואָרן מיט גאָר אַ גרויסן קנס.

די חברה האָט געוואָרנט אירע מיטגלידער נישט צו פאַר־שווענדן קיין געלט אויפן שכירות פון די אַרבעטער און נישט אויף קיין הוספות, ווייל די זאַכן זענען נאָר גורם צו געשלעגן און קריגערייען.

אין די פּונקטן 10—14 און 29 איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער „סדר התמנות״, ד. ה. — דאָס אויסוויילן די אָנפירונג פון פאַראיין. פאַר דער אורנע זענען זיך צונויפגעקומען די זיבן. אויפן אָרט האָט מען איינקאַסירט דעם נשאר־חוב, אָדער דאָס וואָכנגעלט און איינשרייב־געלט. אָנשטאָט געלט איז דערלויבט געווען אויך צו נעמען אַ משכון. די אורנע איז געמאַכט געוואָרן יעדעס יאָר.

חול־המועד פּסח זענען געמאַכט געוואָרן, לויטן סדר פון אויסקלייבן די פּרנסים פון דער קהילה, דריי אורנעס: 1) פון די שניידערס, 2) קירזשנערס, 3) פון די פאַרטאַטשן (אָדער עווענטועל פון יענע וואָס האָבן נישט געהערט צום פאַראיין, אָדער געוווינט אין די פאָרשטעט).

קודם כל האָט מען גענומען פון דער אורנע פון די שניי־דערס צוויי צעטלען, און פון דער אורנע פון די קירזשנערס איין צעטל, און אויך פון דער אורנע פון די פאַרטאַטשן איין צעטל. אַלע צעטלען פון די דריי אורנעס האָט מען אַריינגע־וואָרפן אין איין אורנע און פון דאָרט אַרויסגעצויגן פון יעדער איין צעטל, און די פיר זענען געווען די בוררים. די בוררים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ באַזונדער צימער און זענען פון דאָרט נישט אַרויס, ביז זיי האָבן נישט געענדיקט און אויט־

געקליבן זיבן, און די ווידער — פיר גבאים, דריי אינקאַסענטן, צוויי קוראַטאָרן און דריי צוגאָבלעכע (נאָך חברים), און זיי זענען באַרעכטיקט צוצוגעבן און באַשטימען איינעם פאַרן פאַר־זיצער.

דער צוזאַמענשטעל פון די אויסגעוויילטע איז געווען: צוויי גבאים פון די שניידערס, איינער פון די קירזשנערס, דעם פערטן איז דערלויבט געווען צו נאָמינירן פון די שניידערס אָדער פאַרטאַטשן, וואָס האָבן באַלאַנגט צום צעך. אויב דער פערטער גבאי איז געווען פון די פאַרטאַטשן, האָט מען דאַן באַשטימט צוויי אינקאַסענטן פון די שניידערס און איינעם פון די קירזשנערס. אויב דער פערטער גבאי איז געוויילט געוואָרן פון די שניידערס, איז דאַן פון די פאַרטאַטשן געוויילט געוואָרן איינער אַלס אינקאַסענט. דער באַדינג איז געווען, אַז פון די שניידערס, וואָס זענען געווען אַ מערהייט אין צעך, האָבן באַדאַרפט געוויילט ווערן צוויי גבאים און צוויי אינקאַסענטן, אָדער דריי גבאים — און נישט מערער.

עס איז געווען פאַרבאָטן צו וויילן וועלכן בורר אויפן אַמט פון די זיבן, אָבער אים איז געווען דערלויבט דערוויילט צו ווערן אַלס קוראַטאָר אָדער צוגאָבלעכן.

איינער פון די עיקר צילן פונעם פאַראיין איז געווען: אָפּהיטן, אַז זיינע מיטגלידער זאָלן נישט עובר זיין אויפן פאַר־באָט פון שעטנז.

דערפאַר איז אינעם סטאַטוט באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג וועגן איינקויפן די פעדים פון פלאַקס, כדי אויסצומיידן עובר צו זיין אויף דעם שעטנז־פאַרבאָט.

אין איינפאַרשטענדעניש מיט די מנהיגים און מיטן רב און מגיד פון דער קהילה איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדעס יאָר — נאָך ראש־השנה און די עשרת ימי תשובה — זאָל געשטעלט ווערן „אַ מענטש וואָס אַלע זאָלן אויף אים עדות זאָגן, אַז ער איז אַ כשרער און ערלעכער, וואָס זאָל האַלטן די פלאַקס־פעדעם וואָס ער וועט קויפן פון אַ יידיש הויז, אין וועלכן מען האָט זיי געוועבט". יעדער שניידער איז פאַרפליכטעט געוואָרן צו קויפן די פלאַקס־פעדעם אויסשליסלעך ביי אים. דער וואָס וועט קויפן ביי אַן אַנדערן, דאַרף מען אים מעביר־זיין פון פאַך, אָפּשטויסן אין אַוועקשטופּן, ביז ער וועט אויף זיך נעמען דעם דין. אַ שניידער וואָס איז נישט קיין חבר פון פאַראיין, זאָל געבראַכט ווערן פאַרן טיש פון די מנהיגים מיט די געערטע רבנים — און מען דאַרף אים באַשטראָפן.

יעדעס יאָר דאַרף מען אין דער גרויסער שול אויסרופן אַ חרם, אַז מען זאָל נישט קויפן קיין פלאַקס־פעדעם נאָר ביים מאַן וואָס וועט עס נעמען אין אָרענדע. אויך די וואָל פאַר דער פאָדשעווקע דאַרף זיין כשר. און אויפן גבאי פון דער חברה ליגט דער חוב צו האָבן די געהעריקע השגחה, אַז דאָס אַלץ וועט אַדורכגעפירט ווערן אין גייסט פון סטאַטוט, וואָס זיין ערשטער פּונקט איז גראָד דער פאַרבאָט פון שעטנז, אַ באַווייז ווי וויט דער שניידער־צעך איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביים אָפּהיטן די רעליגיע, אירע דינים און מנהגים.

לויט די „תקנות פון די קדמונים", האָט יעדער פאַראיינס־מיטגליד באַדאַרפט יעדן ערב שבת שענקען אויף צדקה איין גדול, און יעדן ערב חודש צוויי גדולים לטובת דער חברה. די גבאים זענען געווען פאַרפליכטעט איינצוקאַסירן מיט אַלע צוואַנגס־מיטלען פון די יעניקע וואָס האָבן אַ העלפט נישט באַצאָלט ביז ערב־פסח (פּונקט 2).

דער סטאַטוט האָט אַנטהאַלטן האַרבע פאַרשריפטן וועגן מסיג־גבול זיין אַ צווייטן חבר און באַשטימט אַ גרויסן קנס און אַנדערע שטראָפן לגבי פאַראיינס־מיטגלידער, וואָס וועלן מסיג־גבול זיין. אויסער דעם דאַרף ער אָפּגעבן דעם גאַנצן לוין דעם ערשטן בעל־מלאכה. אין פאַלן ווען עס וועט אויפגעקלערט ווערן, אַז ער איז געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרריכטן, איז ער דאַן פּטור פון קנס און דאַרף אָפּגעבן אַ העלפט פון זיין לוין דעם ערשטן בעל־מלאכה (פּונקט 4).

אַזיווי אין יענער תקופה האָבן זיך געמערט פריש אָנגעקומענע, וואָס פאַקטיש זענען עס געווען געזעלן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר זיך און צוגענומען די פרנסה פון די בעלי־הבתים, וואָס צאָלן שטייערן און באַשטייערונגען, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן: „חלילה, אַז וועלכער בעל־מלאכה זאָל זיי באַשעפטיקן מיט שניידעריי אָדער קירזשנעריי. יעדער איינער, וואָס וועט קומען פאַר די זיבן, זענען די גבאים פאַרפליכטעט זיי באַשטראָפן מיט כפיות און נגישות און זיי פאַרפאָלגן, ביז זיי וועלן זיך שטעלן פאַר די זיבן און מקיים זיין דאָס וואָס די זיבן האָבן באַשלאָסן..." (פּונקט 5). די מיטגלידער פון דעם שניידער־און קירזשנער־פאַראיין דאַרפן יעדן טאָג דאַווענען בציבור, אָבער נישט לייכט איז דאָס זיי אָנגעקומען און זיי האָבן געפירט אַ שווערן קאַמף צו באַקומען אין שול אַן אָרט און דעריבער „זענען מיר אויפגעשטאַנען און געמוטיקט, אַז מיר זאָלן האָבן אונדזער ספּעציעל אָרט אין אונדזער געבעט־הויז און מקיים זיין און טוען, אַז יעדער איינער פון אונדזער חברה איז פאַרפליכטעט צו גייך אין בית־המדרש דאַווענען בציבור פאַרנאַכט און אינדערפרי, און ווער ס'וועט נישט גיין — איז פאַרפליכטעט צו געבן פדיון־הנפש" (פּונקט 6).

די שבתים און יום־טובים, ווען מ'איז פריי פון אַרבעט און באַשעפטיקונג, זענען באַשטימט געוואָרן אויף אַדורכצופירן פאַר־זאַמלונגען צו שמועסן ברבים וועגן אַקטועלע ענינים, צו לערנען חכמה און מאַראַל „און אויך האָבן מיר גענומען אויף זיך, אַז יעדער פון אונדזערע מיטגלידער זאָל גיין הערן דעם שיעור אים שבת און יום־טוב, זאָל זיך אויפמערקזאַם איינהערן, און ס'וועט ווערן מקויים ביי אייך „איר וועט הערן און דערהאַלטן אייער לעבן" (פּונקט 7).

שבת און יום־טוב האָבן זיי געדאַוונט אין דער גרויסער שול, און נאָכן אַרויסנעמען די ספר־תורה זענען זיי געגאַנגען אין דער קליינער שול פון דער חברה, „צו לייענען" זיבן קרואים יעדן שבת — און נישט מערער.

די חברה האָט געהאַט אַן אייגענעם מגיד, און ער האָט באַקומען „שלישי".

4

לוויצקער רבנים

אין דער באַהאַנדלטער תקופה זענען באַוווּסט געווען:

1. הרב ר' משה כ"ץ, געבוירן אין קראָקע, איינער פון די גאוני הדור אין די טעג פון מהר"ם פון לובלין און פון ר' מרדכי יפה דער „בעל הלבושים", איז אין יאָר שס"ג (1603)

געווען אבֿ"ד און ר"מ אין לויצק. דערנאָך איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אבֿ"ד אין קראָקעווער קרייז. אויף דער באַראַטונג פֿון ועד ד' ארצות אין פּויזן אין שנ"ז האָט ער אונטערגעשריבן די הסכּמה אויפֿן „שיר חג הפּסח", אין יאָר שס"ג האָט ער אין לויצק געגעבן זיין הסכּמה אויף דעם ספֿר „מקור חכמה" און אין יאָר שע"א, אויך אין לויצק — אויף „חיבורי לקט".

אין די יאָרן שס"ז און שס"ח האָט ער אויפֿן יאַריד אין לובלין געשריבן הסכּמות אויף די ספֿרים „זכרון משה" און „באר מים חיים".

2. נאָך אים איז געווען רב ר' שמואל בן אהרן הורוויץ; ווייזט אויס, אַז נאָר ביזן יאָר 1625, ווייל פֿון דעם דאָזיקן יאָר ביז 1630 איז ער געווען רב אין דובנע, נאָך ר' ישעיה הלוי הורוויץ, בעל ה„של"ה", וועלכער איז דאָרט געווען רב פֿון 1600 ביז 1606. פֿון דובנע איז ער אָנגענומען געוואָרן פֿאַר אַ רב אין ליובאָמל.

3. ר' אברהם הלוי, אַ קרוב פֿונעם מחבר „טורי זהב", איז לויט אַן השערה געווען רב אין לויצק אין די יאָרן 1625—1640.

4. ר' יוסף בן אליקים מיטן נאָמען געץ, איז אין יאָר 1640 געווען רב אין לויצק און דערנאָך אין לוואָוו, ווו ער איז נפֿטר געוואָרן אין יאָר 1652.

5. נאָך אים איז געווען רב ר' יעקב בן־אפרים זלמן שור, מחבר פֿון „תבֿואות שור", אַן איידעם פֿון שאול וואָהל. ר' יעקב שור איז דער מחבר פֿון „פּלפּלא חריפֿתא", „בית יעקב לכו ונלכה" אויף מסכת סנהדרין — ווענעציע 1693. ער איז געווען רב אין לויצק ביזן יאָר 1650. פֿונדאַנען איז ער אַריבער קיין בריסט־ליטאָווסק. אין לויצק האָט ער געשריבן זיין תּשובֿה וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין סימן מ"ה אין ספֿר „שו"ת גאוני בתראי" (והם להה"ר העשיל מקראקא ולהה"ר גרשון אשכנזי אבד"ק הענא ולהה"ר יוסף אשכנזי ומהר"ם מלובלין, וה"ר יצחק אבד"ק ליסא וה"ר אברהם בן הרב משאת בנימין).

דער חורבן אין יאָר 1648 האָט אויף דער לויצקער קהילה געבראַכט פֿאַרניכטונג און אַ סוף געמאַכט צום אויפֿבלי־פּעריאָד וואָס האָט זיך געצויגן פֿון יאָר 1569.

IV. 1648 — 1795

1

רעכטלעכע און עקאָנאָמישע לאַגע

אין יאָר 1648, פֿאַרן איבערפֿאַל פֿון די קאָזאַקן, האָט לויצק געציילט 84 יידישע הייזער (משפּחות). ד.ה., אַז פֿאַר די גזירות ת"ח—ת"ט האָט די יידישע באַפֿעלקערונג געציילט 420 נפֿשות.

אַז ס'זענען געקומען אויף וואָלין די אויפֿטרייסלונגען פֿון יאָר ת"ח, האָט לויצק נישט ווייניקער געליטן פֿון אַנדערע יידישע ישובֿים. באַזונדערס איז שווער געוואָרן די לאַגע נאָך די קאַמפֿן ביי קאָנסטאַנטין, אין וועלכע דאָס פּוילישע מיליטער, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון העטמאַן יאַרעמי ווישניאָוויעצקי, איז געצוווּנגען געוואָרן זיך צוריקצוציען, און גאַנץ מזרח וואָלין איז אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די קאָזאַקישע באַנדעס. זייערע פּאָלקן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון קריוואָנאָס און דזשאַגאַדווילי, האָבן געווילדעוועט איבער גאַנץ וואָלין.

כמיעלניצקיס באַנדעס זענען אין אַ גרויסער צאָל באַפֿאַלן וואָלין, און ווו ס'האָט נאָר געטרעטן זייער פֿוס, האָבן זיי גע־הרגעט און געשאָכטן יידן. דעם 22.8.1618 זענען זיי אַריין קיין לויצק פֿון אָליקאַ. עס דערציילט ר' שמואל פֿייוויש בר נתן פֿייטיל פֿון ווין אין זיין כראָניק „טיט יון":

„איז אַוועק (כמיעל) אין דער ק"ק לויצק, און דאָרט
זענען געווען צווייהונדערט בעלי־בתּים רייכע און גרויסע
און דאָרט דער אבֿ"ד וואָס האָט געהייסן מהר"ר מַן
(מנחם?) און איז געווען אבֿ"ד אין ווין און כמעט אַלע
זענען געהרגעט געוואָרן."

אויך לויטן מחבר פֿון ספֿר „יון מצולה", זענען אין לויצק דערהרגעט געוואָרן 200 יידן און צווישן זיי — הרב ר' מנחם.

צוזאַמען מיט די יידן זענען אויך דערהרגעט געוואָרן די קאַראַימער, וואָס אויך זיי האָבן די קאָזאַקן באַטראַכט פֿאַר בני־ישראל.

אהרן החזן פֿון דער קאַראַימער עדה אין לויצק שרייבט אין זיין בוך זכרונות (כּתבֿ־יד אין דער פּעטערבורגער ביבליאָ־טעק) וועגן דער הריגה אין לויצק און דרעזשנע:

„און דאָס זענען די נעמען פֿון די מענטשן פֿון אונדזער עדה, וואָס זענען געוואָרן דערהרגעט דורך די פֿאַרשאָלטענע גויים און באַגראָבן אינעם וואַלד פֿון דאָרף קוטוקמען, אונדזן באַוווּסטע... און איצט וועל איך פֿאַרצייכענען זכרונות פֿון מענטשן פֿון אונדזער עדה, וואָס זענען באַגראָבן געוואָרן אין די קבֿרים דרומדיק פֿון דער שטאָט דרעזשנע ובעה"ע הורגו און די רעשטלעך זענען פֿאַרטריבן געוואָרן דורך חמואל (כמיעל), וואָס האָבן דאָרט פֿריער געוווינט און צום גרויסן באַדויערן זענען זיי דערהרגעט געוואָרן. און ווייל ס'האָט זיך נישט געפֿונען קיין מענטש, וואָס זאָל וויסן וועגן אַלע וואָס ליגן אין די אויבנדערמאָנטע קבֿרים, ווו מען האָט געפֿונען בלויז פּעקלעך כּתבֿים פֿון זכרונות פֿון דער הייליקער קהילה, און לויט מיינע מעגלעכקייטן האָב איך זיי איבערגעשריבן."

דער לוואָווער קאַטוילישער גייסטלעכער טאָמאַש יוזעפֿאָוויטש פֿאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך פֿון די יאָרן 1634—1690 (Kronika Lwowa), אַז די קאָזאַקן האָבן אויסגעשאָכטן אָן אונטערשייד אַלע איינוווינער פֿון לויצק.

אין אַ וואָסער מאָס עס איז חרובֿ געוואָרן דער יידישער ישובֿ, לערנען מיר פֿון דער „לוסטראַציע" (איבערזיכט), וואָס איז אַדורכגעפֿירט געוואָרן אין יאָר 1650. פֿון 84 יידישע פֿאַ־מיליעס זענען איבערגעבליבן בלויז 29 און פֿון די קאַראַי־מישע — בלויז 3.

עס זענען נאָך נישט פֿאַרהיילט געוואָרן די וווּנדן פֿון דעם חורבן, אומעטום האָט מען נאָך געזען סימנים פֿון דער צע־שטערונג, און די קהילה־עלטסטע ווענדן זיך שוין צום קעניג יאַן קאַזשימיעזש מיט אַ בקשה צו באַשטעטיקן דעם סך־הכּל (Summarjusz) פֿון די פּריווילעגיעס פֿאַר די יידן אין לויצק.

דעם 6־טן אויגוסט 1649 האָט דער מלך אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט — צוזאַמענגעשטעלט פון 7 דאָקומענטן, לויט פאָלגנדיקן כראָנאָלאָגישן סדר:

א) די פּריווילעגיע פון זיגמונט אַוגוסט פון 24.4 1570 אין דער פראַגע פון באַפרייען פון צאָל די יידן און קאַראַימער אין לויצק.

ב) באַשטעטיקונג פון דער פּריווילעגיע דורך סטעפאַן באַטאָרי אין לוואָוו, דעם 17.6 1578.

ג) דעם הסכם פון ביידע קהילות מיט דער שטאָט פון יאָר 1560, אַקצעפּטירט דורך סטעפאַן באַטאָרי אויפן סיים אין וואַרשע, דעם 3.1 1580.

ד) סטעפאַן באַטאָרי באַשטעטיקט די פּריווילעגיע פאַר די יידן אין פוילן פון יאָר 1453.

ה) פּריווילעגיע פון סטעפאַן באַטאָרי פון 23.5 1576.

ו) זיגמונט דער דריטער באַשטעטיקט דעם 8.1 1588 די פּריווילעגיע א—ה.

ז) באַשטעטיקונג פון די פּריווילעגיעס א—ו דורך וולאַדיסלאַוו דעם פערטן פון 4.2 1633.

דעם 16.8.1691 באַשטעטיקט דער קעניג קאַזשימיעזש די אַלע (א—ז) פּריווילעגיעס.

אויסער דעם חורבן, וואָס ס'האָבן געמאַכט די באַנדעס פון כמיעלניצקין, האָבן די יידן אין לויצק, נאָכן יאָר 1648, נאָך געליטן פון איבערפאַלן פונעם פּוילישן מיליטער און פון פרעמדע, וואָס זענען דורכגעפאָרן לויצק. באַזונדערס איז חרוב געוואָרן דער האַנדל און די יידישע הייזער, צוליבן איינקוואַרטירן אין זיי זעלנער — וואָס האָט געדויערט ביזן יאָר 1656. אין שייכות מיט די דאָזיקע ליידן, האָבן אין יאָר 1653 די יידן זיך באַקלאָגט אויף דער נישט־גערעכטער לאָקאַציע פון די זעלנער, וואָס דער שטאָטראַט האָט אַדורכגעפירט.

באַגלייך מיט דעם האָבן זיי געבעטן דעם אַדמיניסטראַטאָר פון סטאַראָסטע, מען זאָל זיי, אין אָנבליק פון דער עקאָנאָמישער פאַראָרעמונג און דעם מאַנגל אין שוסטער, וועלכע זענען געשטאָרבן אין דער מגפה, וואָס האָט געהאַט אויסגעבראָכן אין יענע יאָרן, דערלויבן אויסצואַרבעטן און פאַרקויפן שיך אין שטאָט. דער אַדמיניסטראַטאָר איז גרייט געווען אַנטקעגנצוקומען זייער בקשה, אָבער די קריסטלעכע בעלי־מלאכות האָבן זיך קעגנגעשטעלט און געפאָדערט מקיים צו זיין די פּריווילעגיע פונעם שניידער־ און קירזשנער־צעך, לויט וועלכע ס'איז פאַרבאָטן די אָרטיקע יידן צו פירן אַ האַנדל צום שאָדן די בעל־מלאכות. אויך די צעכן פון די קצבים און שוסטערס האָבן געטענהט, אַז לויט זייערע עקזיסטענץ־שריפטן איז פאַרבאָטן די יידן אַריינצוברענגען לעדער און שיך פון אַנדערע שטעט, זיי איז בלויז דערלויבט צו האַלטן צוויי קראָמען און דאָרט פאַרקויפן שיך.

טראָץ דעם שווערן קאַמף מיט די שטאָטלייט און האַנטווערקער, האָבן די יידן איינגעהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן. יידישע בעל־מלאכות האָבן זיך דעראָבערט אַ קליינטעלע צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און קריסטלעכע לערניינגלעך האָבן ליבערשט געוואָלט אַרבעטן ביי יידישע האַנטווערקער. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז דער וואָלינער סיימיק האָט אויף זיין סעסיע דעם 3־טן דעצעמבער 1680 באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן פירפאַכיק דעם קאָפּשטייער, כדי אַזוי אַרום אויסצומיידן, אַז געזעלן — מענער און פרויען — זאָלן גערנער דינען ביי יידן צוליבן העכערן געהאַלט ביי זיי. ביי אַזאַ מצב האָבן די שטאָטלייט געליטן צוליבן מאַנגל פון לוין־אַרבעטער ביי זיי.

אויסער דעם איז נישט איבערגעריסן געוואָרן דער קאַמף מיט די שטאָטלייט, וואָס האָבן אויף די יידן אַרויפגעלייגט די לאַסט פון אויסגאַבן פאַר דער שטאָט און פלעגן די דורך לויצק פאַרבייפאָרנדיקע מיליטערישע איינהייטן ריכטן דווקא אין יידישן קוואַרטאַל — אַ זאַך, וואָס האָט שטאַרק געדריקט די יידן.

אויף דעם באָדן איז אין יאָר 1656 דערגאַנגען צו אַ סכסוך. אויף דער ווענדונג פון די יידישע פּרנסים און קאַראַימער האָבן די שליחים פון לויצקער סטאַראָסטע, שטשענסני זבאָזשני לושטשעווסקי און יעזשי גאָדלעווסקי, נישט האָבנדיק קיין צייט צו פאָרשן דעם ענין, אַרויסגעגעבן דעם 20־טן יוני אַ פאַראָרדענונג דעם לויצקער בורגראַף ער זאָל נישט דערלויבן אונטערדריקן די יידן. די פּרנסים פון דער יידישער קהילה און די קאַראַימער האָבן אויך דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אויף דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואָס ברעכט די קעניגלעכע פּריווילעגיעס און פאָדערט, אין קעגנזאַץ צו זיי, פון די יידן און קאַראַימער צו צאָלן אַ העלפט פון אַלע שטייערן און באַשטייערונגען. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָנקלאַגע, האָט דער אַדמיניסטראַטאָר זדזשיסלאַוו זאַמאָיסקי, אין דער אָפּוועזנהייט פון סטאַראָסטע יעזשי דימיטרי קאָריבוט, אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, אַז די יידן און קאַראַימער דאַרפן צאָלן נישט אַ העלפט, נאָר אַ דריטל פון אַלע שטייערן, באַשטייערונגען און שטאָטישע אויסגאַבן, ווייל זיי בילדן נאָר אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג.

דעם 14־טן סעפּטעמבער 1656 האָט דער קעניג יאַן קאַזשימיעזש באַשטעטיקט דעם דעקרעט וועגן האַנדל מיט לעדער און שיך און אויך פאַרלייכטערונגען אין צאָלן שטייערן. אין דער לוסטראַציע אין די יאָרן 1660—1663 זענען געווען בלויז 40 פאַמיליעס פון יידן און קאַראַימער. די צאָל נפשות פון דער יידישער און קאַראַימער באַפעלקערונג איז דערגאַנגען ביז 200. אין שטאָט האָבן זיך געפונען אין יידישע הענט 19 קראָמען געדונגענע ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פאַר וועלכע עס איז געצאָלט געוואָרן קנאַפּע 15 זלאָטעס. די יידן האָבן פאָרגעשטעלט די לוסטראַטאָרן אַלע זייערע פּריווילעגיעס און באַקומען די באַשטעטיקונג. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי איבערגעגעבן זייערע אָנקלאַגעס אויף דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין דער פראַגע פון איינאָרדענען זעלנער, קאָנטראָלירן די חשבונות פון דער שטאָט און די אייגנטימער־רעכט אויף דריי קראָמען אין רינג פון דער שטאָט. די לוסטראַטאָרן האָבן אָנערקענט די גערעכטיקייט פון זייערע פאָדערונגען און געפּסקנט, אַז די יידן דאַרפן:

א) צאָלן בלויז אַ דריטל פון די שטאָטישע שטייער־לאַסטן;
ב) מען דאַרף זיי דערלויבן זען און קאָנטראָלירן די חשבונות פון דער שטאָט; ג) זיי איז דערלויבט צו האַלטן דריי קראָמען אין רינג פון דער שטאָט און ד) מען דאַרף זיי אומקערן די אויסגאַבן פון אויסהאַלטן 60 פערד פון די קאָזאַקן אין יאָר 1661, וואָס די שטאָט האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו דעקן.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן איז נאָך אַלץ נישט פאַרבעסערט געוואָרן, ווי דאָס דרינגט אַרויס פונעם באַשלוס פון סיימיק, דעם 30.1.1662, לויט וועלכן מען דאַרף נישט איינקאַ־

סירן קיין שטייערן ביי די יידן אויסער דעם געטראַנק־שטייער.

די יידישע באַפעלקערונג איז נאָך נישט דערגאַנגען צום פאַרנעם פון פאַרן יאָר 1648. דער פּראָצעס פון וווּקס איז אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט געגאַנגען לאַנגזאַם פאָרויס אין די יאָרן 1677—1679. עס איז נישט פאָרגעקומען קיין שום ענדערונג אין שטח. די צאָל יידן איז געווען 193, פון די קאַראַימער 16 נפשות און אין דערעזשנע זענען געווען 6 יידן און קאַראַימער.

די שוועריקייטן און דער קאַמף מיט די שטאָטלייט און באַזונדערס מיט די האַנטווערקער־צעכן האָבן נישט אָפּגעהאַלטן די יידן אין לויצק צו פאַרנעמען זייערע פּאָזיציעס אין דערווירטשאַפט. יעדער צד, די שטאָטלייט און די יידן, קומען מיט אָנקלאַגעס אין פּאַלאַץ. אַזוי דערלאַנגען, דעם 15־טן מאַי 1676, די פאָרשטייער פון קהילה — יהודה נאָוואַקאָוויטש, אברהם יודאָוויטש, לעמל יוזאָוויטש, לייזער יודאָוויטש, מלך יקותיאל יודאָוויטש, שמואל נעקילאָוויטש, יוסף מאָשקאָוויטש און מאַרעק יאַקובאָוויטש — אַ שאַרפע אָנקלאַגע קעגן די שטאָטלייט.

אויסער דעם אַרענדירן דעם צאָל און די קעניגלעכע איינקונפטן, האָבן אין זייערע הענט זיך געפונען כמעט דער גאַנצער האַנדל מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, פי, פערד. זיי האָבן אין זייערע הענט אויך קאָנצענטרירט די פּראָדוקציע פון די קריסטלעכע האַנטווערקער, שניידער, שוסטער, רימער, שלייפער, קירזשנער און היטלמאַכער, וואָס די לויצקער סוחרים פלעגן ברענגען אויף די יאַרידן.

אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן האָט זיך פאַרנומען מיט מלאכה. אין יענער תקופה זענען, אויסער די פאַראיינען פון שניידערס און קירזשנערס, אויך געווען אַנדערע יידישע האַנטווערקער־פאַראיינען, ווי: וועבער, קצבים. בעלי־מלאכות פאַרנעמען זיך מיט האַנדל פון זייערע אויסאַרבעטונגען, און דאָס איז די וויכטיקסטע סיבה פאַר סיכסוכים מיט די קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן.

2

די קהילה־אָרגאַניזאַציע און דער אַנטייל פון לויצק אין די אַנשטאַלטן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע

נאָך פאַר די גזירות ת״ח—ת״ט איז די מדינה וואָלין „שטענדיק געווען אַ לאַנד געבענטשט מיט תורה און חכמה און גוט־האַרציקייט נאָך פון די פריע צייטן, אַזוי ווי די איבעריקע לענדער און מדינות פוילן. די פיר עלטסטע באַוווּסטע קהילות אירע לודמיר, אָסטרע, קרעמעניץ, לויצק, זענען שטענדיק געווען אַ משכן פאַר גרויסע ראשי־ישיבות און גאוני־עולם, וואָס האָבן געטראָגן די קרוין פון רבנות פון אייביק און ביז לעצטנס, און זיי האָבן געהאַט אַן אייגענעם בית־וועד ווי די אַנדערע לענדער פון פוילן, וועלכע מען האָט גערופן „ועד דראשי קהילות דגליל וואָלין״.

הגם אין וואָלין איז נישט געווען קיין רב כולל אויף דער גאַנצער מדינה, ווי די רבנים פון קראָקע, פּויזן און לוואָוו — און די רבנים פון די פיר הויפּט־קהילות אין וואָלין זענען נישט געווען אונטערגעאָרדנט איינער דעם צווייטן, איז דאָך לודמיר שטענדיק באַטראַכט געוואָרן פאַר די ערשטע קהילה פון די פיר אויבנדערמאָנטע הויפּט־קהילות, ווי עס גיט אונדז איבער ר׳ יומטוב ליפּמאַן העלער אין זיין „מגילת איבה״; דערנאָך איז אָסטרע געוואָרן די הויפּט־קהילה אין וואָלינער קרייז.

אין קעגנזאַץ צו דער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע אין די איבעריקע טיילן פון פוילן, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון דער קהילה פּליוס דעם ועד הגליל והמדינה פון ועד־ארבע־ארצות, האָט עס זיך אין וואָלין אויסגעקריסטאַליזירט אין פיר אינסטאַנצן: קהילה; קליינע קהילות, וואָס זענען נישט געווען איינגעשלאָסן אינעם ועד הגליל, נאָר דירעקט אונטערגעאָרדנט די גרויסע קהילות; דער ועד הגליל, אין וועלכן עס זענען געווען רעפּרעזענטירט בלויז די גרויסע קהילות — אָסטרע, לודמיר, קרעמעניץ און לויצק; ועד־ארבע־ארצות. מיט דער צייט זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער אונטערגעאָרדנטקייט פון קליינע קהילות צו גרויסע, און אַ טייל פון זיי האָבן זיך באַפרייט פון דער אָפּהענגיקייט און זיך פּראָקלאַמירט אַלס זעלבשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע קהילות און זענען רעגיסטרירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן בויגן פאַר קאָפּ־שטייער.

אין משך פון זיבעצנטן יאָרהונדערט האָבן די גרויסע קהילות צוזאַמען מיט די זיי אונטערגעאָרדנטע קליינע קהילות געשאַפן זייער ועד־הגליל.

צווישן די דאָזיקע קהילות איז לויצק געווען פון די ערשטע און האָט זוכה געווען צו פאַרנעמען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אינעם וועד מדינת־וואָלין. זי האָט דעלעגירט אירע פאָרשטייער צו די זיצונגען פון מדינת־וואָלין. אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע קהילות, וואָס פלעגן צוזאַמען מיט די צו זיי אָנגעשלאָסענע קהילות אויפשטעלן זייערע וועדים, איז לויצק געבליבן אין די ראַמען פון מדינת־וואָלין און האָט אויפגעהאַלטן איר סטאַבילקייט, הגם אויך צו איר זענען געווען אָנגעשלאָסן אַ צאָל קהילות.

פון די באַראַטונגען פונעם וואָלינער ועד המדינה, צו וועלכע עס פלעגן געשיקט ווערן קאָמיסאַרן אין נאָמען פון מלך, זענען באַזונדערס באַוווּסט דער צוזאַמענקום אין האָראָכאָוו אין יאָר 1700, ווו עס זענען באַהאַנדלט און אויסגעגלייכט געוואָרן די סיכסוכים צווישן די גרויסע און קליינע קהילות: אין יאָר 1703 אין אָליק און דערנאָך, אין יאָר 1720 — אין בערעסטעטשקאָ און קאָזין, אין יאָר 1758 — אין ראַכמאַנאָוו, אין דער פראַגע פון די הוצאות פון נאמני־הגליל וואָלין, אין ענינים פון יידן אָסטרע און לויצק, און דאָס רעגולירן די חובות פון קרייז; אין 1758 — אין קאָרעץ.

אין יאָר 1703 באַקלאָגן זיך לויצק און אַנדערע קהילות אין וואָלין, אויפן הויפּט־סופר און די פרנסים פון ועד־ארבע־ארצות, אַז זיי האַלטן נישט אָפּ קיין זיצונגען פון קרייז־קאָמיטעט אין אָליק. אין די הענט פון די קהילות אָליק, לויצק, לודמיר, קרעמעניץ, וואָס האָבן געשאַפן דעם ועד־הגליל פון מדינת־וואָלין, געפינט זיך די פּריווילעגיע וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די קעניגן פון פוילן, לויט וועלכער עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ועד־המדינה אין אָליק, ביז דער פאַראָרדענונג צונויפצוזאַמלען דאָרט אַלע דריי יאָר די פרנסים פון אַלע קהילות אויף צו באַראַטן זיך אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

אויף אַ באַראַטונג פון ד׳ ארצות אין יאָר 1687 באַטייליקט זיך, מיט די פאָרשטייער פון וואָלין, ביים צעטיילן די שטייערן פון די קרייזן, אויך דער לויצקער פאָרשטייער, ר׳ צבי הירש פון לויצק.

טראָץ דעם וואָס די קהילות אינעם ועד־המדינה האָבן נישט

געלאָזט שיקן קיין דעלעגאַטן אָדער רבנים פון לויצק צו דער סעסיע פון ועד־ארבע־הארצות, האָבן אין די יאָרן 1640—1751 זיך באַטייליקט די קהילה־עלטסטע אין א ריי באַראַטונגען פון ועד־ארבע־הארצות. לויצקער ראשי־הקהל האָבן זיך באַטייליקט אין באַראַטונגען פון די עלטסטע פון די פיר הויפּט־קהילות אין וואָלינער קרייז, וואָס זענען איניציאירט געוואָרן דורכן גאון ר׳ יומטוב ליפּמאַן העלער, וועגן קויפן נאָמינאַציעס פאַר רבנים און קהילה־פרנסים. דער קאַמף קעגן קויפן נאָמינאַציעס אויף רב, וואָס איז אין יענער תקופה געוואָרן א שטייגער כמעט אין אלע קהילות, און קעגן דעם אויסנוצן די פארבינדונגען מיט די מאַכט־אָרגאַנען צו באַשטימען רבנים און פרנסים, איז דורכן גאון יומטוב ליפּמאַן העלער, וואָס איז אין די יאָרן 1634—1637 געוועזן רב אין לודמיר, אריבערגעטראָגן געוואָרן צום ועד המדינה פון וואָלין און צום ועד־ארבע־הארצות. „באַראַטנדיק זיך מיט דער ק״ק ווישניצע אין לויצקער קרייז, ווו עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פיר ראשי־הקהילות אין וואָלין: ק״ק לודמיר, אָסטרע, קרעמעניץ און לויצק, דעם 28־טן טאָג אין אייר. אויך דאָרט האָבן מיר אלע ראשי־ישיבות פון די פיר קהילות דערוואַכט, מיט די ראשי מדינות, משולחים, ווי ס׳פירט זיך, און באַנייט די תקנות פאַר די ד׳ ארצות און קהילות אויף אַן עפנטלעכער סעסיע״.

צו דעם צוזאַמענקום האָט גורם געווען דאָס באַשטימען (דורך קויפן אַ נאָמינאַציע) ר׳ יויזלען, א רייכן מאַן, אַלס ראש־ישיבה און אב־בית־דין פון דער קהילה לוקאַטש, אַ שטעטל וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער קהילה לודמיר. קעגן דער דאָזיקער נאָמינאַציע איז ר׳ יומטוב ליפּמאַן אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף. אויף דער באַראַטונג פון ועד ארצות אין ליבלין אין איפן יאריד קרעמעניץ — און דערנאָך אין אַנדערע קהילות — איז דערקלערט געוואָרן א חרם, לויט וועלכן די פרנסים פון לוקאַטש זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן גלייך אַראָפּצוזעצן דעם הרב יויזל. אין רעזולטאַט דערפון, האָבן די אָנהענגער פון הרב יויזל באַשלאָסן משפּיע צו זיין אויף די קהילות פון קרייז פאַר זיינעטוועגן. אונטער זייער איינפלוס האָבן די קהילות קרעמעניץ, אָסטרע, לויצק (יעדער באַזונדער) זיך געווענדעט אין ח׳דש אב 1640, צו דער לודמירער קהילה מיט א באַשולדיקונגס־בריוו אין דער פראַגע פון הרב יויזל און דער קעגנערשאַפט פון הרב העלער. אין זייערע בריוו האָבן זיי אונטערגעשטראָכן, אַז הרב יויזל טענהט, אַז הרב העלער באַציט זיך צו אים מיט שנאה און דעריבער קאָן ער נישט אורטיילן אין זיין פראַגע.

צום עצם ענין איז די מיינונג פון דער לויצקער קהילה, אַז מען קאָן נישט פּלוצעם אַראָפּזעצן דעם הרב יויזל, נאָר מען דאַרף אים לאָזן אויף דעם כסא־הרבנות נאָך אַ האַלב יאָר, כדי איינשטילן דאָס מחלוקת. די מנהיגים פון די קהילות, אַריינגערעכנט לויצק, האָבן אין קעגנזאַץ צום באַשלוס פון קרייז־קאָמיטעט, מסכים געווען אויף „די רבנות פון הרב יויזלען ביז נאָך אַ האַלב יאָר״. אויף דעם בריוו האָט הרב העלער געענטפערט שאַרף און מיט גרויס צופרידנקייט צו וויסן געגעבן, אַז אין ו׳ כסלו ת״א (1640), האָבן זיך צונויפגעזאַמלט 20 מענטשן פון ק״ק לוקאטש און אויסגעקליבן אַן אַנדערן רב — דער אב״ד צויזמער, ר׳ שלמה בן נטע שפירא פון קראָקע.

פון די באַראַטונגען פונעם וואָלינער גליל, אויף וועלכע ס׳איז באַהאַנדלט געוואָרן די שטייערן־פאַרטיילונג, איז באַקאַנט די וואָס איז פאַרגעקומען אין האָראָכאָוו, אין יאָר 1700, אויף וועלכער ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די פאַרטיילונג פון קאָפּ־שטייער פאַר לויצק און די אָנגעשלאָסענע קהילות אויף אַ סומע פון 4,405 זלאָטעס. אין יאָר 1717 האָט די לויצקער קהילה מיט די אין איר אָנגעשלאָסענע קהילות געצאָלט קאָפּ־שטייער אַ סומע פון 3,533 זלאָטעס. אין יאָר 1719 איז אויף דער לויצקער קהילה און אירע אָפּטיילונגען (אויסער קלעוואַן), אַרויפגעלייגט געוואָרן די סומע פון 865.20 זלאָטעס, און אויף די קאַראַימער אין לויצק — 180 זלאָטעס. געחתמעט האָבן: „די מנהיגים פון לויצק שמעל (שמערל?) בן ברוך, דוד בן יוסף קאַפּיל, דוד בן יצחק, צבי הירש בן שלמה גרשון ומשה, משולח פון אונדזער קהילה און פון קרייז.״

אויף דער פאַרטיילונג פאַרן יאָר 1772, וואָס איז באַשטימט געוואָרן, אין כ״ד מנחם תפ״א, אויף אַ סומע פון 3041 זלאָטעס פאַר לויצק און דעם קרייז, איז פון דעם חל געווען אויף דער לויצקער קהילה 412 זל. און אויף די קאַראַימער 80 זל. די רשימה פונעם קאָפּ־שטייער האָבן געחתמעט די מנהיגים פון דער ק״ק לויצק — יוסף בן משה, דוד בן יוסף קאַפּיל און דוד בן יצחק.

אין יאָר 1723 האָט לויצק מיט אירע פיליאַל־קהילות באַצאָלט 1067 זלאָטעס 23 גראָשן און אין יאָר 1724 — 3757 זל. אויף דער דאָזיקער פאַרטיילונג האָבן זיך אונטערגעשריבן דוד בן יוסף קאַפּיל, וואָס האָט זיך אויך געחתמעט אין יאָר 1719, אין יאָר 1722, און יוסף הכהן ראַפּאָפּאָרט.

אין יאָר 1728 איז אויף גאַנץ וואָלין אַרויפגעלייגט געוואָרן צו באַצאָלן 27,219 זלאָטעס. דערפון אויף לויצק און אירע פיליאַל־קהילות 4,244 זלאָטעס. אין יאָר 1730 איז פאַר גאַנץ וואָלין באַשטימט געוואָרדן פאַרן יאָר 1731 די סומע פון 31,860 זלאָטעס, דערפון פאַר לויצק און אירע אָפּטיילונגען — 3,587 זלאָטעס. אויפן פּאַפּיר פון דער שטייערן־פאַרטיילונג האָט געחתמעט אברהם השני פון קראָקע. אויף דער פאַרטיילונג פאַרן יאָר 1733 האָבן געחתמעט דוד בן יצחק, באַוווּסט אונדז נאָך פון דער פאַרטיילונג אין די יאָרן 1719 און 1722, און יוסף בן שלמה קאַלצינסקי. אין יאָר 1735 איז די פאַרטיילונג באַשטימט געוואָרן אויף דער באַראַטונג אין ח׳ אלול תצ״ה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין טאַרגאָוויצע. געחתמעט האָבן די משולחים: חיים בן משה, יעקב בן משה, חיים בן משה און יוקיל בן משה.

אויף דער פאַרטיילונג פאַרן יאָר 1737 האָבן געחתמעט שמעיה בן ברוך און משה בן עקיבא. פאַרן יאָר 1738 איז אויף לויצק און אירע סניפים אַרויפגעלייגט געוואָרן די סומע פון 4,546 זלאָטעס, און אויף די קאַראַימער אין לויצק — 240 זל.

אָבער אויף דער "connotacya״ געחתמעט דורך חיים בן משה און יוקיל בן משה, באַוווּסטע פון דער באַראַטונג אין טאַרגאָוויצע אין יאָר 1735, שמעון בן ניסן (נאַסימאָוויטש), נטע(?) בן חיים (כאַימאָוויטש), איז אָנגעמערקט די סומע פון 4,104 זלאָטעס פאַר לויצק און אירע סניפים, און 130 זלאָטעס פאַר די קאַראַימער.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פונאַנדערטיילן דעם קאָפּ־שטייער פאַר די יאָרן 1762/1763 און 1763/1764, איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט בנוגע דעם חשבון פון די אויסגאַבן, וועלכן ס׳האָט דערלאַנגט דער פרנס פון דד״א, ר׳ מאיר בן יואל פון דובנע. דער דאָזיקער ענין איז געבראַכט געוואָרן צו באַהאַנדלען פאַר

„די 24 אויסדערוויילטע פונעם רבנים־משפט, גרויסע גייסטער און באַרימטע נגידים", אויף דער באַראַטונג אין בראָדי דעם 21־טן טאָג אין אייר תקכ"ו (1766).

נאָכן אויסהאָרכן די טענות פון אַלע צדדים — אַריינגערעכנט די טענות פון די קהילות אָסטרע און לויצק, אַז זיי צאָלן די סאַמע גרעסטע סומען שטייערן אין דער מדינה־וואָלין, און זיי זענען אפילו נישט גערופן געוואָרן אונטערצוחתמענען זיך אויף דער חלוקה, — איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ פסק־דין, לויט וועלכן די זעקס קהילות אין וואָלין דאַרפן צאָלן די סומע פון 710 זלאָטעס, וואָס פעלן צו צו די 10,000 זלאָטעס „וואָס קומט אין באַטראַכט פון צוויי חלוקות פון וואָלינער קרייז" (1763, 1764), די פאַרטיילונג איז פאָלגנדיקע: אָסטרע און דער גליל — 200 זלאָטעס, קרעמעניץ און דער גליל — 105 זלאָטעס, קאָוועל און דער גליל — 100 זלאָטעס, דובנע און דער גליל — 100 זלאָטעס, לודמיר און דער גליל — 105 זלאָטעס, לויצק און דער גליל — 100 זלאָטעס.

אויסער דעם האָבן די קהילות באַדאַרפט דעקן די אויסגאַבן פונעם משפט אין דער הייך פון 280 זלאָטעס. אויפן חלק פון לויצק איז אויסגעפאַלן 46 זלאָטעס און 20 גראָשן.

אין דער פאַרטיילונג פאַרן יאָר 1762/1763, איז אויף לויצק אַרויפגעלייגט געוואָרן די סומע פון 250 זלאָטעס, און פאַרן יאָר 1763/1764 — 250 זלאָטעס.

פאַר דער לויצקער קהילה האָבן געחתמעט ר' אברהם און ר' נטע פון לויצק.

די שטייערן, באַשטייערונגען און פיל פינאַנסיעלע התחייבותן, וואָס האָבן געלאַסטעט אויף די קהילות אין פוילן און ליטע, האָבן זיי געצוואונגען צו נעמען הלוואות. מערסטנס האָבן די קהילות גענומען לאַנגטערמיניגע הלוואות פון די קלויסטערס, מאָנאַסטירן און אַדל־לייט, צאָלנדיק פון $3\frac{1}{2}$ ביז 7 פּראָצענט.

נאָכן אויפלייזן דעם ועד־ארבע־הארצות (1764), איז דורך דער רעגירונג געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע ליקווידיר־קאָמיסיע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו ליקווידירן די חובות פון די יידישע אויטאָנאָמיע־אינסטיטוציעס.

אויך די קהילות פון וואָלין זענען געווען באַלעסטיקט מיט חובות, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט.

די לויצקער קהילה איז נאָך פון זיבעצנטן יאָרהונדערט שולדיק געווען פאַרשידענע מאָנאַסטירן און קלויסטערס — די דאָמיניקאַנער אין לויצק, דעם גלח מאמאָוויטש, דעם שטעטל טאַרגאָוויצע, די קאַרמעליטן אין לויצק, די וויקאַרן פון די באַזיליאַנער, דעם מאָנאַסטיר פון די בריגידיטן אין לויצק, דער אָנפירונג פון דער אוניטאַרער קירכע אין לויצק, די בערנאַרדינער אין לויצק, דער קאַטוילישער קירכע אין דובנע, אין קלעוואַן, אין דאָרף סקורג, אלוקאַוו און דעם גוטבאַזיצער זאַגורסקי — באַדייטנדיקע סומען אין דער הייך פון 121,400 פּוילישע זלאָטעס.

נאָכן פונאַנדערטיילן פוילן האָט רוסלאַנד גענומען אויף זיך צו רעגולירן די חובות פון די קהילות אין די פּוילישע געביטן. לויצק האָט נישט באַצאָלט דעם קאַפּיטאַל און אויך נישט דעם פּראָצענט.

אין יאָר 1822 האָט לויצק אָפּגעלייקנט אירע חובות. אין יאָר 1830 האָט דאָס רוסישע פינאַנס־מיניסטעריום געפאָדערט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין לויצק אויסצוגעפינען אין געריכט די אָריגינעלע דאָקומענטן, אויפן סמך פון וועלכע מען זאָל קאָנען באַווייזן די יורידישע רעכט אויפצומאָנען די איינצאָלונגען פון פּראָצענט און קאַפּיטאַל. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אויפגעזוכט עטלעכע דאָקומענטן און זיי געשיקט אין פינאַנס־מיניסטעריום.

דער ענין האָט זיך פאַרצויגן, און נאָך אין יאָר 1858 האָט אַ רעגירונגס־קאָמיסיע זיך באַשעפטיקט מיטן ליקווידירן די חובות, וואָס זענען געצאָלט געוואָרן דורך די קהילות פון די הכנסות פון דער „קאָראָבקע".

אין דער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט דערשיינט אויף די באַראַטונגען פון ועד ארבע ארצות דער ראש פון דער לויצקער קהילה ר' דוד בן יחיאל, וואָס איז אויך דער מנהיג פון גאַנצן וואָלינער קרייז. צוזאַמען מיט די מנהיגים פון אַנדערע קהילות אין פוילן, טרעט ער אויף אין יאָר 1656 פאַר דעם קעניגלעכן אַמט, צו פאַרשרייבן אין די ביכער פון דער מלוכה־שער מעטריקע אַ פאַרפליכטיקונגס־וועקסל, וואָס זיי האָבן באַקומען פון קאַזימיר בוואָלקאָווסקי.

אויף דער באַראַטונג פון ד' ארצות אין יאָר 1673 האָבן אויף דער התחייבות צו באַצאָלן דעם חוב, וואָס קומט צו געאָרג מילטנער פאָן פילטענבערג, ווי אויך אויף דער באַשטעטיקונג צו דרוקן דעם תנ"ך אין יידיש און די אַנטשיידונג אינעם סיכסוך טיקטין־גראַדנע, אונטערגעשריבן — ר' אברהם בן יהודה לייב פון לויצק, וואָס איז געווען איינער פון די מדינה־עלטסטע פון אַלע יידן אין אַלע פיר לענדער פון פוילישן קעניגרייך. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער באַראַטונג פון ד' ארצות אין יאָר 1680. אין דער באַראַטונג האָט זיך אויך באַטייליקט ר' ישראל בן שמואל פון טאַרנאָפּאָל, וועלכער וווינט אין דער הייליקער קהילה לויצק. ער איז אויך אונטערגעשריבן אויפן חיבור פונעם דרשן יהודה לייב בן יוסף פון פינסק.

אין יאָר תל"ח (1678) האָט ער אויך געחתמעט דעם חוב־וועקסל צו מילטנער פאָן מילטענבערג אין ברעסלאו מיט זיין פולן טיטול „איך ישראל בן שמואל פון טאַרנאָפּאָל, הויפּט־אויפזעער איבער גאַנץ ישראל בכלל, און בפרט איבערן גאַנצן מלכות־פוילן, און דער פרנס פונעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען אין לובלין". ווען ער איז געווען דער אב־בית־דין אין לודמיר, זענען אים די לודמירער יידן שולדיק געווען אין יאָר 1671 אַ סומע פון 1,200 זלאָטעס.

אויך אין יאָר 1683 האָט ער זיך באַטייליקט אין די באַראַטונגען און געחתמעט די הסכמה אויפן בוך פון יואל נכד הרב, דער בעל טורי־זהב „חונה אין ק"ק לויצק". אין יאָר תמ"ז (1687) האָט ער זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג פון ד' ארצות, ווו מען האָט באַהאַנדלט די שטייערן־פאַרטיילונג צווישן פאַרשידענע קרייזן. צו די פאַרשטייער פון וואָלינער קרייז האָבן געהערט: ר' צבי הירש פון לויצק, ר' וואָלף ברב אברהם פון לודמיר, ר' שמעלקע פון אָסטרע, ר' יצחק בן עוזר פון קרעמעניץ. „די דאָזיקע פיר זענען עס געווען די עלטסטע פון קרייז וואָלין".

אין די יאָרן 1689—1691 האָט אין דער זיצונג פון ועד־ארבע־הארצות זיך באַטייליקט ר' יואל בן יצחק אייזיק האַלפּערין. ער האָט זיך אונטערגעשריבן אויפן ספר „בית הלוי" פון הלל נפתלי הירץ, רב אין זשולקווע, און אויפן בוך „כתונת

פסים״ פונעם דרשן ר׳ יוסף בן משה, און אויך אין דער פראַגע פונעם סכסוך צווישן די קהילות טיקטין און מעלניק.

אין יאָר 1697 האָט זיך באַטייליקט ישעיה בן משה, אין יאָר 1699 — ר׳ מרדכי פון לויצק.

ביזן יאָר 1728 באַטייליקן זיך נישט קיין לויצקער פאָרשטייער אין די סעסיעס פון ועד־ארבע־הארצות. בלויז אין יאָר 1728 האָט אויפן טויש־בריוו וועגן קאָפּ־שטייער זיך אונטערגעשריבן ר׳ יהודה לייב בן נח פון לויצק.

אין יאָר 1751 האָט דער לויצקער רב ר׳ אריה לייב, מחבר פון „כוכבי יעקב״, אונטערגעשריבן אַן אויפרוף, אין וועלכן ס׳וועדט געפאָדערט „נישט צו געבן קיין שום שטימע קעגן גאון יהונתן אייבעשיץ״ און אויך אין יאָר 1755 אין דער פראַגע פון די יורשים פון דרוקער שלמה פראָפּעס כ״ץ.

אָבער אין יאָר 1764, נאָכן ליקווידירן דעם ועד־ארבע־ארצות און די ועדי־המדינות, האָט די קהילה לויצק אין וואָלין פאַרנומען דאָס הויפּט־אָרט. דורך איר פאַרמיטלונג און אין אירע הענט האָבן אַלע קהילות אין וואָלין געצאָלט דעם קאָפּ־שטייער פון זייערע איינוווינער, לויט דער פּראָקלאַמאַציע פון פינאַנס־מיניסטעריום פון 2־טן פעברואר 1766. די ועדי־הגלילות טראָץ זייער אויפלייזונג, האָבן נישט אָפּגעשטעלט זייער טעטיקייט ביז דער פונאַנדערטיילונג פון פוילן.

3

פונעם קהילה־לעבן

אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט איז די לויצקער קהילה געווען אַ פאַרפעסטיקטע, מיט צדקה־אינסטיטוציעס, אַ בית־מדרש און אַ גרויסע ישיבה, געגרינדעט נאָך אין דער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווו עס האָבן געלערנט ראשי־מתיבתא, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַן אוצר פון תורה־וויסן און צוגעצויגן תלמידים פון גאַנץ וואָלין און אויסער איר. דער יידישער ישוב האָט צאָלמעסיק געהאַלטן אין איין וואַקסן.

די געשפּאַנטע באַציונגען צווישן די שטאָטלייט און די יידן זינט דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט זענען אַלץ בולטער געוואָרן אין אַכצנטן יאָרהונדערט, צוליבן פאַרגרעסערן זיך פונעם יידישן ישוב און זיין שטאַרקן זיך אין האַנדל, מלאכה און קאָמוניקאַציע.

אין דער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט זענען באַוווּסט געווען די לויצקער יידישע בעלי־עגלות, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט אויך די פינאַנס־אָרגאַנען, שיקנדיק מיט זיי ווערטפּאַפּירן פון וואַרשע קיין וואָלין, און מיטן פולסטן צוטרוי זיך באַציִיגן צו זיי.

די שטאָטלייט קלאָגן זיך, אַז זיי ווערן באַעוולהט אין זייערע פּריווילעגיעס צוליב די יידן, וועלכע אַרענדירן שענקען, ברויערייען און גאָזשעלניעס, וואָס דאָס האָט געהערט צו די צעכן. אין זייערע אָנקלאַגעס צו די קאָמיסיעס פון די לוסטראַטאָרן שטרייכן זיי אונטער ביי יעדער געלעגנהייט, אַז גאַנצע האַנדלס־צווייגן זענען קאָנצענטרירט אין די הענט פון יידן, וועלכע גיבן נישט די שטאָטלייט קיין דריסת־הרגל אין די דאָזיקע געביטן, באַזונדערס אין האַנדל מיט האָלץ, היי, שפּייז, רינדער, פערד און פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען.

אין איינע פון די אָנקלאַגעס צו דער לוסטראַטאָרן־קאָמיסיע אין יאָר 1787 ווערט געזאָגט:

„די יידן האָבן זיך דרייפאַכיק פאַרמערט פון די קאַטאָליקן, זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, האַלטן אין זייערע הענט אַלע מסחרים, רעסטאָראַנען, פאַרנעמען זיך מיט אַלע מלאכות, אונטערליגן נישט די באַשטייערונגען פון די צעכן, האָבן פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מאַרק און אויפגעבויט אַנדערע הייזער, זיך צוגעשאַרט צום שעכטהויז, נעמען זיך צום אַרענדירן בראָנפן, וויין, ענגליש ביר, פאָדערן דערפאַר כל־מיני אָפּצאָלונגען, קויפן האָלץ אין הורט און דעטייל, שטרוי און היי, כלערליי עסנוואַרג, גיבן נישט די שטאָטלייט די רעכט צו האַלטן רעסטאָראַנען, דרייען זיך אַרויס פון אויסהאַלטן פאַרביימאַרשירנדיק און סטאַביל מיליטער פון די זעלנערישע וואָכן.״

אויף דעם געביט פאַרפלייצן די שטאָטלייט די מאַכט־אָרגאַנען און אפילו דעם סיים מיט מעמאָריאַלן, און אין סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט נעמען זיי צו הילף אַנדערע שטעט פון פוילן קעגן די יידן. אין קעגנזאַץ צו די יידן אין פּריוואַטע שטעט, וואָס האָבן פון צייט צו צייט געפונען שוץ, אָנשפּאַר און הילף קעגן די שטאָטלייט ביי די בעלי־בתים פון שטאָט, זענען די יידן פון לויצק, אַלס אַ קעניגלעכע שטאָט, געווען אָן שום אַפּוטרופּסות און שוץ פאַר זייערע אינטערעסן.

אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט איז ווידער געפאַלן אַ פחד אויף די איינוווינער פון וואָלין צוליבן אויסברוך פון דעם קאָזאַקן־בונט אונטער דער אָנפירונג פון סעמענס און פאַלין, וואָס האָבן געהעצט די דאָרפסלייט קעגן דער פוילישער מאַכט, אירע באַאַמטע, אַדל־לייט און יידן. פון דער מערב־זייט פון דניעפּער האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן און פּאָדאָליע און וואָלין.

אין יאָר 1702 האָבן זייערע באַנדעס זיך אַריינגעריסן אין דער סביבה פון קרעמעניץ און שווערע שאָדנס געבראַכט די יידישע ישובים. די פּוילישע באַפעלקערונג אין וואָלין האָט זיך געגרייט צו אַ פאַרטיידיקונגס־אַקציע. אין נאָוועמבער 1702 האָט דער סיימיק באַשלאָסן צו מאָביליזירן אין דער וואָיעווודזטווע וואַכלייט קעגן די קאָזאַקן און אויך אויף די יידן אין קאַראַימער אין די קעניגלעכע און אַלגעמיינע שטעט און אויף די גייסטלעכע אַרויפגעלייגט די פליכט צוצושטעלן פון יעדע 30 הייזער איין רייטער־זעלנער. דער דאָזיקער באַשלוס איז אויך חל געווען אויף די יידן פון לויצק. אין יאָר 1706 האָט וואָלין געליטן פונעם אַריינרייסן זיך פון די אַרמייען פון שוועדן, פוילן, רוסלאַנד, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט קאָנטריבוציעס אין געפאָדערט געלט און שפּייז.

אין יאָר 1724 איז אויסגעבראָכן אַ שריפה, וואָס האָט פאַרניכטעט אַ צאָל הייזער אויך אין יידישן קוואַרטאַל.

אין די יאָרן 1750—1764 איז איבער די יידישע שטעט פון וואָלין, בתוכם אויך לויצק, אַדורך אַ כוואַליע פון העצעס און עלילות. אין יענע יאָרן האָט אין דער וואָליבער דיעצעזיע אַמטירט דער בישאָף קאָביעלסקי, באַקאַנט מיט זיין שנאה צו יידן און מיט זיין מיסיאָנערישער טעטיקייט צווישן זיי. ער האָט אין די אים אונטערגעאָרדנטע שטעט איינגעאָרדנט דיספּוטן מיט יידישע פאָרשטייער. מיט זיינע פאַראָרדענונגען האָט ער אַרויסגערופן נגישות אויף די יידן אין אַזאַ מאָסשטאַב,

אַז די פאַרשטייער פון יידן האָבן זיך שריפטלעך געווענדעט צום פויפּסט.

רוים האָט באַפוילן דעם נונציוס אין וואַרשע אויסצופאָרשן וואָס עס קומט פאָר אין לויצקער עפּיסקאָפּאַט.

אינעם בריוו פון דעם נונציוס צום בישאָף קאַביעלסקי ווערט געזאָגט, אַז דער פויפּסט „האָט באַוויליקט די ביטע פון די יידן און אים (דעם נונציוס) איבערגעשיקט זייער בקשה, וואָס איז צוזאַמען מיט אַן אָנקלאָגע אים דערלאַנגט געוואָרן, אַז די נגישות און רדיפות וואָס האָבן באַזונדערס אַ פּלאַץ אין דער לויצקער עפּיסקאָפּאַט זיין ווילגעבוירנקייט, רופט אַרויס פיל שטוינונג." דער בישאָף קאַביעלסקי ווערט אויפגעפאָדערט, „אויב ווער פון די גייסטלעכע האָט געטאָן אַן עוולה די יידן, זאָל מען אים תיכף באַשטראָפן און שטעלן פאַר אַ געריכט", „כדי גלחים זאָל זיך נישט דערלויבן ווילקירלעכע מעשים און שנאה מצד דער נאַציע לגבי דעם דאָזיקן אומגליקלעכן פאָלק (יידן)."

וויזט אויס, אַז אויך אין לויצק האָט מען מורא געהאַט פאַר דער השפעה פון די פראַנקיסטן, און לויטן ביישפּיל פון די קהילות לעמבערג, בראָד און דובנע, איז אין יאָר 1756, אויך אין לויצק, אויסגערופן געוואָרן אַ חרם, לויטן נוסח פון די חרמס אין די אויבנדערמאָנטע קהילות.

סוף אַכצנטן יאָרהונדערט זענען אין לויצק געווען אַ פּאָר פאַלן, אַז עטלעכע יידישע פרויען האָבן זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט קריסטן, און יידן־משומדים — מיט קריס־טינס. אָבער די דאָזיקע געמישטע חתונות האָבן נישט מצליח געווען, ווי ס'איז צו זען פון די אַנאָנסן, וואָס זענען אין די יאָרן 1778—1791 דערשינען אין דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" און אין „דזשענניק האַנדלאָווי", אין וועלכע מען זוכט די מענער אָדער די פרויען. דאָס באַווייזט, אַז נאָך אַ קורצער צייט האָבן די יידישע משומדתטעס פאַרלאָזט זייערע מענער און — פאַר־קערט. אין אַזעלכע פאַלן אין לויצק זענען די יידישע פרויען וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע קריסטלעכע מענער, פאַרשוווּנדן צווישן די מאַסן יידן, און די מענער, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע קריסטלעכע פרויען, זענען אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד.

לויט די אַרויסזאָגונגען פון די צייטונגען איז די דאָזיקע „טראַגעדיע" געווען אַ רעזולטאַט פון די אונטערשידן אינעם לעבנס־שטייגער.

אין יאָר 1790 האָט פּאַסירט מיט אַ משומד אין לויצק אַזאַ פאַל. דער ייד הערשקאָ, וואָס האָט זיך געוואָלט שמדן, האָט צוזאַמען מיטן סטאָליער פון מאַנאַסטיר, פּיאָטר, געמאַכט אַן איינברוך אינעם טריניטאַרן־קלויסטער אין לויצק און פון דאָרט אַרויסגעגנבעט פאַרשיידענע חפצים. מען האָט אים גע־כאַפּט, נאָר נעמענדיק אין אַכט זיינע „אידעלע שטרעבונגען" (זיין ווילן זיך שמדן), איז ער באַשטראָפט געוואָרן בלויז מיט 150 מלקות אויפן שטאָטישן מאַרק און זיין פאַרמעגן, אין דער הייך פון 600 זלאָטעס, איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

אַ צווייטער משומד אין לויצק, וואָס האָט געגנבעט, איז געווען מאַרקאָווסקי.

פון אַ שווערער עלילה האָבן די לויצקער יידן געליטן אין יאָר 1764:

לויט פאַרשפּרייטע קלאַנגען צווישן המון האָט עמעץ גע־וואָרפן אַ שטיין בעת אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע. דער שטאָט־גובערנאַטאָר האָט דעריין חושד געווען די יידן און געפאָדערט פון דער קהילה אויסצוגעפינען דעם שטיין־וואַרפער און אים אַרעסטירן. אויב זיין פאָדערונג וועט נישט דערפילט ווערן, וועט ער באַפעלן צעשטערן דעם גאַנצן יידישן ישוב.

עס האָבן נישט געהאָלפן די אויפקלערונגען פון דער קהילה. דער גובערנאַטאָר האָט נישט מוותר געווען און ווייטער גע־פאָדערט אויסצוגעבן דעם וואַרפער, וואָס איז לויט זיין מיינונג באַשטימט אַ ייד.

דאַן איז פון אייגענעם ווילן געקומען ר' יהודה זאב וואָלף בן טוביה און דערקלערט, אַז ער האָט געוואָרפן דעם שטיין.

לויט אַן אַנדערע לעגענדע־ווערסיע, איז ר' יהודה זאב געווען אַ שיינער בחור, ס'האָט זיך אין אים פאַרליבט די טאָכטער פון אַ פריץ, פון פוילישן אַדל און געוואָלט מיט אים חתונה האָבן. אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן דאָס יידנטום. אויך זי האָט נישט געוואָלט זיך מגייר זיין. זי איז פון עגמת־נפש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. האָט איר פאָטער באַ־שלאָסן נקמה צו נעמען און דערהרגענען זאב וואָלפן.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ דריטע ווערסיע: ערב יום־כיפור צו כל־נדרי האָבן יידישע קינדער זיך געשפּילט פאַר דער שול. מיטאַמאָל האָט מען אָנגעהויבן וואַרפן אויף זיי שטיינער. די קינדער האָבן צוריקגעוואָרפן, און איין שטיין האָט געטראָפן דעם פריצס זון, און ער איז געשטאָרבן. דער גובערנאַטאָר האָט דעמאָלט באַפוילן מען זאָל אים ברענגען צו פירן דעם שטיינער־וואַרפער. דאַן איז געקומען ר' יהודה זאב וואָלף פאַרן גובערנאַטאָר און געמאָלדן, אַז ער האָט געוואָרפן דעם שטיין. מען האָט אים גלייך צוגעבונדן צו צוויי פערד, און אַ געשלעפּ־טער פון זיי איז ער אומגעקומען.

שווער צו וויסן, וועלכע ווערסיע איז אין איינקלאַנג מיטן היסטאָרישן אמת. עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז כ"ה תמוז תקכ"ד (1764) איז אַ לויצקער ייד אומגעקומען אויף קידוש השם.

.4

ציילונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג

אין צוזאַמענהאַנג מיטן ליקווידירן די אינסטיטוציעס פון דער יידישער אויטאָנאָמיע און דעם באַשלוס פון סיים איינ־צוקאַסירן דעם קאָפּ־שטייער אויף אַ דירעקטן אופן פון יעדער קהילה — 2 זלאָטעס אויף אַ קאָפּ, לויט דער צאָל איינוווינער, איז באַשלאָסן געוואָרן אַדורכצופירן אַן אַלגעמיינע ציילונג פון די יידן אין גאַנץ פוילן, וועלכע איז פאָרגעקומען סוף 1764 און אָנהייב 1765 אין קרוין־פוילן און ליטע.

אַזוי ווי דעם קאָפּ־שטייער האָבן געצאָלט יידן אין עלטער פון איין יאָר און ווייטער, זענען אין דער ציילונג נישט אַריינ־גענומען געוואָרן די זויג־קינדער אונטער איין יאָר.

ביי יעדער ציילונג פלעגט מען זיך פירן, אַז אַ צאָל יידן פאַרשווינדן אָדער באַהאַלטן זיך, כדי מען זאָל זיי נישט ציילן — אַ זאַך וואָס איז קעגן דער תורה. פון אָפּיציעלע באַריכטן איז באַוווּסט, אַז קריסטן פלעגן איבערגעבן די מאַכט־אָרגאַנען ידיעות וועגן אַנטלויפן פון יידן בעת די ציילונגען. עס זענען אויך געווען יידישע מוסרים, וואָס פלעגן צוטראָגן דער קעניג־לעכער פינאַנס־קאָמיסיע, אַז די קהילות מאַנען טאַקע אויף דעם

קאָפּ־שטייער פון אַלע יידן, אָבער זיי געבן אָן אַ קלענערע צאָל און זעען, אַז אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג זאָל זיך אויסבאַהאַלטן.

לויצק (די שטאָט) האָט אין יאָר 1765 געציילט 1012 יידן עלטער פון אַ יאָר, און זייג־קינדער — 71. צוזאַמען — 1083; 104 קאַראַימער, 22 קאַראַימער האָבן געוווינט אין דריי הייזער וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער קהילה, זיי האָבן געאַרבעט ביי אַרענדאַרן, יידישע שענקער, אַזוי, אַז די צאָל קאַראַימער איז געווען 126. צוזאַמען, יידן און קאַראַימער, זענען געווען אין לויצק 1209 נפשות.

אין יענעם יאָר זענען געווען 178 יידישע הייזער און ביי די קאַראַימער — 19 הייזער. אין דער שטאָט לויצק און אין די דערבייאיקע דערפער זענען געווען 1719 יידן.

אינטערעסאַנט, אַז אין משך פון די ווייטערדיקע צען יאָר איז די צאָל יידן אין לויצק געפאַלן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס. אין יאָר 1775 זענען אין לויצק געווען בלויז 616 יידן; די סיבה, וואָס האָט גורם געווען צו פאַרקלענערן די יידישע באַפעלקערונג אין די דאָזיקע צען יאָר אויף אומגעפער 50% — איז אומבאַקאַנט.

אַ פולשטענדיק אַנדער בילד גיט די ציילונג פון יאָר 1784, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך דער ציילונגס־קאָמיסיע אין צוזאַמענשטעל פון ניעדזשיעלסקי, הרב שמחה(?) און דעם שמש פון דער קהילה.

אין דער שטאָט לויצק זענען געווען 209 יידישע הייזער, אין די פאַרשטעט — 25 הייזער פון די קאַראַימער; די צאָל יידישע נפשות האָט באַטראָפן 678, 26 וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, זענען געפונען געוואָרן, צוזאַמען — 704, ווי אויך 105 קאַראַימער. צוזאַמען זענען געווען 809 נפשות אין שטאָט. אין 75 ישובים (דאָרפישע), איינגעשלאָסענע אין דער קהילה לויצק, זענען געווען 370 יידן, צוגעגעבן 22 געפונענע, צוזאַמען — 392.

לויט דער ציילונג־רשימה פון יאָר 1787 זענען אין לויצק געווען 208 הייזער, די צאָל נפשות — 701, צוגעגעבן 107 וואָס זענען געפונען געוואָרן, צוזאַמען — 808.

אין די 85 דערפער — 385 יידן, צוגעגעבן 38 וואָס זענען געפונען געוואָרן, צוזאַמען 423. די אַלגעמיינע צאָל יידן אין לויצק, מיט די אָנגעשלאָסענע ישובים, איז געווען 1,231 נפשות. לויט יענער ציילונג, זענען געווען אין שטאָט 33 הייזער פון קאַראַימער און 131 נפשות, אין 3 דערפער זענען געווען 10 קאַראַימער, צוזאַמען — 141 קאַראַימער מיט 1,231 יידישע נפשות, זענען געווען — 1372.

אין יאָר 1789 זענען אין דער לוסטראַציע פון דער שטאָט לויצק אויסגערעכנט 446 הייזער, פון זיי אויף דער יידישער גאַס (Żydowszczyzna) — 68 יידישע הייזער, 25 קאַראַימישע הייזער.

אין יאָר 1787 איז אויף דער טאָג־אָרדענונג אַרויפגעשווומען דאָס פּראָבלעם פון יידישע אָרעמעלייט, וואָס וואַנדערן פון אָרט צו אָרט. דעם 7־טן מאַי 1787 איז אַרויס אַ קעניגלעכער דעקרעט, אין וועלכן די קהילות זענען געוואָרנט געוואָרן פון אויסבאַהאַלטן פאַרדעכטיקטע מענטשן, באַזונדערס די וואַנדערער, וואָס קלאַפּן אין די טירן פון דער באַפעלקערונג. די קהילות איז פאַרבאָטן געוואָרן, לויטן מנהג, אַריבערצופירן די אָרעמעלייט אין אַנדערע שטעט. להיפך, לויטן אויבנדערמאָנטן דעקרעט, האָט מען זיי באַדאַרפט האַלטן אין דער קהילה און אויסנוצן ביי עפנטלעכע אַרבעטן, נייטיקע דער מדינה.

אין קעגנזאַץ צו דעם געזעץ האָט די אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע אין לויצק פאַראָרדנט דער קהילה אויסצוגעפינען, אַ גענויע רשימה פון די אָרטיקע און אַרומוואַנדערנדיקע אָרעמעלייט, זיי פאַרטרייבן פון שטאָט און איבערגעבן אין די פאַבריקן אויף אַרבעט. אָבער די קהילה איז נישט אַנטקעגנגעקומען דער דאָזיקער פאַראָרדענונג, איז זי באַשטראָפט געוואָרן מיט 50 זל.

אין יאָר 1775 האָט דער פוילישער סיים באַשלאָסן צו פאַרפליכטן די יידן אונטערצוחתמענען יעדעס בוך אין עברית און אין יידיש און באַצאָלן חתימה־געלט אין דער הייך פון אַ זילבערנעם גראָשן פאַר יעדן בוך. אויך אויף צונויפצושטעלן אָפּמאַכן און האַנדלס־שריפטן — באַנוצן זיך מיט געשטעמפלט פאַפיר. — יעדער בויגן האָט געקאָסט פון איין זילבער־גראָשן ביז 10 הויטע זלאָטעס (180 פוילישע זלאָטעס, לויט דער סומע פון וועלכער עס רעדט זיך אין אָפּמאַך). אויפן יסוד פון דאָזיקן געזעץ האָט די פינאַנס־קאָמיסיע אין וואַרשע באַשטימט אַדורכצופירן אין גאַנץ פוילן אַ ציילונג פון די ספרים וואָס געפינען זיך אין יידישן באַזיץ און יעדעס ספר פאַרזען מיט אַ חתימה.

באַאַמטע פון פינאַנס־מיניסטעריום פלעגן קומען אין שטאָט, און יעדער ייד איז געווען פאַרפליכטעט צו ברענגען זיינע ספרים. די רשימה פון די ספרים פלעגט געחתמעט ווערן דורכן רב און צוויי פרנסים פון דער קהילה.

אין לויצק האָבן פאַר די קאַראַימער געחתמעט יצחק החזן און צוויי קאַראַימער, צאַלקא און שמואל מאָשקאָוויטש.

פאַרשטענדלעך, אַז דער ענין פון שטעמפלען די ספרים האָט גורם געווען מסירות אויף יחידים, דרוקער און ביכערפאַרקויפער. אין די צאָל־אַמטן פלעגט מען גוט מקפיד זיין צי יעדעס בוך איז געשטעמפלט. אַזוי צום ביישפיל, האָט מען אינעם צאָל־אַמט לאַדעכאָוו קאָנפיסקירט ביי מרדכי מאָסיאָוויטש פון לויצק ביכער אין דער ווערט פון 120 זלאָטעס.

דער לעצטער יאָרצענדליק פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז אין פוילן אַדורך אונטערן צייכן פון איגערלעכע פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, און דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואָס אין וואָלין און לויצק זענען פאַרשפרייט געוואָרן אַלערליי קלאַנגען וועגן קומענדיקע איבערפאַלן פון קאָזאַקן, פויערן, פּראַוואָסלאַווע און וועגן מאָרדן איבער פּאָליאַקן און יידן. אין לויצק האָבן יידן געשאַפן באַוואָפנטע וואַכן. נאָר אַלץ איז אַריבער בשלום. אינטערעסאַנט, אַז אין לויצק גופא זענען נישט געמאַכט געוואָרן קיין פרווון אַריבערצופירן יידן צו פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג, ווי דאָס איז פּראַקטיקירט געוואָרן אין די יאָרן 1780—1790, אונטערן איינפלוס פון די לאָזונגען, וואָס זענען אַריינגעדרונגען קיין פוילן פון אויסלאַנד און האָבן אונטערגעשטראָכן די באַדערפעניש צו ענדערן די עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין גייסט פון די מערקאַנטיליסטן דורך די אייגנטימער פון די פּריוואַטע שטעט, טשאַרטאָריסקי אין קאָרעץ, ווו יידן זענען מאָביליזירט געוואָרן צו אַרבעטן אין פאַבריקן.

אויך אין לעצטן יאָרצענדליק פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן די שטאָטלייט נישט אָפּגעשטעלט זייער קאַמף מיט די יידן און דאָס דערלאַנגען אַנקלאַגעס, אַז די יידן גראָבן אונטער זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ מיט דער הילף פון אומאָנשטענדיקער קאָנקורענץ און מיטן באַהערשן אַלע צווייגן אין האַנדל

און מלאכה. אין זייערע טענות קעגן די יידן האָבן זיי געשטעלט אַלס ביישפּיל — אין קעגנזאַץ ווי ס'איז געווען אין זיבעצנטן יאָרהונדערט — די קאַראַימער אַלס אָרנטלעכע און ענערגישע מענטשן.

5

רבנים

1) נאָכדעם ווי הרב יעקב שור איז אין יאָר 1650 אַריבער קיין בריסק־דליטא, איז רב אין לויצק געווען ר' מרדכי הכהן ראַפּאַפּאָרט.

2) נאָך אים איז געווען רב אין לויצק ר' יצחק בן אברהם (1620—1685), גערופן ר' יצחק הגדול, ווייל ער איז אין זיין דור געווען גרויס בנגלה ובנסתר. ער איז געווען דער תלמיד פון ר' יונה תאומים און ר' אברהם זאַק פון באַר. דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט ר' משה זכותו געלערנט קבלה. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק און אַ זאַמלונג פון טייערע כתב־ידן. פון זיין זאַמלונג איז געדרוקט געוואָרן דער כתב־יד פון לוריא „יד של שלמה". אין לויצק איז ער געווען רב ביזן יאָר 1664, איז פונדאַנען פאַרבעטן געוואָרן קיין גראָדנע. אין די יאָרן 1664—1667 איז ער געווען רב אין ווילנע און פון יאָר 1667 — רב אין פּויזן און רב פון גרויס־פּוילן. ער איז נפטר געוואָרן אין פּויזן אין יאָר 1685. זיין זון יעקב איז געווען רב אין פּויזן אין יאָר 1714.

3) נאָך אים איז געווען רב ר' משה כהנא בן הרב פסח כ"ץ, בן הרב תנחום דיין אין קראָקע, מחבר פון „שארית יוסף", איז נפטר געוואָרן אין לויצק נאָענט צום יאָר 1680. אין לויצק האָט ער געגעבן (אין יאָר 1664) זיין הסכמה אויף דעם ספר „עמודי שבעה" פון דעם רב בצלאל דרשן דק"ק סלוצק.

4) ר' ישראל בן שמואל, פון טאַרנאָפּאָל, דער תלמיד און קוזין פון דעם טורי־זהב. פאַר דעם איז ער געווען רב אין לודמיר און פון דאָרט אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין לויצק. אין יאָר 1680 איז ער געווען אין קאָמיטעט פון די גאונים פון ארבע־ארצות אויפן יאריד אין יאַראָסלאַוו און האָט מסכים געווען דאָרט צו דרוקן דאָס ספר „קנה חכמה". אין יאָר 1683 האָט ער אין ועד־לובלין געגעבן זיין הסכמה אויפן ספר „מגיני זהב". ער האָט אויך געגעבן זיין הסכמה אויפן ספר „זרע אברהם על התורה" (זאָלצבאַך 1685). אין לויצק איז ער געווען רב ביזן יאָר 1684.

5) אין די יאָרן 1684—1688 איז געווען רב הרב ישראל יאַליס, דער זון פון פּרנס ר' מרדכי יאליס אין קראָקע, גערופן ר' ישראל סוויניוכער. ער איז פריער געווען רב אין דובנע, דערנאָך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אב"ד און פּרנס דד"א אין דער שטאָט לויצק. איז נפטר געוואָרן אין לויצק.

אין סוף זיבעצנטן יאָרהונדערט זענען געזעסן אויפן כסא־הרבנות אין לויצק דריי רבנים פון דער משפּחה האַלפּערין.

6) אין די יאָרן 1689—1690 — ר' יואל בן־יצחק אייזיק האַלפּערין. אין יאָר 1689 גיט ער זיין הסכמה אויפן ספר „צפנת פענח חדש" פון ר' יוסף פון פּשעמישל. אין יאָר 1690 האָט ער געהערט צום ועד־הגאונים פון ארבע־ארצות אויפן יאריד אין יאַראָסלאַוו און מסכים געווען צו דרוקן דאָס ספר „בית הלל" על ש"ע, יו"ד און אבן העזר. אין יאָר 1691 איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון פּינסק, פון דאָרט — אין יאָר 1962 — קיין אָסטראָ און דערנאָך אַלס אב"ד אין לעמבערג און אומ־געגנט. ער איז אָבער נישט געקומען קיין לעמבערג, ווייל ער איז נפטר געוואָרן אין אָסטראָ אין יאָר 1713.

7) ר' צבי הירש בן אשר איז געווען רב אין לויצק ביז 1722. ער האָט געגעבן זיין הסכמה אויפן ספר „עטרת צבי" אין יאָר 1721, און אין יאָר 1722 — אויפן ספר „חידושי אגדות".

8) נאָך ר' מרדכי בן צבי הירש איז געקומען ר' מענדלש, רב אין לעמבערג. אין לויצק האָט ער פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין די יאָרן 1725—1735. ער האָט געגעבן זיין הסכמה אויפן ספר „כתנת פסים להגדה של פסח" און אויך — מיט דער הסכמה פונעם ועד הגאונים פון ארבע הארצות — אין יאָר 1713 אויפן ספר „ברית שלום על התורה". זיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר ר' צבי הירש הורוויץ, אבד"ק טשאָרטקאָוו.

9) ר' יעקב אהרן היילפּערין. געקומען קיין לויצק אין יאָר 1748, געגעבן זיין הסכמה אויפן ספר „מרי צבי", חידושים פון הלכות אויפן סדר מועד.

10) ר' אברהם הורוויץ — רב אין לויצק אין יאָר 1757.

11) ר' יעקב בן אריה לייב בן נתן נטע, אבד"ק טאַרנאָ־גראַד, איז דער פאַרפאַסער פון ספר „כוכבי יעקב" (זשולקווע 1774). אויף זיין ספר האָבן מסכים געווען 50 רבנים מיט ר' חיים ראַפּאַפּאָרט בראש. ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָר די אונטער־שריפטן. ר' יעקב איז געווען דער ברודער פון ר' נתן נטע אבד"ק בראָד. אין דער דאָזיקער תקופה איז באַוווסט געווען דער לויצקער מגיד ר' מאיר בן חיים. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1819.

15) נאָך אים — הרב ר' יוסף קאַצענעלנבויגן, דער זון פון ר' מרדכי אבד"ק נעסכיזש, דערנאָך — רב אין הרוביעשאָוו אָטסילאַ און קרייז. אין אלול תק"ץ איז ער געקומען קיין אָסטראָ צו דער חתונה פון זיין זון הרב ברוך פון קאָנסטאַנטין, איז געוואָרן קראַנק און נפטר געוואָרן י"ח אלול תק"ץ (1830).

16) אין יאָר 1882 איז דורך די קעגנער פונעם חסידישן קאַנדידאַט, אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ רב אַ געבוירענער אין ליטע און אַ תלמיד פון ר' יצחק אלחנן — ר' יעקב ברוך קליאַצקין. די חסידים זענען קעגן אים שאַרף אַרויסגעטראָטן און אים געצעצהט צו פאַרלאָזן די שטאָט — און אויב ער וועט נישט אויספירן זייער פאָדערונג, וועט ער האָבן אַ ביטערן סוף. אין יאָר 1886 האָבן אים די חסידים פאַרמסרט פאַר די מאַכט־אָרגאַנען, אַז ער וווינט אין לויצק קעגן דעם געזעץ וואָס פאַרווערט פרעמדע צו זיצן אינעם תחום פון דער גרענעץ. די מאַכט האָט אים פאַרטריבן פון שטאָט. אָבער נאָך פיל באַמיונגען האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן און פאַרנעמען דעם כסא־הרבנות.

6

די קאַראַימער־עדה אין לויצק

לויט דער טראַדיציע פון די קאַראַימער, געשטיצט אויף זייערע היסטאָריקער וואָס פאַררופן זיך אויף סתם מעשיות און לעגענדעס, האָט אין פערצנטן יאָרהונדערט וויטאָלד באַזעצט

אין לויצק הונדערט קאַראַימער משפחות. אָבער דאָס איז נישט באַקרעפטיקט מיט דאָקומענטן.

די קאַראַימער־עדה ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין לויצק ערשט אין יאָר 1506, אינעם דאָקומענט פון קעניג זיג־מונט דעם ערשטן, ווי ער באַפרייט די רבנישע און קאַראַימער עדה פון באַצאָלן דעם שטייער אין דער הייך פון 12 שאָק גראָשן.

אין יענער תקופה זענען די קאַראַימער אַקטיוו ביים פאַר־טיידיקן זייערע רעכט, אַרויסבאַקומען שטייערן־פּאַרלייכטערונגען, בשותפות מיט דער יידישער קהילה. די קאַראַימער איז געווען פאַרבאָטן צו וווינען אין לויצק, נאָר אין אמעליאַניק, 3 קילאָ־מעטער פון לויצק. ערשט סוף זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיי באַקומען אַ דערלויבעניש צו וווינען אין שטאָט און בויען זייער שול אויף אַ פּלאַץ, נישט ווייט פון דער יידישער שול.

אין יאָר 1647 — אַ קורצע צייט פאַרן חורבן ת״ח—ת״ט — האָט די קאַראַימער־עדה אין לויצק באַזוכט אַ שליח פון דער קאַראַימער־עדה אין ירושלים, דוד בן ישועה חזן, דער ערשטער באַוווּסטער שליח פון די קאַראַימער. צום ערשטן מאָל איז ער געשיקט געוואָרן אין יאָר 1646 קיין קושטא און צום צווייטן מאָל, אין יאָר 1647, קיין פּוילן און רוסלאַנד. זיין שליחות איז רעקאָמענדירט געוואָרן אויך דורך די רבנים פון ירושלים און זייער המלצה איז געשריבן בלויז צו די קאַראַימישע קהילות.

ער איז אויך געקומען אין לויצק אָנהייב יאָר ת״ח (1647) און דאָ נפטר געוואָרן אום שבת־שובה.

ס׳האָבן אויף אים געזאָגט קינות דער חזן פון דער קאַראַי־מער־עדה אין לויצק, שלום בן־אברהם, זרח בן נתן פון טראָק, יאשיה בן יהודה פון טראָק און יוסף בן שמואל, דער חזן פון די קאַראַימער אין דערעזשענע.

דאָס יאָר ת״ח האָט אויך אויף די קאַראַימער געבערענגט אַ חורבן. זייער מערהייט איז דערהרגעט געוואָרן פון די קאָזאַקן.

לויט דער לוסטראַציע (איבערזיכט) פון יאָר 1650, זענען אין לויצק פאַרבליבן דריי קאַראַימישע הייזער, ד.ה. ביי אַ 15—20 נפשות.

אין קעגנזאַץ צו דער יידישער קהילה, האָט די קאַראַימער־עדה דעגענערירט און איז נישט געקומען צו זיך פון די אומ־גליקן פון ת״ח. אייניקע קאַראַימער — זייער צאָל איז אומבאַ־קאַנט — האָבן אויך געוווינט אין דערעזשענע און אָליק.

אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט איז בראש פון דער קאַראַימער־עדה אין לויצק געשטאַנען דער חכם דוד בן שלום בן אברהם, באַוווּסט אַלס למדן. צו אים האָט זיך אַמאָל געווענדעט מיט אַ בריוו, געשריבן אין עברית (כ״ט ניסן 1698), דער קריסטלעכער געלערנטער, טעאָלאָגיע־פּראָ־פעסאָר אויפן אוניווערסיטעט אין ליידן, יעקב טריגלאַנד, וועלכן ס׳האָבן אינטערעסירט פּרטים וועגן דעם דיספּוט־בריוו פון דעם קאַראַימער מנחם, און האָט אים געפרעגט, צי קאַראַימער אידענטיפיצירן זיך אין זייערע אנשויונגען מיט די צדוקים, און אויך וועגן מחבר אהרון בן אליהו און אַנדערע; צי איז אין חומש פון די קאַראַימער נישט פאַראַן קיין ענדערונגען אינעם לייענען און שרייבן? ווען דער בריוו איז אָנגעקומען צו דוד בן שלום, האָט אין לויצק געווילט דער קאַראַימער געלערנטער, דער קראַנקער זקן און חכם, מרדכי בן ניסן, האָט ער אים איבערגעגעבן צו ענטפערן אויף דעם בריוו. דער חכם איז געשטאָרבן אַ קורצער צייט נאָכדעם.

אין לויף פון יאָרן אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז די צאָל קאַראַימער געוואַקסן, אָבער נישט אין פאַרגלייך מיט דער צאָל יידן. אין יאָר 1765 זענען געווען אין שטאָט 19 הייזער פון קאַראַימער און די צאָל נפשות, צוזאַמען מיט די אין די דערפער, איז געווען 126.

אין דער לוסטראַציע אין יענעם יאָר, ווערט געזאָגט:

„די צאָל קאַראַימער איז אַ קליינע, זיי פירן זיך אויף שטיל, וואָס איז פאַר זיי אייגנטימלעך. אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז פון די פריסטע צייטן אָן איז קיין שום קאַראַימער נישט פאַרמשפט געוואָרן אויף טויט־שטראָף. אין האַנטווערקערייַ צייכענען זיי זיך אויס מיט זייער פלייס, פאַרנעמען זיך מיט בעלי־עגלהערייַ און דע־טאַל־האַנדל, אין אַלע זייערע האַנדלונגען זענען זיי ער־לעכער פון די יידן. אַדאַנק זייער אַרבעט און די באַ־מיונגען פון אייניקע פון זיי, געפינען זיי זיך אין אַן אויסערגעוויינלעכער לאַגע. וואָלט זייער צאָל געווען אַ גרעסערע, וואָלט דאָס געווען אַ געווינס פאַר דער שטאָט.״

אין יאָר 1784 איז זייער צאָל דערגאַנגען ביז 105 נפשות. אין יאָר 1787 — ביז 131 אין 33 הייזער אין שטאָט און דער־פער. סך־הכל — 141 אויף 1331 יידן.

אין קעגנזאַץ צו די יידן האָבן די שטאַטליט נישט געזען אין זיי קיין קאָנקורירנדיקן פאַקטאָר אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט. די קאַראַימער האָבן מערסטנטייל זיך באַשעפטיקט מיט בעלי־עגלהערייַ, אַ ביסל מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן די קאַראַימער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די שטאַטליט אינעם קאַמף קעגן יידן.

ווען אין פּוילישן סיים איז אין די יאָרן 1788—1792 אַרויפ־געשוווּמען אויפן טאָג־אָרדענונג דאָס יידישע פּראָבלעם און די באַדערפעניש צו געפינען פאַר אים לייזונג, האָבן די לויצקער קאַראַימער געזען דערין אַ געלעגנהייט אויסצונוצן די לאַגע לטובת זיך און באַווייזן די פּאַליאַקן, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין שייכות צווישן זיי און די יידן. אין אַ געדרוקטן מעמאָריאַל, וואָס די עלטסטע פון זייער עדה אין לויצק, שמואל יאַסילע־וויטש און מאַרקא איצקאָוויטש, האָבן דערלאַנגט דער קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים אויפן גרויסן סיים אין יאָר 1790, האָבן זיי זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז זיי זענען געקומען קיין לויצק נאָך אין דער צייט פון וויטאָלדן, און פון אים האָבן זיי אין יאָר 1388 אויך באַקומען די פּריווילעגיעס, און אין בולטע שטריכן שילדערן זיי זייער טעטיקייט לטובת פּוילן.

אין אָנהייב פון מעמאָריאַל שטרייכן זיי אונטער, אַז זיי אונטערשיידן זיך פון די יידן, אָנהייבנדיק פון חורבן־בית־שני, (ווי באַוווּסט איז די קאַראַימער־סעקטע געגרינדעט געוואָרן ערשט אין אַכטן יאָרהונדערט), באַזוכן נישט די שולן פון די יידן און האָבן אייגענע רבנים און בית־עלמינס. זייער קליידונג איז אַ פּוילישע, זיי אַרבעטן אין די פאַבריקן און אין האַליטש און קאָקיזוו זענען זיי לאַנדווירטן. זיי רעדן צווישן זיך טערקיש. זיי האָבן נישט קיין שום שייכות מיט די יידן און צאָלן דעם קאָפּ־שטייער באַזונדער. זיי פאַרווישן באַוווּסטזיניק דעם פאַקט, אַז אין די יאָרן 1580—1764 האָבן די קהילות פון די קאַראַימער געצאָלט קאָפּ־שטייער און משקאות־שטייער דורך דער פאַר־מיטלונג פון די אויטאָנאָמע קערפּערשאַפטן פון די יידן אין פּוילן.

זיי בעטן, מען זאָל זיי שטעלן אונטער דער יוריסדיקציע פון דעם אַדל און געבן אַלע פרייהייטן פון די שטאָטלייט אין לוצק.

אויב עס וועט באַשטימט ווערן אַ ספּעציעלע שטייער צו ליקווידירן די חובות פון די יידישע קהילות, איז זייער בקשה, מען זאָל אויף זיי נישט אַרויפלייגן דעם דאָזיקן שטייער, ווייל זייער קהילה האָט נישט קיין חובות. אין אַלע תקופות פון זייער זיין אין פּוילן האָבן זיי געלעבט פון האָרעפּאַשנער מי, נישט געמאַכט קיין שווינדלען, נישט באַגאַנגען קיין גניבות אָדער אַנדערע פאַרברעכנס; זענען שטענדיק טריי געווען דעם פּוילישן פאָלק. זיי האָפן, אַז פאַר זייער טריישאַפט וועט דער פּוילישער סיים נישט וועלן טאָן עפּעס צו זייער שאָדן. אין יעדן פאַראייניקן זיי אָדער צוטשעפּען צו די יידן וועלן זיי זען בלויז אַ שטראָף און זיין געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פּוילן און עמיגרירן קיין טערקיי, — פון דאָרט זענען איינגעלאַדן געוואָרן זייערע עלטער־עלטער־זיידעס.

ס׳איז אומזיסט געווען זייער פּחד. דער סיים האָט נישט באַשלאָסן אָנצושליסן זיי אין דער יידישער קהילה, און זיי זענען פאַרבליבן אַ זעלבשטענדיקע עדה.

אָנהייב ניינצטן יאָרהונדערט האָט צווישן די קאַראַימער אין פּוילן און ליטע זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע־באַוועגונג קיין יעוופּאַטאָריע און פעאָדאָסיע אין קרים.

פון לוצק איז אַרויסגעפאָרן זייער חכם שמחה יצחק בן משה לוצקי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין טשופּוט־קאַלע און דאָרט פאַרעפנטלעכט שירים און פירושים „עץ חיים", „אור חיים" (1839), „אורח צדיקים", „געשיכטע פון קאַראַימער" און די ערשטע ביבליאָגראַפיע פון דער קאַראַימישער ליטעראַטור (ווין 1830). אין לוצק איז ער געשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיט די קאַטוילישע גייסטלעכע און באַזונדערס מיט די טריניטאַריער. אין יאָר 1764 האָבן די קאַראַימער אין טראָק אים געבעטן אויסצוגעפינען דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון די טריניטאַריער אין לוצק צו די טריניטאַריער אין ווילנע. ער איז געשטאָרבן אין לוצק אין יאָר 1766.

בעת דער טעטיקייט פון שמחה יצחק לוצקי האָבן אַרום אים זיך גרופּירט אַ קרייז געלערנטע און שרייבער. פון די קאַראַימישע „חכמי לוצק" אין דער העלפט אַכצנטן יאָרהונדערט זענען באַוווּסט געווען: 1) דער חזן מרדכי בן שמואל, מחבר פון ספר „אבקת רוכל". 2) יוסף בן משה, מחבר פון ספר „קבוצת כסף". 3) שמחה בן חננאל. 4) יוסף בן שמואל און זיינע זין: 5) שמואל בן יוסף, 6) משה בן יוסף, וואָס זיין עיקר באַשעפטיקונג איז געווען איבערשרייבן אַלטע כתב־ידן פון די קאַראַימער חכמים. 7) אויך דער ברודער פון לוצקי, שמואל בן משה און דער זון פון שמחה לוצקי, 8) יצחק בן שמחה.

אויף דער אַנטוויקלונג פון דער עדה האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס דניאל בן דוד ירושלמי, וועלכער איז געקומען פון ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין לוצק אין די פערציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט. ער האָט איבערגעשריבן די כתב־ידן פון די קאַראַימער חכמים. זיין תלמיד, יוסף בן משה בלוצק, באַצייכנט אים אַלס וווּנדערבאַרן חכם.

איין קאַראַימער חכם פון לוצק, יוסף שלמה לוצקי, איז אין די יאָרן 1820—1840 געווען חכם אין יעוופּאַטאָריע און האָט אָנגעשריבן דעם ספר „תשועת ישראל" וועגן דער קאַראַימער־דעלעגאַציע קיין פעטערבורג בנוגע דעם באַפרייען זייער יוגנט פון מאָביליזאַציעס.

צו דער גרופּע עמיגראַנטן פון לוצק האָט אויך געהערט מרדכי סולטאַנסקי. ער איז געבוירן געוואָרן אין לוצק אין יאָר 1785, זיין פאָטער יוסף איז דאָ געווען דער חכם פון דער עדה. צום סוף פון זיין לעבן האָט ער זיך באַזעצט אין כערסאָן און איז דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר 1862. ער איז אויך געווען געלערנט אין דער העברעישער שפּראַך. האָט פאַרעפנטלעכט אַ גראַמאַטיקאַלישן בוך „פתח תקוה" (1857), „תיטיב־דעת" (1859), וועגן רעליגיע און מאָראַל, „אור הגנוז", „ספר הטעם". ער האָט אויך געשריבן די געשיכטע פון די קאַראַימער, „זכר צדיקים". ער איז נפטר געוואָרן אין כערסאָן אין יאָר 1878.

אַ געבוירענער אין לוצק איז אויך געווען דער קאַראַימער באַוווּסטער געלערנטער אברהם בן שמואל פירקאָוויטש (אב״ן רשף — 1785—1875). אין יאָר 1818 איז ער געווילט געוואָרן פאַר חזן פון דער עדה אין לוצק. שפּעטער האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין קרים. איז באַוווּסט פון זיינע פאָרשונגען אין דער געשיכטע פון די קאַראַימער, מיט דער טענדענץ צו באַווייזן, אַז די קאַראַימער־סעקטע האָט נאָך פאַר ישו׳ס געבורט עקזיסטירט אין רוסלאַנד און דערפאַר האָט זי נישט קיין שייכות מיט זיין קרייציקונג. זיינע ביכער און פּסעוודאָ־אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט — דער אַלגעמיינער, ווי דער יידישער. אין אַ וויסנשאַפטלעכן וויכוח האָבן ד״ר שטיינשניידער, רעזשאַ, שי״ר, ד״ר א. הרכבי, דער קריסטלעכער געלערנטער פּראָפ. שטראַק, פּראָפ. כאַבולסאָן, אויפגעוויזן זיינע פאַלסיפיקאַציעס. אַדאַנק זיינע פאָרשונגען האָבן די קאַראַימער אין רוסלאַנד באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג.

אין יאָר 1926 האָבן אין לוצק זיך געפונען 50 קאַראַימער.

7

אונטער דער רוסישער הערשאַפט

אין יאָר 1793, בעת דעם צווייטן פונאַנדערטייל פון פּוילן, זענען לוצק און וואָלין איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער רוסישער אימפּעריע. דער וואָלינער גוביט האָט פאַרלוירן זיין עקאָנאָמיש הינטערלאַנד. אָבער מיט דער צייט איז געקומען אַן ענדערונג צום בעסערן, אין רעזולטאַט פון די האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט בראָד, דער פרייער האַנדלס־שטאָט נאָענט פון דער נייער גרענעץ, איז געוואָרן אין עקאָנאָמישער הינזיכט פאַרבעסערט די לאַגע פון די רוסישע שטעט ביי דער גאַליציאַנער גרענעץ. לוצק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרייז־שטאָט.

אין יאָר 1799 זענען אין לוצק רעגיסטרירט געוואָרן בלויז 50 שטאָטישע הייזער, די איבעריקע הייזער האָבן געהערט צו יידן און אַ קליינע צאָל — צו די קאַראַימער.

כמעט אַלע בראַנזשעס פונעם הורט־און דעטאַל־האַנדל זענען איינגעשטאַנען אין יידישע הענט. אין גאַנצן לוצקער קרייז זענען יידן־שטאָטלייט (מיעשטשאַנע יעוורעי) פאַרצייכנט געוואָרן 1941 אַנטקעגן 1267 קריסטלעכע שטאָטלייט, און 28 סוחרים אַנטקעגן דריי קריסטן.

אין יאָר 1802 האָט לוצק געציילט 1975 יידן און 1269

קריסטן. די פאַרבינדונגען מיט בראָד האָבן געעפנט נייע ווירטשאַפטלעכע האָריזאָנטן, עס איז אויך געעפנט געוואָרן אַ טיר פאַר אַלע מינים שמוגל. די רוסישע מאַכט האָט געקוקט קרום אויף די אַלע קאָנטראַבאַנדע־געשעפטן. אין יאָר 1812 האָט דער וואָלינער גובערנאַטאָר קאמבורליי פאָרגעלייגט צו דערווייטערן די יידן פון גרענעץ־ראַיאָן צוליב זייער שמוגל־טעטיקייט. נישט געקוקט דערויף וואָס גראָד די קריסטלעכע איינוווינער, און באַזונדערס די פויערים אין די דערפער ביי דער עסטרייך־

אַ גאַס אין לויצק

רוסישער גרענעץ — ווי עס איז באַקאַנט פון די באַריכטן פון דער עסטרייכישער מאַכט — האָבן געשמוגלט סחורות אין פיל גרעסערע מאָסשטאַבן ווי די יידן, זיין פאָרשלאַג איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער צענטראַלער מאַכט, נאָר דער גזר־דין איז נישט אויסגעפירט געוואָרן צוליב דער נאָכלעסיקייט פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען.

אין יאָר 1816 האָט די גרענעץ־שטעט באַזוכט דער סענאַטאָר סיוועֶרס און פעסטגעשטעלט, אַז האַרט ביי דער גרענעץ האַלטן די יידן רעסטאָראַנען און פירן אַ פאַרצווייגטן האַנדל. אויפן גרונט פון זיינע באַריכטן און ענלעכע באַשלוסן איז אין יאָר 1821 באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרטרייבן די יידן, וואָס האָט דעם 10־טן יולי 1825 אָנגענומען אַ געזעצלעכע קראַפט. לויט דעם איז די יידן דערלויבט געווען צו וווינען אין אַ תחום פון 50 וויאָרסט נאָענט פון דער גרענעץ, אָבער נאָר אין זייערע גיטער, אָדער אין שוין באַוווינטע ישובים. נאָר אויך דאָס האָט נישט געגעבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. די רוסישע ביוראָקראַטיע האָט זיך נישט געאיילט צו רעאַליזירן דאָס געזעץ, מיטן מאָטיוו — נישט חרוב צו מאַכן די אינדוסטריע און האַנדל אין וואָלינער קרייז. צווייטנס, האָט זיך פאַר איר געשטעלט אַ פּראָבלעם וואָס האָט נישט געפונען קיין לייזונג — וווהין אַריבערפירן די יידן?

צוזאַמען מיט די דאָזיקע איבערטראַכטעניש האָט זיך די צענטראַלע רוסישע מאַכט, באַזונדערס אין די טעג פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אָפּגעהאַלטן פון אַדורכפירן ענדערונגען אויף די פוילישע שטחים. ערשט נאָכן אויפשטאַנד אין די יאָרן 1839/31 אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט אויך די פּאָליאַקן אין וואָלין, האָבן זיך אָנגעהויבן די אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען און דאָס צופאַסן וואָלין צו די באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער אַלגעמיין־רוסישער אַדמיניסטראַציע.

די זאַך האָט זיך געצויגן נאָך יאָרן, און דעם 20־טן אַפּריל 1843 איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצופירן אַלע יידן וואָס האָבן געוווינט אין תחום פון 50 וויאָרסט, לענגאויס דער גרענעץ מיט עסטרייך און פּרייסן. די פּריוואַט־אייגנטימער איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו פאַרקויפן זייערע הייזער אין פאַרלויף פון צוויי יאָר אָדער זיי מוזן אויספילן דעם גירוש־באַפעל אָן שום תירוצים.

אין דעם דאָזיקן שטח איז אויך איינגעשלאָסן געוואָרן לויצק. אַדאַנק אינטערוועֶנצן האָט זיך דער ענין געצויגן ביזן יאָר 1856. די יידן האָבן געבעטן פאַרלענגערן דעם טערמין און זיי דערמעגלעכן צו ליקווידירן זייערע פאַרמעגנס. אין יאָר 1850 האָבן די צאָל־אַרענדאַרן פון שאַרפע געטראַנקען אין לויצק, קרעמעניץ און לודמיר דערלאַנגט אַן אַפּעלאַציע צום סענאַט קעגן דעם פאַרבאָט פאַר די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין גרענעץ־געביט, צו באַשעפטיקן זיך מיטן פאַרקויף פון שאַרפע געטראַנקען. די אַפּעלאַציע איז נישט גענומען געוואָרן צו קענטעניש, נאָר עס איז דערלויבט געוואָרן צו פאַרקויפן משקאות אין הייזער וואָס האָבן געהערט צו יידן. צום סוף האָט דער סענאַט אין פּעטערבורג באַשלאָסן, אַז מען דאַרף באַזייטיקן יענע איינצלנע יידן, וואָס זענען באַוווּסט אַלס די וואָס פאַרנעמען זיך מיט קאָנטראַבאַנדע. פּאַקטיש איז די גירוש־גזירה בטל געוואָרן, אָבער בלויז לגבי יענע יידן וואָס זענען פריער געווען רעגיסטרירט אין די רשימות פון די קהילות אינעם גרענעץ־ראַיאָן, אָדער האָבן געהאַט אומבאַוועגלעכע גיטער אין דאָזיקן תחום.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע פאַרלייכטערונגען, האָבן מצד די יידן נישט אויפגעהערט די באַמיונגען אַרויסצונעמען די שטאָט לויצק פונעם תחום גרענעץ־ראַיאָן, אָנווייזנדיק אַז דער מרחק פון לויצק צו דער גרענעץ איז מער פון 50 וויאָרסט. די אינטערווענצן האָבן זיך געצויגן ביז די אַכציקער יאָרן — אָבער אָן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. די וויכטיקייט פונעם פּראָבלעם איז בטל געוואָרן מיטן אָפּשאַפן די גרענעץ־תחומים.

אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט דער רוב פון די פאָלקס־מאַסן געלעבט אין אָרעמקייט, נויט און נישט ווייניק געליטן פון דער תקיפות פון דער קהילה־צוליב שטייערן און דעם כאַפּן קינדער צום מיליטער.

דער העברעישער שרייבער ריב״ל, וואָס האָט אין יאָר 1821 זיך אומגעקערט פון גאַליציע אין זיין געבורט־שטאָט קרעמעניץ, האָט צוקוקנדיק זיך צו דער נויט אין וועלכער ס'האָבן געלעבט די מאַסן — געשריבן וועגן זייער לאַגע צו איינעם פון זיינע פריינט:

„איך הער יעדן טאָג דאָס געשריי פון די אָרעמעלייט, וועמען עס באַרויבן די באַהערשער פון פאָלק, אונדזערע מנהיגים און קאָמענדאַנטן“.

דאָס דאָזיקע בילד אַנטשפּרעכט אוודאי דער לאַגע פון דער מאַסע אויך אין לויצק.

אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן די יידן אָפט געליטן פון שריפות, וואָס האָבן זיך שטאַרק אויסגעשפּרייט צוליב די הילצערנע הייזער. אין יאָר 1810 איז פאַרברענט געוואָרן די שול אין אַ גרויסער שריפה, בעת וועלכער

ס'זענען אַוועקגעקומען דער רוב הייזער אין שטאָט. אין די שריפות פון די יאָרן 1845, 1869, זענען אַלע כלי־קודש אין שול אָפּגעברענט געוואָרן און אויך אינעווייניק איז די געביידע באַשעדיקט געוואָרן. אין יאָר 1878 האָבן די עלטסטע פון דער עדה צונויפגעקליבן נדבות אויף בעסער אויסצושטאַטן דאָס הויז פון אינעווייניק. אין יאָר 1886 איז דאָס הויז פאַרשענערט געוואָרן אויך פון אויסנווייניק, מיט דער הילף פונעם גבאי פון דער שול, שלמה ברוך קריסטאַלסקי, און מנדבים פון דער עדה, מיט דער גבירטע מרים סאַראָקאַ בראש, וואָס האָבן געשענקט דאָס נייטיקע געלט אויפן רעמאָנט. אין יאָר 1883 איז צוגעקומען אין שטאָט אַ הקדש־הויז, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ שפּיטאָל.

אין עקאָנאָמישן הינזיכט זענען נישט פאַרגעקומען קיין ענדערונגען אין די באַשעפטיקונגען פון די יידן. דער גרעסטער טייל האָט זיך קוים מפרנס געווען פון דעטאַל־האַנדל.

אין די זיבעציקער יאָרן האָבן די קריסטן זיך באַקלאָגט פאַרן גובערנאַטאָר טערענטיל, ווען ער האָט באַזוכט די שטאָט, אַז די יידן האָבן נאָענט פון די קליינע קלויסטערס, אויף די קלויסטער־פּלעצער, אויפגעשטעלט קראָמען; יידן זענען געזעסן אין זיי שוין זינט יאָרן. דער גובערנאַטאָר האָט געגעבן אַ באַפעל גלייך צו צעשטערן די קראָמען אין זייער אָנוועזנהייט און פאַרטרייבן די קרעמער פון שטאָט. דער דאָזיקער פאַל האָט רוינירט צענטליקער יידישע משפחות.

אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך מפרנס געווען פון האַנטווערקעריי. צום מיינסטן — פון שניידעריי און קירזשנעריי.

אָנהייבנדיק פון די צוואַנציקער יאָרן און ניינצנטן יאָרהונדערט, זענען אין וואָלין, אויך אין לויצק און אומגעגנט, אויפגעשטעלט געוואָרן דורך יידישע קאַפּיטאַליסטן מיטעלע פאַבריקן, אין אַ נישט קליינער צאָל.

אין יאָר 1828 האָט דער ייד בערנשטיין געהאַלטן אין וואָלין 17 וועבערייען. ער איז געווען פון די גרויסע ליפעראַנטן פאַר דער אַרמיי. יעדעס יאָר פלעגט ער אַליין צושטעלן דער ארמיי 36% פון דער געפאָדערטער וואָל פאַרן מיליטער.

די צאָל יידישע טאַבאַק־פאַבריקן איז געווען 11.

די דאָזיקע פאַבריקן האָבן באַשעפטיקט יידן אַלס אַגענטן, אויפזעער, באַאַמטע און צוגעשטעלט זייער פּראָדוקציע די סוחרים.

דער אַנטייל פון וואָלינער יידן אין אַנטוויקלען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען איז געשטיגן אין דער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט.

אין יאָר 1864 זענען געווען אין וואָלין 279 פאַבריקן, דערפון 129 (46.9%) — אין יידישע הענט.

פון 39 שפּינערייען	האָבן	8	געהערט	צו	יידן	(20.5%)
" 7 פּאַפּיר־פאַבריקן	—	2	"	"	"	(28.5%)
" 5 קופּער־גיסערייען	—	1	"	"	"	(20 %)
" 19 גלאָז־הוטעס	—	3	"	"	"	(15.8%)
" 2 פאַרבערייען	—	2	"	"	"	(100 %)
" 17 טאַבאַק־פאַבריקן	—	17	"	"	"	(100 %)
" 11 שטריק־פאַבריקן	—	3	"	"	"	(27 %)
" 12 ליכט־פאַבריקן	—	8	"	"	"	(66.7%)
" 8 וואַקס און זייף־פאַבריקן	—	6	"	"	"	(75 %)
" 90 גאַרבערייען	—	65	"	"	"	(72.3%)
" 5 קאַלך־ברענערייען	—	1	"	"	"	(20 %)
" 44 דאַכלקעס־פאַבריקן	—	8	"	"	"	(18 %)
" 20 ביר־ברויערייען	—	6	"	"	"	(30 %)

אין די יאָרן 1897—1899 האָבן צו יידן אין וואָלין געהערט 409 פאַבריקן (49%), מיט אַ פּראָדוקציע־באַטרעף פון 7,315,800 רובל (30.7% פון דער גאַנצער פּראָדוקציע). עס זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט 6,544 יידישע אַרבעטער (44.3% פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַבריק־אַרבעטער).

אויסער דעם תבואה־עקספּאָרט, וואָס איז אינגאַנצן איינגעשטאַנענען אין יידישע הענט אין לויצק, איז אויך באַדייטנדיק געווען דער יידישער אַנטייל אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינדוסטריע. אין יאָר 1897 איז אין דער וואָלינער גובערניע דער פּראָצענט יידן אין די ווייטערדיקע אונטערנעמונגען, געווען פאָלגנדיקער:

	פּראָצענט יידן אין אַלע אונטערנעמונגען	פּראָדוקציע פּראָצענט אין די יידישע אונטערנעמונגען	פּראָצענט יידישע אַרבעטער
מילן	23.5	21.9	35.4
גאַזשעלניעס	1.1	1.3	0.9
ברויערייען	32.5	18.9	—
גאַרבערייען	45.1	—	—
אייל־פּראָדוקציע	91.7	74.8	—
זייף	100	—	—
טאַרטאַקן	61.5	47.2	54.4
צעגעלניעס	25.9	15.2	22.6
טאַבאַק־פאַבריקן	75	—	16.4

בעת דער רוסישער הערשאַפט האָט די קהילה נישט עקזיסטירט אַלס עפנטלעכע אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט.

אויף צו דעקן די קהילה־באַדערפענישן האָט געדינט די „קאָראָבקע", פון אירע געלטער איז געבויט געוואָרן דאָס קהילה־הויז.

אין די יאָרן 1868—1878 איז אויפגעבויט געוואָרן אַ שפּיטאָל און אַ מושב־זקנים, מיטן נאָמען הקדש, מיט 20 בעטן.

אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן אין יידישן באַזיץ זיך געפונען אַלע 5 דאַמף־מילן מיט אַ פּראָדוקציע פון 2 מיליאָן פוד מעל און 100,000 פוד קאַשע; פון צוויי ברויערייען — איינע מיט אַ פּראָדוקציע פון אַ האַלבן מיליאָן פעסלעך ביר; פון צוויי צעגעלניעס — איינע; פון צוויי אייזן־פאַבריקן — איינע; איין אייל־פאַבריק מיט אַ פּראָדוקציע פון 50,000 פוד; איין וואַקס און ליכט־פאַבריק; צוויי זייף־פאַבריקן; פון דריי הייזער צו טרוקענען לייען — צוויי; 4 פאַבריקן פון סאָדע־וואַסער; 3 דרוקערייען; פון דריי אַפּטייקן — צוויי; און פון צען מעדיקאַמענטן־סקלאַדעס — ניין.

*

דאָס גייסטיקע לעבן איז נישט אַרויס פון די ראַמען פון דער יידישער טראַדיציע.

דער חסידיזם האָט פון זיין אָנפאַנג געפונען פיל אָנהענגער אין לויצק.

ר' שלמה פון לויצק איז געווען איינער פון די ניין־און־דרייסיק אין דער חסידישער וועלט באַרימטע תלמידים פונעם מעזריטשער מגיד. צוזאַמען מיט זיינע חברים איז ר' שלמה געווען פאַרבונדן און איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן זיין רבין און לערער. דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין קאָרעץ, און צוליב אַן אומבאַוווסטער סיבה איז דאָ אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן אים און דעם רב הצדיק ר' פנחס קאָרעצער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קאָרעץ און גרופּירט אַרום זיך פיל תלמידים. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער מחלוקה איז ר' פנחס געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן די שטאָט און איז אַריבער קיין אָסטראָ.

דער מחבר פון „סדר הדורות החדש", פון די תלמידים פון בעש"ט ז"ל, שרייבט וועגן אים:

„הרב מה' שלמה לויצקער ז"ל איז אַן אמתער גאון, אַ קדוש־עליון, דער מגיד־מישרים אין סאָקאַל, דער מחבר פון ספר „דברת שלמה" על התורה, און ער איז געווען טריי דעם הויז פון הרב המגיד הקדוש פון מעזריטש ז"ל, ווייל ער איז געווען אַ יוצא־ונכנס ביי זיין הייליקן רבין און געשריבן די הקדמה צום ספר „מגיד דבריו ליעקב", וואָס איז אַ זאַמלונג מאמרים פון אונדזער רבין דוב ז"ל."

ער איז אַזוי ווייט פאַרפאָלגט געוואָרן, אַז זיין חבר ר' משה לייב פון סאַסעוו, אין אַ בריוו צו די רבנים (מרחשון תקנ"ז 1795), בעט רחמים פאַר ר' שלמהן און בכלל אָפּצושטעלן דאָס מחלוקת.

אין לויף פון דער צייט האָט זיך די צאָל חסידים אין לויצק פאַרגרעסערט און ס'זענען געגרינדעט געוואָרן בתי־מדרשים לויט די פאַרשידענע חסידישע הייף.

די השכלה־באַוועגונג האָט זיך נישט געלאָזט פילן אינעם לעבן פון יידישן ישוב. די השכלה־לאָזונגען, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן נישט ווייט פון לויצק — אין קרעמעניץ, ווו טאַדעאוש טשאַצקי, דער גרינדער פון פּוילישן ליצעום, האָט אין די ראַמען פון זיין אַנשטאַלט פּלאַנירט אויפצושטעלן אַ סעמינאַר פאַר יידישע לערער — דורך ריב"ל (ר' יצחק בער לעווינזאָן — 1788—1860) און אַ קרייז פון משכילים אַרום די ברידער לאַנדסבערג (לייב, מענדל — אייגנטימער פון אַ גרויסער ביבליאָטעק), שלמה, ישעיה, אייזיק (שפּעטער — לייטער פון דער יידישער שול אין אַדעס) — האָבן אין לויצק קיין אָפּקלאַנגען נישט געפונען.

אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן זענען בראש פון דער לויצקער קהילה געשטאַנען יצחק לאַנדוי און בער ראָזענבלום. זיי פלעגן זיך תמיד ווענדן צו ריב"ל, ווען די קהילה האָט זיך געניייטיקט אין שתדלנות ביי דער מאַכט.

אויפן געביט פון דערציונג זענען אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אויסער די חדרים פון אַלטן טיפּ, געווען אויך אַ רעפאָרמירטער חדר און אַן אַלגעמיינע יידישע שולע.

פונעם געלט וואָס איז פאַרבליבן פונעם פאָנד פון ליכטשטייער און איז איינגעקאַסירט געוואָרן אין לויצק, אין דער צווייטער העלפט פון נייצנטן יאָרהונדערט, אויף אויסצוהאַלטן די ישיבות פאַר רבנים אין ווילנע און זשיטאָמיר אויף אַ סומע פון 40,000 רובל, האָט דער גובערנאַטאָר דערלויבט צו גרינדן אַ יידישן דערציונגס־אַנשטאַלט.

לויט אַ הסכם מיט די פרומע איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצושטעלן אַ בשותפותדיק הויז פאַר אַ תלמוד־תורה, ישיבה און אַלגעמיינע יידישע שולע. דאָס הויז איז אויפגעבויט געוואָרן, און דערין זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן די ביוראָען פון דער קהילה.

אין יאָר 1912 האָט אברהם גליקליך פאַרגעלייגט אויפצושטעלן אויפן שטח פון אַלטן בית־עלמין אַ פאַך־שול פאַר יוגנט — פון די „קאַראָבקע"־געלטער. צוליב דער שאַרפער קעגנערשאַפט פון די פרומע, איז זיין פאַרשלאַג געוואָרן אָפּגעוואָרפן.

אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זענען אין לויצק געווען:

1) אַ גרויסע שול, וואָס אין איר פליגל האָט זיך געפונען אַ שטיבל פון די בעלי־מלאכות.

2) אַ גרויס בית־מדרש צום לערנען, מיט אַ גרויסער תורה־ביבליאָטעק. מען האָט דאָרט געלערנט אַ גאַנצן טאָג נאָך דעם דאַווענען.

3) אַ בית־המדרש, ווו ס'האָבן געדאַוונט די רייכע פון שטאָט.

4) אַ בית־המדרש פון די שניידערס.

5) אַ בית־המדרש פון די סטאָליערס.

6) אַ בית־המדרש צו דאַווענען שחרית.

7) אַ בית־המדרש פון טריסקער חסידים ביי דער שול.

8) אַ בית־המדרש פון די סאַדיגורער חסידים.

9) פון די טריסקער חסידים פון די פאַרשטעט.

10) אַ בית־המדרש פון די סטאָלינער־קאַרלינער חסידים.

אויסער דעם — נאָך אַ צאָל קליינע געבעט־הייזער.

אין סוף נייצנטן יאָרהונדערט איז אין לויצק באַשטימט געוואָרן אַ נייער קאַזיאָנער רב. ער האָט אַמטירט ביזן יאָר 1905. נאָך זיין פטירה איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת אין שייכות מיטן אויסקלויבן אַ נייעם רב. אַלס אַזאַלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן משה גליקליך, וועלכער האָט אַמטירט ביזן יאָר 1917.

מיטן אַנטשטיין פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג זענען בלויז יחידים צוגעשטאַנען צו איר.

אויף אַ געגנדערטער שטימונג אין דער הינזיכט האָט משפּיע געווען דער מגיד און ציוניסטישער שרייבער ר' זלמן אשכנזי פון דובנע*, אַדאַנק זיינע באַמיונגען, האָט די צאָל „חובבי ציון" אין לויצק זיך פאַרגרעסערט.

אָבער מיטן אַנטשטיין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אין לויצק געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער פאַראיין „אגודת אחים".

נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט דאָ געוויילט ד"ר יהושע בוכמיל.

שמואל בלומענקראַנץ, דירעקטאָר פון דער ערשטער באַנק אין לויצק (אַ פיליע פון דער לוריא־באַנק אין פינסק), פון די ערשטע ציוניסטן, האָט אין די נייגנציקער יאָרן באַזוכט ארץ־ישראל, איז צענדליקער יאָרן געווען אַקטיוו, און אַדאַנק זיין השפּעה האָט די ציוניסטישע באַוועגונג זיך געשטאַרקט צווישן דער יוגנט און די מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

---

* געשטאָרבן אין דובנע אין יאָר תרפ"ט.

אין ציפערן דריקט זיך אַזוי אויס די אַנטוויקלונג פונעם יידישן ישוב:

יאר	שטאָט	קרייז
1765	1012	—
1784	809	—
1787	808	—
1802	1975	—
1847	5010	12,417
1864	3423	—
1897	9468	35,819
1913	24880	—
1921	14860	25,812
1931	20000	—

8

אין די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די שטאָט געענדערט איר געשטאַלט. די הויפּט־גאַס האָט געברויזט פון די עשעלאָנען־וועגענער און פון מיליטער, וואָס האָט מאַרשירט אין דער ריכטונג פון גאַליציע.

די יידן האָבן באַלד געהאַט אויסצושטיין צרות, ווייל די אָפיצירן האָבן באַפוילן צו פאַרברענען די בריקן אין דער פאַר־שטאָט ניהעוו, כדי צו פאַרמיידן אַ פּלוצעמדיקע אינוואַזיע פון די עסטרייכער. די אײַנוווינער איז נישט דערלויבט געוואָרן צו ראַטעווען זייער פאַרמעגן. פיל יידישע הייזער זענען פאַרברענט געוואָרן. דער פאַראויסמאַרש פון די רוסן אין גאַליציע האָט געבריינגט די יידן הו, וואָס האָט געדויערט ביזן יאָר 1916. מיט דער מפלה פון די רוסן אויף די פראָנטן אין גאַליציע און זייער צוריקטריט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרויסטרייבן די יידן פון לויצק. אין אויגוסט האָט דאָס עסטרייכישע מיליטער אָנגעהויבן מאַרשירן אין דער ריכטונג פון לויצק. די רוסישע מאַכט האָט פאַרלאָזט די שטאָט. די פּליטים פון בעלם וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט און די קראַנקע רוסישע זעלנער, האָבן אָנגעהויבן פּלינדערן די געשעפטן. רויבן די סחורות. יידישע יונגעלייט האָבן זיך אָרגאַניזירט אין גרופּן, אויפגעשטעלט אַ בירגער־מיליץ און געקעמפט מיט די רויבער. עטלעכע טעג האָט זיך געפירט אַ קאַמף צווישן דער מיליץ און רויבער־באַנדע. דעם 31/8 1915 זענען אַריין אין שטאָט די ערשטע עסטרייכישע פּאַטרולן. די עסטרייכער האָבן געשאַפן אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג. דעם 26/9 האָבן די עסטרייכער זיך צוריקגעצויגן און די רוסן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט.

די עסטרייכער האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין דאָרף מאַליאַניק, נעבן לויצק און פון דאָרט באָמבאַרדירט די שטאָט. נאָך דריי טעג האָבן די עסטרייכער ווידער דעראָבערט די שטאָט.

ווען זיי זענען אַוועק פאָרויס אין דער ריכטונג פון דער ליניע דובנע־קלעוואַן־אָליק, איז לויצק געוואָרן דאָס זיץ־אָרט פונעם שטאַב פון דער פערטער אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון גרויספירשט פראַנץ פערדינאַנד.

גלייך נאָכן אַריינקומען אין שטאָט האָבן זיי אַרעסטירט די שטאָט־פאַרוואַלטונג אונטער דער באַשולדיקונג, אַז די שטאָטישע איינוווינער האָבן געשאָסן אויף די צוריקטרעטנדיקע עסטרייכער, אָבער דערנאָך האָט מען זיי באַפרייט. דעם 1־טן דעצעמבער 1915 האָבן זיי באַשטימט אַ נייע שטאָט־פאַרוואַלטונג פון 12 קריסטן און 12 יידן, מיט זעקס קאָמיסיעס: פאַר בילדונג, געזונטהייט, שטייערן, שפּיטאָלן, האַנדל און אינדוסטריע. און אין די קוואַרטאַלן איז געשאַפן געוואָרן אַ ציווילע וואַך (מיליץ) פון 45 פערזאָן, אונטער דער אָנפירונג פון פּאָליאַק קאָבושינסקי. די אָפיציעלע שפּראַך איז געווען פויליש.

לויצק אין יאָר 1915

נאָכן צוריקציען זיך פון די רוסן זענען אין שטאָט פאַרבליבן 22,000 יידן און 2,000 פּאָליאַקן.

שפּייז־אַרטיקלען זענען טייער געוואָרן: אַ ½ קילאָ ברויט האָט געקאָסט 50 קאָפּיקעס, און אַ קילאָ פלייש — 3 רובל. אין שטאָט האָט געהערשט הונגער; עס איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־מגיפה, און נאָר אַ דאַנק דער הילף פון דאָקטוירים און האַרבע סאַניטאַרע מיטלען האָט מען באַהערשט די עפּידעמיע.

שפּעטער האָט זיך אויך די עקאָנאָמישע לאַגע פאַרבעסערט. אויך אין באַצוג צו די יידן איז געקומען אַן ענדערונג צום בעסערן. יידישע פאָרשטייער האָבן זיך באַטייליקט אין דער שטאָט־אָנפירונג און אין אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן לטובת דער שטאָט־באַפעלקערונג.

די דאָזיקע לאַגע האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1916. דעם 5־טן יוני האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקטריט פון דער עסטרייכישער אַרמיי. אין דער נאַכט פון 5־טן אויפן 6־טן יוני האָט זיך געשטאַרקט דאָס אַרטילערישע פייער אויפן פראָנט, און אין אוונט דעם זעקסטן יוני איז די שטאָט דעראָבערט געוואָרן דורך רוסישן מיליטער, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל ברוסילאָוו.

אין מערץ 1917 איז אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. אין אַפּריל זענען אין שטאָט פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס. דער בירגערמייסטער מלאַווטשיק, וואָס האָט אַמטירט אין די צייטן פון דער צאַרישער הערשאַפט, איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו רעזיגנירן, ער האָט דערלאַנגט זיין דעמיסיע.

דעם 22־טן אַפּריל איז זיך צונויפגעקומען דער שטאָטראַט אויף אַ זיצונג, אונטערן פאָרזיץ פון פאָרטרעטער סטעפּאַנטשיק;

און אַלס בירגערמייסטער איז אויסגעקליבן געוואָרן דער ייד אברהם וואַרקאָוויצקי. ער איז פאַרבליבן אויפן דאָזיקן אַמט ביז נאָוועמבער 1917, ווען ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ סאָציאַליסטישער שטאָטראָט. וואַרקאָוויצקי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס וויצע־בירגערמייסטער פון שטאָט.

די נויטווענדיקייט צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויף צוויי פאַרשידענע פונקטן האָט אַרויסגערופן די באַדערפעניש צו בייטן דעם איינשטעל פון די בענק. דערפאַר פלעגן פון אָנהייב די בענק אין דער לויצקער שול ווערן אָפּט איבערגערוקט — מיטן אויסנאַם פון יענע בענק, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט און ביי דער בימה. ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט זענען, לויט דער איניציאַטיוו פון די דעמאָלטדיקע גבאים אברהם גליקליך, יצחק קרוין און אַנדערע, געוואָרן אַוועקגעשטעלט באַשטענדיקע שיין־געשניצטע הילצערנע בענק. אויך די אינעווייניקסטע אַרכיטעקטאָנישע אויסשטאַטונג איז דאַן געוואָרן געענדערט און פונאַנדערגעבויט.

צו דעם רייך־געפּאָרעמטן ארון־קודש אין דער לויצקער גרויסער שול האָבן געפירט טרעפּ מיט אַ בריקל, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט פון אַן אייזן־געשמידטע באַלוסטראַדע מיט אַ זיך פאַרמאַכנדיקן אַריינגאַנג. נעבן די טרעפּ זענען געווען צאָקאָלן פאַר די לייכטער. פון רעכטס זענען געווען די אַכט־רעריקע מנורה מיט אַ ניינטער רער פאַר אַ „שמש" און אויך דער עמוד פאַרן חזן. דער דיל פון דער בימה איז געווען אויפגעהויבן אויף עטלעכע טרעפּלעך. די זיילן, וועלכע האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם מיטעלן געוועלבונג־שטח — ווי זיי וואָלטן אונטערגעשטראָכן די באַזונדערע באַדייטונג פון דער בימה — איז געווען אַן עלעמענט, וואָס איז אַרכיטעקטאָניש און קאָנ־סטרוקציאָנעל אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער גאַנצער אינער־לעכקייט.

אין דער לויצקער שול זעען מיר, ווי די אויבנדערמאָנטע טענדענצן אונטערצושטרייכן די צענטראַלקייט האָבן געפונען זייער פולקאָמסטן אויסדרוק. דאָס באַווייזט דער אופן פון דעקן דעם זאַל מיט אַ מאָנאַסטיר־געוועלבונג, די איינהייטלעכע פונאַנדער־טיילונג פון די ווענט א. אַז. וו. נאַטירלעך זענען די אַרכיטעק־טאָנישע פאָרמען פון דער לויצקער שול נישט קיין אַבסאָלוט אַליין־געשאַפענע. מסתמא זענען דאָרט פאַראַן שפּורן פון דער וועלטלעכער אַרכיטעקטור אין XVI יאָרהונדערט מיט אירע שווער־מאַסיווע, כמעט פעסטונג־אַרטיקע ברילעס, פאַרבונדן מיט דער גאָטישער און רענעסאַנס־ריכטונג פון דער דעמאָלטדיקער

פוילישער אַרכיטעקטור. אָט די פאַרבינדונג האָט אויך אַ שייכות צו דער בוי־טעכניק און צו די אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען.

אָבער נישט אַלע פליגלען פון דער גרויסער שול האָבן דעם זעלביקן היסטאָרישן ווערט. אַזוי למשל שטאַמען נישט די עזרת נשים און דאָס פאָדערהויז פון דער זעלבער צייט וואָס דער אַלגעמיינער זאַל. זיי זענען געוואָרן שפּעטער צוגע־בויט און זיי זענען נישט אָרגאַניש געבונדן מיט דער גאַנצקייט פון דער שול. זיי מאַכן אַפילו קאַליע די ריינע ליניע פונעם הויפּט־זאַל. אָבער די צוגעבייען זענען נייטיק געווען אין שייכות מיט די ענדערונגען אין די אַמאָליקע אָנשויונגען פון ציבור און צוליב דער נויטווענדיקייט צו דערמעגלעכן אויך פאַר די פרויען אַ צוטריט צו דער שול. פון דאַנען נעמט זיך אויך דאָס שפּעטערדיקע דורכהאַקן עפענונגען צום הויפּט־זאַל און דאָס פאַרשטעלן זיי מיט שטאַכעטן, קראַטן א. אַז. וו. בלויז די מזרח־וואַנט איז געבליבן אָן שום צוגעבוי און דערפאַר האָט בלויז דער מזרח־פאַסאַד איינגעהיט די ערשטיקע עלאָוואַציע־פאָרם פון דער לויצקער שול.

אויף אָט דעם פאַסאַד זעען מיר די טענדענץ צו אַ האָריזאָנ־טאַלער טיילונג פון די ווענט, צו באַצירן די אַטטיק מיט אַ רייכן אַרקאַרטור־פריז, וואָס נעמט אַרום דעם זאַל איבער די פענצ־טער, כדי דערמיט אַרויסצוברענגען כלפּי חוץ די אינערלעכע סטרוקטור.

דער אופן פון געשטאַלטיקן די ברילעס פון הויפּט־זאַל איז טיפּיש פאַר דער לייזונג פון דער אַרכיטעקטור אין XVI יאָר־הונדערט. די אַטטיק איז געפּאָרעמט אויף אַן ענלעכן אופן ווי אין דער וועלטלעכער בויונג פון יענער תקופה. כאַראַקטע־ריסטיש דערפאַר זענען דאָס פּילאַסטרירן די ווענט אָנשטאָט זיי אונטערצושפּאַרן און דאָס פאַרגרעסערט דעם אויסמעסט פון די פענצטער. דער טורעם, וועלכער איז אַוועקגעשטעלט אויף איינעם פון די ווינקלען, זאָגט עדות וועגן דער ספּעציעלער פאַרטיידיקונג־ראָל פון דער שול.

די פּראָיעקט־אויטאָרשאַפט פון דער לויצקער שול, ווי פון אַנדערע שולן פון דעם טיפּ, איז ביז איצט נישט געוואָרן פעסט־געשטעלט. אָבער די שייכותן, וועלכע מען קאָן באַמערקן צווישן די באַזונדערע אָביעקטן פון דער זעלבער צייט (אין לוואָוו,



דער אינעווייניקסטער אויסזען פון דער גרויסער שול

אסטראָג), באַווייזן, אַז די פּראָיעקט־געבער זענען געווען די זעלבע.

די שול־אַרכיטעקטור פון יענער תקופה, און באַזונדערס געוויסע פון אירע שאַטירונגען, ווי למשל די לויצקער שול, מאַכן דעם איינדרוק ווי אַ קאָנצעפּציע פון אַ גרויסן אַרכיטעקט וואָלט באַאַרבעט און רעאַליזירט געוואָרן דורך נישט־דורכ־שניטלעכע האַנטווערקער. עס זענען געווען באַקאַנט עטלעכע איטאַליענישע אַרכיטעקטן, וועלכע האָבן געבויט שולן אין XVI יאָרהונדערט. אָבער די אויטאָרן פון שולן, וועלכע שטאַמען פון XVII יאָרהונדערט, איבערהויפּט פון זיין ערשטער העלפט, זענען אומבאַקאַנט.

יידישע שול־בויער באַווייזן זיך ערשט צום סוף פון XVII יאָרהונדערט און מער נאָך — אין XVIII יאָרהונדערט. דאָס שליסט אָבער נישט אויס די מעגלעכקייט, אַז אויך אין די פריערדיקע תקופות אין פּוילן זענען געווען יידישע בויער.

✶

אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט די לויצקער גרויסע שול געטיילט דעם גורל פון דער שטאָט און פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַלע קאַטאַקליזמען און אומגליקן, וועלכע האָבן געטראָפן דער שטאָט, האָבן זיך אָפּגערופן אויפן בנין פון דער שול. אין יאָר 1810, בעת אַ שרפה האָט אַרומגעכאַפּט די מער־הייט הייזער אין שטאָט, איז אויך די שול געוואָרן פאַרברענט. אַדאַנק דער פרייגיביקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז די שול שנעל אָפּגעבויט געוואָרן. אָבער בעת די שרפות אין די יאָרן 1845 און 1869 האָט די אינעווייניקסטע איינריכטונג פון שול ווידער געליטן. מען האָט צונויפגעזאַמלט באַדייטנדיקע סומעס געלט צווישן יידן און אין יאָר 1876 האָט מען דער־פירט די אינערלעכקייט פון דער שול צום אַמאָליקן צושטאַנד. אין יאָר 1866 איז דער בנין געוואָרן רעסטאַווירט ביים אַקטיוון אָנטייל פון גבאי שלמה ברוך קרישטאַלקאָ. צווישן די נדבנים האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די לויצקער פרוי מרים סאָראָקאַ.

אויך דער לעצטער טראַגישער אַקט פון די לויצקער יידן האָט נישט אויסגעמיטן די שול. די דייטשישע באַרבאַרן האָבן לחלוטין זיך נישט גערעכנט מיט דעם קולטור־היסטאָרישן ווערט פון דער לויצקער שול. נאָך דעם אַדורכפירן זייערע רוצחישע מעשים איבער דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג אין לויצק האָבן זיי רויִנירט די אַלטע היסטאָרישע שול און פאַרוואַנדלט זי אין אַ מאַגאַזין פאַר די צוגערויבטע חפצים פון די דער־מאָרדעטע יידן.

א. רעכטמאַן

ר׳ וואָלפס בית־מדרש אין לויצק

אין לויצק איז פאַראַן אַ בית המדרש, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון „רבי וואָלף הקדוש״. ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן ווער ס׳איז געווען דער רבי וואָלף, וואָס האָט זוכה געווען צו דער מדרגה פון „קדוש״, און אַז אַ בית מדרש זאָל אָנגערופן ווערן אויף זיין נאָמען — האָט מען אונדז געפירט אויפן אַלטן בית עולם, און דער קברות־מאַן האָט דאָרט אָנגעוויזן אויף אַ שטיינערנער מצבה, אויף וועלכער מען האָט קוים געקאָנט דעשיפרירן אָט דעם עפּיטאַף:

ציון מערה לאחד קדוש שמת מיתה אכזרית קבל
יסורים אכזריים וקידוש השם המיוחד, התורני
וואָלף במהור״ר טובי׳ עלה למרום ביום שבת
ודינו קבל במרה כ״ה תמוז תקכ״ב תנצב״ה.

איז אָט וועגן דעם רבי וואָלף האָבן מיר געהערט צוויי פאַרשידענע לעגענדעס וואָס אונטערשיידן זיך אין תוך איינע פון דער אַנדערער, אָבער ביידע ווערסיעס פאַרענדיקן זיך מיטן זעלבן מאָטיוו פון קידוש־השם.

לויט לעגענדע נוסח א׳, איז רבי וואָלף געווען אַ פרומער למדן און דערצו אַ גרויסער בקי אויך אין ספרים חיצוניים. ער האָט אויך געקענט עטלעכע לשונות. לויצקער גלחים האָבן זיך מיט אים אָפט עפנטלעך מתווכח געווען אין ענינים פון אמונה. ער האָט אָבער, מיט זיין גרויס געלערנטקייט און פקחות, זיי מנצח געווען, און די גלחים זענען אַלע מאָל געבליבן צו שפּאָט און צו שאַנד. די שטענדיקע נצחונות זיינע האָט די גלחים שטאַרק געערגערט, האָבן זיי דעריבער גע־זוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט, ווי אַזוי זיך אין אים נוקם זיין.



דער קבר פון ר׳ וואָלף הקדוש

אין לויצק האָט מען געהאַט אויפגעבויט אַ נייעם קלויסטער. זענען זיך צו דער פייערונג פון חנוכת הקלויסטער צונויפגעפאָרן באַרימטע גלחים און הויכגעשטעלטע גייסטלעכע. האָבן זיך די לויצקער גלחים באַקלאָגט פאַר די געסט־גלחים אויף דעם אומבאַזיגבאַרן רבי וואָלף און מיט זיי זיך שואל־עצה געווען, ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַן אופן אים צו באַזיגן. איז ביי זיי אַלעמען געבליבן בעצה אחת, אַז מען זאָל ווידער אַרויסרופן רבי וואָלף אויף אַן עפנטלעכן וויכוח. דאָס מאָל אָבער, וועלן זיי, די פרעמדע גלחים מיט זייער גרויסער חכמה, צונויפשטעלן אַ לאַנגן צעטל מיט שווערע שאלות און האַרבע קשיות. דערצו נאָך וועלן זיי אַליין זיך באַטייליקן אינעם וויכוח, פאַרוואַרפן רבי וואָלף מיט אַ סך שווערע און פאַרפּלאָנטערטע פראַגעס און אים אַזוי צעטומלען און פאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז ער וועט שוין נישט וויסן וואָס צו ענטפערן.

האָבן זיי טאַקע אַזוי געטאָן. מ׳האָט ווידער אויפגעפאָדערט רבי וואָלפן צו קומען צו אַן עפנטלעכן וויכוח, און ווי אַלע מאָל האָט רבי וואָלף אויך דאָס מאָל באַוויליקט צו קומען.

אין מיטן מאַרק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הילצערנע הויכע בימה. און אין אַ באַשטימטן זונטיק, נאָך האַלבן טאָג, זענען זיך צונויפגעפאָרן פון די אַרומיקע שטעט און דערפער אַ גרויסע צאָל פּויערים און פּויערטעס, וואָס זייערע גלחים האָבן זיי געלאָזט וויסן וועגן דעם זעלטענעם וויכוח. צו דער באַשטימטער צייט זענען אַרויפגעקומען אויף דער בימה די באַרימטע געסט־גלחים, אויסגעצירטע אין פולן פּראַכט פון זייערע רעליגיעזע בגדים, זיך אויסגעזעצט אין אַ חצי־עיגול. ס׳איז אויך געקומען רבי וואָלף, וועמען זיי האָבן אַריינגענומען צווישן זיך אינמיטן — און דער וויכוח האָט זיך אָנגעהויבן.

שעהן האָט זיך דער פאַרביטערטער ווערטער־קאַמף געצויגן און לסוף האָט אויך דאָס מאָל רבי וואָלף אַלעמען מנצח געווען.

פאַרשעמטע זענען געבליבן די דערהויבענע געסט־גלחים, פאַרשעמטע בפני כל עם ועדה.

האָבן זיי, די דערצערנטע האַרן, מיט ברענענדיקן כעס, צוזאַמען מיט די לויצקער גלחים, אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג, ווי אַזוי, נישט בלויז זיך נוקם צו זיין אין רבי וואָלף, נאָר אויך פון אים אינגאַנצן פּטור צו ווערן, כדי נישט דאַרפן מער ליידן פון אים קיין חרפות און בזיונות.

*

אין פּוילן איז צו יענער צייט געווען אַזאַ משונהדיק געזעץ: אַז אויב מען האָט ביי עמעצן אין הויז געפונען אַ טויטן חזיר, וואָס איז נישט געווען זיינער, איז דער, ביי וועמען מען האָט דעם חזיר געפונען, מחויב געווען צו געבן דעם חזירס אייגנטימער אַזויפיל הירזש, וואָס זאָל קאָנען צודעקן די נבלה פון חזיר ווען מען שטעלט אים אויף די הינטערשטע פיס. אויב דער שולדיקער איז נישט ביכולת צוצושטעלן אַזויפיל הירזש — דאַרף מען אים אַריינזעצן אין תפיסה, און די ריכטער זאָלן אַרויסטראָגן קעגן אים אַ שטראָף. די ריכטער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פאַרמשפטן אים אפילו צום טויט.

און אָט דעם געזעץ האָבן די גלחים באַשלאָסן אָנצווענדן קעגן רבי וואָלף. ווייל געוווסט האָבן די רשעים גאַנץ גוט, אַז רבי וואָלף איז אָרעם, וועט ער דאָך געוויס נישט קאָנען נאָכקומען די פאָדערונגען פון געזעץ, צוצושטעלן אַזויפיל הירזש, וועט מען אים דאָך אַריינזעצן אין תפיסה, און אַז ער וועט זיין אין זייערע הענט, וועלן זיי שוין פועלן ביי די שופטים מען זאָל פון אים אינגאַנצן פּטור ווערן.

און כך הווה: מען האָט געקוילעט אַ גרויסן חזיר און אים ביינאַכט אַריינגעוואָרפן צו רבי וואָלף אין שטוב אַריין. ווען רבי וואָלף האָט אויפגעוואַכט פון שלאָף, האָט ער געפונען די נבלה פונעם חזיר ביי זיך אין הויז. איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט זענען געקומען די היטער פון געזעץ און אים אָפּגעפירט אין תפיסה אַריין.

האָט מען ביי אים געמאָנט די פולע מאָס הירזש, ווי דאָס געזעץ פאָדערט — און ער האָט דאָס נישט געקאָנט צושטעלן, האָבן די שופטים, אונטערגעקויפטע פון די גלחים, אים פאַרמשפט צו תליה.

איידער מען האָט אים אויפגעהאָנגען האָט מען אים געגעבן די ברירה, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין אמונה, וועט מען אים שענקען דאָס לעבן. האָט רבי וואָלף זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען אויף דער תליה מיט „אחד״.

עד כאן לעגענדע נוסח א׳.

*

די לעגענדע נוסח ב׳ דערציילט, אַז מען האָט אויף די לויצקער יידן געמאַכט אַן עלילת־דם. מ׳האָט אונטערגעוואָרפן אין דער גרויסער שול אַ טויט קריסטלעך קינד און געפאָדערט פון די יידן, אַז אין משך פון אַ חודש צייט זאָלן זיי אַרויסגעבן דעם שולדיקן. אויב זיי וועלן דאָס נישט באַוויזן צו טאָן, וועט מען זיי אַלע אומברענגען.

האָבן די יידן מתפלל געווען אין אַלע מקומות קדושים, גוזר תענית געווען, זיך משתטח געווען איבער קברים פון צדיקים און קדושים, געקליבן געלט און זיך משתדל געווען ביי דער מאַכט — אָבער אומזיסט. די שופטים מיט די גלחים בראש האָבן מיט גרויס אכזריות זיך געהאַלטן ביי זייער עקשנותדיקער פאָדערונג — אַרויסצוגעבן דעם „שולדיקן״.

ווען דער טערמין איז געווען אַריבער — אין אַן ערב שבת, ווען דער רב מיט זיין גאַנצער עדה יידן זענען געווען אין מרחץ — האָבן זעלנער אַרומגערינגלט די באָד, זיך אַריינגעריסן אינעווייניק און דערקלערט, אַז אויב מ׳וועט באַלד, דאָ אויפן אָרט, נישט אַרויסגעבן אָדער ברענגען דעם שולדיקן, וועט מען אונטערצינדן די באָד פון אַלע פיר זייטן.

האָט זיך פון צווישן עולם אַרויסגערוקט רבי וואָלף, איז צוגעקומען צו דער פּאָליציי און געמאָלדן, אַז ער איז דאָס דער, וועמען זיי זוכן. ער האָט דערמאָרדעט דאָס קריסטלעכע יינגל. האָבן די פּאָליציאַנטן, באין ברירה, אים אַרעסטירט און די לויצקער יידן זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונעם טויט.

רבי וואָלף האָט מען שנעל פאַרמשפט צו תליה און אים אויפגעהאָנגען אין מיטן שטאָט.

דער סוף פון ביידע נוסחאות זאָגט, אַז די לויצקער יידן האָבן רבי וואָלף געבראַכט צו קבר ישראל אויפן אַלטן בית החיים, אים געקרוינט מיטן נאָמען קדוש און געשטעלט די אויבנדערמאָנטע מצבה. און אויפן אָרט ווו ס׳איז געשטאַנען די תליה (אָדער ווו עס איז פאָרגעקומען דער וויכוח) האָט מען

שפעטער אויסגעבויט אַ בית המדרש און עס גערופן אויף זיין נאָמען לזכר עולם.

✶

דער זעלבער קברות־מאַן וואָס האָט אונדז געפירט צו דער מצבה פונעם קדוש רבי וואָלף, האָט אונדז אויך אָנגעוויזן אויף גאָר אַלטע מצבות, וואָס אויף אייניקע פון זיי האָט מען געקאָנט זען דעם פרט פון די יאָרן תכ״ב (1662), תכ״ח (1668) און תפ״ב (1672). ער האָט אונדז אויך געפירט צו אַן „אוהל״ פון צוויי ברידער צדיקים: ר׳ יצחק אייזיק בן הצדיק ר׳ ברוך, נפטר בשנת תקפ״ו (1726) און ר׳ יהושע־העשל בן הצדיק ר׳ ברוך, נפטר בשנת תיר״א (1851). אינעווייניק אינעם שטיבל איז נאָך געשטאַנען דער שטענדער, אויף וועלכן ר׳ יצחק אייזיק האָט געלערנט.

משה גליקליך

זכרונות וועגן לויצק

(פראַגמענטן)

ר׳ בעריש וויינשטאָק איז געווען אַ ייד פון מיטעלער וווקס מיט אַ קאַנטיק ווייס בערדל, צוגעשוירן מיט צוויי שפּיצן: אויף רעכטס און אויף לינקס. אויף דער לענגלעכער, אָדערדיקער און אַ ביסל פליישיקער נאָז פלעגט ער זייער אָפט אַרויפוואַרפן די פּענסנע, בכדי אַזוי אַרום צו פאַרמאַסקירן דאָס קאַסאָקען פון איין אויג. אייראָפּעיש געקליידט — פלעגט ער דעם בויך טראָגן אַ ביסל פאָרויס און געהאַט אַ זיכערן טראָט פון אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אָפּצושאַצן דעם אייגענעם ווערט.

ר׳ בעריש איז געווען אַ „משכיל״, ד.ה. אַ משכיל נישט אין בילדונג, נאָר אין דער הנהגה: דעם בן־יחיד זיינעם האָט ער געלערנט אויף פּראָוויזאָר, אין דער היים פלעגט ער גיין אָן אַ היטל, ער האָט געקאָנט מאַכן אַ כוסע מיט פּריצים און טאַקע כאַפּן מיט זיי אַ קערטל אויך.

צו דער דאָזיקער פאָרשריטלעכקייט האָט אים, קאָן זיין, געבראַכט נישט אַזוי ווייט זיינע איבערצייגונגען, ווי די פּרנסה.

ער האָט געהאַט אַ וויינשענק. היות קיין רעסטאָראַנען מיט „קלובן״ זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען, פלעגט טאַקע זיין שענק זיין אַ בית־ועד פאַר אַלע פּריצים און „אוזשענדניקעס״. צוליב וואָס ער איז געוואָרן אַ שטיקל קרוב־למלכות.

די עובדה פון ר׳ בערישן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט איז געווען צו זיין אַ דעלעגאַט פון דער יידישער באַפעלקערונג ביים אינספּעקטאָר פּאָדאַטקאָווי. מ׳דאַרף מודה זיין, אַז זיין שליחות פלעגט ער אויספירן באמונה שלימה.

ווי אַ לייב פלעגט ער פאַרטיידיקן אָרעם און רייך און דאָס — גאַנץ אומגעבעטן און אָן קיין שום טובת הנאה פאַר זיך. דאָרט ווו ער האָט נישט געקאָנט איבערצייגן דעם אינספּעקטאָר מיט ווערטער, פלעגט ער אים איבערצייגן מיט אַ גלעזל וויין. און טאַקע ביי אים אין וויינשענק פלעגן אַלע פּראָטאָקאָלן ווערן צונויפגעשטעלט, איבערגעמאַכט און אפילו אינגאַנצן אַנולירט.

ער אַליין פלעגט וועגן זיך זאָגן: „מ׳וועט נאָך אַמאָל קומען צו מיר אויפן קבר און אָנווייזן, אַז דאָ ליגט דער צדיק ר׳ בעריש וויינשטאָק. אויף דער קשיא: פון וואַנען וועט מען וויסן ווו מיין קבר געפינט זיך? — איז דאָ אַ תירוץ: מ׳וועט מיך דערשמעקן, מחמת ס׳וועט זיך פון מיר טראָגן אַ שטאַרקער ריח פון בראָנפן און וויין״...

✶

די גאַסן „סקאָרופּקאַ״ און „וועסאָלאַ״ האָבן זיך דעמאָלט נאָך נישט געהאַט אויסגעקריסטאַליזירט. זיי זענען געווען מער נישט ווי סטעזשקעס און הינטערגעסלעך, דורך וועלכע די איינוווינער פון ווילקע (באָל. כראַברי), גייענדיק דורך שענקעווי־טשאַ, פלעגן זיך פאַרקירצן דעם וועג קיין קראַסנע... שוין אָפּגערעדט, אַז „וואָלנאָשטש״ האָט לגמרי נישט עקזיסטירט; דאָס איז געווען אַ נישט־פאַרבויטער פּלאַץ, וועלכער האָט אַמאָל געהערט צו גיטעלע ליכטנפעלד ע״ה. און שפּעטער אַריבער בירושה צו די קרוינשטיינס.

פונקט אַזוי האָבן אויך נישט עקזיסטירט: די אַנסקי־גאַס, טשאַצקיעגאָ, סענאַטאָרסקאַ — פון וועלכע ס׳איז נאָך אפילו קיין סימן נישט געווען.

אָנהייבנדיק כמעט פון דער „פאָרשטאָטישער״ שול, האָבן ביידע זייטן פון דער שענקעוויטשאַ־גאַס פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ לאַנגן סאָד, אין וועלכן ס׳האָבן זיך צווישן די ביימער באַהאַלטן עטלעכע הייזער.

איך זאָג עטלעכע, ממש, ווייל אויף דער רעכטער זייט (אין דער ריכטונג מיטן פּנים קיין צפון) זענען אַ חוץ ר׳ יחיאל איינבינדערס שטוב און נאָך אַ כאַלופּע, געשטאַנען אַ פּאָר היל־צערנע הייזער, וואָס האָבן געהערט צו ריוועלע „פּאָליאַק״ און שפּעטער — צו איר זון ר׳ הירשל ראָזנצווייג.

אויף דער לינקער זייט, ביז צום אַלטן בית־עולם, האָבן זיך געפונען בס״ה פינף הייזער, וועלכע זענען געווען דאָס אייגנ־טום פון אַדוואָקאַט וואַרדענסקי און דער גוט־באַזיצערין אָלגאַ איוואַנאָוונאַ פּאָלאַנסקאַ. ביי דער לעצטער אין הויז איז געווען איינגעלאָקירט דער דעמאָלטדיקער א.ג. שטאָטישער שפּיטאָל (גאָראָדסקאַיאַ באָלניצאַ), צוליב וואָס די גאַס האָט געהייסן „באָלניטשנאַיאַ״, אָדער „שפּיטאַלנאַ״.

דער א.ג. „אַלטער בית־עולם" האָט זיך געפונען אין די גרענעצן פון איצטיקן פּאַרקן צוזאַמען מיטן שטח, וועלכן עס פאַרנעמען די בנינים פון דער קהילה — וווּ ס'איז געשטאַנען דער אוהל פון זעלביקן הייליקן אָרט.

בעת דער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1915, האָבן די אָקופּאַנטן פונאַנדערגענומען דעם פּאַרקן, צעוואָרפן די מצבות און געמאַכט פון בית־עולם אַ דורכפאָר־וועג.

איך האַלט פאַר מיין חוב מזכיר צו זיין לטובה ר' חיים באקאוויעצקי און ר' יחיאל איינבינדער, וועלכע האָבן אין יאָר 1920, אַלס גבאים פון חברה קדישא, צוריק אויפגעשטעלט דעם פּאַרקן, צונויפגעקליבן די מצבות און, ועל כולם, אָפּגעפרישט די מצבה און געבראַכט אין אָרדענונג דעם קבר פון „ר' וואָלף הקדוש", וועלכער האָט פאַר אונדז אַ היסטאָרישע באַדייטונג.

✶

ר' יוסף האָט געשטאַמט פון גאַליציאַנער יחוס. ער איז געווען אַ סך העכער פון זיין פרוי, שלאַנק, אייראָפּעיש געקליידט, שטענדיק ריין און ציכטיק. די לאַנגזאַמע און נישט זיכערע טריט האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ מפונק.

זיינע שיינע און צאַרטע געזיכטס־שטריכן זענען געווען באַראַמט מיט געדיכטע ווייסע האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ ווייסער, זייבערער ברייטער באָרד אַרום פּנים.

די טויבן־ווייסע גרויקייט, די קנייטשן אויפן פּנים, וועלכע האָבן זיך ווי צוויי פּעכערס פונאַנדערגעשפּרייט ביי ביידע אויגן אויף די שלייפן און דאָס ליבע שמייכעלע אויף די ליפּן, האָבן אים צוגעגעבן אַ סך סימפּאַטיע און געוועקט צוטרוי.

ר' יוסף איז געווען אַ פרומער, גאָטספאָרכטיקער ייד אין בעסערן זין פון דאָזיקן באַגריף: זיין דאַווענען פאַרן עמוד האָט פאַרמאָגט אַ סך מתיקות און די תפילות זענען געווען „דברים היוצאים מן הלב".

דער „עולם המסחר" איז געווען די ספערע פון זיין טעטיקייט. אויפן מסחר האָט ער געקוקט ווי אויף אַ ווערקצייג, בעסער געזאָגט, ווי אויף אַ לאַבאָראַטאָריע, וואָס פּראָדוצירט געלט, און היות אין געלט האָבן יענע קרוינשטיינס געזען דעם מקור פון גליק און ווילשטאַנד, פלעגט מען טאַקע די גאַנצע צייט ווידמענען דעם געשעפט. דאָ האָבן נישט עקזיסטירט קיין שום סענטימענטן, נאָר טרוקענע ציפערן און ניכטערע אויס־רעכנונגען.

דאַקעגן די הנהגה פון שטוב איז געווען ע"פ יידישן דת און יידישער טראַדיציע: שטענדיק אַן אייגענער מנין, אָפט האָט ער געגעבן אַ שיינע נדבה און דערביי האָט ר' יוסף ע"ה שטאַרק געהאַלטן פון „מתן־בסתר".

פאַר זייער ליבלינג, ד.ה. פאַר דער ישיבה מיט דער תלמוד־תורה האָבן זיי געזאָרגט הן ביים לעבן, געבנדיק הונדערט רובל אַ חודש אויף דער הוצאה, הן אויף נאָכן טויט — איבער־לאָזנדיק ע"פ צוואה צוואַנציק טויזנט רובל אַלס קרן קימת, פון וועלכע די אַנשטאַלטן זאָלן זיך קאָנען אויסהאַלטן.

ליידער איז דער דאָזיקער קאַפּיטאַל בעת דער וועלט־מלחמה דעוואַלואירט געוואָרן און די ישיבה האָט פון אים נישט געהאַט קיין שום נוצן.

ביי דער געלעגנהייט וואָלט געווען אַ יושר צו פאַרדאַקו־מענטירן די גרויסע לייסטונגען, וועלכע ר' יוסף מיט חיה־ריקעלע ע"ה האָבן געטאָן פאַרן דאָזיקן אַנשטאַלט און דעם גוטן ווילן, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן לגבי אָט דער אינסטיטוציע.

פאַרענדיקט מיט דער ישיבה און תלמוד־תורה — גייען מיר צוריק אויף שיענקיעוויטש־גאַס, מיט וועלכער מיר קומען צו צום „פּאַרק מיעיסקי". דער א.ג. „פּאַרק מיעיסקי" איז ערשט אַנטשטאַנען אין האַרבסט 1907. ביז יענער צייט האָט דער דאָ־זיקער שטח צוזאַמען מיט די אַרומיקע גאַסן, קראַשינסקיעגאָ, מיצקיעוויטשאַ און סלאָוואַצקיעגאָ, פאָרגעשטעלט מיט זיך אַיין גרויסן, פּירעקיקן נישט ברוקירטן פּלאַץ, וועלכער איז געווען זומער פאַרמיסטיקט, ווינטער פאַרבלאָטיקט און געטראָגן דעם שרייענדיקן נאָמען „פּאַראַדני פּלאַץ".

פאַרוואָס דער פּלאַץ האָט געהייסן „פּאַראַדני", ווייסט קיינער נישט. כ'רעכן, אַז אפילו דער מחבר פון דאָזיקן נאָמען האָט זיך אויך דערפון נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, מחמת קיינער געדענקט נישט, אַז דאָרט זאָלן האָבן ווען עס איז פאָרגעקומען פּאַראַדן, אָדער פייערלעכקייטן.

גיכער וואָלט ער באַדאַרפט הייסן „טאַרגאָווי", אָדער „האַנד־לאָווי", ווייל אין די מאַרק־טעג פלעגן זיך דאָרט אָפּשטעלן די דאָרפישע פורן און אויך ירידים פלעגן דאָרט פאָרקומען דעם 16טן יעדן חודש.

אויך דער סאַניטאַרער צושטאַנד פון אָט דעם פּלאַץ איז געווען אונטער יעדער קריטיק און כ'וועל נישט איבערטרייבן, אויב כ'וועל זאָגן, אַז ער איז געווען אַ נעסט פאַר אַלערליי מיקראָבן, וועלכע פלעגן טאַקע פון דאַנען פאַרשפּרייטן פאַר־שידענע אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן איבער דער גאַנצער שטאָט.

ס'זענען געווען צייטן אין יאָר (איבערהויפּט האַרבסט און ווינטער), ווען צוליב דער גרויסער בלאָטע איז דער פּלאַץ געווען פאַר די פוסגייער ממש נישט צום דורכגיין, און דאַן פלעגט די באַוועגונג פאָרקומען אויף די הילצערנע קלאַדקעס, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ פון אַלע פיר זייטן. צום גליק איז די באַוועגונג געווען אַ נישטיקע, מחמת די געגנט אַרום פּלאַץ איז געווען אַ נישט געדיכט באַוווינטע: פון דרום זייט בס"ה צוויי הייזלעך, פון וועלכע איינס האָט געהערט אַמאָל צו ר' ישעיה באַקסער און שפּעטער צו ר' שמעון גליקליך ז"ל, און דאָס צווייטע האָט געהערט צו אייזיק קאָוואַל (זיין פאַמיליע נאָמען האָב איך פאַרגעסן); פון מערב זייט — די נחלה פון ר' לייב ביכאָווסקי מיט אַ פאַר הילצערנע הייזער טיף אין הויף, וואָס האָט זיך געצויגן ביז לובעלסקאַ; צווישן לובעלסקאַ און סלאָוואַצקי־גאַס — אַ הילצערנע כאַלופּע פון אַ ליימפּירער מיטן פאַמיליע־נאָמען, דאַכט מיר, קאַפּייקאַ. די צפון־זייט איז אין גאַנצן נישט געווען פאַרבויט: דאָ האָט זיך געצויגן אַ גרויסער סאַד, וועלכער האָט געהערט צום גוט־באַזיצער קאַרווין־פּיאָטראָווסקי, וועלכן מ'פלעגט טיטולירן „פּאַניע מאַרשאַלקו", ווייל אַמאָל, נאָך פאַר דער פּאָוסטאַניע פון 1863, איז ער געווען פּרעזעס פון דער פוילישער שליאַכטע.

✶

די קאַשאַרן אויף דער פּילסודסקי־גאַס זענען געבויט געוואָרן צווישן די יאָרן 1888—1893 בערך.

די אונטערנעמער זענען געווען ר' אליהו פרומקין — אַ וואַרשעווער גביר, וואָס האָט געשטאַמט פון ליטע, און זיין שותף — אויך אַ רוסישער ייד, אַ געוויסער ציגעל (דעם פאָר־נאָמען זיינעם האָב איך פאַרגעסן).

אויפן אָרט, אין לויצק, איז געזעסן ציגעל, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער בוי־אַקציע.

דער דאָזיקער ציגעל איז געווען אַ הויכער, ברייטבייניקער, געזונטער מענטש, מיט אַ רויט ראַזירט פּנים און אַ קליין בערדעלע אינטער דער אונטערשטער ליפּ. דער אויסזען זיינער איז געווען ווי פון אַן אמתן קאַצאַפּ. אָבער אַ האַרץ האָט ער פאַרמאָגט פון אַ וואַרעמען ייד, וועלכער האָט געזאָרגט וואָס מער יידן צו באַשעפטיקן ביי דער אַרבעט, אַז וואָס מער יידן זאָלן מרוויח זיין ביי זיין אונטערנעמונג.

אָבער דאָס גרעסטע פאַרדינסט זיינס באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט צווישן די יידישע אַרבעטער אויסגעשולט אַ סך קוואַליפיצירטע בעלי־מלאכות. געטאָן האָט ער עס אויף אַזאַ אופן: צו די קוואַליפיצירטע קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון דער פרעמד, האָט ער צוגעשטעלט אָרטיקע בעלי־מלאכות יידן, וועלכע האָבן זיך ביי זיי פאַרפולקאָמט אין פאַך. אַזוי, למשל, זענען אַדאַנק ציגלען אויפגעקומען אין לויצק יידישע בוי־מוליערס, וועגן וועלכע מ׳האָט ביז דעמאָלט אין אונדזער קאַנט נישט געהאַט קיין באַגריף.

אָבער נישט נאָר די מלאכה האָבן זיך אויסגעלערנט אונדזערע אַרבעטער, זיי האָבן טאַקע פאַרדינט אַ סך געלט אויך.

די אַרבעט איז געווען אַ דרינגענדיקע. מ׳האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט און ציגעל האָט געצאָלט מיט דער ברייטער האַנט, מחמת ס׳געשעפט איז געווען אַ גוטס און מחמת זיין פּרינציפּ: „זאָלן יידן פאַרדינען". „עמך ישראל צריכים פּרנסה" — פלעגט זיין זיין באַליבטער אויסדרוק.

פאַר די אָפּגעשפּאָרטע געלטער האָבן די בעלי־מלאכות געדונגען ביי זאַקאָווסקין, הינטער דער שטאָט, פלעצער און זיך געבויט הייזלעך, פון וועלכע ס׳האָט זיך שפּעטער געשאַפן אַ גאַנצער קוואַרטאַל מיטן נאָמען „נאָווע זאַבודאָוואַניע". צו זיין אַנטוויקלונג האָט אַ סך מיטגעווירקט די שכנהשאַפט פון לעשטשינסקיס ציגל־פאַבריק, וועלכע איז אויך אַנטשטאַנען צוליב די קאַשאַרן און פלעגט דעמאָלט באַשעפטיקן אַ סך אַרבעטער.

✶

זינט דעם פּעריאָד, אויף וועלכן ס׳באַציען זיך מיינע זכרונות, האָט זיך אויך געביטן די געאָגראַפישע געשטאַלט — די גרענעץ־ליניעס פון דער שטאָט: פאַרביי דער א. ג. „מאַראַנצס ציגעלניע" איז געפלאָסן דער טייך גלושעץ, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן ביים סטיר הינטערן יידישן בית־עולם, זיך געצויגן לענגאויס באָלעסלאַוואַ כראָברעגאָ און יאַגעלאָנסקאָ און איז אַריינגעפאַלן אינעם זעלבן סטיר — אינעם פונקט, ווו ס׳קרייצן זיך די מאָנטשנאַ מיט דער טאַרגאָוואַ. דער גלושעץ האָט פאַרמאָגט אַ טיף וואַסער, אין וועלכן מ׳האָט זיך געקענט במשך פונעם גאַנצן זומער שיפן און באָדן. איך אַליין האָב זיך נאָך צוריק מיט אַ יאָר 40 געבאָדן אין אים הינטערן באַנק פאָלסקי, ביי דער בערנאַרדינסקאַ־גאַס.

דעסגלייכן האָט זיך די „נאָווע זאַבודאָוואַניע" געפונען אויפן ברעג פון דעם א. ג. „סטאַוו זייקאָווסקיך", וועלכער האָט אויסגעפילט די קאָריטע, וואָס ציט זיך כמעט פון דאָרף טערעמנאַ, לענגאויס לעשטשינסקיס ציגל־פאַבריק און „קאָלאָניאַ אוזשענדניטשאַ" ביז צו דער פּילסודסקי־גאַס. אין דער דאָזיקער אָזיערע נעמט זיין אָנהויב דאָס טייכל „סאָפּאָלאַיעווקאַ", וואָס פאַראייניקט זיך מיטן סטיר.

דער „סטאַוו זייקאָווסקיך" איז געווען אַ פולווערטיקער וואַסער־רעזערוואַר. אַלס באַווייז קאָן דינען דער פאַקט, וואָס צוריק מיט אַ 40 יאָר האָט זיך אויף אים געפונען אַ וואַסער־מיל, אויף דעם אָרט, ווו די סאָפּאָלאַיעווקע שניידט אַדורך דעם שאָסיי.

אויף אַזאַ אופן איז לויצק באַשטאַנען פון צוויי טיילן:

1. פון צענטער שטאָט, וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קעמפּע אַרומגערינגלט מיט וואַסער — פון איין זייט דער סטיר און פון דער צווייטער — דער גלושעץ.

2. פון דער א. ג. פאַרשטאָט מיט וואָלקע, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ האַלב־אינדזל און זענען געוואָרן באַוואַשן: פון מערב־זייט דורך דעם סטיר, פון דרום — דער גלושעץ, פון צפון — זייקאָווסקיס אָזיערע מיט דער סאָפּאָלאַיעווקע און נאָר פון מזרח־זייט, ביי דער דובנא־ראָוונער ראָגאַטקע, האָט זיך אַ שמאָלער פּאַס פאַראייניקט מיט דער יבשה.

די געשטאַלט פון דער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערן מיטן מאָמענט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די בוי־באַוועגונג, און פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געוואַקסן די נאָכפראַגע אויף פּלעצער, וועלכע זענען אומגעהויער געשטיגן אין פּרייז.

היות אָבער קיין פּלעצער זענען נישט געווען, מחמת אַרום און אַרום איז געווען וואַסער און די שטאָט האָט נישט געהאַט וווּהין זיך פונאַנדערצושפּרייטן, האָבן די מענטשן זיך גענומען שאַפן פּלעצער דורכדעם, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשיטן דעם גלושעץ מיט זייקאָווסקיס אָזיערע.

דאָס פאַרשיטן האָט זיך געפירט פּרימיטיוו, כאַאָטיש, אָן שום השגחה מצד דער אויפזיכטס־מאַכט, און האָט גורם געווען, אַז די צוויי שיינע וואַסער־רעזערוואַרן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין צוויי בלאָטיקע זומפּן, אויף וועלכע ס׳זענען נאָר ערטערווייז אַנטשטאַנען בוי־פּלעצער. דאָס איבעריקע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט נעסטן פאַר די מאַלאַריע־מיקראָבן און אַנדערע אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן.

(איבערגעדרוקט פון דער „וואָלינער פּרעסע")



די גרויסע שול אין לוצק



פּלאַן פֿון דער שטאָט
לידע
1 שטח פֿון געטאָ /פֿון יולי 1941/
2 ערשטער לאַגער אין "סעמינאַר" /אָקטאָבער 1941 סעפּטעמבער 1942/
3 צווייטער אַרבעטס־לאַגער אין ווולקע /סעפּטעמבער 1942 - דעצעמבער 1942/
4 די גרויסע שול 9 סאָבאָר
5 ליובאַרט־שלאָס 10 קאַטעדרע
6 וואָיעוואָדזשטווע 11 קאַראַימער קענאַסע
7 באַזיליאַנער בריק 12 קראַסנער בריק
8 קריגסגעריכט 13 שטאָטישער גאָרטן
אין די שטריכן - שטח פֿון געטאָ, אין אַרבעטס־לאַגערן
בריקן
קראַסנע
געטאָ

בימי מלחמת העולם הראשונה

די תקופה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה



המראה הכללי של מבצר לוברט
דער אַלגעמיינער אויסזען פון ליובאַרט־שלאָס



תכנית המבצר
פּלאַן פונעם שלאָס

יואל כאַראַק

לויצק אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

די ערשטע שלאַכט
(18 יולי—סוף אויגוסט 1914)

די שטאָט לויצק האָט דערפילט די וועלט־מלחמה אַ טאָג פאַר דעם „יום מוכן לפורעניות״, תשעה באב ה׳תרע״ד.

צוליב דער מורא, אַז דאָס עסטרייכישע מיליטער זאָל פלוצעם נישט אַריינרייסן זיך אין שטאָט, האָבן די סטראַטעגיקער פונעם רוסישן מיליטער זיך מקדים געווען — געכאַפּט און פאַרברענט די בריקן פון דער פאָרשטאָט נידעוו.

די שנעלקייט ביים אַדורכפירן דעם חורבן, האָט נישט דערלויבט די שכנותדיקע איינוווינער צו ראַטעווען זייער האָב און גוטס. דאָס האָט אָנגעוואָרפן אויף דער גאַנצער לויצקער באַפעלקערונג אַן אויסערגעוויינלעכן פחד און בהלה.

אַלע דערבייאיקע יידישע שטיבער, מיטן גאַנצן האָב און גוטס, וואָס האָט זיך אין זיי געפונען, זענען אַוועק מיטן פלאַם.

די בהלה ביים מיליטער און אין אַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס איז געווען גרויס. די שטאָט האָט באַקומען אַן אויסזען פון אַ מלחמה־פלאַץ.

מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט מען דערוואַרט, אַז ביי דער שטאָט וועט זיך צעפלאַקערן אַ פאַרביטערטער קאַמף, אַז אין שטאָט וועלן זיך אַריינרייסן די צערייצטע און צעווילדעוועטע עסטרייכישע זעלנער כדי צו ראַבירן און מאָרדן.

די עסטרייכישע מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן דאָס נישט באַוויזן. ביי אַ 20 וויאָרסט ווייט פון לויצק זענען זיי באַגעגנט געוואָרן דורך רוסישע באַטאַליאָנען, וועלכע זענען אָנגעקומען פון פּראָסקוראָוו און קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק. עס איז פאָרגעקומען די ערשטע שלאַכט ביי לויצק און אין שטאָט זענען געבראַכט געוואָרן די ערשטע עסטרייכישע געפאַנגענע.

די סאָלדאַטן האָבן פאַרפולט אַלע שטיבער. די ערשטע גייען אַוועק אויפן פראָנט, און די אַנדערע קומען פון טיף רוסלאַנד. די שטאָט האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. די סאָלדאַטן האָבן נישט באַוויזן זיך איינצולעבן מיט דער באַפעלקערונג.

דער האַס, וואָס האָט געהערשט אין די הויכע ספערן צו „אינאָראָדצעס״ (פרעמדע) בכלל און צו יידן בפרט, האָט אַריינגעדרונגען טיף אין די הערצער פון די ברייטע מאַסן, און איבערהויפּט פון דער אַרמיי. די סאָלדאַטן זענען געווען פאַרביטערט. זיי האָבן זיך אַליין באַטראַכט ווי קאַנדידאַטן אויף זיכערע בר־מינן׳ס און דערפאַר — איז אַלץ דערלויבט. זיי האָבן געמעגט מאַכן חורבנות ביי דער יידישער באַפעלקערונג — לויט זייער ווילן און ווי די האַס־פּראָפּאַגאַנדע האָט זיי אונטערגעזאָגט.

אָבער עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, ביי אַן ענלעכער פון וועלכער דוד המלך האָט געזאָגט: „נתת שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו וכו׳״ (איך האָב זיך דערפרייט ווען ביי מיינע פיינט די רשעים האָט זיך דאָס גערעטעניש אין תבואה און אין ווייז פאַרבעסערט). די רוסישע אַרמיי האָט געזיגט אויפן דרום־מערב פראָנט, זי האָט געשלאָגן די עסטרייכער מכות נמרצות און פאַרטריבן זיי העט ווייט אין עסטרייך. די רוסן האָבן אַריינגעדרונגען טיף אין גאַליציע ביז צו די קאַרפּאַטן — און לויצק איז געבליבן ווייט פון די אייגנטלעכע קריגס־אָפּעראַציעס און פון סאָלדאַטן, וואָס גייען צו דער שלאַכט.

אין משך פון ניין חדשים, בעת די רוסן האָבן געקעמפט אין די קאַרפּאַטן, איז אין לויצק געווען רויק און מען האָט דאָרט נישט געפילט קיין שרעק. דורך דער שטאָט פלעגט זייער זעלטן דורכמאַרשירן מיליטער, און ווען יאָ — איז עס באַשטאַנען פונעם אַזוי גערופענעם „זאַפּאַס״ (רעזערוו), אַ מער עלטערער און רויקער עלעמענט, פאָטערס פון קינדער און פאַמיליעס, וועלכע האָבן אַליין געפילט די טראַגעדיע פון זיין אָפּגעריסן פון דער היים צוליב עפּעס אַן אָנשיקעניש פון מלחמה. ווען זיי פלעגן סטאַציאָנירן אין שטאָט, האָבן זיי זיך איינגעלעבט מיט דער באמת פריידלעכער און מיטליידנדיקער יידישער באַפעלקערונג און געשלאָסן מיט איר קאַנטשאַפט און גוטפריינדשאַפט.

נצחון פון די רוסן — שלווה פאַר די יידן
(סעפּטעמבער 1914—סוף אַפּריל 1915)

דורך לויצק האָבן געשטראָמט די רוסישע פּאָלקן, וועלכע זענען געווען באַשטימט צו העלפן דער אַרמיי אין איר קאַמף קעגן צענטער — אויפן וועג קיין לעמבערג.

צוזאַמען מיט אַנדערע שטעט אויף דער זעלבער ליניע איז לויצק געווען פון די ערשטע פונקטן אין רוסלאַנד אויף צוצושטעלן רוסישע סחורה (צומיינסטן שפייז־פּראָדוקטן) קיין גאַליציע און גאַליציישע סחורה (על פּי רוב פאַבריק־אויסאַרבעטונגען) פאַר רוסלאַנד. די שטאָט איז געווען איבערפולט מיט מיליטער און סוחרים פון רוסלאַנד און גאַליציע, דער מסחר האָט געבליט און די באַפעלקערונג האָט פאַרדינט פּרנסה בריווח.

אלע עבירות וואַרפט מען אויפן שעיר לעזאזל — דעם ייד

(מאַי—אויגוסט 1915)

נאָך די גרויסע באַקומענע קלעפּ האָבן די רוסן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון די קאַרפּאַטן. אַרום דריי חדשים האָבן זיי זיך נאָך געהאַלטן ביי דער שטאָט סאָקאָל און אַנדערע שטעט אויף דער ליניע, אין אַ מרחק פון אַ 80 וויאָרסט פון לויצק. אָבער מיטן אָנקומען פון די דייטשן צו הילף די עסטרייכער אויף אָט דעם פראָנט־אָפּשניט, האָבן די רוסן אָנגעהויבן צו ליידן מפּלות נאָך מפּלות, ביז זיי האָבן זיך מייאש געווען פון גאַליציע און אפילו פון אַ גרויסן טייל וואָלין.

די מפּלות אויפן שלאַכטפעלד זענען געווען אַ רעזולטאַט פון דער פאַרברעכערישער פירונג פון די הויכע און נידעריקע אָפיצירן אין דער ארמיי. די הויכע שרי המלוכה האָבן אין זינען געהאַט זיך, זייערע תאוות און אינטריגעס. אַ סך האָבן פּשוט פאַר געלט, צי פאַר זנות און שכרות, פאַרקויפט און איבערגעגעבן מיליטערישע סודות און פּלענער. געוויס, נישט אַלץ האָט מען דערלאָזט קומען צו דער עפנטלעכקייט. אָבער עס איז גענוג דאָס וואָס מען האָט שוין יאָ געזען. אַ גרויסער שישקע, אַ פּאָלקאָווניק אָדער גאָר אַ גענעראַל, מיאַסאָיעדאָוו, האָט מען געמשפּט פאַר פאַרראַט — און טאַקע אומגעבראַכט. אין שטאָט אַליין האָט מען דערציילט אַן אַנעקדאָט, וועלכער איז אָבער געווען אַ לעבעדיקער פאַקט: פון קראַסנער זייט, ס׳הייסט פון פראָנט, פליט ווי פייל אויסן בויגן אַ אויטאָמאָביל. אין אים זיצט אַ דענערווירטער, צעטראָגענער אָפיציר. געוויס — האָט מען געמיינט — פירט ער עפּעס אַ וויכטיקן סוד פונעם פראָנט אין הויפּט־שטאָב אַריין. דער אָפיציר איז אין ראַשן טעמפּאָ איבערגעפלויגן די הויפּט־גאַס, אַראָפּגעשפּרונגען ביי דער קאַזנאַטשייסטוואָ, גיך געקויפט עטלעכע פּעקלעך שפּילקאָרטן, און — צוריק אויפן פראָנט!

אָבער פאַר דער וועלט, און איבערהויפּט פאַר די אָפּגענאַרטע סאָלדאַטן, האָט מען געמוזט געפינען אַן אַנדערן תירוץ פאַר די אַלע מפּלות.

האָט מען באַשולדיקט די יידן! די קאָמאַנדירן און זייערע מיטהעלפערס האָבן פאַרשפּרייט צווישן די סאָלדאַטן און המון נאַרישע לעגענדעס וועגן דער איבערגעגעבנקייט פון די זשידעס צו עסטרייך און צום דייטש. זיי פלעגן באַצייכענען די דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען אַלס „זשידאָווסקאַיע וואָיסקאַ". די פינצטערע סאָלדאַטן פלעגן זאָגן, אַז די דייטשן רעדן דאָך טאַקע אַ „שפּראַך" וואָס איז ענדלעך צו יידיש. די געוויינלעכע פורן מיט סחורה און עסנוואַרג, וואָס נאַיווע סוחרים האָבן געפירט צו פאַרקויפן קיין גאַליציע, וועלכע איז נאָך געווען ביי די רוסן, האָט מען חושד געווען, אַז זיי פירן נישט קיין זעק זאַלץ, נאָר זעק אָנגעפילט מיט גאָלד און זילבער, און די זשידעס פירן דאָס צו דער פיינטלעכער אַרמיי, צו די עסטרייכער אָדער דייטשן. אין די לעבעדיקע געגנטן, וואָס יידן פירן אויף מסחר, האָבן די רוסישע טעמפּע יידנפיינט געזען גאָלד מיט בריליאַנטן פאַרן שונא. צווישן דעם פינצטערן רוסישן המון זענען אַרומגעגאַנגען מעשיות, אַז יידן האָבן באַגראָבן אין דער ערד טעלעפאָנען און דורך די ערד־טעלעפאָנען גיבן זיי איבער דעם „ניעפּריאַטיעל" (דעם פיינט) קיין ווין און בערלין סודות וועגן דער אַרמיי. אַזעלכע יידישע „פאַררעטערישע" טעלעפאָנען האָבן זיי חושד געווען אפילו אין די יידישע געדיכטע בערד, די האָר האָבן זיי אָנגענומען פאַר פאַרשטעלטע דראָטן...

די רוסישע אָפּגענאַרטע, פאַרשעמטע, צעבראָכענע און צעקאַליעטשעטע סאָלדאַטן האָבן געזען אין די יידן זייערע מערדער, די שולדיקע אין די מפּלות פון דער רוסישער „זיגרייכער אַרמיי" און אין טויט פון די רוסישע סאָלדאַטן.

די העכסטע רוסישע קאָמאַנדירן האָבן פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען אַרויסצוטרייבן די איינוווינער־יידן פון די קריגס־געביטן און פון די פעסטונג־שטעט. און הגם ווען די רוסן זענען אין פּחד אַנטלאָפן פאַר די עסטרייכער און דייטשן איז שוין די גזירה פון גירוש לאַנג בטל געוואָרן (אַ סך געביטן זענען שוין דעמאָלט פּשוט נישט געווען אין רוסישע הענט) — האָט שוין די גזירה באַוויזן צו ווירקן און פאַרמיאוסן די יידן אין די אויגן פון דער מאַסע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז יידן טאָר מען נישט גלויבן, אַז יידן זענען פיינט פונעם רוסישן פאָלק און פון דער „מאַטושקאַ ראַססיאַ" — און דערפאַר מעג דער רוסישער פויער און זעלנער אויף זיין אייגענער האַנט זיך נוקם זיין אין דעם יידן...

די רוסן און זייער שאַנד

און אין אַזאַ עידנא דרותחא, ווען די אַרמיי און די רויע מאַסע איז פאַרסמט מיט שנאה צו יידן, האָט געדאַרפט דורך לויצק דורכלויפן דער גאַנצער שארית הפליטה פון דער רוסישער מחנה — מיט די בעלי מומים, מיט די שפּיטעלער, מיטן גאַנצן אַרמייאישן עלנט און נויט. עס האָבן געדאַרפט איבערלויפן די פויערים פון וואָלין און גאַליציע, וועלכע די רוסישע מיליטערמאַכט האָט אַרויסגעריסן פון זייערע היימען מיט די ווייבער און קינדער און מיט דער כודאבע און חזירים, און זיי מיטגענומען מיט דער אַנטלויפנדיקער אַרמיי, כדי נישט איבערצולאָזן פאַר די אָנגרייפנדיקע דייטשן און עסטרייכער אַזויפיל אַרבעטס־הענט.

אָט די אַלע מענטשן, פאַרביטערטע אויף דעם אַלדאָס בייז, וואָס זיי האָט געטראָפן — איינע אויפן שלאַכטפעלד, די צווייטע אין זייערע דערפער — זענען געווען גרייט זיך נוקם צו זיין אין די יידן, וועלכע „זענען אין אַלעם שולדיק" און בלייבן ערשט אַליין זיצן אויף זייערע איינגעזעסענע ערטער.

די לאַגע איז געוואָרן שרעקלעכער פון מינוט צו מינוט, די עסטרייכישע קאַמפּאַניעס מיט זייערע כלי משחית האָבן געשפּרייזט מיט ענערגיע און געיאָגט די רוסן אין קאַרק אַריין, איי׳ניקע טעג אַן אויפהער זענען די רוסן געלאָפן דורך דער

שטאָט אָן שום אָרדענונג, אין גרויס פחד פאַר די אָנקומענדיקע עסטרייכער און אין ציין־קריצעריש אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

אין דער ברייט פון דער גאַס זענען געלאָפן פאַרפּלאָנטערטע אין קוילן — סאָלדאַטן מיטן „אַבאָז״, האַרמאַטן אינאיינעם מיט חזירים. אויף פיל ערטער האָט זיך אַלץ פאַרדרייט אין אַ כישוף־ראָד. צום רעש פון זעלנער, געוויין פון פרויען און קינדער פון די פויערים, הירזשען פון פערד, קלאַפן פון האַרמאַטן און אייזערנע שינעס אויף די שאָסיי־שטיינער איז גאָר קיין גלייכן נישט געווען.

די הערצער ביי די יידן זענען אַרויסגעשפרונגען ביים אָנבליק פון דער אומבאַשרייבלעכער בהלה און פון די גרויע, אויסגעקרומטע פון רציחה, פנימער פון די סאָלדאַטן און פויערים, וועלכע אַנטלויפן פון אומקום.

אָט די בהלהדיקע לויפעניש האָט געדויערט דריי טעג, און אין אַ פאַרנאַכט — נאָכן פאַרברענען דעם וואָקזאַל און עטלעכע פון די קאַשאַרן, און נאָכן צעשעדיקן די עלעקטרישע סטאַציע — האָבן די רוסן פאַרלאָזט די שטאָט.

יידן נעמען איבער די מאַכט און שטעלן איין רו

די שטאָט איז געווען פאַרזונקען אין אַ שרעקלעכער פינצטערניש. די אויסברעכנדיקע פייערן פון די שריפות האָבן גיהנומדיק באַלויכטן די ליידיקע, טויטע שטאָט. פון דאָ און פון דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן פאַרשטיקטע ייאוש־קולות. אין שטאָט זענען איבערגעבליבן פון דער אַנטלאָפענער אַרמיי סאָלדאַטן־מאַראָדערן, מערדער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט ציווילע רוסן פון דער אונטערוועלט, אָנגעהויבן אויפצוברעכן יידישע קראָמען, ראַבירן און חרוב מאַכן, וואָס עס איז זיי נאָר געקומען אונטער דער האַנט און מאָרדן יעדן איינעם, וואָס זיי האָבן דורך אַ צופאַל באַגעגנט אין גאַס, אָדער אין אַן אויפגעבראָכענעם געוועלב.

די באַפעלקערונג האָט זיך באַהאַלטן אין די טיפע צימערן פון די שטיבער. מען האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט; אין ענגשאַפט האָט מען זיך צונויפגעקנוילט מיט דער גאַנצער פאַמיליע אונטער שמאַטעס, מעבל און אין טויטשרעק דערוואַרט די מערדער, וועמענס ווילדע קולות עס האָבן זיך געלאָזט הערן פון די נאָענטע שטיבער.

אָבער, ווי מען זאָל זיך האָבן פריער אָפגערעדט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף די גאַסן פאַרהאַרטעוועטע אַנטשלאָסענע בלייכע געזיכטער — קליינע גרופעס פון יידישע יונגעלייט מיט שטאַרקערע כאַראַקטערן. מען האָט אויף זיך גענומען צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און דעם כבוד פון פרויען און טעכטער, און צו פאַרמיידן דעם חורבן פון יידישער פיליעריקער מי. באַוואָפנט מיט שטעקנס און אייזערנע כלים, אָבער נאָכמער — מיט העלדנמוט און געטריישאַפט, זענען זיי אומדערשראָקן געלאָפן אינטער די קוילן פון די רויבער — זיי אָקעגן. זיי האָבן די רויבער אַנטוואָפנט, אייניקע פאַריאָגט, און דער רויב איז די זעלבע נאַכט געוואָרן אָפגעשטעלט.

אין דער פרי איז די שטאָט געווען הפקר, אָן אַ מאַכט. די רוסן זענען שוין נישט געווען, די עסטרייכער זענען נאָכנישט אַריין. און אויס מורא, אַז ביינאַכט זאָל דער רויב זיך נישט איבערחזרן אין אַ מער אָרגאַניזירטער פאָרם, האָבן די יידן געטאָן ווי זייער פאָטער יעקב פאַר זיין באַגעגענען זיך מיט זיין ברודער עשו. לויצקער יידן האָבן זיך צוגעגרייט לדורון, לתפילה ולמלחמה. קודם האָבן די יידן אימפּראָוויזירט אַ.ג. „פיטאַטעלניע פונקטן״, דערנערונגס־פונקטן אין עטלעכע ערטער אין שטאָט, ווו יעדער דורכגייענדיקער סאָלדאַט אָדער קאָזאַק זאָל באַקומען, אָן שום אָפצאָל, זעמל און טיי צו דער זעט. צווייטנס, האָט טאָקע יעדער ייד אין האַרצן אפשר תפילה געטאָן, אַז דער קריזיס זאָל איבערגיין בשלום, און ביי זיך אַליין געפּועלט, אַז זיי זאָלן זיין פון די נעלבים ואינם עולבים און פאַרשווייגן אויף אַ באַליידיקונג פון אַ זעלנער אַ מר נפש, כדי נישט, חלילה, עמעצן צו פראָוואָצירן.

און דריטנס — און דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט — האָבן זיך די יידן צוגעגרייט למלחמה. יאָ, למלחמה! זיי האָבן מיט דער דערלויבעניש פון איינעם אַ רוסישן אָפיציר, וועלכער האָט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן, צוליב עפּעס אַן אויסטערלישער מיסיע, זיך באַוויזן אויף אַ שעה צייט אין דעם אַנאַרכישן לויצק — געגרינדעט אַ בירגערלעכע מיליץ מיט אַ רעגולאַמין און מיט דיסציפלין. אויף די אָרעמס האָבן זיך באַוויזן ווייסע בענדער מיט די רוסישע ווערטער „גאָראָדסקאַיאַ מיליציאַ״. כהרף עין האָבן זיך געפונען אין די יידישע הענט אייזערנע שטעקעלעך פון איין און דערזעלבער פאָרם. אָט די צוויי סימבאָלן פון מאַכט, מ׳שטיינס געזאָגט, האָבן אין די הערצער פון די יידישע יונגעלייט אַריינגעגעבן מוט צו שפּאַצירן אין די גאַסן, מקבל פנים זיין די סאָלדאַטן און קאָזאַקן אויף פערד און זיי צווינגען בתופים ובמחולות — מיט פעטש און מיט קולאַקעס — צו האָבן דרך ארץ פאַר דער „זשידאָווסקאַיאַ מיליציאַ״ און אַז זיי זאָלן — אויף די פערד, מיטן געווער — מאַכן דעם גרויסן ויברח.

אַזוי איז אַריבער אַ טאָג מיט אַ נאַכט. אין דער פינצטער זענען דורכגעגאַנגען דורך די ליידיקע גאַסן די לעצטע רוסישע סאָלדאַטן און פון „סטראָי״ אַרויס האָבן זיי געזידלט און געשאָלטן די יידישע מיליציאָנערן, וועלכע זענען קאָרעקט אָבער פעסט, געווען צעשטעלט אויף זייערע פאָסטנס.

פאַרטאָג האָבן זיך דערהערט די ערשטע קנאַלן פון די עסטרייכישע באַטעריעס האַרט נעבן דער שטאָט.

פון אַ באַהעלטעניש האָבן זיך באַוויזן צוויי רוסישע זעלנער. זיי זענען געווען באַשטימט אונטערצוצינדן די בריק, וואָס פירט פון דער פאָרשטאָט קראַסנע אין שטאָט אַריין. זיי האָבן די אויפגאַבע דערפילט און באַלד זענען זיי שנעל אַנטלאָפן — רייטנדיק אין צווייען אויף איין פליענדיק פערד. ביי דער אויסטערלישער שטימונג האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַסטיש באַשעפעניש פון אַ באַלאַדע ביי די פאַרצייטיקע רוסישע פאָעטן...

לויצק — א שפיל־באַלעם

(אויגוסט—סעפטעמבער 1915)

די שטאָט איז געבליבן צווישן צוויי קעמפערישע צדדים. פון ביידע זייטן שטאָט האָבן די עסטרייכער געהאָגלט איבער דער שטאָט, אויף דער אַנטלויפנדיקער רוסישער אַרמיי. איבער דער

שטאָט זענען געפלויגן און אויפגעריסן שראַפּנעלן מיט פאַרשיידענע קולות און סווישטשערייען. אייניקע האָבן געהאַט אַ פּריילעך־פרעכן אָפּקלאַנג, ווי געלעכטערלעך פון לייכטע פרויען; אַנדערע ווידער, האָבן געברומט ווי בייזע שלעכטע זקנים. דאָס אַלץ איז געוואָרן באַגלייט מיט דראָבנינקע שטימעלעך פון ביקסן און מאַשינגעווער, אַלץ צוזאַמען איז געווען אַ שדים־מוזיק אויף דער חתונה פונעם אשמדאי מיט לילית...

יעדע מינוט האָבן זיך געפעלט אין דער אַרמיי הונדערטער מענטשלעכע יונגע לעבנס. די באַפעלקערונג איז געלאָפן אין די קעלערס. אייניקע שטאַרקערע מענער האָבן, אונטער אַ האָגל פון קוילן, איבערגעפירט פאַמיליעס פון פרויען און קינדער אויף מער זיכערע פלעצער. מען האָט זיך געפאַרעט מיט פאַרוווּנדעטע ציוויל־לייט און זיי געגעבן די ערשטע הילף. פון דער באַפעלקערונג זענען געווען דעם פרימאָרגן צוויי געהרגעטע און מערערע פאַרוווּנדעטע.

דאָס שיסעריי האָט געדויערט ביז נאָך מיטאָג און דאַן זענען אין שטאָט אַריין מיליטערישע אָפּטיילונגען פון אָפּגעברענטע, פאַרשוואַרצטע און פאַרשוויצטע עסטרייכער.

די יידן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, מען איז אַרויס פון די שטיבער אין גאַס אַריין. די עסטרייכער האָבן זיך צו יידן באַצויגן גאַנץ פריינדלעך. יידן האָבן זיך גערעכנט פאַר אַ גוטן לאָיאַלן בירגערלעכן עלעמענט און זיי האָבן גיך פאַרגעלייגט די יידן, אַז זיי זאָלן אָרגאַניזירן די פאַרוואַלטונג מיט די ענינים פון דער שטאָט.

אין גיכן, ערב יום־כיפור תרע״ו, האָבן די עסטרייכער „ציטוויייליק״, ווי אויף אַ שפּילעכל, אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די שטאָט פאַר די רוסן, וועלכע האָבן זיך באַפעסטיקט ביי קלעוואַן און האָבן פון דאָרט געפרווט אָנפאַלן אויף די עסטרייכער. ביי די יידן איז דער צער געווען גרויס, ערשטנס האָבן זיי מורא געהאַט פאַרן איבערגאַנגס־פּראָצעס פון איין מאַכט צו דער צווייטער בכלל. און צווייטנס, האָבן זיי געציטערט פאַרן אָנקומען אויפסניי פון דער רוסישער רשעותדיקער ממשלת הזדון בפרט. פיל פרומע יידן זענען געצוווּנגען געווען צו פאַרשוועכן דעם יום הקדוש און אַנטלויפן אויף פורן פון דער פראָנט־ליניע כדי אויסצומיידן סכנות נפשות. אין די שולן האָבן יידן יום כיפור ביינאַכט מיט גרויס בענקשאַפט מטעים געווען די ווערטער אין תהלים: בשלום יחדיו אשכבה ואישן (ביי אַן אַלגעמיינעם פרידן וואָלט איך זיך געלייגט און אַנטשלאָפן געוואָרן). דאָס שלאָפן רויק בשלום און נישט מורא האָבן פאַרן טויט דורך די צעווילדעוועטע זעלנער פון כל המינים האָט אין דער משוגענער צייט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פאַנטאַזיע.

עטלעכע טעג האָט געדויערט דער בהלהדיקער ריקצוג פון די עסטרייכער און ערב סוכות פאַרנאַכט האָבן אָנגעהויבן פאַלן אין שטאָט שראַפּנעלן פון דער רוסישער זייט.

סוכות אין דער פרי — גוט יום־טוב! די רוסן זענען צוריק אין שטאָט. אָבער עס איז קענטיק געווען, אַז ביי זיי אַליין איז לויצק טאַקע נישט מער ווי אַ סוכה, אַ דירת ארעי. זיי האָבן נישט גערעכנט זיך איינצואָרדענען מיטן גאַנצן האַק און פּאַק אין לויצק. די עסטרייכער זענען פון לויצק נישט אָפּגעטרעטן. זיי זענען בלויז אַרויס פון דער שטאָט, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דערפל מאַליאַניק, אַ 6—5 וויאָרסט פון לויצק. פון דאָרט האָבן זיי אָנגעשטעלט זייערע באַטעריעס גלייך אויף דער שטאָט, און טאַקע קעגן די הויכע מויערן, ווו עס האָבן געדאַרפט, לויט זייער השערה, לאָזשירן די העכערע קאָמאַנדירן. די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָזיציע. אויף פיל ערטער צווישן די שטיבער האָבן די רוסן אויסגעגראָבן אָקאָפּעס און פון דאָרט געשאָסן צו די עסטרייכער. אויפן ברעג פון טייכל גלושעץ הינטער דער געביידע פון קריז־געריכט, זענען צעשטעלט געוואָרן באַטעריעס, וואָס האָבן אויף זייער ערנסטער באַסאָווער שפּראַך גערעדט קיין מאַליאַניק צו די עסטרייכער. יענע זענען גאָרנישט געבליבן שולדיק. זיי האָבן במשך פון דריי טעג געמאַכט אַזעלכע „נענועים״, אַז זיי האָבן ממש געדראָט חרוב מאַכן די שטאָט.

אַ פּאָר הונדערט נפשות פון דער ציוויל־באַפעלקערונג זענען אומגעקומען און פאַרוווּנדעט געוואָרן. פיל הייזער זענען צעשעדיקט געוואָרן. די מענטשן זענען שוין געוווינט געוואָרן מיט אַזאַ לעבן, וואָס הענגט אויף אַ האָר. בעת די קורצע פּויזעס צווישן די שיסערייען זענען זיי אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן אויף די גאַסן, און יעדעס מאָל מיט גרויס ווייטאָג זיך דערוווּסט וועגן דעם טויט פון אייגענע און באַקאַנטע, און דערביי אַליין זיך גערעכט אויפן ערגסטן.

די באַטאַליע איז אויפגענומען געוואָרן מיט מוזיק. די רוסישע סאָלדאַטן האָבן אימפּראָוויזירט עסטראַדעס. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די שטיבער (מיט גוטן) טישן, בענקלעך, אַלטע קאַסטנס פון קאַמערס, און אינמיטן די ליידיקע גאַסן האָבן קאַפּעליעס געשפּילט מוזיק.

ב׳ דחוהמ״ס אין דער פרי זענען שוין די עסטרייכער געווען צוריק אין שטאָט.

די יידן זענען אויפגעפּאָדערט געוואָרן אַרויסצוגיין הינטער דער שטאָט און העלפן מאַכן אַ ביסל אָרדענונג: אָפּרוימען די טויטע זעלנער פון דער רוסישער ארמיי. ערשט דאָ האָבן די יידן, בטבע פרידלעכע און דערצויגענע מיט געפילן פון רחמנות אויף יעדן נברא בצלם, מיט שרעק דערזען דעם טרויעריקן שניט פון דער פאַרטאָגיקער שיסעריי. אין די אָקאָפּעס זענען, אין פאַרשידענע פּאָזעס און מיט פאַרשידענע אויסדריקן אויף די געזיכטער, „געזעסן״ טויטע מענטשן. נעבן איינעם, האַרט ביי זיין רעכטער האַנט, וואָס האָט נאָך געהאַלטן דאָס ציגל פון דער ביקס, איז געלעגן אַן עוואַנגעליע, ביי אַ צווייטן — אַ צלמל. ביי אַנדערע — אַ בילד פון אַן עלטערער פרוי אין אַ שאַל אויפן קאָפּ, קענטיק — אַ מאַמע; אָדער אַ בילד פון אַ יונגער פרוי, אפשר אַ כלה; נעבן נאָך עמיצן — אַ בילד פון אַ קליין זויג־קינד, נעבן אַ יידן פון קישיניעוו איז געלעגן אַ סידורל געעפנט ביי קריאת שמע.

און פונקט ווי ביי במעט אַלע טויטע, סיי יידן, סיי קריסטן, האָט אויף די טויטע פנימער גערוט אַ מין אצילות, אַ מין חשבון הנפש אין דער לעצטער מינוט פון זייער לעבן — אַזוי האָבן די לעבעדיקע עסטרייכישע זעלנער ביי דער אַרבעט אַרום די טויטע אויסגעזען גראָד דער היפוך. זיי האָבן אויסגעזען ווי „דגים בים — הגדול בולע את הקטן״ (פיש פונעם ים — ווו דער גרעסערער שלינגט איין דעם קלענערן). מערקווירדיק, אָן כעס און אָן שנאה, נאָר אַזוי גאַנץ געמיטלעך, אפילו מיט אַ מין קאָלעגיאַלקייט האָבן זיי זיך באַצויגן צום טויטן זעלנער און קאַמעראַד און מיט אַ מין דאַנקבאַרקייט, וואָס ער איז געוואָרן טויט... אַזוי, למשל, האָט אָן שום חרפה פאַר אונדז יידן, אַן

עסטרייכער גענומען אַראָפּציִען די שיינע שטיוול פון אַ טויטן רוס פאַר זיך און נעבן טויטן אַוועקגעלייגט זיינע צעריסענע, פאַרפוילטע „וויקל־שנירן“. אַן אַנדערער איז אַריינגעקראָכן מיט די הענט צום רוסישן קאַמעראַד אין די קעשענעס און זיי אויסגעליידיקט.

און דער הרוג באַוועגט מיטן קאָפּ בעת דעם מאַראָדערס הענט זענען אים בודק. די אויגן זענען אָפן און שטאַר ווי זיי זאָלן פרעגן מיט פאַרוווּנדערונג: היתכן ?...

אונטער דער הערשאַפט פון „קייזער זאָל לעבן!“

(סעפּטעמבער 1915—מאַי 1916)

נאָכן איצטיקן אַריינקומען אין שטאָט האָבן זיך די עסטרייכער געפילט פעסטער, זיי האָבן ווי קונה שביתה געווען און זיך באַציִגן צו דער באַפעלקערונג אָן צערעמאָניעס און סענטימענטן. קודם האָט מען זיך גענומען טשעפּען, אַז אין די דריי טעג, בעת די רוסן זענען אין שטאָט, האָבן די יידן אַוודאי זיי איבערגעגעבן סודות פון דער עסטרייכישער אַרמיי, און בכלל זיי צוגעהאָלפן אין אַלעם, וואָס זיי האָבן געדאַרפט. אמת איז געווען, אַז אייניקע יידן האָבן ביי די רוסישע העכערע אָפיצירן אינטערוועניִרט, אַז אין שטאָט זאָל הערשן רו. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט קיין פאַרראַט. אָבער בשעת חירום איז דאָס צעבלאָזן געוואָרן דורך שונאים אַלס אַ פאַרראַט — און אַ צוואַנציק אומשולדיקע יידן זענען געוואָרן אַרעסטירט און אָפּגעפירט קיין לודמיר, ווו — לויט ווי מען האָט זיי אויפן וועג דערקלערט — זיי וועלן ווערן נישט מער, ווי אויפגעהאָנגען... אויפן וועג האָט זיי געטראָפן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער פערטער אַרמיי, יאָזעף פערדינאַנד פון קייזער פראַנץ יאָזעפס געזינדל, און אויספאָרשנדיק אויף גיך דאָס גאַנצע געשעעניש, האָט ער אויסגעפונען, אַז זיי זענען אומשולדיק. ער האָט באַפוילן קיין לודמיר, אַז מען זאָל זיי פון דאָרט אָפּלאָזן אויף דער פריי. בכלל איז דאַן צו דער יידישער באַפעלקערונג געוואָרן אַן אַנדערע באַציִונג וואָס שייך זייער לאָיאַליטעט.

אין לויצק האָט זיך באַזעצט דער שטאַב פון דער פערטער אַרמיי. מען האָט איינגעפירט אַ מיליטערישן אין אַ שטרענגן רעזשים. יעדער איינוווינער האָט אויף זיך געפילט אַ געהיימע אָבסערוואַציע און אַ נאָכשפּירונג אויף שריט און טריט. נאָך אַכט אָוונט איז געווען פאַרווערט די באַוועגונג אין גאַס. פאַר אַ וועלכן ס'נישט איז פאַרדאַכט האָט מען אינטערנירט טיף אין לאַנד. פאַר אַזאַ „חטא“ ווי נישט אָפּגעבן דעם מיליטערישן כבוד, פאַר נישט אָפּהויבן דעם הוט פאַר אַן אָפיציר, האָט מען געקאָנט געבן שמיץ, אָפּגאָלן אַ האַלבע זייט באָרד, צובונדן די הענט אַרונטער א.ד.ג. די עסטרייכער האָבן במשך פון זייער ווײַלן אין לויצק אויפגעהאָנגען דריי פערזאָן. דאָס זענען, באמת, נישט געווען קיין לויצקער איינוווינער. איינער, אַ רוסישער סאָלדאַט, איז געווען פון בעסאַראַביע, דער צווייטער — אַ פּויער פון אַ דאָרף נעבן קאָוועל און דער דריטער — אַ ייד, אַ עסטרייכישער זעלנער.

די עקזעקוציע האָבן די עסטרייכער איינגעאָרדנט מיט גרויס פּאַראַד: למען ישמעו ויראו, עס זאָל האָבן אַ „דערציִערישע“ באַדייטונג... מען האָט דאָס אויסגעפירט אין צענטער שטאָט הינטערן „אקרוזשני סאַד“, ווי מען פלעגט רופן דעם אַלטן בולוואַר. מען האָט באַצייטנס מודיע געווען וועגן דעם דורך מעלדונגען און די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען קוקן און זיך אַראָפּנעמען אַ „מוסר השכל“.

אויב אַ „מוסר השכל“ — מוז שוין דאָ ווערן געזאָגט, אַז גראָד פון דעם פויער פון נעבן קאָוועל, דעם אויפגעהאָנגענעם מאַסייטשוק, וואָלטן זיך טאַקע אַלע שונאי ישראל געדאַרפט אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל. אין שטאָט איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַ ווערסיע, אַז דער מאַסייטשוק זאָל האָבן פאַרן טויט געזאָגט, אַז הגם פון דער עבירה, וואָס די עסטרייכישער מיליטער מאַכט שרייבט אים צו, איז ער ריין און אומשולדיק, פאַרדינט ער אָבער דאָס „שטריקל“ זייער אָרנטלעך, פאַר זיינע „מעשים טובים“ פון צוריק מיט עטלעכע יאָר. ער איז נעמלעך געווען דער טרייער מיטגליד פון דער רוסישער „שוואַרצער מאה“, פון פאַרבאַנד פון „רוסישן פאָלק“, און ער האָט דאָס אין זיין דאָרף, דער ערשטער אויף דעם רויקן וואָלין, אָנגעהויבן צו העצן קעגן יידן און שיר נישט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אויף די יידן אין וואָלין.

צו דער פרידלעכער באַפעלקערונג האָבן די שטרענגע־עסטרייכער זיך באַציִגן ווי צו שונאים. וואָס זיי האָבן געדאַרפט, האָבן זיי מיט חוצפה געפאָדערט און גענומען פון דער באַפעלקערונג, גלייך ווי זיי וואָלטן געטאָן אַ טובה און זיי פירן אַ מלחמת מצוה. מען האָט געזוכט אין די שטיבער מעש און קופער — און צוגענומען. געפאָדערט אַרבעטער (אָן געצאָלט) צום גראָבן אָקאָפּעס און צו אַנדערע שווערע אַרבעטן. אין גאַס האָט מען געכאַפּט די פאַרנעמסטע מענטשן, געלערנטע, אינטעליגענטן, און מיט שפּאָט און חוזק געשלעפּט זיי צו דער אַרבעט.

אויך די עקאָנאָמיק האָט שטאַרק אונטערגעהונקען. קיין פּרנסה איז נישט געווען. די מאַכט האָט צוגעטראַכט פאַרשידענע שטייערן: פאַר דער מינדסטער דערלויבעניש אויף אַ קרעמל, אָדער צו פאָרן קיין עסטרייך נאָך סחורה און אַוועקפירן אַהין געלט — האָבן זיי געפאָדערט מען זאָל זיי געבן רוסישע רובלס אין גאָלד.

ר' יעקב וויל זיצן בשלוה — שפּרינגט אַרויס דער רוגז פון פאָניען

די באַציִונגען האָבן זיך ביסלעכווייז פאַרבעסערט. די מאַכט האָט זיך דערקענט אויף דעם רואיקן יידישן עלעמענט און אָנגעהויבן לגבי אים זיך באַציִען מיט מער יושר און כבוד. די קערפּערלעכע שטראָפן זענען סקאַסירט געוואָרן און אויף זייער אָרט זענען געקומען געלט־שטראָפן. פון אָנהויב זענען די קנסות געגאַנגען פאַרן מלוכה־אוצר, אָבער דערנאָך האָט דאָס אָנגעהויבן פאַרנוצט צו ווערן טאַקע אין שטאָט גופא, לטובת דעם ניי־געגרינדעטן „אָרעמען הילף־קאָמיטעט“. עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַן א.ג. „אַרבעטער־קאָמיטעט“ אויף צו שאַפן אַרבעט פאַר די, וואָס נויטיקן זיך אין איר, און צו באַקומען אַרבעטס־הענט פאַר די וואָס האָבן דאָס געפאָדערט. אַזוי אַרום איז אויך די אַרבעט־פראַגע פאַר די אָקאָפּעס געוואָרן רעגולירט און מען האָט שוין מער קיין מענטשן אין גאַס נישט געכאַפּט צו דער אַרבעט.

אויך אין דער שטאָט־ווירטשאַפט איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג. די אָנפירערשאַפט איז באַשטאַנען צום מיינסטן פון יידן. דאָס האָט געווירקט גוט אפילו אויף די באַציונגען פון קריסטן צו יידן. יידן האָבן ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג באַקומען מער אָנזען און כבוד.

די מאַכט האָט אויף אַזויפיל אָנפאַרטרויט דער יידישער אויסגעהאַלטנקייט און לאָיאַליטעט, אַז זי האָט אָנגעהויבן געבן אָנצוהערן, אַז די יידן וועלן באַקומען אויטאָנאָמיע.

אין האַנדל איז געקומען אַן אויפלעבונג. „פּאַסירשיינען" צו פאָרן אין טיף עסטרייך זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַרהעלטנישמעסיק גרינג און גערן. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געוועזן אַ גאַנץ גוטע. די באַפעלקערונג האָט זיך גענומען איינצופירן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע תיקונים. דער הילפס־קאָמיטעט האָט פאַרברייטערט זיין טעטיקייט און פלעגט אַרויסגעבן אויף פאַרשידענע שטיצעס און אַנדערע צוועקן 4,000 רובל וועכנטלעך.

די מאַכט האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן וועגן סאַניטאַרע פאַראָנשטאַלטונגען. עס זענען אַנטשטאַנען בעדער, פונקטן אויף אימפן קעגן פּאָקן און אַנדערע היגיענישע סאַניטאַרע אינסטיטוציעס. די באַפעלקערונג האָט זיך צו די אַלע „חומרות" זייער גוט צוגעפּאַסט און איינגעפונען, אַז דער מאַכט קומט פאַר דעם אַ דאַנק.

עס האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַן אַנדערע צרה: אַ מאַנגל אין לעבנס־מיטל, אַן אויסערגעוויינלעכער יקרות אויף פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך.

די מאַכט האָט קעגן דעם געמוזט אָננעמען רעפּרעסיווע מיטלען. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן פאַר פּריוואַטע פּערזאָנען דער האַנדל מיט תבואה, מעל און אַנדערע אַגראַר־פּראָדוקטן, און עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ קאַרטן־סיסטעם אויף ברויט און צוקער, וועלכע זענען פאַרקויפט געוואָרן אין ספּעציעל־באַשטימטע קראָמען.

8 חדשים איז די שטאָט געווען אונטער דער עסטרייכישער ממשלה — איינגאַנצן אָפּגעריסן פון רוסישן געביט, אַ באַזונדער וועלטל. נעבן לויצק איז געווען די גרענעץ. וועגן דעם, וואָס איבער דער גרענעץ טוט זיך — האָבן מיר נישט געהאַט קיין פאָרשטעלונג. ראָוונע איז אונדז אויסגעקומען ווי פאַרשלייערט אין אַ נעפּל פון פאַנטאַזיע, ווי די וועלט אויפן מאַרס. יאָ, מיר געדענקען אַ שטאָט ראָוונע מיט היימישע יידן, אָבער דאָס איז דאָך ערגעץ ווייס איך ווו, ביים „רוסישן", הינטער די הרי חושך, הינטער דעם געהיימנישפולן שטיקל ערד, ווו עס גרענעצט זיך לעבן און טויט...

אין די 8 חדשים האָט לויצק געהאַט די געלעגנהייט צו ווערן באַזוכט דורך דעם טראַנספּאָלגער קאַרל, וועלכער איז נאָכן טויט פון פראַנץ יאָזעף געוואָרן קייזער איבער עסטרייך. גרויסע מיליטער־גאונים האָבן איניקע מאָל געוויילט אין לויצק. צווישן זיי — דער טערק ענווער־ביי און דער דייטש מאַקענזאָן, וועלכער האָט מיט זיינע רעדעס געוואָלט אַריינבלאָזן אין די עסטרייכישע אָפיצירן דאָס געפיל פון העלדנמוט און גבורה.

דריי מאָל האָבן באַזוכט די שטאָט און „שפּאַצירט" איבער איר גאָר „הויכע" געסט — רוסישע אַעראָפּלאַנען. זיי האָבן, חלילה, קיין שלעכטס נישט געטאָן, בלויז איינמאָל האָבן זיי „אַזוי זיך" אַראָפּגעוואָרפן עטלעכע באָמבעס, וועלכע האָבן, אגב, נישט געשאַדט קיין מענטשן. זיי האָבן זיך אויפגעריסן מיט גרויס רעש און געפּילדער אויף די ברעגעס פונעם טייך סטיר, אין דעם טייל שטאָט נידעוו.

דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ „מעמענטאָ": געדענקט ווו איר האַלט, עס איז נאָך נישט פרידן, עס איז מלחמה!

„בקולות וברקים!"

(אָנהויב מאַי 1916 — סוף אַפּריל 1917)

אין דער צייט ווען ביי דער עסטרייכישער הערשאַפט אין לויצק האָבן יידן וועגעטירט, זיך פאַרנומען מיט זוכן פּרנסה און אין זיבען געהאַט אויסבעסערונגען אין שטאָט־זאַכן און נאָך אַזעלכע ענינים — האָבן די רוסישע און עסטרייכישע אַרמייען געפירט קעגן זיך פאַרביטערטע קאַמפן, בערך אַ 30 וויאָרסט פון לויצק, אויפן וועג קיין קאָוועל. גאַנצע טעג האָט מען אין שטאָט געהערט די שיסעריי פוןביידע צדדים. אין די אָוונטן פלעגט מען אפילו זען ווי אין דער ווייט פליען אַרויס די פייער־קוילן פון די האַרמאַטן. מען פלעגט זען, ווי מיטאַמאָל ווערט אַ שטיק הימל ליכטיק — דאָס איז געווען די שיין פון אַ רוסישן פּראָזשעקטאָר, וואָס פלעגט ווי אַ פאַנטאַסטישע לעבעדיקע חיה קריכן און פאַרנעמען אַלע מאָל אַלץ מער שטח. און גאָר אויבן, אין אַעראָפּלאַן הינטער די וואָלקנס זיצט זיך אַ „רואה ואינו נראה", שטודירט אויס די באַלויכטענע געגנט און באַקלערט ווי אַזוי מען זאָל זי חרוב מאַכן...

דער פּועל יוצא פון די שפּילענישן אין באַהעלטענישלעך איז געווען דער, אַז ערב שבועות תרע"ו זענען די עסטרייכער צעשלאָגן געוואָרן עד חרמה. גענעראַל ברוסילאָווס אַרמיי איז געקומען בקולות וברקים און דורכגעריסן אויף פיל ערטער דעם עסטרייכישן פראָנט. די עסטרייכער האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער לאַגע. זיי האָט געדראָט נישט בלויז צו פאַרלירן לויצק און די געגנט — זיי האָבן געקאָנט ווערן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך די רוסישע פּאָלקן און בלייבן אין געפענגעניש מיט אַלע זייערע מחנות, מיט בכל מכל כל. האָבן זיי טאַקע געכאַפּט אַ מציאה — און אָפּגעטראָטן בלויז פון דער שטאָט און פון דער גאַנצער געגנט אויף אַ מרחק פון אַ 50 וויאָרסט איבער דער גאַנצער דרום־מערבדיקער ליניע.

מיט פיל צער האָבן יידן אויפגענומען דאָס אַנטלויפן פון די עסטרייכער, וועלכע האָבן די לעצטע צייט, דורך זייער באַהאַנדלען גלייך אַלע נאַציאָנאַליטעטן, איינגעשאַפט זיך סימפּאַטיע ביי יידן. איצט דערוואַרט די יידן אַן איבערגאַנג פון איין מאַכט צו דער צווייטער, דערצו — אַן איבערגאַנג צו די פאַרהאַסטע פּאָניעס.

צום פערטן מאָל האָבן יידן זיך געמוזט באַהאַלטן אין די קעלערס און גריבער, און אויך דאָס מאָל האָבן זיך געפונען אַ פּאָר יידישע יונגעלייט, וועלכע זענען זיך, ווי גאָרנישט זיי מיינט מען עס, געגאַנגען איבער די שטיבער (כלומר, קעלערס און לעכער), און צענויפגענומען קליינע סומעס אויף איינצוקויפן ברויט און פּאַפּיראָסן, כדי דערמיט „מכפּר זיין דאָס פּנים" פון די אָנקומענדיקע רוסישע סאָלדאַטן.

די גאַנצע צווייטע נאַכט פון שבועות האָבן די יידן אין די קעלערס געהערט די מהומות אין גאַס. אין שטאָט גופא זענען פאָרגעקומען האַנט־געשלעגן צווישן סאָלדאַטן פון ביידע צדדים.

אָבער דווקא דאָס מאָל איז דער איבערגאַנג פאָרגעקומען אָן קרבנות פון דער ציוויל־באַפעלקערונג.

דעם צווייטן טאָג שבועות אין דער פרי איז די שטאָט געווען באַזעצט מיט רוסישע זעלנער, און עס האָט זיך ווידער געלאָזט הערן דער פּראָסטאַצקער אָבער אומגעקינצלטער גוט־ברודערישער „זדראַווסטוווי בראַט!״.

צרות דורך „אייגענע״ און דורך פרעמדע

אין שטאָט האָט זיך באַזעצט דער שטאַב פון דער 8־טער ארמיי. דאָס איז די ארמיי, וועלכע האָט דורכגעפירט דעם לעצטן זיג אויפן גאַנצן פראָנט־אָפּשניט.

דער רעזשים איז געוואָרן באַדייטנדיק פאַרגרינגערט, אין פאַרגלייך דערמיט וואָס מען האָט געדענקט פון פריערדיקע צייטן. די מיליטערישע מאַכט, איבערהויפּט דאָס מיליטער אַליין, האָט (מיט גאָר קליינע אויסנאַמען) אַרויסגעוויזן זייער אַ גוטע באַציונג צו דער באַפעלקערונג. דעם ערשטן טאָג פונעם אָנקומען זענען די רוסישע קאָמאַנדירן געקומען מיט די יידן אין האַנדלס־קאָנטאַקטן און זיי האָבן געשאַפן מעגלעכקייטן, אַז יידן זאָלן זיין די ליפעראַנטן פו פּראָוויאַנט פאַרן מיליטער.

מען האָט די יידן געגעבן אַ מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין „פאַרבאַנד פון אַלרוסישן זעמסטוואָ״, אין „פאַרבאַנד פון די שטעט״. פיל יידן האָבן אין די פאַרבאַנדן, וועלכע זענען געווען רעגירונגס־אינסטיטוציעס, פאַרנומען בכבודיקע פּאָסטנס.

שפּייז־פּראָדוקטן, אין וועלכע די עסטרייכער האָבן געפּילט אַ מאַנגל און רוסלאַנד האָט זיי געהאַט בשפע, זענען געוואָרן ביליקער, און דאָס לעבן פאַרן המון איז געוואָרן גרינגער.

אָבער יידן האָבן אָנגעהויבן צו דערפילן דעם באַזונדערן גלות, אַ גלות וועלכער איז געווען געווענדט בלויז קעגן יידן — גאָר פון אַן אַנדערער זייט: פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט.

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט אויסזען פונעם ערשטן בליק, אָבער עס איז אַ פאַקט: די אַרמיי און די אַרמיי־מאַכט זענען געווען ליבעראַלער און מענטשלעכער ווי די ציווילע מאַכט. וכשתמצא לומר, אַז מיר זאָלן זיך אַ ביסל אַריינקלערן, געפינען מיר אפילו אַ געוויסע אויפקלערונג פון דער דערשיינונג. די אַרמיי, קעמפנדיק קעגן די מיטל־אייראָפּעישע אַרמייען — איז געקומען מיט זיי אין אַ מין „נאָענטער״ באַרירונג און האָט פון זיי אין הלכות טאַקט און באַציונג לגבי ציווילע בירגער דאָך עטוואָס געלערנט. די אַרמיי האָט זיך אַפּט צעגויפגעלעבט מיט דער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן, און זיך אָנגעהערט לויב־געזאַנגען וועגן דער אייִדעלער באַציונג צו בירגער — און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. צווישן די רוסן, די דעראָבערער, האָבן אָנגעהויבן בלאָזן מער ליבעראַלע ווינטעלעך. געוויס האָבן שוין אויך אָנגעהויבן אַריינדרינגען קערנדלעך פון אַנדערע אידעען, וועלכע האָבן טאַקע אין משך פון 9 חדשים אַרויסגעגעבן פּירות. דערפון האָט זיך עס גענומען, וואָס די מיליטער־מאַכט איז געוואָרן אַזוי געסטאַטקעוועט און, כמעט נישט באַמערקנדיק, איז זי געוואָרן גוט געשטימט צו יידן.

אַנדערש איז געווען די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט און די פּאָליציי. די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען זיצן שטענדיק אין שטאָט, שטעקן נישט אַרויס די נאָז אין דרויסן — און אַזוי ווי זיי זענען געווען, אַזוי עלטערן זיי זיך און ווייסן נישט פון קיין נייע „אַפּיקורסישע״ ווינטעלעך.

אין שטאָט האָבן זיך אומגעקערט די פונקציאָנאָרן פון דער אַדמיניסטראַציע מיט דער פּאָליציי, אַלע די זעלבע פון אַמאָל — פונעם אויעזדני איספּראַווניק, דעם שטיל־פאַרביסענעם ביזן „מי־כאַלקע״ ביזן גאָראָדאָוואָי, דעם געשטופּלטן בגילופנדיקן „האַלאַ־סיִק״. אין זייער קנאה צו די יידן, וועלכע זענען קאַרגע 9 חדשים געווען „גליקלעך״ אונטער די ציוויליזירטע עסטרייכער, האָבן זיי זיך אין די יידן נוקם געווען מיט אַ באַזונדערער שנאה. פאַרן קלענסטן עברהלע האָט מען שטראָפירט מיט 3000 רובל אָדער 3 חדשים טורמע. עס האָט געקאָנט טרעפן, אַז דורכגייענדיק פאַר אַ געוועלב, זאָל דער איספּראַווניק באַפעלן צונויפקלויבן דאָס מיסט און פערד־קויט אויפן שאָסיי, עס אַריינטראָגן אין געוועלב און אַרויפלייגן אויפן טיש...

דער פּאָליציי איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צוצו־שטעלן מענטשן צו דער אַרבעט אויף די קריגס־פּאָזיציעס. מען האָט געכאַפּט מענטשן אין גאַס, געקומען זוכן זיי אין די שטיבער, און געשיקט זיי אין די דערפער אַרום לויצק, ווי זשידיטשין און נעבושקא, אויף גראָבן אָקאָפּעס, בויען טראַנשייען א.א.וו. די אומ־באַשיצטע מענטשן זענען געווען אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע סכנות. איבער די נישט באַשיצטע קעפּ זענען געפלויגן עסטרייכישע און דייטשע עראָפּלאַנען און געדעגנט מיט באָמבעס אָדער מאַשינגעווער־קוילן. די עראָפּלאַנען האָבן אין משך פון עטלעכע וואָכן אויך געמאַכט עטלעכע מאָל אין טאָג שפּאַצירן איבער דער שטאָט. די באָמבעס האָבן געטראָפן אין בענזין־רעזערוואַר און אין פּולווער־סקלאַד. פיל מענטשן זענען אין די וואָכן אומגעקומען. קיין געשעפטן האָט מען נישט געפירט, פּרנסה איז נישט געווען און דער יקרות אויף לעבנסמיטל איז געשטיגן.

אָבער מער פון אַלץ איז די יידן פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן דורך די טשינאָווניקעס. אויסער זייער אייגענער רשעות, האָבן זיי נאָך פון די העכערע ספערן באַקומען אַ ווונק צו רודפן יידן. זיי האָבן זיך ממש געבאָדן אין בלוט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג, און ווילקירלעך געשטראָפירט מיט געלט און מיט שמיץ, און אויב מען האָט שוין באַוויליקט צו נעמען שוחד, האָט מען זיך געהייסן געבן אַזעלכע סומעס וועגן וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אפילו חלומען.

פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט!

אָבער דאַן איז געקומען די הילף פאַר די לויצקער יידן נישט דורך עפּעס אַ צופעליקער קליינער ענדערונג אין לאָקאַלן מאַס־שטאַב, ווי מיר זענען געווינט געווען ביז איצט. לויצקער יידן זענען געוואָרן אַ רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון געשעענישן, וועלכע האָבן געענדערט דאָס געשטאַלט פון גאַנצן צאַרישן רוס־לאַנד מיט אַלע איר אונטערגעוואָרפענע מדינות.

אָט די גרויסע איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער מדינה, נאָכדעם ווי דאָס רוסישע פאָלק איז מיד געוואָרן צו ליידן די אומאָרדענונג, כאַאָס, ווילקיר און גנבה, — אָט די איי־בערקערעניש האָט זיך דערפילט אין לויצק, צוליב דער נאָענט־קייט צום מלחמה־פראָנט, מיט מער שטאַרקייט.

די אַרמיי אויפן פראָנט און דער גאַרניזאָן אין שטאָט האָבן אָנערקענט די צייטווייליקע רעגירונג, וועלכע איז באַשטימט גע־וואָרן דורך דער רעוואָלוציע.

עס האָט אויסגעוויזן, גלייך דער רבש״ע האָט איבער דער

נאַכט עפּעס צוגענומען די ערד מיט איר קנאה און שנאה פון איין נאַציע צו דער צווייטער און פון פחד פאַרן טויט דורך איין מענטש־מערדער איבערן צווייטן — און האָט אונטערגערוקט אין גלגל המזלות איינע פון זיינע פיל מיליאָנען אַנדערע צבא השמים, עפּעס אַ פּלאַנעטע אַ בריליאַנט, אַ פּלאַנעטע מעין עולם הבא, אַ וועלט פון נביאישן אחרית הימים — פון פרייהייט און ברידערלעכקייט, פון ליבע צווישן מענטש און מענטש...

דעם 10־טן מערץ 1917 האָבן די סאָלדאַטן איינגעאָרדנט אַ מאַניפעסטאַציע לכבוד דער פאַרגעקומענער רעוואָלוציע, אין די רייען איז געגאַנגען יעדע אָפּטיילונג מיט איר קאָמאַנדיר, מיט מוזיק און געזאַנג איבער דער שטאָט. דער הויף פונעם סאָבאָר איז געוואָרן פאַרפולט און פון די טרעפּ אַראָפּ, פאַרן טויזנטער־קעפּיקן עולם פון אַלע נאַציעס, האָט מען געהאַלטן דרשות פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן אַלע בירגער אין רוסלאַנד אָן אונטערשיד פון גלויבן. פון איינעם אַ רעדנער, אַ יידישן סאָלדאַט ראָזענבערג, איז דער עולם אַזוי מיטגעריסן געוואָרן, אַז סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן דעם ראָזענבערגן אייגעהילט אין אַ צונטער־רויטן טוך און אים געטראָגן הויך איבער די קעפּ פונעם עולם, מיט גרויסע לויב־געזאַנגען פאַר די פרייהייט־קעמפער און פרייהייטס־דורשטיקע יידן.

איבער דעם ים פון קעפּ האָבן נישט גאָר הויך געשוועבט עראָפּלאַנען מיט פלאַטערנדיקע רויטע לאַנגע פענער, ווי זיי וואָלטן סימבאָליש באַשיצט דאָס פאָלק.

דעם גאַנצן טאָג זענען איבער דער שטאָט אַרומגעפאָרן אויטאָס באַצירט מיט רויטן. אין זיי זענען געשטאַנען געאָרעמט זעלנער, אָפיצירן און ציווילע מענטשן פון אַלע נאַציעס. זיי האָבן געזונגען און באַגריסט דאָס פאָלק צום גרויסן זיג פון פרייהייט איבער פאַרשקלאַפונג, פון מענטשלעכקייט איבער באַרבאַריזם. צום ענטוזיאַזם איז נישט געווען קיין גרענעץ.

דאָס רוסישע מיליטער האָט זיך ענדלעך איבערצייגט ווער עס איז אין אמתן שולדיק אין אַלע אומגליקן אין לאַנד און אויפן פראָנט, אַז אומזיסט מאַכט מען די יידן פאַרן שעיר לעזאזל, — ווען עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער שלאָס פון מויל, און יעדער האָט געקאָנט ריידן ווי זיין פאַרשטאַנד דיקטירט אים, זענען צוגענומען געוואָרן די גרענעצן צווישן בירגער און בירגער פון לאַנד.

באַגלייך מיט די רעוואָלוציאָנערע פייערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן אין לעבן אויך די פרייהייטן. די מאַכט איז איבערגעגאַנגען צום פאָלק. אין שטאָט איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסאַר, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער פאַרטרעטער פון דער צייטווייליקער רעגירונג ביי דער טעטיקייט פון אַלע שטאָטישע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אין קאָמיסאַריאַט זענען געווילט געוואָרן פאַרשטייער פון אַלע נאַציעס. אויך פון די יידן זענען אַהין געווילט געוואָרן צוויי דעלעגאַטן: אברהם גליקליך און חייקל ווייץ.

אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג זענען, צווישן אַנדערע, געווילט געוואָרן צוועלף יידן.

יידישער פאָלקס־קאָמיטעט אין שפּיץ פון לוצקער יידנטום

די יידן אין לוצק זענען נישט געווען אָרגאַניזירט. עס האָט זיך געפילט אַ נויטווענדיקייט צו שאַפן אַזאַ יידישע אָרגאַניזאַציע, אַזאַ צענטער, וואָס זאָל אָנפירן מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים און זאָל האָבן דעם נויטיקן אויטאָריטעט צווישן די יידישע מאַסן און אויך דינען אַלס באַראַטונגס־אָרגאַן פאַרן יידישן ציבור אויף צו באַטראַכטן און באַקלערן אַלע אַקטועלע פראַגן.

אויף אַ גרויסן פאָלקס־מיטינג איז באַשלאָסן געוואָרן מען זאָל פון יעדער שול אויסווילן אַ געוויסן פּראָצענט פון די מתפּללים. עס זענען אויסגעווילט געוואָרן 130 פּערזאָן. פון זיי זענען אויסגעקליבן געוואָרן 40 פּערזאָן — דער אַזוי גערופענעם „יעווערעיסקי נאַראָדני קאָמיטעט”, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שטיין אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן אין לויצק.

עטלעכע טעג פאַר פּסח האָט מען אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר אַ פּאָגראָם, וואָס ווערט געגרייט, לויט ווי מען האָט געהערט, דורך פינצטערע כוחות. עס איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע 130 פּערזאָן, און אין פאַרשטענדיקונג מיט די רוסן איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי אָפּצוווענדן די סכנה. מען האָט איינגעפונען אַלס דעם געפערלעכסטן גורם צו פּאָגראָמען — דעם נישט לעגאַלן פאַרקויף פון אַלקאָהאָל. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן מיט די פאַרשידענע מיטלען געקעמפט קעגן פאַרקויף פון אַלקאָהאָל: מיט פּראָפּאַגאַנדע אין די שולן און אויף אַנדערע ערטער; ווו עס האָט זיך געפאָדערט — איז מען געגאַנגען אויף די געהיימע ערטער, פאַרחתמעט די קאַסטנס בראָנפן, אָדער גאָר איינגאַנצן זיי צוגענומען. אין גאַס האָט מען אָפּגעשטעלט שיכורע סאָלדאַטן און ביי זיי אַרויסבאַקומען ווו עס געפינען זיך די פאַרקויף־שטעלעס פון בראָנפן; אויך די סאָלדאַטן גופא האָבן מיטגעווירקט זיך צו באַרויקן און עס איז צו קיין פּאָגראָם נישט געקומען.

די ווייס־בלויע פאָן מיטן מגן־דוד איבערן שטאָט־ראַט

די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין פאַרשידענע גרופּירונגען און פאַראיינען. עטלעכע ציוניסטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן איניציאַטיוו־גרופּע און גערופן אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לאָקאַל, ווו עס האָבן זיך געקאָנט צונויפזאַמלען ציוניסטן און סימפּאַטיקער פון ציוניזם. עס זענען אויך געשאַפן געוואָרן: דאָס צענטראַל־ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָרגאַניזאַציע פון יידישע האַנטווערקער (אַרבעטסגעבער), אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון אַרבעטער — יידן און נישט־יידן, גרופּירונגען פון ס. ד. און ס. ר.

די פאַרשידענע גרופּירונגען האָבן נישט באַקעמפט איינע די צווייטע. אונטערן איינדרוק פון דער באַפרייונג, האָבן זיי צווישן זיך געלעבט אין פרידן און חברשאַפט. זייער טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט מער אין טאַטן פון דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער, אין רעפּרעזענטירן זיך אויף פאַרשידענע פאַראַנשטאַלטונגען.

אָט די נישט באַהאַוונטקייט אין פּאָליטישע דיפערענצירונגען, דאָס כמעט אַמעראַצישע טראַקטירן די פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט האָט געשאַפן אַזעלכע באַציונגען, וואָס ביי שטרענג אָפּהיטן די דינים פון פּאַרטיי און פּראָגראַם, קאָן דאָס נישט זיין.

אויפן 1־טן מאַי 1917 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ גרויסער פרייהייטס־יום־טוב, אין וועלכן עס האָט זיך באַטייליקט די לויצקער באַפעלקערונג אָן אונטערשיד פון רעליגיע און שטאַנד. עס זענען געווען רויטע פענער מיט אַלגעמיינע פרייהייטס־לאָזונגען,

געל־בלויע — פון דעם אוקראַינישן פֿאָלק, אַן אַמאַראַנטע — פונעם פּוילישן פֿאָלק. די מיטגלידער פונעם יידישן פֿאָלקס־קאָמיטעט, וואָס האָט גרופּירט לרוב דעם בירגערלעכן יידישן עלעמענט, האָבן געטראָגן אַ ווייס־בלויע פֿאָן מיט אַ מגן־דוד און אַ לאָזונג „תחי חרות לאומים". די צווייטע, מער נאַציאָנאַלע, האָבן געטראָגן אַ פֿאָן פון ווייס־בלויען זייד מיט אַן אויפשריפט „יחי העם העברי".

דאָס מיליטער און נישט־יידישע באַפעלקערונג מיט זייערע פענער האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפן פּלאַץ פאַרן ליובאַרט־שלאָס און קאַטעדרע, די יידן — אויפן פּלאַץ פון דער גרויסער שטאָטישער שול. אין אַ פֿאַרויס־באַשטימטער שעה האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעסיע מיט פענער און פאַרשידענע געזאַנגען. איניקע גרופּירונגען האָבן געזונגען די „מאַרסעליעזע", אַנדערע — זייערע נאַציאָנאַלע הימנען. די יידן האָבן געזונגען ציוניסטישע לידער און די „התקווה". אויפן וועג זענען צו דער פּראָצעסיע צוגעשטאַנען גרופּעס פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן. איבערן גאַנצן וועג האָבן זיי אָפּט פון באַלקאָנען באַגריסט רעדנער פון פאַרשידענע נאַציעס.

אַ בילד, וואָס האָט דערוועקט פרייד און באַגלייך טיפן טרויער, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער מאָמענט, ווען דער פרייערלעכער צעזונגענער יום־טובדיק אָנגעטאָענער און מיט בלימלעך באַפוצטע דעמאָנסטראַציע איז צופעליק געקימען אַקעגן אַן אָפּטיילונג פון רוסישע סאָלדאַטן, פונעם וועג פאַרשטויבטע, נישט ראַזירטע, וועלכע זענען גראַד געגאַנגען דורך דער שטאָט לויצק אויפן פראָנט. די צוויי מחנות האָבן זיך געקרייצט אויפן וועג.

די צעזונגענע יום־טובדיקע דעמאָנסטראַציע האָט באַגריסט די סאָלדאַטן: „זאָל לעבן די רוסישע פרייע אַרמיי!" די זעלנער, וועלכע זענען נאָך געגאַנגען צום טויט, האָבן מיט באַגייסטערונג און ליבע געשריגן: „זאָל לעבן אַלע פעלקער, וואָס וווינען אין פרייען רוסלאַנד!" און געפּאַכעט מיט זייערע זעלנערישע היטלען.

ביים שטאָט־מאַגיסטראַט האָט זיך די דעמאָנסטראַציע אָפּגעשטעלט. דער באַלקאָן איז געווען באַצירט מיט רויטע פענער, מיט אַן אוקראַינישער פֿאָן און מיט אַ יידישער פֿאָן פון ווייס־בלוי מיט אַ מגן־דוד. דער פאָרזיצער און די ראַטמענער האָבן באַגריסט יעדע נאַציע באַזונדער.

דער צוג איז געגאַנגען אויפן לאַגער־פעלד אוזשענדניטשאַ. פון אַ טריבונע אַראָפּ האָבן רעדנער געפּרעדיקט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פאַר אַלע נאַציעס, וואָס זיצן אויף דער ערד פון רוסלאַנד. צו דער געהויבנקייט פון דער שטימונג איז נישט געווען קיין גרענעץ.

ציוניסטן האָבן די העגעמאָניע אויף דער יידישער גאַס

(יוני—דעצעמבער 1917)

די יידן זענען ווירקלעך געווען פרייע בירגער. דער מאַגיסטראַט איז באַשטאַנען כמעט בלויז פון יידן. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אַנטפּלעקן ברייטע חלוקי־דעות צווישן די פאַרשידענע גרופּירונגען אין פיל פראַגן — עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע. דער יידישער פאָלקס־קאָמיטעט, וואָס די וואָלן צו אים האָבן נישט באַפרידיקט די כללים: געהיימע, דירעקטע א.א.וו. וואָלן, האָט נישט אַנטשפּראָכן זיין אויפגאַבע און ער איז זיך צעפאַלן. די יידישע גרופּירונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אייסצוקריסטאַליזירן און אַרויסצושטעלן אייגענע פאָדערונגען. דער יידישער ציבור האָט זיך איינגעטיילט אין די הויפּט־גרופּירונגען: ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון האַנטווערקער (אַרבעטגעבער) און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון אַרבעטער. אין דעם לעצטן זענען געווען פיל מיטגלידער אויך נישט־יידן.

ארום יוני־יולי איז דערשינען אַ פאַראָרדענונג צו אָרגאַנירירן די שטאָט־דומע אויף נייע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ וואַל־קאַמף. די ציוניסטן האָבן זיך בלאָקירט מיטן פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד פון די האַנטווערקער אין אַזוי האָבן זיי גערעכנט זיך צו בלאָקירן אויך צו די וואָלן צו דער צוקונפטיקער אַלרוסישער גרינדונג־פאַרזאַמלונג.

די חלוקי־דעות אין דער שטאָט־דומע האָבן איבערצייגט, אַז דער זיווג פון די ציוניסטן מיט די אַנדערע פאַראיינען איז נישט עולה יפה. נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן די ציוניסטן באַוויזן צו פּאָפּולאַריזירן דעם ציוניסטישן געדאַנק, און דעריבער האָבן די ציוניסטן באַשלאָסן צו גיין אויף להבא מיט אַ באַזונדערער ליסטע — אַ ריין־ציוניסטישע, אָן אַ צומיש פון אַן אַנדערן עלעמענט. דעם ערשטן זעלבשטענדיקן שריט האָבן זיי געמאַכט ביי די וואָלן צו דער זעמסטווע.

נאָך זייער זיג ביי די וואָלן האָבן די ציוניסטן דערפילט זייער קראַפט און זייער מאָראַלישע השפעה אויף די יידישע מאַסן. זיי האָבן דערקלערט אַ קאַמף פאַר דער העברעישער שפּראַך, וועלכע איז ביי די מער לינקערע עלעמענטן פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ לוקסוס און פאַר אַ שאָוויניזם. די ציוניסטן האָבן דעמאָלט געגרינדעט אַ סניף צו דער געזעלשאַפט „תרבות". זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן אַן אָרגאַניזאַציע פון לערער און סימפּאַטיקער פון העברעיש, זיי האָבן געגרינדעט שולן א.א.וו.

די ציוניסטן האָבן נישט באַשרענקט זייער טעטיקייט מיט ספּעציפיש־ציוניסטישע ענינים. נאָר אין אַלעם, וואָס איז נוגע געווען אַ גרעסערן יידישן קיבוץ זענען זיי געווען די ערשטע צו נעמען אַ לעבהאַפטן אָנטייל. ווען מען איז אין לויצק געוואָר געוואָרן וועגן דער שטאַרקער נויט און אָרעמקייט ביי יידן אין דעמאָלטדיקן פּוילן און ליטע — האָט דער ציוניסטישער קאָמיטעט איינגעאָרדנט אַ ריזיקן מיטינג מיטן ציל דורכצופירן אַ געלט־זאַמלונג פאַר די געליטענע.

דאָס צונויפגעזאַמלטע געלט האָט צוליב אַ נייער איבערקערעניש נישט געקאָנט ווערן איבערגעשיקט אויף די ערטער און געבליבן ליגן אין געטרייע ערלעכע הענט ביז פסח. און דאַן האָט מען פאַר דעם געלט איינגעאָרדנט אַ פּסחדיקע קיך פאַר די זעלנער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון פּוילן און ליטע.

*

מיט דעם ענדיקט זיך אַן עפּאָכע אין יידישן לויצק — די צייט פון דער רוסישער מאַכט — קריג, ערב־רעוואָלוציע און בעת רעוואָלוציע.

לויצק, 1938

פנחס טשעטשאָטקא / חיפה

צווישן 1915 און 1918

אין אויגוסט 1915 איז דאָס רוסישע מיליטער אונטערן דרוק פון דער עסטרייכישער אַרמיי אָפּגעטראָטן פון לויצק. מיט דער דערלויבעניש פונעם לעצטן מיליטערישן קאָמענדאַנט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ציווילע מיליץ בראש מיט ד״ר קאַרטשעמני ע״ה. די אויפגאַבע פון דער בירגער־מיליץ איז געווען צו פּאַרהיטן די ציווילע באַפעלקערונג פון רויב־אָנפאַלן און אָרגאַניזירן הילף קעגן שׂרפות, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין אויסברעכן אַלס רעזולטאַט פון די אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירונגען פון די צוויי פיינטלעכע אַרמייען. דעק־עלעמענטן האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט אָנצוהייבן ראַבעווען יידיש האָב און גוטס.

נאָכן אָפּטרעטנדיקן רוסישן מיליטער איז אַריין די עסטרייכישע אַרמיי, וועלכע האָט, אָפּזייענדיק אין לויצק ביי אַ דריי וואָכן, אויך געמוזט זיך צוריקציען, אָבער נישט אינגאַנצן. די שטאָט לויצק איז צעטיילט דורכן טייך סטיר, און די פראָנט־ליניע איז טאַקע אַדורכגעגאַנגען אינמיטן דער שטאָט, פוןביידע זייטן סטיר. די שיסעריי איז אָנגעגאַנגען כסדר און גורם געווען מענטשלעכע און מאַטעריעלע קרבנות. די באַפעלקערונג איז געלעגן באַהאַלטן אין די קעלערס. אָבער די בירגער־מיליץ האָט געמוזט שטיין אויף דער וואַך קעגן שׂרפות און רויב־אָנפאַלן. אָט די סיטואַציע האָט זיך געצויגן פון יום־הקדוש ביז ענדע סוכות.

דעם לעצטן טאָג סוכות, שבת בייטאָג, ווען מיר אַלע זענען געווען באַהאַלטן אין די קעלערס, איז אַ שראַפּנעל אַריינגעפאַלן אין געמויערטן הויז פון יהושוע יעקב דרויזען ע״ה און געהרגעט פיל מענטשן. געשען איז דאָס דערפאַר ווייל אין זעלבן הויז איז געשטאַנען אַ רוסישע פעלד־קיך, פון וועלכער ס׳איז געגאַנגען אַ רויך, און דאָס איז געווען אַ צילברעט פאַר די עסטרייכישע שראַפּנעלן. איינער פון זיי האָט טאַקע אָנגעמאַכט אַ וויסטן חורבן. דער שרייבער פון די שורות האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דערמאָנטן אָרט און איז על פי נס ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ס׳איז תיכף אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רעטונגס־אַקציע. די טויטע האָט מען אַרויסגעשלעפּט און די פאַרוווּנדעטע — איבערגעשיקט אין דערבייאיקן פעלד־שפּיטאָל און שפּעטער איבערטראַנספּאָרטירט קיין ראָוונע.

אויף צומאָרגנס זענען די טויטע נקבר געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם. האַרצרייסנדיק זענען געווען די געוויינען פון די משפחות נאָך די 15 געהרגעטע. אין זעלבן אָוונט, דעם 2־טן נאָוועמבער 1915 איז די עסטרייכישע אַרמיי אַריין קיין לויצק.

מיר זענען אַרויסגעקראָכן פון די קעלערס און פאַרשידענע באַהעלטענישן און באַקומען אַ מעגלעכקייט פרייער אָפּצואָטעמען. אָבער אונדזערע צרות האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן. די עסטרייכישע מיליטער־מאַכט האָט אָנגעהויבן צו רעקווירירן די עיקרדיקע לעבנסמיטל־פּראָדוקטן. נאָך איידער די רוסישע אַרמיי האָט פאַרלאָזט די שטאָט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז מ׳זאָל איר איבערגעבן די סקלאַדעס מיט די פּראָדוקטן, און דאָס וואָס מ׳קאָן נישט אַרויספירן — זאָל מען באַגיסן מיט נאַפט און אונטערצינדן, בכדי ס׳זאָל גאָרנישט אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא. האָט זיך טאַקע געשאַפן אַ גרויסער מאַנגל אין לעבנסמיטל. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער ברירה און מ׳האָט זיך געמוזט צוגעוויינען אַ ביסל אונטערצוהונגערן.

מיטן איינמאַרש פון דער עסטרייכישער אַרמיי איז די פרייוויליקע בירגער־מיליץ רעאָרגאַניזירט געוואָרן, אָבער שוין אָן ד״ר קאַרטשעמני, וועלכן מ׳האָט אַרעסטירט, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע בעלי־בתים, אַלס ערובניקעס, און אַרויפגעלייגט אויף דער שטאָט אַ קאָנטריבוציע פון 10.000 רובל אין גאָלד. די סומע איז טאַקע צונויפגעשטעלט געוואָרן און די ערובניקעס זענען באַלד באַפרייט געוואָרן. אין דער רעאָרגאַניזירטער מיליץ האָבן ד״ר קאַרטשעמניס אָרט פאַרנומען אַ געוועזענער גרויס, אַן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי אויף דער הויפּט־גאַס און זיינע געהילפן: טשאַטשקי, אַ געוועזענער לערער אין דער שול פון דיקשטיין, יצחקל אקס א.א. זייער אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין העלפן דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־מאַכט אַדורכצופירן ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג פאַרשידענע רעקוויזיציעס אויף וווינונגען, פערד מיט וועגענער א.ד.גל.

צו די אַלע אָרטיקע צרות איז נאָך צוגעקומען אַן אַלגעמיינע: די היימלאָזע. די קריגס־אָפּעראַציעס אַרום לויצקער געגנט האָבן אָנגעמאַכט אַ וויסטן חורבן אין די קליינע שטעטלעך, וואָס אַרום לויצק. קאלק, ראַפּאַלווקע, מאַניעוויטש, וולאַדימירעץ, ראָזישטש, טאָרטשין, קיסעלין, טראַווניק, לאָקאָטש, איטשילעק, בערעמלי, און אויך פיל אַנדערע דערפער, זענען חרוב און פאַרברענט געוואָרן פון די שראַפּנעלן. פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך האָבן אָנגעהויבן שטראָמען די היימלאָזע, וועלכע האָבן זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט מיטן לעבן, און איבערגעלאָזן זייער האָב און גוטס אויפן באַראָט פון פייער. די נויט איז געווען אין לשער.

דער אָנגעקומענדיקער ווינטער האָט זיך געלייגט מיט אַ באַזונדערער שווערקייט אויף די היימלאָזע. ס׳איז נישט געווען קיין הייץ־מאַטעריאַל, קיין לעבנסמיטל, קיין שיך און קיין קליידער. די ענגשאַפט אין די וווינונגען איז געווען גרויס. זענען טאַקע אויסגעבראָכן פאַרשידענע עפּידעמיעס. נישט געווען קיין טאָג אָן עטלעכע טויטע. אַ טיפער טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער יידישער קהילה אין לויצק.

און דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. די עסטרייכישע מילי־

טער־מאַכט האָט אָנגעהויבן כאַפּן יידן צו גראָבן אָקאָפּעס אַרום דער שטאָט. די געכאַפּטע זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן ווייט הינטער דער שטאָט און מ׳האָט זיי נישט געלאָזט אַהיים. דאָס האָט ספּעציעל זיך אָפּגערופן אויף דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אָרעמע שיכטן, וווּ די מענער זענען געווען די איינציקע פאַרדינער. בכדי אויסצומיידן די כאַפּעריי אויף אַרבעט, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָמיטעט בראש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען ר׳ אליעזר דרוקער ז״ל. דער קאָמיטעט האָט זיך געפונען אין הויז פון ר׳ יונה פעלדענקרייז ז״ל. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין עלטער פון 16 יאָר ביז 60 איז באַזאָרגט געוואָרן מיט ספּעציעלע אַרבעטס־ביכלעך, אין וועלכע מ׳האָט איינגעשריבן יעדנס אויסגעפילטע אַרבעטס־פליכט לויט דער ריי. אַזוי אַרום איז מיט דער הסכמה פונעם עסטרייכישן מיליטערישן קרייז־קאָמענדאַנט אָפּגעשאַפט געוואָרן די פּלאָג פון די ווילדע כאַפּענישן אויף אַרבעט און ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ געוויסער סדר. דער, וואָס איז נישט געווען בכוח אויסצופילן די אַרבעטס־פליכט, האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דינגען אַן אַנדערן, אַז ער זאָל פאַר אים אָפּאַרבעטן. פאַרשטענדלעך, אַז דערמיט האָבן זיך געעפנט געוויסע פּרנסות פאַר אַ טייל יידן.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער באַפעלקערונג איז ביסלעכווייז געוואָרן פאַרבעסערט. מיט דער דערלויבעניש פונעם עסטרייכישן מיליטער־קאָמענדאַנט האָט מען אָנגעהויבן אַריינפירן סחורה פון אורוכאָוו און לעמבערג. מ׳האָט אָנגעהויבן אויפעפענען פאַרשידענע געשעפטן. די קאַפע־ און טיי־הייזער זענען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. יעדער איינער, וועלכער האָט נאָר געהאַט אַן אָפן פענצטער צו דער גאַס, האָט געעפנט אַ טיי־הויז און געהאַט דערפון פּרנסה. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט פאַרשידענע אַנדערע מעגלעכקייטן אַדאַנק די מיליטערישע רעגירונגס־אַרבעטן, האָט אַ סך געלינדערט די נויט.

אָנהויב יאָר 1916 איז נאָמינירט געוואָרן אַלס רעגירונגס־ראַבינער ד״ר מארינשטיין ז״ל — אויפן אָרט פון געוועזענעם ראַבינער ר׳ משה גליקליך ז״ל, וועלכער האָט זיך געהאַט עוואַקוירט קיין קיעוו. דער נייער ראַבינער האָט זיך פאַרנומען נאָר מיטן דערליידיקן די רעליגיעזע הצטרכותן פון אונדזער קהילה.

נאָכדעם ווי די עסטרייכישע מיליטער־מאַכט האָט איינגעפירט אַ שטיקל אָרדענונג, האָט זי אָנגעהויבן דורכפירן אַ פּאַספּאָרטיזאַציע פון אַלע דערוואַקסענע איינוווינער פון דער שטאָט. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פעברואַר 1916 און זי איז אַדורכגעפירט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן: אין הויז פון מיליטערישן קרייז־קאָמענדאַנט איז געווען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אין וועלכער ס׳זענען, אַלס בייזיצער, אויך אַריין צו צוויי אָנגעזעענע בעלי־בתים פון יעדער גאַס. אַלע 2־3 טעג האָבן די איינוווינער פון אַן אַנדערער גאַס געמוזט זיך צושטעלן צו דער קאָמיסיע און אויפן סמך פון עדות־זאָגן פון די בייזיצערס זענען זיי אידענטיפיצירט געוואָרן און מ׳האָט זיי אַרויסגעגעבן געהעריקע דאָקומענטן.

נאָך דעם פאַרענדיקן די פּאַספּאָרטיזאַציע פון דער באַפעלקערונג איז די גאַנצע שטאָט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט מיליטער. אויף יעדער גאַס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיליטערישע פּאַטראָלן בכדי אויסצוכאַפּן די פאַרדעכטיקטע עלעמענטן. צו דעם האַרבן רעזשים, אין וועלכן די איינוווינער האָבן געלעבט און געמוזט זיך צופּאַסן צו דער מיליטערישער אויס־נאַמס־צייט, איז צוגעקומען נאָך אַ צרה צוליב וועלכער מ׳איז אַ געוויסע צייט ווי געווען פאַרשלאָסן אין די אייגענע גאַסן.

ווי כ׳האָב שוין פריער דערמאָנט, האָבן אין לויצק דאַן געהערשט פאַרשידענע עפּידעמיעס. אין לויצק זענען אָבער כמעט נישט געווען קיין הייל־אַנשטאַלטן. דער אַנשטאַלט „ביקור־חולים״ איז דאַן געווען דער איינציקער הייל־אַנשטאַלט אין וועלכן יידן האָבן געקאָנט באַקומען מעדיצינישע הילף. ליידער האָט ער נישט געקאָנט אַריינעמען אין זיך אַלע קראַנקע, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין מעדיצינישער הילף און איזאָלאַציע. צוליב דעם האָבן אַ סך קראַנקע געמוזט בלייבן ביי זיך אין די וווינונגען. אויך אין דאָקטוירים איז געווען אַ גרויסער מאַנגל. זיי זענען אַלע מאָביליזירט געווען אין דער רוסישער אַרמיי. געבליבן אין לויצק זענען נאָר 2 דאָקטוירים, אַ ייד ד״ר ראַנץ ע״ה און אַ ליבעראַלער קריסט מיטן נאָמען ד״ר פּאָמיאַנאָווסקי חוץ די דריי פעלדשער, ר׳ מענדל רופא ע״ה, ר׳ זלמן רופא ע״ה און אַ טאַרטשינער רופא מיטן נאָמען פוקס ע״ה.

די עסטרייכישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט איבערגעגעבן אַ דעזאינפעקציע־מאַשין אויף דעזינפעקציאָנירן די הייזער, ווו ס׳זענען געווען קראַנקע.

פאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ סיטואַציע זענען די לערן־אַנשטאַלטן נישט געווען טעטיק. דער בנין פון דער תלמוד־תורה איז געווען רעקווירירט פאַר אַ מיליטערישן שפּיטאָל און די דיקשטיין־שול איז געווען פאַרנומען דורכן אָקופּאַציע־מיליטער. דאָס אַלץ האָט דערפירט צום אָרגאַניזירן אַ חברה „לינת־הצדק״, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען ר׳ אברהם לאַנדסבערג ז״ל.

מיטן דערנענטערן זיך פון פסח איז אין חודש מערץ 1916 אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַלגעמיינער קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו באַזאָרגן אָרעמע יידן מיט אַלע הצטרכותן אויף פסח. אין קאָמיטעט זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָרשטייער פון אַלע בתי־מדרשים. פון ווילקער בית־מדרש: ר׳ עוזר דעבערט ז״ל, ר׳ יצחק דאלינער ז״ל, דער ווילקער רב ר׳ בנציון לעדערמאַן ז״ל, ר׳ יוסף שטערנבוים ז״ל, ר׳ מאיר קופּערשטיין ז״ל, ר׳ משה ליבהאָבער ז״ל, ר׳ דוד גאָלוב ז״ל, ר׳ דוד שיינמאַן ז״ל. פון דער ווילקער גרויסער שול: ר׳ יחיאל איינבינדער ז״ל, ר׳ אלתר פּרעס ז״ל, ר׳ יעקב באַווערמאַן ז״ל. פון דער נאָוואָ־סטראָיענער שול: ר׳ מאָטי פוקס ז״ל און ר׳ יעקב פרידמאַן ז״ל. פון דער דאָלינער שול: ר׳ מאיר פירער ז״ל און ר׳ ברוך שפּיגעל ז״ל. פון דער טריסקער שול: ר׳ מאָטל וואַקסמאַן ז״ל, ר׳ גרשון צוויטמאַן ז״ל און ר׳ איטשע קעסטענבוים ז״ל. פון דער פאָרשטאָטישער גרויסער שול: ר׳ אנשל וואַסערמאַן ז״ל, ר׳ שמעון גאָלדבערג ז״ל און מירמעלשטיין ז״ל. פון דער גרויסער שול: ר׳ איטשע קרוין ז״ל און קרישטאַלקאָ ז״ל. פון די קראָנא־שולן: ר׳ שלמה אייזענבערג ז״ל און שיינדער ז״ל.

אין דער פאַרוואַלטונג מיט דער הילפס־אַקציע האָבן זיך געפונען די פּערזאָנען: ר׳ ישראל וויינטרויב ז״ל, ר׳ אברהם לאַנדוי ז״ל, ר׳ חיים בוקאָוויעצקי ז״ל, ר׳ יודל נוף ז״ל — ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון אונדזער ראַבינער ד״ר מארינשטיין ז״ל. אין אַלגעמיין זענען אויף פסח באַזאָרגט געוואָרן די דאָזיקע פאַמיליעס, וועמענס מענער ס׳זענען געווען מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי.

ביי דער געלעגנהייט ווילט זיך פאַרצייכענען אַ זייער איינ־

טערעסאַנטן עפּיזאָד פון דעמאָלטדיקן לעבן פון דער יידישער קהילה. די עסטרייכישע מיליטער־מאַכט האָט געזוכט אַ פּאַסיקן לאָקאַל אויף אַ נאַכט־קלוב פאַר די עסטרייכישע אָפיצירן. זי האָט געוואָלט רעקווירירן ס׳הויז פון ר׳ מאיר קופּערשטיין. דעם אויבערשטן שטאָק האָט מען געהאַט אויסגעשטאַט מיט אַלע נייטיקע איינריכטונגען אויף אַזאַ לאָקאַל. מ׳האָט געוואָלט אויך פאַרנעמען דעם אונטערשטן שטאָק, ווו ס׳האָבן געוווינט עטלעכע משפחות פון דער פאַמיליע קופּערשטיין, וועלכע האָט זיך פאַררעכנט צו די אָנגעזעענסטע אין שטאָט. פאַר די לעצטע איז געווען אַ גרויסע חרפה דאָס איינאָרדענען ביי זיי אַזאַ פאַרווייַלונגס־אָרט. אַלע אינטערווענצן ביי דער אָקופּאַציע־מאַכט האָבן נישט געהאָלפן און מ׳איז געשטאַנען פאַר דער געפאַר, אַז דאָס גאַנצע הויז זאָל פאַרנומען ווערן פאַר אַזאַ „דערהויבענעם" ציל. אין דער לעצטער מינוט ממש איז ר׳ מאיר קופּערשטיין איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק. אינעם דאָזיקן הויז איז געווען אַ גרויס צימער, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ רייכע רבנישע ביבליאָטעק מיט פאַרשידענע הייליקע כתב־ידן. האָט מען אין אָט דעם צימער אויפגעעפנט אַ קליינע שול, אין וועלכע מ׳האָט געדאַוונט. מ׳האָט אַריינגעשטעלט 3 ספרי־תורות אין אַן ארון, אַן עמוד מיט אַ שולחן און אַלע אַנדערע כלי־קודש. נאָכדעם האָט מען געפאָדערט, אַז אַ קאָמיסיע פון דער עסטרייכישער מיליטער־מאַכט זאָל בודק זיין, צי אין אַ הויז ווו ס׳געפינט זיך אַ בית־המדרש קאָן מען איינאָרדענען אַ נאַכט־לאָקאַל. ס׳איז טאַקע אַראָפּגעקומען אַ מיליטערישע קאָמיסיע פון עסטרייכישע אָפיצירן מיטן אָנטייל פון אַ יידישן פעלד־ראַבינער, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין דעם הויז טאָר מען נישט אָרגאַניזירן קיין עפנטלעכן נאַכט־לאָקאַל, ווייל דאָס וואָלט באַליידיקט די רעליגיעזע געפילן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. מ׳האָט אויך באַפרייט דעם שוין רעקווירירטן אויבערשטן שטאָק. דאָס דאָזיקע שולכל איז געבליבן טעטיק ביזן לעצטן גרויסן חורבן.

דער דערמאָנטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען דריי מאָנאַטן פאַר פאַרלאָזן לויצק דורך דער עסטרייכישער אַרמיי. אָבער נאָך איידער זי האָט די שטאָט פאַרלאָזט, האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט די שרעק־טעג, ענלעכע צו יענע, ווען די עסטרייכער האָבן די שטאָט פאַרנומען. אין משך פון דריי מעת־לעת איז אַרום דער שטאָט אָנגעגאַנגען אַ העפטיקע שיסעריי, וועלכע האָט אַלעמען געצוווּנגען זיך צו פאַרשטעקן אין פאַרשידענע באַהעלטענישן. דאָס איז געווען ענדע מאַי 1916, שבועות, פאַרנאַכט. אונדזער גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אויפגעזאַמלט ביי אונדזער פעטער ר׳ גרשון צוויטמאַן ז״ל, אין זיין געמויערטן הויז נישט ווייט פון דער קראַסנער בריק. אין אַ געוויסן מאָמענט איז די גאַנצע מיליטער־מאַסע פון די עסטרייכער געבליבן ווי אין אַ פאַרשטאָפּונג צוליבן גרויסן געדראַנג פון כל מיני עסטרייכישע מיליטער־אָפּטיילונגען, וועלכע זענען אָפּגעטראָטן פון דער שטאָט אין גרויס איילעניש. די דאָזיקע פאַרשטאָפּונג איז באַמערקט געוואָרן דורך דער רוסישער אַרטילעריע, וועלכע האָט אַהינצו אָנגעהויבן אַרויסשיקן אירע סנאַריאַדן. כמעט אין לעצטן מאָמענט זענען מיר אַראָפּ אין אונטערשטן טייל פון הויז, ווו ס׳איז געווען מער זיכערער ווי אויף די אויבערשטע טיילן. די צוויי סנאַריאַדן, וועלכע זענען געפאַלן אויפן הויז, האָבן אונדז גאָרנישט געשאַט און מיר זענען אָפּגעקומען מיט בלויזער שרעק. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס רוסישע מיליטער דאַרף צוריקקומען אין שטאָט אַריין און מיר האָבן זיך אַ ביסעלע דערפאַר געשראָקן. באַזונדערס איז געווען גרויס די געפאַר פאַרן אַוואַנגאַרד, וועלכער האַנדלט אויף אייגענער האַנט און קאָן אָנטאָן דער ציווילער באַפעלקערונג גרויסע צרות.

די קאַנאָנאַדע איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער און בלויז אַ ביקסן־שיסעריי האָט איבערגעריסן די פאַרהעלטנישמעסיקע שטילקייט. אין אונדזער באַהעלטעניש זענען, אויסער אונדזער פאַמיליע, אויך געווען נאָך עטלעכע פאַמיליעס פון דער גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט. אַלעמאָל איז אַן אַנדערער געשטאַנען אויף דער וואַך, בכדי צו כאַפּן עפּעס אַן אָנדייטונג וועגן דעם, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער ליכטיקער שיין. אַרום צוויי בייַנאַכט, ווען אויף דער וואַך איז געשטאַנען ר׳ ישראל לייב מאטיוק ז״ל, האָבן מיר פון אים באַקומען אַ באַפעל: שאַ, שטיל, דוכט זיך, אַז כ׳הער רעדן רוסיש! מיר אַלע האָבן נאָך מערער איינגעהאַלטן דעם אָטעם און דאַן האָבן מיר דערהערט רעדן רוסיש אויפן הויף. די רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אויפן הויף, האָבן אויך באַמערקט אונדזער באַהעלטעניש און ס׳שוואַכע נאַכט־ליכטל, וואָס האָט פון אונדזער באַהעלטעניש אַרויסגעצאַנקט, און זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז. ס׳איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען ר׳ מאטיוק, וועלכער האָט זיך באַלד צוריקגעקערט מיט די רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז באַגריסט מיט אַ ברייטן „זדראַסטווּיטיע". זיי האָבן באַטראַכט אונדזער באַהעלטעניש און אונדז באַרוּיקט, ראַטנדיק אונדז זיך נישט אַרויסצורירן ביז איינדערפרי. מיר האָבן זיי מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן. די סאָלדאַטן זענען געווען צו אונדז זייער פריינדלעך.

פון דער דעמאָלטדיקער שיסעריי זענען געפאַלן צוויי קרבנות. דאָס זענען געווען יודקע פּאַפּיראָסניקס פּרוּי ז״ל און ישראל קאַוואַלס פרוי ז״ל.

באַלד נאָך דעם, ווי דאָס רוסישע מיליטער איז צוריקגעקומען קיין לויצק, האָט זיך דער נייער מיליטערישער קאָמענדאַנט געווענדט צו דער ציווילער באַפעלקערונג און זי גערופן זיך צוריקצוקערן צום נאָרמאַלן בירגערלעכן לעבן, מ׳זאָל עפענען די געשעפטן, וואַרשטאַטן. דער פראָנט האָט זיך דאַן נאָך געפונען ביי אַ 30־40 ק״מ פון שטאָט. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן „פּראָפּוסקן" אויף צו פאָרן קיין ראָוונע. די באַפעלקערונג האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און דער האַנדל איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן. אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן אַלע פּראָדוקטן און מ׳האָט אַלץ געקאָנט באַקומען.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און די ציווילע מאַכט איז צוריקגעקומען — מיט דער פריערדיקער פּאָליציי און איר „איספּראַווניק". ס׳איז אויך צוריקגעקומען דער פריערדיקער שטאָט־פּרעזידענט מאַלאָוויצקי (גאָראָדסקאַיאַ גאָלאָוואַ). מ׳האָט גלייכצייטיק אָנגעהויבן כאַפּן אויף פאַרשידענע מיליטערישע אַרבעטן, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך אַלץ סטאַביליזירט.

אין יענער צייט איז אַנטשטאַנען אַ יידישער הילפס־קאָמיטעט פאַר די מלחמה־פּליטים פון לויצקער געגנט. די צענטראַלע האָט זיך געפונען אין קיעוו. אין שפּיץ פון דער צענטראַלע איז געווען אַ ספּעציעל באַפולמעכטיקטער, גיטערמאַן (אַ קיעווער רבס אַ זון), שפּעטערדיקער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין וואַרשע, אומגעקומען בשעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

דער דאָזיקער הילפס־קאָמיטעט האָט געשאַפן אַ קינדערגאָרטן פאַר יתומים פון עלטערן, אומגעקומענע אין דער מלחמה.

מ׳האָט אויך אָרגאַניזירט געשעפטן, ווו אַלס אָנגעשטעלטע האָבן געאַרבעט אלמנות פון געפאַלענע אויפן פראָנט.

אין דער זעלבער צייט איז פון דער קיעווער צענטראַלע אַראָפּגעקומען קיין לויצק דער שריפטשטעלער ש. אַנסקי אין אוניפאָרם פון אַ רוסישן אָפיציר. ער האָט באַזוכט אונדזער שול מיט אירע אַלטערטימלעכע אַנטיקן, וועלכע ער האָט אַרויסגעפירט קיין פּעטראָגראַד (לענינגראַד).

די דייטשע אַוויאַציע האָט נישט געלאָזט רוען, נישט ביי טאָג און נישט אין די ליכטיקע נעכט. יעדן טאָג פלעגן מיר ווערן באָמבאַרדירט. ס׳זענען דערביי אָפט געפאַלן פיל קרבנות. איינעם אַזאַ לופט־אָנפאַל געדענקט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג. אין אַ געוויסן פרימאָרגן זענען מיר אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן אויפרייס. מ׳איז פשוט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די בעטן. די טירן זענען אַרויס פון זייערע זאַוויאַסן. די שויבן פון די פענצטער זענען אויסגעהאַקט געוואָרן. די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן דאַן באָמבאַרדירט די באַן־סטאַציע, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ מיליטערישער עשאַלאָן מיט אַמוניציע. איין באָמבע האָט טאַקע געטראָפן אין אַ וואַגאָן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. ס׳איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער אויפרייס און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע שרפה, וועלכע מ׳האָט לאָקאַליזירט און אויסגעלאָשן ערשט נאָך עטלעכע טעג אַרבעט פון דער שטאָטישער פייערלעשער־קאָמאַנדע.

נישט קוקנדיק אויף די אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירונגען פון דער דייטשער אַוויאַציע, איז ס׳לעבן אָנגעגאַנגען מיטן זיין נאָרמאַלן גאַנג. דער האַנדל האָט געבליט. די וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט אויף דער פולער פאַרע, ווייל דער פראָנט האָט געהאַלטן אין איין פאָדערן מאַטעריאַל פאַרן קריג.

מיטן אָנקום פון די האַרבסט־רעגנס האָט אויפגעהערט די באָמבאַרדירונג און מיר האָבן אַ קאַפּעטשקע אָפגעאָטעמט. דאַקעגן האָבן מיטן אָנקום פון די ווינטער־חדשים אָנגעהויבן ווידער זיך פאַרשפרייטן פאַרשידענע עפּידעמישע קראַנקייטן, מיטגעשלעפּטע פון פראָנט. דורך דער מיליטערישער און ציווילער מאַכט זענען אָנגענומען געוואָרן געהעריקע מיטלען, בכדי צו באַקעמפן די עפּידעמיעס. יעדער איינוווינער איז באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ ספּעציעל ביכל און געווען פאַרפליכטעט יעדע וואָך אַדורכצוגיין אַ דעזינפעקציע. אַלע באָד־אַנשטאַלטן אין לויצק זענען געווען טעטיק אַ גאַנצע וואָך. אָבער דאָך זענען אין דעם דאָזיקן ווינטער געווען אַ סך קרבנות.

די אַנטשטאַנענע „לינת־הצדק״ האָט אָרגאַניזירט אַ ברייטע מעדיצינישע הילפס־אַקציע. צו יעדן קראַנקן איז געשיקט געוואָרן אַ מענטש, וועלכער זאָל וואַכן איבער אים אַ גאַנצע נאַכט.

אַזוי איז ביי אונדז אַדורך דער ווינטער 1916־17.

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג איז אַנטשטאַנען מיטן אויסברוך פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין יאָר 1917. קודם כל איז אַוועק פון אונדז די נאָמינירטע שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג מיטן נאָמינירטן שטאָט־פּרעזידענט אַלאָוטשיק. אויף איר אָרט איז נאָמינירט געוואָרן אַ נייע זעלבסטפאַרוואַלטונג מיט ר׳ אברהם וואַרקאָוויצקי ז״ל בראש אַלס שטאָט־פּרעזידענט. אַלס מיטגלידער זענען באַשטימט געוואָרן די פּערזאָנען: ר׳ יחיאל איינבינדער ז״ל, ר׳ יוסף זשיטין ז״ל, ר׳ מאיר אינגבער ז״ל, וועלכע האָבן אָנגעפירט אין מאַגיסטראַט מיט די לויפנדיקע שטאָטישע ענינים און אַפּראָוויזאַציע (ס׳האָבן שוין אָנגעהויבן אויספעלן אין שטאָט לעבנס־וויכטיקע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך) און אויך אַ געוויסע צאָל יידישע און קריסטלעכע ראַטמענער.

ס׳איז אויך אַריינגעטראָטן אַ גרויסע ענדערונג אינעם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן צושטאַנד פון דער שטאָט. ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען און פּאָליטישע פּאַרטייען. די חברה „מפיצי השכלה״, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין רוסלאַנד, האָט אויפגעעפנט אירע אָוונט־קורסן. ספּעציעל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די דערעפענונג פון דער ערשטער אין לויצק פרייער אָרגאַניזאַציע „פּראָגרעס״, ווו ס׳האָט זיך דאַן גרופּירט די פרייע יוגנט און ווו ס׳האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט פאָלגנדיקע פּערזאָנען: יצחק שטערנפעלד ז״ל, קאָלאָדנע ז״ל, אהרן צוויטמאַן ז״ל, יונה שטערנפעלד ז״ל, זישע באַגלייבטער ז״ל, אפרים מאַראַנץ ז״ל, שמואל טשעטשאָטקאַ ז״ל, שמעיה קימעלמאַן ז״ל, להבדיל בין החיים ומות — חיים לייבל, לייב לערנער, דוד גרינשטיין, לייב קאָטליאַר, דבירה גרינשטיין ז״ל, שייע ווייסבערג ז״ל א.א. ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישע סעקציע, וועלכע האָט אָפט געשפּילט יידיש טעאַטער אין „זאַמעק ליובאַרטאַ״. דער דורשט נאָך אַ לעבעדיק יידיש וואָרט איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדעס מאָל, ווען די דראַמאַטישע סעקציע האָט געשפּילט, איז דער זאַל געווען איבערגעפולט. די הכנסה פון אָט די פאָרשטעלונגען איז באַשטימט געוואָרן פאַר די צוועקן פון דער אָרגאַניזאַציע. נאָך די באַגרענעצונגען פון דער צאַרישער מאַכט, וועלכע האָט נישט דערלויבט צו שפּילן יידיש טעאַטער — האָט מען אַלזייטיק אויסגענוצט די נייע פרייע מעגלעכקייטן אויף אַ קולטורטעטיקייט.

ס׳זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע אַרבעטער־פאַראיינען, ווו ס׳זענען געווען פאַרטראָטן פאָרשטייער פון פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען. אַזוי איז פון „בונד״ געווען טעטיק דוד אייזן ז״ל, פון די „פאַראייניקטע״ — שטערנפעלד ז״ל, פון פועלי־ציון — וויסאָצקי און גאָלוב ז״ל. אינעם האַנטווערקער־פאַראיין זענען געווען טעטיק: ר׳ יחיאל איינבינדער ז״ל, מעלימעווקער ז״ל, קלימבורד ז״ל און באיאָנער ז״ל. אינעם קליינהענדלער־פאַראיין זענען געווען טעטיק: ר׳ אליעזר גינדעל ז״ל, ר׳ עוזר צווירט ז״ל, ר׳ נח שטיינבערג ז״ל און יוסף פינקעלשטיין ז״ל. אין סוחרים־פאַראיין זענען געווען טעטיק: ר׳ יודל שאַפּיראָ ז״ל, בראָנבערג ז״ל און דאַל ז״ל.

ס׳איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע בראש פון וועלכער ס׳זענען געשטאַנען ר׳ חייקל ווייץ ז״ל, ר׳ יהושע בערגער ז״ל, טעמערלין ז״ל (דער לעצטער איז געשטאָרבן אין ישראל), חלף ז״ל און — להבדיל בין החיים והמות — אברהם וואַקסמאַן.

אויך אויף אַנדערע געביטן האָט אָנגעהויבן שפּראָצן מיט אַ נייער קראַפט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. אַזוי איז אָרגאַניזירט געוואָרן די יידישע גימנאַזיע און אַ העברעישע שול. ס׳האָט זיך געעפנט אַן אָפּטיילונג פון דער קיעווער „קולטור־ליגע״, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק פון יידישע, העברעישע און רוסישע ביכער. מיט דער ביבליאָטעק האָט אָנגעפירט משה פערדמאַן, וועלכער איז אויך, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, געווען לאַנגיאָריקער ראַטמאַן אין די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען. אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעעפנט אַ ביבליאָטעק, אין וועלכער ס׳זענען געווען בעיקר העברע־

אישע ביכער. מיט אָט דער ביבליאָטעק האָט אָנגעפירט מיין פריינד יוסף וויינטרויב ז״ל.

אין יידישן געסל איז געוואָרן ששון ושמחה. דאָס פּאָליטישע לעבן האָט אָנגעהויבן פּולסירן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די ערשטע פרייע וואַלן צו דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַלע אויבנאויסגערעכנטע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן טאָג־איין טאָג־אויס אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אויף וועלכע מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט ספּעציעלע פּרעלעגענטן פון קיעוו. די דאָזיקע וואַלן זענען טאַקע פאָרגעקומען סוף יולי 1917. אַזוי זענען אין שטאָטראַט אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: ר׳ חייקל ווייץ ז״ל, יהושע בערגער ז״ל, טעמערלין ז״ל און נאָך אַנדערע טוער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

פון די בעלי־מלאכות איז אויסגעוויילט געוואָרן ר׳ יחיאל איינבינדער ז״ל, ר׳ אברהם קלימבורד ז״ל, מעלימעווקער ז״ל, פיינטוך ז״ל, שפּיצמאַן ז״ל און פרענקעל ז״ל.

פון די רעליגיעזע: ר׳ מאיר קופּערשטיין ז״ל, ר׳ מאָטל וואַקסמאַן ז״ל.

פון די בעלי־בתים: ר׳ אברהם וואַרקאָוויצקי ז״ל און ר׳ יוסף זשיטין ז״ל.

פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען געגאַנגען אין איין אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רשימה, אויף וועלכער ס׳האָבן פיגורירט יידן מיט קריסטן, זענען אויסגעוויילט געוואָרן יצחק שטערנפעלד ז״ל, דאוו ז״ל און אייזן ז״ל.

אין אויגוסט 1917 איז פאָרגעקומען די ערשטע עפנטלעכע זיצונג פון דער נייַ דערוויילטער לוצקער זעלבסטפאַרוואַלטונג. זי איז אַדורך מיט גרויס פּאָמפּע און אָרגאַניזירט געוואָרן זייער פייערלעך. ס׳זענען אָנוועזנדיק געוועזן איינוווינער פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. גרויס איז געווען די פרייד צוליב דער באַקומענער פרייהייט. אימפּאָזאַנט זענען אויסגעפאַלן די באַגריסונגען צוליב אָט דער היסטאָרישער געשעעניש. ס׳האָט דאַן געהערשט אַ ברידערלעכע אַטמאָספערע צווישן יידן און קריסטן און ס׳האָט זיך נישט געפילט קיין שום שנאה פון איינעם צום צווייטן.

אַזוי איז אויך געווען אין טאָגטעגלעכן לעבן בעת די האָניקמאָנאַטן פון דער צייטווייליקער רוסישער רעגירונג, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען דער פּרעמיער קערענסקי. ביז ס׳איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אינעם פרימאָרגן פון 7־טן אָקטאָבער 1917. אַ טאָג פריער האָב איך אין אַ געוויסן מיליטערישן אַמט אָנגעגעבן אַ ביטע וועגן עפּעס אַן ענין, און דער אַמטירנדיקער אָפיציר האָט מיך געהייסן קומען צומאָרגנס נאָך אַן ענטפער. אָבער קומענדיק אַהין, האָב איך באַמערקט ביים אַריינגאַנג אַ באַוואָפנטן סאָלדאַט. צוזאַמען מיט מיר זענען געקומען נאָך אייניקע אינטערעסאַנטן. מ׳האָט אונדז געהייסן וואַרטן. דער אַמטירנדיקער אָפיציר האָט דערווייל קיינעם נישט אויפגענומען. נאָכן אָפּוואַרטן בערך אַ האַלבע שעה אין זאַל, זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז פאַריקע נאַכט האָבן די באָלשעוויקעס איבערגענומען די מאַכט. די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז נאָך דערווייל געבליבן די זעלבע.

דער מיליטערישער אַמט איז דאַן געווען אין הויז פון אליי׳ קרוינשטיין (ווו ס׳האָט זיך שפּעטער געפונען די „באַנק אָדבודאָווי״).

אין זעלבן טאָג האָבן די באָלשעוויקעס אויפגעעפנט די טויערן פון דער לוצקער טורמע און באַפרייט אַלע אַרעסטירטע.

אין אָוונט איז צונויפגערופן געוואָרן אַן עקסטרע זיצונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, בכדי צו באַטראַכטן די נייגעשאַפענע סיטואַציע. אייניקע ראַטמענער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע האָבן געפעלט. די יידישע דאַקעגן האָבן זיך צוגעשטעלט אַלע ווי איינער.

אין שטאָטישן פּאַרק איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאָלקסדעמאָנסטראַציע לכבוד דעם זיג פון די באָלשעוויקעס. ס׳זענען אָפּגעגעבן געוואָרן עטלעכע האַרמאַטן־שאָסן.

די וואַלן צו דער קהילה, וועלכע האָבן אין דער זעלבער צייט געדאַרפט פאָרקומען, זענען צוליב דעם נישט צושטאַנד געקומען. ביז דאַן איז זי באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע בתי־מדרשים.

די אַפּראָוויזאַציע נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך באַדייטנדיק פאַרערגערט און ס׳האָבן אָנגעהויבן אויסצופעלן אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. בכלל זענען מיר פון אָנהייב 1917 געווען אין אַ נישט גוטער לאַגע אין די אַפּראָוויזאַציע־ענינים. די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג איז געווען געצוווּנגען אויסצוטיילן די אַרטיקלען לויטן קאַרטן־סיסטעם. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז די לאַגע נאָך מער פאַרערגערט געוואָרן.

אין צווישנצייט איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן געוואָרן דעזאָרגאַניזירט. די מיליטער־אָפּטיילונגען אין לוצק זענען זיך צעפאַלן. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן אַרומוואָגלען אָן אַ ציל. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מערן פאַרשידענע רויב־ און גזילה־אָנפאַלן. די הונגעריקע און אָפּגעריסענע זעלנער האָבן געשאַפן באַנדעס און גערויבט און געמאָרדעט די פרידלעכע באַפעלקערונג. די נייע מאַכט האָט די דאָזיקע אומאָרדענונג נישט געקאָנט באַהערשן. איז דעריבער ביים אַרבעטער־פאַראיין געשאַפן געוואָרן אַ באַוואָפנטע זעלבשוץ, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן אָט די באַנדעס. בדרך כלל איז נישט אַדורך קיין איין נאַכט אָן רויב־אָנפאַלן. מ׳האָט מורא געהאַט זיך אַרויסצורירן פון שטאָט, מ׳האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין פּראָדוקטן. דאָס געלט איז געוואָרן דעוואַלואירט, די פּוערים האָבן עס נישט געוואָלט אָננעמען און דעריבער האָבן זיי זייערע פּראָדוקטן נישט פאַרקויפט.

שפּעטער איז געקומען די דייטשע אָקופּאַציע אין יאַנואַר 1918, בעת וועלכער ס׳האָבן אויפגעהערט די רויבערייען און דאָס לעבן האָט זיך צייטווייליק אַ ביסל סטאַביליזירט. יידן האָבן ווידער באַקומען אַ מעגלעכקייט צו האַנדלען און פאַרדינען.

1959

ש. וואַרקאָוויצקי

דער לויצקער יידישער „גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ"

אין אַפּריל 1917 האָט די כוואַליע פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיך דערטראָגן אויך קיין לויצק. אין שטאָט זענען פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס.

ש. וואַרקאָוויצקי

אין ריזיקע דעמאָנסטראַציע פון שטאָט־איינוווינער, אַרבעטער, מיליטער און אַנדערע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער שאָסעינע־גאַס (יאַגעלאָנסקע) האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר נחום וואַרקאָוויצקיס הויז, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען די שטאָטישע „אופּראַווע" (פאַרוואַלטונג).

אויפן באַלקאָן איז אַרויס דער שטאָט־„גאָלאָוואַ" (בירגערמייסטער) מאָלאַוואָטשיק און באַגריסט די דעמאָנסטראַציע. אָבער אומדערוואַרט פאַר אַלע, איז פון דער מאַסע אַרויס אַ דאָקטאָר און אין נאָמען פון דער דעמאָנסטראַציע געפאָדערט, אַז ה' מאָלאָוואָטשיק, אַלס פאָרשטייער פון אַלטן רעזשים, זאָל פאַרלאָזן זיין אַמט.

דער ה' מאָלאָוואָטשיק איז אַן אויפגערעגטער גלייך אַריין אין „אופּראַווע" און זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע.

דעם 22־טן אַפּריל 1917 איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער שטאָט־דומע, אונטער דעם פאָרזיץ פון מאָלאָוואָטשיקס פאַרטרעטער סטעציוק, ווו ס'איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון לויצק, איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס „גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ" אַ ייד — ה' אברהם וואַרקאָוויצקי.

אויפן צווייטן טאָג, נאָכן איבערנעמען דעם אַמט, האָט א. וואַרקאָוויצקי אַדורכקוקנדיק די טאָג־קאָרעספּאָנדענץ, גלייך געהייסן דערליידיקן און ענטפערן אויף אַלע אָנגעקומענע פּאַפּירן. דער סעקרעטאַר און פּערסאָנאַל זענען געוואָרן דערשטוינט: וואָס הייסט גלייך דערליידיקן? ביז איצט האָט די דערליידיקונג פון קלענסטן ענין געדויערט מינימום אַ חודש!

אין משך פון די ערשטע חדשים האָט א. וואַרקאָוויצקי אַדורכגעפירט אַ וויכטיקן, צו יענער צייט אָנגעווייטיקטן ענין. ער האָט דערלייבט אַרויסרוקן אין דער ריכטונג פון שאָסיי דעם יידישן בית־עולם, פאַרגרעסערנדיק אַזוי אַרום זיין שטח.

דעם אַמט פון „גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ" האָט וואַרקאָוויצקי פאַרנומען 6 חדשים — ביז נאָוועמבער 1917, ווען די אָנפירונג פון שטאָט האָט איבערגענומען די ניי־געוויילטע סאָציאַליסטישע דומע.

דאָרט האָט וואַרקאָוויצקי פאַרנומען דעם אַמט פון פאַרטרעטער פון „גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ", ווייל ער האָט נישט געהערט צו קיין שום פאַרטיי.

אין יענע צייטן איז געווען אַ מאָמענט, ווען די צענטראַל־רעגירונג האָט געהאַלטן ביים איבערפירן דעם קרייז־געריכט פון לויצק קיין ראָוונע, וואָס וואָלט געווען פאַר לויצק אַ גרויסער פאַרלוסט. אַדאַנק דער שנעלער אינטערווענץ פון וואַרקאָוויצקין, וועלכער איז ספּעציעל געפאָרן דאַן מיט אַ דעלעגאַציע מיט די ה"ה זייקאָווסקי און סאָראָקין (געוועזענער מיטגליד פון קרייז־געריכט) צו דעם מיניסטער קיין קיעוו, איז דער קרייז־געריכט געבליבן אין לויצק.

אין יענע יאָרן איז אַרבעטן אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג געווען אויסערגעוויינלעך שווער. דאָס זענען געווען אומרויקע נאָך מלחמה־יאָרן. רוסלאַנד האָט איבערגעלעבט אַ געפערלעכן בירגער־קריג. אוקראַינער האָבן געקעמפט פאַר אַן אייגענער מלוכה, און דער מאַרשאַל פּילסודסקי האָט מיט פייער און שווערד געצייכנט די גרענעץ פון דער פּוילישער רעפּובליק.

אין די יאָרן 1917־1919 איז לויצק עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

יעדע מאַכט האָט געפאָדערט פּראָדוקטן, וווינונגען, קאָנטריבוציעס א.א.וו. די הונגעריקע אָרעמע באַפעלקערונג האָט געפאָדערט ברויט, באַהייצונג, מלבושים.

אַ דעמאָנסטראַציע אין לויצק נאָכן אויסברוך פון דער מערץ־רעוואָלוציע

נישט איין מאָל האָט מען דעם יידישן בירגערמייסטער געפירט אונטער באַגנעטן פון שטאָב צו שטאָב. נישט איין מאָל איז דער מאַגיסטראַט געווען אָקופּירט דורך מיליטער, וואָס האָט געמאַכט וואַרקאָוויצקין פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן באַלדיקן צושטעלן אַלע געפאָדערטע פּראָדוקטן און מאַטעריאַלן, נישט איין מאָל האָט אים אַרויסגענומען פון שטוב אַ פאַרצאָרנטע, דראָענדיקע מחנה פון הונגעריקע אַרבעטסלאָזע, צעווילדעוועטע פון הונגער און קעלט, פאָדערנדיק ברויט און באַהייצונג.

און אַלץ האָט געמוזט באַשאַפן ווערן, אַלע פאָדערונגען האָבן געמוזט באַפרידיקט ווערן, טראָץ דעם וואָס די שטאָט האָט קיין נאָרמאַלע הכנסות נישט געהאַט, און די וואַלוטעס האָבן זיך געביטן מיט יעדער מאַכט.

איבער וועלכע ס'איז מאַכט האָט פאַרלאָזט לויצק, האָט וואַרקאָוויצקי באַקומען אַ „ידידי־בריוועלע" פון בירגערמייסטער, אַז ער מוז עקסטרע אָוועקפאָרן צוליב „פאַמיליע־ענינים" און די גאַנצע שטאָט־פאַרוואַלטונג לאָזט מען איבער אים, וואַרקאָוויצקין.

אַזאַ בריוו האָט אויך איבערגעלאָזט דער געוועזענער פּוילישער בורמיסטזש סושינסקי, און ווען דאָס פּוילישע מיליטער האָט צוריק באַזעצט לויצק, האָט דער פּוילישער קאָמענדאַנט פון לויצק אויסגעדריקט זיין גרויס באַוווּנדערונג פאַר דער דרייסטקייט פון וואַרקאָוויצקין, וואָס האָט געהאַט מוט אָנצונעמען אַזאַ מיסיע אין דער צייט ווען דאָס איז פאַרבונדן געווען מיט אַ זיכערער לעבנס־געפאַר.

וואַרקאָוויצקי האָט נישט געפילט קיין חטא אינעם רעפּרעזענטירן די שטאָט אפילו אין די געפערלעכסטע מאָמענטן, פאַר וועלכער מאַכט עס זאָל נישט זיין, ווייל ער איז געווען און ער האָט זיך געפילט אַלס שטענדיקער לויצקער בירגער.

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון שטאָטראַט דעם 31־טן אויגוסט 1918, האָט דאָקטאָר פּינוס, אין נאָמען פון ראַט און ביי אָוואַציעס פון אַלע אָנוועזנדיקע ראַטמענער, אויסגעדריקט וואַרקאָוויצקין „צוטרוי, דאַנקבאַרקייט און אַכטונג פאַר די באַמיונגען און אויפטוען פאַר דער שטאָט לויצק".

דעם פּאָסטן אין מאַגיסטראַט האָט א. וואַרקאָוויצקי פאַרלאָזט אין יאָר 1922, ווען ער איז איבערגעגאַנגען צו זיין פאַרמלחמהדיקן פאַך — באַנק־וועזן, וווּ ער האָט געאַרבעט ביז סעפּטעמבער 1939, אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד און קאַסיר פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק־געזעלשאַפט.

לויצק, 1938

שושנה בן אריה / חיפה

ליל זועות

הדבר קרה בימי המלחמה הראשונה. לוצק עירנו טעמה טעם פורעניות במידה גדושה. מקרים קשים רבים קרו אז בעירנו, אבל את המקרה הזה לא אשכח. אכן ליל זועות היה הלילה ההוא. קטנה הייתי אז, לא הבינותי הרבה, אבל מכל מה שהבינותי סמרו שערותי. הרוסים עזבו את העיר, והכל ציפו בחרדה לבואם של ה„פריצים" — הצבא הפולני המפואר... טעמנו את טעם הרוסים, לא התענגנו על רב טוב מהחיילים, פת לחם לא היתה בנמצא, וגם למים במשורה קשה היה להגיע, כי פחדו לצאת לרחוב.

זה היה בליל שבת. אבא, יהודי חרד, לא הלך לבית־הכנסת. הוא נשאר בבית ועשה את שבתו חול, כי לחם לא היה! אנחנו, שלוש ילדות קטנות, רעבות, התכווצנו במיטה אחת מרוב פחד, שכבנו ושתקנו, כל אוושה בחוץ היתה מפחידה אותנו. והפחד הלך וגדל. שמענו קול המון. החיילים הפולנים הגיעו. ומייד הכריזו עוצר, ומי שהפר את העוצר דינו היה ללכת למקום שממנו אין חוזרים... בכל יהודי חשדו שהוא קומוניסט.

ודווקא בליל זה, התאווה אחד מדיירי הבתים הסמוכים להיכנס אל שכננו אשר עמו גרנו בבית אחד, אף באותה כניסה עצמה. אנחנו לא ידענו על כך כלום. והנה, נפתחת פתאום הדלת וחיל פולני נכנס ומבקש את האיש ההוא. לא ידענו שמץ דבר. אולם מאחר שלא מצא את האיש, כי הלה התחבא תחת אחת המיטות אצל השכן, הצביע על אבי. אבא הכחיש הכל. אך החיל דרש ממנו שילך עמו. ידענו מה פירושה של הליכה זו. אבא התחיל להוכיח לו באותות ומופתים שלא יצא כלל מפתח הבית. דיברנו כולנו בהתרגשות ובתחנונים, אך לשוא. החיל לא אבה לשמוע. כל מה שהרבינו בתחנונים כן גברה עקשנותו. הוא דרש בכל תוקף שאבא ילך עמו. פרצנו כולנו בקול בכי קורע לב, אך הוא לא נגע אל לב האבן של הפריץ הפולני...

לקול בכיינו ויללותינו התאספו השכנים וכולם ביקשו רחמים, והחיל באחת: „לא ולא!" רק לאחר שאחד השכנים תקע לידו מטבע — נאות ללכת בגפו.

אבא נשאר בבית.

אַדוו. אַלעקסאַנדער קאָטליאַר / תל־אביב

דער יידישער הילפס־קאמיטעט אין די יארן 1915—1917

אין רעזולטאַט פון די רוסישע מיליטערישע מפּלות אין יאָר 1915, האָט דער פראָנט אָנגעהויבן צו דערנענטערן זיך צו די וואָלינער געביטן. די רוסישע חילות האָבן אָנגעהויבן פאַרפּלייצן די וואָלינער שטעט און שטעטלעך. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין די ערטער האָט זיך געשאַפן אַ געפערלעכער מצב. די רוסישע זעלנער צוזאַמען מיט די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך געוואָרפן אויף די יידישע הייזער און זיי אויסגערויבט; די צעיושעטע זעלנער, פאַרביטערטע פון זייערע מפּלות אויף די פראָנטן, זענען באַפאַלן יידן אין די גאַסן און הייזער. די יידישע באַפעלקערונג אין די קליינע מקומות איז אַריינגעפאַלן אין פאַניק און אָנגעהויבן מאַסנווייז אַנטלויפן אין די גרעסערע יידישע ישובים, וווּ זיי האָבן זיך געפילט זיכערער.

לויצק איז דאַן ממש פאַרפּלייצט געוואָרן פון טויזנטער פּליטים, וועלכע האָבן אַהין געשטראָמט אָן אויפהער. באַזונדערס קריטיש איז געוואָרן די סיטואַציע בעת לויצק איז געוואָרן אָקופּירט דורך דער עסטרייכישער אַרמיי. די שטאָט איז געוואָרן אָפּגעשניטן פון די רוסישע מערק און נישט באַוויזן נאָך אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט די נייע עסטרייכישע מערק. דער האַנדל אין די קליינע אינדוסטריע וואָס לויצק האָט פאַרמאָגט — זענען כמעט אין גאַנצן אָפּגעשטאָרבן. דאָס באַזאָרגן די שטאָט מיט שפּייז־פּראָדוקטן איז געווען אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן צושטאַנד, ווייל די פּויערים זענען נישט געווען פאַראינטערעסירט צו ברענגען זייערע פּראָדוקטן אין שטאָט. איז דעריבער לייכט זיך פאָרצושטעלן מיט וואָס פאַראַ שווערער לאַסט די מחנות פּליטים זענען דאַן געפאַלן אויף דער שטאָט.

דער דאָזיקער מצב האָט געהערשט ביז די שטאָט איז אויפסניי איינגענומען געוואָרן דורך דער רוסישער אַרמיי. דאַן האָט זיך אָפּגערופן דאָס רוסישע יידנטום, וואָס האָט מיט אַ ברייטער האַנט אָנגעהויבן שיקן הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין וואָלינער געביט, און צווישן דעם אויך קיין לויצק.

מיט אָט דעם ציל האָט זיך געשאַפן אין קיעוו אַ קאָמיטעט מיטן נאָמען „קאָפּע" — אַ קיצור פון רוסישן: „Комитет по оказанию помощи Еврейскому населению пострадавшему от военных действий".

קיין לויצק איז דאַן אַראָפּגעקומען דער זון פון קיעווער רב,

פאַרוואַלטונג פונעם הילפס־קאמיטעט

אין דער מיטלסטער שורה פון רעכטס: 1) ח. וואַניע, 2) א. וואַרקאָוויצקי, 3) י. גילערמאַן, 5) י. נול, 6) מ. מאַנדעלבוים, 7) ל. אָזשיקער, 8) י. קאָטליאַר, 10) א. סארטשינער. עס שטייען פון רעכטס: 4) וו. טשעטשאַטקאָ, 6) משה דער משגיח, 8) פינקלשטיין. עס זיצן אויף דער ערד (דער ביוראָ־פּערסאָנאַל) פון רעכטס: 1) א. דעבערט, 2) גאָלענדבערג. די נעמען פון די אַנדערע זענען אונדז נישט באַקאַנט.

ה. גיטערמאַן (שפּעטער — דער לייטער פון „דזשוינט" אין פּוילן) און געשאַפן אין שטאָט אַן אָפּטיילונג פון אויבנדערמאָנטן קאָמיטעט. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּער־זאָנען: חייקל ווייץ — פאָרזיצער, אברהם וואַרקאָוויצקי און יעקב קאָטליאַר — וויצע־פאָרזיצערס, מנחם מאַנדעלבוים, אברהם לענדער, יודל פּטיץ, בערגער (פון ראזישטש) א.א. דער קאָמיטעט האָט געשאַפן אַ יתומים־הויז אין דער וווינונג פון לייבטשע פּיש. מיטן יתומים־הויז האָבן אָנגעפירט די פרוי פון אויבנדערמאָנטן בערגער און די טאָכטער פון יעקב קאָטליאַר — מישקע.

דער הילפס־קאָמיטעט האָט אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע טעטי־קייט אויף פאַרשידענע געביטן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט צוגעשיקט גרויסע געלט־סומעס און טראַנספּאָרטן מיט שפּייז־פּראָדוקטן און מלבושים. די מאַגאַזינען פון קאָמיטעט האָבן זיך דעסגלייכן געפונען אין הויז פון לייבטשע פּיש.

אַדאַנק דער טעטיקייט פונעם קאָמיטעט האָט די לאַגע ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט זיך אָנגעהויבן שנעל צו פאַרבעסערן. דאָס געלט, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט גע־שיקט, איז פאַרטיילט געוואָרן אַלס שטיצע צווישן די נויטבאַ־דערפטיקע און אויך אין דער פאָרם פון הלוואות פאַר קלייז־הענדלער און האַנטווערקער. דאָס לעצטע האָט מיטגעווירקט צו דער אויפלעבונג פון האַנדל און פון האַנטווערקעריי. עס איז אויך געקומען אַ פאַרבעסערונג פון דער אַפּראָוויזאַציע צוליבן פונאַנ־דערטיילן שפּייז־פּראָדוקטן און מלבושים צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס יתומים־הויז האָט אויפגענומען הונדערטער יידישע יתומים, אויסגעהאַלטן זיי און פון צייט צו צייט אָפּגע־שיקט גרופּעס יתומים — אין דער באַגלייטונג פון מישקע קאָטליאַר — קיין טשערקאַסי (אוקראַינע), ווו עס האָט זיך געפו־נען דאָס צענטראַלע יתומים־הויז ביים צענטראַל־קאָמיטעט.

די אַרבעט פון הילפס־קאָמיטעט איז געווען זייער אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע. די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט האָבן געאַרבעט מיט גרויס מסירת נפש און דערפאַר — מיט גלענצנ־דיקע רעזולטאַטן.

ביסלעכווייז האָט דאָס לעבן אין שטאָט אָנגעהויבן צוריק זיך צו נאָרמאַליזירן. אַ סך פּליטים האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע היימען. דער קאָמיטעט האָט אָבער ממשיך געווען זיין אַרבעט — ביזן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען דאָס רוסישע יידנטום איז שוין נישט בלויז נישט אומשטאַנד געווען צו העלפן, נאָר אַליין זיך געניטיקט אין הילף.

די טעטיקייט פון יידישן הילפס־קאָמיטעט בעת דער מלחמה איז איינס פון די שענסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דער לוצקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

י. בן־אמיתי (גולוב)

ההגנה היהודית בלוצק

קיץ 1919... הימים ימי גסיסת השלטון של האטמאן פטליורה באוקראינה. הגייסות הבלתי־סדירים של ממשלת פטליורה הלכו ונדחקו מצפון וממערב ע"י צבאות הפולנים של הגנרלים האלר ופילסודסקי.

צבאות פטליורה נסוגו באי־סדר. נפוצו בכנופיות על־פני ערים ועיירות יהודיות. השמידו ישובים שלמים, ערכו טבח בנשים, זקנים וטף באכזריות העוברת כל דמיון בימים ההם. חמסו ושדדו את רכוש היהודים ואין שלטון שיאמר להם: הרף! הטבעת מסביב לאוקראינה העצמאית („סמוסטיינה אוקראינה") הלכה ונתהדקה וכך הגיע גם תורה של יהדות וולין לשתות את קובעת התרעלה עד תומה.

ז'יטומיר, ברדיצ'ב, אוברוטש, פרוסקורוב, היו לביזה ותוש־ביה היהודים נטבחו בלי רחמים ע"י אנשי פטליורה וכל מיני „אטאמאנים" שפקדו על כנופיות עצמאיות.

מאידך הגיעו ידיעות שגם גייסות הגנרל האלר הפולני עורכים פרעות ביהודים בדרך מסעם הצבאי.

גל של פרעות עבר, איפוא, על כל ישובי היהודים באוקראינה והוא הלך וקרב לרובנה וללוצק, נקודות־המשען האחרונות של הצבא האוקראיני.

ברובנה השתוללו האטאמאן אוסקילקו, מפקד המחנה האזורי, ועוזרו הפולקובניק שאפולא, ראש הבולשת הצבאית. ועל הכל — הפולקובניק פאלינקו, מפקד „בטליון המות" („רזרען סמערטי"). האטאמאן אוסקילקו ניסה באפריל 1919, בימי הגסיסה האחרונה של ממשלת פטליורה, לערוך „מהפכה" לטובת „מפלגת העצמאות" („סאמוסטייניקי"), וכשלא הצליח בדבר — שפך את חמתו על היהודים.

ראש הבולשת שאפולא היה מפלצת איומה ליהודי רובנה, לוצק והסביבה. בתאי־העינויים שלו, שסודרו בקרונות רכבת, איבדו חייהם יהודים רבים. מהם הפליא לעשות „בטליון המות" של הפולקובניק פאלינקו. הוא ערך טבח המוני ביהודי העיירות הסמוכות והאטאמאן אוסקילקו לא נענה לבקשת המשלחת היהו־דית שיתערב בדבר.

והאוירה הזאת נעשתה יותר דחוסה ומעוררת דאגה עם התקרב הצבא האדום לרובנה וללוצק מזה והצבא הפולני — מזה.

בלוצק נראו האותות הראשונים של האסון המתקרב, כשגדוד חיילים השוכן במלון „בל־ויו" שברחוב הראשי, פשטו בעיר לאחר שתיה כדת, הכו ופצעו כל עובר ושב, ולשם התחלה מוצלחת של פרעות פתחו ביריות ממכונות־יריה אל חלונות דירתו של ה„בולשביק" הד"ר קורצ'ימני, רופא־שיניים, איש אמיד וריאקציונר לפי השקפותיו. ע"י פעולה מהירה של ראשי־

הקהילה היהודית אצל האטאמאן אבאזה, מפקד „הדיביזיה האפורה" וראש השלטון הצבאי בעיר, נפסק הנסיון בראשיתו.

מצב זה תבע מתושבי לוצק לארגן תיכף ומיד הגנה עצמית. בלוצק היו, אָמנם, קיימים ארגונים פוליטיים יהודים ואף ארגון נוער ציוני „מכבי", אך לא היה לאנשים אלה אימון צבאי. נשק היה די והותר לאחר המהפכה בשנת 1917, כי הצבא הרוסי עזב את החזית, שנמצאה בקרבת לוצק וקיבל, והשאיר אחריו מחסני נשק וציוד־צבאי לרוב, וכל מי שרצה קנה לו במשיכה, מי רובה, מי מכונת־יריה, מי תיבות רמוני־יד, מי כלי־רכב וכדומה. כל זה „על כל צרה שתבוא".

הגרעין הראשון של ההגנה היה גדוד מכבי־אש מתנדבים, בגלל המשטר והארגון הצבאי־למחצה שהיה להם, וביחוד בגלל האנשים הנועזים שהיו להם. חשוב היה, בעיקר, לרכוש למטרה זו את הנועז שבהם והוא „לייבצ'יק בנדר", כלומר, לייבצ'יק הבנדיט. זה היה איש חסון וחזק, אמיץ־לב ובעל עבר והוה לא־טהור ביותר, שכן נחשב בין ראשי העולם התחתון. כל העיר והסביבה, אף השוטרים, היו חרדים לשמע השם הזה. הוא היה איש ללא־מעצור בעסקיו הבלתי־כשרים, אך היה איש שקט לגבי הבריות שלא היה לו אתן עסקים. היה גם יהודי טוב והיה מעניש קשה כל מי שהעליב יהודי בגלל יהדותו.

חיש מהר הורכבה מפקדה. השתתפו בה „לייבצ'יק" — בשם מכבי־אש, אחי המנוח יצחק גולוב — בשם פועלי־ציון, כותב הטורים האלה — בשם הנוער הציוני („מכבי" וכו'), הסטודנט יוזיק ראנץ — בשם החוגים השמאליים (קומוניסטים וכו') ושיקה (יהושע) קרוין (עכשיו בארץ).

אך עוד לא הספיקו לארגן את הפלוגות ולאמנן, וכבר הגיעו לאָזני התושבים ההדים הראשונים של יללת תותחים ממזרח לעיר. זה היה, אָמנם, ממרחק של כמה עשרות קילומטרים, אך ההדים נשמעו בבירור ובישרו שהפולנים עולים על לוצק. העיר התרוקנה פתאום מצבא. כל חייל שנשאר עדיין ברזרבה, נשלח אל החזית ובעיר נשארה מפקדת „הדיביזיה האפורה" („סירי ז'ופאניקי") עם האטאמאן אבאזא בראש. פה ושם נראו קצינים אוקראינים בודדים שהתרוצצו כעכברים במלכודת. בינתים הגיעה שמועה שהצבא האדום שהגיע ממערב כבש את רובנה. לא היתה יותר כל הצלה לשרידי הצבא האוקראיני. הם לא רצו להשלים עם הגורל שנגזר כבר והמשיכו להילחם בשתי החזיתות.

ובינתים נמצאנו גם אנו בתוך הקלחת הזאת והמורא מפני מעשי־יאוש אחרונים של הגייסות הנסוגים אילצנו להחליט על פעולות מהירות.

ראשית־כל הרכבנו פלוגת־מחץ חזקה, בראשות אחד הקצינים המוכשרים שלנו, ושלחנוה לפרוק את הנשק ממפקדת „הדיביזיה האפורה" ולכלוא את כל הקצינים האחראיים. תפקיד זה נתמלא בדייקנות של שעון. הקצינים ובתוכם האטאמאן כמעט שלא התנגדו. תחילה היו סבורים שפלוגה זו היא חלוץ הצבא האדום והחליטו שאין טעם להתנגד לצבא האדום בלי תמיכה צבאית בעיר, אך כשנודע להם אחר־כך שאלה הם פשוט יהודים, התחרטו על כניעתם.

את המפקדה האוקראינית כלאו במלון „בל־ויו" והפקידו עליהם משמר. את משרדי המפקדה האוקראינית בבית קרוינ־שטיין תפסה מפקדתנו.

שלטון אזרחי כמעט שלא היה קיים. מושל־המחוז והפקידים הגבוהים ברחו מהעיר ורק פקידים נמוכים אחדים באו למשרדים והסתובבו הנה ושוב נבוכים וחרדים לקראת הבאות.

פקודה שבאה ממפקדת ההגנה ציותה על פקידים אלה להישאר במקום ולמלא את תפקידם עד למשטר חדש. כדי שלא לעורר חשד בעיני הכנסיה הנוצרית בעיר ובסביבה שעינינו נשואות לשלטון יהודי, חיפשנו ומצאנו גנרל זקן שיצא לפנסיה וקרמנוב שמו, וביקשנוהו שיתן את שמו וחתימתו על פקודות השלטון האזרחי בתור מושל מחוז זמני. המשכורת שהובטחה לו שולמה תיכף ומיד למפרע. למעשה שלט במשרדי המחוז קומיסר מאנשי שלומנו לפי מינוי המפקדה.

להלכה היתה קיימת עדיין משטרה ובראשה הקומיסר מייסנר, ממוצא צ'כי, שלא היה אהוב ביותר על היהודים בגלל עמדתו העוינת ליהודים בימי המשטר הפטליורי. הלה בסיירו את העיר, בלוית כמה מקציני המשטרה, לא נתקל כמעט בשוטרים. הם התחבאו או נמלטו על נפשם. הכוחות המזויינים שנתקל בהם היו פלוגות ההגנה שצעדו בסך ברחובות.

מייסנר הסיק את המסקנה ההגיונית וסר למפקדה שלנו בהציעו שיתוף־פעולה בין המשטרה וה„הגנה" לשם שמירה על הבטחון. תחילה היתה הצעה לפרוק את הנשק מהמשטרה ולעצור את מייסנר, אולם לבסוף הוחלט להשאיר את מייסנר על כנו ולהבטיח רק שיתוף־פעולה. כדי שתהיה בכל זאת עין פקוחה עליו, מסרנו לרשותו פלוגת צעירים מזוינים וקצין קשר משלנו, שמילא תפקיד סגן למייסנר. המשטרה קיבלה את פקודותיה מאת מפקדת ה„הגנה". בינתים אומנו אנשי ה„הגנה". אל ה„הגנה" נהרו מחוץ לחברי הסתדרות הנוער, גם אזרחים: סוחרים, בעלי־מלאכה וסטודנטים. כל אב שלא יכול היה למלא תפקיד ב„הגנה" ראה חובה לעצמו לשלוח את בנו, כי כולם ידעו את הצפוי לעיר כשיפרצו אליה הגייסות הנסוגים, המיואשים והרעבים. ביום השלישי לפעולה היו כבר 400 איש מתנדבים ב„הגנה". מישהו הביא פתאום מכונית משורינת. זו היתה מכונית שהשאירו בזמנם צבאות הרוסים בחצר אוצר־הממשלה („קזנצ'ייסטבו") כשהיא מקולקלת. גם נמצא מכונאי שתיקן אותה והיא נכנסה לפעולה.

מסע המכונית המשוריינת על־פני רחובות העיר בסיור משמרות־ה„הגנה" עודד את היהודים, שהיו זה ימים אחדים במתיחות ובציפיה לכל רע. הם נתעוררו קצת מהדכאון והחלו להופיע בחוצות בלי היסוס. רק הפחד מפני המשטר החדש שיבוא העסיק את מוחותיהם. מי יקדים לבוא? הצבא האדום או הצבא הפולני? מי עדיף ומי נוח יותר ליהודים? ומה אם יתלקח הקרב על לוצק בין שני המחנות מזה ומזה? גם שאלת המזון והאספקה בכלל החלה להחמיר. אזלו מצרכים ראשוניים. אין יוצא ואין בא, גם לא צבא. האוקראינים היו סבורים, כנראה, שהעיר נכבשה כבר ע"י הצבא האדום ולכן לא פנו אליה. והחיים בעיר היו כבקריה נצורה.

בינתיים הלך וקרב רעש התותחים. הצבא הפולני הגיע כבר לרוז'ישצ'ה וגייסות האוקראינים נסוגו בלי סדר, ותחת לחץ האויב הסתננו מהם ללוצק פלוגות־פלוגות חיילים־לא־חיילים, בריות מזוהמות ולבושות בלויים, ונדמה היה שעוד מעט וישפכו את כל זעמם על האוכלוסיה השקטה. ההתנגשויות הראשונות עם פלוגות אלו החלו בפרבר קרסנה, בקרבת הגשר, כשהחלו לבוז את בתי היהודים ולהתעלל. אז התערבה פלוגת ההגנה במקום ושמה קץ לדבר. בראש פעולה זו עמד „לייבצ'יק" בכבודו ובעצמו ואז נפצע חבר ה„הגנה" יונה ולדמן.

לאחר מקרה זה הלך מספר החיילים המסתננים העירה הלוך וגדול. לאזעקות התכופות באו לעזרה מכל חלקי העיר. היו התנגשויות קלות ללא תוצאות חמורות, והמצב חייב צעדים נמרצים ומהירים כדי למנוע מאורעות מאורגנים.

המפקדה צוותה אז למשמרות המשוטטים לפרוק את הנשק מכל חייל אוקראיני המופיע ברחוב, ובמבואי העיר ריכזה כמה פלוגות והטילה עליהן להתנגד לכניסת החיילים המזוינים אם יבואו במספר מצומצם ובלתי-מאורגן. רק לחיילים פצועים הורשתה הכניסה. הפקודה נתמלאה בדייקנות והיא עלתה רק בכמה פצועים קלים משני הצדדים. מרוב החיילים ניטל הנשק וניתנה להם הרשות לבוא העירה. אלה שסירבו למסור את הנשק פנו לשדות, לאורך הנהר סטיר, והמשיכו את דרכם אל הכפרים הקרובים. בדרך-כלל לא היתה התנגדות החיילים האוקראינים חזקה. רבים מהם סברו שאנו חיילי הצבא האדום, ואילו השאר משמעו על הארגון המזוין שלנו אגדות שונות, נפל פחד עליהם.

מקרה אופייני אירע ברובע וולקה. בשעה 6 בבקר עברתי ברחוב הראשי של רובע זה בראש פלוגה — לשם בקורת. פתאום הגיעו לאזנינו צעקות וקריאות-עזרה מאחת החצרות. חשנו לשם. מיד הרגישו בנו החיילים והחלו לברוח דרך החצרות הקרובות, כשהם צועקים „ווטיקאי! ווטיקאי! ז'ידובסקי מיליציה יידע!" (נוסו! נוסו! המיליציה היהודית באה!). אך אנו הדבקנום ברחוב ופקדנו עליהם לעמוד. מספרם היה ששה. והנה תוך כדי בריחה הוציא אחד מהם מחגורתו רמון-יד והרימו כדי לזרקו. אותו רגע נפגע ע"י כדור משלנו ונפל. הרמון התפוצץ על ידו. שני חיילים נוספים נפצעו והשאר ברחו בדרך בכיוון לנהר, מחוץ לעיר.

העצבנות בעיר, שפגה כבר, גברה שוב פתאום עם הגיע אזעקה לעזרה מהרובע ירוביצה שליד תחנת-הרכבת, בו נמצאו הקסרקטין ומחסני-הצבא. הקסרקטין היו ריקים, אך המחסנים היו מלאים ציוד צבאי, סוכר ושימורי-מזונות. אנו לא ידענו כלל על כך ועל מחסנים אלה לא שמר איש.

והנה הגיעה הידיעה שאכרים מן הסביבה פשטו על המחסנים הללו ובוזזים אותם. אף כי רכוש זה לא היה שייך לתושבים, חייבים היינו להתערב, כדי למנוע את התפשטות האנרכיה, בדרך-כלל, שיכולה היתה לעבור משם אל בתי היהודים.

פלוגה בת עשרים וחמישה איש יצאו למקום. היא מצאה שם עשרות עגלות של אכרים עמוסות תיבות ושקים. ניתנה לאכרים פקודה להתפזר אך הם סירבו, בטענם שזהו רכוש ציבורי שנעזב והוא הפקר. בכדי למנוע קרבנות הזהירו אותם על-ידי יריות באויר, ואז נכנעו, אך ביקשו שינתן להם חלק מן המזון העמוס, ביחוד השימורים, שהם טריפה, והם עזבו את העיר.

המזונות שנמצאו במחסנים נמסרו תיכף לראש-העיריה, שחילק אותם לתושבים היהודים והנוצרים ובזה הוקל במידת-מה המחסור במיצרכים ראשונים. אך בדרך-כלל לא פגה עצבנות התושבים. ההגנה ושרידי השלטון הקודם לא יכלו למלאת את מקום השלטון הממלכתי. הציפיה למה שיביא יום-המחרת מתחה את העצבים עד-בלי-קץ.

מי יבוא? מתי יבוא? ואם יבוא — היהיה בטחון לחיים ולרכוש? התחדל ההגנה להתקיים? שאלות אלו ניקרו במוח ודרשו תשובה, אם-כי אף אחד לא יכול היה להשיב עליהן.

מתמיה היה, שהצבא הפולני עדיין לא חדר העירה. מן הבוקר לא נשמעו יותר רעמי התותחים. שותקו הרובים ומכונות-היריה. שקט גמור שרר בעיר ובסביבתה, והכל היה כל-כך סתום ומסתורי.

מה אירע? הנסוגו הפולנים? האם אין הצבא האדום מתקרב? האם גברו האוקראינים? למה, איפוא, אינם חוזרים בהמוניהם שכורי-נצחון?

הנה כבר ערב, בא הלילה, והשקט לא הופר. בתוך ריחות הניחוח של גני העיר והסביבה, שנישאו באויר ליל-הקיץ, הורגש ריחו של חומר-נפץ איום, שעלול היה להתפוצץ כל רגע. היתה זו הרגשת כל אחד מאתנו. היה כעין שקט שלפני סערה. ציפינו לגרוע ביותר.

איש כמעט לא ישן אותו לילה.

פתאום...

עם עלות השחר קרבו לבנין המפקדה שלנו ונעצרו ליד שער-הכניסה שתי מכוניות צבאיות שהתנופפו עליהן דגלים לבנים. מתוך המכוניות יצאו שני קצינים פולניים בלווית שני שלישים. הם עלו למפקדה ושאלו לקצין האחראי.

תחילה נבוכו אנשינו. אך התנהגותם ההוגנת והשקטה הרגיעה אותנו והם הובלו לחדרו של הקצין התורני שלנו. אינני זוכר כעת מי היה קצין זה. אני והסטודנט רנץ נכנסנו החדרה אחריהם.

הקצינים הפולנים הצדיעו לקצין שלנו והציגו את עצמם. אחד מהם פתח ואמר: „אנו הננו שליחי הצבא הפולני המנצח, העומד במבואות העיר. אנו יודעים שבעיר נמצא כוח מקומי מזויין יפה ובמספר לא-מועט. לא רצינו להסתער על העיר, כדי שלא לגרום לקרבנות מיותרים. אנו מבקשים מכם, לטובתכם, שבשעת כניסת צבאותינו תימנעו מאיזו-שהיא התנגשות, כי אנו נגיב בלי-רחמים".

הקצין התורני שלנו ביקש אותם לשבת. הם ישבו, והוא הסביר להם שאין אנו תובעים לעצמנו שלטון על העיר. שאנו היינו רק ארגון הגנה, והדבר היחידי שחשוב לנו הוא בטחון החיים והרכוש.

על זה ענה הקצין שהוא מסכים להשאיר את פלוגות-ההגנה בעיר בתור מיליציה, עד שתאורגן בעיר המשטרה כהלכה, ובאופן זמני תהיה המפקדה שלנו ממונה על הבטחון בעיר. מצדנו ביקשנו לדאוג שהחיילים ימנעו מכל סכסוכים עם התושבים.

ההסכם הושג ולפי בקשתנו ניתנה לנו הסכמתם בכתב, בשם מפקדת הגנרל ליסטובסקי.

זה היה הישג עצום. הכרה רשמית בכוחות המזוינים שלנו לשמש מיליציה לבטחון התושבים — דבר זה עודד את כולם. שאלנום, מתי חושבים להיכנס העירה הכוחות הפולנים הראשונים, אך הם השתמטו מתשובה. הקצינים קמו, הצדיעו לנו ואמרו לעזוב את המפקדה.

באותו מעמד מסרנו להם כי בידינו נמצאים שבויים — האטאמאן אבאזא ומפקדתו. הם שמחו מאוד לשלל חשוב כזה, היללו אותנו על אומץ לבנו וביקשו את הסגרתם. שנים מאנשינו נסעו אתם למלון „בל-ויו" עם פקודה להסגיר את המפקדה האוקראינית לידי הפולנים. ולאחר שאלה נלקחו משם, חזרו הפולנים על עקבותיהם (אגב, עם האטאמאן אבאזא ואנשי מפקדתו ישבתי אחר-כך כאסיר פוליטי במבצר הבריסקאי. שם ישב גם הסטודנט רנץ, והם שמחו לאידנו. הם מחו בפני שלטונות המבצר

על שמחזיקים יהודים במחלקת־הקצינים. וכשלא נענו — היו יורים בנו מבט מלא משטמה ומסננים דברי־חירופין אנטישמיים בין שיניהם).

בטחוננו גבר. עצבי התושבים שקטו, ונעשו הכנות לקבלה חגיגית של הצבא הפולני. אולם לא ידענו כי רומינו באופן אכזרי.

בשעה 12 בצהרים נראו פלוגות־החלוץ הראשונות בפרבר ירוביצה. מיד החלה הפשיטה בבתים והביזה. אנשינו הגיבו על כך בחריפות ולא נמנעו אף להשתמש בנשק חם. בינתים הגיעו גם משמרות החלוץ לפרבר קרסנה, והחלו גם כן לפרוע ולבוז. ביחוד הצטיינו בזה חילות הגנרל הלר. ההתנגשויות הקלות עברו להיות קרבות בין הפורעים ואנשי־ההגנה. אותו יום נהרגו חמישה מאנשינו ורבים נפצעו גם מן היהודים שלא השתתפו בהגנה. גם מצד הצבא היו קרבנות. במחיר זה נמנע טבח המוני שהוכן מראש בלי לקחת בחשבון התנגדות מזויינת תקיפה.

רק בשעה 4 אחה״צ, כשנכנסו העירה החיילות העיקריים בראשות המפקדה העליונה, שנתקבלה ע״י ראש־העיריה הנוצרי ונכבדי העיר היהודיים והנוצרים, — שקטו קצת הרוחות. אולם לא לזמן רב. החלה חטיפת אורחים שהובלו למקומות בלתי־ידועים ונורו שם. כך נחטפו החנווני דוד קוס ובנו ע״י פרש פולני, שקשר אותם מאחוריו על־פני הכביש לאורך כל העיר ולעיני כל התושבים. אחר־כך נודע שהם הובאו לתוך טירת לוברט העתיקה, שם ציוו עליהם לכרות לעצמם קבר ונורו במקום. כל ההשתדלויות, במשך שנים שלאחר־כך, בפני השלטונות הפולניים מצד ועד־הקהילה ומוסדות יהודיים אחרים, להוציאם לקבר־ישראל, לא הועילו. הטירה הפכה אח״כ לאורוות־סוסים שרמסו ברגליהם את קדושי ישראל אלה.

ועד־הקהילה מחה בפני המפקדה וביקש הגנה, אך בתשובה לכך נאסרו הסטודנט רנץ ואנוכי, ואנו הובאנו לחקירה לבולשת הצבאית. שאר חברי המפקדה הספיקו להסתלק לפני כן ולרדת למחתרת. גם אנשי השורה נעלמו מן הרחובות, לפי פקודה מוקדמת מן המפקדה שלנו, שעמדה על כוונת הפולנים, תיכף עם היכנסם. הוחלט במפקדתנו, בהתיעצות דחופה, לפני שנאסרנו, שאנו נקיים את ההגנה במחתרת, כי השלטונות מתכוננים לפרוק את הנשק ולאסור את האנשים. היטב חרה לגנרל ליסטובסקי על שניחשנו את כוונותיו והקדמנו אותו, והוא ניסה לסחוט ממני ומהסטודנט רנץ ידיעות על מקום הימצאם של אנשינו ונשקנו. אני ידעתי שצורר־ישראל זה, שהוציא להורג בפינסק את 30 הצעירים היהודים על לא עוון בכפם, לא יהסס ולא ירתע בפני שום דבר. הוא איים על ועד־הקהילה. אותנו עינו תליני־הבולשת עינויי־גיהנום, בכל מיני תחבולות. כשאיבדנו את החושים נעזבנו עד לשיבת הכרתנו אלינו ואז שוב עונינו.

אך החרשנו. לבסוף הועמדנו לפני משפט צבאי באשמת ארגון כנופיות מזוינות והתקפת צבא פולני. מכתבם של הקצינים הפולנים שלפיו הוכרנו בתור מיליציה עד שתאורגן המשטרה בעיר, לא הועיל. דנו אותנו למוות. העיר היתה כמרקחה. הגנרל ליסטובסקי סירב לקבל את משלחת הקהילה היהודית. ורק הודות לפנייה אישית של מישהו אל הגנרל ברנרד הצרפתי ששימש יועץ צבאי לצבא הפולני, הוחלף עונת־המוות למאסר במבצר.

שולחנו למבצר בבריסק, ובריחתנו משם לאחר הרבה חדשי־עינויים היא פרשה בפני עצמה. אך בזה עוד לא תמו עלילותיו של הגנרל ליסטובסקי נגד היהודים בגלל ההגנה המזויינת שלהם. הנגישות נמשכו עד שהשלטון הצבאי, שהוחלף בשלטון אזרחי, הועבר לפנים אוקראינה, עם התקדמות חילות הפולנים עד לקיוב, ואם לא נערכו פרעות גם אז, הרי היה זה רק הודות להגנה שהתקיימה תחילה בגלוי ואח״כ במחתרת.

פרשה זו היא אחת המזהירות שבחיי היהודים בלוצק.

ליפשטיין — המורה לעברית

ארגונים ומפלגות

דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן

יהודה פאַפּיר / וואַשינגטאָן

לויצק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

יאַנואַר 1921 בין איך דעלעגירט געוואָרן דורך דער וואַשינגטאָנער אָפּטיילונג פון דער לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט פאַר רעליף־אַרבעט אין לויצק און אומגעגנט אַרויסצופאָרן קיין לויצק. ס׳איז מיר דערמיט געגעבן געוואָרן, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון 14 יאָר, צו באַזוכן מיין היים־שטאָט, ווו ס׳זענען איבערגעבליבן מיינע עלטערן יאַנקל גראָבער און חנה סלאַווע, מיין ברודער שמואל פּאַפּיר מיט זיין פרוי און קינדער, מיין שוועסטער מיט איר פאַמיליע און פיל פעטערס און מומעס מיט זייערע פאַרצווייגטע משפחות. די גאַנצע צייט פון מיין 14־יעריקער אָפּגעריסנקייט פון מיין אַלטער און ליבער היים, האָב איך געלעבט אין טיפער בענקשאַפט נאָך דער שיינער לאַנדשאַפט פון לויצק און אומגעגנט, ווו כ׳האָב, טראָץ אַלעמען, פאַרבראַכט פיל גליקלעכע און צופרידענע יאָרן. טיף אין האַרצן זענען מיר געווען איינגעבאַקן די לויצקער טייכן און וועלדער, ווו אום זומער האָב איך זיך געבאָדן און פיל צייט פאַרבראַכט אויף פאַרשידענע אויספלוגן אין דער אומגעגנט, און ווינטער — זיך געגליטשט אויפן אייז, פאַר וואָס כ׳האָב נישט איינמאָל אַריינגעכאַפּט פון מיין פאָטער ע״ה פּעטש און וואָרענונגען, אַז כ׳זאָל נישט טאָן דאָס, וואָס אַ חסידיש יינגל טאָר נישט טאָן.

אויפן וועג קיין לויצק האָב איך זיך עטלעכע וואָכן פאַרהאַלטן אין וואַרשע, ווו כ׳האָב דערליידיקט די געהעריקע פאָרמאַליטעטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן איבערוויייזן געלטער, וואָס אַמעריקאַנער קרובים האָבן איבערגעשיקט זייערע משפחות אין לויצק. דאָס זענען געווען ענינים, פאַרבונדענע מיט געלט־עסקים און טראַנספער פון דאָלאַרן אויף מאַרקן — אין הסכם מיטן עקזיסטירנדיקן פינאַנסיעלן געזעץ אין פוילן. פיל געלטער, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר די לויצקער קרובים כדי צו דעקן די רייזע־הוצאות אויף צו עמיגרירן קיין אַמעריקע — זענען געבליבן אין באַזיץ פון „דזשאָינט״. די רעשט געלטער זענען אין דער פוילישער וואַלוטע איבערגעוויזן געוואָרן די געבליבענע קרובים אין לויצק. צוזאַמען האָט דאָס אויסגעמאַכט אַ קיילעכדיקע סומע פון אַרום הונדערט טויזנט דאָלאַר. אַרום פערציק טויזנט דאָלאַר זענען אויסגעביטן געוואָרן אויף דער פויל׳ישער וואַלוטע צו 610 מאַרק פאַר אַ דאָלאַר. דאָס געלט איז איינגעפּאַקט געוואָרן אין אַ גרויסן קאַסטן, וועלכער האָט פאַרנומען דעם גאַנצן שטח פון „דזשאָינט״־אויטאָ. מיר זעלבסט איז אויסגעקומען צו זיצן אויפן קאַסטן און דאָס האָט געצויגן אויף מיר די אויפמערקזאַמקייט פון די יידן אויף די וואַרשעווער גאַסן, דורך וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען אַדורכצופאָרן אויפן וועג קיין לויצק. ספּעציעל האָבן דאָס דאָזיקע בילד באַוווּנדערט די נאַלעווקער יידן, ווי אַן אַמעריקאַנער ייד זיצט אויפן אויטאָ און זיין קאָפּ מגיע השמימה. אין דער לעצטער מינוט האָב איך פאַרשטאַנען די קאָמישקייט פון דער געשאַפענער סיטואַציע, אַראָפּגעקראָכן פון אויטאָ און מיט דער באַן אַוועקגעפאָרן קיין לויצק. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כ׳מעג גומל־בענטשן, ווייל הינטער קאָוועל איז דער אויטאָ באַשאָסן געוואָרן דורך באַנדיטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז אינעם קאַסטן דאַרף זיכער זיין אַ גרויסע סומע מיט געלט. וואָלט איך געווען מיטגעפאָרן מיטן אויטאָ — וואָלט מיין קאָפּ זיכער געווען אַ גוט ציל־ברעט פאַר די באַנדיטישע קוילן.

קיין לויצק בין איך אָנגעקומען אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט. די נאַכט איז געווען אַ וימש חושכדיקע. אויפן וואָקזאַל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַן „איזוואָשטשיק״ — אַ משומד, וועלכן כ׳האָב געקענט נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן. אויך ער האָט מיך דערקענט. מיר זענען אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין און אָנגעהויבן זוכן ס׳הויז פון מיינע עלטערן. די פינצטערניש אָבער איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז דאָס איז אונדז אָנגעקומען נישט אַזוי לייכט. מיר האָבן זיך פיל מאָל געדרייט אויפן זעלבן פּלאַץ און בשום אופן נישט געקאָנט אָנטרעפן אויפן ריכטיקן אָרט. צום גליק האָבן מיינע עלטערן דערהערט אונדזערע שטימען און זיי זענען אַרויסגעלאָפן מיך מקבל פנים זיין. פאַרשטענדלעך, אַז גרויס איז געווען די פרייד פון אונדזער באַגעגעניש — נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון זיך נישט זען.

אין לויצק האָב איך דאָן פאַרבראַכט לאַנגע חדשים, אין וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך אָנצוטרעפן אויף דער שרעקלעכער נאָכמלחמהדיקער נויט פון אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לויצק. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַן

אויסערגעוויינלעכע אויסדויער־קראַפט און פיל מענטשלעכע פאַרשטענדעניש פאַר די ליידן פון די יידן אין לויצק.

אויפן צווייטן טאָג איז אויך אָנגעקומען דער אויטאָ מיטן קאַסטן געלט. צוליב זיכערקייט־טעמים האָב איך דעם קאַסטן נישט אַריינגעטראָגן צו די עלטערן, ווייל דאָס וואָלט זיי געשטעלט אין אַ געפאַר באַפאַלן צו ווערן דורך באַנדיטן און רויבער, נאָר אים אַריבערגעפירט אין בנין פון דער קהילה, וווּ ס'איז געווען אַן אייזערנע קאַסע. ס'זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן צוויי נאַכט־שומרים, וועלכע האָבן געוואַכט איבערן געלט, צו וועלכן ס'זענען געווען געווענדעט די בליקן און האָפענונגען פון הונדערטער יידישע משפחות אין לויצק.

אין משך פון מיין דרייוואָכיקן אויפהאַלט אין וואַרשע זענען די פאַראינטערעסירטע משפחות אינפאָרמירט געוואָרן וועגן די געלט־איבערווייזונגען, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט. באַלד אין ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען קיין לויצק איז דאָס הויז פון מיינע עלטערן געוואָרן באַלאַגערט דורך הונדערטער יידן. אויך אין קהילה־הויז איז געווען אַ גרויס געדראַנג. דאָס אויסצאָלן די געלטער איז פאָרגעקומען אונטער דער שטרענגער השגחה פון די יידישע נכבדי העיר. צוליבן גרויסן געדראַנג אַרום טיש, וווּ די אויסצאָלונגען אין דער קהילה זענען פאָרגעקומען, האָט דער קהילה־שמש אָנגעהויבן אַרויסטרייבן פון לאָקאַל. כ'האָב אָבער באַלד אינטערווענירט, באַרויקט אַ ביסל דעם עולם און געבעטן זיך צו פאַרהאַלטן אַזוי, אַז די אויסצאָלונג זאָל קאָנען פאָרקומען אין אַ געהעריקער אַטמאָספער. די אויסצאָלונג האָט געדויערט אייניקע וואָכן. אָבער ליידער זענען געבליבן פיל אומצופרידענע. ווי זאָגט זיך אין אַן אַמעריקאַנער שפּריכוואָרט: „באַמי זיך אַלעמען צופרידנשטעלן — און וועסט זיכער קיינעם נישט צופרידנשטעלן.” אַזוי איז אויך געווען אין דעם פאַל.

די סיבה פון דער אומצופרידנקייט איז געלעגן אין דער נישט שטאַנדהאַפטיקייט פון דער פּוילישער וואַלוטע. אייניקע יידן האָבן דווקא געוואָלט, אַז מ'זאָל זיי אויסצאָלן אין דאָלאַרן, נישט גלייבנדיק, אַז דער „דזשאָינט” האָט, לויטן עקזיסטירנדיקן געזעץ, געמוזט די דאָלאַרן אויסטוישן אויף מאַרקן. אפילו איצט, עטלעכע צענדליק יאָר נאָך מיין דעמאָלטדיקער שליחות, וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט, בכדי נאָכאַמאָל פעסטצושטעלן, אַז מיין דעמאָלטדיקע אַרבעט האָב איך אויסגעפירט בשלימות. מיין געוויסן איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג ריין.

נאָכן פאַרענדיקן די אויסצאָלונגען איז געקומען די ריי אויפן צווייטן טייל פון מיין שליחות: דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער עמיגראַציע פון לויצקער יידן און אומגעגנט קיין אַמעריקע. מ'האָט די אַלע יידן־עמיגראַנטן געדאַרפט צונויפזאַמלען פון פאַרשידענע קליינע שטעט און שטעטלעך, מיט זייערע אַלע פאַמיליעס, פון וועלכע פיל קינדער האָבן געהאַט פאַרכעס אויף די קעפּלעך און עס האָט זיך געפאָדערט זיי אויסצוהיילן. מ'האָט זיי איבערגעשיקט קיין וואַרשע אין די שפּיטעלער. פיל מי און ענערגיע האָט צוגענומען דאָס דערליידיקן די רייזע און פּאַס־פאָרמאַליטעטן אין די פּוילישע אַמטן. נישט ווייניקער מי האָב איך אַוועקגעלייגט ביים אַמעריקאַנער קאָנסול, וועלכער האָט, שוין נאָך מיין אָפּשוויצן אין פאַרשידענע פּוילישע אַמטן, ערשט אָנגעהויבן אַ נייע חקירה ודרישה. ער האָט מיך שטאַרק חושד געווען, אַז די געלטער אויף עמיגראַציע זענען עפּעס פון אַ נישט־ריינער קוועלע און זיי זענען פאַרבונדן מיט אַ געוויסער געלט־מאַכינאַציע. מיט גרויס מי האָט זיך מיר איינגעגעבן אים איבערצוצייגן, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ געזעלשאַפטלעכער שליחות און מיט הומאַניטאַרער הילף.

נאָכן פאַרברענגען זיבן חדשים אין לויצק האָט זיך מיר איינגעגעבן אויפצוזאַמלען פערציק קינדער פון פאַרשידענעם עלטער. איך האָב געדונגען פאַר זיי אַ ספּעציעלן וואַגאָן און זיי איבערגעפירט קיין וואַרשע. זייערע עלטערן זענען געפאָרן אין באַזונדערע וואַגאָנען. דאָס דערליידיקן די וויזעס און פּאַספּאָרטן האָט פאַרנומען זייער אַ סך צייט און איז פאָרגעקומען ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון פיל משונהדיקע סיטואַציעס. די אינסטרוקציעס פון די אַמעריקאַנער קרובים זענען געווען אַזעלכע, אַז די געלטער זענען באַשטימט נאָר אויף עמיגראַציע. אין פאַל ווען עמעצער רעזיגנירט דערפון, דאַרפן די געלטער צוריקגעשיקט ווערן. עלטערע מיידלעך, וואָס זייערע קרובים האָבן זיי געוואָלט אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, האָבן דערזען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט חתונה צו האָבן. זענען טאַקע אויף דער גיך געשלאָסן געוואָרן שידוכים און חתונות, אויף וועלכע כ'בין, נישט איינמאָל, איינגעלאַדן געוואָרן. דאָס האָט מיך געשטעלט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט.

*

אַ באַזונדערס אינטערעסאַנט קאַפּיטל האָט מיט זיך דאַן פאָרגעשטעלט די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַרבעט. חוץ פּריוואַטע געלטער האָב איך אויך געהאַט ביי אַ ניין טויזנט דאָלאַר, וועלכע מ'האָט געדאַרפט פונאַנדערטיילן צווישן פאַרשידענע אינסטיטוציעס.

אין לויצק האָבן דעמאָלט עקזיסטירט פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. עס זענען געווען ציוניסטישע, העברעיסטישע און יידישיסטישע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע ספּעציפישע נויטן און פּראָבלעמען. ס'האָט זיך באמת געפאָדערט פיל טאַקט, בכדי אויסצוגעפינען די ריכטיקע מאָס אין דער געהעריקער פונאַנדערטיילונג פון די ניין טויזנט דאָלאַר, וואָס זענען געשטאַנען צו מיין דיספּאָזיציע. צו דעם צוועק האָב איך אָפּגעהאַלטן פיל קאָנפערענצן און באַראַטונגען מיט די פאָרשטייער פון די פאַראינטערעסירטע אינסטיטוציעס, בכדי צו קאָנען זיך פונאַנדערקלויבן אינעם לאַבירינט פון זייערע אויפגאַבן און דער צוועקמעסיקייט פון זייערע פאָדערונגען. יעדע פון די פאַראַנענע אין לויצק אינסטיטוציעס האָט פּרעטענדירט אויף העגעמאָניע און זכות קדימה. די געלטער זענען אָבער געווען געשיקט אין דער ערשטער ריי דורך אומפּאַרטייאישע און אין דער ריכטונג האָט געדאַרפט פאָרקומען די פונאַנדערטיילונג. אַלע האָבן געמוזט צופרידנגעשטעלט ווערן.

גראָד איז דאַן געווען ערב פסח. די גרויסע נויט, צוליב דער מלחמה, האָט געדראָט, אַז הונדערטער יידישע משפחות זאָלן אויף פסח בלייבן אָן מצות און אַנדערע באַדערפענישן אויף פסח. האָט מען פון מיר געפאָדערט, אַז כ'זאָל אויסטיילן אַ געוויסע סומע פאַר דעם צוועק. צו יענער צייט האָט זיך געפונען אַ היפּשע צאָל פון אויפגעקומענע מלחמה־גבירים, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט דער גוטער מידה פון פאַרמלחמהדיקע גבירים, געהאַלטן זייערע טייסטערט פאַרשלאָסן אויף זיבן

שלעסער און נישט געפילט קיין שום התחייבות כלפּי זייערע יידישע מיטבירגער, וואָס געפינען זיך אין אַ נויט. האָב איך דעריבער געפאָדערט, אַז די דאָזיקע גבירים זאָלן זיך פריער באַשטייערן אויפן דאָזיקן צוועק און דאַן ערשט וועל איך אויך ביישטייערן די זעלבע סומע, וואָס זיי וועלן אויפזאַמלען. און אַזוי זענען יידן באַזאָרגט געוואָרן מיט די נויטיקסטע הצטרכותן אויף פּסח.

אַ שווידערלעכן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די יידן, וואָס זענען געקומען אין דער לויצקער יידישער קהילה נאָך מצות אויף פּסח. כ'האָב זיי אַמאָל געקענט אַלס שיינע, רייכע און בעלי־בתּישע מענטשן. צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס זענען זיי רויִנירט געוואָרן און געמוזט אויסשטרעקן די האַנט נאָך הילף. די דאָזיקע סצענעס האָבן זיך מיר טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז כ'קען אין זיי, ביזן היינטיקן טאָג, נישט פאַרגעסן.

די שטאָטישע שול אין לויצק האָט זיך געפונען אין אַ זייער טרויעריקן צושטאַנד. צוליב די קריגס־אָפּעראַציעס אין יענער געגנט איז זי שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן. דער הינטערשטער פּאַרקאַן איז איינגאַנצן געווען רויִנירט און אָפן. ער האָט טאָקע צוליב דעם געדינט פאַר זייער נישט־ריינע צוועקן... האָב איך אַסיגנירט אַ געוויסע סומע — און דער פּאַרקאַן, מיט אַנדערע נייטיקע רעמאָנטן אַרום דער שול, איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן.

די צוויי אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס האָבן ביי מיר צוגענומען ביי אַ טויזנט דאָלאַר. די איבעריקע אַכט טויזנט דאָלאַר זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די פאַרשידענע אינסטיטוציעס אין לויצק. ביים היינטיקן טאָג קאָן איך נישט גענוי זיך דערמאָנען וויפיל יעדע אינסטיטוציע האָט באַקומען. די קולטור־ליגע איז באַזאָרגט געוואָרן מיט צוויי שיינע הייזער פאַר אירע שולן. ס'איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אַ היפּשע סומע פאַר דער יידישער גימנאַזיע און פאַר די תּרבות־שולן. די בילדער פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן זענען דורך מיר איבער־געגעבן געוואָרן אין מוזיי פון בת־ים, בעת מיין באַזוך אין ישראל. פאַרן אָפּפאָרן פון לויצק האָב איך געלאָזט פאָטאָגראַפירן אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין לויצק. די דאָזיקע בילדער, וועלכע געפינען זיך אין מוזיי פון בת־ים, זענען אַן אָנדענק פונעם אַמאָליקן שפּרודלדיקן און לעבעדיקן יידישן יישוב אין לויצק, וווּ ס'איז געבליבן נישט מער ווי אַ גרויסער ברידער־קבר פון אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע, אויסגעמאָרדעטע דורך די היטלעריסטישע בעסטיעס.

1959

נ. גאַרטיבעל

דער סאַן רעמאָ־אַקט אין לויצק

יאָר 1920. די מלחמה צווישן פּוילן און די סאָוויעטן איז אין סאַמע ברען. לויצק געפינט זיך נישט ווייט פון פראָנט, אויף דער פּוילישער זייט. אין יענע טעג איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דעם היסטאָרישן אַקט אין סאַן־רעמאָ, ווו די באַלפור־דעקלאַראַציע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַלע וועלט־מלוכות. גרויס איז געווען די באַגייסטערונג, וואָס די ידיעה האָט אַרויסגערופן אין די יידישע און באַזונדערס אין די ציוניסטישע קרייזן. מען האָט זיך געקושט אין די גאַסן און זיך אָפּגעגעבן „מזל־טוב".

מיר, אַ גרופּע יונגע אַקטיווע ציוניסטן, האָבן באַשלאָסן צו דעמאָנסטרירן די פרייד, וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע מאַסן, דורך אַ גרויסער גאַסן־מאַניפעסטאַציע. צו דעם צוועק האָבן מיר געפאָדערט צונויפרופן אַ זיצונג פון דעם שטאָטישן ציוניסטישן קאָמיטעט, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן איינצו־אָרדענען אַזאַ מאַניפעסטאַציע, נאַטירלעך, אויב די מאַכט וועט דערלויבן.

ר' אברהם לענדער ע"ה, דער דעמאָלטדיקער פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז געווען צווישן די קעגנער פון דער מאַניפעסטאַציע, האָט נאָכן אָנגענומען דעם באַ־שלוס, געמאָלדן, אַז ער וואַרפט זיך אונטער דער מערהייט און האָט אויף זיך גענומען די מיסיע פון אַרויסבאַקומען די דער־לויבעניש. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן מיר אָפּגעוואַרט פאַר דער געביידע פון קאָמיסאַר־פאַרטרעטער פאַר די מזרח־געביטן (די דעמאָלטדיקע ציווילע־מאַכט) אברהם לענדער. ענדלעך האָט ער זיך באַוויזן און זיין פּנים האָט געשטראַלט פון צופרידנקייט: די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן. עס האָט זיך באַלד אָנגע־הויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. די גאַנצע ציוניסטישע מחנה, וואָס איז דאַן געווען גענוג צאָלרייך, אָבער נאָך נישט צעשפּלי־טערט אויף באַזונדערע גרופּן, איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. מיר האָבן זיך גענומען פאַר אַן אויפגאַבע, אַז די גאַנצע שטאָט, אַלע גאַסן, וויטרינעס, פענצטער און באַלקאָנען, זאָלן זיין אַנטשפּרעכנדיק דעקאָרירט און אילומינירט.

מ'האָט געפירט אַן אויפקלערונגס־אַרבעט פון הויז צו הויז און באַקאַנט די באַפעלקערונג מיט דער באַדייטונג פון דעם היסטאָרישן אַקט אין סאַן־רעמאָ. נאָכן קומען אין פאַרשטענדיקונג מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער מאַרשרוט, די אָרדנער און דער ריי־סדר פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ, פאַר יעדן צווייג פון דער אַרבעט האָט געזאָרגט אַ באַזונדערע סעקציע, די זיצונגען פון

די סעקציעס זענען כמעט נישט איבערגעריסן געוואָרן, יעדער פרט איז פון פאָרויס באַשטימט געוואָרן.

די מאַניפעסטאַציע איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 6־טן מאַי (אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז עס אויסגעפאַלן ל״ג בעומר). אין יענעם יאָר איז אין לויצק צום ערשטן מאָל געפייערט געוואָרן דער יום־טוב פון דער קאָנסטיטוציע פון 3־טן מאַי און די פוילישע מאַכט האָט אונדז איבערגעלאָזט נישט געשטערט די דעקאָראַציעס, וועלכע זי האָט צוגעגרייט צום יום־טוב פון 3־טן מאַי. דאָס האָט אונדז באַדייטנדיק פאַרלייכטערט די אַרבעט פון דעקאָרירן די גאַסן. גרויס עגמת־נפש האָט אונדז פאַרשאַפט דאָס נישט זיכערע וועטער. גראָד די לעצטע צוויי טעג פאַר דער מאַניפעסטאַציע האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו כמורען און אין דער נאַכט פון 5־טן אויף דעם 6־טן מאַי איז געפאַלן אַ דר־בנער רעגן, וועלכער האָט ערטערווייז קאַליע געמאַכט די דעקאָראַציע.

פאַרטאָג האָט דער רעגן אויפגעהערט, אָבער דער הימל איז געווען שטאַרק פאַרוואָלקנט און די זון האָט זיך באַוויזן. נישט געקוקט אויף דעם נישט־גינסטיקן וועטער, האָט די מאַניפעסטאַציע איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. ביי צוואַנציק טויזנט מענטשן האָבן זיך אין איר באַטייליקט, אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג, אונטער אַ וואַלד פון פענער און טראַנספּאַראַנטן. ווען דער שפּיץ פון דער מאַניפעסטאַציע, געפירט דורך דעם ציוניסטישן קאָמיטעט, האָט אָנגעשפּאַרט ווייט אויף ווילקע, איז דער סוף אירער געווען ביי דער באַזיליאַנער בריק. מיט דער אָרדענונג האָט גלענצנדיק אָנגעפירט ד״ר אליהו בראָנבערג ע״ה.

די שטאָט איז געווען פּרעכטיק דעקאָרירט און האָט אויסגעזען אַזוי יום־טובדיק פייערלעך, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז דאַן. רירנדיק זענען געווען די „דעקאָראַציעס" אין די נידעריקע אָרעמע פענצטערלעך פון דער שול־גאַס (בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ), וווּ מ׳האָט צוגעקלאַפּט צו די שוין אַלטע בילדער פון ד״ר הערצל, משה מאָנטעפיאָרע און אפילו דאָס בילד פון ווילנער גאון אין טלית און תפילין... יעדער האָט זיך באַטייליקט מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. שיין האָט אויסגענומען דער ריזיקער אילומינירטער מגן־דוד אויף דעם קוימען פון שניידערס בראָוואַר אויף קראַסנע, וועלכן מ׳האָט געזען אין דער גאַנצער שטאָט. אַ גאַנצע וואָך צייט, נאָך דעם יום־טוב, האָט דער „קראַסנער מגן דוד" געשיינט יעדן אָוונט איבער דעם יידישן לויצק.

מיט דער גאַסן־מאַניפעסטאַציע איז אָבער נישט אויסגעשעפּט געוואָרן דער יום־טוב. אויף די נאָכמיטאָג־שעהן איז געווען געמאָלדן אַ פאָלקס־מיטינג אין שטאָט־טעאַטער. דער עולם, וועלנדיק באַצייטנס פאַרנעמען פּלעצער, האָט צוריקקערנדיק פון די מאַניפעסטאַציע, אָנגעפילט דאָס טעאַטער. דער מיטינג האָט זיך דעריבער געמוזט אָנהויבן מיט אַ גרויסער... פּריצייטיקייט. ווער ס׳האָט דעם מיטינג נישט ביי־געווינט, האָט קיין אמתע באַגייסטערונג נישט געזען. קורץ נאָך דער דערעפענונג, ווען דער פאָרזיצער ר׳ אברהם לענדער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן „קרן גאולה" (דער אָנפאַנג פון קרן היסוד), האָט דער עולם אָנגעהויבן טראָגן צו דער בינע צירונג, ווערטפולע חפצים און געלט. דאָס איז געשען אַזוי ספּאָנטאַן און אומדערוואַרט, אַז פאַר אונדז אַלעמען איז עס געווען אַן אָנגענעמע און טיף־רירנדיקע איבעראַשונג, וואָס האָט ביי פיל אַרויסגערופן טרערן פון פרייד. דער מיטינג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער פאָלקס־שמחה. צווישן איין רעדע און דער אַנדערער האָט דער עולם זיך משמח געווען מיט געזאַנג און גאָרנישט געקלערט וועגן פונאַנדערגיין זיך.

שוין אין די שפּעטע אָוונט־שעהן זענען אויף דער בינע אַרויפגעקומען דריי אָנגעזעענע געסט פון דער פרעמד; דער אָסטרער רב ווערטהיים, פּראָפעסאָר פרידלענדער (וועלכער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן אין אוקראַינע, ווײַלנדיק דאָרט אַלס דעלעגאַט פון „דזשאָינט") און ד״ר דראַליטש. אַלע דריי ציוניסטן, זענען זיי געקומען קיין לויצק אין די אָנגעלעגנהייטן פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט. אָבער צו וועמען פון די לויצקער כלל־טוער זיי זענען נישט אַריין — האָבן זיי קיינעם נישט געטראָפן אין דער היים, ווייל אַלע זענען זיי געווען אין טעאַטער. זענען זיי אויך אַהין געקומען. ווען דאָס פּרעזידיום האָט געמאָלדן דעם עולם וועגן אָנקומען פון די געסט, איז אויסגעבראָכן אַ פרישער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן און דער עולם האָט געפאָדערט אַז די געסט זאָלן עפּעס זאָגן. די געסט האָבן לאַנג נישט געלאָזט זיך בעטן. בעת דער רעדע פון דעם הדרת־פּנימדיקן רב ווערטהיים ע״ה איז פּלוצעם אויסגעלאָשן געוואָרן די עלעקטריע. מ׳האָט באַלד געבראַכט ליכט און זיי איינגעשמאָלצן עפּעס אויף לאַנגע שטעקענס, וואָס מ׳האָט געפונען הינטער די קוליסן. דאָס פּאַטריאַרכאַלישע אויסזען פונעם רעדנער, זיין טיף־ערנסטער אַרט־רעדן און די מיסטישע באַלויכטונג האָבן פאַרוואַנדלט די פריערדיקע הייטערע שטימונג פון עולם אין אַן ערנסטער געשפּאַנטקייט. עס קאָן זיין, אַז דערפאַר טאַקע זענען איניקע שטעלן פון הרב ווערטהיימס רעדע געבליבן איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון, און איינע פון זיי וועל איך מיר דערלויבן דאָ צו ברענגען.

אויף דעם פּסוק „לכו בנים שמעו לי יראת ה׳ אלמדכם" — האָט געזאָגט הרב ווערטהיים — פרעגט מען: פאַר וואָס שטייט עפּעס „לכו... שמעו לי"? אויב מען האָט עפּעס עמעצן צו זאָגן, דאַרף מען זאָגן: „באו בנים שמעו לי" נישט „לכו". נאָר, פאַרענטפערט הרב ווערטהיים, ווען איינער טראָגט אַ שווערע לאַסט אויף די פּלייצעס און מ׳האָט יענעם עפּעס צו זאָגן, קאָן מען נישט יענעם, מיט דער משא אויף די פּלייצעס, רופן צו זיך, נאָר מ׳דאַרף יענעם נאָכגיין און בדרך הליכה זאָגן וואָס מ׳האָט צו זאָגן. און ווענדנדיק זיך צו דער ציוניסטישער יוגנט, האָט הרב ווערטהיים אויסגערופן: לכו בנים, איר קינדער, טראָגט אויף זיך אַ שווערע משא פון חלוציות, פון בנין הארץ, גייט אייך אייער וועג, נאָר גייענדיק, שמעו לי, יראת ה׳ אלמדכם...

דער מיטינג האָט זיך געענדיקט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, און האָט אָפּגעשלאָסן דעם גרויסן ציוניסטישן טאָג אין לויצק, וועלכער האָט אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער ברייטער ציוניסטישער וועלט.

לויצק, 1938

אברהם וואַקסמאַן / תל־אביב

ציוניסטן און ציוניזם אין לויצק

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין איינציקן ברודער מאָטל וואַקסמאַן און מיינע שוועסטער רבקה, כינקע און רחל מיט זייערע משפחות וואָס זענען אומגעקומען בעתן גרויסן חורבן.

מ׳גיט אַרויס אַ בוך פון לויצקער יידן, אַ „יזכור״ פאַר די קדושים. חברים, פריינד און באַקאַנטע טעלעפאָנירן און בעטן, פאָדערן: שרייב עפּעס אָן פון די אַלטע זכרונות.

אברהם וואַקסמאַן

ווייסט איין גאָט דעם אמת, ווי שווער דאָס איז צו טאָן. נישט מיט אַ לייכט האַרץ, נישט מיט קיין גרינגער האַנט, נעמט זיך די פעדער אויף צו שרייבן אַזאַ „יזכור״.

דורות־לאַנג האָבן יידן געוווּסט, אַז יום־כיפור גיט מען אַ קלאַפּ אין שול־באַלעמער: זאָגט „יז־כור״! האָט מען געזאָגט און געלאָזט אַ טרער נאָך אַ יחיד פון משפּחה, נאָך געשטאָרבענע אַלטע עלטערן א.א.וו. אָבער זאָגן יזכור איבער יידן פון אַ גאַנצער שטאָט, איבער קינדער, זין, טעכטער, שוועסטער, ברידער פון גאַנצע גאַסן־געסעלעך — קילאָמעטער־לאַנג? איז דען דאָ אַזאַ „יזכור״, וואָס זאָל, אין דער קלענסטער מאָס אַפילו, אויסדריקן דעם צער און צאָרן פאַר דעם אַלעמען?

אָבער אפשר זענען זיי, די חברים, הייסט עס, פאָרט גע־רעכט און מ׳דאַרף יאָ שרייבן? זאָל עפּעס בלייבן פאַר די אָנקומענדיקע דורות לזכר. מיר אַלע זויגן דאָך פון די אַלטע קוואַלן און האָבן דאָך, אין אַלע דורות, נאָך אַלע חורבונות, געירשנט אַ נישט־אויסגעלאָשענעם פונק, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם צוריק צעפלאַקערט און אויפסניי געשאַפן אַ ניי לעבן אין שווערן גלות, דערמוטיקט די יידן און אין די הערצער איינגעפלאַנצט דעם גלויבן, אַז „נצח ישראל לא ישקר״.

אַזוי טראַכטנדיק בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז אויך לויצקער יידן האָבן זיך פאַרדינט נישט פאַרגעסן צו ווערן, נישט אויסגעמעקט צו ווערן פאַר די קומענדיקע דורות. וועל איך, דעריבער, פּרובירן עפּעס צו פאַרשרייבן.

דערמאָנט זיך מיר אין די נאַציאָנאַלע לויצקער יידן, אָט די, וואָס האָבן במשך פון דורות געוווינט אין די איינגעקאָרטשעטע הייזלעך אויף קראַסנע, אונטער די מיט שינדל־געדעקטע דעכער פון ווילקע, דאָלינע אין נידעוו; אין די הויכע קרוינשטיין־מויערן, יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות. דערמאָנט מען זיך די גרויסע מעל־מילן: פרידמאַן־לאַקריץ, פּינטשוק, פּטיץ און די קליינע קאַשע און גרויפּן־מילן, וואָס האָבן געשפּייזט, דורך שווערער מי און אַרבעט, טויזנטער יידישע פאַמיליעס, דערמעגלעכט צו דער־ציען קינדער און איינפלאַנצן די ציוניסטישע ליבע.

אויב פאַר די לעבנגעבליבענע איז נאָך געקומען אַ שטיקל טרייסט, דורכן שאַפן די יידישע מדינה, איז וואָס פאַר אַ טרייסט קאָן מען געפינען פאַר די טויזנטער אומגעקומענע לויצקער ציוניסטישע יידן?

דאַרפן מיר פאַר זיי טאָן דעם לעצטן „חסד של אמת״ און פאַראייביקן זייער אָנדענק דורך פאַרשרייבן זייער לעבן און טעטיקייט.

ציוניסטן און ציוניזם אין לויצק

לויצק איז געווען אַ ציוניסטישע שטאָט שוין פון פריער־דיקע דורות. דאָס קאָן אונדז באַשטעטיקן דער בייגעלייגטער דאָקומענט — אַ דין־וחשבון פון יאָר 1897 וועגן אַ געלט־זאַמלונג פאַרן ארץ־ישראלדיקן ישוב, וואָס ס׳האָט איבערגע־שיקט אין צענטראַלן קאָמיטעט אין אָדעס די לויצקער אָפּטיילונג פון חובבי־ציון — „חובבי־ציון בלוצק״.

אַ ציטער גייט אַדורך, ווען מ׳לייענט די רשימה מיט די נעמען פון אונדזערע זיידעס (לענדער, טעמערלין, קרוינשטיין, פיש, שניידער, בורשטוק, לייבעל, קרוין א.א.וו.), וועמענס קינדער־אייניקלעך זענען איצט אין ישראל, פאַרנעמען פּאָסטנס אין די מדינה־אַמטן, סוכנות, אָדער זענען איינגעאָרדנטע פאַרמערס אין דגניה, נהלל און אין אַנדערע יידישע דערפער.

האָבן די זיידעס אונדזערע, פון דער רשימה, זיך פאָרגע־שטעלט אין יאָר 1897, אַז מיט זייערע קאָפּיקעס — „רו״כ״ — רובל כסף, פאַרלייגן זיי אַ פונדאַמענט פון אַ יידישער מדינה, און אַז זייערע קינדער־אייניקלעך (מיט די זעלבע פאַמיליע־נעמען) וועלן זיין אין איר מדינה־בעאַמטע, זעלנער, אָפיצירן, טאַנקיסטן און פליער?

מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין יאָר 1897, ביי די צאַרישע צייטן, איז זיין אַ ציוניסט געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, ווייל די ציוניסטישע טעטיקייט איז געווען אומלעגאַל. און דאָך האָט די בענקשאַפט נאָך ציון גובר געווען אַלע שוועריקייטן און אין לויצק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ציון־באַוועגונג פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות!

ס׳זענען אַדורך 20 יאָר. אין 1917, נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, האָט אַ ליכטיקער שטראַל פון פרייהייט אַריינגע־דרונגען אין פינצטערן יידישן לעבן. מ׳האָט געגלייבט, אַז ס׳איז געקומען אַ נייע עפּאָכע פון אמתער פרייהייט פאַר אַלע פעלקער און פאַר יידן — בתוכם.

הכנסה

שמות האנשים	סה"כ		סה"כ	
תרומות שנתיות	רו"כ	קאפ	רו"כ	קאפ
טראנספארט	20	40	132	—
נדבות ע"י אנשים שונים	2	30	22	70
ע"י ה" גאפליב שמחה על ב"ם של הנולד ל"ה אנשיל ווייסמאן			1	09
ע"פ פשר של בוררים בין ה" ישעיהו קלונער ובין ה" ב" שטערן			6	
ע"י ה" פיש יהודה ליב ו'ה טעמערלין יהושע שאבפו על חהונה ה'. ליבערמאן אליעזר			9	58
רוח מהמחזה „עבריה" ע"י ה' בלומענשטרייך נח			20	90
נדבות מקערות עיוה"כ תרנ"ה				
בעיר הישנה				
בבית הכנסת חומה עי" ה" דראלוק ב. ו"ה זילבערנליים א.	4	10		
בבית המדרש הגדול ע"י ה" לייבעל יעקב	2			
„ „ דעשירה ע"י העלליד מ.	2			
„ „ דטריסק ע"י פישל וטעמערלין	3	88		
„ [illegible]	2	85		
„ „ דספרי בקר ע"י ברוך ד"		43		
„ „ דנגרים ע"י נייבער ל.		30		
בפרור העיר				
בב"הכד הגדול ע"י ה' וויינשטיין ו'ה חיוש א.	7	14		
„ „ דטריסק „ „ טרויב ווינרעלין ש.	3	73		
„ „ דנסחיז „ „ ג. ה. גאלדשטיין	1	35		
„ „ דקארלין „ „ דיקשטיין מ.	1			
„ „ דדאלינע „ „ מלמד א.	1			
בבנין ה" ליפא פינקשוק ע"י גוטמאן א.	1	15		
בחלק העיר ווילקא				
בב"הכד הגדול ע"י ה" רויזן צבי דוב	1			
„ „ ד"ר אייזיק ע"י ה" גאליאן יחיאל	2	23		
	34	16		

הכנסה

שמות האנשים	סה"כ		סה"כ	
תרומות שנתיות	רו"כ	קאפ	רו"כ	קאפ
טראנספארט	34	16	192	27
בחלק העיר קראסנא				
בב"הכד חדש ע"י ה' וויינשטיין ל.	3			
„ „ ישן „ „ פרישבערג ש. ג.	1	13	38	29
בס"הכ			230	56
וא"נ ההוצאה				
גביה נדבות זמניות והכסף מהקערות			2	30
נשאר לטובת יא"י			228	26
הכסף נשלח להועד באדעססא:				
ע"י המורשה ה" בלומענקראנץ כפי הקבלה מהועד במכתב 81 № מן 18 יאנואר 1898 הנמצא ת"י	498	26		
תרומות ה"נ קראנשטיין נשלחו מהם נושר להועד	30			
סה"כ נשלח להועד	228	26		

הכנסה

שמות האנשים / תרומות שנתיות	סה"כ רו"כ	סה"כ קאפ	סה"כ רו"כ	סה"כ קאפ
חברים אמתים.				
ה" קראנשטיין יוסף ורעיתו מ" חי' רחל				
ובנם הר"ר אברהם	30			
ה" קראנשטיין מאיר	12			
חברים שקדנים				
ה" אביפאוו שלמה	3			
„ אסיפאוו שאול	3			
„ בלומענקראנץ אלתר	3			
„ גליקליך אברהם	3			
„ גוטמאן אפרים	3			
„ גרינבערג דוב	3			
„ גרופערמאן יהודה ליב	3			
„ גאטליב שמחה	3			
מרת גרופערמאן טויבע	3			
ה" דינער שמחה	3			
„ ווייסמאן אנשיל	3			
„ ווארקאוועצקי נחום	3			
„ חיוש אברהם	3			
„ טשיטשאטקא אשר	3			
„ מעטערלין יהושע	3			
„ לענדקר אברהם הבערעמלער	3			
„ לערנער זלמן	3			
„ לייבעל יעקב	3			
„ ליבערמאן אליעזר	3			
„ מילשטיין יעקב	3			
„ פטיין אליעזר	3			
„ פיש יהודה ליב	3			
„ פינטשוק נחמן	3			
„ צווימאן גרשן	3			
„ ראפאלאווסקי משה	3			
	117			

הכנסה

שמות האנשים / תרומות שנתיות	סה"כ רו"כ	סה"כ קאפ	סה"כ רו"כ	סה"כ קאפ
טראנספּארט	117			
ה" ראבינאווין שמואל	3			
„ ראזענצווייג צבי הירש	3			
„ שווארצמאן משה	3			
„ שווארצמאן דוד	3			
„ שטיינבערג יצחק ליב	3		132	—
נדבות זמניות				
ה" בלומענקראנץ אלתר		50		
„ בארשטאק מ.		50		
„ בקרלינער שמואל תמורה טעלעג. להתונה		50		
„ ברייער מ. ש.		50		
„ באלטניק מ. וברשטיק		40		
„ באראך ש. תמורת טעלעג. לחתונה		30		
„ בערעזא ליפא	1			
„ גוטמאן אפרים תמורת טעלעג. לחתונה	1			
מרת גרופערמאן טויבע		50		
ה" ווארקאוועצקי יעקב תמורת טעלעגר לחתונה	1			
„ חיוש אברהם לזכר היום שנולדה לו בתו				
„ חאראש אליהו תמורה טעלעג. לחתונה	1			
מרת האראש צלי'		50		
ה" מעטערלין יהושע תמורה טעלעג. לחתונה	2	50		
„ לייבעל יעקב „ „ „	1			
„ לעווין שלום „ „ „		50		
„ פינטשוק ליפא „ „ „	1	50		
„ פריכקר חיים „ „ „	3			
„ קרוין אברהם משה „ „ „		50		
„ קלונער ישעיהו		50		
„ קלונער „		50		
מרת ראפאלאווסקי רבה	1			
ה" שניידער צבי הירש	1			
	20	40	132	—

די ערשטע לעגאַלע פאַרזאַמלונג

דערמאָן איך זיך אין דער ערשטער לעגאַלער זיצונג פון ציוניסטישן קאָמיטעט אין לויצק אין יאָר 1917, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער געדונגענער דירה ביי יוכבד לייבעל ז״ל. איך בין דאָרט געווען אַ נישט־פאַרבעטענער גאַסט. אויף דער דאָזיקער זיצונג זענען אַנוועזנדיק געווען אַלטע ציוניסטישע טוער: ר׳ יהושע טעמערלין, ר׳ משה שיינער, ר׳ אברהם לענ־דער, ר׳ יעקל סימאָן, דיאַמאַנד, שמחה מילכיגער, אביגדור הערלינגרעכט, מאָטל וואַקסמאַן א.אַ. זיי זענען געזעסן אַרום אַ לאַנגן נישט־געהובעלטן טיש (אַ מין „שלוש־סעודות״־שול־טיש). אין צימער האָט זיך געברענט אַ נאַפט־לאָמפּ (אין לויצק איז נאָך דאַן קיין עלעקטריע־באַליכטונג נישט געווען). גערעדט האָט מען וועגן פאַרטיילן „שקלים״. פאַר גאַנץ לויצק האָט מען דאַן אָנגעצייכנט אַ צאָל פון 300 שקלים. דאָס איז נישט געווען קיין גרויסער פאַרנעם און ס׳האָט געדאַרפט אַדורכגעפירט ווערן מיט דער הילף פון אַ געדונגענעם מענטשן, ווייל יעדער איינער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דאגות פרנסה.

איך בין געשטאַנען אין אַ זייט, גלייך אַ „נאָווע־בראַניעץ״ און, ווי ס׳טרעפט ביי יונגע, זיך געהאַלטן אַ ביסל חוצפהדיק. אין גאַנג פון דער זיצונג האָב איך זיך אַריינגעמישט און געזאָגט, אַז אין לויצק קאָן מען צעטיילן טויזנטער שקלים און נישט דורך אַ געדונגענעם שליח, נאָר דורך אַריינציען חברים און יונגע כוחות, וועלכע וועלן דאָס טאָן פרייוויליק און נישט פאַר געלט.

האָבן זיי אויף מיר לכתחילה געקוקט אַ ביסל „הייזעריק״, אָבער דער ציוניסטישער יצר־טוב האָט ביי זיי גובר געווען און די עלטערע האָבן לייכט געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך מיט די ייִנגערע.

מערקווירדיק ווי 1897 מיט 1917 האָבן זיך צוזאַמענגע־רעדט! פּונקט מיט 20 יאָר שפּעטער (תרע״ח) ליגט פאַר אונדז ווידער אַן אָריגינעלער דאָקומענט־פּראָטאָקאָל פון אַן אַלגע־מיינער פאַרזאַמלונג פון דער לויצקער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, אויף וועלכער ס׳זענען אויסגעוויילט געוואָרן 2 דעלעגאַטן צו דער ערשטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין קיעוו. דער דאָזיקער פּראָטאָקאָל, געשריבן דורך יהושע בערגער ז״ל, איז אַ לעבעדיקער עדות פון דער דעמאָלטדיקער געשעעניש. ס׳האָט זיך ביי מיר פאַרהיט די אָריגינעלע קאָנפערענץ־לעגיטימאַציע (כרטיס־ציר), אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט אין קיעוו אין יאָר 1917. צווישן אַנדערעס לייענט זיך דאָרט וועגן „סדר הועידה״: רעפעראַטן פון מ. סירקין ז״ל, י. שעכטמאַן א.א.

איינער פון די 2 דעלעגאַטן פון לויצק, ברוך פּינטשוק, איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, נישט ווייט פון לויצק. נאָך דער

אַ גרופּע יעקאַטערינענבורגער חלוצים אין לויצק.
עס זיצן פון רעכטס: מ. שאַפּיר, ט. גאַרטיבעל

פעברואַר־רעוואָלוציע האָט ער זיך, נאָך אַלס סאָלדאַט אונטערן באַהאַלטענעם נאָמען זאַכאַריאַש, באַטייליקט אין דער ציוניס־טישעד טעטיקייט פון לויצק. אַלס צווייטער דעלעגאַט בין איך געפאָרן.

צוריקקומענדיק גיט מען אָפּ אַ באַריכט פון דער קאָנפערענץ און די ציוניסטישע אַרבעט ברייטערט זיך אויס. מ׳שאַפט אַ גרויסע יוגנט־ביבליאָטעק אויף וועסאָלע 2, פון וועלכער ס׳קומען שפּעטער אַרויס קאַדרען ציוניסטיש־געשטימטע יוגנט־טוער.

אין דער ביבליאָטעק האָבן אַקטיוו מעטגעאַרבעט: בעלאַ כשר, רחל כץ ז״ל, יב״ל יאָסל ווײַנער, פּנחס צוקערמאַן — היינט אין חוץ־לאָרץ, און נאָך אַנדערע. אין דער צווישנצייט לעבט מען נאָך איבער די מלחמה און מלחמהלעך. באָלשעוויקעס, פּעטליורע־הײַדאַמאַקעס, מיט זייערע געוויינהייטן צו פּאָגראָמירן; פּאָליאַקן, נאָר־וואָס אַליין באַפרייטע פונעם צאַרישן יאָך, מיט זייערע 4 שפּיציקע לעגיאָנערן־היטלען, גיבורים אויף צו שניידן יידישע בערד. נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען שאַפן זיך די ערשטע חלוצים־גרופּן. די בעסטע אינטעליגענטע יוגנט פאַרלאָזט אירע רייכע היימען און גרייט זיך צו עליה קיין ארץ־ישראל. אין דער זעלבער צייט אַנטשטייט אויך אַ ציוניסטישע ספּאָרט־פאַראיין, אַ מין „חילוץ עצמות״־אָרגאַניזאַציע.

ס׳קומען אָן קיין לויצק פּליטים־גרופּעס, חלוצים פון יעקאַטערינאָסלאַוו. ס׳שאַפן זיך הכשרה־פּונקטן פון יידישע האָלץ־הענדלערס אין טרעגערס. די עליה פון לויצק קיין ארץ־ישראל הייבט זיך אָן.

„שקדנים״ — פּלייסיקע

די ווערטער „חברים־שקדנים״ האָט איר געוויס באַמערקט אין אויבנדערמאָנטן דאָקומענט פון מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק. עס בעט זיך דורכצופירן אַ פּאַראַלעל צווישן די ביידע ציוניסטישע עטאַפּן: 1897—1917. איר זעט דײַטלעך און קלאָר, ווי אידענטיש זיי ביידע זענען — מיט אַלע זייערע מעשים; בלויז די נעמען האָבן זיך געביטן.

פּרעזידיום פון קק״ל־קאָמיטעט אין יאָר 1933

אין יאָר 1897 האָט זיך געפונען אַ מנין פּלייסיקע (שקדנים) חברים, וועלכע האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייערע געשעפטן און אַוועקגעגעבן זייער צייט אויף צו שאַפן געלט פאַר ארץ־ישראל. זיי האָבן דאָס געטאָן דורך אַלע וועגן און ביי יעדער געלעגנהייט: אויף חתונות ביי וואַרקאָוויצקי, אליעזר ליבערמאַן א.א. אויף אַ ברית ביי אַנשל וואַסערמאַן, דורך אַ טעאַטער־שפּיל „עבריה״, אָדער גאָר דורך אַ ריוח פון אַ בוררות און דורך ערב יום־כיפּור זאַמלונגען אין די שולן און בתי־מדרשים.

און אין יאָר 1917, 20 יאָר שפּעטער, עקזיסטירט ווידער דער „מנין״ פּלייסיקע חברים (איינשליסלעך חברות אויך), ציוניסטישע „משוגעים״, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך אויסגעטיילט: חייקל ווייץ, יהושע בערגער, אברהם לאַנדסבערג, א. בראָנבערג, קלינער, פּעטשעניק, מאָטל שאַפּיר, פ. פרידמאַן, נפתלי גאַר־טיבעל — כולם זכרונם לברכה און, ויבדלו לחיים ארוכים, צוויטמאַן, גרושעווסקי, גערשנזאָן, העניע קימעלמאַן, א. וואַקסמאַן, א. דענוויק, רחל גורוויץ א.א., וועלכע האָבן זייער בעסטע צייט אַוועקגעגעבן אויף זאַמלען געלט פאַר די ארץ־ישראל־פאָנדן דורך בלימל־טעג, חתונות, „קערות״ אין די שולן ערב יום־כיפּור און נאָך אַנדערע פאַרשידענע געלעגנהייטן. און אַז מ׳האָט געדאַרפט אַ הכנסה פאַרן קרן־קימת, האָט מען איינגעאָרדנט אַ ציוניסטישן מנין „ימים־נוראים״, און אַליין געווען די בעלי־תפילות פון כל־נדרי ביז נעילה; און אַז ס׳איז געווען נייטיק — איז מען געוואָרן אַרטיסטן און פאָרגעשטעלט שלום אַשס „יצא וחזר״, אָדער אַ „דאָקטער״ פון שלום־עליכם (רעזשיסירט פון קאָלאָדני), אָדער דעקלאַמירט „על השחיטה״ פון ח. נ. ביאַליק און די „מתנה״ פון זלמן שניאור.

ס׳ווערט אָרגאַניזירט אַ גרויסער יוגנט־כאָר, אָנגעפירט דורך ישעיהו טעמערלין און, אין דער שפּעטערדיקער צייט, דיריגירט דורך שמואליק, דעם טריסקער חזנס זון.

אין כאָר באַטייליקן זיך אַ סך חברות. די הויפּט־סאָליסטקעס זענען געווען: דבורה גרינשטיין ז״ל, יב״ל איטא זאַרעצקי, חנה ספּעקטאָר א.א.

דאָס ערשטע בלימל לטובת „החלוץ״

דורך אָט דער פאַרצווייגטער אַרבעט ציט מען אַריין אַלץ גרעסערע קרייזן. למשל, צום מנין „ימים־נוראים" קומען דאַוועגען אלע „יידישע גויים", דאָקטוירים, דענטיסטן — אַ שיכט מענטשן, וואָס איז לאַנגע צייטן ווייט געווען פון יידישקייט בכלל און ציוניזם בפרט.

נאָך דער מלחמה, ווען די אַלגעמיינע לאַגע סטאַביליזירט זיך, קומען צו נייע ציוניסטישע יוגנט־כוחות. פון די צענטערס קומען צופאָרן שליחים, רעפערענטן. אַפילו דער היינטיקער ראש הממשלה, מר דוד בן־גוריון, כאַפּט זיך אויך אַראָפּ קיין לויצק ערב אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, און ער מאַכט פראָפּאַגאַנדע פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. אויף וועסאָלע 2 און אין דער וווינונג פון דער וואַקסמאַן־פאַמיליע, זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, מיט זיין אַנטייל, באַראַטונגען, וועמענס ציל ס'איז געווען אויך אַריינצו־דרינגען אין דער פּאַקטישער געזעלשאַפטלעכער גלות־אַרבעט. מ'האָט דאָרט אַרומגערעדט אַזעלכע ענינים ווי מאַגיסטראַט, קהילה, סיים און סענאַט.

ציוניסטישע קרייזן, יוגנט און אַלט, ווערן אַריינגעצויגן און מאָביליזירט אין דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ס'ווערן אויסגעוויילט ראַטמענער אין דער קהילה, מאַגיסטראַט, וועלכע פאַרטיידיקן דעם ציוניסטישן צוגאַנג צו אונדזער יידיש פראָבלעם. די גרויסע געביידע פון דער „תלמוד־תורה", וואָס אויף דער 3־טער מאַי־גאַס, ווערט פאַרנומען דורכן פּאַלעסטינע־אַמט, ביבליאָטעק און אַנדערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס.

דער פאַראייניקטער קאָמיטעט פאַרן קרן קימת אין לויצק

דער קאָמיטעט פון קרן היסוד אין לויצק

ציוניסטן באַטייליקן זיך אַקטיוו אין די פּאַרלאַמענט־וואַלן. ביי די קאָנגרעס־וואַלן שלינגט מען אַראָפּ נישט איין פּאַרציע בלאָטע פון די פּאָליטישע קעגנער. וועגן דעם קאָן מען זיך איבערצייגן, ווען מ׳לייענט אַדורך דעם פּאַמפלעט קעגן די אַלגעמיינע ציוניסטן, אָנגעשריבן פון נפתלי גארטיבעל ז״ל א.ד.ט. „דאָס ערשטע וואַל־בלימל״.

ס׳פּאַרגרעסערט זיך דער איינפלוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לויצק אויף אַלע נייע יידישע באַפעלקערונגס־שיכטן. צוזאַמען דערמיט וואַקסן אויך די הכנסות לטובת די ציוניסטישע פאָנדן. די בלויע פּושקע פון קרן־קימת דרינגט אַריין אין די קעלער־וואַרשטאַטן און צווישן די האַלב־אַסימילירטע סטודענטן, דאָקטוירים, סוחרים, באַנקירן, וועלכע זענען אַמאָל געשטאַנען ווייט פון ציוניזם.

אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון נח צוקערמאַן (איידעם פון די קראַסנער שניידערס פון בראָוואַר), ד״ר פּאָלטאַראַק א.א. ווערט צום ערשטן מאָל אין לויצק געשאַפן אַ שיין־איינגעאָרדנטער ציוניסטישער קלוב — ביי ליפּע דינער ע״ה. שפּעטער דינגט מען גאָר אַ גרויסן זאַל, מיט ביוראָ־צימערן, ביי דעם האַראַכאָווער רבין. דאָרט ווערן איינגעאָרדנט פּורים־און חנוכה־פייערונגען און אויך פאַרשידענע ליטעראַרישע און הומאָריסטישע אָוונטן, ווו ס׳ווערן, אויף אַ לייכט־הומאָריסטישן אופן, קריטיקירט קהלישע און ציוניסטישע טוער.

פון יענער צייט זענען נאָך פאַרבליבן אין זכרון 2 פּאַראָדיעס אויף די דערמאָנטע טעמעס, אָנגעשריבן דורך מיר און געלייענט אויף די אָוונטן אין קלוב. כמעט יעדן שבת־צונאַכטס ווערט אָפּגעריכט אַ מאָדערנע „מלוה־מלכה״. רבי יואל כאַראַק דרשנט וועגן דער פּרשה פון דער וואָך, פאַרטייטשט מיט ציונות, און אַלע צוזאַמען זינגען מיט גרויס התלהבות ציוניסטישע און חסידישע ניגונים. אליעזר שיינער שפּילט־אויף די אמתע חזנישע פּלאַטן.

דאָס אַלץ האָט שטאַרק גערעדט צום האַרצן. די וואַרעמקייט צווישן חברים האָט דערמוטיקט די „שקדנים״ צו ווייטערדיקער ציוניסטישער אַרבעט לטובת ישראל.

ס׳וועט נישט זיין איבעריק צו דערמאָנען די איבערגעגעבנקייט פון יונג און אַלט נישט געקוקט אויף די פּאַרטייריסעריייען און אויף דער צעשפּליטערטקייט צווישן רעכטע און לינקע א.א.וו. אַלע צוזאַמען האָבן געהאָפט, געאַרבעט האַנטביי־האַנט, געחלומט און דערוואַרט די מינוט צו דערלעבן דעם אויפקום פון מדינת־ישראל.

אָבער בלויז אַ קליינע צאָל פון זיי האָט דערצו זוכה געווען. אַדאַנק דער אינטענסיווער אַרבעט פון לויצקער פּאַלעסטינע־אַמט, זענען זיי, מיט זייערע פאַמיליעס, אָפּגעפאָרן קיין ישראל. נאָך אַ קלענערע צאָל איז די לעצטע יאָרן געקומען אין לאַנד אַריין. דאָס זענען די, וועמען ס׳האָט אָפּגעגליקט זיך אַרויסצוראַטעווען פון די רוצחישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון מזרח און מערב.

פּאַלעסטינע־אַמט

לויצק איז געווען די איינציקסטע שטאָט אין פּוילן, ווו ס׳איז געלונגען אַדורכצופירן אין „וואָיעוואָדזטווע״ די לעגאַליזאַציע פון אַ סטאַטוט פאַר אַ פּאַלעסטינע־אַמט, פאַרן גאַנצן וואָלינער



STAROSTWO ŁUCKIE
L.19950

Łuck, dnia 22 lipca 1925 r.

Do

Pana Józefa FJDELSZTEJNA, Icka Mojzesza SZKIARA, Nuchima CIJERA, Szlomy POLEWSKIEGO Josia Herszа Perluka, Chaima Kaca i Arona AWWERLICHA kierowników Filji "Palestyńskiego Towarzystwa Emigracyjnego.

w Kołkach

Niniejszem zaświadczam że powstanie w m. Kołki Filji "Palestyńskiego Towarzystwa Emigracyjnego" przyjęto do wiadomości oraz że filja ta została wciągnięta pod Nr.33 do wykazu oddziałów Urzędów i Stowarzyszeń, działających na terenie powiatu Łuckiego.–

STAROSTA
w z. [signature]

לעגאַליזאַציע־דאָקומענט פונעם פּאַלעסטינע־אַמט אין קאָלקי

קאַנט, אונטערן נאָמען: „געזעלשאַפט פאַר ארץ־ישראל עמיגראַציע״. דאָס איז געלונגען אַדאַנק דער אינטענסיווער טעטיקייט פון עטלעכע אָנפירנדיקע חברים און אויך אַדאַנק דער גוטער פאַרבינדונג פון די חברים ח. ווייץ און א. בראָנבערג מיט די רעגירונגס־אַנשטאַלטן.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער צענטראַלער פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע, איז נישט געווען לעגאַליזירט, נאָר טאָלערירט דורכן פּוילישן עמיגראַציע־אַמט ביים פּוילישן אינערן־מיניסטעריום, וועלכעס האָט מיט אַ באַהאַלטענער צופרידנקייט צוגעזען, ווי מ׳פאַרווירקלעכט דעם „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני״!

האָט זיך געטראָפן איינמאָל, בעת׳ן אָנהייב פון דער עליה, און ס׳איז פּלוצעם אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז 50 קילאָמעטער פון דער גרענעץ מוזן אַלע עמיגראַציע־ביוראָס שליסן זייער טעטיקייט. האָט זיך דער צענטראַלער פּאַלעסטינע־אַמט פון וואַרשע באַנוצט מיט אונדזער לעגאַליזירטן סטאַטוט און מיר האָבן געעפנט אָפּטיילונגען אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין: ראָוונע, קאָוועל, דובנע, לודמיר, קרעמעניץ, האָראָכאָוו א.א.וו. דאָס זענען אַלץ ערטער דווקא האַרט ביי דער פּויליש־רוסישער גרענעץ. דאָס איז געווען אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פון רוסלאַנד האָבן אָנגעהויבן אַריבערצוקומען, דורך זדאָלבונאָוו־שעפּעטאָווקע, גרעסערע גרופּעס יידישע פּליטים און יונגע חלוצים. אונדזער פּאַלעסטינע־אַמט האָט זיך פאַרנומען מיט זייער עליה.

אויף דעם געביט איז לויצק באמת געווען אַן אויסנאַם. בלויז אַדאַנק אונדזער שווערער מי, אייזערנעם ווילן און לאָגישע מאָטיוון איז אונדז געלונגען דורכצוברעכן די „געפּאַנצערטע ווענט״ פון די „פּאַרטיי־קלייזלעך״. און ס׳איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך, אַז גראָד די פּאַלעסטינע־אַמטן, וועלכע האָבן געוועלטיקט און געהערשט איבער דער פאַרטיילונג פון עליה־סערטיפיקאַטן פאַר ציוניסטן און סתם יידן — דווקא די דאָזיקע אַמטן זענען קיינמאָל נישט געווילט געוואָרן דורך קיין אָרטיקע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, קאָמיטעטן א.א.וו., נאָר געווען נאָמינירט דורך

די פּאַרטיי־קליזלעך, לויטן פּאַרטיי־שליסל פון ציוניסטישן קאָנגרעס. צוליב דעם איז פאַרשטענדלעך, אַז אַלץ איז געלעגן אין די הענט פון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט ווינציק וואָס געזאָרגט פאַר דער אַלטער ציוניסטישער גוואַרדיע, אָדער

הועידה הראשונה
של המשרדים הא״י בואהלין

ציון

תעודת ציר

מר .... מעיר ....

החתימה

לוצק, חוה״מ סוכות תרפ״ה

סתם יידן און אין זיי פאַרגעסן בעת דער סערטיפיקאַטן־פאַר־טיילונג. נישט איינמאָל האָט דאָס אַרויסגערופן גרויס פאַרדרוס ביי די בעסטע ציוניסטישע חברים און פריינד.

אָבער אַדאַנק דער עקשנות און שטאַרקן ווילן פון אַ האַלבן מנין חברים, איז דאָס אַיז געבראַכן געוואָרן און אין לויצק איז גערופן געוואָרן די איינציקע, אין פוילן, ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די פּאַלעסטינע־אַמטן פון גאַנץ וואָלין. דער אויסגעוויילטער ראַיאָן־קאָמיטעט האָט דערנאָך געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף דער עליה־באַוועגונג פון וואָלין.

כדאי צו וואַרפן אַ בליק אויפן סדר־היום פון אָט דער ראַיאָן־קאָנפערענץ (לויט דער בייגעלייגטער „תעודת־ציר" של הועידה הראשונה של המשרדים הא״י בווהלין), פון וועלכן מ׳קאָן זיך איבערצייגן, אַז דאָ האָבן מיר שוין נישט צו טאָן מיטן אָנגענומענעם „שולחן־ערוך" פון באַקאַנטן פּאַרטיי־שליסל און פוסטע דאָגמעס, נאָר אַלץ איז צוגעפּאַסט צו די לעבעדיקע אינטערעסן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

צו דער קאָנפערענץ איז געקומען פון וואַרשע דער אָנפירער פון צענטראַלן פּאַלעסטינע־אַמט, ד״ר פּ. קאָרנגרין, איצט קרייז־ריכטער אין ישראל, און אויך דער גענעראַל־סעקרעטאַר חיים באַרלאַס, איינער פון די בעסטע און טיכטיקסטע טוער אויפן געביט פון עליה אין פוילן. זיי האָבן אָנערקענט אונדזער שטאַנדפּונקט, אַז די עליה־פּראָבלעמען זענען אַ סך וויכטיקער ווי די טרוקענע פּאַרטיי־פּראָגראַמען.

די פאַרביסענע פּאַרטיי־פאַרזאָרגערס האָט דאָס אפשר אַ ביסל פאַרדראָסן, אָבער דערפאַר האָט די עליה פון אונדזער געגנט זייער פיל געוואונען. סטאַטיסטיקער קאָנען מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז די צאָל עולים אויף 1 סערטיפיקאַט איז געווען אין לויצק צוויי מאָל גרעסער, ווי ערגעץ אַנדערש. אונדז איז אַ סך מאָל געלונגען איבערצוצייגן, אַז אַ האָראָפּאַשנער בעל־מלאכה (אַ סטאָליער־מולער־פאַמיליע מיט 7—8 קינדער) איז פאַרן לאַנד נישט ווינציקער וויכטיק, ווי דער ניי־געבוירענער 6־וואָכעדיקער חלוץ, וואָס האָט באַקומען הכשרה אין קלאָסאָוו און אויף איין פוס אויסגעלערנט די פיזישע אַרבעט, צוזאַמען מיט דער גאַנצער ציוניסטישער תורה.

ווער ס׳איז געווען גערעכט — זעט מען איצט. וויפיל נחת האָט מען, ווען מ׳באַגעגנט איצט אין ישראל אָט די „קליינע קינדער", וועלכע זענען, מיט טאַטע־מאַמע, געפאָרן אויף 1 סערטיפיקאַט — ווי זיי שפּאַצירן שוין מיט גאַנץ־גרויסע פאַמיליעס, בלי עין־הרע!

נישט ווילנדיק גיט מען אַ טראַכט: ווען מען האָט אַמאָל געקאָנט איינפאַלן, אַז אַ סערטיפיקאַט איז אַ מין אַרויסגעצויגן „הישענה־רבה"־קוויטל פון רבונו־של־עולם אויף אריכת ימים?

עולים־אידעאַליסטן

שוין אין יאָר 1920 האָבן זיך אָרגאַניזירט די ערשטע קבוצות פאַר עליה קיין ארץ־ישראל. די בעסטע יוגנטלעכע אידעאַליסטן מיט לייב און לעבן, מיידלעך מיט מאַטורע־אַטעסטאַטן פון קאָלינקעס גימנאַזיע (וואָס פלעגט דווקא אַדורכפירן די עקזאַמענס נאָר אין יום־כיפור) האָבן זיך צוזאַמענגערופירט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. מיט די יום־כיפורדיקע אַטעסטאַטן אין האַנט, אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס און אַ צייגעניש (זאַשוויאַד־טשענע בלע״ז) פון דער יידישער קהילה, אונטערגעשריבן דורך אברהם לענדער און זיין סעקרעטאַר הערשל קרוינשטיין ז״ל, זענען זיי, למחרת יום־כיפור, צופוס אַוועק פון לויצק קיין לעמבערג. זיי האָבן פיל מאָנאַטן געוואַנדערט, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. ערשט דאָ האָבן זיי זיך נישט געשעמט און גאָר אַוועק אויף די שטעגן־וועגן און געאַרבעט ביים האַקן שטיינער און בויען שאָסייען אין ישראל. זיי האָבן עס מיט זייער שוויס און אויסדויער אויפגעבויט די כבישים, אויף וועלכע ס׳גליטשן זיך איצט די שיינע „קאַדיללאַקס" מיט די קליינע מענטשעלעך און אַנדערע גרעסער־געוואָרענע מענטשן, וואָס האָבן שוין בכלל פאַרגעסן אין די עולים־אידעאַליסטן, די בויער און גרינדער פון דער „מדינה אונטערוועגס"...

דערמאָנט זיך מיר, אַז נישט איינמאָל פלעג איך אויסמיידן דורכצוגיין אין לויצק אויף יאַגעלאָנסקע־גאַס פאַרביי די געשעפטן פון לאַנגער, גלייזער, גערטנער א.א., וואָס האָבן אויף מיר „הייזעריק" געקוקט און שטילערהייט געמורמלט: אוודאי, ער גייט זיך דאָ אַרום שפּאַצירן, אָבער אונדזערע קינדער האָט ער, נעבעך, אַוועקגעשיקט אויף „קאַטאָרזשנער" אַרבעט — צו האַקן שטיינער אויף די שאָסייען!

אָט די עולים־אידעאַליסטן פון די ערשטע קבוצות טרעפט איר היינט, נאָך צענדליקער יאָרן, פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד: אַ טייל אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קיבוצים דגניה, גניסר, יפעת און אין מושבים כפר־ויתקין, נהלל א.א. אַלע זענען זיי אויסגעהאָרעוועטע לאַנדווירטן, האָבן שוין עלטערע חתונה־געהאַטע קינדער מיט אייניקלעך. אַ טייל פון זיי פאַרנעמען אָנפירנדיקע אַמטן אין דער יידישע מדינה, אין פינאַנס־מיניסטעריום, אין לופט־פּאָרט אין לוד, אין די גרויסע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין עקספּאָרט־געזעלשאַפטן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, אין דער סוכנות און אין אַנ־



דעלעגאַטן־קאַרטע מיטן טאָג־אָרדענונג צו דער אַכטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין קיעווער קרייז

דערע וויכטיקע פּלעצער. מיט איין וואָרט: דער אידעאַליזם פון די לויצקער עולים האָט נישט אַנטוישט!

דריי עליה־עפּיזאָדן

ביים דערליידיקן געוויינלעכע עליה־אַנגעלעגנהייטן, פלעגט מען זיך אָנטרעפן אויף שווערע פּראָבלעמען, וואָס פון זיי איז אָפטמאָל געווען אָפּהענגיק דער גורל פון אַ גאַנצער פאַמיליע.

הגם מ׳האָט דאָס אָנגערופן „עליה" — איז דאָך שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן דאָס בילד פונעם אייביק פאַרוואָגלטן ייד מיטן וואַנדער־שטאָק אין דער האַנט — פון לאַנד צו לאַנד. איך פלעג שטענדיק טענהן צו מיינע חברים, ביי אונדז אין וואַרשע, אַז דערליידיקן אַזעלכע לעבנס־פראַגן קאָן בלויז דער, וואָס האָט אַ וואַרעם האַרץ פאַר די נויטן פונעם עולה.

פון די הונדערטער פאַלן אין מיין עליה־טעטיקייט זענען ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון דריי אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן מיט לויצקער עולים.

אָט איז איין עפּיזאָד:

פאָרט אַ ייד, מיטן נאָמען אייזענבערג, קיין ארץ־ישראל. ער א׳ז אַ חסידישער ייד און פאָרט מיט דער גאַנצער פאַמיליע. קוים מיט צרות האָבן מיר פאַר אים באַקומען אַ וויזע אַלס אַ „בעל־מלאכה מיט אַ קאַפּיטאַל פון 250 פונט שטערלינג". אין יענע צייטן איז געווען אַ קליינע צאָל אַזעלכע סערטיפיקאַטן.

נישט אַזוי לייכט איז דאָס אָנגעקומען. זיין פאַך איז געווען אַ קאָלדרע־מאַכער (וואַטענע און פוכענע קאָלדרעס). דער ענגלישער קאָנסול, מיט זיין גויישן קאָפּ, האָט געפרעגט אַ יידישע קשיה: צו וואָס דאַרף מען אין די ישראל־כאַמסינען וואַטענע קאָלדרעס? אָבער דאָך איז דער ייד איבערגעקומען דעם וויזע־גיהנום. אַלץ איז פאַרטיק: ער האָט שוין פאַרקויפט די קלייט, די סחורה, איינגעפּאַקט די פּעקלעך. אָבער פלוצעם ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט צווישן זיין געזינדל צוויי טעכטער עלטער פון 18 יאָר און זיי קאָנען נישט פאָרן אויפן פאָטערס סערטיפיקאַט. ס׳איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן די טראַגעדיע פון אַ רעליגיעזן פאָטער, וואָס שטייט פאַר אַ לאַגע איבערצולאָזן אין גלות צוויי יונגע מיידלעך.

בקיצור, מ׳האָט זיך נישט געפוילט, אַוועקגעוואָרפן אייגענע געשעפטן, געפאָרן קיין וואַרשע צו די „יידישע גזלנים", דאָרט אויסגעזוכט אַ פּאַראַגראַף מיטן נאָמען „השלמת המשפחה", גערעדט, געפּאַדערט, אַפּעלירט צום „פּינטעלע ייד", איבער־

צייגט — און באַקומען נאָך 2 סערטיפיקאַטן פאַר די 2 טעכטער זיינע, און „היידא דאָ פאַלעסטיני״.

ווען איך האָב אים געבראַכט די גוטע בשורה פון וואַרשע, האָט דער ייד זיך צעשטראַלט און מיך געפרעגט מיט וואָס ער קאָן מיר אָפּדינען פאַר אַזאַ מצווה פון פיקוח נפש? האָב איך אים געענטפערט: מיט אַ תפילה צום רבונו־של־עולם, אַז מיר זאָלן זוכה זיין זיך צו טרעפן אין ארץ־ישראל. דער ווּנטש איז מקוּיים געוואָרן, און מעגלעך דערפאַר, ווייל די תפילה פונעם דאָזיקן יידן האָט פונקט געטראָפן, ווען די הימלען האָבן זיך געשפּאָלטן פאַרן כסא הכבוד...

וואָס שייך זיין פרנסה אין ישראל, איז אין דער צווישנצייט די וועלט „קעלטער״ געוואָרן, די מענטשן־הערצער — אַ ביסעלע „געפרוירן״, און דאָס קאָלדרע־נייער־פאַך איז געוואָרן אַ „זואַ־רעמע״ פרנסה אויך אין ישראל און — ווי זאָגן די אַמעריקאַנער „אָלרייטניקעס״ — מען מאַכט אַ לעבן...

זיכער איז אייך באַקאַנט ס׳באַוווסטע לידל: איז געקומען אַ חזנדל אויף שבת... רופט זיך אָפּ דאָס קאָוואַלטשיקל... און דאָס איז דער עליה־עפּיזאָד נומער 2.

איז געקומען אַ קאָוואַלטשיקל און וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל. באַקומען האָט ער אַ סערטיפיקאַט פון „החלוץ המזרחי״, פאַר זיך מיט דער פאַמיליע. דער נאָמען זיינער: ראובן קליינער פון קראַסנע. קומט ער אַריין צו מיר און גיסט אויס זיין ביטער האַרץ: אַלץ שוין אויספאַרקויפט, אפילו די אַלטע בעבעכעס, קוים צוזאַמענגעקלאַפּט די עטלעכע גראָשן און אַוועקגעשיקט אין „החלוץ המזרחי״ קיין וואַרשע אויף די רייזע־הוצאות און אויך אַ מין „קאַראָבקע־אַבצאָל״ פאַרן געקויפטן ביי דער אָרגאַניזאַציע סערטיפיקאַט. „ועוד לא די להם״. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט לעצטנס באַקומען אַ נייעם געזאַלצענעם חשבון און אָנשטאָט די 700—800 זלאָטעס, וואָס ס׳קאָסטן נאָרמאַל די הוצאות, פאָדערן די „פאַרטיי־הענדלער״ פון אים מער ווי דאָפּלט. אינטערעסאַנט איז, אַז דער חשבון מיט דער „לעצטער

אַ גרופּע לויצקער חלוצים אויפן קבר פון ט. הערצל

למזכרת נצח להסתדרות הציוני המזרחי בלוצק.
מקבוצה „ב״.
על הקבר הזה נשבענו להיות בנים נאמנים לעמנו, לארצנו ולשפתנו, ולהגשים את רעיון מנהיגנו הגדול שהקריב את חייו בעד הרעיון הגדול הזה.

חברי קבוצה „ב״
1) משה [illegible]
2) [illegible]
3) משה [illegible]
4) י. [illegible]
5) [illegible]
6) גרשון [illegible]
7) מ. [illegible]
8) נחמן פינק
9) פ. [illegible]
10) חנוך [illegible]

אַ גרוס פון וועג

התראה" איז נישט געשיקט געוואָרן דירעקט צו ראובן קליינער נאָר אין סעקרעטאַריאַט פון לויצקער סניף פון הפועל־המזרחי מיט דער צושריפט: „מכתבנו זה צריך להשאר במזכירות הסניף ולמעונין — למסור רק את תוכנו" (דער בריוו דאַרף בלייבן אין סעקרעטאַריאַט און דעם אינטערעסאַנט דאַרף מען בלויז איבערגעבן זיין אינהאַלט").

ווי ס'ווייזט אויס האָבן די פּאַרטייען נאָך דעמאָלט מורא געהאַט פאַר דער עפנטלעכער מיינונג. כ'האָב דעם ייד אויסגעהערט און געענטפערט, אַז כ'מוז האָבן דעם אָריגינאַל פון בריוו. ענטפערט ער מיר, אַז ער געפינט זיך אין „הייליקן מזכירות" און ער איז ביי זיי ווי אַ חנוכה־ליכטל: נאָר צו זען און נישט צום נוצן... דאָך האָב איך אים איבערציינט, אַז ער זאָל אַרויסבאַקומען דעם דאָזיקן בריוו כאָטש אויף עטלעכע מינוט.

ער האָט אים מיר געבראַכט און איך האָב אַראָפּגעכאַפּט אַ קאָפּיע. פּלוצעם הייבט אָן ראובן קליינער צו ציטערן ווי אַ פיש אין וואַסער: ער שרעקט זיך, אַז ס'זאָל, חלילה, פאַר אים נישט אַרויסקומען אַן אומגליק. איך טרייסט אים, אָבער ס'העלפט נישט. אין אַ שעה אַרום קומט ער צו מיר, דאָס מאָל — מיט דער פרוי, אוןביידע בעטן זיך און וויינען און האַלטן אין איין רעדן, אַז זיי זענען פאַרפאַלן פון ביידע וועלטן. קיין סערטיפיקאַט וועט ער שוין נישט האָבן און דאָ האָבן זיי שוין אַלץ אויספאַרקויפט ואין מושיע... זיי בעטן, אַז כ'זאָל זיי אָפּגעבן די קאָפּיע פונעם בריוו.

כ'האָב זיי, ווי ווייט מעגלעך, באַרויקט, צוגעבנדיק: די קאָפּיע פונעם בריוו וועל איך זיי נישט צוריקגעבן, אָבער כ'פאַרזיכער זיי, אַז מיין נאָמען וועט נישט הייסן וואַקסמאַן אויב זיי וועלן נישט פאָרן קיין א"י און — אָן „קאָנטריבוציע".

ס'איז באמת געווען אַ רחמנות צוצוקוקן צו זייער עגמת־נפש. כ'בין, אָבער, געווען זיכער, אַז איך גיי אויפן ריכטיקן וועג... נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך די קאָפּיע, צוזאַמען מיט אַן „אולטימאַטום"־בריוו, אַוועקגעשיקט אין וואַרשעווער פּאַלעסטינע־אַמט, מיט אַ צושריפט: אויב ראובן קליינער מיט זיין פאַמיליע פון לויצק וועלן נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל פאַרן נאָרמאַלן רייזע־אָפּצאָל, אָן שום „קאָנטריבוציע"־צוגאַבן פאַר די פּאַרטיי־באַזאָרגערס, דאַן זאָלט איר וויסן זיין, אַז איך, דער ציוניסט וואַקסמאַן, וועל דעם ענין מיטן מיאוסן האַנדל, וואָס ציוניסטישע פּאַרטייען פירן מיט סערטיפיקאַטן, פאַרעפנטלעכן אין דער פרעסע, אָבער נישט אין ציוניסטישן „היינט", אָדער האַלב־ציוניסטישן „מאָמענט", נאָר דווקא אין דער בונדישער, אנטי־ציוניסטישער „פאָלקס־צייטונג", כדי די עפנטלעכקייט זאָל וויסן, וואָס ס'טוט זיך הינטער אונדזערע קוליסן...

דער „אולטימאַטום" האָט תיכף געווירקט און קליינער האָט טאַקע עולה געווען. איך טרעף אים, זייט לאַנגע יאָרן, אין תל־אביב, אויף חלוצים־גאַס, ביי זיין וואַרשטאַט. מיט אַ צופרידענעם שמייכל טראָגט ער מיר אַנטקעגן דעם „שלום".

דער דריטער עליה־עפּיזאָד איז שוין אַ ביסל אַ קאָמישער. אין אַ ווינטער־אָוונט רוקט זיך אַריין צו מיר אין שטוב עפּעס אַ מיסטעריעז באַשעפעניש: לאַנג, הויך, פאַרוויקלט פון קאָפּ ביז פוס מיט אַ גראָבער וואָלענער שאַל, אָדער קאָלדרע. פון אונטערן באַדעקעכץ זעט זיך אַרויס נאָר אַ פּאָר קלוגע אויגן. ער שטעקט מיר אַריין אַ געפרוירענע האַנט: „שלום־עליכם". כ'פאַרבעט אים זיצן. ס'דויערט לאַנג מיז ס'שיילט זיך אויס — פריער אַ זיידענער קאַשקעט, דערנאָך אַ שטיקל פּנים מיט אַ לאַנגער גרויסער באָרד, אַ ביסל פאַרשנייט און מיט נאָכהענגענדיקע אייז־צעפּלעך, ביז, סוף כל סוף, ס'קומט אַרויס אַ קאַפּאָטע, אין וועלכער ס'איז איינגעוויקלט אַ דאַרע פיגור פון אַן אַלטן ייד.



די גרופּע „מסדה" אין טאָג פון רובינשטיינס אָפּפאָר קיין ישראל

„איך וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל" — זאָגט ער און זעצט זיך אַנידער. פרעג איך אים: „ווי הייסט איר, ר' ייד"? „טופּעליס — זאָגט ער — הייס איך"... „וויפיל איז אַלט אַ ייד"? „בערך 78 יאָר" — ענטפערט ער. „נו, האָט איר, מסתמא, באַקומען פון ארץ־ישראל, אַ „דרישה" פון אייערע קינדער אין ישראל"? זאָגט ער: „דווקא נישט פון די קינדער, נאָר פון מיין טאַטן!" קוקנדיק אויפן יידן האָב איך אָנגעהויבן צו צווייפלען צי מיר ביידע זענען דאָ נישט עובר־בטל.

נישט לאַנג האָט געדויערט און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ייד איז טאַקע געווען גערעכט. פון דער „פאַזוכע" האָט ער, מיט גרויסע שוועריקייטן, אַרויסגעצויגן אַ „דרישה" מיט אַ רויטן שטעמפּל, כדת וכדין, געשיקט פון זיין טאַטן מאיר טופּעליס פון תל־אביב, אַ ייד שוין אַריבער דער מאה (שפּעטער געשטאָרבן אין עלטער פון אַריבער 110 יאָר).

„נו, און דאָקומענטן אויף צו מאַכן אַן אויסלענדישן פּאַס, האָט איר"? ענטפערט ער: „האָבן, האָב איך גאָרנישט, נאָר איך קאָן זיך מאַכן אַ „פּראָפּוטשענע־מעטריקע" (דאָס הייסט, געפינען 2 עדות, וואָס זאָלן שווערן, אַז זיי געדענקען ווען ער איז געבוירן געוואָרן).

אַלזאָ, דאָס „קינד" איז אַוועקגעפאָרן קיין אָסאָווע (אַ קליין שטעטעלע, נישט ווייט פון לויצק), אַן אָרט ווי יידן זענען געווען געבענטשט מיט אריכת ימים, געפונען עטלעכע יידן קרוב צו דער מאה שנים, געגאַנגען צום סטאַראָסטע, געשוווירן כמו שנאמר, און דאָס „קינד" האָט געבראַכט די מעטריקע. מיר האָבן אים געמאַכט אַן אויסלענדישן פּאַס, די וויזע געשאַפן און אים געשיקט צום טאַטן קיין ארץ־ישראל...

אָט אַזוי האָט מען אין לויצק געפירט ציוניסטישע אַרבעט, געהאָלפן יעדן עולה, אויסגעמיטן „שנאת־חינם״, נאָר פאַרקערט, געשאַפן פיל פריינד און רעספּעקט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, סיי ביי די, וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און סיי ביי די, וואָס זענען נאָך דאַן געבליבן אין גלות. מיר האָבן געהאָלפן נישט איינציקע, נאָר הונדערטער משפּחות.

מיט אַ שטיקל צייט צוריק האָב איך איבערגעגעבן אין „ארגון יוצאי לוצק״ פאַרן אַרכיוו אַן אַלבום מיט הונדערטער פאָטאָגראַפיעס פון רעגיסטרירטע לויצקער עולים אין פּאַלעסטינע־אַמט. אַ טייל פון זיי האָט זוכה געווען צו קומען קיין ישראל. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געוואָלט עולה זיין און, ליידער, נישט באַוויזן דעם ציל צו דעאַליזירן. איין גאָט ווייסט, אין וועלכע מאַטערנישן זיי זענען אומגעקומען.

✶

ביים מאַכן דעם סיכום פון צוויי און צוואַנציק־יעריקן ציוניסטישן עטאַפּ — 1917—1937 — אין לויצק, איז אַ חוב צו פאַרצייכענען די שטענדיק־וואַרעמע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע, די איבערגעגעבענע ציוניסטישע אַרבעט פון אַלע חברים, וואָס האָבן תמיד געזוכט דעם מסירות־נפש און דעם דרך הישר, כדי צו דערגרייכן דעם ציל: געאַרבעט אַן געלט און געהאַלט, איבערגעגעבן דער אידעע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

פּאַלעסטינע־אַמט
אין לויצק

7.6.1921
נומער 195

א דאנק־בריוו

די געערטע חברים פון לויצקער רעליעף
אין ניו־יאָרק!

טייערע ברידער!

דער גרויסער וועלט־קריג, וועלכער האָט רואינירט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון מזרח־אייראָפּע, האָט אויך אונדזער־אייער געבורטס־שטאָט נישט אויסגעמיטן און, ווי איך איז שוין באַקאַנט, דורך דער פּרעסע און אייערע געערטע דעלעגאַטן, איז די לאַגע פון די בעלי־מלאכה די גאַנצע צייט זייער אַ שלעכטע. איבערהויפּט איצט, צוליבן שטייגנדיקן יקרות אויף אַלע מאַטעריאַלן, איז די אַרבעטסלאָזיקייט זייער פאַרגרעסערט געוואָרן, און אַ גרויסער טייל בעלי־מלאכה זוכט אַן אָרט וווהין צו עמיגרירן, בכדי צו קאָנען פאַרדינען און דערגערן זיך מיט זייערע פאַמיליעס.

די גרויסע נאַציאָנאַלע באַוועגונג צו בויען די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אויפגעוועקט די הערצער פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן, האָט אויך מיטגעריסן אין לויצק אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. האָבן זיך אויך, צווישן די ערשטע לויצקער יידישע חלוצים, געשיקטע דורכן לויצקער פּאַלעסטינע־אַמט, (בערך ביי אַ 100 מאַן), געפונען בעלי־מלאכה (פאַכלייט), וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל. פון די בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען פון ארץ־ישראל פון אָט די פאַכלייט צו זייערע קרובים, באַקאַנטע און פריינד, זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך דאָרט גוט איינגעאָרדנט. זיי האָבן גלייכצייטיק מודיע געווען, אַז אַרבעט פאַר פאַכלייט איז דאָ אַ סך. דאָס האָט באַוויגן פיל אַרבעטסלאָזע בעלי־מלאכה אין לויצק זיך צו ווענדן אין פּאַלעסטינע־אַמט מיט דער פאָדערונג זיי מיטצוהעלפן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, ווו זיי האָפן צו פאַרבעסערן זייער קריטישע עקאָנאָמישע לאַגע און אויך מיטהעלפן בויען דעם גרויסן יידישן בנין פון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל.

דער לויצקער פּאַלעסטינע־אַמט האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות און איינפלוסן צו שאַפן די נויטיקע סומע, בכדי צו דערמעגלעכן די אויבנדערמאָנטע פּערזאָנען אין זייער רייזע, שטיצנדיק זיי מאָראַליש און מאַטעריעל.

צוליב דער אומגעהויער גרויסער צאָל מענטשן, וועלכע ווענדן זיך די לעצטע צייט אין לויצקער פּאַלעסטינע־אַמט (ביז איצט זענען שוין פאַררעגיסטרירט איבער 200 פאַמיליעס און חלוצים, פאַר וועלכע דער אַמט מאַכט די נויטיקע דאָקומענטן און רייזע־פּעסער), און צוליב דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן ס׳גאַנצע רוסיש־אוקראַינישע יידנטום, פון וועלכן אַ טייל איז אויסגעשאָכטן געוואָרן און די רעשט איז אינגאַנצן עקאָנאָמיש רואינירט געוואָרן — וואָס דאָס האָט די שארית־הפּליטה פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער עמיגראַציע־מאַסע, וועלכע אַנטלויפט מיט די לעצטע כוחות, באַקעט, הונגעריק און באָרוועס, פון עם אוקראַינישן גיהנום — איז אונדזער־אייער געבורטס־שטאָט לויצק, אַלס איינע פון די נאָענטסטע גרענעץ־שטעט אין די ניי־געשאַפענע מלוכה־גרענעצן, געוואָרן איינע פון די עטאַפּ־פּונקטן פאַר אונדזערע לויפנדיקע, אומגליקלעכע און פאַראַרעמטע ברידער פון אוקראַינע.

פאַר די אַלע, אויף וועמענס פּלייצעס ס׳האָט זיך אויסגעגאָסן די גאַנצע ביטערקייט פון די געשעענישן אין אוקראַינע און פון וועמענס טרערן ס׳האָט זיך אָנגעפילט דער טרערן־כוס פאַרן כסא־הכבוד — איז געוואָרן קלאָר, אַז אַזוי ווייטער, ווי ביז איצט, קאָן דאָס יידישע פאָלק נישט בלייבן. ס׳מוז פאַרענדיקן מיטן ביטערן עבר און שאַפן פאַר זיך און פאַרן פאָלק אַ גלענצנדיקן בליענדיקן עתיד אין היסטאָרישן לאַנד — ארץ־ישראל.

איז די לאַגע פון לויצקער פּאַלעסטינע־אַמט, צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל. נאָר אַדאַנק דעם באַזוך פון אייער דעלעגאַט ה. יוליוס פּאַפּיר און דער אויסגעטיילטער דורך אייך ברידערלעכער שטיצע אין דער גרויס פון אַ האַלבן מיליאָן מאַרק, איז די לאַגע צייטווייליק פאַרבעסערט געוואָרן.

אין נאָמען פון פיל אוקראַינער־חלוצים, וועלכע געפינען זיך שוין איצט אין לויצק, און אין נאָמען פון די לויצקער עולים, בעלי־מלאכה, פאַר וועלכע ס׳איז דערמעגלעכט געוואָרן צוצוגרייטן די נאָענטסטע אָפּרייזע קיין ארץ־ישראל, בכדי דאָרט אויפצובויען אַ היים פאַר זיך און פאַרן יידישן פאָלק — דריקט דער פּאַלעסטינע־אַמט אויס זיין טיפסטן דאַנק און האַרציקסטע ברכות, אייך ברידער מעבר לים.

די מאַטעריעלע שטיצע, אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער אַרבעט, וואָס דערוואַרט אונדז, איז זייער אַ קליינע. מאָראַליש אָבער האָט זי פיל געווירקט און אונדז צוגעגעבן מוט אין דער גרויסער פאָלקס־אַרבעט. מיר זענען פול מיט האָפענונג, אַז אויף ווייטער וועט אייער שטיצע זיין אַ פיל גרעסערע, נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָס וואָלט געווען די ריכטיקסטע פּראָדוקטיווע הילף, וועלכע איר וואָלט געקאָנט שאַפן פאַר אונדזערע אומגליקלעכע ברידער פון מזרח־אייראָפּע.

פאַרוואַלטונג: היושב ראש: ח. וויייק
מזכיר: **א. וואקסמאן**
א. צוקערמאן
א. גלייזער

אויפרוף אויפצושטעלן א פאראייניקטע ציוניסטישע ארגאניזאציע

חברים!

דאָס גרויסע גליק פאַרן יידישן פאָלק איז געקומען. ס׳האָט ענדלעך געקלונגען די גליקלעכע שעה און די לעצטע פעסטונג, וועלכע איז געווען באַלאַגערט פון אויסערלעכע שונאים און אינערלעכע אינטריגאַנטן, איז געפאַלן. ס׳האָבן זיך געעפנט די ברייטע טויערן, די פרייע פעלדער, וועלכע שטייען גרייט און בעטן: קומט און אַרבעט, קומט און שאַפט!! די גרויסע וואַקלדיקע שעת נעילה, וועלכע האָט פאַרשמאַכט אונדזער האַרץ און נשמה, האָט זיך, סוף כל סוף, געענדיקט מיטן שטענדיק־לעצטן און אָנגעשטרענגטן רוף: „לשנה הבאה בירושלים״! און אין איצטיקן ערנסטן מאָמענט, ווען אונדזערע הערצער האָבן זיך יום־כיפּורדיק אָפּגערייניקט פון דער שמוציקער פאַרגאַנגענהייט, דאַרפן מיר צוריק דערפילן, מיט אונדזער אַמאָליקער ליבער קינדערישער נאַטור, און באַגרייפן ריין און הייליק דעם גרויסן אידעאַל און די מעכטיקע געטלעכע אַרבעט, וועלכע שטייט איצט פאַר אונדז. מיר מוזן אין זיך איינבילדן, אַז ארץ־ישראל דאַרף ווערן ביי יעדן אַ פאַקט פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן און, מיט האַרציקן אמת, באַנייען דעם אַלטן תקיעת כף:

„אם אשכחך ירושלים — תשכח ימיני״.

כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן נישט בדיבורים, נאָר מיט מעשים, מוז קומען אַן אינערלעכע איבערגרופּירונג פון די אַקטיווע כוחות, וואָס זענען ריין פאַראינטערעסירט אין דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. ווייל נאָר דורך אַ נייעם שטראָם אין וועג, נאָר דורך בייטן דעם ביז איצטיקן אומנאָרמאַלן פאַרגליווערטן סיסטעם פון דער אַרבעט, נאָר דורך צעוואַרפן די אַלטע חורבות און אויף זייער אָרט אויפשטעלן נייע, געזונטע, נוצלעכע און נאָרמאַלע בנינים, נאָר דורך דעם אַלעמען וועלן מיר דערגרייכן אונדזער ציל און שאַפן אַ נאָרמאַלן גאַנג אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג בכלל און אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעט בפרט.

און אָט וואָס מיר לייגן פאָר:

ס׳מוז געשאַפן ווערן אַ געזעלשאַפט (אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי, פראַקציע, אָדער פעדעראַציע), וואָס זאָל שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון „אַרבעט פאַר ארץ־ישראל״ און אַוועקשטעלן די אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אַרבעטן, פון פריער, אויפן א״י־געביט (ווי קרן היסוד, קרן קיימת, משרד א״י, קאָלאָניאַל־באַנק, החלוץ, בנק־הפועלים, חברת הכשרת הישוב א.א.וו.) אויף אַ געהעריקער הויך און אונטער אַ מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעכער און שטרענג־פאַרפליכטענדיקער, געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל. מ׳מוז אָנהויבן בויען פונעם יסוד און שאַפן אַ געזונטע און אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן דורכן שאַפן די אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפט.

מיטן שטורמישן לאָזונג: „אַרבעטן פאַר ארץ־ישראל״ גייען מיר אין דער יידישער גאַס און וועקן די פאַרגליווערטע הערצער. יעדער איינער, וועלכער איז איינשטימיק מיטן דאָזיקן לאָזונג (אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי, פראַקציע, אָדער פעדעראַציע) קאָן ווערן אַ מיטגליד פון דער ניי־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

מיר, אונטן אונטערגעשריבענע, חברים פון דער איניציאַטיוו־גרופּע, אַלט און יונג, קומען צו אייך איצט דאָס ערשטע מאָל צוזאַמען און זאָגן: פאַרשפּעטיקט נישט דעם גינסטיקן, איינמאָל־גליקלעכן מאָמענט, וואָס די היסטאָריע האָט מזכה געווען אונדזער גאולה־דור! די ערנסטע צייט שלעפּט אונדז צו גאָר ערנסטער אַרבעט און מיר ווילן און וועלן, דאַרפן און מוזן נאָכגיין!

גערענקט: „אייניקייט מאַכט שטאַרק!״

מיט אַכטונג און ציון־גרוס:

די איניציאַטיוו־גרופּע:

אורי גליקליך, ב. קולינער, ו. דימענט, משה שיינער, ש. מילכיקער, ח. ווייץ, קהת קערצמאַן, א. בראָנבערג, ב. גרושעווסקי, מירמעלשטיין, ל. קרוינשטיין.

פּ.ס.: מיר לייגן אייך דאָ פאָר אַ דעקלאַראַציע און בעטן זי אויספילן. ס׳וועלן אייך באַזוכן 2 חברים, ביי וועלכע איר וועט נאָך קאָנען באַקומען גענויערע אינפאָרמאַציעס.

לויצק, 1921

בנימין גרושבסקי / תל־אביב

נסיון של אנשי לוצק לרכוש אדמה בא״י

בשנת תרפ״ד נתארגנה בלוצק קבוצה לקניית אדמה להתישבות בארץ. הקבוצה מנתה שלושים ושבעה חברים, נאסף סכום של אלף ומאתים לירות שטרלינג, נבחר ועד ואני נתמניתי בו כמזכיר. שניים מבין חברי הקבוצה (בנגר ואיינבינדר) נסעו לארץ־ישראל לרכוש את האדמה. הם התאחדו עם קבוצות אחרות מביאליסטוק ומגרודנו וקנו יחד את כפר „מנשיה״, ישוב בין חיפה לעכו — שטח של שלושה־עשר אלף דונאם במחיר שלוש לירות הדונאם. הם שילמו תשעת אלפים לירות על חשבון ואת היתרה היו צריכים לשלם בזמן קבלת הקושאן.

אולם נתגלגלו הדברים שקבוצות הקונים לא יכלו לעמוד בהתחייבויותיהן. באותו פרק זמן הכבידה ממשלת פולין, עם גראבסקי בראשה, את אכפה על היהודים, לחצה אותם מבחינה כלכלית וסחטה מהם מסים כבדים. מצד שני, נערמו קשיים אדמיניסטראטיביים רבים בביצוע המכירה. בעלי הקרקע לא יכלו להעביר את האדמה לקונים משום שהיתה שייכת קודם לממשלה התורכית; אחרי מלחמת העולם קיבלה הממשלה הבריטית את הקרקע לידיה ומכרה אותה בהכרזה לקונסוליה הצרפתית ומחמת כל הסיבוכים האלה אי־אפשר היה לקבל קושאן וכל הכסף ששולם כדמי־קדימה ירד לטמיון. אמנם, הענין נמסר לעורך־הדין עליאש לטיפול, אולם הוא לא הצליח להחזיר את הכסף, אף קיבל חמש מאות לירות כשכר טרחה, ומכל הענין לא יצא כלום.

כך נסתיים נסיונם של בני לוצק לקנות קרקע בארץ...

1960

ש. שלייפשטיין

די יידישע קהילה אין לויצק

לויט געוויסע היסטאָרישע קוועלן איז די יידישע קהילה אין לויצק אַנטשטאַנען אין 13־טן יאָרהונדערט. היות, אָבער, די רעכט פון די יידן זענען אין יענער תקופה געווען שטאַרק באַגרענעצט, איז נישט געווען קיין רייד וועגן אַ וועלכן ס׳איז געזעלשאַפטלעכן לעבן. די יידן זענען געווען געצוווּנגען צו וווינען אין אַ באַזונדערן דאָרף, וועלכער רופט זיך ביזן היינטיקן טאָג — „זשידיטשין״. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט און די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ געזעצלעך אָנערקענטער קערפּערשאַפט — די קהילה. כלפּי חוץ און כלפּי פּנים איז די קהילה געווען די פאָרשטייערין פונעם אָרגאַניזירטן יידישן לעבן. די גרויסע שול — וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן אין 16־יאָרהונדערט, בעתן קעניגן פון זיגמונט דעם דריטן, איז איינער פון די היסטאָרישע באַווייזן פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

נאָכדעם ווי פּוילן האָט פאַרלוירן איר אומאָפּהענגיקייט און די רוסישע צאַרן האָבן געהערשט אין לויצק, זענען די יידן געווען באַרויבט פון אַלע רעכט. הס מלהזכיר ס׳זאָל זיין עפּעס אַזוינס וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען „יידישע קהילה״. די אינטערעסן פון דער יידישע באַפעלקערונג זענען אין די דאָזיקע צייטן רעפּרעזענטירט געוואָרן דורך „שתדלנים״, וועלכע האָבן געהאַט באַציִונגען אין די „הויכע פענצטער״ און אין אַן עת צרה אַרויסגעהאָלפן. ס׳זענען געווען אויך אַזעלכע וועלכע האָבן זייער צוטריט צו די דעמאָלטדיקע מאַכטהאָבער אויסגענוצט פאַר פּערזענלעכע נוצן און געוועלטיקט איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אין זייערע הענט האָבן זיך געפונען די טאַקסעס און די אַנדערע קוועלן פון הכנסה, וועלכע זיי פלעגן האַלטן אין אַרענדע בשותפות מיט די אָרטיקע רוסישע „טשינאָווניקעס״. די אַזוי גערופענע קאָראָבקע, וועלכע איז געווען באַשטימט צו דעקן די הצטרכותן פון דער יידישער קהילה, האָט געשעפּט אירע הכנסות פון די בעלי־טאַקסע. פון די געלטער איז אויך געלונגען צו שאַפן עפּעס אַ דבר של קיימא, ווי למשל, די געביידע פון דער יידישער קהילה, אין שכנות מיטן אַלטן בית הקברות. דער דאָזיקער בנין איז פריער געווען באַשטימט פאַר אַ פאַכשול פאַר יידישע קינדער.

די געשיכטע פון קהילה־בנין

געווען איז עס אין 1912. קיין אָנערקענטע יידישע רעפּרעזענטאַנץ האָט דאַן, אמת, נישט עקזיסטירט. ס׳זענען געווען

געציילטע יידן, איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען די דאָזיקע געביידע אויפבויען. איינער פון זיי איז געווען ר׳ אברהם גליקליך. מיט עקשנות איז ער צוגעטרעטן צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּלאַן, האָבנדיק פאַר זיך אַ דאָפּלטע אויפגאַבע: צו בויען אַ פּאַכשול פאַר יידישע קינדער כדי צו פאַרבויען, פאַר די „קאַראַבקע״־געלטער, כאָטש אַ טייל פון דעם בית־עלמין.

נישט גרינג איז דאָס אָנגעקומען. ס׳איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף אין דרויסן און אויך אינוויניק. די צאַרישע מאַכט האָט מורא געהאַט פאַר יעדן שריט, וואָס האָט געקאָנט דערנענטערן דאָס לאַנד צום אייראָפּעישן מערב, און זי האָט זיך דערפאַר נישט געאיילט אַרויסצוגעבן די „ראַזרעשעניע״. אויך פון אינוויניק האָט מען זיך קעגנגעשטעלט. די אָרטאָדאָקסיע האָט נישט מסכים געווען, אַז דאָס געלט זאָל גיין אויף בויען אַ מאָדערנע וועלטלעכע שול, אין דער עיקר זענען זיי געווען קעגן דעם בויען אויפן שטח פון אַלטן בית עולם. ווען מ׳האָט בעתן גראָבן די פונדאַמענטן זיך אָנגעשטויסן אויף מענטשלעכע ביינער, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער ויצעקו, מ׳האָט גוזר תענית געווען און געריסן קברים. די טוער האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן און האָבן די אַרבעט פאַרגעזעצט — און ס׳איז אַנטשטאַנען דער באַקאַנטער קהילה־בנין, אַ שיינער מאָנומענט פון די שלעכטע צייטן.

ס׳איז אָבער אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און אַלץ איז צעשטערט געוואָרן. די שול האָט אפילו נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן די ערשטע מייסטערס. בכלל האָט זיך דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן ווי אָפּגעשטעלט.

די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן

נאָכן צעפאַלן זיך פון צאַרישן רוסלאַנד איז לויצק געוואָרן צייטווייליק אַ באַשטאַנדטייל פון דער אוקראַינישער זעלבסטשטענדיקער מדינה. אויפן סמך פון אַ געזעץ פון דעם „צענטראַלן ראַט פון דער אוקראַינישער רעגירונג״ זענען אין יוני 1918 פאָרגעקומען די ערשטע דעמאָקראַטישע, פינפאַכיקע, וואַלן צו דער יידישער קהילה אין לויצק. דאָס זענען געווען וואַלן „מיט אַלע פיטשעווקעס״. די יידישע באַפעלקערונג איז באַהערשט געוואָרן פון די דעמאָלטדיקע דעמאָקראַטישע שטימונגען און מאַסנווייז געגאַנגען צו די וואַלן. צווישן אַנדערע באַשטעטיקט דאָס דאָזיקע דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

צווישן דער גרויסער צאָל ליסטעס, וועלכע איז דאַן אַרויסגעשטעלט געוואָרן איז אויך געווען אַ ליסטע פון האַנטווערקער. אויף דער דאָזיקער ליסטע איז געפאַלן אַזוי פיל שטימען, אַז עס האָבן אויסגעפעלט קאַנדידאַטן.

די דעמאָקראַטיש געוויילטע קהילה האָט אָבער נישט באַוויזן אויפצוטאָן עפּעס וואָס. די פאַראָרדענונג פון די וואַלן איז נישט געווען קיין פולקאָמע און די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט נישט געוווּסט, וואָס זענען אירע קאָמפּעטענצן. דעריבער האָט די פאַרוואַלטונג געזען אַ נויטווענדיקייט אויסצואַרבעטן קודם כל אַ רעגולאַמין און אַ פּראָגראַם. מ׳האָט זיך אָבער אַזוי לאַנג געפּאָרעט ביים פּראָגראַם ביז... ס׳איז פאָרגעקומען אַ נייע איבערקערעניש און די רעכטן פון די קהילות זענען באַגרענעצט געוואָרן. די ערשטע קהילה־פאַרוואַלטונג האָט זיך דאָך באַוויזן צו קאָנסטיטואירן. אַלס פּרעזעס פון ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן ד״ר פעמאָוו און אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג — ר׳ אברהם לענדער. די זיצונגען זענען געפירט געוואָרן עכט דעמאָקראַטיש און אין דער יידישער שפּראַך.

יידיש איז דאַן אַריין אין דער מאָדע און ווער ס׳האָט נישט אַזוי גוט געקענט די שפּראַך האָט פּשוט פאַריידישט רוסישע אויסדרוקן. מען דערציילט טאַקע, אַז איינמאָל ווען ס׳זענען געקומען וויניק מענטשן צו אַ קהילה־זיצונג, האָט דער פאָרזיצער זיך געווענדעט צו די פאַרזאַמלטע מיט אַזאַ „יידיש״: „גאַספּאָדאַ טאַק קאַק די באָלשענסטוואָ פון די גלאַסנעס אַטסוטסטוויעט, אָביאווע איך די זאַסיעדאַניע פאַר זאַקריטע״.

בעת דער קאַדענץ פון דער זעלבער קהילה־פאַרוואַלטונג איז פאָרגעקומען אויך פאָלגנדיקער קוריאָז: איינמאָל, ווען די שטאָט איז געבליבן אָן אַ טאַטן, האָט זיך באַוויזן אַ געוויסער פּאָלקאָווניק וועלכער האָט זיך דערקלערט אַלס „קאָמענדאַנט גאָראָדאַ״. דער דאָזיקער פאַרשוין, אַ שטאַרק געלט־גייציקער נפש, האָט געמאָלדן דער האַלב־אָפיציעלער קהילה, אַז ער פאָדערט אַ גרעסערע סומע געלט און דערפאַר וועט ער באַוואָרענען אַ געוויסע צאָל יידן צו האַלטן אָרדענונג און אָפּהיטן די יידישע שטאָט.

מילא, געלט געבן מוז מען, ווען דער קאָמענדאַנט פאָדערט, אָבער די „מתנה״ האָט ביי די לויצקער יידן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע דיסקוסיע: יאָ אָדער נישט נעמען זי. דער סוף איז געווען, אַז מנצח געווען האָבן די „יאָ־זאָגער״. דער קאָמענדאַנט האָט געהאַלטן וואָרט און אַרויפגעשיקט אין קהילה 60 ביקסן, מיט וועלכע דער עולם האָט זיך באַצירט און געוואַגט אפילו אַרויסצוגיין אויפן באַלקאָן.

אין דער זעלבער צייט זענען „צופעליק״ דורכגעפאָרן עטלעכע קאָזאַקן און באַמערקנדיק די „באַוואָפנטע״ זענען זיי אַריף אין דער קהילה, און נישט פרעגנדיק וואָס און ווען, אָנגעהויבן צו שלאָגן די „באַוואָפנטע״ מיט די קאָלבעס. די ביקסן האָבן זיי צוגענומען. געשמועסט האָט מען שפּעטער, אַז דאָס האָט דער זעלבער קאָמענדאַנט אונטערגעשיקט די קאָזאַקן.

אין 1919, ווען קיין לויצק איז אַריין די פּוילישע מאַכט, האָט זי נישט אָנערקענט די געוויילטע קהילה־פאַרוואַלטונג. דאַקעגן האָבן די דעמאָלטדיקע אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַניזאַציעס יאָ אַנערקענט די דאָזיקע קערפּערשאַפט און דורך איר געטיילט הילף און אויסגעפילט אַנדערע שליחותן.

נאָכן טויט פון א. לענדער (1921) האָט זיין אָרט פאַרנומען חייקל ווייץ. אַדאַנק דעם וואָס ח. ווייץ האָט אין יענער צייט שוין גוט געקענט די פּוילישע שפּראַך, איז ער געוואָרן דער שתדלן פון דער קהילה און ער איז אַרויסגעטרעטן ווי דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון דער יידישע באַפעלקערונג לגבי דער פּוילישער מאַכט, וועלכע האָט, ווי געזאָגט, נישט אָנערקענט אָפיציעל די קהילה.

דער סטאַראָסטעס פאַראָרדנט וואַלן

ערשט אין אָנהייב 1927 קומט אָן אין דער קהילה אַ בריוו פון לויצקער סטאַראָסטע, אַז דער קהילה־קאָמיטעט ווערט אויפגעלייזט. דער פאָרשטייער פון דער פּוילישער מאַכט באַשטימט

אַ נייע צייטווייליקע פאַרוואַלטונג מיט דעם ראַבינער ר׳ משה גליקליך בראש. גלייכצייטיק פאַראָרדנט דער סטאַראָסטע, אַז אין יוני 1928 דאַרפן פאָרקומען קהילה־וואַלן. אַלס פאָרזיצער פון דער וואַל־קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן באָריס רשבא.

באָריס רשבא

אין רעזולטאַט פון די וואַלן (אויגוסט 1928) זענען אין ראַט פון דער קהילה אויסגעוויילט געוואָרן: קלמן פרישבערג — פאָרזיצער פון ראַט, יוסף זשיטין, י. באַרזאַך, משה בליאַק, פ. ברייער, מ. ליבובער, דוד לענדער, ש. סילקיס, ש. פאָלישוק, מ. קאָזיאָל, א. קלימבורד, א. י. שאַפּירא, ש. שניידער און מ. וואָקסמאַן.

דער ראַט האָט אויסגעוויילט אַ פאַרוואַלטונג פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: לאַזאַר דאַל — פאָרזיצער, אַדוואָקאַט י. באָקשט — פאָרטרעטער, יח. איינבינדער, ב. בויאַנער, משה גליקליך, ז. צוקערניק, י. דאוו, א. פלאַך, אשר שאַפּיראָ און משה שניצער.

ביידע קערפּערשאַפטן האָבן לכתחילה זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו אַרבעטן געמיינזאַם און רעפאָרמירן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אויף מאָדערנע יסודות. געהאַט האָבן זיי פאַר זיך אַ סך אויפגאַבן. מען האָט זיך אָבער אָנגעשלאָגן אויף אַן אַ שיעור שוועריקייטן פון פאָרמעלער נאַטור און די לאָקאַלע פאַרהעלטענישן האָבן געשטערט אין דער אַרבעט *).

די אַרבעט פון דער נייער פאַרוואַלטונג האָט געהאַט נישט בלויז ליכט, נאָר אויך שאָטן. די קהילה־געביידע איז בעת דער קאַדענץ פון ח. ווייץ באַזעצט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט אירע אָפּצווייגונגען. אַ געוויסע צאָל צימערן האָבן פאַרנומען „בית־לחם״, די האַנטווערקער, דאָס יתומים־הויז, אַ קינדער־גאָרטן און אויך די „תרבות־שול״. די נייע קהילה־פאַרוואַלטונג האָט גענומען מאַכן אָרדענונג און אָנגעהויבן באַפרייען דעם לאָקאַל. אין אַ שיינעם פרימאָרגן זענען עקסמיטירט געוואָרן די ציוניסטישע ביבליאָטעק און דער פאַלעסטינע־אַמט. דער דאָזיקער פאַל האָט פאַרשאַרפט אויף אַ געוויסער צייט די באַציונגען צווישן די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער פאַל מיט דער פוילישער מאַכט, וועלכע האָט זיך פאַרמאָסטן צוצונעמען די געביידע פון דער קהילה, ווייל עס זענען נישט געווען קיין היפּאָטעקאַרע באַווייזן. דאָס איז איר אָבער נישט געלונגען.

גאָר באַזאָרגט איז די קהילה־פאַרוואַלטונג געווען צוליב דער פינאַנסיעלער סיטואַציע. דאָס געזעץ האָט נישט געגעבן דער קהילה קיין מעגלעכקייט פון פאַרזיכערן הכנסות, און במילא האָט די קהילה נישט געקאָנט פונאַנדערוויקלען קיין ברייטערע טעטיקייט. האָבנדיק פון דער מאַכט הבטחות, אַז דער ענין וועט בקרוב דערליידיקט ווערן, האָט דערווייל די קהילה געמאַכט חובות, ביז ס׳איז געפונען געוואָרן אַ לייזונג — עטאַט. ס׳איז דאַן אָנגענומען געוואָרן אַ בודזשעט אין דער הויך פון 231 טויזנט זלאָטעס אויף אַן הככנסה פון עטאַט — 100 טויזנט זלאָטעס. צווישן אַנדערן האָט מען אין יענער צייט באַשלאָסן, אַז די קהילה זאָל איבערנעמען די שחיטה פון גסות און פון עופות. ס׳זענען באַשטימט געוואָרן גאָר הויכע פרייזן פאַר שעכטן: אַ עוף 30 גראָשן, אַ גאַנדז — 60 גראָשן און אַ אינדיק — 1 זלאָטע.

אין 1929 האָט מען אויך איבערגענומען פון ראַבינער גליקליך די מעטריקאַלע אָפּטיילונג, וועלכע האָט נאָך פון די צאַרישע צייטן זיך געפונען ביי אים אין די הענט.

אין דער זעלבער תקופה איז פאָרגעקומען אַ קאַמף וועגן אויסוויילן אַ קהילה־רב. צווישן אַנדערע האָט אויף דעם דאָזיקן פאָסטן קאַנדידאַט משה גליקליך. עס זענען אויך געווען קאַנדידאַטן פון אַנדערע שטעט און עס איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג פון הרב זלמן סאָראָטשקין, וועלכער איז געזעסן אויף דער לוצקער כסא הרבנות ביזן אויסברוך פון קריג.

ס׳איז ווערט צו דערמאָנען אַ פאַקט, וואָס האָט זיך געטראָפן

*) ש. שלייפשטיין מאַכט דאָ אַ רמז, אַז שוין נאָך דעם ווי די פוילישע מאַכט האָט אַרויסגעטריבן פון דער קהילה די ציוניסטן און זי באַזעצט מיט נישט־ציוניסטישע עלעמענטן, האָט זי ווייטער געמאַכט דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג שוועריקייטן אין איר וווילטעטיקער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — די רעדאַקציע.

מעלדונג.

דערמיט דערמאָנען מיר, אַז **מאָנטאָג, דעם 20־טן יוני** (כ״פ בהעלותך) ה׳ י. ענדיקט זיך דער טערמין פון **איינצאָלן די 50 פראָצ. פון עטאַט**, כדי צו קאָנען גענוסן פון דער הנחה, אַז דער רעשט זאָל פונאַנדערגעלעגט ווערן אויף ראַטעס.

דערמאָנענדיק וועגן דעם, רופן מיר די עטאַט־צאָלער **איינצאָלן ביז מאָנטאָג דעם 20 יוני 50 פראָצ. פון זייער עטאַט**, כדי זיך איינשפּאָרן איבריקע קאָסטן (פּראָצענט און עקזעקוציע קאָסטן).

די קהלה־קאַסע איז אָפן יעדן טאָג פון 9 ביז 2

לוצק, 15 יוני 1932 י.

פאַרוואַלטונג פון דער לוצקער יידישער קהלה.

Ogłoszenie.

Zarząd Gminy Wyznaniowej Żydowskiej w Łucku przypomina niniejszem, że w poniedziałek dnia 20 czerwca upływa termin wpłacenia 50% składki gminnej i skorzystania z ulgi rozłożenia na raty reszty należności.

Przypominając o tem członkom gminy, Zarząd wzywa płatników DO UISZCZENIA POŁOWY NALEŻNYCH SKŁADEK i tem zaoszczędzić sobie zbyteczne koszta (kara za zwłokę i koszta egzekucji).

Kasa gminy jest czynna od 9-ej do 2 p.p.

Łuck, dnia 15 VI 1932 r.

Zarząd Gminy Wyznaniowej Żydowskiej w Łucku.

Drukarnia przy czas. „Wołyner Presse" w Łucku

אין יענער צייט: אַ געוויסער דייטש, אַ הויזבאַזיצער, האָט אין זיין צוואה איבערגעלאָזט 1,500 זלאָטעס פאַר אָרעמע יידישע קינדער. די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט געווידמעט עטלעכע זיצונגען דער פראַגע פון פאַראייביקן דעם נאָמען פון דייטשן נדבן.

✶

די קהילה־פאַרוואַלטונג איז געווען די פאָרשטייערין פון דער יידישער באַפעלקערונג. בעת דער דיכטער און ציוניסטישער פירער לייב יפה האָט אין אָנהייב 1929 באַזוכט לויצק, האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג און דער ראַט אָנטיילגענומען אין זיין גראַנדיעזן קבלת פנים, וואָס די באַפעלקערונג האָט לכבוד אים איינגעאָרדנט. יפה איז געקומען צו אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג און קלמן פרישבערג האָט אים באַגריסט. אין דער זעלבער צייט איז איינגעאָרנט געוואָרן אַ קבלת פנים דעם רב ז. סאָראָטשקין צו זיין אָנקומען.

דעם זעלבן ווינטער האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג דורכגעפירט אַ האָלץ־און מצות־אַקציע פאַר אָרעמעלייט און נסתרים. אין זומער 1929, אב תרפ״ט, ווען די יידישע עפנטלעכקייט פון דער גאָרער וועלט איז אויפגעציטערט געוואָרן צוליב די געשעענישן אין ארץ־ישראל, האָט אויך די לויצקער קהילה געלאָזט הערן איר שאַרף וואָרט. אויף אַ זיצונג פון ראַט און פאַרוואַלטונג, געווידמעט דעם אָנדענק פון די קדושים פון די דערמאָנטע געשעענישן, האָט זיך דערהערט דער שאַרפער פּראָטעסט פון דער לויצקער קהילה און די רעזאָלוציע, וועלכע איז אַרייַנגעטראָגן געוואָרן דורך ק. פרישבערג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

אָט איז דער טעקסט פון דער רעזאָלוציע:

„די זיצונג פון ראַט און פאַרוואַלטונג פון דער לויצקער יידישער קהילה, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27 אויגוסט 1929, דריקט אויס איר טיפן טרויער און עמפּערונג צו די לעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל, ווו עס ווערט פאַרגאָסן יידיש בלוט פון אונדזערע ברידער און קינדער. די לויצקער יידישע קהילה ווענדעט זיך צו דער וואַרשעווער קהילה, אַלס צו דער פאָרשטייערין פון דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין פּוילן, אַז זי זאָל זיך באַמיען ביי דער פּוילישער רעגירונג, דאָס די לעצטע זאָל אָננעמען שריט ביי דער פעלקער־ליגע, דער פּאַלעסטינער מאַנדאַט זאָל ווי געהעריק אָפּגעהיט ווערן. מיר בייגן די קעפּ פאַר אונדזערע ברידער, וועלכע האָבן מוטיק פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד אין דעם היסטאָרישן מאָמענט.“

ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון די געשעענישן. שפּעטער, ווען אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע קהילות, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער ענגלישער רעגירונג, קעגן צולאָזן צו דעם פּאָגראָם אין א״י, קעגן שליסן די טויערן פון לאַנד פאַר די יידישע איינוואַנדערער — האָט אויך די לויצקער קהילה דעלעגירט איר פאָרשטייער — צוקערניק.

די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אויך געהאַט אויסצושטיין אַ קאַמף מיטן מאַגיסטראַט, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטיק ערד פון בית עלמין אויף באָלעסלאַווא כראָברעגאָ־גאַס, כדי דורכצופירן דעם שוץ־וואַל קעגן די פאַרפלייצונגען. דער מאַגיסטראַט האָט פאַרנומען 1400 קוואַדראַט מעטער. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן בייז בלוט אין די באַציונגען צווישן דער קהילה און דעם מאַגיסטראַט. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָט דער מאַגיסטראַט צוגעזאָגט אָפּצוגעבן דער קהילה אַזאַ זעלבן שטח פון די אויסגעטריקנטע לאָנקעס. דער צוזאָג איז אָבער קיינמאָל נישט מקויים געוואָרן.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז די קהילה־פאַרוואַלטונג געווען באַזונדער פאַרנומען מיטן לייזן די פינאַנסיעלע פּראָבלעמען. אין 1932 איז ענדלעך דערלויבט געוואָרן דער קהילה צונויפשטעלן אַ רעאַלן בודזשעט. די פאַרוואַלטונג האָט אויסגעמאָסטן עטאַט אין דער הויך פון 100,000 זלאָטעס, בעת די הוצאות האָבן באַטראָפן העכער 208,000 זלאָטעס. דער ראַט איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ הויכן עטאַט אָנווייזנדיק אויף דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז אַזוי אויך באַלאַסטעט מיט גרויסע שטייערן. די שטעלונג פון ראַט האָט אַרויסגערופן פאַרדרוס ביי אַ טייל מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָבן פאָרגעוואָרפן דעם ראַט פּאָליטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאָרשטייענדיקע נייע וואַלן. דער קאַמף האָט זיך פאַרשאַרפט און אָנגעמאַכט אַ פּירוד צווישן גאַנץ נאָענטע פריינד. געזיגט האָט דער ראַט. דער בודזשעט איז פאַרקלענערט געוואָרן ביז 168 טויזנט זלאָטעס און די הכנסות פון עטאַט זענען פאַרקלענערט געוואָרן ביז 50 טויזנט זלאָטעס. אַן ענלעכער קאַמף האָט זיך איבערגעחזרט אין יאָר 1933, אָבער דאַן איז דער ראַט און די פאַרוואַלטונג אויפגעלייזט געוואָרן.

✶

דעם 4 אַפּריל 1933 זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער צווייטער קאַדענץ פון ראַט און פאַרוואַלטונג. די דאָזיקע וואַלן זענען אָבער נישט געקרוינט געוואָרן מיט קיין הצלחה. די אומצופרידנקייט מיטן אויסגאַנג פון די וואַלן איז געווען אַ גרויסע און ס׳האָבן זיך פון אַלע זייטן אַ שאָט געטאָן פּראָטעסטן צו דער אויפזיכטס־מאַכט. דער ראַט האָט אָבער דערווייל געטאָן זיינס: זיך פאַרזאַמלט און אויסגעקליבן כדת וכדין אַ פאַרוואַלטונג און די לעצטע האָט זיך פאַרזאַמלט און זיך אָנגעהויבן צו קאָנסטיטואירן. ס׳איז אָבער געקומען צו גרויסע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און אַלס פשרה איז אויסגעקליבן געוואָרן הרב ז. סאָראָטשקין אַלס פאָרזיצער, און לייזער בערגער — אַלס זיין פאַרטרעטער. די אויפזיכטס־מאַכט האָט אָבער צוליב פאָרמעלע טעמים די וואַלן נישט באַשטעטיקט און פאַראָרדנט נייע וואַלן פון פרעזעס און וויצע. דאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן לייזער בערגער אַלס פאָרזיצער און משה גראַפמאַן אַלס פאַרטרעטער.

די פאַרוואַלטונג האָט אָבער נאָך נישט באַוויזן עפּעס צו טאָן, ווי אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון דער וואָיעוואָדשאַפט, דאַטירט פון 2־טן מערץ 1934, אַז די קהילה־וואַלן זענען נישט פאָרגעקומען אין אָרדענונג און זיי ווערן געפּסלט. די מאַכט האָט גלייכצייטיק באַשטימט אַ צייטווייליקע קהילה־פאַרוואַלטונג אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: קלמן פרישבערג אַלס פאָרזיצער, אליעזר בערגער אַלס וויצע, און מיטגלידער: א.י. שאַפּיראָ, וו. שניידער, מ. גראַפמאַן, י. זשיטין, ד. לענדער, יחיאל איינבינדער, ז. צוקערניק און י.ח. קרישטאַלקאַ. אַלס פאַרטרעטער — מ. וואַקסמאַן, ש. עלבירט, א. כיזש, ב. ליפּין און מ. מאַנדעלבוים. די פאַראָרדענונג האָט נישט אַלעמען צופרידנגעשטעלט. די געוויילטע פאַרוואַלטונג האָט אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע אין אינערן־מיניסטעריום, און אויך די וועלכע

האָבן פריער זיך געווענדעט וועגן אַנולירן די וואַלן, זענען אויך געבליבן אומצופרידן מיטן נאָמינירטן צוזאַמענשטעל. באַזונדערס איז געבליבן נישט צופרידן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די „התאחדות", וועלכע האָט אויפגעפאָדערט אירע מיטגלידער נישט אָנצונעמען קיין מאַנדאַט דורך אַ נאָמינאַציע.

די נאָמינירטע פאַרוואַלטונג איז אָבער צוגעטראָטן דעם 22 מערץ 1934 צו דער אַרבעט. ראשית כל האָט מען זיך גענומען צו סאַנירן די פינאַנסיעלע לאַגע. ס'איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. די נאָרמאַלע אויסגאַבן האָט מען נישט געקאָנט קירצן און די חובות האָבן נישט געלאָזט פריי אָטעמען. חדשים לאַנג האָט מען די באַאַמטע נישט געצאָלט. היות די געהאַלטן זענען נישט געווען קיין קליינע, האָט דער חוב דערגרייכט אין די טויזנטער. אויסער דעם איז מען געווען שולדיק דער קראַנקן־קאַסע און דעם שטייערן־אַמט. צוזאַמען האָט דער חוב דערגרייכט די קאָלאָסאַלע ציפער פון 20 טויזנט זלאָטעס. דערצו איז דאָס געווען פאַר פסח און מ'האָט געמוזט עפּעס טאָן. מען איז קודם כל צוגעטראָטן צו באַאַרבעטן דעם בודזשעט אויפן יאָר 1934. זייער פאָרזיכטיק איז דאָס געמאַכט געוואָרן. מ'האָט געמוזט זיך רעכענען מיט דער אַלגעמיינער יידישע לאַגע און מיט אַלץ, פאַר וואָס אַ יידישע פאָרשטייערשאַפט דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

קודם כל האָט מען אַדורכגעפירט אַ רעדוקציע פון די געהאַלטן. דאַן האָט מען געמאַכט אַ ריי קירצונגען אין אַנדערע פּאָזיציעס, וועלכע זענען געווען וויניקער פילבאַר. דער בודזשעט האָט אַלזאָ אויסגעמאַכט 120 טויזנט זלאָטעס, מיט אַ פאַרויסגעזעענער הכנסה פון עטאַט נאָר אויף 40 טויזנט זלאָטעס. אין דעם יאָר איז געמאַכט געוואָרן אָנשטרענגונגען צו רעאַליזירן דעם בודזשעט נישט פאַרגרעסערנדיק דעם דעפיציט. אין דעם ווינטער פון 1934 האָט זיך די קהילה־פאַרוואַלטונג געווענדעט צו דער באַפעלקערונג זי זאָל אַנטיילנעמען אין דער האָלץ־אַקציע מיטן צוזאָג, אַז די געלטער וועלן פאַררעכנט ווערן אויף דעם עטאַט.

✶

אין אָנהייב 1935 האָט דער סטאַראָסטע דורכגעפירט אַ קאָנטראָל פון דער קהילה־טעטיקייט און האָט געפונען, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג. אין יענער צייט האָט זיך די סיטואַציע פון דער קהילה גענומען סטאַביליזירן. דאָס וואָס די קהילה האָט איבערגענומען די עופות־שחיטה האָט געגעבן אַ שטויס פאָרויס די איינקונפטן. אויך די הכנסות פון עטאַט האָבן אויסגעזען אין אָנהייב 1935 צו זיין באַפרידיקנדיק. אַרויסגעוויזן האָט זיך שפּעטער, אַז דאָס יאָר 1935 איז געווען אַ שווער יאָר. די קהילה האָט אין דעם יאָר געמוזט איבערנעמען דעם בודזשעט פון אַ געוויסע צאָל שולן און געמוזט אויסצאָלן 5,000 זלאָטעס אויף דעקן די דעפיציטן פון 11 שולן. דער בודזשעט אויף 1936 איז נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן און האָט באַטראָפן 108,750 זלאָטעס מיט 47 טויזנט זל. הכנסה פון עטאַט. צום ערשטן מאָל איז אין קהילה־בודזשעט באַשטימט געוואָרן אַ סומע פון 500 זל. אויף שטיצן עמיגראַנטן. די סומע איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן חלוצים, וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין דער זעלבן יאָר האָט די קהילה אויסגעגעבן גרעסערע סומעס אויף רעמאָנטירן די גרויסע שול. דער רעמאָנט איז געמאַכט געוואָרן לויט די פאָדערונגען און אָנווייזונגען פון דער וואָיעוואָדשאַפט, וועלכע האָט אויך געגעבן אויף דעם צוועק אַ גרעסערע געלט־סומע.

דער פאַרוואַלטונג איז נישט באַשערט געווען קיין רויקע אַרבעט. אין סוף 1936 האָט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער אַרבעט פון דער קהילה געהאַט דער פּראָיעקט צו פאַרווערן די ריטועלע שחיטה. אמת, ס'איז נישט געווען קיין לאָקאַלע פראַגע, אָבער לויצק האָט געהאַט מיט דער פראַגע מער צו טאָן פון אַנדערע. ערשטנס, ווייל דאָרט איז געווען די וואָיעוואָדשאַפט, און פון אַרומיקע קהילות האָט מען זיך געווענדעט קיין לויצק, אַז מען זאָל דאָרט אינטערווענירן ביי דער מאַכט קעגן די אָרטיקע פוילישע באַאַמטע, וועלכע האָבן געפּרווט אין די פאַרוואָרפענע ווינקלעך פאַרכאַפּן באַצייטנס די מצווה. צווייטנס, איז דער לויצקער רב, ז. סאָראָטשקין געווען זייער אַקטיוו אינעם קאַמף קעגן דער גזירה און ער פלעגט אָפט פאָרן קיין וואַרשע.

אין אָנהייב 1937 איז די קהילה צוגעטראָטן בויען צוויי נייע שעכטהייזער פאַר עופות. אין דעם זעלבן יאָר האָט די מאַכט אויסגעאיבט אַ דרוק און די קהילה האָט געמוזט באַצאָלן די שטייערן־חובות. מען איז געווען געצוווּנגען צו מאַכן אַ צוגאָב־בודזשעט פון 12,000 זלאָטעס.

אין זעלבן יאָר האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג דורכגעפירט וואַלן צו אַ נייעם ראַט און פאַרוואַלטונג. די פאַראָרדענונג דורכצופירן וואַלן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין חודש יולי. די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אָבער אָנגעוויזן אַז אין זומער זענען אַ גרעסערע צאָל וואַל־באַרעכטיקטע אויסער דער שטאָט. דער סטאַראָסטע האָט אָנגענומען די דאָזיקע מאָטיוון און די וואַלן זענען אָפּגעלייגט געוואָרן ביז איבער די ימים נוראים.

ביים אָנהייב פון דער וואַל־קאַמפּאַניע האָבן איניקע גרופּעלשאַפטלעכע טוער זיך גענומען באַמיען צו שאַפן אַ בלאָק פון אַלע יידישע בירגערלעכע גרופּירונגען, אויסערן „בונד". דערווייל אָבער זענען אַריינגעפלאָסן 4 פאַרשידענע וואַל־ליסטעס. אין לעצטן מאָמענט האָט זיך אָבער געשאַפן אַ פאַראייניקטע ליסטע מיט די לייטער פון ביידע בלאָקן בראש: קלמן פרישבערג און דוד בערגער. ס'איז באַשטימט געוואָרן וועלכע מיטגלידער דאַרפן אַריין אין די ניי־געוויילטע קהילה־אָרגאַנען. די ליסטע איז טאַקע אַדורכגעגאַנגען, בפרט אַז די בונדישע ליסטע איז געפּסלט געוואָרן.

דער סוף איז אָבער געווען, אַז ס'זענען איינגעפלאָסן פּראָטעסטן קעגן אַזאַ אופן פון דורכפירן וואַלן. דער סטאַראָסטע האָט געפּסלט די קהילה־וואַלן און ווידער פאַראָרדנט נייע וואַלן.

סוף 1937 האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג באַשעפטיקט זעקס רבנים, בראש מיטן הרב הראשי ז. סאָראָטשקין, 18 שוחטים, 5 קברנים און נאָך 15 באַאַמטע. די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אויסגעהאַלטן אויף איר בודזשעט דעם מושב זקנים, ווו ס'האָבן זיך געפונען 28 זקנים. די קהילה האָט צוגעטיילט סובסידיעס דעם „בית לחם", „לינת הצדק", „טאָז", די העברעישע „תרבות"־שול, די תלמוד־תורה, די ישיבה „בית יוסף" און די גמילות חסדים־קאַסע.

אין לעצטן קהילה־בודזשעט איז געווען פאָרויסגעזען אַ סומע פון 5,000 זלאָטעס פאַר פאַך־בילדונג, אָבער היות אין שטאָט איז נישט געווען קיין אינסטיטוציע וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דערטיילן פאַכמענישע בילדונג דער יידישער יוגנט, איז די סומע געשטראָכן געוואָרן.

וואַל־ליסטעס צו די קהילה־וואַלן אין יאָר 1933

ליסטע נומער 1

ל.נ.	נאָמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
.1	קלמן פרישבערג	סוחר	1885	יאַגעללאָנסקאַ 15
.2	אליעזר דאל	אַפּטייקער	1881	קאַרדעצקיעגאָ 9
.3	אברהם־יודל שאַפּיראָ	סוחר	1880	פּלאַצקאַ 18
.4	אברהם ביזש	„	66	זאַקאָפּאַנסקאַ 12
.5	יוסף זשיטין	„	1881	באָל. כראַברעגאָ 66
.6	עוזיאל בינדער	„	1883	שענקעוויטשאַ 12
.7	חיים אליעזר שיפּריס	„	1876	טשערוואָני קזשיזש 18
.8	יעקב וואַלדמאַן	„	65	קאָשציושקאָ 17
.9	שמואל ראַנץ	„	1883	שענקעוויטשאַ 12
.10	זלמן שוחט	„	1882	קאַראַימסקאַ 5
.11	שמאי בראָדעצקי	„	1884	קאַראַימסקאַ 27
.12	מרדכי ווייסמאַן	„	1888	קאָנאָפּניצקאַ 4
.13	אליהו לאַנגער	„	1879	רימאַרסקאַ 6
.14	אברהם וואַרקאָוויצקי	דירעקטאָר	1867	באָל. כראַברעגאָ 27
.15	מרדכי דיק	סוחר	1900	סקאַרופּקי 9
.16	אברהם מאַרשאַלקאָוויטש	עקספּעדיטאָר	1881	3־טער מאַי 4
.17	חיים־הערש טיקעוויטש	סוחר	1880	וועסאָלאַ 3
.18	בערל באַרזאַך	„	1882	יאַגעללאָנסקאַ 21
.19	יחיאל איינבינדער	„	1872	שיענקעוויטשאַ 10
.20	הערש אייזנגאַרד	„	1859	דאָמבאָ גנידאָוו 1
.21	יעקב־מרדכי ברעסלער	מעקלער	71	אָזשעשקאָוואַ 6
.22	יהושע גערשטיין	סוחר	1901	גנידאָוואַ 5
.23	ישראל־משה גאָלדבערג	מיל־אייגנטימער	1884	קזשיזשאָוואַ 13
.24	משה־לייב גארין	סוחר	1897	גנידאָוואַ 16
.25	ברוך קיס	„	61	פּזשעכאָדניאַ 3
.26	אהרן קאָמאַר	„	1894	גנידאָוואַ 20
.27	ליפּא גאָלדבערג	„	1894	קזשיזשאָוואַ 52
.28	אברהם קליפּאַטש	„	1892	באַזיליאַנסקאַ 4
.29	אברהם זילבערמאַן	„	1889	גנידאָווקאַ 12
.30	אברהם ווערבאַ	„	1891	יאַגעללאָנסקאַ 41

ליסטע נומער 2

ל.נ.	נאָמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
.1	יצחק דאַוו	סוחר	1889	באָל. כראַברעגאָ 9
.2	שמואל שניידער	„	1892	וועסאָלאַ 7
.3	שמעון עלבירט	„	1889	טשעשעווסקיעגאָ 7
.4	יוסף שטיינשנייד	„	1900	3־טער מאַי 19
.5	הערש סינע	„	1893	קזשיזשאָוואַ 17
.6	יוסף־חיים מאַנדעל	„	1898	קאָשציושקאָ 92
.7	לאַקריץ פּסח	„	1896	טשעשעווסקיעגאָ 7
.8	וואָלף שולץ	„	1887	מיעדזשאַנאַ 6
.9	בערגער אליעזר	„	1889	גנידאָווסקאַ 12
.10	משה־הערש קיס	„	1899	בליעבנאַ 12
.11	הירש שעכטיסטראָוו	„	1895	סקאַרופּקי 3
.12	פינגערהוט אברהם	„	1890	לאָנטשנאַ 4
.13	ראָזענפעלד שלמה	„	1887	פּילסודסקיעגאָ 9
.14	ראָטניאַווסקי שמיעהו	„	1888	יאָסעלעוויטשאַ 8
.15	געלער בנציון	„	1895	קאָשציושקאָ 17
.16	פידעל משה	מעכ. וואַרשטאַט	1887	קאַרמעליצקאַ 10
.17	ישראל ווייסענבערג	„	1873	קאָשיקאָוואַ 6
.18	פיינשטיין יצחק	„	1889	יאָסעלעוויטשאַ 24
.19	קאַרסאָווער יעקב	„	1896	שיענקעוויטשאַ 3
.20	גערשטיין בייקל	„	1902	קזשיזשאָוואַ 11
.21	צימבאַל אברהם	„	34	יאָסעלעוויטשאַ 22
.23	דוד־בנימין דיק	„	1893	קאָפּערניקאַ 33
.24	עזריאל פּישמאַן	„	1895	זשאַביאַ 1
.25	לייב פּירער	„	1899	קזשיוואַ 42
.26	פייערשטיין אָשר	„	1891	פּילסודסקיעגאָ 113
.27	דוד־וואָלף בייטשמאַן	„	1892	טשעשעווסקיעגאָ 2
.28	מייזליש אליעזר	„	1889	דאָמיניקאַנסקאַ 26
.29	טייטלבוים יוסף	„	1871	קאָשציושקאָ 16
.22	ישראל־מרדכי דאָבראָוואָדקאַ	„	1889	קאָשציושקאָ 7
.30	טענענבוים דוד	„	1873	קאָפּערניקאַ 44

ליסטע נומער 3

ל.נ.	נאָמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
.1	יוסף זשיטין	אינדוסטריעלער	50	באָל. כראַברעגאָ 80
.2	מאיר באַק	דירעקטאָר	45	שיענקעוויטשאַ 30
.3	יוסף זעלצער	סוחר	50	שיעטקעוויטשאַ 12
.4	פּנחס אַטלאַס	„	50	שיענקעוויטש 12
.5	פּנחס פּעפּער	„	46	3־טער מאַי 7
.6	ישעיהו־לייב באַר	„	54	באָל. כראַברעגאָ 91
.7	הערש שיינמאַן	„	50	באָל. כראַברעגאָ 93
.8	ברוך מינדעלעס	„	46	זשוראַוויאַ 3
.9	יהודה־וואָלף פייערשטיין	„	45	פּילסודסקיעגאָ 47
.10	משה ווינער	קאָלעקטאָר	60	ניעצאַלאַ 3
.11	מאיר אייזנבערג	סוחר	42	באָל. כראַברעגאָ 79
.12	חיים־יוסף פעלדענקרייז	„	52	סוויעטלאַנאַ 13
.13	משה קאַזיאַל	קצב	38	יאַגעללאָנסקאַ 84
.14	אברהם־חיים קופּערמאַן	סוחר	50	מיעדזשאַנאַ 2
.15	הערש פייפער	„	56	באָל. כראַברעגאָ 89
.16	יעקב עקבער	„	46	קאָפּערניקאַ 8
.17	זלמן קליגער	„	42	קאָפּערניקאַ 50
.18	מרדכי באַריל	מעקלער	52	באָל. כראַברעגאָ 82
.19	אפרים מינדעליס	אינדוסטריעלער	60	באָל. כראַברעגאָ 159
.20	שמעון גערגיס	סוחר	58	באָל. כראַברעגאָ 40
.21	עזריאל כאַמיש	„	60	קאָוואַלסקאַ 17
.22	לייביש ליבובער	קצב	60	באָל. כראַברעגאָ 113
.23	מאָטל פּאטיכע	לערער	52	באָל. כראַברעגאָ 101
.24	אברהם־יידל שאַפּיראָ	סוחר	1880	פּלאַצקאַ 18
.25	בנימין בלעכער	„	53	גדאַנסקאַ 15
.26	יחיאל קוידע	חזן	52	קאָפּערניקאַ 40
.27	אהרון פעלדמאַן	אָנגעשטעלטער	1876	מיעדזשיאַנאַ 7
.28	אברהם לאַרבער	סוחר	1901	טאַרגאָוואַ 3
.29	יוסף לאַנגער	„	1894	רימאַרסקאַ 6
.30	איירע קאַץ	עקספּעדיטאָר	1877	יאַגעללאָנסקאַ 17

ליסטע נומער 4

ל.נ.	נאַמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
1.	אײנבינדער יחיאל	סוחר	1872	שיענקעװיטשאַ 18
2.	אײזנבערג אהרן־משה	״	1882	קזשידשאַװאַ 42
3.	פערקאַל זבולון	״	50	סקאָרופּקי 17
4.	פאַפּיר שמואל־מרדכי	״	1880	מאַנטשנאַ 6
5.	בערגער אליעזר	״	1889	גנידאָװקאַ 12
6.	פרישבערג קלמן	״	1885	יאַגעללאָנסקאַ 15
7.	בריוגאַל יהושע	״	1882	זשיסאַ 2
8.	טינע הערש	״	1893	קזשידשאַװאַ 17
9.	פרײזינגער מרדכי	״	1880	קאָזיאַ א/8
10.	יעװעלעװיטש חיים־דוד	״	1879	שיענקעװיטשאַ 11
11.	שאַצמאַן יחיאל	״	1889	קאָנאָפּניצקאַ 4
12.	קראַסנער שמואל	״	1880	מיעדזשאַנאַ 6
13.	שפּײטער אלתר	״	1870	זשאַבאָטינסקי 7
14.	װיניק יוסף	״	53	קאָשציושקאָ 40
15.	סטאַרעץ ירחמיאל	״	1871	פּזשעכאָדניאַ 3
16.	קאַץ אירע	״	1879	יאַגעללאָנסקאַ 17
17.	שאַפּיראָ אָשר	״	69	טשעטשישעװסקאַ 2
18.	בולמאַש יצחק	״	1892	באַזילאָנסקאַ 32
19.	באָקאָװיעצקי בנציון	״	1882	גנידאָװסקאַ 22
20.	בירמאַן אײזיק	״	1869	גנידאָװסקאַ 17
21.	חומש נחום	״	46	שיענקעװיטשאַ 2
22.	קאָרנבליט לײביש	״	1870	װעסאָלאַ 9
23.	ברעסלער יעקב־מרדכי	״	71	אָזשעשקאָװאַ 6
24.	װײסמאַן משה	״	1902	סקאָרופּקי 3
25.	גאָלדבערג שמעון	״	1890	קזשיזשאָװאַ 15
26.	גערצבערג משה	״	1871	שעראָקאַ 7
27.	זײד יעקב	״	1870	סענטשאָװאַ 4
28.	אײזנבערג יהודה־מיכל	״	1882	קאָשציושקאָ 38
29.	װײדמאַן יוסף	״	69	קאַראַימסקאַ 7
30.	װידעלגאז ישראל־יואל	״	1879	קאָשציושקאָ 19

ליסטע נומער 5

ל.נ.	נאַמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
1.	װאַקסמאַן מאָטל־הערש	סוחר	1881	קר. יאַדװיגי 14
2.	מאַנחעלבוים מנחם	״	55	באַזילאָנסקאַ 16
3.	גאָלדבערג נחמיה	״	1876	קאָשציושקאָ 28
4.	שאַפּיראָ ישראל	פּראָװיזאָר	1894	שיענקעװיטשאַ 1
5.	נול יידל	סוחר	1870	קאָשציושקאָ 23
6.	גוטמאַן אריה־לײב	״	1871	באָל. כראָברעגאָ 18
7.	צװיסמאַן אהרן	״	35	קאָשציושקאָ 21
8.	גרויסבורד משה	״	1893	שיענקעװיטשאַ 2
9.	ראַכמילטשוק ישראל	״	1883	יאַגעללאָנסקאַ 52
10.	שװאַלב אהרן	״	1884	טשאַצקיעגאָ 10
11.	סאַדע יצחק־אליעזר	פאַרבער	1885	דאָמיניקאָנסקאַ 52
12.	גרינשפּאַן מרדכי־הערש	סוחר	1883	טשאַצקיעגאָ 12
13.	מאַרמאָר װאָלף	״	61	סלאָװאַצקיעגאָ 22
14.	אײזנבערג יהודה־מיכל	בוכהאַלטער	1882	קאָשציושקאָ 38
15.	ראָזאָװסקי יואל	סוחר	1875	יאַגעללאָנסקאַ 51
16.	זאַסלאַװסקי יעקב	״	1869	קאָשיקאָװאַ 1
17.	שפּיגעל ברוך	״	1874	פּילסודסקיעגאָ 82
18.	ברענער יוסף	״	1879	באָל. כראָבראָגאָ 115
19.	װידעלגוז ישראל־יואל	״	1879	קאָשציושקאָ 19
20.	פרײזינגער יעקב	״	1854	רימאַרסקאַ 2

ל.נ.	נאַמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
21.	פעפער שמשון	״	1883	קאָשציושקאָ 9
22.	קיס אהרן	בעקער	1871	קאָשציושקאָ 5
23.	עגבער שמואל־הערש	סוחר	1873	װעסאָלאַ 1
24.	טאפּליע לײב־יהודה	״	1874	װאָנסקאַ 2
25.	טרויב אברהם	״	70	פּאָבזשעזשע 5
26.	רודמאַן יהושע	״	1872	אָזשעשקאָװאַ 7
27.	טשיזשיק נחמן	״	1861	קאָרדעצקיעגאָ 9
28.	מאַכליעס אברהם־אליעזר	אָלעיניק	1872	גנידאָװסקאַ 15
29.	גרויפּן־װעל אפּען יעקב	אָן פאַך	1880	באָל. כראָברעגאָ 7
30.	ריין משה	לערער	1891	קאָשציושקאָ 57

ליסטע נומער 7

ל.נ.	נאַמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
1.	באיאנער ראובן־בער	צוקערניק	1884	שיענקעװיטשאַ 40
2.	לופּין בערל	שנײדער	1889	יאַגעללאָנסקאַ 56
3.	קאפּיט אהרן־שלמה	פריזירער	1894	שעראָקאַ 2
4.	קרײמער משה	בלעכער	1897	קאָפּערניקאַ 43
5.	בליאַק משה	בעקער	1890	3־טער מאַי 9
6.	גאָלדענבערג שמעון	סוחר	1872	קאָשיקאָװאַ 1
7.	דאַנציקער יוסף	״	1871	סקאָרופּקי 4
8.	באַסיוק שלום	ביוראָ	41	יאַגעללאָנסקאַ 42
9.	אײנבינדער משה	מוליאַר	41	ביאַלאַ 2
10.	בראַנפּן הערש־לײב	ביוראָ	1862	פּאָלאָצקאַ 8
11.	מײזנער נח	טרעגער	1889	מאַנטשנאַ 10
12.	טײטלבוים יונה־מרדכי	בעקער	1877	3־טער מאַי 25
13.	מילמאַן הערש־יוסף	בערשטער	1885	ניעצאַלאַ 17
14.	פעלדמאַן אברהם	מוליאַר	1896	פּזשעכאָדניאַ 2
15.	דיכטער שלום	מאָלער	1870	שיענקעװיטשאַ 26
16.	בילמאַן זרח	אָנגעשטעלטער	1897	קאָפּערניקאַ 1
17.	זאַנדער משה	צוקערניק	1895	באָל. כראָברעגאָ 31
18.	מעלימעװקער לײב־װאָלף	מוליאַר	1889	פּילסודסקיעגאָ 54
19.	באַס שמואל	לערער	1858	שאָפּענאַ 9
20.	רויטער ישראל	מאָלער	1869	שיענקעװיטשאַ 6
21.	אײזן אהרן	בוכהאַלטער	1896	יאַגעללאָנסקאַ 57
22.	צינקער הערש	שנײדער	62	יאַגעללאָנסקאַ 61
23.	שטילמאַן יצחק	מוליאַר	38	פּילסודסקיעגאָ 54
24.	קערזנער יעקב	סוחר	1888	יאַגעללאָנסקאַ 49
25.	שטשערבאַטע דוד	מעקלער	1889	פּאָליצעינאַ 9
26	קאפּע חנה־יוסף	פריזירער	1886	פּילסודסקיעגאָ 3
27.	גאָלדפאַרב צאַל	סוחר	64	טראַוגוטאַ 12
28.	בערגער מאיר	״	1886	טראַוגוטאַ 11
29.	גיטעלמאַן מיכל	מוליאַר	1897	פּילסודסקיעגאָ 54
30.	פּיוסאַק משה	שנײדער	1880	יאַגעללאָנסקאַ 57

ליסטע נומער 8

ל.נ.	נאַמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
1.	ברײער פּסח	בעקער	1892	באָל. כראָברעגאָ 25
2.	קאָזיאָל מענדל	שנײדער	42	װעסאָלאַ 4
3.	אַבראַמאָװיטש אפרים	קצב	1891	גנידאָװסקאַ 12
4.	מעלימעװקער װאָלף־לײב	מוליאַר	1889	פּילסודסקיעגאָ 54
5.	מעלאַמעד דוד	סטאָליאַר	34	סאָװאַראָװאַ
6.	געלמאַן ברוך־יעקב	מוליאַר	1892	טשערװאָני קזשיזש 14

ל.נ.	נאָמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
7.	לייבאָוויטש משה־אהרן	מאָלער	1888	באָל. כראָברעגאָ 119
8.	ראַפּעל יעקב	בלעכער	1878	ב. יאָסעלעוויטשאָ 23
9.	בריק עזרא	היטלמאַכער	38	יאַגעללאָנסקאַ 13
10.	נוגלער גדליהו	סטאָליאַר	1896	קאָהדעצקיעגאָ 5
11.	שניידער חנה־יעקב	שניידער	1879	וואָלנאָשטש 6
12.	קוזשניעזש יצחק	„	1876	כליעבנאַ 12
13.	אַלטערמאַן בערל	בלעכער	55	מאָגטשנאַ 12
14.	סיי הערש־בער	קאָוואַל	1872	באָל. כראָברעגאָ 7
15.	סיגאַל חיים־יעקב	סטאָליאַר	1891	ראָלנאַ 26
16.	ראַנץ וועלוול	שניידער	1890	יאַגעללאָנסקאַ 54
17.	קאָרטשאַק משה־וואָלף	אַרבעטער	1885	מאָנטשנאַ 3
18.	גורמאַן יידל	שניידער	1880	ב. יאָסעלעוויטשאָ 38
19.	קאָס מרדכי	שוסטער	1896	יאַגעללאָנסקאַ 47
20.	סופר נחום	פריזירער	1888	פּאָבזשעזשע 1
21.	שטילערמאַן הערץ	סטאָליאַר	1888	וואָלנאָשטש 5
22.	ריִמאַרטשיק אברהם	שטעמפּל־מאַכער	1899	אַנסקיעגאָ 3
23.	קיפּער אשר	בלעכער	1874	קאָוואַלסקאַ 3
24.	שאַמפּאַניער אברהם	רימאַר	1889	כאָוואַראָוואַ 39
25.	מאַרגעל אברהם	שניידער	1878	קרולאָוועי יאַדוויגי 21
26.	ווינשטיין יצחק־יעקב	„	1892	סלאָנעטשנאַ 19
27.	נוטין משה	סטאָליאַר	1877	קאָפּערניקאַ 39
28.	צוויטבוים בערל	שניידער	38	לאָנקאָוואַ 4
29.	גאַליידע שמואל	„	1873	דאָמיניקאַנסקאַ 29
30.	שוואַרץ יעקב	שלאָסער	1888	באָל. כראָברעגאָ 27

ליסטע נומער 11

ל.נ.	נאָמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
1.	יונה פרידמאַן	מילנער	1894	קאָפּערניקאַ 34
2.	קאַמיעניעצקי מאַרק	דענטיסט	1892	כאַרנאָוואַ 1
3.	גאַרטיבעל נפתלי	סוחר	1901	שאָפּענאַ 5
4.	דוד לענדער	„	1880	זשאַבאָטינסקי 1
5.	שמואל משה געכט	„	1888	סלאָוואַצקי 7
6.	וויינטראַוב שמאי־העשל	„	1895	דאָמיניקאַנסקאַ 15
7.	גאָלדבערג אביגדור בנציון	„	1892	קאַראַימסקאַ 7
8.	בלומענקראַנץ יהודה	„	1874	סראָגוטאַ 13
9.	ליבהאַבער מרדכי	מילנער	1876	יאַגעלאָנסקאַ 2
10.	קהת קערצמאַן	„	1898	באָל. כראָברעגאָ 5
11.	קליינבורד חיים	„	1880	דאָמיניקאַנסקאַ 18
12.	גריניץ יעקב־מרדכי	„	1879	זאַקאָפּיאַנסקאַ 16

ל.נ.	נאָמען און פאַמיליע	באַשעפטיקונג	עלטער	אַדרעס
13.	מעכּלים שלמה	זייגערמאַכער	1896	באָל. כראָברעגאָ 88
14.	גאָלדפעדער בעריש	פאַרזיכער.־אַגענט	1883	3־טער מאַי 15
15.	נייטער פרץ	סוחר	1893	קאַראַימסקאַ 5
16.	שוסטער יהודה־בער	לערער	1879	אַנסקיעגאָ 3
17.	ברוינשטיין הערש־לייב	סוחר	1895	קאַראַימסקאַ 37
18.	גלייזער אברהם	בעקער	1889	יאַגעללאָנסקאַ 45
19.	גיסעלמאַן לייב	שוסטער	1893	קאָפּערניקאַ 5
20.	גאָרדאָן אברהם	סוחר	1882	סראָגוטאַ 19
21.	סטאַרעץ יחזקאל	„	1898	קאַראַימסקאַ 29
22.	פּאָלסטאַראַק יוסף	דענטיסט	1889	יאַגעללאָנסקאַ 15
23.	נול יקותיאל	סוחר	1873	דאָמיניקאַנסקאַ 13
24.	ווינער אלי	„	1894	פּילסודסקיעגאָ 41
25.	שפּיגעל שמעון־לייב	„	1896	אַזשעשקאָוואַ 7
26.	שטילמאַן יצחק	מוליאַר	1891	פּילסודסקיעגאָ 44
27.	פרידבוים אהרן	סוחר	1902	סלאָוואַצקיעגאָ 12
28.	שלייף שמאי	„	1893	קרולאָוועי יאַדוויגי 35
29.	ברוינשטיין הערש	ביוראַליסט	1885	פּאַבריטשנאַ 8
30.	צוויסמאַן שלום	„	1902	קאַשציוּשקאָ 29

די וואַל־קאָמיסיע מאַכט אויפמערקזאַם, אַז יעדער וויילער קאָן אָפּגעבן זיין שטימע נאָר אויף איינער פון די אויבנדערמאָנטע קאַנדידאַטן־ליסטעס. גלייכצייטיק ווערט באַקאַנט געמאַכט, אַז ס׳האָבן זיך פאַראייניקט:

א) די ליסטע נומער 1 מיט די ליסטעס נ.נ. 3, 4 און 5.

ב) די ליסטע נומער 2 מיט די ליסטעס נ.נ. 7 און 8.

די פאַראייניקטע קאַנדידאַטן־ליסטעס רעכענען זיך פאַר איין קאַנדידאַטן־ליסטע לגבי אַנדערע ליסטעס.

לויצק, דעם 30־טן מערץ 1933

וואַל־קאָמיסיע פון דער לויצקער יידישער
רעליגיעזער קהילה אויף צו וויילן אַ ראַט
און פאַרוואַלטונג

ח. בר־חלפתה

געפּסלטע ליסטע

(במקום פּעליעטאָן)

אַ פרייד איז מיך באַפאַלן,
אַ שמחה, אַ גדולה;
פאַרענדיקט מיט די וואַלן
צו אונדזער לויצקער קהילה!

ביי אונדז זאָל עס געשען
איז טאַקע אַ רבותא,
אַז אַלע כמעט פאַרטייען
זאָלן מאַכן איין חברותא;

אַלע איין בלאָק געשלאָסן,
אַלס גלייכע מחותנים;
אויס קריג און אויס „דאָנאָסן",
וואָס פאַרשוואַרצן אונדז דאָס פנים...

מ'וועט זיך מער נישט רייסן
צו דער קהלישער שיסל;
איינער דעם צווייטן בייסן,
אונטערשטעלן אַ פיסל...

פאַרשפּאָרן צו שאַרפן מוחות,
גאַנצע נעכט אָפּזיצן;
בעסער די אַלע כוחות
פאַרווענדן דאָ צום נוצן.

ס'איז ווי אויף צו להכעיס,
מעוברת היינט דער ווינטער;
און וויפיל ביי אונדז משפחות
וואָס זענען שטאַרק דערונטער!

קיין האַלץ נישטאָ קיין שייטל,
דער בגד בלויז אַ שמאַטע;
מ'קראַצט אומזיסט דעם בייטל
ער מאַכט זיך תמ'עוואַטע.

פאַראַן ביי אונדז „בית־לחם",
„טאָז" „לינת־הצדק";
ליידער איז, לא עליכם,
די קאַסע ביי זיי ליידיק.

איצט וועט אַלץ אויפלעבן,
ס'וועלן שוין זיין „גובים";
יידן וועלן געבן,
זאָל נאָר זיין די „תובעים".

אַזוי האָב איך געפרייט זיך
מיט געדאַנקען זיסע;
און פּלוצעם האָט פאַרשפּרייט זיך
אַ ידיעה גאָר אַ מיאוסע:

דער קאַמף דאַרף ערשט באַגינען,
די פרייד געווען אַן אומזיסטע;
דער בלאָק איז זיך צערונען,
געפּסלט איז די ליסטע...

לויצק, 1933

נחום שרון (שטראַכמאַן) / תל־אביב

אונטער דער פּוילישער הערשאַפט

דעם 16־טן מאַי 1919 האָט דאָס פּוילישע מיליטער פון גענעראַל יוזעף קאָרניצקי אַרויסגעטריבן פון לויצק דאָס אוקראַינישע מיליטער און איינגעשטעלט אין שטאָט די פּוילישע הערשאַפט. מיט איבער 20 יאָר שפּעטער — דעם 18 סעפּטעמבער 1939 — האָבן קיין לויצק אַריינגעמאַרשירט גרויסע מיליטערישע איינהייטן פון דער רויטער אַרמיי. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אַ פּעריאָד פון 20 יאָר פּוילישער הערשאַפט.

די פּוילישע הערשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אומשולדיק פאַרגאָסענעם יידישן בלוט און האָט זיך פאַרענדיקט מיט מאָרדן אומשולדיקע יידן. אין 1919 האָבן די פּוילישע סאָלדאַטן אָרגאַניזירט אַנטי־יידישע עקסצעסן. די א.ג. „האַלערטשיקעס" (פּוילישע זעלנער וועלכע זענען געקומען מיט גען. האַלערס אַרמיי פון פראַנקרייך) האָבן אָרגאַניזירט אַ יאַגד אויף יידישע בערד. לויצקער יידן האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון די „פרייהייטס־קעמפער", וועלכע האָבן געכאַפּט יידן אין מיטן גאַס און מיט שערן און מעסערס געשניטן זייערע בערד. דער דאָזיקער „ספּאָרט" איז אָבער נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. אַ געוויסן טאָג האָט די מיליטערישע מאַכט אַרעסטירט אַ גרופּע פון 5 יידן (צווישן זיי אַ פאָטער מיט אַ זון) און באַשולדיקט זיי אין שפּיאָנאַזש. זיי זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן, הגם זייער שולד איז נישט באַוויזן געוואָרן.

מיט 20 יאָר שפּעטער האָט אַ פּוילישער אָפיציר, אַנטלויפנדיק אין סעפּטעמבער 1939 פון די סאָוויעטישע זעלנער, זיך אָנגעטראָפן אין גנידעוו אויף אַ יידישן יונגערמאַן. נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט ער אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און אים דערשאָסן.

די יידישע באַפעלקערונג פון לויצק האָט דורכגעמאַכט די תקופה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דערמאָרדן די 5 יידן און זיך פאַרענדיקט מיטן דערשיסן דעם יידישן יונגנמאַן, און אין אַ שווערן געראַנגל פאַר עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און קעגן נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע.

די ירושה פון צאַרישן רוסלאַנד

ערב דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט לויצק געציילט 30 טויזנט איינוווינער, אין דעם — 24 טויזנט יידן. לויט דער אינפאָרמאַציע פון ד״ר וואָיניטש זענען אין יענער תקופה געווען אין לויצק נישט מער ווי 2,000 פּאָליאַקן. אין שטאָט זענען געווען 411 געמויערטע הייזער און 1324 הילצערנע. גאַסן און געסלעך זענען געווען אַרום 90. פון זיי זענען 24 געווען שוין ברוקירט און עלעקטריש באַלויכטן, דאָס איז אין יענע צייטן געווען אַ גרויסע דערגרייכונג.

עס זענען נישט פאַראַן קיין סטאַטיסטישע קוועלן, וועלכע זאָלן איצט דערציילן פון וואָס עס האָבן געלעבט די 24 טויזנט יידן אונטער דער רוסישער מאַכט. ד״ר וואָיניטש האָט אָבער געפונען פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז אויף וויפל ס'איז דאַן יאָ געווען אין לויצק אַ וואָסער ס'איז אַנטוויקלט עקאָנאָמיש לעבן, איז עס געווען „באַהערשט" דורך יידן. ער דערמאָנט, אַז אַלע 5 דאַמף־מילן, מיט אַ פּראָדוקציע פון 32 טויזנט טאָן מעל אין 1,600 טאָן גרויפּן אַ יאָר, האָבן געהערט צו יידן. פון צוויי ביר־ברויערייען, מיט אַ פּראָדוקציע פון אַ האַלבן מיליאָן עמער ביר אַ יאָר, האָט איינע געהערט צו אַ יידן (שניידערס ברויעריי). איינע פון די צוויי ציגעלניעס האָט געהערט צו אַ יידן. אַלע שלאָסערייען זענען געווען אין יידישע הענט. צו יידן האָבן געהערט די אייל־פאַבריק, צוויי זייף־פאַבריקן מיט אַ פּראָדוקציע פון 16 טאָן זייף אַ יאָר, צוויי אונטערנעמונגען פון טריקענען האָפּן, אַ צוקערלעך־פאַבריקל און 4 פאַבריקלעך פון גאַזירט וואַסער. פון 12 האָטעלן זענען 9 געווען יידישע. צו די יידישע „עקאָנאָמישע פּאָזיציעס" רעכנט ד״ר וואָיניטש אויך אַריין... פיר יידישע בעדער.

אין די דאָזיקע „פאַבריקן" האָבן געאַרבעט נישט מער ווי געציילטע צענדליקער יידישע משפחות. די אונטערנעמונגען זענען געווען יידישע, אָבער באַשעפטיקט ביי אַלע „שוואַרצע" אַרבעטן זענען געווען אוקראַינער, רוסן, טשעכן און פּאָליאַקן.

מען דאַרף אָננעמען, אַז דער עקאָנאָמישער געבוי פון די לויצקער יידן איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי ביי אַנדערע יידן אין רוסלאַנד, בפרט אויף די קרעסן. אין דער ערשטער ריי האָבן יידן זיך באַשעפטיקט מיט קליין־האַנדל און מיט האַנטווערקעריי. זיי זענען געווען די עקאָנאָמישע פאַרמיטלער צווישן וואָלינער פּויערטום און צווישן דער גרויסשטאָטישער רוסישער אינדוסטריע. זיי האָבן „באַדינט" דעם פּויער, ליפערנדיק אים פאַבריקאָטן און קויפנדיק ביי אים זיין לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע.

דער גרויס־האַנדל מיט תבואה און מיט וועלדער איז יענע צייטן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „בעסערע" פּרנסה און האָט געעפנט, פאַר די וואָס האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען, ברייטערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּערספּעקטיוון. אויך לויצק האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי משפּחות וועלכע האָבן אַדאַנק דעם גרויס־האַנדל זיך דערוואָרבן פאַרמעגנס און אַ פעסטע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אין דער יידישער קהילה. צו זיי געהערן די משפּחות: קרוינשטיין, ווייץ, גליקליך, וויינשטאָק.

די גרויסע מאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אָבער געלעבט אין דחקות און אין אָרעמקייט. לויצק איז געווען אַ טיפּישע פּראָווינציאָנעלע שטאָט. די הערשער פון דער שטאָט

זענען געווען דער אופּראַווניק, דער גאָראָדאָוואָי און בכלל די צאַרישע „טשינאָווניקעס".

די האָפענונגען אויף ענדערונגען

מיטן פאַלן פון צאַרישן רעזשים האָבן זיך דערוועקט גרויסע האָפענונגען. די לעגאַליזאַציע פון די פּאָליטישע פּאַרטייען האָט דערמעגלעכט די לוצקער יידן צו ווערן אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן האָבן אָנגעהויבן אויפצושטיין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אָבער נישט אַזוי שנעל איז געקומען די סטאַביליטעט. רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס האָבן זיך געטראָגן איבער אייראָפּע. שוין נאָכן אַבדיקירן פון ניקאָלאַי דעם צווייטן איז לויצק איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אוקראַינער, באָלשעוויקעס, פּאָליאַקן, דייטשן, העטמאַנצעס, פּעטלוראַווצעס האָבן זיך געטוליעט, ווי די הערשער פון שטאָט, אַלע פאַר מאָנאַטן. יידן זענען געוואָרן רואינירט און געמוטשעט און האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ שטאַנדהאַפטיקער מאַכט.

אויסגעוויזן האָט זיך זיי אין יענע צייטן, אַז שוין בעסער פון אַלץ וועט זיין אָנגעהערן צו פּוילן. אַ פאָלק וואָס האָט איבערגעלעבט 150 יאָר גלות און האָט געוווסט זיך קעגנשטעלן דעם צאַריזם און אַנדערע שונאים, אַ פאָלק וואָס האָט זיינע נאַציאָנאַלע אידעאַלן פאַרבונדן מיט סאָציאַלע פּראָגרעסיווע שטרעבונגען, אַזאַ פאָלק — אַזוי האָט זיך אויסגעדוכט — וועט צום בעסטן פאַרשטיין די באַדערפעניש פון דעם יידישן קיבוץ און נישט אָנווענדן לגבי אים קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. ווער דען האָט געקאָנט זיין בעסער? די ווייסגוואַרדיע? — דער צאַרישער רעזשים און זיינע אָנהענגער האָבן זיך נישט פאַרדינט אויפן צוטרוי פון יידן. די אוקראַינער? — יידן האָבן געדענקט די שחיטות וועלכע זענען געוואָרן באַגאַנגען דורך כמעלניצקיס קאָזאַקן, און די פּעטלורע־פּאָגראָמען האָבן פונסניי באַוויזן, אַז די שנאה פון די אוקראַינער צו יידן איז צו טיף איינגעוואָרצלט, אַז מען זאָל קאָנען דערוואַרטן עפּעס גוטס אונטער דער אוקראַינישער הערשאַפט. פון די אַלע בייזע עווענטואַליטעטן האָט אַלזאָ אויסגעזען, אַז דאָס קלענסטע בייז דראָט מצד אַ פּוילישער הערשאַפט.

במשך פון דער רוסישער הערשאַפט האָבן יידן און פּאָליאַקן שטילערהייט צוזאַמענגעאַרבעט. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט געהערט פון זיין זיידן אַ מעשה ווי אַזוי אַ פּוילישער שליאַכטשיץ האָט זיך בעתן אויפשטאַנד פון 1863 אויסבאַהאַלטן ביי אַ יידן פּיעקעליק. ביידע פעלקער זענען געווען אונטערגעדריקט דורך דעם רוסישן צאַר.

נישט צופעליק האָבן די רוסן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו יידן און פּאָליאַקן. אין אָנהייב פון ערשטן וועלט־קריג, ווען די עסטרייכער זענען אַריין קיין לויצק (31 אויגוסט 1915), האָבן זיי תיכף צוזאַמענגעשטעלט אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג פון בלויז פּאָליאַקן און יידן. אַלס ראַטמענער זענען באַשטימט געוואָרן מצד די יידן: דינער, גאַסקאַ, גרויס, קרוין, לענדער און וואַרקאָוויצקי. פּאָליאַקן־ראַטמענער זענען אָבער באַשטימט געוואָרן מער ווי יידן. ד"ר וואַיניטש באַהאַלט בכלל נישט אויס די טענדענץ פון דער דאָזיקער נאָמינאַציע. נאָכדעם ווי די עסטרייכער האָבן צום צווייטן מאָל פאַרנומען לויצק און האָבן פונסניי אויפגעשטעלט די אָרטיקע מאַכט, האָבן זיי — ווי עס שרייבט ד"ר וואַיניטש — „כדי אָנצוגעבן דער שטאָט אַ פּוילישן כאַראַקטער רעאָרגאַניזירט דעם מאַגיסטראַט." אַלס פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענטן זענען באַשטימט געוואָרן דריי פּאָליאַקן. 24 טויזנט יידישע איינוווינער האָבן באַקומען 12 מאַנדאַטן אין שטאָט־ראַט און 2 טויזנט פּאָליאַקן — די זעלבע צאָל מאַנדאַטן. אַלס מיליטערישע קאָמענדאַנטן זענען נאָמינירט געוואָרן פּאָליאַקן — פּולקאָווניק אורבאַנסקי און מאַרטינאַוויטש. די ביכער און פּראָטאָקאָלן האָט מען געפירט אין דער פּוילישער שפּראַך. אַלע נעמען פון די גאַסן זענען געענדערט געוואָרן אויף פּויליש.


ZARZĄD CYWILNY
Ziem Wołyńskich i Frontu Podolskiego
Okręg Wołyński
N. 3864
dnia 26/IV 1920 r.
Pobrano 5 mk.
Ważna do dnia 1/VI 1920 r.
Przepustka (Jednorazowa)
Zezwala się p. Regine Herszowicz
na przejazd do Lublina
Przepustka ważna jest tylko łącznie z dowodem osobistym № 298
wystawionym przez Komendę Policji w Lublinie
Wzrost jadącego
Kolor włosów
Kolor oczu
Wiek 1887
Znamiona szczególne
Podpis własnoręczny lub odcisk dużego palca lewej ręki.
Za Starostę Powiatu Łuckiego

איינע פון די ערשטע אויפגאַבעס פון דער פּוילישער פאַרוואַלטונג איז געווען די זאָרג פאַר דער סאַניטאַרער לאַגע פון דער שטאָט. באַשרייבנדיק אָט די דאָזיקע טעטיקייט קומט ווידער צום אויסדרוק דער אַנטי־יידישער צוגאַנג פון דעם אָרטיקן פּוילישן היסטאָריקער, דעם דערמאָנטן ד"ר וואַיניטש. ער דערציילט: „אין די ערשטע טעג פון דער צוואַנגס־דעזינפעקציע זענען פאָרגעקומען קאָמישע סצענעס. די יידן האָט מען אויסגעטאָן, אָפּגעשוירן, געוואַשן און געבאָדן באַלד אויפן אָרט" — דער פּוילישער דאָקטאָר שרייבט מיט איראָניע וועגן יידישער היגיענע, גענוי ווי פריער וואָלטן יידן קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס ס'איז אַזוינס וואַסער מיט זייף.

דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער צוגאַנג — דאָס קוקן אויף יידן פון אויבן אַראָפּ — האָט זיך אָנגעהויבן 4 יאָר נאָך איידער פּוילן איז געוואָרן דער פאַקטישער הערשער פון וואָלין, און האָט זיך געצויגן במשך די גאַנצע 20 יאָר, ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף צו דער סאַנאַציע־הערשאַפט אין פּוילן און אין וואָלין בתוכו.

ווירטשאַפטלעכע פאַרנאַכלעסיקונג

די פּוילישע מאַכט האָט אומגעקערט לויצק די ראָל פון דער הויפּטשטאָט פון וואָלין. דאָ זענען געווען טעטיק די הויפּטביוראָס פון אַלע וואָלינער מאַכט־אָרגאַנען. דער וואָיעוואָדע —

דער פּאָליטישער און אַדמיניסטראַטיווער לייטער פון גאַנצן ראַיאָן — האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין לויצק. דאָס האָט געגעבן אַ גרונד צו האָפן, אַז די פּוילישע מאַכט וועט אַנטוויקלען לויצק ווי אַ ווירטשאַפטלעכן צענטער און וועט דאָ שאַפן אַן אינדוסטריע, וואָס וועט זיין פאַרבונדן מיט דער וואָלינער ווירטשאַפט. די דאָזיקע האָפענונג איז נישט מקוים געוואָרן. די פּוילישע מאַכט האָט באַטראַכט די מזרח־קרעסן ווי אַ קאָלאָניע, פון וועלכער מען דאַרף וואָס מער אַרויסציען און וואָס ווייניקער אינוועסטירן אין איר. זי האָט פאַרנאַכלעסיקט די דאָרטיקע ווירטשאַפט און נישט אויסגענוצט דעם עקאָנאָמישן פּאָטענציאַל פון וואָלין.

במשך פון 20 יאָר איז אין לויצק נישט אויפגעבויט געוואָרן קיין איין און איינציקע אידוסטריעלע אונטערנעמונג. רימענדיק די „גרויסע ווירטשאַפטלעכע איניציאַטיוו פון דער פּוילישער שטאָט־פאַרוואַלטונג" דערציילט ראַטמאַן ש. שלייפשטיין ז"ל אין „וואָלינער פּרעסע" (אין 1938), ווי וועגן אַ וויכטיקן אויפטו: דאָס איבערנעמען די צעגעלניע פון ייד פּינטשוק, פאַר דעם חוב וואָס פּינטשוק איז געווען שולדיק דער קאָמונאַלער שפּאָר־קאַסע. שלייפשטיין דערציילט, אַז די פּוילישע שטאָט־טאַטעס האָבן פריער ממש מורא געהאַט פאַר ווערן בעלי־בתים פון אַזאַ „גרויסער" אונטערנעמונג. שפּעטער אָבער איז די געוועזענע יידישע צעגעלניע געוואָרן אַ קוואַל פון גרויסער הכנסה פאַר די פּוילישע מאַכט־האָבער. שוין נאָכדעם האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג אויפגעשטעלט אַ בעטאָן־פאַבריק, אין וועלכער עס זענען פּראָדוצירט געוואָרן קאַנאַליזאַציע־רערן, טראָטואַר־בלאָקן א.א. בעטאָן־אויסאַרבעטונגען. ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען געקויפט אויף קראַסנע אַ פּלאַץ און פּלאַנירט אויפצובויען דאָרט אַ מאָדערן שעכט־הויז. אויך די באַן־סטאַנציע האָט געזאָלט אַריבערגעטראָגן ווערן קיין קראַסנע, ווו עס האָט געזאָלט אַנטשטיין אַן אינדוסטריע־צענטער. דאָס זענען אָבער געווען נישט מער ווי פּראָיעקטן מיט וועלכע מען האָט געהאָדעוועט די אָרטיקע באַפעלקערונג, וועלכע האָט ווייניק פאַרשטאַנען די פּאָליטיק פון דער צענטראַלער פּוילישער מאַכט.

וואָלין און איר הויפּטשטאָט לויצק זענען ווירטשאַפטלעך געבליבן אָפּהענגיק פון די צענטראַלע און מערב־געביטן פון פּוילן. אַלע אינדוסטריעלע פאַבריקאַטן האָט מען געמוזט קויפן אין וואַרשע, אין קאַטאָוויץ אָדער אין פּויזן. אפילו קיין נייע עלעקטראָסטאַנציע האָבן די פּאָליאַקן נישט באַוויזן אויפצובויען. אויף דער פראַגע פון מיטאַרבעטער פון „וואָלינער פּרעסע" אין סוף 1938, ענטפערט דער שטאָט־פּרעזידיום, אַז אין קיצערצע בויט מען שוין אַ נייע עלעקטראָסטאַנציע און אַז ער וואַרט ביזן 1 נאָוועמבער 1939, ווען די געזעלשאַפט „וואָלט" וועט איבערגענומען ווערן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. ביידע זאַכן זענען נישט מקוים געוואָרן, צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה.

די צאָל יידן פאַרקלענערט זיך

נישט פאַראַן קיין בעסערער באַוויז וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּוילישער מאַכט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג — ווי די סטאַטיסטישע ציפערן. במשך פון 20 יאָר איז די אַלגעמיינע צאָל איינוווינער אין לויצק געוואַקסן פון 30 טויזנט ביז 45 טויזנט. אין דער זעלבער צייט איז אָבער די צאָל יידן געפאַלן פון 24 טויזנט ביז 20 טויזנט. אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט דעם נאַטירלעכן צוווּקס, דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז במשך פון דעם פּוילישן מאַכט־פּעריאָד זענען בערך 8—9 טויזנט יידן געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן לויצק. די גרעסטע מערהייט פון זיי האָט עמיגרירט אין די מעבר־לים לענדער. אַ געוויסער פּראָצענט איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. מיר געדענקען נישט קיין דערשיינונג פון איבערציען זיך אין אַנדערע פּוילישע גרעסערע שטעט. דאָס הייסט, אַז אַלע וואָס האָבן פאַרלאָזט לויצק האָבן פאַרלאָזט אויך פּוילן. טויזנטער יידן זענען געווען אין לויצק „איבעריק". אויף זייער אָרט אָבער האָט די פּוילישע מאַכט געבראַכט פון די מערב־געגענטן פּוילישע קאָלאָניסטן, אינטעליגענץ און סתם פּאָליאַקן, וועלכע מען האָט מיט דער הילף פון דער מלוכה און אירע פינאַנסן איינגעאָרדנט אין לויצק — מיטן ציל צו פאַרפּוילישן די הויפּטשטאָט פון וואָלין. כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָט דער מאַגיסטראַט אין יאָר 1930 באַשלאָסן צו פאַרברייטערן דעם שטח פון דער שטאָט און איינשליסן אין איר די הינטערשטאָטישע קוואַרטאַלן. דאָס האָט מיט איין מאָל געענדערט די כוחות־פאַרהעלטנישן אין לויצק לרעת די „מינדערהייטן", וועלכע זענען אין שטאָט פאַקטיש געווען די מערהייט.

אַלץ וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט אויפגעטאָן אין די 20 יאָר איז, קודם כל, אויסן געווען צו שטאַרקן די פּוילישע פּאָזיציעס אין דער שטאָט. אונטערצייענדיק דעם סך הכל פון דער בוי־באַוועגונג אין לויצק אין די יאָרן 1923—1938 גיט איבער ראַטמאַן שמחה שלייפשטיין אָט וואָס:

אין יאָר 1923 זענען געווען אין לויצק 2051 הייזער
" " 1931 " " " " 3811 "
" " 1935 " " " " 4205 "
" " 1937 " " " " 4350 "

ווי מיר זעען איז דער גרויסער שפּרונג אין דער צאָל הייזער געמאַכט געוואָרן דווקא אין די יאָרן 1923—1931. דאָס פאַרטייטשט זיך טאַקע מיטן אויסברייטערן די גרענעצן פון דער שטאָט. אָבער אויך נאָכן יאָר 1931 זענען צוגעקומען בערך 800 הייזער. די גרעסטע מערהייט פון זיי איז ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרן פאַר דער צוגעקומענער פּוילישער באַפעלקערונג. אַ גאַנצן נייעם קוואַרטאַל האָט מען פאַר זיי אויסגעבויט — די א.ג. „קאָלאָניע אוזשענדניטשע". די אָפּטיילונגען פון די מלוכה־בענק (באַנק־פּאָלסקי און באַנק־ראָלני) האָבן אויך אויסגעבויט פאַר זייערע באַאַמטע גרויסע הייזער־בלאָקן. פאַר די פּוילישע אָפיצירן האָט מען געבויט לוקסוס־וווינונגען. שפּעטער האָט מען דאָס אַלץ אונטערגעחשבנט און באַרעכנט אַז די צאָל צימערן איז געוואַקסן פון 11,400 אין יאָר 1923 ביז 22,600 אין יאָר 1937. געווען אַזעלכע וואָס האָבן פון דעם געדרונגען, אַז דער לעבנס־ניוואָ וואַקסט. פון דאָזיקן צוווּקס האָט אָבער גענאָסן קודם כל די ניי־איינגעוואַנדערטע פּוילישע באַפעלקערונג. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין איר גרעסטער מאַסע קאָנצענטרירט, אַזוי ווי בעתן צאַר ניקאָלאַי, אין די שמוציקע און פייכטע גאַסן פון דער אַלטער שטאָט קראַסנע, נאָוואָ־סטראָיעניע, ווילקע און דאָלינע. פאַר דער דאָזיקער באַפעלקערונג האָט די פּוילישע מאַכט נישט געווידמעט נישט קיין מיטלען און נישט קיין אויפמערקזאַמקייט.

דיסקרימינאַציע אויפן דערציִונגס־געביט

ערבֿ דעם אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג זענען אין לויצק געווען 4—5 יידישע שולן. דאָס זענען געווען פּריוואַטע שולן, וועלכע זענען באַשטאַנען פון 1—4 ערשטע קלאַסן. אַזוי האָט אַ גרופּע לערער (קרעמען, ליפּשטיין, שטערן א.א.), בשותפות מיטן בעל־הבית פון דער דירה (מאיר סקירטש), געגרינדעט דעם „בית־ספר" פאַר קינדער פונעם מיטלשטאַנד. אין „בית־ספר" האָט מען געלערנט לשון קודש, חשבון, רוסיש און קאַליגראַפיע. אַ צווייטע שול פאַר יינגלעך איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן דורך די לערער משה און שיינדעלע דינקשטיין (געקומען פון קרעמעניץ). עס זענען שפּעטער אַנטשטאַנען נאָך אַנדערע דריי שולן — צוויי פאַר מיידלעך און איינע פאַר יינגלעך.

ווי עס גיט איבער אין זיינע זכרונות ה' יואל פּערעל, האָט די צאַרישע מאַכט אין יענע צייטן דערלויבט צו עפענען וועלטלעכע שולן נאָר פאַר מיידלעך. האָט טאַקע ה' ליבערמאַן געעפנט אין אַ שיינעם לאָקאַל (נישט ווייט פון טעאַטער־בנין) אַ מיידלשע שול פאַר רייכערע קינדער. די שילערינס האָבן געטראָגן אוניפאָרמען און געלערנט פראַנצויזיש. געוויסע אַביטוריענטקעס פון דער דאָזיקער שול זענען שפּעטער אַריבער זיך לערנען אין קאָלענקאָס רוסישער גימנאַזיע. אין הויז פון ד"ר בראָנבערג האָט עקזיסטירט אַ שול פון פרוי מור. איר מאַן, אויך אַ לערער, האָט אָרגאַניזירט אַן אומלעגאַלע וועלטלעכע שול פאַר יינגלעך. זי האָט זיך געפונען נאָך דער באַזיליאַנער בריק, אין אַ כאַטע פון צוויי צימערן. דער באַקאַנטער אין לויצק סטאָראָזש מיכאַלקאָ, פלעגט סיגנאַליזירן דעם לייטער פון דער שול, אויב עס האָט זיך דערנענטערט אַן אינספּעקטאָר.

הונדערטער יידישע קינדער האָבן זיך דערצויגן אין דער ישיבה, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דער משפּחה קרוינשטיין. אַ קלענער טייל האָט געלערנט אין דער רוסישער פאָלקס־שול און בלויז די רייכערע יידן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו שיקן זייערע קינדער אין דער רוסישער גימנאַזיע פון קאָלענקאָ.

מיטן אויסברוך דער ערשטער רוסישער איבערקערעניש האָבן די לויצקער יידן באַשלאָסן פונאַנדערבויען דאָס שול־וועזן. נישט וואַרטנדיק אויף דער פּאָליטישער סטאַביליזאַציע, גרינדן די יידן אַ יידישע גימנאַזיע. מען חלומט וועגן אַ יידישער האַנדלס־שול. די העברעישע „תרבות"־שול ציילט ביז 400 קינדער. אין דער זעלבער צייט אַנטשטייט די יידישע שול. די נאָר וואָס באַקומענע פּאָליטישע פרייהייטן עפענען פאַר די לויצקער יידן נייע האָריזאָנטן און זיי באַשליסן קודם כל דערמעגלעכן זייערע קינדער בילדונג.

די אַלע חלומות ענדיקן זיך מיטן איינשטעלן זיך פון דער פּוילישער מאַכט. די נייע מאַכט האָט נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע. זי האָט אויך מיט אַלע מיטלען געשטערט דער יידישער יוגנט צו באַקומען מיטעלע און העכערע בילדונג. באַזונדערס האָט זי אַלץ געטאָן אויף צו שטערן די דערציִונג אין יידישן נאַציאָנאַלן גייסט.

שוין אין 1917 ווערט דורך אַן עלטערן־קאָמיטעט געגרינדעט די יידישע גימנאַזיע, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז 1939. אין אַ מעמאָראַנדום, וואָס דער קאָמיטעט האָט אין יוני 1921 צוגעשיקט צום דעלעגאַט פון אַמעריקאַנער הילפס־פאָנד פאַר לויצק, ה' פּאַפּיר (איצט אין וואַשינגטאָן), ווערט דערציילט, אַז פון אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן אין לויצק זענען די יידן די איינציקע, וועלכע האָבן נאָך נישט קיין פּאַסיקן לאָקאַל פאַר זייער מיטל־שול. די רוסן, דייטשן און פּאָליאַקן האָבן שוין געהאַט זייערע בנינים. בלויז די 24 טויזנט יידן זענען געבליבן אין דריי אַלטע הייזער מיט אַ שלעכטן סאַניטאַרישן צושטאַנד. 500 שילער, בתוכם 150 פון אומפאַרמעגלעכע עלטערן, האָבן אין יענער צייט באַזוכט די יידישע גימנאַזיע. שפּעטער איז דער דאָזיקער ציפער שטאַרק געפאַלן.

ביזן יאָר 1929 האָט די שול־מאַכט בכלל נישט אָנערקענט די גימנאַזיע און נישט צוגעלאָזט אירע אביטוריענטן צו מאַטורע־עקזאַמען. אין דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג אויפגעבויט אַ פּרעכטיקן בנין פאַר דער פּוילישער גימנאַזיע און באַזאָרגט די פּוילישע שילער מיט אַלע נויטיקע אינסטרומענטן און אינווענטאַר. דער שכר לימוד אין דער פּריוואַטער יידישער גימנאַזיע איז פאַרשטענדלעך געווען אַ גרויסער און נישט אין פעיקער יידישער יוגנטלעכער האָט צוליב דעם געמוזט רעזיגנירן פון לערנען.

די פאַרשידענע קוראַטאָרס און וויזיטאַטאָרס האָבן זיך אַריינגעמישט אינעם אינערלעכן לערן־פּראָגראַם פון דער גימנאַזיע. מען האָט במשך פון דער צייט פאַרקלענערט די צאָל שעהן פון העברעיש און אפילו פון רעליגיע און יידישער געשיכטע. שוין אָפּגערעדט וועגן דער לערן־שפּראַך, וועלכע איז געווען פּויליש. יידישע קינדער, וועמענס מוטער־שפּראַך איז געווען יידיש זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן נסיון אַריבערצוגיין אויף דער פּוילישער שפּראַך, וועלכע געהער נישט צו די לייכטע.

אין דער לויצקער „נייע צייטונג" פון 21 אויגוסט 1931 באַקלאָגט זיך שטאַרק איינער פון די עלטערן, פאַרוואָס די גימנאַזיע האָט שטאַרק פאַרקלענערט דעם לערן־פּראָגראַם פון העברעישע לימודים, וועלכע מען האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון די באַקומענע מלוכה־רעכט. דער פאַרדינסטפולער לערער און ציוניסטישער עסקן י. ד. פּעטשעניק ענטפערט אויף דער דאָזיקער באַשולדיקונג, אַז שולדיק איז דער „געבאָט פונעם לעבן", וועלכער צווינגט די עלטערן און די לערער פון דער גימנאַזיע צו לאָזן זיך אויפן וועג פון „קאַזיאָנשטשינע" אינעם דערציִען זייערע קינדער און צו דערמעגלעכן זיי צו באַקומען מאַטורע.

די דיסקרימינאַציע האָט זיך נישט געענדיקט מיטן באַשווערן די יידישע יוגנט באַקומען מיטעלע בילדונג. שוין נאָכן בייקומען די דאָזיקע שוועריקייטן, זענען די מאַטוריסטן געשטאַנען פאַר די פאַרמאַכטע טויערן פון די פּוילישע אוניווערסיטעטן. בלויז געציילטע יוגנטלעכע איז געלונגען זיך אַריינבאַקומען אין דעם ווילנער אָדער וואַרשעווער אוניווערסיטעט, און דאָס אויך — נאָר אין די ווייניק־וויכטיקערע פאַקולטעטן, אָבער זעלטן ווען אויף מעדיצין און אין פּאָליטעכניקום. די יידישע יוגנט פון לויצק וועלכע האָט געוואָלט ווייטער שטודירן איז געווען געצוווּנגען צו פאָרן קיין אויסלאַנד. בלויז אין פּראָג גופא האָבן שטודירט צענדליקער לויצקער יוגנטלעכע, פון וועלכע פיל זענען שפּעטער געוואָרן פעיקע דאָקטוירים, אינזשינירן און געזעלשאַפטלעכע טוער.

אין 1931 זענען אין לויצק געווען 90 יידישע סטודענטן. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין זומער יענעם יאָר זענען

צו די אינסטאַנצן פון דער לויצקער יידישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע אויסגעוויילט געוואָרן ראַפּאַלאָווסקי, גאַסקאַ, ווייספּאָגעל, זאַבלודאָווסקאַ, מירסקי, שטערנבוים, לאַנדסבערג, פּעמאָוו, גליקליך, שירושיק און פּינוס.

בלויז געציילטע פון די 90 האָבן שטודירט אין פּוילן. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו מאָביליזירן געזעלשאַפטלעכע מיטלען אויף הילף די אומפאַרמעגלעכע סטודענטן און אויך אויף צו פירן אַ קולטור־אַרבעט.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג באַקלאָגט זיך י. ראָזענשטראָם אין דער „נייע ציַיטונג" נר. 19 (אויגוסט 1931), אַז „עס איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער מלחמה אַ טיפּ פון אַקאַדעמיקער, וועלכער האָט נישט קיין אַנדער שטרעבונג ווי נאָר אַמגיכסטן ענדיקן דאָס שטודיום — אַלס מיטל צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ."

די 90 סטודענטן טרעפט מען נישט, ווי עס באַקלאָגט זיך ראָזענשטראָם, אין אָרטיקע נאַציאָנאַלע אָדער קולטור־אינסטיטוציעס, „און געפונען קאָן מען זיי נאָר אויף די פאַרוויילונגס־פּלעצער אָדער אויף די פּליאַזשעס."

דער דאָזיקער צוגאַנג פון די סטודענטן צום לעבן, דאָס איגנאָרירן דעם געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן געראַנגל איז טאַקע נישט מער ווי איינער פון די פּסיכאָלאָגישע אויסדרוקן פון דעם צאָרן און ווייטאָג, וועלכן די מערהייט סטודענטן האָט געהאַט אויסצושטיין אין שייכות מיט זייער אייגענעם קאַמף פאַר אַ צוקונפט.

ערב דעם חורבן זענען אין לויצק געווען אַ ריי יונגע דאָקטוירים ווי: ד"ר גאָלדשטיין, ד"ר פּינוס, ד"ר זעלצער, ד"ר סאַפּיאַן, ד"ר קוניצאַ, ד"ר ראָזענשטראָם, ד"ר ראַפּאַלאָווסקי, ד"ר צוקער. ווי עס גיט איבער ד"ר סאַפּיאַן, האָט דער מעדיציניש־ער יידישער פּערסאָנאַל געציילט אין 1942 ביי 500 פּערזאָן. בלויז אַ קליינער טייל פון זיי האָט שטודירט אין פּוילן. זיי אַלע האָבן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און מיט קרבנות מצד זייערע משפּחות דערגרייכט צו די פּראָפעסיעס.

נישט בעסער איז געווען די באַציונג פון דער פּוילישער מאַכט לגבי די יידישע פאָלקס־שולן. שוין אין 1918 ווערט אין לויצק געגרינדעט אַ העברעישע פאָלקס־שול, וועלכע איז אין גאַנצן אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון דער דעמאָלטדיקער נאַציאָנאַלער קיעווער רעגירונג. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער לערנען אין דער דאָזיקער שול 300 קינדער. די פּוילישע מאַכט אָנערקענט אָבער נישט די שול, און די גאַנצע לאַסט פון אויסהאַלטן זי פאַלט אויף די עלטערן. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אויפשטעלן די פּוילישע א.ג. „פּאָווזשעכנע" מלוכהשע שולן פאַר יידישע קינדער האָט מיט איין מאָל אַרונטערגעריסן די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון דער „תרבות" שול. פון די 300 קינדער בלייבן נישט מער ווי 50. במשך די 20 יאָר פּוילן האָט די „תרבות"־

י. ראָזענשטראָם

וויצע־פאָרזיצער פון פאַרבאַנד
סטודענטן — פּוילישע בירגער אין פּראָג

„1. ...דער וועג פאַרן דערגרייכן דעם דיפּלאָם, אַזוי שוין אַפילו נאָכן באַקומען אים, איז פאַרן יידישן סטודענט זייער אַ שווערער. אין קעגנזאַץ צום פּוילישן סטודענט, וועלכער באַקומט אין דער מערהייט רעגירונגס־הילף אין דער פאָרם פון אַ געזיכערטן פּאָסטן, סיי אין דער צייט פון שטודיום, אַזוי נאָך אים — איז דער יידישער סטודענט אָנגעוויזן אויף זיינע אייגענע כוחות. נישט נאָר מען זאָרגט נישט פאַר אים, נאָר מען שטערט אים אין זיין טעטיקייט. דער יידישער סטודענט מוז זיין פילפאַכיק ענערגישער און עמפּינדלעכער פון זיין קאָלעגע דעם נישט־ייד. מיט זייערע בעסטע צייגענישן ווערן די יידישע סטודענטן נישט צוגענומען אין די פּוילישע הויכשולן צוליב א.ג. „מאַנגל אין פּלאַץ". די יידישע קאַנדידאַטן מוזן, ביי די מינימאַלסטע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן, אויך פאַרזעצן זייער שטודיום אין אויסלאַנד.

מיר טרעפן גרויסע קאָלאָניעס פון יידישע סטודענטן פון פּוילן אין כמעט אַלע גרעסערע שטעט אין אויסלאַנד. אין פּראָג גופא שטודירן כמעט אַ 1,500 יידישע סטודענטן פון פּוילן און אין גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיי — ביי אַ 2,000. כמעט צוויי־דריטל פון זיי לערנען מעדיצין.

אין דער מערהייט לעבן זיי אין זייער שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אָן וועלכער עס איז הילף מצד דער רעגירונג און אויך מצד דער יידישער געזעלשאַפט. (אויך דאָ אין פּראָג באַקומען די 70 סטודענטן־פּאָליאַקן די גרעסטע הילף, סיי פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, סיי פון דער פּוילישער רעגירונג). די יידן לערנען זיך גוט און זיי האָבן די בעסטע צייגענישן פון די פּראָפעסאָרן.

ווען די יידן, נאָכן ענדיקן אין אויסלאַנד, ווילן פּראַקטיצירן אין פּוילן — דאָס הייסט ביי זיך אין לאַנד — אַנטשטייט פאַר זיי אַ ניי געשפּענסט: „נאָסטריפיקאַציע" — אָפּגעבן נאָכאַמאָל אַלע עקזאַמענס אין אַ פּוילישער אוניווערסיטעט. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז דער מעדיצין־שטודיום דויערט: 6 יאָר אוניווערסיטעט, 2 יאָר נאָסטריפיקאַציע, איין יאָר נויטיקע פּראַקטיק אין שפּיטאָל, ד.ה. 9 ביז 10 יאָר.

מיט אַלע מיטלען האָבן מיר געפּרוווט אויספּועלן ביי דער פּוילישער רעגירונג מקצר צו זיין דעם לאַנגן שווערן וועג, אָבער אויף אַלע אונדזערע אינטערפּעלאַציעס און מעמאָריאַלן גיט דאָס מיניסטעריום אַזעלכע תשובות:

1) די פּוילישע אוניווערסיטעטן פאַרמאָגן נישט אַזויפיל פּלאַץ; עס איז פאַראַן אַ מאַנגל אין פּראָפעסאָרן און אין מאַטעריאַל.

2) אין פּוילן איז בכלל פאַראַן צופיל דאָקטוירים, און היות פּוילן איז אַ יונגע מלוכה, דאָס לאַנד איז רואינירט פון דער מלחמה — איז נישטאָ קיין נויטווענדיקייט צו פאַרגרעסערן די הויכשולן.

און דאָ פרעגן מיר: פאַרוואָס האָט פּוילן אין 1926 געהאַט 3,660 סטודענטן אויף אירע מעדיצינישע שולן, בעת טשעכאָסלאָוואַקיי, וועלכע איז כמעט דריי מאָל קלענער, האָט אין יאָר 1925 געהאַט 4,120 סטודענטן?

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פּוילן פאַרנעמט דאָס 17־טע אָרט צווישן די אייראָפּעישע מדינות לויט דער צאָל דאָקטוירים אויף 10 טויזנט איינוווינער.

(פון אַן אַרטיקל אין דער „נייע ציַיטונג", לויצק, 31 יולי 1931)

שול זיך שווער געראַנגלט. זי האָט נישט געהאַט קיין באַקוועמען לאָקאַל, זי האָט געמוזט זיך באַנוגענען מיט פרימיטיווע אַרבעטס־באַדינגונגען. עטלעכע יאָר איז די שול געווען איינגעקוואַטירט אין צוויי ווייטע פון זיך בנינים, און דאָס האָט ביז גאָר באַשווערט דאָס אָנפירן מיט דער שול און מיט דעם שול־לעבן בכלל. בלויז אַדאַנק דער עקשנות פון לערער־פערסאָנאַל און דער ציוניסטי־שער סימפּאַטיע פון לוצקער יידן איז די שול נישט אונטערגע־גאַנגען און האָט זיך שפּעטער שיין אַנטוויקלט. דאָס אַלץ איז אָבער געשען טראָץ דער שטיפמוטערישער באַציִונג מצד דער פּוילישער מאַכט.

דאָס זעלבע איז געווען מיט דער יידישער ציִשאָ־שול. זי האָט זיך געפונען אויף אַ נישט אַנטשפּרעכנדיקן אָרט. די פּוילישע שול־קוראַטאָרן האָבן שטענדיק געהאַט טענות צו דער שול־דירעקציע, הלמאי די שול גייט נישט איבער אין אַ בעסערן בנין. מען האָט געשטעלט דער שול אולטימאַטומס, פּונקט ווי די לערער און פאַרוואַלטער וואָלטן געהאַט פאַרגעניגן דערפון, וואָס זיי אַליין צוזאַמען מיט די שילער מוטשען זיך אין די ענגע און טונקעלע שול־צימערן.

אויך די באַרימטע תלמוד־תורה, וועלכע האָט פאַר די רו־סישע צייטן זיך אויסגעהאַלטן פון שכר־לימוד און פון קצבה־געלט, איז אין די פּוילישע צייטן געווען אויסגעשטעלט אויפן אייגענעם באַראָט. קינדער פון די אָרעמסטע קוואַרטאַלן און שיכטן האָבן באַזוכט די תלמוד־תורה און ישיבה. אין די לעצטע יאָרן האָט דער לערן־פּראָגראַם פון דער תלמוד־תורה אַריינגענומען געוויסע וועלטלעכע לימודים, חשבון, עברית און יסודות פון דער פּוילישער שפּראַך. די מאַכט, סיי די קאָמונאַלע ווי די צענטראַלע, האָט אָבער נישט אויסגעטיילט קיין סובווענצן פאַרן אויסהאַלטן די דאָזיקע יידישע לערן־אַנשטאַלטן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער שיינער בנין פון דער תלמוד־תורה רעקוויזירט געוואָרן דורך די רוסן פאַר אַ שפּיטאָל. באַלד נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה האָבן יידן אָנגע־הויבן זיך צו באַמיען, אַז דער בנין זאָל אומגעקערט ווערן זיינע געזעצלעכע אייגנטימער. ס׳זענען אָבער אַדורך יאָרן, ביז וואַנען די פּוילישע מאַכט האָט עוואַקואירט פון דאָרט דעם שפּיטאָל.

אין לוצק זענען געווען רעליגיעזע שולן — „חורב" און „בית יעקב". אויך די דאָזיקע שולן האָבן נישט גענאָסן פון קיין שום מלוכהשער אונטערשטיצונג. זייער חטא — דאָס זענען געווען שולן, וועלכע האָבן דערצויגן אין יידישן גייסט.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אויב די פּוילישע מאַכט האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון יידישן נאַציאָנאַלן שול־וועזן, האָט זי אפשר גלייכצייטיק סטימולירט די בילדונג פון דער יידישער יוגנט אין די פּוילישע מלוכהשע שולן. אַזוי צו טראַכטן וואָלט אָבער געווען נישט ריכטיק.

ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אויסגעהאַלטן געוואָרן ס"ה 9 פאָלקס־שולן, אין וועלכע ס׳האָבן געלערנט בערך 6,000 קינדער, יידישע און נישט־יידישע. אין די דערמאָנטע שולן זענען געווען באַשעפטיקט קרוב צו 100 לערער. דאָס באַדייט, אַז דורכשניט־לעך האָט איין לערער באַדינט 60 שילער — אַ זאַך, וואָס האָט באַשווערט ביז גאָר סיי דאָס לערנען און סיי דאָס דערציען. בלויז צוויי שולן האָבן געהאַט אייגענע בנינים. „אַלע איבערי־קע — שרייבט ש. שליפּשטיין אין 1938 — געפינען זיך (נאָך 19 יאָר פּוילישער הערשאַפט!) אין געדונגענע הייזער. נישט אַלע זענען ווי געהעריק צוגעפּאַסט פאַר אַ שולע."

דער פּראָגראַם פון די „פּאָווששעכנע" שולן האָט אויסגע־שלאָסן וועלכע ס׳איז יידישע קעגנשטענדן. געלערנט האָט מען אין צוויי שיכטן — פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג. יידישע רעליגיע האָט מען געלערנט אין פּויליש, טראָץ דעם וואָס די מערהייט שילער זענען אין געוויסע שולן געווען יידישע.

ווי געזאָגט, האָט די מאַכט במשך פון לאַנגע יאָרן נישט געוואָלט אָנערקענען מלוכה־רעכט פאַר דער יידישער גימנאַזיע. דאָס האָט באַדייט פאַרמאַכן די טירן פון די העכערע שולן פאַר אירע אַביטוריענטן. אָבער אויך די אָרטיקע פּוילישע מלוכהשע גימנאַזיע איז געווען כמעט ווי פאַרשלאָסן פאַר יידן. עס האָט דאָרט געהערשט אַ פּראָצענט־נאָרמע, און בלויז געציילטע, קינ־דער פון רייכערע מענטשן, אָדער ביז גאָר פעיקע, האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אַהין אָנצוקומען. אויף 500—600 שילער זענען געווען בסך הכל ביז 30 יידישע שילער.

די זעלבע דיסקרימינאַציע, וואָס איז געוואָרן אָנגעווענדט אויפן געביט פון דערציונג, איז דורך די פּאָליאַקן געוואָרן פּראַקטיצירט אויך אויף אַלע אַנדערע קולטור־געביטן: יידישע ביבליאָטעקן, יידישע דראַמאַטישע קרייזן, יידישע כאָרן און אָר־קעסטערס, יידישע ספּאָרט־קלובן האָבן נישט באַקומען קיין שום אונטערשטיצונג. אין פיל פאַלן האָבן זיי געמוזט אויסשטיין שיקאַנעס מצד די מאַכטהאָבער און די באַאַמטע. באַשרייבנדיק די געשיכטע פון יידישן ספּאָרט אין לוצק, דערציילט ש. כאַזאַן („וואָלינער פּרעסע", 1938), אַז ווי נאָר די פּאָליאַקן זענען אַריין קיין לוצק, האָבן זיי קאָנפיסקירט אַלע ספּאָרט־מכשירים פון יידישן ספּאָרט־קלוב, וועלכער האָט זיך געגרינדעט נאָך דער רוסישער פעברואַר־רעוואָלוציע. זיי האָבן אויך צוגענומען ביי די יידן דעם לאָקאַל פונעם ספּאָרט־קלוב. אַלע ווענדונגען וועגן לעגאַליזירן אַ יידישן ספּאָרט־קלוב זענען במשך פון יאָרן געוואָרן אָפּגעוואָרפן. איינמאָל, נאָך דעם ווי דער ראָוונער יידישער ספּאָרט־קלוב „מכבי" האָט געוווּנען אַ פוטבאָל־מעטש קעגן דער מיליטערישער דרוזשינע, האָט די מאַכט פאַרבאָטן די טעטיקייט פון אַלע „מכבי"־קלובן אין גאַנץ וואָלין.

ביי יעדער אָרגאַניזירטער קולטור־אימפּרעזע האָט מען גע־מוזט אַרויסנעמען ביים סטאַראָסטע אַ באַזונדערע דערלויבעניש און אָנגעבן פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן אָפּהיטן די אָרדענונג. נישט איינמאָל האָט דער סטאַראָסטע אויך געפאָדערט דעם פולן פּראָ־גראַם פון דער אימפּרעזע צום צענזורירן.

יעדער פּרווו צו אָרגאַניזירן קולטור־אינסטיטוציעס האָט געמוזט דורכמאַכן די פּעריפּעטיעס פון לעגאַליזירן זיך, מיט אַ סטאַטוט און אַ פאַרוואַלטונג. דערביי האָבן די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען געמאַכט די איניציאַטאָרן פאַרשידענע פאָרמעלע שווע־ריקייטן.

באַציִונג צו די יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס

איינגענומענדיק לוצק אין יאָר 1919 האָבן די נייע פּוילישע הערשער געטראָפן אַן אָרגאַניזירטע יידישע קהילה. זיי האָבן אָבער במשך פון פולע 9 יאָר נישט געוואָלט אָנערקענען די

פּאַרוואַלטונג, אין יאָר 1927 איז פּלוצעם אָנגעקומען פון פּאַן סטאַראָסטע אַ בריוו, אַז ער לאָזט פונאַנדער (די נישט־אָנער־קענטע) פּאַרוואַלטונג און באַשטעטיקט אַ צייטווייליקן קאָמיטעט אויף אַדורכפירן פּאַרמעלע וואַלן. דער רעזולטאַט פון די וואַלן האָט דעמאַסקירט די פלוצעמדיקע ווענדונג אין דער באַציונג צו דער קהילה. ביזן 1928 זענען פאָרזיצער פון דער קהילה־פּאַרוואַלטונג געווען דוד לענדער און חייקל ווייץ, ביידע — אָנגעזעענע און אַקטיווע ציוניסטן. היות צו יענער צייט האָבן די ציוניסטן אין פּוילן, אונטער דער פירונג פון יצחק גרינבוים, אָרגאַניזירט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צום קאַמף קעגן דער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, האָבן די פּאָליאַקן באַשלאָסן אונטערגראָבן אומעטום די פּאָזיציע פון די ציוניסטן אין די קהילות. אַלס פּאָרזיצער פון דער נייער קהילה־פּאַרוואַל־טונג איז אויסגעוויילט געוואָרן לאַזאַר דאַל, דער שפּעטערדיקער סענאַטאָר און מיטאַרבעטער פון ב. ב. וו. ר. (פּילסודסקי־פּאַרטיי). אַוודאי אינספּירירט דורך אַ רמז פון אויבן, האָט די נייע קהילה־פּאַרוואַלטונג פאַר איר ערשטע אויפגאַבע געזען דאָס אַרויסוואַרפן פונעם קהילה־בנין דעם פּאַלעסטינע־אַמט און די העברעישע ביבליאָטעק. ביידע אינסטיטוציעס זענען דערווייטערט געוואָרן דורך אַן עקסמיסיע, אַרויסגעגעבן דורכן פּוילישן גע־ריכט. די העברעישע ביכער האָבן זיך געוואַלגערט אין גאַס, אָבער די נייע בעלי־הבתים האָט דאָס נישט געאַרט. מער פון אַלעמען האָבן זיך מסתמא געפרייט דער סטאַראָסטע און זיינע אינסטרואירער פון אינערן־מיניסטעריום אין וואַרשע. זיי האָבן געשאָסן צוויי האָזן מיט איין מאָל: געגעבן אַ קלאַפּ דעם ציו־ניסטישן כוח און צעפלאַקערט אַ ברידער־קריג צווישן די יידן.

ממש אין דער זעלבער צייט האָט די פּוילישע מאַכט געמאַכט אַ פּרווו צוצונעמען פון דער קהילה דעם בנין, פון וועלכן מען האָט נאָר־וואָס עקסמיטירט די ציוניסטן. איסנוצנדיק דעם פאַקט, וואָס די קהילה האָט נישט געהאַט קיין היפּאָטעקאַרע דאָקומענטן אויפן בנין, האָט די מאַכט אַרויסגערוקט פּרעטענ־סיעס, אַז זי איז כלומרשט דער געזעצלעכער יורש פונעם יידישן בנין. מיט גרויסע שוועריקייטן איז געלונגען די גזרה באַזייטיקן, אָבער די פּוילישע מאַכט האָט שוין קיינמאָל נישט באַוויליקט אַרויסצוגעבן דער פּאַרוואַלטונג דאָקומענטן, אַז זי איז טאַקע דער לעגיטימער בעל־הבית פון בנין.

באַזונדערס פיינטלעך איז געווען די באַציונג מצד די פּויי־לישע מאַכט־אָרגאַנען צו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. פון איין זייט האָבן די פּאָליאַקן באַמיט זיך פאָרצושטעלן די יידן ווי אַ פרעמדן עלעמענט, און פון דער אַנדערער — האָבן זיי באַ־שווערט די אַרבעט פון די, וואָס האָבן דערצויגן די „פרעמדע" אין גייסט פון בויען אַן אייגן יידיש לאַנד.

יעדער שריט פון די ציוניסטישע קערפּערשאַפטן האָט זיך אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. גאָר שטאַרק האָבן געליטן די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אַן אַ דערלויבעניש האָט מען נישט געטאָרט מאַכן קיין אויספלוג און קיין שום עפנטלעכע אימפּרעזע. די פּוילישע געהיים־אַגענטן האָבן געדודפּט די טוער פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען פאַרברעכער.

געווען אַ פאַל ווען אַ גרופּע פון שומרישער יוגנט (אין עלטער פון 14—12 יאָר) האָט איינגעאָרדנט אַ סקויטן־שפּיל אין די גאַסן פון לויצק. מיטגעגאַנגען מיט די סקויטן איז זייער ראש קבוצה

GMINA ŻYDOWSKA w ŁUCKU.

ODEZWA.

W dniu 23-go Stycznia 1929 r. zawita do naszego miasta

SŁYNNY POETA i GENERALNY DYREKTOR

„KEREN-HAJESOD"

(Fundusz Odbudowy Palestyny) w Jerozolimie

P. LEJB JAFFE

W związku z powyższem Zarząd Gminy Wyznaniowej Żydowskiej m. Łucka zwraca się z apelem do ludności żydowskiej o wzięcie udziału w uroczystym przyjęciu, urządzonem na cześć dostojnego gościa w dniu powyższym i powitanie go o godz. 9 rano na dworcu kolejowym m. Łucka.

הקהלה העברית בלוצק.

ביום ד', 23 I 1929

יבא לעירנו המשורר העברי הגדול,

הדירקטור המנהל את הלשכה הראשית של קרן היסוד בירושלם

ה' ליב יפה

בקשר עם זה פונה הקהלה העברית בלוצק אל אוכלוסי היהודים דכאן לחלק להאורח החשוב הנ"ל את הכבוד הראוי ע"י השתתפותם בקבלת הפנים החגיגית, הנערכה לכבוד האורח הנכבד על תחנת הרכבת ביום ד' בשעה 9 בבקר.

שלטון הקהלה העברית.

לוצקער יודישע קהלה

מיטוואָך, דעם 23 I 9 40 אינדערפרי

קומט קיין לוצק דער גרויסער יודישער דיכטער

און הויפּט־דירעקטאָר פון קרן היסוד אין ירושלים

ה' ליב יפה

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווענדעט זיך די יודישע קהלה צו דער יודישער באַפעלקערונג אין לוצק אַרויסצוגיין דעם חשובן גאַסט דעם געהעריגן כבוד און גאַסטפריינדליכקייט, דורך באַטייליגען זיך אין דעם פייערליכען קבלת פנים, וואָס ווערט איינגעאָרדנעט ביי דער באַן־סטאַנציע מיטוואָך, דעם 23 יאַנואַר ה. י. 9 אַ זייגער פריה.

קהלה־פאַרוואַלטונג אין לוצק

יעקב אפרת (איצט אין קיבוץ רוחמה). פּלוצעם שטעלט אים אָפּ דער אַגענט מאַטוסיאַק, רופט אים אַריין אין אַ זייטיק געסל און פרעגט אים: „אַזוי גרייטסטו זיי צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע?" נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, לאָזט ער אים אַראָפּ צוויי פּלאַמיקע פּעטש און גייט זיך רויק אַוועק.

אויף אַלע חלוצישע און שומרישע קאָנפערענצן, וועלכע זענען פאַרגעקומען אין לויצק, זענען געשיקט געוואָרן מוסרים אין אַגענטן. דאָס גרינדן דעם קיבוץ האָט זיך אָנגעטראָפן אויף פּאַרמעלע שוועריקייטן. און אַזוי איז עס געווען אויף טריט און שריט.

כדי אָפּצושוואַכן די יידישע סאָלידאַריטעט האָבן די פּוילישע מאַכט־האָבער אָנגעווענדט דאָס אַלטע מיטל פון „טייל און הערש". נישט גענוג וואָס זיי האָבן קינסטלעך פאַרקלענערט די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין שטאָטראַט, איז זייערע אָרטיקע פּאָליטיקער געלונגען צו פונאַנדערפלאַקערן אַ קריג צווישן דער גרופּע פון בראָנבערגן און דער גרופּע פון זשיטינען און פרישבערגן. די קעגנזייטיקע אָנגרייפן און באַשמוצונגען פון ביידע גרופּן האָבן קיין כבוד דער יידישער באַפעלקערונג נישט געבראַכט. די אינערלעכע רייבונגען, איניציאירטע דורך די פּאָליאַקן, האָבן אָפּגעשוואַכט דעם כוח פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן דער דיס־

קרימינאַציע־פּאָליטיק פון דער פּילסודסקי־פּאַרטיי. „די פּאָר מה־יפית יידעלעך — שרייבט אין זייער אַ שאַרפן אויפרוף ד״ר בראַנבערג אין סוף נאָוועמבער 1931 — האָבן געהאָלפן שאַפן אַ פעסטע גויישע מערהייט. הגם זיי אַליין זענען אויך אומעטום אַריין, צו איינעם אָדער צווי, איז דאָס נאַטירלעך נאָר אַ חוזק, ווייל זיי האָבן געהאָלפן אַוועקגעבן דעם ה׳ וויעזשביצקי (דעם פּוילישן שטאָט־פּרעזידענט) דעם אויבנאַן, די איבערוויגנדיקע מערהייט, און אַליין געבליבן דאָרט ווי עס דאַרפן בלייבן משר־תים — ביי דער טיר.״

אין יענער צייט האָבן די יידן נאָך אַלץ געהאַט 14 מאַנדאַטן לגבי 13 נישט־יידישע. די יידישע גרופּן זענען אָבער געווען צעשפּליטערט. 2 בונדישע ראַטמענער האָבן זיך פון פּאַרויס נישט געוואָלט סאָלידאַריזירן מיט די פאַרשטייער פון „יידישן קליינבירגערטום״. די איבעריקע 12 איז געלונגען צו פונאַנדער־טיילן מיט פאַרשידענע אומוויכטיקע צוזאָגן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז טייל ציוניסטישע ראַטמענער האָבן זיך אָפּגע־האַלטן פון שטימען פאַר אַ פאַרשלאַג צו פּראָטעסטירן קעגן ענדעקישן אַנטיסעמיטיזם, בלויז דערפאַר, ווייל דער פאַרשלאַג־געבער איז געווען ד״ר א. בראַנבערג. אַ צווייט מאָל האָבן אַלע יידישע ראַטמענער געשטימט קעגן בונדישן פאַרשלאַג אָנצורופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ.

די לויצקער שטאָט־פאַרוואַלטונג (1936)

די צעבראָכענע יידישע סאָלידאַריטעט איז צוריקגעשטעלט געוואָרן ערשט ערב דער מלחמה. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט.

עקאָנאָמישער דרוק

אויפן עקאָנאָמישן געביט איז די פּאָליטיק פון דער פּוילישער מאַכט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון באַשווערן ווי ווייט מעגלעך דאָס יידישע לעבן, אַרונטעררייסן די יידישע עקאָנאָמישע פּאָ־זיציעס און נישט דערלאָזן די יידן אַריינדרינגען אין קיין שום נייע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

דער סאָציאַלער געבוי פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך וויניק וואָס געביטן זינט דעם פאַלן פון צאַרישן רעזשים. אין יאָר 1933 זענען אין די וואָלינער שטעט געווען 124 טויזנט יידן, ד.ה. בערך 25 טויזנט משפחות. פון דער אַנדערער זייט ווייסן מיר, אַז פון 19,743 האַנדלס־פּאַטענטן אין וואָלין אין יענעם יאָר, האָבן יידן אויסגעקויפט 14,526. דאָס באַ־דייט, אַז 75 פּראָצענט פון האַנדל איז געלעגן אין יידישע הענט. אינעם דערמאָנטן יאָר זענען אין וואָלין גע־ווען 1952 יידישע לאַנדווירטשאַפטן וועלכע האָבן פאַרנומען אַ שטח פון 35 טויזנט העקטאַר! זייער צאָל האָט זיך אָבער געהאַלטן אין איין פאַרקלענערן, סיי צוליב דעם נידעריקן ניוואָ פון דער לאַנדווירטשאַפט, סיי צוליב דער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פון דער אַנטיסעמיטישער פּוילישער רעגירונג אין באַצוג צו די יידישע לאַנדווירטשאַפטן. די מערהייט יידן האָט זיך דעריבער באַשעפטיקט מיט האַנדל און מלאכה, ווייל קיין אַנדערע פּרנסות זענען פאַר יידן נישט געווען.

אָנהייבנדיק פון די 30־ער יאָרן האָט דאָס פּוילישע פינאַנץ־מיניסטעריום גענומען אַ שטרענגן קורס אויף אַרויספּרעסן פון יידישן סוחרטום און האַנטווערקערטום וואָס מער שטייערן. די „וואָלינער פּרעסע״ פון יענע צייטן איז רייך מיט פאַקטן און דאָקומענטן וועגן דער אומברחמנותדיקער שטייערן־פּאָליטיק לגבי לויצקער יידן. אין נומער 84 פון 4־טן אַפּריל 1930 שילדערט י. וועגנער די סיטואַציע פון די סוחרים אויף אַזאַ אופן: „די שטייערן־פּרעס אַרבעט אָן רחמנות, די עקזעקוציעס זענען מאַסנ־האַפט און דער שטייערן־צאָלער שטייט אַ דערשלאָגענער אָן סחורה, אָן געלט און קוקט פאַרצווייפלט אויף דער עגלה, וואָס פירט אַוועק זיין לעצט ביסל חפצים פון שטוב... צוזאַמענפאָרן, אינטערווענצן, שטרייקן דורך פאַרמאַכטע קראָמען, רואינירטע עקזיסטענצן, אָן אַ שיעור באַנקראָטן, פאַרצווייפלטע געשרייען פון באַעוולטע, און זעלבסטמאָרדן, אָן אַ צאָל זעלבסטמאָרדן — דאָס אַלץ צוזאַמען איז נאָך נישט קיין גענוגנדיקער אַרגומענט צו צווינגען די מאַסגעבנדיקע פאַקטאָרן צו פאַרטראַכטן זיך איבער דעם, וואָס עס געשעט אַרום אונדז...״

יידן, אַרויס פון קאַפע־קלוב!

פאַריקן שבת־צונאַכטס, ווען יידישע יוגנטלעכע האָבן פאַר־בראַכט אין קאַפע־קלוב אויף יאַגעלאָנסקע־גאַס, זענען אַריינגעקומען 4 אומבאַקאַנטע פאַרשוינען און האָבן בסוד יעדן ייד באַפוילן צו פאַרלאָזן אין משך פון 10 מינוט דעם זאַל.

דאָס זעלבע איז דאָרט פאַרגעקומען אויך זונטיק ביינאַכט און דער אייגנטימער מיט דער דינערשאַפט האָבן דערויף אַבסאָלוט נישט רעאַגירט.

די יידישע באַזוכער פונעם קאַפע־קלוב וועלן געוויס פון דעם דאָזיקן סקאַנדאַל אַרויסציען דעם געהעריקן מוסר השכל.

(איבערגעדרוקט פון „וואָלינער וואָרט״ נומער 4)

אין דער זעלבער צייטונג שרייבט ש.ע.: „פאַרצווייפלט איז היינט די לאַגע פון יידישן סוחר, קליינהענדלער און האַנטווער־קער... אין דער צייט ווען דער פויער באַקומט פאַר זיין קאָרן און קאַרטאָפל אַ שפּאָט ביליקן פּרייז, האַלט ער זיך צוריק פון קויפן און קויפט נאָר דאָס אים נויטיקסטע... דער פויער האַלט זיך ביים ווערטל: „אַלץ גייט לויט דעם ברויט״. און ווידער־אַמאָל פאַרענדיקט דער שרייבער מיט אַן אַפּעל צום שכל, יושר און מאָראַל פון דער פּוילישער מאַכט — נישט צו רואינירן דעם סוחר.

דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1920 קעגן דער דייטשער אַגרעסיווקייט

דער אַפּעל איז אָבער נישט געווען געווענדט אויפן ריכטיקן אַדרעס. די פּוילישע מאַכט האָט געהאַט איר אייגענעם פּלאַן: צוערשט אויסמאַטערן די יידישע סוחרים אין האַנטווערקער, און דערנאָך — זיי עקסטערמינירן און פאַרטרעטן דורך „אייגע־נע", ד. ה. פּוילישע, סוחרים. פון יאָר 1933 און ווייטער אַנט־שטייען אין לויצק אַ ריי פּוילישע געשעפטן, וועלכע באַקומען די פולע מאַטעריעלע שטיצע און אַלע קרעדיטן פון די פּוילישע בענק. זיי קאָנקורירן אויף אַ ווייט נישט־סוחרישן אופן מיט די יידישע הענדלער. מען שיקט פּאָליציאַנטן צו די יידישע סוחרים, צו מאַכן זיי פּראָטאָקאָלן פאַר האַנדלען זונטיק, אָדער אין די פאַרוווערטע שעהן. צום סוף גייען זיי איבער צו אַ „העכערער" פאָרם פון קאַמף קעגן יידישן האַנדל.

אין 1936 שטייגט די ענדעקיש־אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין גאַנץ פּוילן. לויצקער יידן פילן דעם אָנקומענדיקן שטורעם. אין אַ בריוו וועלכן עס האָט געשיקט פון לויצק אין מערץ 1936 דער ציוניסטישער עסקן נפתלי גארטיבעל ז"ל צו שלום צוויטמאַן (ירושלים) לייענען מיר: „ס'איז מיר שווער צו שרייבן. די זאָרגן און דאגות באַשעפטיקן מיך און לאָזן מיך נישט צו רו. לעצטנס איז צוגעקומען די פאַרסמטע אַטמאָספערע אַרום דער דיסקוסיע ווי אַזוי צו שעכטן בהמות. די פאַרשידענע שיטות פון שחיטה זענען דעמאָנסטרירט געוואָרן אויף די קעפּ פון יידן אין פשיטיק און אין אַנדערע שטעטלעך. שטעלסט זיך נישט פאָר, ווי דאָס פאַרביטערט דאָס לעבן און דערדריקט. מיר טרינקען זיך פשוט אין אַ ים פון שנאה און ס'איז גאַרנישט פאַראַן קיין עצה קעגן דער רשעות וועלכע צילט אונדז צו אומברענגען.

„ביי אונדז אויף די קרעסן הערשט אַן אילוזאָרישע שטיל־קייט. מען פילט, וואָס אַן אמת, דעם באָיקאָט קעגן יידן, אָבער מען פירט אים נאָך דערווייל נישט אָפן, נאָר פון אויער צו אויער און דורך פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור. אויב עס וועט נישט קומען קיין אָפּפלוס פון דער אַנטיסעמיטישער כוואַ־ליע — פון זיך אַליין אָדער דורך אַ דרוק פון אויסן — וועט זי געוויס אויך אונדז פאַרגיסן."

נ. גאַרטיבעלס נבואה איז צום באַדויערן פאַרווירקלעכט געוואָרן גאָר שנעל. אין 1938 באַווייזן זיך אין לויצק די אַזוי גערופענע פּיקעטן.

פּראָטעסט !

איך דריק אויס מיין פּראָטעסט קעגן אומדערהערטן אַרויסטריט פון פּרעזעס פון דער עקזאַמינירקאָמיסיע, ה׳ שימאַנסקי, וועלכער האָט בעת אַ באַראַטונג אויסגעשריגן עטלעכע מאָל — „יידזשציע דאָ פּאַלעסטיני — טאַם בענדזיעציע זשאַנדזיטש !״.

כ׳האַלט, אַז אַזאַ האַנדלונג איז נידעריקער פונעם כבוד פון אַ פאָרזיצער פון דער עקזאַמינירקאָמיסיע און כ׳בעט פון דער האַנטווערקערקאַמער צו ציען די בויטיקע קאָנסעקווענצן. אין קעגנפאַל וועל איך לייגן ביין מאַנדאַט.

י. גערבאַטש

(„וואָלינער פּרעסע״ נומער 226 28.4.1933)

פּאָליאַקן פון דער אונטערוועלט און אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן שטייען ביי דער טיר פון דעם יידישן געשעפט און לאָזן נישט צו קיין קריסטלעכן קונה. די דאָזיקע אַקציע האָט געהאַט פאַרשטענדלעך איר ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער שטייגנדיקער אַנטיסעמיטישער כוואַליע פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד. דער אַנטיסעמיטישער באָיקאָט פון יידישן האַנדל האָט זיך נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שטערונג מצד דער פּוילישער מאַכט, וועלכע האָט אָפיציעל טאָלערירט די פּיקעטן און אומאָפיציעל — זיי פּאַקטיש געשטיצט.

צו יענער צייט בין איך געווען אַ זעלנער אין פּוילישן מיליטער. פּסח 1938, ווען איך בין געקומען אויף אורלויב און האָב באַזוכט מיין פאָטערס געשעפט, האָב איך געטראָפן פאַר דער טיר שטיין אַ פּוילישע פרוי, וועלכע האָט געהאַלטן אין האַנט פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל קעגן יידישן האַנדל און האָט געשטערט יעדן קריסטלעכן קונה אַריינצוגיין אין קראָם. אויף מיין באַמערקונג, אַז זי זאָל זיך אָפּטראָגן, האָט די פּוילישע פּיקעטניצע אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז איך האָב זי געוואָלט שלאָגן און אַז איך האָב זי באַליידיקט מיט זידל־ווערטער. באַלד טאַקע איז זיך צוזאַמענגעלאָפן אַ פּוילישער עולם און נישט זי, נאָר איך, דער פּוילישער זעלנער, האָב געמוזט זיך אָפּטראָגן פון מיין פאָטערס געשעפט, די יידן און אויך מיינע עלטערן האָבן מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן, כדי נישט צעבלאָזן צופיל דעם ענין און דערמיט פאַרשאַפן נאָך מער שאָדן דעם יידישן האַנדל.

די מאַטעריעלע סיטואַציע פון יידישן סוחרטום און בכלל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך שוין מער נישט פאַרבעסערט. פאַר אונדז ליגט די „וואָלינער פּרעסע״ פון 21־טן אַפּריל 1939, פיר מאָנאַטן פאַרן היטלעריסטישן אָנפאַל אויף פּוילן. שוין אין מערץ 1939 האָבן די פּאָליאַקן צום ערשטן מאָל זיך איבערצייגט אין וועלכער ריכטונג עס גייען היטלערס פּלענער. עס זענען שוין געהאַט פאָרגעקומען די ערשטע מיליטערישע צוזאַמענשטויסן אויף דער מערב־גרענעץ. היטלער האָט אין יענער צייט געהאַט אַרויסגערוקט די פאָדערונגען פון אָפּגעבן אים גדאַנסק און דערמעגלעכן אים אַדורכפירן דעם דייטשן קאָרידאָר דורך דער פּוילישער טעריטאָריע.

אינעם אויבנדערמאָנטן נומער פון דער לויצקער צייטונג זענען פאַראַן קלאָרע אָפּקלאַנגען פון דער געשפּאַנטער פּאָליטישער סיטואַציע. ד״ר ש. אָקסמאַן שרייבט זיין אַרטיקל אונטערן פיל זאָגנדיק קעפּל „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן...״ אויף דער ערשטער זייט געפינט זיך אַן אויפרוף פון די „יידישע קעמפער פאַר פּוילנס פרייהייט״ צו דער יידישער באַפעלקערונג, צו נעמען אַ ברייטן אַנטייל אין דער מלוכה־הלוואה אויף פאַרשטאַרקן די פּוילישע לופט־קרעפטן. די איניציאַטאָרן פונעם אויפרוף פאַררופן זיך אויף די „גרויסע און שיינע טראַדיציעס פון יידישן אָנטייל אין קאַמף פאַר פּוילנס פרייהייט״ און בעיקר אויפן פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, אויף וועמענס נאָמען ס׳איז געווען אָנגערופן איינע פון די יידישע גאַסן אין לויצק.

פּראָדוקטן־רינג

פאַר דער קינדערהיים און פאַר דער דערנערונגס־אַקציע פון הונגערנדיקע שול־קינדער פון אַרבעטסלאָזע יידישע עלטערן ביים „טאָז״ אין לויצק.

פרוי ביילין שפּענדעט 10 ק״ג מעל און רופט אַרויס :
ד״ראָווע צוקערמאַן, לאַווניק עלקין, ד״ראָווע גאָלדבערג, ד״ראָווע שאַץ, פרוי לעדערפּיינער, ד״ר סעגאַל, פרוי שולץ, פרוי פּאַרשטיי, מ. קיפּערמאַן, מ. קאַזיאַל און א. גלייזער.

פרוי ליטוואַק שפּענדעט 5 ק״ג קאַשע און רופט אַרויס :
א. בלעכער, ז. אָקס, י. מאַזיאַר, מ. עפּעל און א. שיינער.

פרוי שניידער שפּענדעט 1 ק״ג צוקער.

פרוי באַק שפּענדעט 10 ק״ג מעל און 5 ק״ג קאַשע און רופט אַרויס :
זיגעלבערג, פרוי פּעמאָוו, פרוי ראַזאָווסקאַ, פּאַניאַ צוקערמאַן און פרוי כאַזאַנאָוו.

פרוי שטיין שפּענדעט 3 ק״ג מעל און רופט אַרויס :
ד״ר פּרילינג.

פרוי אַראַנאָווסקאַ שפּענדעט 1 ק״ג צוקער און רופט אַרויס :
פרוי דים, פרוי שרייער, פרוי שטיינשניד, פרוי ראַדאָמיסלסקאַ, פרוי גראַפּמאַן און פרוי קערצמאַן.

פרוי איטאַ גערבאַטש שפּענדעט 10 ק״ג ברויט און רופט אַרויס :
פּרומער שלמה, פרוי ברוינשטיין, פרוי ווייסבערג, פוגאַן און א. פייערשטיין.

פרוי לאַקריץ שפּענדעט 16 ק״ג מעל און רופט אַרויס :
פרוי שאַץ, פרוי פרידמאַן און ד״ראָווע גאָלדבערגאָווע.

פרוי ליבהאַבער שפּענדעט 5 ק״ג פאַסאָליעס און 1 ק״ג רייז און רופט אַרויס :
פרויען : קאַסאָווסקאַ, מייזליש, מאַרשאַלקאָוויטש, ביק, געגדעלמאַן און זיסבראָט.

פרוי גוטע פרידמאַן שפּענדעט 8 ק״ג פאַסאָליעס און רופט אַרויס :
פרויען : אַפּשטייער, ר. קוזניעץ, גאַרטיבעל, ח. לאַקריץ און ל. קאַהן האַסטאָווע.

(איבערגעדרוקט פון „וואָלינער פּרעסע״ נומער 45 (255) 17.11.1933)

„פּוילן — ווערט געזאָגט אין אויפרוף — פאָדערט פון אונדז היינט אַ געלט־קרבן. לאָמיר זיך נישט וואַקלען און געבן מער ווי מיר קאָנען און וועלן ס'וועט קומען די שעה פון קאַמף פאַר פּוילן, וועלן מיר אַזוי ווי אין דער צייט פון אומאָפּהענגיקייטס־קאַמף, נעמען די פּוילישע ביקס און פאַרטיידיקן אירע גרענעצן.״

מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָט אויך דער אב״ד דלוצק, הרב זלמן סאָראָטשקין, פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף אין וועלכן ער האָט זיך געווענדט צו די לויצקער יידן: „ברידער יידן! איך בין פיל מיט גלויבן, אַז דאָרט וווּ עס גייט אינעם ווויל פון דער מלוכה, וועט איר ווי שטענדיק אַרויסווייזן אייער גרעסטע אָפּפערווילּיקייט און איבערגעגעבנקייט, כמצווה עלינו מפי הנביאים „ודרשו את שלום העיר וכו׳.״

אין דעם זעלבן נומער „וואָלינער פּרעסע״ ווערט געדרוקט אַ מעלדונג פון לויצקער סוחרים־פאַרבאַנד צום גענעראַל לעאָן בערבעצקי — אונטערגעשריבן דורך ק. פרישבערג, מ. באַק, ל. בערגער, י. קרוינשטיין, י. פרידמאַן, מ. גראַפּמאַן און ט. טאַבאַטשניק. אין אויפרוף איז מען מודיע דעם קאָמיסאַר פאַר דער פּוילישער מלוכה־הלוואה, אַז די יידישע סוחרים פון לויצק האָבן בייגעשטייערט 10,000 זלאָטעס אויפן פאַרטיידיקונגס־פאָנד. דאָס איז געווען אַ גרויסע געלט־סומע אין יענע פאַרהעלטענישן. כדי צו אורטיילן וועגן דעם איז גענוג איבערצובלעטערן דעם זעלבן נומער „וואָלינער פּרעסע״. אויף דער פערטער זייט געפינען מיר אַ ריי עפנטלעכע דאַנק־מודעות פון די לויצקער פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס צו דעם „לויצקער רעליף״ אין ניו־יאָרק. אַזוי דאַנקט דער „בית לחם״ פאַר די צוגעשיקטע 700 זלאָטעס, „צענטאָס״ — פאַר די צוגעשיקטע 525 זלאָטעס, „האַנטווערקער קראַנקן־קאַסע״ — פאַר 105 זל. „לינת הצדק״ האָט אין יענער צוטיילונג באַקומען 79.5 זלאָטעס, פרויען־פאַראיין „נאַוואָסטראָיעניע״ — 70 זלאָטעס, „הכנסת אורחים״ — גאַנצע 26.5 זלאָטעס.

אַזוי האָבן פון איין זייט די יידישע בירגער פון לויצק צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע געלט־סומע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון פּוילן, בעת נישט מער ווי 1,500 זלאָטעס פון אַמעריקע פאַר דער לויצקער אָרעמקייט האָבן אַרויסגערופן אַזאַ פרייד אין אַלע וווילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס.

צום דאָזיקן בילד דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן דאָס זעלבסטגעפיל פון די לויצקער יידן, אין שייכות מיט דער דעמאָלטדיקער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע. „משונהדיק — שרייבט ש. כאַזאַן אינעם זעלבן נומער „וו.פּ.״, אין אַ אַרטיקל אונטערן קעפּל: „אַ פּסחדיק טריסט־וואָרט״ — זעען מיר אויס מיט אונדזער פרייהייטס־יומטוב און „מלוכה־טראַן״ אין אַזאַ צייט ווי איצט, ווען די ערד וואַקלט זיך אין אירע יסודות... אין איבער 40 לענדער שטייען יידן און אַלאַרמירן די „געוויסנהאַפטע״ ציוויליזאַציע נאָך הילף... שטייען די יידן פאַרלוירענע, ווי דערשראָקענע לעמער, אין די פאַרבלאָקירטע הייזער — און וואַרטן מ'זאָל קומען זיי אַנטשעפּן די געלע לאַטע, יאָגן אין טריבן, שענדן און חוזק, פאַרשמאַכטן אין איסהונגערן...״ ש. כאַזאַן קאָן נישט פאַרשטענדלעך אַנווייזן, אַז אין פּוילן, דאָס לאַנד פון קאַשטשושקאָ און בערעק יאָסעלעוויטש, די מדינה וועלכע איז שוין צו יענער צייט באַשטימט געוואָרן אַלס דער נאָענטסטער קרבן פון דעם היטלער־מולך, איז די יידישע סיטואַציע אַן אַנדערע. ער טרייסט די יידן מיטן „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו״ און מיט „די בלויע הימלען פונעם נאָענטן מזרח, ווו עס באַווייזן זיך שוין דינע ערשטע שטראַלן פון דער יידישער העלער צוקונפט״.

אָבער, דאָס פּוילן פון סקלאַדקאָווסקי און בעק בלייבט, אויך ערב איר אייגענעם חורבן, פרעמד און פיינטלעך געשטימט אין באַצוג צו אירע בירגער — יידן.



דעמאָנסטראַציע קעגן דייטשן מיליטאַריזם

ווען די ציוניסטישע באַוועגונג פּרוּווט אין יענער צייט צו אָרגאַניזירן פּראָטעסט־מיטינגען קעגן דער ענגלישער פּאָליטיק פון פאַרמאַכן די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר עליה, דערלויבט נישט די פּוילישע מאַכט די דעמאָנסטראַציע, מיטן אויסרייד, אַז אין אַנבליק פון דער היטלער־געפאַר וועט זי נישט דערלאָזן צו איינאָרדענען פּראָטעסטן קעגן איר פאַרבינדעטן — דער בריטישער אימפּעריע...

אין דער זעלבער „וואָלינער פּרעסע״ פון חול־המועד פּסח תרצ״ט, דאָרט וווּ עס געפינט זיך דער דערמאָנטער אויפרוף פון הרב סאָראָטשקין, די מעלדונג פון די סוחרים וועגן די 10 טויזנט זל. פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן, ש. כאַזאַנס טראַגישע פאַרגעפילן, און אויך די דאַנק־דערקלערונגען פון די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס פאַר די אַמעריקאַנער נדבות, איז אויך פאַראַן אַ נאָטיץ אונטערן פילזאָגנדיק קעפּל „מען זאָגט „יזכור״!״. „זאָלן יידן געדענקען — שרייבט דאָרט י. ניידיטש — און גוט באַטראַכטן די יידישע לאַגע אין גאָר דער וועלט און זאָלן זיי וויסן, אַז דער איינציקער מקלט וווּ עס האָבן זיך געראַטעוועט דייטשע יידן, ווו עס ראַטעווען זיך איצט עסטרייכישע, טשעכישע, ליטווישע יידן, און מאָרגן וועלן זיך דאַרפן ראַטעווען אַנדערע יידן — איז נאָר ארץ־ישראל.״

די שטימונגען און געפילן פון די לויצקער יידן, איבערגעגעבן אַזוי טרעפלעך אין דער לויצקער צייטונג 6 חדשים ערב דער מלחמה־אויסברוך — האָבן זיך שוין קיינמאָל מער נישט געענדערט צום בעסערן. מיט יעדן טאָג איז די לאַגע געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטרענגטער, די סכנות — רעאַלער, דער אַנטיסעמיטיזם — אָפענער, דער עקאָנאָמישער קאַמף קעגן די יידן — אַכזריותדיקער און די יידישע צוקונפט — מער פאַרנעפּלט.

רינג לטובת דער געזעלשאפט „טאז״

פרוי גאָלדפעדער ענטפערט פרוי מאַרשאַלקאָוויטש מיט 2 ק״ג רייז און רופט אַרויס פרויען: קולינער, דבורה מלמד און חוה שאַפּיראָ.

פרוי אניא בליאַק ענטפערט פרוי מאירוביץ מיט 3 ק״ג גרויפּן און רופט אַרויס פרוי שרה גינדל, אשר פּאַציאַרניק און יעקב פּערלמוטער.

פרוי פּ. שעפלער ענטפערט פרוי ג. ליבובער מיט 4 ק״ג ברויט און רופט אַרויס די פרוי זשעניע שפּילער.

פרוי מינדעס ענטפערט פרוי גוטעס מיט 5 ק״ג גרויפּן און רופט אַרויס: טאַניע דראַליוק, דאָראַ ווײַנער, פאַניע קאַצעף, שרה רודמאַן, ראָזאַ ספּאָקאָינאַ, מעכציע בריטוואַר, בעלאַ קופערשמידט, לייב פישמאַן, משה קאָרן און בערל קופערשמידט.

פרוי בערגער ענטפערט פר״ל פיש מיט 2 ק״ג גרויפּן און רופט אַרויס פרוי שרה זשיטין און שבע גאָלדשמידט.

ד״ר ראָזענקראַנץ ענטפערט דיר. איילבערג מיט 1 ק״ג צוקער.

פרוי וואַקסון ענטפערט פרוי בויאַנער מיט 3 ק״ג פאַסאָליעס.

פרוי ליבערמאַן ענטפערט פרוי א. גאָלדבערג מיט 4 ק״ג ברויט.

פרוי שטול ענטפערט פרוי פאַרשטיי מיט 2 ק״ג גרויפּן.

דיר. האָפמאַן ענטפערט רעד. כאַזאַן מיט 5 ק״ג פאַסאָליעס און רופט אַרויס די ה״ה יצחק דריקער נחמיה גאָלדבערג און יהודה יוכט.

(„וואָלינער פּרעסע״ נומ׳ 7 (268) פון 16.2.1934)

טראָץ אַלעמען, האָבן יידן אין לויצק, גענוי ווי יידן אין אַנדערע פּוילישע שטעט, אויסגעדריקט זייער פולע גרייטקייט צו פאַרטיידיקן פּוילן קעגן היטלעריזם. הונדערטער לויצקער יידישע בחורים זענען אין אויגוסט 1939 מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער ארמיי. מערסטנטייל האָבן זיי געדינט אין דער פּוילישער פּיעכאָטע, ווייל זעלטן ווען האָט די פּוילישע מאַכט צוגעלאָזט אַ ייד אין אַנדערע פאָרמאַציעס. ביים אויסברוך פון דער מלחמה, האָבן זיך לויצקער בחורים געפונען נעבן דער דייטשער גרענעץ און אין די וואַרשעווער פּאָלקן. נישט אַלע זענען זיי צוריקגעקומען. עס זענען געפאַלן מישע שניידער, בענע ריכטער. אַ סך אַנדערע זענען פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ שפור. די יונג־אַוועקגעגעבענע לעבנס האָבן נישט אָפּגעראַטעוועט פּוילן פון דער מפּלה. פאַר לויצקער יידן, ווי פאַר די אַנדערע בירגער פון פּוילן, איז דער מיליטערישער קראַך פון „נישט באַזיגבאַרן״ פּוילישן מיליטער פון מאַרשאַלעק שמיגלי־רידז, גע־ווען אַן אומדערוואַרטע זאַך. ערשט די מפּלה האָט אויפגעדעקט דעם שרעקלעכן אמת, אַז דאָס סאַנאַציע־פּוילן האָט נישט נאָר פאַרנאַכלעסיקט די מזרח־געביטן און זיך באַצויגן צו יידן, ווי צו „פרעמדע״. זי האָט בכלל פאַרתכלעוועט דעם היסטאָרישן שאַנס פון פאַרזיכערן די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט און דערפירט צו דער צעפוילונג פון רעזשים.

דאָס אַריינקומען קיין לויצק פון דער רויטער ארמיי (18 סעפּטעמבער 1939) האָט פאַרענדיקט 20 יאָר פּוילישע הער־שאַפט. יידן, אַלנפאַלס די גרעסטע טייל פון דער לויצקער יידי־שער באַפעלקערונג, האָט זיך געראַטעוועט פון דייטשן מער־דערישן היטלעריזם. זיי האָבן באַגעגנט די רויטע ארמיי ווי רעטער און באַפרייער. פאַקטיש האָט די סאָוויעטישע ארמיי בלויז אָפּגערוקט דעם אָנקום פון נאַציסטישן גיהנום אויף נישט מער ווי 20 מאָנאַטן.

לויצקער יידן אָרגאַניזירן זעלבסטהילף

אין אַלע זכרונות וועגן די געשעענישן נאָך דעם פאַלן פון צאַרישן רעזשים, ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז אין לויצק זענען ערשט נאָך דער קערענסקי־רעוואָלוציע (פעברואַר 1917) אויפ־געקומען „ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן״ פאַרשידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. לויצקער יידן האָבן מיט זעלטענער ענערגיע גענומען זיך צום אויסבויען זייערע אייגענע קולטורעלע, פילאַנטראָפּישע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס. אַפילו אַן אייגענעם באַוואָפנטן זעלבשוץ האָבן לויצקער יידן אָרגאַניזירט.

ווען וואָלין איז נאָכן ווערסאַלער טראַקטאַט איינגעשלאָסן געוואָרן אין די ראַמען פון דער פּוילישער מלוכה, האָט די נייע מאַכט נישט איין מאָל געפּרוווט צו האַמעווען און צעשטערן די דאָזיקע אַנטוויקלונג. דאָס איז איר אָבער שוין קיינמאָל מער נישט געלונגען. לויצקער יידן האָבן במשך פון 20 יאָר פּוילישער מאַכט פונאַנדערגעבויט אַ געדיכטע נעץ פון פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן דערפילט — אַ חוץ זייער הומאַניטאַרע און פילאַנטראָפּישע אויפגאַבע — אַ אויסערסט־וויכטיקע ראָל אינעם פאַרטיידיקן די יידן קעגן דער דיסקרימי־נאַציע־פּאָליטיק פון די פּילסודסקי־פּאָליאַקן.

וואָס שייך דעם פּאָליטישן לעבן, זענען אויף דער יידישער גאַס אין לויצק טעטיק געווען כמעט אַלע דאַן עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פאַרטייען ביי יידן. יידן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וואָגיקן פּאָליטישן כוח, סיי צוליב דעם, וואָס מען האָט געמוזט אָנקומען צו זייערע שטימען בעת וואַלן, און סיי צוליב זייער באַזונדערער עקאָנאָמישער און אינטעלעקטועלער איכות.

דאָס יידיש־פּאָליטיש לעבן פון לויצק האָט באַזונדערס ראַשיק זיך פונאַנדערגעבליט אין די צוואַנציקער יאָרן. ביי יעדער וואַל־קאַמפּאַניע — אָרטיקע אָדער פון לאַנד־מאַסשטאַב, ציוניסטישע אָדער קהילה־וואַלן — איז די יידישע גאַס געווען ווי אַ בינשטאָק.

דער גרעסטער טייל יידן איז געווען פּראָ־ציוניסטיש גע־שטימט. מען מוז אָבער אונטערשטרייכן, אַז די פּוילישע מאַכט האָט באַזונדערס געציטערט פאַר דער טעטיקייט פון די יידן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. נישט אַזוי צוליב זייער כמות, ווי צוליב דער געפאַר, אַז די יידישע קאָמוניסטן וועלן אָרגאַניזירן און וועקן דעם אוקראַאינישן פייער צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דיסקרימינאַציע מצד די פּאָליאַקן.

די לויצקער תפיסה איז געוואָרן אַ שם דבר אין דער גאַנ־צער וועלט. עס האָבן געשמאַכט אין איר צענדליקער יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן מיט זייער גאַנצן אידעאַליס־טישן ברען מקריב געווען זייער געזונט, פרייהייט, און טיילמאָל אויך זייער לעבן, אויפן מזבח פון קאָמוניזם. צווישן זיי זענען

געוועזן באַקאַנטע לויצקער יידישע קאָמוניסטן (מאָטיע אָקס, קיבריק, קאַטיע בלומענקראַנץ, שירזשיק און ליבערמאַן).

גאָר אַנדערש האָבן געהאַנדלט די ציוניסטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דער שווערפּונקט פון זייער טעטיקייט איז פון פאַרויס אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף אָרגאַניזירן עליה קיין ארץ־ישראל. אפילו דאַן, ווען די ציוניסטן האָבן געקעמפט פאַר סיים־פּאָטעלן און פאַר נאָך אַ ראַטמאַן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, איז דאָס געוועזן צוליב דער האָפענונג צו ליקווידירן די אָרעמקייט און די דיסקרימינאַציע. דאָס איז געוועזן אַ מיטל אינעם וועג צו זוכן די פולע און ראַדיקאַלע לייזונג פון דער יידן־פראַגע. וועגן דער טעטיקייט פון די פּאָליטישע גרופּן ווערט אין אונדזער בוך באַזונדער אויספירלעך דערציילט. מיר וועלן זיך דעריבער באַנוגענען מיטן אַנאַליזירן די ראָל און דעם כאַראַקטער פון די פילאַנטראָפּישע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אונדזערע באַהויפּטונגען זענען געבויט אויף די מאַטעריאַלן, פאַרעפנטלעכטע מערסטנטייל אין די ווייטערדיקע בלעטלעך פון דאָזיקן בוך.

די יידישע נויט — די מוטער פון דער יידישער פילאַנטראָפּיע

אין אַלע אַרטיקלען און בריוו, באַריכטן און בודזשעטן, וועלכע זענען איבערגעבליבן פון יענע יאָרן ווערט קודם כל דערציילט וועגן דער גרויסער יידישע נויט, וועלכע האָט באַרעכטיקט און אַרויסגערופן צום לעבן די פאַרצווייגטע נעץ פון יידישע אינסטיטוציעס.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז לויצק געוועזן מאַטעריעל שטאַרק רואינירט. עס זענען אָנגעקומען „ביעזשענצעס" פון רוסלאַנד און פון אַרומיקע שטעטלעך; אַ סך הייזער זענען פאַרברענט געוואָרן; קראַנקייטן און עפּידעמיעס האָבן באַדראָט דאָס יידישע לעבן און געזונט. דער יידישער מסחר האָט זיך געמוזט שנעל איבערשטעלן פון האַנדל מיט רוסלאַנד אויף האַנדל מיט פּוילן.

יידן ווייזן דאַן אַרויס אַ סך איניציאַטיוו, כדי מיט די אייגענע באַשיידענע כוחות צו לייזן אַלע זייערע פּראָבלעמען.

ווי עס גיט איבער ש. וואַרקאָוויצקי אין דער „וואָלינער פּרעסע" און פ. באַרדיטש אין זיינע זכרונות, זענען פאַרן ערשטן וועלט־קריג געוועזן אין לויצק צוויי פעסטע יידישע קאָאָפּעראַטיוו בענק. בשעת דעם מלחמה־שטורעם, נאָכדעם ווי רוסלאַנד האָט אָנגענומען דאָס געזעץ וועגן מאָראַטאָריום, זענען ביידע בענק אויפגעלייזט געוואָרן. אָבער שוין אין 1921 ווערט מיט דער הילף פון „דזשאָינט" געגרינדעט אַ יידישע פאָלקס־באַנק. עס דויערט נישט מער ווי 3 יאָר, און די דעוואַלואַציע פון פּוילישן מאַרק דערפירט צו אַ נייעם קראַך פון דער יידישער באַנק, וועלכע האָט שוין געציילט 1,400 מיטגלידער. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער שטעלן די יידן נאָכאַמאָל אויף צוויי קאָאָפּעראַטיוו בענק. זיי באַשיצן דעם יידישן האַנדל קעגן דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער מאַכט, ביז זיי אַליין פאַלן אַ קרבן פון דער דאָזיקער פּאָליטיק. די אָפּטיילונגען פון די מלוכהשע „באַנק פּאָלסקי" און „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָווענאָ" קוקן זיך צו גלייכגילטיק צו די ראַנגלענישן פון יידישן באַנק־וועזן און דערלויבן שטילערהייט זיין באַנקראָט.

לויט דער איניציאַטיוו פון הרב סאָראָטשקין שטעלן אויף די לויצקער יידן אין 1931 נאָך איין פינאַנסיעלן מכשיר צום פאַרטיידיקן דעם מיטלשטאַנד און דעם קליינעם סוחר און האַנטווערקער — דעם „גמילות חסד כללי". פון אָנהויב 1932 ביז סוף 1938 האָט די גמילות־חסדים קאַסע אַרויסגעגעבן 9318 הלוואות אויף אַ סומע פון 445,000 זלאָטעס (לויטן באַריכט אין „וואָלינער פּרעסע" — יובל־נומער). צווישן די הלוואות זענען געווען גמילות־חסדים אָנהייבנדיק פון 5 זלאָטעס. וואָס נענטער עס איז געווען צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַלץ דרינגנדיקער איז געוואָרן די הילף פון דער קאַסע פאַרן פאַרטיידיקן דעם יידישן בעל־מלאכה און הענדלער. אין אַ מעמאָראַנדום געשיקט דורך יואל כאַראַק ע"ה און להבדיל לחיים הרב ז. סאָראָטשקין צו די „חשובע ברידער און שוועסטער מעבר לים" דעם 15 מאַי 1939 — וועגן מאָביליזירן נייע מיטלען פאַר דער „גמילות־חסדים קאַסע", דערציילן די דערמאָנטע אויטאָריטעטע פּערזענלעכקייטן, אַז צווישן די לווים „זענען פאַראַן רבנים און אדמו"רים (גוטע יידן), פרומע און פריידענקער, קרעמער און בעלי־מלאכות, ציוניסטן און בונדיסטן".

איבערגייענדיק צו דער קאָנקרעטער עקאָנאָמישער סיטואַציע פון יידן צו יענער צייט, ד.ה. די צווייטע וועלט־מלחמה, דערציילט דער מעמאָריאַל: „לעצטנס האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע געענדערט צום ערגערן צוליב: 1) די פיל גזירות און רדיפות אויף יידן אויפן עקאָנאָמישן געביט, צוליב וואָס זיי ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס; 2) צוליב אורבאַניסטיק (געמיינט די פּאָליטיק פון פּוילישן פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי צו פאַרשענערן די שטאָט — נ. ש.) ווערן צעוואָרפן יידישע סטראַגאַנעס, וואָס איז גורם אַז די יידן זאָלן ווערן פּרנסהלאָז; 3) די יידישע קראָמען ווערן פּיקעטירט דורך פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע גרופּן; 4) די איין און איינציקע יידישע קרעדיט־אינסטיטוציע ביי אונדז אין שטאָט האָט צוליב דער ערב־מלחמה שטימונג אָפּגעשטעלט לגמרי די קרעדיטן פאַרן סוחרטום."

בלויז פאַר דער צייט פון אַפּריל 1938 ביז מערץ 1939 האָט די קאַסע אַרויסגעגעבן 2315 הלוואות אויף אַן אַלגעמיינער סומע פון 118 טויזנט זלאָטעס. צווישן זיי איניקע הלוואות צו 15 זל., 37 הלוואות צו 20 זל., 1,661 הלוואות צו 50 זל. און 169 צו הונדערט זל. פון דער יידישער קהילה (אונטער דער דעמאָלטדיקער ליטונג פון קלמן פרישבערג) האָט די גמילות־חסדים באַקומען נישט מער ווי 150 זלאָטעס, און פון דער אָרטיקער קאָמונאַלער מאַכט — קיין איין גראָשן נישט!

די גמילות־חסדים קאַסע איז געוועזן איינע פון די אינסטרומענטן פון עקאָנאָמישער זעלבסטפאַרטיידיקונג פון די לויצקער יידן. ס'זענען געווען נאָך אַנדערע מכשירים, צווישן זיי — די קראַנקן־קאַסע פון די יידישע האַנטווערקער. די סאָציאַלע פּאָליטיק פון דער פּוילישער מאַכט האָט פולקאָם פאַרנאַכלעסיקט דעם דאָזיקן שיכט. דער יידישער בעל־מלאכה האָט געמוזט אויסשטיין פאַרשידענע שיקאַנעס מצד דער מאַכט. כדי זיך צו פאַרטיידיקן האָבן די יידישע האַנטווערקער אָרגאַניזירט אַן אייגענע מאַטעריעלע זעלבסטהילף און אַן אייגענע קראַנקן־קאַסע. אין אַ בריוו, געשריבן דעם 7־טן מערץ דורכן באַקאַנטן האַנטווערקער־טוער מארגעל צו די לויצקער אין אַמעריקע, ווערט דערציילט, אַז אין שווערן ווינטער פון 1939 האָט די האַנט־

ווערקער־זעלבסטהילף באַזאָרגט פיל בעלי־מלאכות מיט האָלץ, געקויפט פאַר זייערע קינדערלעך שיכלעך, אַז זיי זאָלן קאָנען באַזוכן די שול, אַנדערע — באַזאָרגט מיט אַ לעפל געקעכטס. צו די קראַנקע האָט מען געשיקט אַ דאָקטאָר און אומזיסטע רפואות. אויפן ערשטן בליק האָט אפשר די דאָזיקע טעטיקייט געטראָגן אַ צדקה־כאַראַקטער. דאָס איז אָבער גלייכצייטיק געווען אַ קאַמף פאַר אײַנהאַלטן די פּאָזיציע פון יידישן האַנט־ווערקער, אַ זעלבסטפאַרטיידיקונג־געראַנגל פון יידישן האָרע־פּאַשניק קעגן דער פּוילישער דיסקרימינאַציע.

מיט גרויסן פאַרנעם ווערט אין דער זעלבער צייט געפירט אַ זעלבשוץ־אַרבעט אויפן געזונטהייטס־געביט. די העכער 20 טויזנט לויצקער יידן האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן אויף דער קאָמונאַלער אָדער מלוכהשער מאַכט. זיי האָבן אַליין, מיט זייער אייגענע פּראַצע און מיט דער באַשיידענער הילף פון לויצקער אין אַמעריקע, אויפגעשטעלט אַ נעץ פון אינסטיטוציעס צום קאַמף פאַר אַ בעסערן סאַניטאַרן און געזונטהייטס־צושטאַנד פון יידישן קינד און דערוואַקסענעם. אין אַן אויפרוף אַרויסגעגעבן דורך „טאָז" אין לויצק דעם 30 מערץ 1939, ווערט דערציילט: „גרויזאַם און שרעקלעך איז די לאַגע פון אָרעמען פאַרוואָרלאָזטן יידישן קינד דאָס גאַנצע יאָר: די נאַסע, קאַלטע און פינצטערע קעלער־וווינונגען, אין וועלכע עס דרינגט זאָגאָר נישט אַריין קיין ביסל זון, דער אַנטי־היגיעניש צושטאַנד פון די מכשירים, אין וועלכע דאָס קינד קומט אין באַרירונג... שוואַכט אָפּ זיין געזונט־צושטאַנד." „„טאָז" אָרגאַניזירט דאַן 3 אומזיסטע אַמבולאַטאָריעס, גיט אַרויס טאָג־טעגלעך 700 מיטאָגן, האַלט אויס 2 קינדער־היימען, פאַרטיילט אומזיסט פיש־אייל, זאָרגט פאַר דער היגיענע פון 1000 קינדער, אָרגאַניזירט זומער־קאָלאָניעס פאַר העכער 800 קינדער. וועגן דער גרויסער איניציאַטיוו און אונטערנעמערישקייט פון די „טאָז"־פירער מיט פרוי ד"ר ביילין בראש, זאָגט מער פון אַלעמען עדות דער פּלאַן (און ווידער דערמאָנען מיר דאָ: דאָס איז געווען 6 חדשים פאַרן אויסברוך פון די מלחמה) צו בויען אַ „הויז פון פרייד און אַרבעט פאַר דעם יידישן קינד". לויטן פּלאַן האָט אויפבויען דאָס הויז געדאַרפט קאָסטן 35 טויזנט זל.!

און אַזוי אויף יעדן לעבנס־געביט. עס פאַרטיידיקן זיך די יידישע סוחרים, אָרגאַניזירנדיק פאַראייגען, יורידישע הילף און אַנדערע אַקציעס — מיטן ציל אַנטקעגנצושטעלן זיך קעגן דער פּאָלאָניזאַציע — און שטיצן אונטער די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. די שול־טוער מאַכן אַנשטרענגונגען נישט צו דערלאָזן צום אונטערגיין פון יידישן און העברעישן שול־וועזן.

מער אָבער פון אַלעמען דערציילט וועגן דער יידישער זעלבסטפאַרטיידיקונג די באַמיונג צו לינדערן דעם הונגער אין די יידישע הייזער.

אין אַ בריוו געשריבן פון דער פאַרוואַלטונג פון „בית לחם לוצק", דעם 1־טן מאי 1939 צו דער לויצקער רעליעף סאָסייטי אין באַלטימאָר, ווערט דערציילט, אַז בערך 3,200 נפשות (750 משפחות) זענען דעם פסח 1939 יאָר געווען געצוווּנגען בגלוי אָדער בסתר אָנקומען צו דעם בית־לחם! דאָס איז אַ גרויליקע ציפער! דאָס הייסט, אַז יעדער 7־טער לויצקער ייד איז געווען געצוווּנגען אָננעמען סאָציאַלע הילף.

אונטערציענדיק דעם סך הכל פון דער הילפס־טעטיקייט פון די פאַרשידענע חברות: לינת הצדק, פרויען־פאַראיינען, הכנסות אורחים, בית־לחם און אַנדערע אינסטיטוציעס — קומט מען צו דער מסקנה, אַז די לויצקער יידן, אַזוי ווי אַנדערע פּוילישע יידן אין דער זעלבער צייט, האָבן באַוויזן אַ סך נאַציאָנאַלע וויטאַליטעט, געוואַלדיקע פעיקייטן צו אָרגאַניזירן זעלבסט־הילף און זעלבסטפאַרטיידיקונג אויף די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע געביטן.

ווען ס'זענען אָנגעקומען די שווידערלעכע יאָרן פון דער היטלער־אָקופּאַציע און לויצקער יידן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן אין געטאָ, האָט זייער דערפאַרונג אין אָרגאַניזירן עקאָנאָמישע זעלבסטהילף און זעלבסטפאַרטיידיקונג אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן לינדערן די סיטואַציע. נישט איין מאָל זענען די היטלעריסטישע קאָמענדאַנטן פון לויצקער געטאָ געשטאַנען דערשטוינט און געפרעגט זיך: פון וואַנען נעמען זיך צו די יידן כוחות אויסצוהאַלטן אין אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען?

מאַי 1960

מכתבו של נפתלי גרטיבל לשלום צביטמן

לוצק, 30.3.1936

שלום יקירי!

ארבעה שבועות עברו כבר מיום שקיבלתי את מכתבך ורק עכשו ישבתי לענות לך. „כבד־עט" אני בזמן האחרון. גלגל הדאגות והטרדות היום־יומיות סוחף אותי בלי הרף, ביחוד בחדשי־החורף, וגוזל את זמני ביום ואת מנוחתי בערב. בעת האחרונה נוספה עוד האווירה המורעלה מסביב לויכוח „כיצד שוחטים בהמות" והדימונסטרציה של שיטות השחיטה השונות על ראשי היהודים בפשיטיק ובעיירות אחרות. אין לך מושג עד כמה כל זה מדכא את הרוח וממרר את החיים. אנו טובעים פשוט בים של שנאה ואין עצה ואין תחבולה לרשעות, האומרת לכלותנו. ואיך אפשר, הגד בעצמך, במצב־רוח כזה לענות על מכתב המואר בזוהר־שמש מולדת ואושר פנימי נובע מכל שורה בו?

בימים החשכים האלה התחילה, כמו להכעיס, השמש זורחת ומחממת, והסיזני הנחמד שב מלא־חדווה מבית־ספרו ובפיו שיר חדש, שיר אביב אשר למד זה עכשו, ולבי מתכווץ בי מכאב, בהביטי עליו. מה טוב לו עכשו, מה מאושר הנהו, אך מה מחכה לו בימים יבואו? לפעמים אני עומד בפני שאלה חמורה: הטוב אנחנו עושים, שאנו מעניקים לילדינו כל טוב וממתיקים את ילדותם באופן מלאכותי וביחס הפוך לסביבה הספוגה שנאה; הלא ע"י זה ירגישו אחר־כך, לכשיגדלו, ביתר עוז את המציאות הקשה שיתנגשו בה ויקשה להם להסתגל אליה. אך ההכרה של „דיה לצרה בשעתה" גוברת, ואני, כרבבות הורים אחרים, ממשיך ליצור לילדי גן־עדן אילוזורי.

אצלנו, כלומר בנפות־הספר, שורר עוד שקט מדומה. מרגישים אמנם בחרם נגד הסוחרים היהודים אבל אין מכריזים עליו בקולי־קולות, כי־אם מפה לאוזן וע"י הפצה חשאית של ספרות

אנטישמית. אם אחרי גאות הגל האנטישמי בארץ, לא יבוא, מאליו או ע״י לחץ מן החוץ, השפל — מן ההכרח שיגיע גם אלינו.

סלח לי שהקדשתי במכתבי הראשון אליך מקום די חשוב לדברים הידועים לך בודאי מן העתונות. אלו הן שאלות המעסיקות את מוחי ולא יכולתי פשוט לעבור עליהן בשתיקה, מבלי לתת להן ביטוי כל שהוא.

הפסקתי את מכתבי לרגע קט ובינתיים עבר שבוע ימים ואנו עומדים כבר ערב זמן חרותנו. נניח איפוא את הצרות הצדה ונשוחח על ענינים אחרים. בחיי אני לא חל כל שינוי. חשבתי, שבימי הפסח נתראה בארץ והדבר לא עלה בידי לא רק מפני חוסר יכולת חומרית, אלא גם, ואולי בעיקר, מחוסר דחיפה מן החוץ. אילו היה פטיה נוסע לחג הפסח אפשר מאוד שהייתי נלווה אליו, אך לבדי לא אוכל, נדמה לי, להגשים כל כך מהר את חלומי זה. אגב, במכתבך לא הזכרת אף במלה את פטיה. מה אתו? מדוע יאחר לשוב? המחפש הוא את האבנים בכבישים אשר סללו ידיו לפנים, או הוא מניח אבני־יסוד לעתיד? ומה אצלך, יקירי? אני שמח מאוד על אושרך ועל סיפוק־הנפש שמצאת סו״ס במחוז חפצך. ראיתי אתמול אצל מר גלמיץ את צילומיך ביחד עם ברוניה, בומיק ועוד בחורה ורואים שפניך טובים מאוד. עם מוטילי אני נפגש לעתים תכופות. הוא לא השתנה במאומה. הוא ממשיך עוד למנות את השבועות והחדשים שבהם הרגיש את עצמו טוב או רע; קם באחת־עשרה, מעשן הרבה ויושב בכל יום כשעתים בבית־קפה. בימים האחרונים הוא מרגיש את עצמו לא טוב. בחורף היה כמה שבועות בסרודבורוב ושב משם כלעומת שנסע.

כמעט בכל יום ששי בערב אנו מתאספים בקלוב היהודי, גב׳ הניה באה שמה, ועל כוס תה מבלים בשיחה וריקודים עד אחר חצות. זהו עכשו המקום הציבורי היחידי, שאדם משלנו יכול להרגיש את עצמו חפשי ובסביבה יהודית קרובה ואני הולך שמה ברצון.

את התעודה שביקשת אשלח לך בקרוב. הרי מכיר אתה את ברזו׳. פעם חסרה לו החותמת ופעם בלנקט, וכך הוא דוחה אותי מיום ליום.

אם תראה את בומה שלנו, מסור לו פרישת שלום חמה מכולנו. בקש גם בשמי סליחה ממנו על אשר לא כתבתי לו זה כשנה. אף אמור לו, שבימים הקרובים נשלח לו תמונה משפחתית ועוד צילומים אחדים.

ואתה, יקירי, אַל תתחשב בזה שאין אני דייקן בתשובתי ופקדני מפעם לפעם במכתב ושלח גם מזמן לזמן מלה מודפסת, אם תמצא שיש בה ענין בשבילי.

שלום רב לך מגניה ומהסינקה. שלום לפטיה ולכל חברינו ומכירינו.

ערב פסח תרצ״ו
שלך באהבה **נפתלי**

לפני ששלחתי את המכתב קיבלתי את הצילומים: הואיל ומן הבית יכתבו לבומה רק בשבוע הבא, תואיל איפוא בטובך למסור לו את הצילומים שאני מצרף בזה. אני שולח גם לך צילום אחד.

כל הצילומים נעשו בביתנו.

א. לוצקי — געגוג מיט דעם „אמאל״

הערט שוין אויף באַזינגען אייער אַמאָל
און הערט שוין אויף באַוויינען אייער אַמאָל.

הערט שוין אויף!
הערט שוין אויף!

נאָכאַמאָל אַמאָל
און איבעראַמאָל אַמאָל.

הערט שוין אויף!
הערט שוין אויף!

אין רוסלאַנד אַמאָל,
אין גאַליציע אַמאָל,
אין רומעניע אַמאָל.

אַ „טשערטאַ״ פאַר די יידן איז געווען,
אַ פּחד פאַר פּאָגראָמען איז געווען.

אַ זיפּצעניש געווען אַמאָל,
אַ קרעכצעניש געווען אַמאָל,
אַ יאָכצעניש געווען אַמאָל.

אַ וויסטער נעכטן איז געווען,
אַ וויסטער מאָרגן איז געווען,
אַ וויסטער איצטער איז געווען.
אַ משפחה אין אַ צימער איז געווען,
געשרייען מיט געוואַלדן איז געווען,
אַ רבי מיט אַ קאַנטשיק איז געווען,
אַ בית־מדרש מיט געשלעגן איז געווען,
אַ בלאָטע ביז די קניען איז געווען,
און ברויט צו זאַט איז נישט געווען.

אַ גאַנצער מלבוש נישט געווען,
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן,
וויסט און פינצטער איז געווען.

הערט שוין אויף באַזינגען אייער אַמאָל,
און הערט שוין אויף באַוויינען אייער אַמאָל.

הערט שוין אויף!
הערט שוין אויף!

רעדט פון היינט!
שרייבט פון היינט!
זינגט פון היינט!
מיר לעבן היינט!
שרייבט פון היינט!

ב. בריק־אָסיס / בראַזיל

אין אַ שבת ראש־חודש

די שטוב איז געווען געפּאַקט. אפילו די קיך און דאָס פאָדער־הויז — פול מיט יונגעלייט און בחורים.

אין צימער, וווּ אין אַ דלד זענען געשטאַנען צוויי דעמבענע בעטן, האָבן זיך געשאָקלט עטלעכע יידענעס, אונטערגעקרעכצט צום טאַקט פון דער תפילה, פּונקט ווי עס וואָלט געווען ימים־נוראים.

דאָס דאַווענען האָט געהאַט טויזנט טעמים.

שוין לאַנגע וואָכן, זינט די באָלשעוויקעס און די פּאַליאַקן האָבן זיך צעבאַלעבאַטעוועט, האָט מען נאָך אין קראָסנע נישט געדאַוונט בציבור, פון אַזוינס אפילו נישט געטראַכט. די שולן און בתי מדרשים זענען געווען פאַרנומען מיט סאָלדאַטן.

די ערשטע זענען געקומען פּילסודסקיס לעגיאָנערן. זיי האָבן גענומען סתם ראַבעווען און שלאָגן, אַרויסגעטראָגן אַלץ פון די יידישע שטיבער. וואָס זיי האָט נישט גענוצט, האָבן זיי צעבראָכן, פאַרברענט און דערביי צוגעזאָגט צו מאַכן אַ סוף צו די יידן און צו דער באָלשעוויע.

שפּעטער ערשט זענען געקומען די האַלערטשיקעס. נישט אַזוי ווי די לעגיאָנערן — בעסערע מענטשן, נאָרד־אַמעריקאַנער — האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אַנדערע אַרבעטן: שניידן בערד. ווען יידל הערש האָט זיך אַרויסגעכאַפּט צום ברונעם נאָך אַ ביסל וואַסער, זענען צו אים צו צוויי זעלנער. ער איז געבליבן צעמישט און ציטערנדיק זיך געבעטן „פּאַנאָטשקי, פּאַנאָטשקי!” דאַן האָט אים איינער אונטערגעשטעלט אַ פוס און דער צווייטער אַ קאָלער געטאָן אויף דער ערד.

און אַז אַ ייד האָט שוין זיין באָרד נישט געהאַט, איז אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר שאַמפּאָלן אויך אַ פיינער פאַרגעניגן.

✶

ביסלעכווייז זענען די אַנטלאָפענע פאַרן פייער זיך צוריק צוזאַמענגעפאָרן. עס זענען אויך צוגעקומען פּליטים פון אַנדערע חרוב־געוואָרענע יידישע שטעטלעך. האָט מען זיך צוזאַמענגעטוליעט, צו פינף פאַמיליעס אין איין שטיבל, צעפּאַקעוועט די בעבעכעס און גענומען טראַכטן: וואָס ווייטער טאָן?

אין יענע טעג איז אין שטעטל אַראָפּגעקומען דעם טריסקער מגידס אַן אייניקל, דער רבי ר׳ לייבעלע. ער איז איינגעשטאַנען ביים בכבודיקן און אַלטן טריסקער חסיד, משה כייצעס. אויסגעפאַלן איז עס אין אַ שבת ראש־חודש. איז מען זיך צוזאַמענגעקומען, אַוועקגעשטעלט זיך מיט קעפּ און אַקסל אין טליתים. דער רבי מיט דער זילבערנער עטרה — אויבן ביי מזרח. די אמונה האָט ווי געוואַשן די מידע הערצער, געלייטערט. יידן האָבן מיט אַ באַזונדערע כוונה זיך צוגעהערט צום ציקלען זיך פון יענקעלע חזן און מיט גרויס התלהבות אונטערגעכאַפּט: „מקימי מעפר דל מאשפות ירום אביון”!

אָבער פּלוצעם האָט די טיר פון פאָדערהויז זיך אויפגעפּראַלט. פינף האַלערטשיקעס האָבן זיך אַריינגעריסן מיט ווילדע, טייוולאָנישע געלעכטערס. יידן קאָנען זיך פון אָרט נישט רירן. גליווערן זיי שווייגנדיק פאַר פּחד.

פאָכענדיק מיט מערדערישע פויסטן אין יידישע ברוסטן, צעשטופּן די האַלערטשיקעס דעם עולם, רוקן זיך ווייטער, זוכן אָפּ דעם רבין.

איינער כאַפּט אים ביים קאָפּ, אַ צווייטער — ביי איין פוס, און אַ דריטער — ביים צווייטן פוס. נאָך צוויי גייען נאָך פון הינטן, שטשירען מיט די ציין און מיט מעסערס אין האַנט ווייזן זיי וואָס מען וועט דעם רבין טאָן.

כיק, כיק! בראַטקו! כיק!

און פּונקט ווי נעכטן מאיר שמש, ווען ער איז געגאַנגען פון מרחץ — ציען זיי אויס דעם רבין אין בלאָטע. מיטן שטיוול אויף זיין בויך שטייט איינער און צופּט שטיקלעך באָרד און פּאות.

מלך גוי איז נישט אַזאַ ייד ווי אַלע יידן — נישט קיין חסיד; מ׳זאָגט: אַ מחלל שבתניק. דווקא ער ווערט ווילד. ער כאַפּט דעם מעשענעם לייכטער און לויפט אויפן גאַס. באַפאַלן אים די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס:

— געוואַלד, מלך, גאָט איז מיט אונדז, וואָס גייסטו טאָן?!

זיי לאָזן אים נישט אַרויס. אַליין, ווייזט אויס, האָט ער זיך אויך דערמאָנט, ווי מיט אַכט טעג צוריק האָבן זיי אכזריותדיק דערהרגעט אברהמען דעם קאָלקער שערערס זון. לאָזט ער אַראָפּ דעם לייכטער אויף דער ערד.

פינף סאָלדאַטן ממיתן אַן איבערפולטע שטוב מיט יידן. ווייבער און קינדער יאָמערן און קוויטשען. יונגעלייטלעך שפּרינגען איבער פּאַרקאַנעס. טליתים און יאַרמעלקעס וואַלגערן זיך אין בלאָטע.

✶

זיי האָבן שיעור נישט דערהרגעט מלך גוי. ער ליגט ביי משה כייצעס אין בעט, דעם קאָפּ אַרומגעלייגט מיט נאַסע האַנטעכער, פון אונטער וועלכע עס שטראָמען אַרויס רויטע ריטשקעלעך און ווייקן דורך דאָס קישן. זיין ווייב, די לאַנגע לאה, שטייט ביי אים צופוסנס און רייסט זיך שטיקער פון אירע דאַרע באַקן. גיטל משה כייצעס ליגט אויף אַ קושעטקע. זי האָט שוין אָפּגעחלשט, שטייען קינדער און וויינען.

— מאַמע רעד! אוי ווי מאַמע! מאַמע!

גיטל גלאָצט מיט די אויגן און פרעגט:

— וואָס איז? וואָס איז דאָ געווען?

האַלערס פּוילישע זין קומען צוריק אין זייערע אָפּטיילונגען און רימען זיך מיט זייער העלדישקייט.

דאָרט שעלט מען דאָס „פאַרשטונקענע״ יידישע בלוט און מען דערציילט זיך איבער ווי אַזוי מען האָט פאַרן פּאַטערס אויגן פאַרגוואַלדיקט אַ שיין יידיש מיידל; ווי אַזוי מען האָט אַ רב אַריינגעציילט פינף און צוואַנציק שאַמפּאַלן; ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעפירט פופצן יידן הינטערן שטאָט אויפן פעלד און אַלע מיט איין מאָל אויסגעשאָסן; ווי אַזוי מען האָט געצוווּנגען אַ ייד שפּרינגען פון פענצטער פון פינפטן שטאָק — אַז ער איז אַראָפּ אונטן, איז פון אים געבליבן איין באַרג אומריינקייט...

ס׳איז פריילעך. מען לאַכט און מען קוועלט און מען אַמפּערט זיך ווילדעריש. זאָגן אייניקע, אַז מען דאַרף אַלע יידן אויס־קוילענען, ווייל פּולווער קאָסט טייער; אַנדערע זאָגן, אַז מען דאַרף איבערלאָזן אַ ביסל פון דעם מין. גאָט האָט זיי געשאַפן פאַר די פּאַליאַקן, ס׳זאָל זיין מיט וואָס זיך צו ווילן, מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן.

✶

מלכס פּנים איז צעקרומט. ער וויינט און בייסט זיך די ליפּן. פרעגט מען אים: מלך, עס טוט דיר שטאַרק וויי? ענט־פערט ער: ניין! ניין! גאָרנישט! גאָרנישט! — און וויינט ווייטער.

גייט דער רבי צו צום בעט און זאָגט: מלך, באַרויק זיך, הער אויף, ס׳איז היינט שבת, מ׳טאָר נישט וויינען.

כאַפּט מלך ביידע הענט, דעקט צו דאָס פּנים, צעוויינט זיך אויפן קול און שרייט: ניין, רבי, איך קאָן נישט, כ׳קאָן נישט אויפהערן. ס׳איז אַ חלול השם, כ׳קאָן נישט!

דער רבים רוקט זיך אָפּ און מלך בלייבט ליגן, ער וויינט אין כליפּעט ווי אַ קינד און טענהט צו די ארומיקע:

יידן, געוואַלד, יידן! פאַרוואָס שווייגן מיר? פאַרוואָס קושן מיר אייביק די ריטער מיט וועלכע מען שמייסט אונדז? די שטיוול מיט וועלכע מען טרעט אויף אונדז? פאַרוואָס? און ביז וואַנען?!

(„די צייט״ נומער 8, 1940)

ישראל גינדעל / רחובות

אידעאישע שטרעמונגען ביי דער לויצקער יוגנט

די שטרעמונגען און אידעען, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס אין לויצק, זענען געווען אַן עכאָ פון דעם וואָס קומט פאָר אין גאַנץ פוילן און אויך אויסער אירע גרענעצן. די אָדער אַ צווייטע אידעע איז פריער אָדער שפּעטער אָנגעקומען אויך אין אונדזער קליינער שטאָט.

דער טרעגער פון די נייע געדאַנקען איז געווען די אינ־טעלעקטועלע יוגנט, ד.ה. יענע יוגנט, וועלכע האָט זיך פאַר־פולקאָמט אין דער היים אָדער אין די שולן און זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיטן גרויען לעבן אין געוועלב אָדער אין וואַרשטאַט פון די עלטערן. און הגם די שטרעמונגען און אָנ־שווינגען זענען געווען קעגנזעצלעכע, מוזן מיר אונטערשטרייכן, אַז יעדער געדאַנק, פאַר וועלכן עס קעמפט דער יוגנטלעכער, צי מיר זענען מיט אים מסכים אָדער נישט, האָט זיך זיין חשיבות. מיר ווילן דאָ נישט דורכפירן קיין קריטיק איבער דער אָדער אַנדערער אידעע, נאָר מגדיר זיין די שטרעבונגען פון דער יוגנט, איר גייסטיקע פיזיאָנאָמיע און זעליש גליק, כדי מיר זאָלן באַקומען אַ בילד פון דער לויצקער יידישער יוגנט אין דעם ים פון אוקראַינער, רוסן און פּאַליאַקן.

אויסער דער אַסימילירטער יוגנט, וועלכע איז סיווי געווען אין דער מינדערהייט, האָבן די יידישע יוגנטלעכע געטראָגן מיט שטאָלץ זייער יידישקייט, אָנהייבנדיק פון יענע, וועלכע האָבן אָנגעהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ענדיקנדיק ביי דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. די אַסימילירטע יוגנט האָט זי׳ך קאָנצענטרירט אין די פּוילישע שולן און פלעגט אויך אויס־באַהאַלטן איר נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט. ווען די לערער האָבן וועגן דעם געפרעגט. די אַסימילירטע, וועלכע האָבן זיך באַמיט זיך צו דערנענטערן פון די יידן, פלעגן שפּעטער אין די רייפע יאָרן ענדערן זייער מיינונג, און ס׳איז טשעקאַווע דער פאַקט, אַז זיי פלעגן אפילו צושטיין צום נאַציאָנאַלן לאַגער און זיך אויס־צייכענען מיט שטאַרק עקסטרעמע אָנשווינגען. אין אַ שמועס מיט זיי האָבן מיר אייניקע פון זיי אויפגעקלערט, אַז זיי האָבן געזען אין אַסימילאַציע אַ לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע, אָבער זיי האָבן אַ טעות געהאַט. דאָס יידישע פאָלק מוז קומען צו אַ פּילער לייזונג און דורך עקסטרעמע מיטלען. אָבער אין זייער מערהייט זענען זיי נישט געקומען צו די טויערן פון אונדזער לאַנד, און היטלערס שווערד האָט איבערגעשניטן זייער לעבנס־פאַדעם, אָדער זיי האָבן עמיגרירט אין אַנדערע גלות־לענדער.

מען קאָן מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז די יוגנט, וועלכע איז געזעסן איבערן בוך, באַזונדערס יענע, וועלכע האָט געשטו־דירט אין די הויכשולן, איז געווען די אידעען־טרעגערין אויף דער יידישער גאַס. די יידישע אינטעליגענץ, וואָס אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט איז איר צאָל געווען אַ קנאַפּע, האָט זיך געמערט, באַזונדערס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס׳האָבן זיך פאַר איר געעפנט די גרענעצן פּין פוילן, וואָס האָט זיי דער־מעגלעכט דאָס אריינטרעטן אין אירע אוניווערסיטעטן.

בעת אין די פראַנצויזישע און טשעכישע אוניווערסיטעטן, וווּהין ס׳האָבן זיך באַזונדערס געצויגן די לויצקער יוגנטלעכע, האָט געהערשט אַ דעמאָקראַטישער גייסט, איז אַלץ ערגער גע־

ווערן זייער לאגע אין די פוילישע אוניווערסיטעטן, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט דערגרייכט צו דעמאָנסטראציעס און געשלעגערייען. אין איניקע פאַקולטעטן, באַזונדערס אין דעם מעדיצינישן, האָט געגאָלטן א „נומערוס קלאַוזוס". אין אלגעמיין זענען די יוגנטלעכע גענייגט געווען צו שטודירן מעדיצין, אַדוואָקאטור און פעדאַגאָגיק, די מיידלעך האָבן געשטודירט שפּראַכן, איינ־קע — פאַרמאַצעווטיק און פעדאַגאָגיק. איך, למשל, בין געווען אַ יוצא־מן־הכלל, אויסקלייבנדיק דעם שטודיום פון וואלד־צוכט. אויפן דאָזיקן אָפּטייל האָבן די יידן נישט געשטודירט צוליב די שוועריקייטן דאָרט אָנגענומען צו ווערן און זיי האָבן אויך נישט געזען קיין תכלית פאר א יידן אין דער דאָזיקער פּראָפעסיע.

דעם ערשטן שטויס אויפן דאָזיקן פעלד האָבן מיר געגעבן די בראָשורן פון ה' יוסף ווייץ, וועלכער האָט געוויילט ביי אונדז אין שטאָט ביי זיין פעטער חייקל ווייץ, דער פאָטער פון מיין חבר זאב. אין זייער שטוב האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף בילדער פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבן באוויזן איר נאַקעטקייט צוליבן מאַנגל אין גרינס און ערד־באָדן.

מיינע פיר שטודיום־יאָרן אין וואַרשע זענען געווען יאָרן פון ליידן און כסדרדיקע קריגערייען מיט דער פוילישער יוגנט אין יענער שול, ווו ס'איז קאָנצענטרירט געווען „דאָס שיינדל" פון דעם פוילישן אַנטיסעמיטיזם. דאָרט איז אויך געווען איינער צווישן מיינע פוילישע מיטשילער, וועלכער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט נאָך אפילו קיין איין מאָל אין זיין לעבן נישט גערעדט מיט קיין יידן. באַזונדערס פלעגט געשפּאַנט זיין די לאַגע בעת די געניטונגען אין די וועלדער.

נישט ווייניקער האָבן זיך אָנגעליטן די יידישע יוגנטלעכע אין די אַנדערע אוניווערסיטעטן אין וואַרשע, לעמבערג און קראָקע. אָבער מען דאַרף מיט סאַטיספאַקציע אונטערשטרייכן, אַז אויסער דער אַסימילירטער יוגנט, האָבן די יידן מיט שטאָלץ געטראָגן זייער יידישן אָפּשטאַם און אויף באַליידיקונגען און קלעפּ געענטפערט מיט באַליידיקונגען און קלעפּ.

אינצווישנצייט איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער, ווען פילסודסקי איז געשטאָרבן, און דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער באָיקאָט אויף יידישע קראָמען, און אין די אוניווערסיטעטן זענען אפילו באַשטימט געוואָרן באַזונדערע בענק פאַר די יידישע סטודענטן. די יידישע יוגנט האָט באַשלאָסן צו לערנען שטייענדיק און נישט אָנערקענען דעם דאָזיקן משונהדיקן „געטאָ". און מען דאַרף אונטערשטרייכן מיט צופרידנקייט די אויפפירונג פון וואַנדען, פילסודסקיס טאָכטער, וועלכע איז געשטאַנען צוגלייך מיט די יידן, ווי אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט זייערע ליידן.

אַזאַ איז געווען דאָס לעבן פון דער שטודירנדיקער יוגנט און דער צושטאַנד פון דער אָרעמער יוגנט, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרדינען אויף ברויט. אין די דאָזיקע שווערע באַדינגונגען זענען די ליידן געווען דאָפּלט גרעסער. אָט די לעצטע, אונטערדריקטע, סיי נאַציאָנאַל סיי מאַטעריעל, האָבן כסדר אָנגעפילט די רייען פון די קאָמוניסטן, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

וועגן דעם טראַגישן סוף פון דער דאָזיקער יוגנט וועלן שרייבן יענע, וועלכע זענען געווען עדות פון דער שוידערלעכסטער קאַטאַסטראָפע, ווען ס'האָט זיך איבערגעריסן דער לעבנסְ־פאָדעם פון דעם לוצקער יידנטום.

די דינאַמישע תקופה אויף דער יידישער גאַס

נאָך דער לאַנגער און דערדריקנדיקער תקופה פון חסידות, ווען די איינציקע גייסטיקע שפּייז איז געווען דער חומש, רש"י און טייטלוויז אויך דער תלמוד, ווען רוקנגעבויגענע זקנים בוקן זיך פאַרן פריץ און טאַנצן דעם „מה־יפית"־טאַנץ, הייבט אָן אַלץ בולטער זיך אָנצוצייכענען דער מאָדערנער בליק אויפן לעבן; און ס'קומט די תקופה פון השכלה.

די סאָציאַליסטישע שטרעמונגען, וועלכע האָבן אַריינגעדרונגען אין די רוסישע אוניווערסיטעטן, זענען אויפגענומען געוואָרן דורך די יידישע סטודענטן, וואָס זייער צאָל איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ קנאַפּע. די דאָזיקע סטודענטן האָבן זיך סוף־כל־סוף אָרגאַניזירט אין דער בונדישער פּאַרטיי, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1897. די יידישע בונדיסטן, אין אָנהייב בלויז אינטעלעקטואַלן, האָבן זיך דערוואָרבן צווישן די אַרבעטער־מאַסן אַ סך אָנהענגער, און צוליב זייער נישט באַזיצן די רוסישע שפּראַך האָט זיך אין זייערע קלובן איינגעבירגערט די יידישע שפּראַך.

אינצווישנצייט אָרגאַניזירט זיך אַלץ מער דער טעאָרעטישער ציוניזם. דער דאָזיקער ציוניזם האָט אין אָנהייב נישט פאַרמאָגט קיין פּאַרטייאישע איינשטעלונג און האָט אין זיך אַנטהאַלטן מער אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אידעען נאָכן דערשיינען פון טעאָדאָר הערצלס בוך וועגן אַ יידישער מדינה. די דיסקוסיעס צווישן די בונדיסטן און די ציוניסטן האָבן זיך באַזונדערס קאָנצענטרירט אין די בתי־מדרשים, ווען די רעליגיע האָט נאָך געהערשט אין דער יידישער גאַס.

דער ערשטער קלוב, אין וועלכן ס'האָט זיך אָרגאַניזירט דער ציוניסטישער לאַגער, איז געווען דער „ציוניסטישער קלוב", געשאַפן דורך דער איניציאַטיוו פון חייקל ווייץ, בראָנבערג און אברהם לענדער. אין דאָזיקן קלוב האָט מען רעפערירט, גערעדט העברעיש און אויפגעכאַפּט יעדע ידיעה פון דער ארץ־ישראלדיקער פּרעסע, און לסוף אויך גענומען שאַפן פּלענער פון פאַרווירקלעכונג. די ציוניסטישע יוגנט האָט אַלץ מערער גענומען רעדן העברעיש, און אין יאָר 1912 איז אַנטשטאַנען אַ געזעלשאַפט א.נ. „חובבי שפת עבר" דורך דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פון אַן אַלטן ציוניסט, הער טעמערלין, וועלכער פלעגט אויפנעמען די יוגנטלעכע ביי זיך אין שטוב צו רעדן עברית און שאַפן אַ ציוניסטישן לעבנסשטייגער. דער ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו רעדן עברית אויך אין גאַס, און ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שטראָף אויף יענע, וועלכע האָבן נישט אָפּגעהיט די פאַרפליכטונג. די יוגנטלעכע פלעגן שרייבן קאָמפּאָזיציעס און אויף פאַרשידענע אופנים פאַרטיפערן זייערע ידיעות אין דער העברעישער שפּראַך, ביז ס'איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה מיט אַלע אירע אומגליקן און האָט שטום געמאַכט דאָס גייסטיקע לעבן אויף דער יידישער גאַס.

די לויצקער „בילויים"

יאָר 1918. די ערשטע וועלט־מלחמה דערנענטערט זיך צום סוף. ביינאַכט איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט פנים־אל־פנים צווישן די רוסן און פּאָליאַקן, און האַלערס לעגיאָנערן איז געלונגען

אַרויסצושטויסן די רוסן פון די גרענעצן פון דער שטאָט. ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אינדערפרי, האָבן מיר געזען די פּוילישע לעגיאָנערן גיין פאָרויס אויף מזרח, און אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די האַלערטשיקעס גענומען שניידן יידישע בערד.

בראָנבערג רופט צוזאַמען אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געהערט צום ציוניסטישן קלוב, קלערט זיי אויף וועגן דעם אָנהייב פון אַן עליה קיין ארץ־ישראל פון אַנדערע ערטער אויף דער וועלט און טיילט מיט, אַז די צייט איז קורץ און מען דאַרף זיך גלייך לאָזן אין וועג אַריין.

צוואַנציק בחורים, די מערהייט פון פאַרמעגלעכע הייזער, דערצויגענע אויפן שויס פון ציוניסטישער טעטיקייט, אייניקע בחורים פון ישיבות אין אָדעס, ווו זיי האָבן געהערט תורה פונעם מויל פון ביאַליקן, אחד־העמען און אַנדערע — אַלע זענען געשפּאַנט און גרייט אין וועג אַריין. קיין לאָקאָמאָציע־מיטלען זענען נישט געווען, און לענגאויס די גרענעצן פון דער שטאָט דרייען זיך נאָך פּוילישע וואַכן, וואָס ס'איז גלייכער אויסצומיידן אַ באַגעגעניש מיט זיי.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פון די „לוצקער בילויים" און אין גייסט פון די בילויים — „בית יעקב לכו ונלכו". סוף־כל־סוף זענען זיי אָנגעקומען צו דער שיף, און נאָך אַ סך מאַטערנישן דערגרייכט יפו.

מען דאַרף אונטערשטרייכן מיט צופרידנקייט, אַז היינט, אין פערציק יאָר אַרום, באַשטייט זייער מערהייט פון פּראָדוקטיווע בירגער, מענטשן פון אַרבעט און תורה, און אייניקע פון זיי פאַרנעמען פירנדיקע ערטער אין לעבן פון דער געזעלשאַפט, אין דער ליטעראַטור, פּעדאַגאָגיק, עקאָנאָמיק און אין דער פּאָליטיק.

דאָס אַנטשטיין פון רעד חלוצישער באַוועגונג

דריי יוגנטלעכע, יונה טשאַרטאָריסקער, ירוחם גינדעל און וויטיע כ"ץ, האָבן באַשלאָסן אויפצושטעלן די חלוצישע באַוועגונג אין לוצק און זיין טעטיק ביז זיי וועלן עולה זיין. ס'איז זיי געלונגען זיך צו דערווערבן די סימפּאַטיע פון פינף און צוואַנציק יונגעלייט, אַ היפּשער טייל פון זיי שטודירנדיקע אָדער געענדיקטע.

אַ גרופּע חלוצים אויף הכשרה

אַ גרופּע פון השומר הצעיר

נאָך זייער אָרגאַניזירן זיך האָבן זיי זיך געווענדט צו אברהם גליקליך, אַ לוצקער גוטבאַזיצער, ער זאָל זיי אויסטיילן אַ שטיקל באָדן, און נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז ווייט געווען פון ציוניזם, האָבן אים די דריי בחורים איבערצייגט, און ער איז זיי אַנטקעגנגעקומען. אין משך פון עטלעכע חדשים האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ קליינע ווירטשאַפט און אָנגעהויבן אַרבעטן. די מערסטע צייט האָבן זיי אויסגענוצט אויף אַרבעט אין גאַס, כדי צו אַנטוויקלען זייער ווירטשאַפט. ווער פון אונדז געדענקט עס נישט דעם שטאַרקן איינדרוק ווען מיר האָבן דערזען צום ערשטן מאָל די „באַלעבאַטישע קינדער" פאַרקערן די הויפּטגאַסן אין שטאָט? די איידעלע בחורים, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט צוגערירט צו פיזישער אַרבעט, גייען פון שטוב צו שטוב און נעמען אָן יעדע אַרבעט, וואָס מען קאָן נאָר באַקומען. באַזונדערס האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט האָלץ־האַקן, און נישט איינער פון זיי פלעגט זיך אומקערן אַהיים פול מיט וווּנדן פון דער אַרבעט, צו וועלכער ער איז נישט געוווינט געווען. ס'האָט אפילו איינמאָל געטראָפן, אַז צוויי אַזעלכע „האָלצהעקער", וועלכע האָבן נישט געקאָנט בשום־אופן אויספירן זייער אַרבעט, האָבן געדונגען אַ פּויער, און פאַרנאַכט געבראַכט דעם פאַרדינסט צו דער חברה... נאָך עטלעכע יאָר האָט זיך די טעטיקייט פונעם „החלוץ" אָפּגעשטעלט, נאָך דעם ווי אַ טייל פון זיי, און צווישן זיי ירוחם גינדעל, זענען עולה געווען, טשאַרטאָריסקער מיט עטלעכע זענען אַריבער אין חלוצישן קיבוץ אין קלאָסאָוו און פון דאָרט עולה געווען, וויטיע כ"ץ האָט זיך אומגעקערט צום געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן.

די יוגנט־באַוועגונג אין לוצק

בעת די אידעאָלאָגישע אַרבעט פון דעם „הפועל הצעיר" איז געפירט געוואָרן דורך די התאחדותניקעס אין זייער קלוב, האָט זיך אַלץ מער אָרגאַניזירט די באַוועגונג פון „השומר הצעיר" אונטער דער אָנפירונג פון אורי גליקליך. די אידעע פון באָדן־פּאַוול, וועלכע האָט געוווּנען די יוגנטלעכע מאַסן אין דער ברייטער וועלט, בייגאַנד מיטן פאַרשפּרייטן זיך פון די דעמאָקראַטישע שטרעמונגען, האָט אויך באַהערשט די יידישע יוגנט אויפן שטח פון פּוילן.

איר דערציִערישע השפעה אויף דער לוצקער יוגנט איז געווען זייער גרויס. עס קריסטאַליזירן זיך נייע און דערהויבענע באַגריפן און חברישע געפילן, די השומר־הצעיר יוגנט שטרעבט צו פאַרפולקאָמונג פון דער אינטעליגענץ, זיי קוקן קרום אויף רויכערן און אַ לוקסוס־לעבן, פאַרברענגען אַ געוויסע צייט אויף דער שויס פון דער נאַטור נעבן שייטערס און נאָך און נאָך — דאָס אַלץ האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף דער אויספאָרעמונג פון דער דאָזיקער יוגנט, און די יאָרן פון זייער אָנגעהעריקייט צו דער דאָזיקער באַוועגונג זענען טיף איינגעקריצט געוואָרן אין זייערע הערצער אויף זייער גאַנץ לעבן.

און ווי וווּנדערבאַר איז געווען די ערשטע דעפּילאַדע פונעם „השומר הצעיר" אין דער ספּעציעלער קליידונג מיט די אָפּצייכענונגען, מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס און די שטעקנס אין די הענט, מיטן אָרקעסטער פאָרויס, און הינטער אים פירט אורי גליקליך, רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד, די בריגאַדעס פון די „צופים".

דער „השומר הצעיר" איז ביי אונדז אין שטאָט געווען פון די שטאַרקסטע, כל־זמן ער האָט אָפּגעהיט זיין אומפּאָליטישן אינהאַלט און זיינע הומאַניטאַרע און אלטרויִסטישע שטרעבונגען.

אינצווישנצייט האָט זיך אין דער באַוועגונג פון „השומר הצעיר" פאַרשטאַרקט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער בליק, און דאָס אַנטשטיין פון פּאַרטייען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט גורם געווען צו אַ שטאַרקן אָפּפלוס פון די רייען פון דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע.

איך פערזענלעך, אַ דערצויגענער אויף דער ליטעראַטור פון „הפועל הצעיר", אַ געטרייער אָנהענגער פון א.ד. גאָרדאָן, האָב נישט געקאָנט מסכים זיין אויף אַ בלויז טעאָרעטישער טעטיקייט, און נאָך אַ סך באַמיונגען איז מיר געלונגען אויפצושטעלן די יוגנטלעכע באַוועגונג „גורדוניה" און אָרגאַניזירן מיינע חברים און באַקאַנטע.

ס'געדענקט זיך מיר נאָך די פאַרווּנדערונג פון אַ ישראל־שליח, אַ געשיקטער פון דער קיבוצישער באַוועגונג אָנטיילצונעמען אין דער דערעפענונג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און שטיל זיך געווענדט צו מיר: „די יוגנט, וואָס דו האָסט אָרגאַניזירט, זעט מיר נישט אויס צו זיין קיין פּאַסיקער חלוצישער מאַטעריאַל." זיינע ווערטער זענען טאַקע געווען ריכטיקע. די פריילינס זענען אויסגעסטראָיעט אין פּרעכטיקע קליידער און די מער עלטערע פאַרבן די ליפּן, אַנדערע טראָגן פוטערס, די בחורים ווידער טראָגן קראַוואַטן און שיינע אַנצוגן. דער דאָזיקער שליח האָט מיר אויפגעקלערט די חלוצישע שטרעבונגען פון „גורדוניה" און די נויטווענדיקייט אין חלוצישער פאַרווירקלעכונג. אויך איך האָב מיטן גאַנג פון דער אַרבעט אָנגעהויבן אַלץ מער צו אָרגאַניזירן די יוגנט, וועלכע שטרעבט באמת עולה צו זיין, און מיט דער הילף פון דער „גורדוניה" אין לאָדזש, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען פּנחס לבון, האָב איך סוף־כל־סוף געשאַפן אַ חלוצישע יוגנט־באַוועגונג אין פּוילן זין פון וואָרט.

אין יאָר 1929 בין איך אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע שטודירן, אָבער די באַוועגונג האָט ווייטער עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און איז געווען אַ באַוועגלעכע סטאַנציע פאַר דער חלוצישער יוגנט, וואָס אַ קענטיקער טייל אירער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, און פיל פון זיי

דער „השומר" אין לוצק

„גורדוניה"־קאָלאָניע אין אילאַנוווקע

זענען צוגעשטאַנען צו דער קיבוצישער באַוועגונג און פירן היינט אַ לעבן פון מי און אַרבעט אין בליענדיקע דערפער אויף די שטחים פונעם לאַנד.

די רעוויזיאָניסטישע יוגנט

אין דער צייט וואָס „גורדוניה", דער „השומר הצעיר" און די קאָמוניסטן האָבן צוניפגעבונדן זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען, האָט זיך די רעוויזיאָניסטישע יוגנט אָרגאַניזירט אין אַ ריין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אין זיך אַריינגענומען אַ יוגנט מיט אַ ספּעציעלן מין טעמפּעראַמענט. אַ יוגנט, וואָס האָט נישט געוואָלט אָנערקענען די רעאַלע מעגלעכקייטן צו פאַרווירקלעכן

אַ בית"ר־גרופּע אין לוציק

אַ „גורדוניה"־גרופּע מיט ש. צוויסמאַן און י. שיינער אין צענטער

דעם ציוניזם, נאָר ווירקן מיט אַלע מיטלען און דערגרייכן דעם ציל אפילו דורך בלוט און פייער.

מיט דער צייט האָט אין אירע רייען אַריינגעדרונגען אַ מיליטערישער גייסט, וואָס דורך אים האָבן זיי געוואָלט לייזן דאָס מדינה־פּראָבלעם. די עקסטרעמיטעט פון זייערע אָנשויונגען איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר און האָט געפונען איר ענדגילטיקן אויסדרוק אין די אצ"ל־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, וואָס טייל פון זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס הייסט עס אַזוינס שרעק. און ביינאַנד מיטן דערמאָרדן ענגלענדער אָדער פאַררעטער דורך אַ שאָס אין רוקן, האָבן זיי געשטעלט אין קאָן זייער לעבן אין דרייסטע אַקציעס.

איינער פון די דאָזיקע קדושים איז געווען אונדזער בן־עיר בן יוסף, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די ענגלענדער.

בעתן שרייבן די דאָזיקע שורות איז די דאָזיקע באַוועגונג רעפּרעזענטירט אין דער כנסת אין דער חרות־פּאַרטיי אויך דורך אונדזער בן־עיר שמשון יוניטשמאַן.

די קאָמוניסטישע יוגנט

יעדער פון אונדז, וואָס האָט זיך דערצויגן און געפונען אין דער געזעלשאַפט פון די דאָזיקע יוגנטלעכע, וועלכע זענען מיט דער צייט צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, איז באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער איידלקייט פון זייער גייסט, פון די שיינע חברישע באַציונגען און פון זייער עמפּינדלעכע נשמות.

— זע — האָט מיר געזאָגט בנימין פרידמאַן, שפּאַצירנדיק אין שטאָטגאָרטן, אום זומער יאָר 1922, אָנטייטלענדיק אויף אַן אָרעמאַן, וואָס זיצט אויף דער ערד אין אַ ווינקל, זיינע בגדים צעריסן־צעשליסן, די פיס באָרוועס, און גריזשעט אַ שטיקל ברויט, וואָס ער האַלט אין האַנט — זע, וואָס פאַר אַן אומגערעכטיקייט עס הערשט אויף דער וועלט. ביי אונדז אין שטוב שטאָפּט מען אַן זעק מיט געלט, און אין די גאַסן פון אונדזער שטאָט וואַלגערן זיך בעטלערס וואָס האָבן נישט קיין שטיקל ברויט צו שטילן דעם הונגער.

אַ גרופּע יוגנט פון „גורדוניה"

די גרופּע „כפירות"

פאַר זייער געמיט, וואָס איז געווען עמפינדלעך צו די סאָ־ציאַלע פאַרהעלטענישן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, האָט זיך אויך געשטעלט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. מיר זענען געווען עדות פון דער פאַראַכטונג מצד דער פּוילישער, רוסישער און אוקראַינישער יוגנט, פון באַליידיקונגען פון זייער זייט. נישט איין מאָל זענען די קריגערייען איבערגעגאַנגען אין מערדערישע קלעפּ. באַזונדערס — די אוקראַינישע יוגנט, וועלכע האָט זיך אויך געפונען אונטער דער פּוילישער הערשאַפט; זי איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען אַקטיוו, האָט אָבער אַרויסגעוויזן אירע אַנטיסעמיטישע געפילן ביי יעדער געלעגנהייט.

די צוויי אויבנדערמאָנטע פאַקטאָרן האָבן עס אַריינגעפירט די יידישע יוגנטלעכע אין קאָמוניסטישן לאַגער, יוגנטלעכע וואָס פאַרמאָגן נישט דעם אינסטינקט פאַר דער ווירקלעכקייט, וועלכע האָבן געגלייבט מיט זייער גאַנצן לייב־און־לעבן אין דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, זי געגאַרט און דורך איר — צו אַ לעבן פון פרייהייט. תפיסות און פייניקונגען איז געווען דאָס טאָגטעגלעכע ברויט פון די ייִנגלעך און מיידלעך פון פופצן יאָר אָן און העכער. עס דערמאָנען זיך זייערע גוואַלדגעשרייען בעת עס האָט זיי געפייניקט דער געהיים־אַגענט זאַרעמבאַ. פון די

גימנאַסטיק־גרופּע פון מיידלעך

גימנאַסטיק־גרופּע פון ייִנגלעך

רייכע פּלעגט ער אַרויספּרעסן געלט און פון מאָל צו מאָל באַפרייען די אַרעסטירטע, כדי זיי ווידעראַמאָל צו אַרעסטירן און ווידער קאָנען באַקומען פון די עלטערן געלט. נישט איין מאָל זענען די דאָזיקע יוגנטלעכע אַרעסטירט געוואָרן, בעת די אַגענטן פון קאָמאינטערן אָדער זייערע שליחים געבן זיי איבער אומלעגאַלע ליטעראַטור, און פון וויטן שטייען פּוילישע געהיים־אַגענטן, זיי צו פאַרהאַלטן.

ס'זענען געווען אַזעלכע, ווי קיבריק, וואָס זענען אָפּגעזעסן אין די תפיסות די מערהייט יאָרן פון דער פּוילישער הערשאַפט אין לויצק (1918—1939), און ס'זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זענען געשטאָרבן פון די אַן אַ שיער פּייניקונגען אָדער פאַרבליבן אינוואַלידן אויפן גאַנצן לעבן.

אָבער די טראַגעדיע פון די יידישע קאָמוניסטישע יוגנט־לעכע האָט זיך אָנגעהויבן, ווען זיי זענען געקומען אין באַרירונג מיט דער ווירקלעכקייט, ווען די רוסישע מאַכט האָט זיי פאַרטייטשט אויף פּוילישע אַרעסטירטע, וועלכע זענען געווען אין רוסלאַנד, אָדער נאָך דעם ווי די רוסן זענען אַריין קיין לויצק, אין יענע האָבן געמיינט, אַז זייער גאולה איז געקומען. בנימין פרידמאַן איז אַרעסטירט געוואָרן אין רוסלאַנד ווי אַ טראָצקיסט, אין לויט ידיעות, וואָס האָבן צו אונדז דערגרייכט, איז ער געשטאָרבן אין תפיסה.

1959

י. ברגינסקי / תל־אביב

ימים שעשיתי בלוצק

פגישתי הראשונה עם לוצק היתה בשנת 1922. הגעתי שמה כמרצה מטעם התנועה הציונית „דרור", שהתחילה באותו הזמן את פעולתה ההסברתית והארגונית בפולין. מצאנו (אני ועוד חבר מ„דרור") את העיר לוצק מאורגנת כבר במובן הציוני. היו בה גם מפלגות פעילות. באופן מיוחד הנני נזכר במפלגת „התאחדות". פעיליה של מפלגה זאת (אחדים מהם נמצאים כיום בארץ) קיבלו אותנו בסבר פנים יפות, אף־על־פי שמבחינה מסוימת היינו להם מתחרים.

הם העמידו לרשותנו את המועדון שלהם ואפילו דאגו לכנס כמה יהודים שישמעו את הרצאותינו. החידוש היה בזה שהרצינו בעברית והנושאים היו „כבדים" מאוד — הסברת הציונות הסוציאליסטית שלנו ואופן הארגון של התנועה הציונית בכללה. בכל זאת באו להרצאה זאת וישבו בה עד הסוף כשני עשרות

בהכשרה בהגידוב

שומעים. עלי להודות שיחס כזה לא מצאתי אחר־כך בערים ובעיירות אחרות בפולין.

בשנים 1924־25 אירגנה התנועה החלוצית בפולין מפעל גדול של הכשרה קיבוצית לקראת העליה לארץ־ישראל. חלוצי לוצק היו מהראשונים שהקימו בעירם משק־הכשרה זעיר (גן־ירק). את שטח האדמה הדרוש נתן אחד מבעלי הבתים בעיר, מר קרונשטיין. כן מצאו החלוצים עבודה שכירה בעיר, בפרט בתעשיית לבינים, ואף זה במפעל יהודי. במקום התרכזו כמה עשרות חלוצים שבאו להכשרה מעיירות ווהלין. הם התגוררו במתבן שעמד בתוך גן־הירק. חלק מהחלוצים כבר לא רצו לחזור לביתם והתכוננו לעלות לישראל ישר מקיבוץ ההכשרה. אני נזכר באחד מביקורי, כבא־כוח מרכז החלוץ בפולין, בקיבוץ ההכשרה בלוצק בחודשי הסתיו. המתבן שוב לא יכול היה לשמש מחסה ראוי לשמו מפני הרוחות והקור. „החברה" הציעו להם משכב בקומה השניה של המתבן, המיועדת לשמירת החציר. הלילות היו קרירים ואף־על־פי שהערמנו על עצמנו ערימות של חציר, היו כל הלילה שינינו נוקשות זו לזו מקור.

כבר אז חלמו חלוצי ווהלין על ההכשרה הקבועה בגולה כשלב בדרכי של החלוץ לקראת העליה לארץ. מתוך נקודת־ראות זו קמה כבר אז בתוך קיבוץ־ההכשרה בלוצק המשפחה הראשונה. במשפחה זאת ראה קיבוץ־ההכשרה סימן והוכחה שההכשרה הינה צורת־קבע בחיי החלוץ בגולה, ולכן עליו לפתור גם את שאלות־החיים המתיצבות בדרכו.

בשנים 1934־35 נעשתה לוצק גוש של קיבוצי־הכשרה בחלק הצפוני של ווהלין. בגוש היו יותר מעשרים קיבוצי הכשרה ובהם למעלה מאלף חברים. כמעט בכל תחנת־רכבת במסילות היוצאות מלוצק היה קיבוץ הכשרה, וכשהיית עובר ברכבת, היו פוגשים אותך בזמן החניה בלחיצות ידים ובקריאות שלום. מרכזו של הגוש הזה היה כאמור בלוצק. זה היה מרכז אירגוני,

בנות מלוצק בהכשרה בקלוסוב

שבראשו עמדה מזכירות שנבחרה על־ידי החברים ואושרה ע״י מרכז החלוץ. מתפקידה היה לארגן את הקשר בין הקיבוצים לבין עצמם ובינם לבין חברים בודדים, לדאוג לחייהם הכלכליים וכו׳. כן היתה בידי המזכירות הסמכות לסדר את עניני העליה ולארגן את „הקופה המשותפת״ — זאת אומרת גביית הוצאות עלייתם של החלוצים לפי אפשרויותיהם הכלכליות. באופן כזה היה חלוץ אמיד יותר משתתף בהוצאות העליה של חבר דל־אמצעים.

אבל עיקר עבודתה של מזכירות הגוש היתה ההנהגה האי־דיאית. קיבוץ לוצק, כמקום מושבה של המזכירות, היה צריך לשמש דוגמה לכל הקיבוצים בסביבה בסידור החיים החיצוניים, באירגון חיי החברה החדשה, בהקניית ערכים — יהודיים, ארצי־ישראליים וכלליים — לאנשים המכשירים את עצמם לקראת עליה לארץ. זה היה תפקיד קשה בתנאים שבהם חי הקיבוץ.

חברי קיבוץ לוצק התפרנסו בעיקר מעבודות שונות שמצאו אצל יהודי העיר. בעיקר היו אלה עבודות בית: „חטיבת עצים ושאיבת מים״. חלק עבד גם במפעלי מלאכה ותעשיה. יחסם של נותני העבודה לפועלים היהודים שבאו לעיר היה בדרך כלל

קבוצת חלוצים

אוהד. אפשר שהיה בכך מעין ערבות הדדית — הן בניהם של אותם נותני עבודה יכלו אולי להיות מחר בקיבוץ הכשרה בעיר אחרת ונתונים לחסדם של נותני עבודה יהודים בעיר ההיא. אבל שכר העבודה היה ירוד. הוא נקבע על־פי השכר שהיו רגילים לשלם לאיכרים העניים מהסביבה שבאו לחפש עבודות־עזר בעיר. איכר זה התפרנס בעיקר ממשקו העצמאי, והשכר בעיר היה בחזקת תוספת. מה שאין כן החלוצים, שהיו צריכים להתקיים אך ורק מהשכר ואף לעבור את כל הגלגולים של תקו־פת ההסתגלות לעבודה פיסית קשה. לא מעטים היו זקוקים לזמן מסויים כדי להתגבר על קשיי הקליטה בעבודה על כל הכרוך בזה: יבלות, כאב פרקים, ימי מחלה, תאונות עבודה (ללא ביטוח סוציאלי וכו׳).

העבודה היתה כמובן עבודת קבלנות, וחברי קיבוץ־ההכשרה היו חייבים לעמוד בהתחרות עם הפועל המקומי שהיה מוכשר לעבודה ורגיל בה. אחת הבעיות הקשות לפתרון היתה שאלת הדיור. הקיבוץ מנה יותר ממאה חברים וחברות. מתוך עצם היותו קיבוץ היו החברים צריכים לגור יחד, וקשה היה למצוא

ועד הליגה למען א״י העובדת

בעיר הזאת דיור מתאים. סוף־סוף נמצא בקצווי העיר בית בן כמה חדרים שבעליו מסרו לנו בשכירות ואילו הוא עצמו גר בבית יותר קטן על יד הבית הגדול.

שכר הדירה היה גם הוא ענין קשה שלא תמיד יכול היה הקיבוץ לעמוד בו. כל פעם שבאתי ללוצק היה בעל הבית פונה אלי בבקשה או בדרישה לסלק את שכר הדירה שהקיבוץ חייב לו בעד כמה חודשים.

אותו יהודי — שמו היה מיכל — שתי הרגשות היו מתרוצ־צות בו: מצד אחד חרה לו שאין משלמים לו את שכר הדירה ששימש אחד ממקורות פרנסתו. כן לא היה מסוגל לתפוס את „ההווי״ החדש, את צורת החיים הקיבוצית. הוא היה מבלה שעות רבות בחדר האוכל של הקיבוץ ומשמיע באזני החברים דברי בקורת על צורת החיים הזאת. אבל מצד שני היה לפעמים קרובות יהודי קרתני זה מתמלא הערצה למאמציהם העל־אנו־שיים, לכוח הרצון וההתמדה ולכושר הארגוני של החלוצים,

ובמיוחד כלפי אחדים מחברי המזכירות של הגוש שידעו לעמוד יפה בקשיים הארגוניים, הכלכליים והחברתיים כאחד.

הגעתי ללוצק יחד עם החבר יצחק טבנקין שבא אז בשליחות קצרה ל„החלוץ" בפולין. התנועה נמצאה אז במשבר מסויים. מספרם של המכשירים את עצמם לעליה לארץ בכל התנועות החלוציות בפולין ובארצות אחרות היה רב. לעומת זאת, מכסת רשיונות־העליה שהקציבה ממשלת המנדט לא הספיקה אלא לע־לייתו של חלק קטן. התנועה עמדה בפני השאלה של הקמת הכשרה קבועה שתוכל לעמוד במצב קשה זה עד שהיא עצמה תתארגן כדי למצוא דרכים חדשות, עצמאיות, לעליה לארץ. היה

חלוצים לוצקאים בישראל (1927)

צורך להסביר לתנועת ההכשרה שיש להסתגל למצב החדש ויש לאזור כוח כדי לעבור אותו בשלום. עד אז היו רגילים לשהות חצי שנה בהכשרה ובגמר תקופה זו היו החברים נוסעים לבתיהם כדי לחכות לקבלת הרשיון לעליה. מחמת צמצום מספר רשיונות העליה נוצר — ב„החלוץ" שבפולין בלבד — עודף של ששת אלפים איש שקיבלו הכשרתם בקיבוצי ההכשרה והתקינו עצמם לעליה — לעומת מספר הרשיונות שהיו בידי הנהלת התנועה. במצב זה הוחלט בתנועה לקבל את הדרך של בחירת מועמדים לעליה, במקום אישור אוטומאטי. נקראו לפגישה בלוצק כל אלה שהכשירו עצמם לעליה, ומהם לבחור את הראויים לעלות. היה צורך להחדיר ללבות החברים את ההכרה, שהתנועה במצב שנוצר, מוכרחה ללכת בדרך של בחירת המתאימים ביותר, שיהיו נכונים ללכת בארץ לתפקידי הכיבוש בכלל, ולהתישבות הקיבוצית בפרט. היו ימים של דיון במתח גדול וברמה גבוהה. על ענין זה ישבנו כמעט 36 שעות רצופות. מדי פעם בפעם היו יוצאים חברים אחדים כדי לקבל אוכל משש הצלחות שהיו ברשות הקיבוץ.

גם אני ניסיתי מדי פעם בפעם לצאת כדי למצוא משהו לאכיל, אבל קיבלתי מעט מרק דליל רק אחרי צפיה של שעתיים בערך. טבנקין לא אכל במשך 36 שעות. למרות האינטרסים הטבעיים של הפרט, הצלחנו לשכנע את החברים כי התנועה מוכרחה לעבור מנוהג ה„ו ו ת ק" ואישור פורמלי — לדרך של בחירה חברית ותנועתית.

בפעם האחרונה ביקרתי בלוצק בשנת 1937. עמדנו בפני התחלת המפעל של עליה ב׳. באתי לפגישה עם מזכירות הגוש כדי לתכנן יחד אתה את דרכי בחירת החומר האנושי וקביעת הסדרים לגביית הכסף להוצאות העליה המוגדלת. הפעם, בגלל הסודיות של העניין, התאכסנתי בבית־מלון קטן. שם התכנסנו לישיבה שארכה יממה תמימה בהפסקות אחדות, שבהן היו חברי המזכירות ניגשים לקיבוץ כדי לנהל שיחות אישיות עם המו־עמדים לעליה ב׳, בלי שכלל הקיבוץ ידע על כך. את העיר לא ראיתי הפעם ואף לא נפגשתי עם החברים.

על רקע המציאות היהודית באותן השנים — דלדולה הכלכלי של יהדות פולין, התגברות האנטישמיות שהביאה לפר־עות ביהודים, צלו של היטלר שהלך ונפרס על גרמניה והעולם כולו, סגירת שערי ארץ־ישראל לעליה יהודית ע״י ממשלת המנדט בלחץ הערבים, — על רקע זה היה קיבוץ לוצק גילוי מיוחד במינו של תנועה הנושאת עמה פתרון לחבריה ולעם היהודי בכלל, על ידי הגשמה עצמית ומאבק על עליה לארץ.

1959

י. בנקובר

חלוצי אוקראינה בלוצק

המהפכה הרוסית הגדולה מצאה אותנו צעירים מאוד. היו אלה ימי התעוררות לאומית בקרב היהודים — פרחו תקוות גדולות ונתגלו כוחות חבויים ואנרגיה לאומית עצומה שהיתה רדומה בנוער. ואנו — מוקסמים מהמהפכה ומגילוייה הנהדרים — חיפשנו דרך בתוך העם. קרצו לנו אידיאות גדולות, חובקות וכובשות זרועות עולם. אולם בינתיים, במערבולת של מלחמת אזרחים, זרמו נחלי דם של יהודים. חתרנו לדרכים של ציונות רעננה, מגשימה. תוך חיפושים חישלנו את כוחנו ותוך מסירות אישית פילסנו דרכנו. דרך המהפכה לא סינוורה את עיני הנוער החלוצי, וכל להט הנעורים ומסירות־הנפש לאידיאות הגדולות שיקענו במאמצים לעליה מידית למולדת.

מחומר זה קורץ „החלוץ" הרוסי מערבות אוקראינה שהתחיל לפרוץ בהמונים אל הגבולות ובין הגבולות.

שנות 1920—1923

סכנת־חיים ומאסרים היו מנת חלקם של רבים מן המתפר־

צים שהסתננו לפולין כתחנת־מעבר לארץ־ישראל. אוסטרוג ואיז׳יסלבל — היו נקודות גבול ומעבר כאשר שימשה רובנה מקום הריכוז הראשון והגדול ביותר של חלוצים מאוקראינה.

בווהלין — חבל הספר הפולני — מצאנו תנאים קשים ביותר. השלטונות הפולנים הביטו בעין רעה על מבריחי הגבולות שהסתובבו ללא פספורטים וכאורחים בלתי קרואים. רדיפות וחיפושים בלילות היו מנת חלקנו במשך תקופה ארוכה, כאשר סכנה להיתפס ולהישלח חזרה אל מעבר לגבול הרוסי — היתה אורבת לנו כל הזמן.

לא מצאנו דפוסים ארגוניים ל„החלוץ" בווהלין — וההסתדרויות הציוניות במקומות לא תמיד גילו הבנה לדרכי „החלוץ". אולם אין בזאת כדי לקפח את זכותם של ציונים בודדים, וגם לא מעטים, שדאגו אבהית לחלוצים שהגיעו בחוסר כל.

והדאגות היו מרובות — החל מדירה, בגדים, אוכל, עבודה, השגת פספורט — ועד לעזרה כספית להוצאות הדרך למאושרים שזכו לעליה. מתוך צורך להסתתר מעינם הרעה של השלטונות הפולנים ומתוך חיפושים אחרי תנאי הקיום — התפזרו החלוצים במקומות רבים — גדולים וקטנים — כאשר מרכזים עיקריים משמשות רובנה, קובל ולוצק, עיר עיר ותפקידה המיוחד. רובנה שימשה מקום הריכוז הגדול ביותר של חלוצים שעברו את הגבול הרוסי. מכאן עבר חלק מן החלוצים ללוצק, מקום שם מצאו תנאי עבודה וסידור ראשון, וגם היו יותר מרוחקים מעינם הבולשת של השלטונות הפולניים שהשתוללו בערי הספר.

לעומת זה נהפכה קובל למרכז ארגוני וחינוכי של „החלוץ". באותם הימים עדיין לא היו סניפי „החלוץ" שבהם חלוצים מבני המקום. אולם הזרם הגדול של חלוצי אוקראינה שהתחילו להתארגן, סחף עמו גם גרעיני חלוצים מקומיים ובכך ניתנה דחיפה להקמת רשת סניפי „החלוץ" בכל הערים והעיירות של ווהלין.

בקובל נתכנסה הועידה הגלילית הראשונה של סניפי „החלוץ", ובה נבחר ועד שפיתח עבודה ארגונית חינוכית עניפה בגליל כולו. באופן טבעי היתה דאגת הוועד הגלילי מופנית לשני המרכזים — ללוצק ולרובנה. הקשר עם החלוצים בלוצק גבר ונתהדק ע"י ביקורים תכופים, הדרכה ארגונית־חינוכית — ובעיקר, ע"י פגישות אישיות ובלתי אמצעיות.

על המפה החלוצית של ווהלין נתבלטה לוצק בזכות חלוציה ובכשרון ההסתגלות לתנאי־חיים — חיי־מעבר של החלוצים המגיעים יום יום.

בלוצק הופיעו הניצנים הראשונים של התארגנות להכשרה. במרוצת הזמן נוצר קשר הדוק ביותר בין לוצק לקובל — שנעזרו זו בזו בעצה, בהדרכה ובארגון. רבים היו דפוסי הארגון הראשונים של חלוצי אוקראינה על אדמת ווהלין. צעירים, מחוסרי נסיון, מבודדים ונתונים בסביבה זרה, פילסנו את דרכנו העצמאית תוך נסיון להתמודד עם התפקיד הגדול — להיקלט בסביבה החדשה ולקלוט את הבאים אחרינו. נוצר קשר־גומלין בין לוצק לקובל — כאשר קובל מעניקה מסמכותה הארגונית כמרכז הגליל ולוצק תורמת את תרומתה המבורכת כתחנת נסיונות חלוצית לגליל כולו.

כשרונם של חלוצי לוצק לקלוט את הבאים תוך דאגה ועזרה בכל השטחים — עד יום העליה לארץ־ישראל — נתן את תוצאותיו החיוביות והמבורכות בעבודת „החלוץ" בגליל כולו. לוצק וקובל — כאחיות תאומות — עשו את מלאכתן הקשה כגרעין מלכד וגורם להתארגנות של חלוצי אוקראינה על אדמת ווהלין.

בכל פגישה עם חברינו מלוצק יכולנו לשאוב עידוד מעבודתם וגם ידענו להעריך את העזרה הגדולה שהושיטו להם ציוני המקום בצעדיהם הראשונים, שהיו מכריעים וקשים ביותר.

וכשאנו משקיפים לאחור על התקופה רבת המעש והמאמצים הזאת, אנו יכולים לציין בסיפוק את התרומה הגדולה שתרמה לוצק הציונית והחלוצית בעזרתה לחלוצים מאוקראינה בראשית צעדיהם.

מכתב ל„החלוץ" בלוצק

הסתדרות
„החלוץ" בווהלין
הועד המאוחד
של חלוצי הספר

משרד הסתדרותי
בתשובה נא להזכיר
יום כ׳ לחודש ניסן תרפ"א

Organizacja
„HECHALUC-PIONIER"
na Wołyniu
Zarząd główny

אל (הס)תדרות „החלוץ" בלוצק

הועד המאוחד, (ה)מאורגן הראשי העוסק בכל השאלות הנוגעות אל ח(לוצי) הספר שולח אליכם את חברי הקבוצה היקטרינבורגית (הסיביראית) שנשלחה ע"י מרכז „החלוץ" במוסקבה, ע"פ התעודות תחת חתימת ידי ס. סטמצקי ומנהל הקק"ל הח׳ צ׳ירי־קובר ופונה אליכם בבקשה לעזור להם במה שאפשר. מקוים אנחנו כי תמלאו בקשתנו־בקשתם בתור ציונים וחלוצים ובזה נביע את תודתנו למפרע.

בברכת החלוץ

מג/יו"ר **מ. דיקשטיין**
המזכיר **ש. רזמשן**

המכתב ניתן לעיל כלשונו.

הערה: האותיות שבסוגריים פוענחו ע"י המערכת. המקור נמצא בידי מר ש. צביטמן — ירושלים.

משה ויוסף שופמן

לתולדות „החלוץ" בלוצק

עם גמר מלחמת העולם הראשונה, הצטרפנו, קבוצת צעירים, להסתדרות הציונית בלוצק. מדריכינו הראשונים היו ש. צויטמן, גרטיבל, ה. וקסמן. המועדון שלנו היה בבית קרוינשטיק. כרוב בני הנוער הציוני שאפנו גם אנו לעלות ארצה, אבל לא היתה לנו עדיין שום הכשרה. ב־1924 הקימונו בעירנו את „החלוץ". כמאה חברים וחברות היינו, ופנינו אל אברהם גליקליך ז"ל בבקשה שיתן לנו חלקת אדמה כדי להקים עליה את הקיבוץ. היה זה בתקופת החורף, כשניגשנו להקים את הבנין. עמלנו קשה, ביום עבדנו ובלילה שמרנו מפני גניבות, כי הגויים הפריעו לנו בעבודתנו. עד שנגמר הבנין היינו מתאכסנים בבית־החרושת ללבנים של מר גליקליך, שם רעבנו וקפאנו מקור. היינו נאלצים „לקפוץ" מדי פעם בפעם הביתה לבקש משהו לאכול. מצב זה היה מאוד לא נעים. החלטנו לעבוד בכל עבודה שהיא ובלבד שנשתכר למחייתנו ונוכל להכשיר את עצמנו לעלייה. בחורף עבדנו בחטיבת עצים בבתי היהודים. בימים הראשונים סבלנו קשות מהורינו; הם היו טוענים שאנו ממיטים עליהם חרפה, כי אנו עושים את עבודת הגויים, „רחמנא לצלן". גם היהודים נותני העבודה הראשונים, לא ראו זאת בעין יפה, אבל אחר זמן קצר הוכחנו את עצמנו. עבדנו יותר טוב מן הגויים ואפילו במסירות. לא התביישנו; להיפך, גאים היינו במעשינו, ובאנו על שכרנו. היהודים שבעיר ציינו לשבח את עבודתנו והיו מקבלים אותנו ברצון לעבודה. היו כאלה שהיו מכינים לנו ארוחות והיו אפילו עוזרים לנו בסידור העצים אחרי שגמרנו את עבודת החטיבה.

קבוצת „נס־ציונה"

עבר החורף, הבנין נגמר ונכנסנו לגור בו. את הכסף שהשתכרנו בעבודתנו חסכנו וקנינו שלושה סוסים ועגלה. רכשנו גם פרות. לסוסנו הראשון קראנו בשם „ראשון". קיבלנו שטח אדמה די גדול. עיבדנו את האדמה והוצאנו ממנה יבולים לצרכינו:

קבוצת החלוצים הראשונה בלוצק (1920)

לוצקאים בהכשרה בקוסטופול

ירקות, תפוחי אדמה וגם חיטה וחציר לפרות. בקיץ התקבלנו לעבודת הקציר אצל מר יוסיפוב, שהיו לו אדמות בשותפות עם נוצרי. שם עבדנו, גם אכלנו וישנו. היו עובדים אצלם איכרים נוצרים שידעו יפה לעבוד, אבל אנחנו לא פיגרנו אחריהם. כעבור ימים מספר הוכחנו להם שאין אנו נופלים מהם בעבודתנו, ונותן העבודה שלנו, השותף הנוצרי, אף ציין אותנו לשבח. הוא הוסיף ואמר, שאם נעבוד כך בארצנו כפי שאנו עובדים אצלו, נראה ברכה רבה בעבודתנו. שם „החלוץ" שלנו יצא לתהילה. עמדנו במבחן. ידוע ידעו בעיר, כי כל עבודה המפרכת את הגוף — אנו מבצעים אותה למופת. בית הכנסת הגדול שבעירנו היה בנוי כמבצר ממש. כדי לשפר אותו היה צורך בהריסת קירות פנימיים. מסרו לנו את העבודה הזאת ואנו עשינו אותה. אברהם גליקליך ז"ל שיבח את אומץ לבנו. קשה היתה העבודה בבית הכנסת. כבר ביומיים הראשונים התנפחו ידינו, וספק היה אם נוכל לה. אבל אנו לא נפלנו ברוחנו, התגברנו על כל הקשיים. צעירים היינו. היו יהודים שהתנגדו למסור לנו את העבודה, כי

קבוצת חלוצים לוצקאים

קבוצת חלוצים עם חיים שורר

לא היו בטוחים אם נעמוד בה. אולם בסופו של דבר, אחרי שגמרנו, קיבלנו תוספת־שכר כאות הצטיינות.

אצל מר לשנר בדוליני היתה מנסרה וגם בה עבדנו. הגויים שעבדו שם היו בריאים וחזקים, ואנו נערים יהודים צנומים. הגויים הביטו עלינו וצחקו בלבם: מי הם אלה אשר יעבדו בעבודה מפרכת זו? אבל אנו, הנערים, שכל שאיפתנו היתה לזכות לעלות לארץ ולבנות את המולדת, עמדנו גם שם במבחן. עבדנו בחריצות ובהצטיינות עד שאותם הגויים התפעלו מאתנו. כל משימתנו היתה להכשיר את עצמנו לשרות העם והארץ, ולנטוע אהבה לרעיון הנשגב הזה בלב הדור הצעיר שילכו בעקבותינו.

בנים מסורים היינו לעמנו עוד בלוצק. כשהיתה פורצת שריפה אי־שם בעיר, היינו מיד קופצים על העגלות שלנו וממהרים לעזור לנשרפים. בכל שריפה ישנה כידוע, שעת כושר לגנבים לגנוב, ולא חסרו מומחים לדבר. היינו אנו עומדים על המשמר שלא לתת לגנבים לבצע את זממם. גם ראש מכבי־האש ידע להעריך אותנו והיה מזמין אותנו במקרים כאלה לעזור בשמירה על הסדר.

ראש הקבוצה שלנו היה ויטיה כץ. פעם סיפר לו אביו המהנדס על דבר הגשר שהממשלה עומדת לבנות בעיירה טרוביץ.

סניף „החלוץ" בלוצק (1924)

הוא גם סיפר לו, כי המהנדס הפולני מעונין דוקא לקבל אותנו לעבודה, אבל משום מה אינו בוטח בנו פן ניכשל. אחרי הפצרות והבטחות רבות הצליח ויטיה לקבל את העבודה. שלושה חדשים עבדנו שם וגמרנו בהצלחה רבה. בסיום העבודה ערכו לכבודנו נשף. כדאי לציין את הרוח שפעמה בנו, בחלוצים הראשונים שבלוצק. עבודתנו במלאכת הגשר היתה מלוזה שירה. „היי דו־בינושקא" היה אחד הפזמונים אשר הלהיב אותנו לתקוע את העמודים ולהעמיקם בתוך קרקע הנהר. וחויות מעין אלו רבות היו...

גם נגריה היתה לנו, ומשק מפותח ומבוסס. לצערנו לא ארכה שמחתנו זמן רב. באחד הלילות גנבו מאתנו את הסוסים. לא הועילו החיפושים. הגניבה לא הוחזרה. גם בשאר הענינים התלבטנו קשות. החיים בקיבוץ בין החברים לא היו אף הם

פלוגת עליה של חלוצי לוצק

הקיבוץ בקלוסוב בשנת 1930

„חלקים" לגמרי. היו חילוקי דעות, סכסוכים ואפילו עזיבות... אולם לבסוף הגיעה שנת 1926. התבשרנו בבשורה הטובה — באישור לעלות ארצה. לשמחתנו לא היה קץ ורבים היו האנשים אשר השתתפו בה. הציונים המבוגרים ערכו לנו נשף פרידה. היו נאומים וברכות. ציר הסיים א. לוינסון איחל לנו להגיע למחוז הפצנו ולא לשוב („אַהין צו פאָרן און צוריק נישט קומען"...). קבוצתנו היתה הקבוצה הראשונה אשר עלתה ארצה. רבים באו ללוות אותנו לרכבת. בתחנה שרו את „התקוה" והניפו את הדגל הכחול־לבן, וההתרגשות היתה רבה. הפולנים, עינם היתה צרה בראותם קהל יהודים רב כזה.

אנו זכינו והגענו לארץ מולדתנו, אך הלב דואב על האסון הגדול שפקד את עמנו בשואה הגדולה ועל טובי בנינו שנשאו אף הם את נפשם אל הארץ ולא זכו להגיע אליה ולראות בתקומתה.

חבל על דאבדין ולא משתכחין...

ש. צוויטמאַן

רעוויע פון חלוצישן קיבוץ

„זייט אונדז מוחל אַ סך פעלערן, ווייל דאָס איז אונדזער ערש־טער געוואַגטער שריט אויפן געביט פון סצענישער קינסט", — מיט אָט די ווערטער האָט זיך געווענדעט צום עולם צושויער אַ פאָרשטייער פון דער סטודיע פאַרן אָנהויב. און ווירקלעך — אין אַלץ האָט זיך געפילט דאָס „ערשטע מאָל", הן אינעם צוזאַמענ־שטעל פון פּראָגראַם, הן אין זיין אויספירונג, און באַזונדערס אין דער מוזיקאַלישער און טעכנישער לייטונג.

אין די אויסגעפירטע נומערן האָט געפעלט אַ רעזשי, אַ געניטע לייטנדיקע האַנט. ס'האָבן געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק די מוזיק־נומערן אין די צו לאַנגע אַנטראַקטן. ס'פעלן דאָך נישט קיין שיינע חלוצישע און יידישע נגונים, וועלכע וואָלטן מער געפּאַסט צום אינהאַלט פון דער רעוויע, ווי די געשפּילטע טאַנץ־מוזיק. נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן מיר געהאַט אַ רעוויע, אַ פּרווו פון אַ נייער אַרט קונסט, וועלכע האָט מיט איר אינהאַלט קודם־כל ווי זיך אָפּגעצוימט פונעם ביליקן שאַבלאָן אין גאַסן־הומאָר פון אַנדערע ענלעכע פאָרשטעלונגען.

פיין און הערלעך זענען אויסגעפאַלן די נומערן „יידן שמידן", דער „בורלאַקן־טאַנץ" און „הוירא". אַלע דריי — אַ סימ־באָל פון אַרבעט און גלויבן אין אַ שענערער צוקונפט. אויסגעצייכנט האָט זיך דאָס טענצער־פּאָרל הילדע און שטשו־פּאַק. גוט זענען געווען די בילדער, וועלכע האָבן פאָר־געשטעלט דעם קרייץ־צוג, דורך וועלכן ס'יידנטום גייט זינט טויזנטער יאָרן. אַ פיינער פּאָרטרעט פון אונדזער אייביקער גלות־טראַגעדיע. אויסגעצייכנט האָט זיך אין זיין ראָל ה. סטאַווער „מאי־קא־משמע־לן" — זייער אַ שיינער נומער, אָבער שוואַך אויסגעפירט.

נישט שלעכט זענען אויך געווען די נומערן: דער „משוגעגער אין שפּיטאָל" און „די צירק־אַטלעטן". אָבער ביידע, לויט אונדזער מיינונג — אַ שטיקל דיסאָנאַנס צום אינהאַלט פון דער רעוויו.

זענען דאָך פאַראַן אין אַ גענוגנדיקער מאָס שיינע איבּ־האַלטסרייכע א״י־נומערן אין העברעיש (אינגאַנצן געפעלט) און יידיש, וועלכע וואָלטן אגב צוגעגעבן דער גאַנצער רעוויו מער כאַראַקטער. נאָר, ווי געזאָגט, מען מוז די דעביוטאַנטן אַ סך מוחל זיין. ס'איז דאָך פאָרט דער ערשטער שריט און דערצו ווייסן מיר אין וואָסערע שלעכטע באַדינגונגען דער סטודיע קומט אויס צו אַרבעטן.

מיר גלייבן זיי אָבער, די יונגע באַגייסטערטע חלוצים, און וואַרטן אויף זייער ווייטערדיקער אַרבעט.

(„וואָלינער פּרעסע" נומער 7 (268) פון 16.2.1934)

ש. פרידמאַן

חלוצים פון היטלער־דייטשלאַנד אין לויצקער קיבוץ

ס'איז שבת מיטאָג־צייט. ס'קומט אונדז אַנטקעגן אַ באַקאַנטע חלוצה, שיינדעלע, און פירט אונדז אַרום צו באַווייזן דאָס „רייכ־טום" פון קיבוץ. קודם־כל גייען מיר אַריין אין קאַנצעלאַריע. אַ באַרג מיט קאָרעספּאָנדענץ און צייטונגען. אַ בחור סאָרטירט די קאָרעספּאָנדענץ, אַזוי ווי אויף דער פּאָסט, להבדיל. דאָס איז פאַר דער חברה, דער בריוו — פאַר דעם און דעם חבר, דער בריוו איז פון מרכז א.א.וו.

פון ביוראָ קומען מיר אַריין אין עס־צימער, וואָס איז גרויס, געראַום און ליכטיק. ביי דער וואַנט — אַ לאַנגער טיש מיט בענק, אויף וועלכע ס'זיצט יונגוואַרג ביים מאָלצייט. זיי זענען אין אַ פריילעכער שטימונג. צוויי חברות דערלאַנגען דעם זייער באַשיידענעם מאָלצייט, וואָס באַשטייט פון... ברויט מיט קאַר־טאָפל־פּיורע, באַשמאַלצן מיט אַ צוגעפּרעגלטער ציבעלע און... גענוג. אַ חלוץ האָט נישט קיין קישקע אָן אַ דנאָ — האַלטן זיי.

פון דאָרט גייען מיר איבער צו די שלאָפצימערן: הילצערנע צוויישטאָקיקע בעטלעך, פון אייגענער אויסאַרבעטונג. זיבעצן בעטציִיג. די צימערן — לופטיקע און ריינע. אונדזער באַגליי־טערין קלערט אונדז אויף, אַז צוליב שבת האָט מען די פּאָדלאָגעס נישט געוואַשן.

מיר באַזוכן דעם „מאַגאַזין", ווי ס'ליגן די זאַכן פון די חלוצים. ס'זענען געווען אויך עטלעכע נייע טשעמאָדאַנטשיקעס, וועלכע געהערן צו די ניי אָנגעקומענע חברים פון דייטשלאַנד, וועלכע וועלן, נאָכן אַדורכגיין די הכשרה, גלייך פון דאַנען אָפּ־פאָרן קיין „ארץ".

ס'לויפט אַדורך אַ בחורל פון נידעריקן וווּקס און אין ברילן, אָבער אַ פעסט־געבויטער. דאָס איז אַ בחור פון בערלין, אָנגע־קומען אין קיבוץ מיט אַ וואָך צוריק גלייך פון דייטשלאַנד. מיר פאַרהאַלטן אים און פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך וועגן די לעצטע געשעענישן אין דייטשלאַנד. ער איז גאַנץ מונטער. ווייזט אויס, אַז דער פאַקט, וואָס זיינע עלטערן זענען אַרויסגע־טריבן געוואָרן פון בערלין, ווו זיי האָבן געלעבט 23 יאָר, האָט אויף אים גאָרנישט געווירקט. ער דערציילט אונדז נישט קיין שום ספּעציעלס. אַלץ איז אונדז שוין באַקאַנט פון דער פּרעסע. „אָבער — זאָגט ער — די פּאָלנישע יודען איז היער יאַ שלים מאַטעריעל." זעט אויס, אַז ער האָט פאַרגעסן, ווי „שלים" ס'איז איצט די דייטשע יידן אין דייטשלאַנד!

ס'קומט צו אונדז צו אַ פלינק און פעסט־געבויט מיידל. זי שטאַמט פון דאַנציק. זי הייסט שושנה. זי האָט שוין דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. געבוירן אין קאָנגרעס־פּוילן. זי איז מיט אירע עלטערן, בעת דער 4־טער עליה, געפאָרן קיין ארץ־ישראל. אין 1926 — צוריקגעקומען. געווען 3 יאָר אין פראַנקפורט, פון דאָרט אַריבער קיין דאַנציק. איצט גרייט זי זיך צוריק עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

ס'קומט צו אַ צווייטע בחורה, אויך פון דאַנציק. זי הייסט זהבה. זי דערקלערט אונדז, אַז זי פילט זיך אין קיבוץ גליקלעך. זי איז אַ בת־יחידה. אין דער היים פלעגט זי שלאָפן ביז שפּעט אין טאָג אַריין, און די דינסט פלעגט איר דערלאַנגען דעם פרישטיק אין בעט אַריין. זי האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און איז אַוועק אין קיבוץ, ווו זי פילט זיך אויסגעצייכנט. און אַז זי וואַשט ערגעץ וועש, נעמט זי זיך אויך נישט איבער, ווייל זי פילט, אַז זי איז טאַקע נישט קיין „פּאַראַזיטקע".

ס'ווילט זיך אָט די אַלע יונגעלייט אַרומנעמען און זיך מיט זיי צעקושן. אַזוי ליב ווערן זיי אייך. מיט אַזעלכע אידעאַליסטן האָט דאָס יידישע פאָלק איבערגעלעבט נישט אין היטלער.

צום סוף באַזוכן מיר די קיך, ווו דער באַשיידענער מיטאָג ווערט ציכטיק צוגעגרייט, און מיט אַ האַרציקן „שלום" געזעגענען מיר זיך מיט די יונגע, ליבע און שטאָלצע יידן.

(„וואָלינער פּרעסע" נומער 20 (230) פון 26.5.1933)

חיים חלף

אַל תִּשְׂמְחִי אוֹיַבְתִּי לִי!

(מוקדש להתחלת המגבית של „קרן היסוד"
בלוצק, בשנת תרצ"ח)

בְּמֶרֶץ עָז וּבְיַד חָרוּצִים
קַמְתִּי לִבְנוֹת אֶרֶץ אָבוֹת;
מִבְחַר בָּנַי יָצְאוּ חֲלוּצִים
לְיַבֵּשׁ בִּצּוֹת, לְקוֹמֵם חֳרָבוֹת;
וְאַתְּ, בַּת־עֲרָב, הִשְׁלַכְתְּ שִׁקּוּצִים
עַל מַעֲשֵׂה יָדַי, חָפַצְתְּ קְרָבוֹת!

אַל תִּשְׂמְחִי, אוֹיַבְתִּי, לִי:
לֹא נָפַל עוֹד רוּחִי בִּי!

מֵאוֹת בַּשָּׁנִים שָׁכַנְתְּ בַּעֲצַלְתַּיִם,
מֻכַּת־גַּרְעֶנֶת, חוֹלַת־מַלַרְיָה,
בָּאתִי אֲנִי — וּבְזֵעַת אַפַּיִם
הָפַכְתִּי מִדְבָּר לְאֶרֶץ פּוֹרִיָּה.
גַּם חַיַּיִךְ, בַּת־פֶּרֶא, הוּטְבוּ שִׁבְעָתַיִם
וְאַתְּ מִרְמָה עָלַי יָד לְהַכּוֹתֵנִי שְׁאִיָּה!

אַל תִּשְׂמְחִי, אוֹיַבְתִּי, לִי!
לֹא נָפַל עוֹד רוּחִי בִּי!

מִמַּאֲרַב חֲצֵרִים, מִמַּחֲבוֹאֵי הָרִים,
תְּשַׁלְּחִי בִּי חֵץ וּפִצְצַת עֶשֶׁת!..
וַאֲנִי לֹא אֶסּוֹג; אֶטַּע יְעָרִים,
אֵצֵא הַשָּׂדֶה בְּאֵת וּבְמַחֲרֵשֶׁת;
עוֹד אוֹסִיף לָבוֹא בִּזְקֵנִים וּנְעָרִים
לְהַחֲיוֹת אַרְצִי, לִבְנוֹת וְלָרֶשֶׁת!..

אַל תִּשְׂמְחִי, אוֹיַבְתִּי, לִי!
לֹא נָפַל עוֹד רוּחִי בִּי!

ש. פ.

די וואַלן צום 18־טן ציוניסטישן קאָנגרעס

כאָטש דער אָנהויב פון די וואַלן איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרן אויף 10 אַזייגער פ.מ., האָט זיך שוין פון גאַנץ פרי באַמערקט אַ שטאַרקע באַוועגונג אין גאַס: אַמשטאַרקסטן האָבן זיך אָנגעזעען די אַגיטאַטאָרן פון די ליסטעס 5 און 6. די בית"ראָווצעס האָבן מאַרשירט גרופּנווייז מיט געזאַנג. זיי זענען אויך אַרומגעפאָרן אויף דראָזשקעס, וועלכע זענען געווען באַקלעפּט מיט זעקסטלעך, און האָבן מיט טראָמפּייטערס געוועקט דעם עולם צו די וואַלן. פון די „ליגאָווצעס" (5) האָט זיך אָנגעזען אַ ציקליסטן־גרופּע, וועלכע איז אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט און אויך „געבלאָזן שופר".

ביים וואַל־ביוראָ

אין הויז פון דער קהילה איז אַ געוואַלדיקער געדראַנג. נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער היץ, שטייען גאַנצע שעהן הונדערטער ייִנגלעכעלעך אין דער ריי, וואַרטנדיק אָפּצוגעבן זייער שטימע.

אין לאָקאַל איז אַן ענגשאַפט. זעלטן ווען, אַז אַן עלטערער מענטש זאָל זיך קענען צובאַקומען צום טיש, וווּ ס'גייט אָן אַ „שטרענגע קאָנטראָל". אָט קוועסטיאָנירט אַ קאָמיסיע־מיטגליד אַ „דאָקומענט" אַרויסגעגעבן דורכן „הפועל", פון וועלכן מען קען נישט פעסטשטעלן די יאָרן פונעם וויילער. קומט באַלד דער באַקאַנטער „טריבון" און קוועסטיאָנירט אַ מעטריקע, אַרויסגעגעבן דורכן אַסטראָוויעצקער סאָל־טיס. און אַזוי קומט פאָר די אָפּשטימונג און מען האַלט אין איין קוועסטיאָנירן אַ גאַנצן טאָג ביז... ביז האַלב אַכט פאַרנאַכט קומט אַרויף... אויפן פענצטער דער פאָרשטייער פון בית"ר און דערקלערט, אַז אַזוי ווי די וואַלן זענען נישט ראַיעל אַדורכגעפירט געוואָרן, מעל־דעט ער אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון „מזרחי" און פון דער גראָסמאַן־גרופּע, אַז זיי זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די וואַלן און אַז זיי טאָרן נישט פאָרקומען מער.

ס'ברעכט אויס אַ גרויסער סקאַנדאַל, ביז דער פאָרזיצער פון דער

וואַל־קאָמיסיע ה׳ בערגער מוז זיך ווענדן צו דער פּאָליציי, אַז זי זאָל אָפּרייניקן דעם זאַל. אַן ערך 600 וויילער ווערן פונאַנדערגעיאָגט. דורכן איבעררייסן די וואַלן האָבן אַממערסטן געליטן די „התאחדות״ און „על המשמר״.

ביי דער אָפּוועזנהייט פון „מזרחי״, רעוויזיאָניסטן און גראָסמאַן־גרופּע פאָרשטייער טרעט מען צו ציילן די שטימען.

פון 2142 וואַל־באַרעכטיקטע האָבן געשטימט 1375, פון וועלכע 4 זענען געפּסלט געוואָרן און די רעשט איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף אַזאַ אופן:

ליסטע נומער 1	(על המשמר)	האָט באַקומען 97	שטימען
„ „ 2	(עת לבנות)	„ „ 4	„
„ „ 3	(מזרחי)	„ „ 100	„
„ „ 4	(גראָסמאַניסטן)	„ „ 19	„
„ „ 5	(ליגע)	„ „ 672	„
„ „ 6	(רעוויזיאָניסטן)	„ „ 344	„
„ „ 7	(התאחדות)	„ „ 135	„

דער פּראָטאָקאָל פון די וואַלן איז איבערגעשיקט געוואָרן אין דער הויפּט וואַל־קאָמיסיע, וועלכע וועט דעצידירן צי ס׳דאַרפן פאָרקומען צוגאָב־וואַלן.

(„וואָלינער פּרעסע״, 28.7.1933)

צבי ניסנקאָרן / תל־אביב

דער „העובד״ אין לויצק

אין לויצק האָט זיך געפונען דער סעקרעטאַריאַט פון חלוצישע קיבוצים — גוש קלאָסאָוו. דער קיבוץ אין לויצק האָט געציילט איבער הונדערט חברים. מזכיר פון גוש איז געווען אליהו וויינבער, וועלכער איז געווען זייער אַקטיוו.

חוץ דעם קיבוץ האָט אין לויצק עקזיסטירט אויך אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „העובד״, לויטן כאַראַקטער ענלעך צו דעם „החלוץ״, אָבער אין אים זענען געווען אָרגאַניזירט גאַנצע משפּחות. זיי זענען אַדורכגעגאַנגען נישט קיין פיזישע הכשרה, נאָר אַן אידעאישע און גייסטיקע ד.ה. זיך גייסטיק און מאָראַליש צוגעגרייט עולה צו זיין קיין ישראל. צווישן קיבוץ און „העובד״ האָבן געהערשט גוט־חברישע באַציונגען. צווישן אַנדערע האָבן די חברים פון „העובד״ זיך פאַרנומען מיט זאַמלען געלט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. זיי האָבן פאַרשפּרייט די חלוצישע פּרעסע־אויסגאַבן צווישן דער באַפעלקערונג. די „העובד״־חברים זענען געווען די וואָרטזאָגער פון אַרבעטענדיקן ארץ־ישראל. אין קיבוץ האָבן זיך די מיטגלידער פון „העובד״ געפילט ווי אין אַ צווייטער היים.

מיר פלעגן אָנפירן מיט אַ לעבהאַפטער קולטורעלער טעטיקייט, און דורכפירן אָפטע ליטעראַרישע און פּאָליטישע שמועסן.

צו דער 1־יאָריקער עקזיסטענץ פון אונדזער אָרגאַניזאַציע „העובד״ האָט מען איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכן אַקאַדעמיע־כינוס אין זאַל פון בית־עם.

יאַנואַר, 1960

יובל־פייערונג פון „העובד״ אין לויצק

א. אפרת (פיקס) / עין־השופט

„השומר הצעיר" בלוצק

א. אפרת

כמבעד לערפל עוברים לנגד עיני, עיני ילד בן 10־11, התהלוכות ה־ראשונות של נערות ונערים יהודיים במדים אפורים־בהירים ומקלות ארוכים בידיהם בשנות ה־20 הרא־שונות. אורי גליקליך, בנו של ה„רבינר" המקומי, היה מפקד הקן, ושמות כגון קרצמן, צ'צ'וטקה, רצפטר, לנדר וקוניצה זכורים לי כראשי קבוצות שבהן השתתפו גם אחיותי הבוגרות.

עד היום אינני יכול להבין על שום מה היו ימי־קיומו של הקן השומרי מאותם הימים כה קצרים, בעוד שבערים אחרות בווהלין, כרובנה, קובל ודובנא, לא חלה שום הפסקה בקיומו ובפעולתו המבורכת בקרב הנוער והיא אף שלט שם במרבית שכבות הנוער הלומד. ייתכן ועובדת חסרונה של גימנסיה עברית מיסודה של „תרבות", שהיוותה בדרך כלל את הבסיס האיתן לפעולות השומר הצעיר — קבעה כאן. יש גם להניח שקבוצות המדריכים הראשונות לא היו חדורות הכרה ציונית ולא יכלו לעמוד בפני רוחות הזמן. על כל פנים, שלב ראשון זה בקיומו של הקן השומרי בעירנו נסתיים בפיזור כללי, בלי להשאיר שריד וסימן כלשהו לקשר עם התנועה הארצית.

על כרי דשא ראשונים...

כעבור שנים אחדות הופיעו שני צעירים מקצוות שונים של העיר, בעלי מזג שונה והשקפת־חיים שונה, ובאורח פלא הצליחו להניע חוגי נוער רחבים ביותר בקצב בזק להקמת קן שומרי, אשר תוך חדשים ספורים הגיע לכחמש מאות נערות ונערים.

היה זה באביב 1926, כאשר בסביבות וולקה ועל כרי הדשא שמאחורי טחנת הקמח של פרידמן, התאספו עשרות בני נוער לומד ועובד והתחילו להתאמן בתרגילי־סדר, הליכה בשורות לפי קצב של שירים עבריים. באותם ימים ממש התארגנו קבוצות כאלה בפרברי קראסנה ובסביבות בית הכנסת הגדול, ב„מצרים־גאַס". שני הצעירים היו יעקב אטלס *) וזינדל אקס, **) הראשון — חניך הגימנסיה ברובנה, בחור משכיל ומלא וגדוש תרבות עברית והלכות הציונות; השני, זינדל אקס מקראסנה, — צעיר לומד ועובד, ממשפחת עמלים, מעורה בנוער הפרברים ובעל כשרון אירגוני למופת, שחיבה יתירה נודעת ממנו להברקה שבמדים, למפגנים ולהופעות־חוץ.

שניים אלה לא האריכו ימים ב„השומר הצעיר", אך היה במסירותם משום תרומה רבת ערך להתארגנותו של הקן השומרי והסתערותו על הנוער. בעוד שאטלס השפעתו היתה רבה וחשובה על חוגי הנוער הלומד, שכן בעזרתו ידעו לעמוד בוויכוח על ערכה של תרבות, עבודה, עמל כפים והגנה מול סיסמאות של

---

*) כיום בישראל.

**) נרצח במרתפי הגיסטפו.



קבוצת צופים בלוצק

קבוצת „השומר הצעיר"

„מצחצחי חרבות" ו„דם ואש" משורות בית"ר — שנוסד באותה תקופה, הרי זינדל אקס הצטיין בהקפדתו על מנהגים צופיים, באירגון טיולים ליערות קיברצה וטורצ'ין, באירגון נרחב של נוער מפרברי העיר, בתהלוכות רבות־רושם ומושכות את הנוער לשורותינו.

הקשיבה איש לשיר הבן...

באין גימנסיה „תרבות" בעירנו, היתה משום ברכה לקן השומרי הצטרפותה של קבוצה קטנה של צעירים מהגימנסיה היהודית־הפולנית מהמחלקה החמישית והשישית. אלה היו מיד חבר ראשי הגדודים והקבוצות המתארגנות בתנועה. השכבות הצעירות יותר אורגנו על ידינו מתוך הכיתות הצעירות שבגימנסיה עצמה. לא פסחנו גם על הגימנסיה הממשלתית הפולנית, חדרנו לבתי־הספר „פובשכנה" העממיים העירוניים, ובסיס רחב היה לנו בבית הספר העממי „תרבות".

יש לציין שכבר מאז החדשים הראשונים קלטנו לקן השומרי נערים עובדים ושוליות שבחנויות. עובדה זו נתנה לנו ברבות הימים מגע מבורך עם אירגון „החלוץ" בעיר וגם עמדנו במבחן במאבק על נפשו של נוער זה עם האנטי־ציונים שבנוער ה„בונד" והקומוניסטים היהודים.

השפעה חזקה להתחדשות השומר בלוצק היתה כנראה לעובדה שבאותם הימים הסתערה מחדש התנועה הארצית על כל עיר ועיירה בפולין, לאחר ועידת היסוד של התנועה העולמית בדאנציג (1924) ולאחר בשורת הקמת הקיבוצים השומריים הראשונים בארץ־ישראל.

השומר הצעיר היה כשיקוי לנפשו של הנוער הצמא לדבר־גאולה. רגש של קדושה הרטיט לבבות כאשר נקראו על שפת הנחל בשעות בין הערבים, לרגלי גבעות עטויות ירק, השורות אדירות־הביטוי של דוד שמעונוביץ': „אל תשמע בן למוסר אב / ולתורת אם אַל אוזן תט / כי מוסר אב הוא קו לקו... / ותורת אם לאט לאט... / וסופת אביב דוברה כן / הקשיבה איש לשיר הבן.

קבוצת „בנימין" — השוה"צ

מחנה קיץ של קן „השומר הצעיר" בלוצק (1931)

ואכן, מי מבני לוצק החיים אתנו בארצנו או אי־שם, לא יזכור את השירה האדירה שהקיפה את העיר על כל פרבריה, מנובו־סטרויניה ועד קראסנה, מדולינה ועד להנידבה — בכל גן ציבורי, על הגשרים, על גדות הסטיר, בסירות השייט של בעני, ואף ברחובות הראשיים בליווי חצוצרות ותופים. זו היתה השירה השומרית.

בחסות בתי־הספר

זיקתו של חבר המדריכים הראשון לגימנסיה היהודית־הפולנית נתנה לנו את האפשרות להופיע באופן חצי ליגלי כתנועה צופית המסונפת לגימנסיה ולקיים פעולותינו בחסותה, אף על פי שמרבית השומרים למדו בבתי ספר אחרים. בקבוצת מדריכים אלה היו נחמן שטיינמן, חנה כץ וכותב השורות האלו (שלושתם כיום בעין השופט), ישראל כץ (בנו של המורה הוותיק מניס כץ — כיום בנגבה), נחום שטרכמן, גניה חלף (בת המורה לעברית בגימנסיה), מינדל פוקס (כיום בדגניה), בלה שטיינברג (כיום בדפנה) ושניים מהתלמידים הבוגרים יותר רוזנבוים ורוסקיס ז"ל.

בשנתיים הראשונות אף השתתפנו ברוב פאר — בלבוש צופי מצוחצח, בכובעי בדן־פול רחבי השוליים, ובקישוטי כפתורים וכוכבים למיניהם — במפגנים ובתהלוכות של פולין והצדענו למושלי המחוזות. השומרים בקני הסביבה גם קינאו בנו על הופעות־הברק וגם קצת ליגלגו על מסירותנו כי רבה לצד הראווה והקישוט החיצוני, שכבר אז לא היה מכובד כל כך בסולם הערכים של השומר הצעיר. אך בדיעבד היה כל לב יהודי רוגש והתשואות היו מסעירות את כיכרות העיר, כאשר היינו צועדים בליווי צלילי התזמורת הצבאית עם דגלי תכלת־לבן ושיר עברי בפינו.

את עיקר עבודתנו קיימנו בחצר הגימנסיה ובחדרי בי"ס תרבות. אך ברבות הימים גברה צרות־העין של מנהל הגימנסיה המתבולל ואף הרבינר גליקליך, שהגימנסיה היתה בפיקוחו ועל שמו, — נטל מאתנו את חסותו.

גימנסיה זו שלנו, ששפת הלימודים בה היתה פולנית, היתה ביסודה בעלת מגמה אסימילטורית. ייזכרו לטובה שלושת המורים לעברית ותנ"ך — חלף, פיצ'ניק וכגן (זה האחרון כבר לימד

בהברה הספרדית), שבמסגרת המוגבלת של שעות מעטות לשבוע עשו מאמץ להנחיל לנו מושגים ראשונים בעברית ובספרותה.

לא אגזים אם אציין שהזיקה למחשבה לאומית באה לי ולאותם מחברי המעטים שחתרו עם הזמן לציונות ומצאו דרכם לאחת מהתנועות החלוציות — דווקא מן הספרות הפטריוטית הפולנית (מיצקיביץ, סלובצקי, ויספיאנסקי...), אשר ידענו גם לצטט קטעים ממנה בשיחותינו. החרוז „מוד כוחותיך לפי שאיפותיך, ולא שאיפתך לפי כוחותיך" למיצקיביץ, הובא כסיסמה מלהיבה בשיחותינו על חינוך האופי וגבורה לאומית. זכורני שנשאלתי פעם ע"י המפקח הפולני על בתי"ס תיכוניים במחוז, לפני לכתי לבחינת הבגרות, — על מגמת פני לעתיד, וכתשובה ציטטתי חרוז על אהבת המולדת לקוחנובסקי — ופירשתי אותו בשאיפתי לעלות לארץ־ישראל. הייתי יחידי במחלקה שהעז לומר זאת וגוניתי אח"כ ע"י המנהל המתבולל — כשחצן וקומוניסט.

חינוך לערכים ולהווי שומרי

כאמור, לא פונקנו ע"י הנהלת הגימנסיה ואפילו נאסר עלינו לקיים את תרגילי הצופיות בחצר הגימנסיה. פעולותינו הועתקו לחצר הקהילה ברחוב סינקיביצ'ה, ע"י בית־הקברות הישן, לביה"ס תרבות ולפרברים. הסכננו עם המחשבה שעלינו לשכור בפרוטות מסי־הקן מועדונים, ביחוד לימות החורף. בימי הקיץ התנהלו הפעולות על גדות הסטיר, גם בשחיה ובשיט על מימיו, בטיולים שנתפרסמו בקרב הנוער באירגונם היפה וחוויות השמחה שלהם. הטיולים האלה חרותים בזכרון חברינו כתאריכים היסטוריים ממש. בגיבוש הקן השומרי ובכוח משיכתם לנוער שזרם אלינו מכל אזורי העיר. העונה היתה נפתחת כמובן בטיולי ל"ג בעומר. עם ערב היו חוזרים ועוברים את רחובות העיר בתהלוכות רבות רושם.

בינתיים חלו תמורות גם בפעולתנו החינוכית. המדריכים, בראשית פעולתם, היו חסרים הכשרה עיונית ולא העמיקו לחשוב בשאלות חינוך, אך הם נגרפו בלהט ל„קדימה אח וראש אל־על, לצדק ויושר ירם על", והצעירים שרו בראש חוצות ובכל חום נעוריהם: „הוה מוכן שומר לפעולת יושר, בתבל רב הכאב והיסורים, לכל הנשגב, הנעלה והיפה, הוה מוכן". כוח אדירים היה בשירה זו. בדבקות חסידית שרים היינו ומשתכנעים מיפי הניגון ומצדקת החרוז.

בכל אחד מפרברי העיר התהווה בסיס חברתי שומרי שהיה מתאסף בביתם של החברים הבוגרים בקן, וברוב המקרים נמשכו גם ההורים לאמירת אמן ונהיו שותפים „בלתי־רשמיים", סובלנים אי אוהדים. כך נהפכו הבתים של נחמן ותמה שטיינמן בקראסנה, בית תנחום וסיומקה שצ'רבטי (כיום תנחום איתן בנגבה) בעיר העתיקה, בית נחום וזאב שטרכמן בוולקה, בית ישראל כץ בדולינע, בית אהרון וישקה פיקס במרכז העיר ובוולקה, בית האחיות צ'יצ'וטקה (היום גוקה קורצמן) ואחיהן שמעון — בוולקה ובית האטלסים (יעקב, צבי, אסתר — כולם בארץ) וגם בית דוד,

הועידה הגלילית בשנת 1929 עם השליחים ב. לין ומ. פורמנסקי

פלוגת אל־על של „השומר הצעיר"

חנה וישעיהו מנדל (כולם בארץ) — לריכוזים של ההווי השומרי בכל חלקי העיר.

אלא שבריכוזים אלה החלו כבר להתגבש היסודות האידיאולוגיים של השומר הצעיר. באיחור מה, בהשוואה ליתר קני ווהלין, אבל מתוך הזדהות וכאילו קלעו הדברים לתחושתנו ולתשוקתנו לדעת — נתקבלו אצלנו דבריו של מאיר יערי: „בראש וראשונה ידיים". „אבותינו חלמו דיים, אנו רוצים לחנך דור קשה וחזק ולא רכרוכי ושוגה בדמיונות. משורים, גרזנים, מעדרים, — ובראש וראשונה ידיים"...

אלה שבאו לקן השומרי לאור ברק המדים והתהלוכות החלו לאט לאט נושרים. הקן עבר לפסים של העמקה רעיונית ויצירת הווי שומרי. ידענו שבלי שינוי יסודי בחינוך האופי, בלי שינוי בעמקי הנפש לא נדע להשריש בנוער יסודות של מוסר חברתי ויציבות נפשית יהודית, שיעמידוהו כדוגמה בבתי הספר, ברחוב היהודי ובתוך ביתו.

נוסף לסיפורים על „השומר" בארץ, על זיקתו להגנה ולעבודה, נוסף לעשרת הדברות שנותחו בהרצאות מקיפות ומעמיקות על אהבת הטבע והעבודה, על השומר כנאמן לעמו ולוחם לחיי צדק ואחווה, אחיעזר ואחיסמך, ממושמע ואמיץ לב בעל טוהר מידות, — הופיעו נושאים חדשים על הגשמה אישית בקיבוץ, על הקיבוץ בארץ, על תנועת העבודה, על דת העבודה ומוסר העבודה לא. ד. גורדון (שלמדנוהו בהתלהבות לא פחותה מזו של צעירי „גורדוניה" שהתייחסו על תורתו). נושאים אלה נתנו מוצא לתסיסת נעורים שחיפשה לה אפיק, ושימשו פורקן למרידה הטבעית של בנים באורח החיים הזעיר־בורגני של בית אבות והחברה העיירתית.

מה צר היום להעלות על זכרוני עשרות רבות מחברינו בגימנסיה היהודית והממשלתית שעשו אתנו כברת דרך קצרה בתנועה, ובמשך הזמן נסחפו עם אשליות הגולה וליוו אותנו בהמשך דרכנו בחיוך של לעג על שזנחנו את הלימודים והתמסרנו כביכול להזיות.

בדרך להגשמה...

ואז באו שני דברים שנתנו דחיפה של ממש לעליית בוגרי השומר הצעיר בלוצק על דרך ההגשמה החלוצית. ואלה הם:

א. ההשתתפות במושבות הקיץ המחוזיות. כאן נפגשנו עם שומרים בעלי ותק רב יותר בתנועה מרובנה, קובל, דובנה, ואף במושבה אחת משותפת עם יוצאי גליציה שנחשבו בימים ההם ל„בעלי ההלכה" המוסמכים ביותר בתורת השומר הצעיר.

ב. ביקור מטעם ההנהגה הראשית (יעקב הורוביץ), שעזר

לנו לצאת לדרך המלך בארגון שכבת הבוגרים, וסמוך לכך ועידה רבת חשיבות ורבת משתתפים של בוגרי גליל ווהלין בהשתתפותם של שליחים מן הארץ: בוריה לינקובסקי (ברוך לין, כיום חבר הועדה המרכזת של ההסתדרות) ומשה פורמנסקי (נפל במשמר העמק). מטרת הוועידה היתה להקים שני קיבוצי עליה בווהלין. אחד הוא ווהליניה ב' — כיום נגבה — שבין ראשוניו ומייסדיו היו בני לוצק: ישראל ושושנה כץ, תנחום איתן, דוד מנדל, משה לין (כולם היום בנגבה) ויוניה מרנץ (ת"א); והשני קיבוץ „בניר" בצ'נסטוחובה, שהראשון ליציאה להכשרה היה נחמן שטיינמן ואחריו באו לחווה החקלאית בצ'נסטוחובה אהרון פיקס (אפרת), חנה כץ, אליעזר שניידר (כולם בעין השופט כיום), ונחום שטרכמן, שמואל גץ וברוכין (ת"א), ביילה הרינג, תמה שטיינמן.

הקשר החי שנוצר בין הקן הלוצקאי לבין בוגריו בהכשרה ובקיבוצים היה לגורם אידיאי כביר שהיתה לו השפעת גומלין מבורכת. הקן נהפך להיות גורם מכובד בציבור הציוני המאורגן ב„החלוץ" ובמוסדות הציוניים.

יציאת בוגרי השומר הצעיר מלוצק להגשמה ולקיבוצי ההכשרה חלה למחרת מאורעות תרפ"ט והפסקת העליה. גל של ייאוש תקף את הציבור הציוני ואת הנוער החלוצי. היו אלה ימים כאשר בא על פולין גל הפשיזציה. בוגרי הקן היו בין המסתערים על כל ריכוז הכשרה ועל כל אפשרות להשיג מקום לחלוצים נושאי פטיש, גרזן ומשור. ההסתערות על „כיבוש העבודה" נתפשטה בכל הכיוונים. לא רק במחצבות, יערות ומנסרות אלא גם לשירותי בית, חטיבת עצים להסקה, עזרה לבנאים, ושוליות בחנויות, בורסקיות וטחנות קמח, ואף תעשייה קלה וכבדה (בצ'נסטוחוב, קילץ, רדום). הקיבוצים נהפכו לגופים מוכרים וקבועים, לאיים של אור, חיי שיתוף והווי ארצי־ישראלי בחשכת ימי פולין הפילסודסקאית.

במערכות הציבור היהודי

עם יציאתם של בוגרי הקן להגשמה התייצבה שכבה צעירה יותר לפעולה החינוכית והציבורית (בקרן הקיימת לישראל,

בוגרי „השומר הצעיר" בשנת 1930 (15 מהנמצאים בתמונה עלו ארצה)

ב„החלוץ" ובליגה למען א"י העובדת). שכבה שנית זו, גדוד „אל־על", ניהלה את הקן כמעט עד לימי השואה. בחלקם הם כיום ברוחמה: ישקה פיקס (אפרת) זאב (וואוצ'יק) שטרכמן, חנה מנדל, חנה חייט, אסתר וצבי אטלס (חיפה ות"א) — אליעזר ליקבר (גל־און), ובחלקם ניספו בשואה (יוסף אפלבוים ושמעיה גולדברג ז"ל). רובם היו גם אח"כ בין מקימי קיבוצי ההכשרה ברובנה, ברסטצ'קה, ביאליסטוק ונוביגרודק.

זו היתה הנהגה צעירה ומלאת חן־נעורים שעמדה במבחן צווי הזמן. כזרם חשמל עבר אז על כל קני השומר הצעיר — למעלה מ־300 קנים בפולין (בלי גליציה) וכ־30 אלף שומרים — מפעל ה„אינטנסיפיקציה", שמשמעותו היתה מאמצי קליטה חינוכיים וחברתיים של אלפי בני נוער שבלחץ המשבר הכלכלי־פוליטי שעבר על פולין זרמו בהמונים לתנועות הנוער החלוציות.

יוסף אפלבוים

תנועתנו בעלת המסורת והנסיון החינוכי־רעיוני, — קלטה רבים ומשקלה הציבורי גבר והלך. בוגרי התנועה תבעו הרחבת תחומי הפעולה והשתלבות בחיים הציבוריים של יהודי לוצק, ואף נרתמו בעצמם לפעולה זו. מפעל ההכשרה מצדו הוא, נתן את המוצא למרץ החלוצי שהצטבר בשכבת הבוגרים, אך העובדה שהם עמדו בפני שערי עליה מוגפים הביאה לכך שהיו נאלצים לחזור לפעולה בקן גם לאחר כמה שנות הכשרה בקיבוץ.

גם החלוץ, גם הליגה למען א"י העובדת, גם הקרן הקיימת לישראל אשר חברי השומר הצעיר היו רוב מתנדביה, לא יכלו לתאר לעצמם שום מפעל ציבורי במקום, ללא פעילותם הערנית והדינמית של בוגרי השוה"צ. המקהלה השומרית ונשפי הקן היו מרכזים קהל עצום של אוהדים.

כל פעם שהייתי חוזר לבקר בשנים 36—1931 בלוצק, אם בחופשה מעבודתי בהכשרה ואם בביקור מטעם ההנהגה הראשית של התנועה שבה פעלתי, נפגשתי עם שכבה רחבה ומלבבת של צעירים בעלי תנופה חלוצית וציונית שהעמידו את הקן במרכז החיים הציוניים והיהודיים במקום.

זכיתי ונבחרתי כציר לקונגרס הציוני הי"ט בלוצרן. בדרך לשם נפגשתי עוד בצ'כיה עם נחום שטרכמן בוועידה העולמית הרביעית של השומר הצעיר. וכאז כן היום אני רואה את זכותי זו קודם כזכותם של בוגרי הקן בלוצק על עבודתם הנאמנה באותה מערכה גורלית שהתנהלה על מקומה של הציונות־החלוצית בהסתדרות הציונית. מה גדול היה הסיפוק, התברר לי אחר כך, כשחזרתי ללוצק ושמעתי מכל הציבור דברי שבח רבים לפעילותם של בוגרינו שהנחילו נצחון לרשימה של א"י העובדת.

חתימה

כבתוך קאליידוסקופ רב־צבעים מרהיבי־עין עוברת לנגד עיני אותה שורה ארוכה ומגוונת של אנשי אינטליגנציה, מורים,



„על המשמר" בלוצק. מימין: ז. אלבירט, ב. פרשטיי, י. גליקליך, פעטשעניק, גלייזער, ליבערמאַן

פועלים ופועלות, פקידים מסחריים וציבוריים אשר ראינום במסיבות הציוניות, בפעולות הקרן הקיימת לישראל, ב„קעסטל־אָווענטן" של „החלוץ", בספריה המפוארת של ה„בונד" והאידישיסטים, בוויכוחים הסוערים על אידיש ועברית, על קיבוץ ומושב, על עבודה עברית ומאורגנת בארץ, ובהגנה על הציונות־הסוציאליסטית מול שיטנה של קומוניסטים יהודים ובונדאים.

לא כולם זכורים לי בשמותיהם, אבל רבים מהם פזורים כיום בקיבוצי כל הזרמים בארץ. רבים פעילים במוסדות הלאומיים, ועוד יותר ניספו בשואה הגדולה כשהם נושאים את שם ציון בליבם.

זכורה לי התעלותו של קן לוצק, כאשר כבר בסתיו 1935 נקראה ללוצק ועידת גליל ווהלין. שכבת הבוגרים בלוצק היתה המארחת. הקן זכה ולמאורע זה התכנסו כל בוגריו המפוזרים אי־שם בקיבוצי ההכשרה: מקוסטופול, רובנה, נובוגרודק, ביאליסטוק וצ׳נסטוחוב. באתי אז לוועידה זו יחד עם שליח ארץ־ישראלי: בן עמי גורדון ממשמר העמק.

גם הוועידה וגם עלייתו של קן לוצק למעמד מכובד בגליל היו חוויה עמוקה לכל בוגריו.

לא קלה היתה מלאכת השומר הצעיר באותם הימים. עליית כוחו והיקפו המספרי עוררה קנאה והתנגדות בקרב מפלגות הימין, והשמאל האנטי־ציוני כאחד. הייאוש והאכזבה נוכח שערי הארץ הנעולים כירסמו בלב וגזלו מנוחה. הבונד והקומוניסטים ברחוב היהודי, שכוחם עלה נוכח המשבר העובר על המדינה הפולנית, כיוונו חיציהם בעיקר אל השורות החסונות והיפות של הנוער השומרי.

הבולשת הפולנית, שכינתה אותנו בשם „קומוניסטים לאכספורט" — גם היא לא טמנה את ידה בצלחת ולא נמנעה מלפגוע בנו מתוך שנאת יהודים וטינה לכל דבר־קידמה. ואמנם חברינו למדו גם את הרצל וגורדון, את בורוכוב ומרכס ואת תורת השומר הצעיר לזקוף קומה ולעמוד במבחן כל אשר פקד את הרחוב היהודי הרוגש והסוער.

אף אלה שעוד לפני שנים אחדות אטמו אזנם משמוע את קריאתנו הנואשת, שוב לא ראו בנו עוד „תמהוניים" המנפצים ראשיהם אל הקיר.

★

פרק מפואר של פעולה חלוצית־חינוכית מסורה, של הקמת מרכז חי של הווי ארצי־ישראלי, של מאבק על גורלם ועתידם של נערה ונער יהודיים בלוצק, רשמו בוגרי השומר הצעיר בתולדות קהילת לוצק. אלה שזכו והשתלבו במפעל התחייה בארצנו, יעלו ברטט את זכר חבריהם שנשאו בליבם את שם השומר הצעיר ומפעלו בכניסתם לגיטו שגורלו נחרץ לכליה.

1959

יואל פערעל / תל־אביב

די אויסערפּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע

נאָכן פאַרכאַפּן פון לויצק אין יאָר 1920 דורך די פּוילישע האַלערטשיקעס אין די העל־בלויע מיליטערישע שינעלן מיט די פיר־שפּיציקע „קאָנפעדעראַטקעס", איז די שטאָט ווי אַריין אין אַ צושטאַנד פון דעפּרעסיע. די ערשטע האַלערטשיקעס בשותּפות מיט אוקראַינישע פּעטלוראָווצעס האָבן זיך געלאָזט ווילגיין. באַוואָפנטע באַנדעס פלעגן אַריינדרינגען אין די יידישע שטיבער, באַרויבן דאָס האָב און גוטס, שניידן יידישע בערד און ווען די גרויסע מאַסע יידן האָבן זיי געוואָלט פאַרטרייבן דורך נאָכגיין נאָך זיי פּוסטריט מיט זייער יאָמער: „געוואַלד!", האָבן זיי מיט אכזריותדיקייט געשאָסן אין דער מאַסע. אין שרעק זענען זיך אַלע צעלאָפן, איבערלאָזנדיק אויפן „שלאַכט־פעלד" הרוגים און פאַרוווּנדעטע.

אין די ערשטע טעג פון זייער אָנקומען האָבן זיי אומגעבראַכט אָן שום געריכטלעכער פּראָצעדור אומשולדיקע יידן אַלס „באָלשעוויקעס". די ערשטע קרבנות זענען געווען פאָטער און זון קאָס, דער געראָטענער 27־יעריקער זון פון דער פאַמיליע קניש, דער לערער יוסף קניש און פיל אַנדערע.

שפּעטער, ווען דאָס לעבן „איז אַריין אין אַ קאָליי" און מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די ערשטע וואַלן אין פּוילישן סיים, האָט זיך צעפלאַקערט די וואַל־קאַמפּאַניע אין לויצק.

דער וואַל־קאַמף איז פאָרגעקומען צווישן דעם יידיש־אוקראַינישן בלאָק אונטער דער אָנפירונג פון יצחק גרינבוים מיט דעם רעפּרעזענטאַנט פון די האַנטווערקער און אַרבעטער־גרופּן נח פּרילוצקי. די שטאָט האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. נישט איינמאָל פלעגן אַרונטערגעריסן ווערן פאַרזאַמלונגען, אָפט

פלעגן פאָרקומען געשלעגן צווישן די אָנהענגער פון ביידע ריכטונגען. ס'האָט געפלאַקערט דער קאַמף צווישן „רעכטע" און „לינקע", „יידיש אָדער עברית", „קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם". געזיגט האָט דער „בלאָק" באַקומענדיק אַזש 40 מאַנדאַטן (די פּאָליאַקן האָבן אויף אוקראַינע קיין איינעם נישט באַקומען). אומצופרידן איז אַרויס פון די וואַלן די יוגנט, געוויינלעך, די בעסערע יוגנט. זי האָט דערפילט, אַז זי איז פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע און מען דאַרף זיך „ראַטעווען".

אין דער אַטמאָספערע איז געגרינדעט געוואָרן די אויסער־פּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין לוציק. ס'האָט זיך געשאַפן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זענען אַריין: אורי גליקליך, דוד ספאַרד, זלמן עלבירט, יואל פערעל, שמואל כאַזאַן. גאָר אײַנגיכן האָט ער אַרויסגעגעבן דעם פּראָגראַם אין אַ ביכל־פאָרם און אָנגערופן האָבן זיי זיך נישט אַנדערש ווי „אַלוועלטלעכע יידישע אומפּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע".

לויטן פּראָגראַם האָט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע זיך געשטעלט אויסער די ראַמען פון וועלכע ס'איז נישט פּאַרטיי. זי איז געווען פאַר פלעגן יידישע קולטור און ליטעראַטור צווישן דער יוגנט; פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון ביידע יידישע שפּראַכן — העברעיש און יידיש; פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין גלות־לענדער און פאַרן אויפלעבן די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. די הויפּט־וועגן זענען געווען: אַרויסגעבן אַן אייגענעם ליטעראַרישן אָרגאַן פאַר דער יידישער יוגנט אין פוילן א. נ. „שפּראָצונגען", שאַפן אַ רעפערענטן־ביוראָ, וועלכע זאָל פאַרשפּרייטן דאָס יידישע ליטעראַרישע וואָרט איבער גאַנץ פוילן; שאַפן אַ פאַרלאַג, וועלכע זאָל אַרויסגעבן די ווערק פון טאַלענטירטע יוגנטלעכע שרייבער א.א.וו.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קלוב פאַר די מיטגלידער, אין וועלכן ס'זענען פאָרגעקומען רעפעראַטן, פאַרויילונגס־אָוונטן, ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע משפּטים. ס'זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צייטווייליקע פאָלקס־אוניווערסיטעטן. אָפט פלעגן זיי אַריבערגעטראָגן ווערן, צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ, אין לאָקאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין דער יידישער פאָלקסשול, אָדער אין זאַל פון דער יידישער קהילה.

אַממערסטנס פלעגן געלונגען די אונטערנעמונגען אין דער פאָרם פון געריכטן. דער ליטעראַרישער משפּט איבער „באַנטשע שווייג", „איבער דער יידישער פרוי", „איבער דער יידישער קאַלאָ" א.א. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דער געריכט איבער „דער יידישער קאַלאָ" האָט פאַראינטערעסירט די ברייטסטע קרייזן פון דער לוצקער געזעלשאַפט. אין דעם משפּט, וואָס האָט געדויערט פון מוצאי־שבת 8 אין אָוונט ביז מאָנטיק 2 אַזייגער בייטאָג, כמעט אָן איבעררייסן — האָבן אָנטיילגענומען די אָנגעזעענסטע מענטשן פון שטאָט: ד"ר ביילין, דער ראַבינער משה גליקליך אַלס עקספּערטן, באַרזאַך, ד"ר בראָנבערג אַלס פאַרטיידיקער, ספאַרד און עלבירט אַלס באַשולדיקער, פערעל אַלס מאָנער, מאָטיע אקס, משה פערדמאַן א.א. אַלס עדות. די איינאָרדנער האָבן נישט פאַרגעסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און פאָדערן ביים עולם פאַר דרייפאַכיקע בילעטן. מען האָט אויך נישט אויסגעמיטן די אַריינמישונג פון דער פּוילישער פּאָליציי, וואָס האָט צעטריבן די „געשווירענע ריכטער" און נישט דערלאָזט אַרויסצוטראָגן דעם אורטייל.

אינטערעסאַנט זענען אויך די טעמעס פון די רעפעראַטן, וואָס זענען געלייענט געוואָרן: אורי גליקליך — „דער אני מאמין פון דער יידישער יוגנט", ד. ספאַרד — „די פילאָסאָפיע פון דער יידישער ליטעראַטור"; „די פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור", ז. עלבירט — „דאָס גולם־פּראָבלעם אין דער יידישער ליטעראַטור"; „איבער אונדזער פּראָזע", י. פערעל — „טעאַטער אַמאָל און היינט" א.א.וו.

במשך פון עטלעכע יאָר האָט די „אויסערפּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע" געפירט איר פרוכטבאַרע טעטיקייט. נאָכדעם ווי איניקע פון די אָנפירנדיקע פערזאָנען זענען זיך צעפאָרן אין די גרעסערע שטעט אָדער קיין אויסלאַנד, כדי ווייטער צו שטודירן, איז די אַרבעט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דער נייער קאָמיטעט אין צוזאַמענשטעל פון ש. כאַזאַן, י. שטערנפעלד, מ. קאַניש, ח. קרישטאַלקע, מ. מאַנדעלמאַן, נ. גרויס, ש. קאַשקעט און ז. בעזפּאַלטשיק האָט ווייטער געפירט די ליטעראַרישע אַרבעט, צוגעהאָלפן אַרויסצוגעבן דעם ליטעראַרישן חודש־אָרגאַן „שפּראָצונגען", אָבער די אַרבעט איז אַלץ מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ביסלעכווייז האָט די „אויסערפּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע" אויסגעהויכט די נשמה.

יואל פערעל

דער השומר־פלאָט אין לוציק

אין דער געשיכטע פון דער „השומר"־באַוועגונג אין לוציק פאַרנעמט דער אַזוי־גערופענער „גדוד הימי" אַ באַזונדער אָרט. ס'איז אַפילו קאָמיש אָנצורופן די וואַסערן פון דעם שנעל־פליסנדיקן טייך סטיר — ים, דאָך האָט דער נאָמען „גדוד הימי" געפּאַסט פאַר בחורים, וואָס גרייטן זיך צו זיין אין דער צוקונפט מאַטראָסן אויפן ים־התיכון, אין דער אויסגעטרוימטער יידישער מדינה. כדי מען זאָל נישט לאַכן פון אונדז, האָבן מיר זיך דערוויל גערופן „גדוד המימי"; דערויף האָבן מיר געהאַט פולע רעכט, ווייל מיר האָבן כמעט די גאַנצע צייט פון אונדזער שומרישן לעבן פאַרבראַכט אויף די וואַסערן פון סטיר.

בחורים אין עלטער פון 15 יאָר און העכער זענען זיך פרייוויליק צונויפגעקומען און האָבן באַשלאָסן זיך צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון דער לעגאַליזירטער אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר", כדי צו באַרייכערן זיך קולטורעל און פיזיש, גרייטן זיך צום אויסוואַנדערן קיין ישראל אַלס צוקונפטיקע דינער פון יידישן ים־פלאָט.

דער ראש־הקן פון „השומר הצעיר", אורי גליקליך, האָט

פֿריינדלעך אַרײַנגענומען דעם גדוד אין די ראַמען פֿון דער לויצקער אָרגאַניזאַציע און אַפֿילו דערלויבט אויסצוקלויבן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופֿן אַ ראש־הגדוד. דער אויסוואַל איז געפֿאַלן אויף מיר. פֿאַרוואָס? איך בין דאָך געווען פֿון די ייִנגערע, און שווימערס זענען געווען בעסערע פֿון מיר? דערפֿאַר ווײַל איך בין געווען אַ גימנאַזיסט פֿון 6־טן קלאַס, געקענט אַ ביסל עבֿרית און געקאָנט פֿירן אויף דער רוסישער שפּראַך די „סאָבעסעדאָוואַניעס", ד. ה. די שמועסן וועגן דאָקטאָר הערצל, דער חלוצים־באַוועגונג, באַדען פּאַול, וועגן דעם העלדישן טרומפּעלדאָר א. א.

אַלע שומרים האָבן זיך פֿאַרפּליכטעט נישט צו רויכערן, נישט צו טרינקען אַלקאָהאָל, טאָג־טעגלעך זיך צו פֿאַרנעמען מיט וואַסער־ספּאָרט און... צו ראַטעווען די, וואָס טרינקען זיך אין טײַך סטיר. אַזעלכע פֿאָרפֿאַלן פֿלעגן, לײַדער, פֿאָרקומען אָפֿט. מיר האָבן אַפֿילו באַשטימט דערזשורנעס־אויסקוקער אויף די ערטער, ווו אַ סך מענטשן פֿלעגן זיך באָדן, און אַרבעט האָט נישט געפֿעלט.

ווו נעמט מען אָבער כאָטש אַ שטיקל „פּלאָט"? אמת, ביי בענען און ביי איליושען זענען פֿאַראַן געגוג שיפֿן. מיר מוזן אָבער פֿאַרמאָגן אייגענע שיפֿן, אַפֿילו אַ מאָטאָר־שיף. כּדי צו שאַפֿן די נייטיקע מיטלען, האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט אַן אַנסאַמבל, אַרײַנגעצויגן אין אים אויך פֿעיקע שומרות און אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער. די ערשטע פּיעסע איז געווען „דער וואַלד־קייסער" אין דער ייִדישער שפּראַך, געשפּילט האָבן מיר אין זאַל פֿון דער קהילה. איך דערמאָן זיך די ערשטע פֿאָר־שטעלונג: דער זאַל איז פֿול געפּאַקט מיט יוגנטלעכע. דער בופֿעט לייזט געלט. דער עולם שפּילט דערווייל אין דער „פֿליענדיקער פֿאָסט". פּלוצעם איז נאָכן ערשטן קלונג פֿינצטער געוואָרן — אַ קורצשלוס. ס׳מאָביליזירן זיך אייגענע עלעקטראָמאָנטיאָרן. מען זוכט אין דער פֿינצטער די „קאָרקעס", מען בייט די דראָטלעך, אָבער אומזיסט. זיי ברענען איבער. וואָס טוט מען? זאָל אַרונטער־געריסן ווערן די פֿאָרשטעלונג? דער יונגער עולם איז געדולדיק און רויק. אייניקע געפֿעלט אַפֿילו די פֿינצטערניש. איז עמעצער געפֿאַלן אויף אַ המצאה: אַוועק אין שול און אַראָפּגענומען

אַ גרופּע פֿון „השומר הצעיר"

צוויי גרויסע בליך־לאָמפּן צוזאַמען מיט די דראָטענע הענגערס און געבראַכט אין טעאַטער.

אַרום עלף אַזייגער האָט זיך די פֿאָרשטעלונג אָנגעהויבן און איז אַדורך מיט דערפֿאָלג. דער עיקר — די קאַסע האָט געבראַכט אַ היפּש ביסל הכנסה, וואָס קאָן שוין קלעקן אויף איין גרעסערער שיף.

ס׳איז כּדאַי צו דערמאָנען: שפּעטער האָבן מיר זיך דער־וווּסט, אַז פֿון דער אוקראַינישער „פּראָסוויטע" האָט מען אונטערגעשיקט לאָבוזעס אַרײַנצושטעקן אַ שפּילקע אין די עלעקטרישע דראָטן, ווײַל אויף זייער פֿאָרשטעלונג דעם זעלבן אָוונט זענען געווען ווייניק צושויער, האָבן זיי געהאָפֿט, אַז אייניקע פֿון אונדזערע באַזוכער וועלן אַריבערגיין צו זיי.

מיט דער זעלבער פֿאָרשטעלונג זענען מיר געפֿאָרן אויף שבת קיין טאַרטשין. דאָס שטעטל האָט אונדז אויפֿגענומען מיט ברייטע אָרעמס, ווי ס׳וואָלט אַראָפּגעקומען ייִדיש מיליטער: מיר זענען געווען געקליידט אין קאָסטיומען פֿון ווייסן לייוונט (איך אַלס עלטסטער — אין לייוונט געפֿאַרבטן אויף גרין) מיט גראָבע געשניצטע שטעקנס אין די הענט. די ציוניסטישע פֿאָר־שטייער האָבן אַלעמען אייַנגעלאַדן צו זיך אין די פּריוואַטע הייזער, אַפֿילו אָפּגעטרעטן אין שול אַלע כּבֿודים, אַ סך זענען עולה לתּורה געווען. זיי האָבן גאַראַנטירט, אַז אַלע בילעטן וועלן פֿאַרקויפֿט ווערן, אַפֿילו ווען מיר וועלן אָנהייבן צו פֿאַרקויפֿן ערשט נאָך הבֿדלה.

אויך דאָ האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין אַ קאַמף מיט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן. די פֿאָרשטעלונג האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין דער נישט־פֿאַרענדיקטער געביידע פֿון שטאָטישן גבֿיר ריימער. פֿאַר אונדז האָבן די אוקראַינער דאָרט אַדורכ־געפֿירט זייער פֿאָרשטעלונג „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ". זיי האָבן אויפֿגעבויט אַ סצענע און אויך אייַנגעאָרדנט זיץ־פּלעצער פֿון ברעטער. כּדי אונדז צו שטערן דורכצופֿירן אונדזער פֿאָרשטע־לונג, זענען זיי שבת בייטאָג אַראָפּגעקומען צענעמען די בינע. האָבן זיך מאָביליזירט די יוגנט, די קצבֿים און בכלל די גע־זונטע, וועלכע זענען געקומען מיט העק און שטעקנס, גרייט צו קעמפֿן ביז בלוט און נישט דערלאָזן צו צענעמען די בינע. דערביי האָט מען איבערגעקויפֿט דעם פּאָליציי־פֿאָרשטייער פֿון שטעטל ער זאָל בייהילפֿיק זיין אין קאַמף. מ׳איז אָפּגעקומען

אַ גרופּע שומרות

מיט טרוקענע פּעטש. דער נצחון איז געווען אויף אונדזער זייט.

די פאַרשטעלונג האָט געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג. מיר האָבן שוין געהאַט געלט צו בויען צוויי גרויסע שיפן, צו אַכט ערטער אויף יעדער שיף. דאָס האָט געקלעקט פולקאָם פאַר אונדזער גדוד, וואָס האָט דערווייל געציילט 15 שומרים.

די שיפן זענען געוואָרן דער שטאָלץ פון אונדזער „גדוד המימי". ווער וועט זיך אונטערנעמען אַוועקפירן אַ דערטרונקענעם אויפן יידישן בית־עולם דורכן וואַסער (אַנדערש טאָר מען דאָך נישט) אויב נישט מיר? מיר פלעגן שטענדיק דיזשורירן און אַכטונג געבן אויף די ערטער, ווו מענטשן באָדן זיך.

מיר האָבן אַמאָל אַרויסגעראַטעוועט פון וואַסער די גראָבע דיאַטשיכע מיט אירע צוויי טעכטער, וועלכע האָבן געגומען ראַטעווען די מוטער און זיך אַליין אויך געטרונקען. אויפן צווייטן טאָג האָט די דיאַטשיכע געבראַכט מיין מוטער אַ בוקעט בלומען און זיך מודה געווען, אַז „גאָט האָט איר געשיקט די שטראָף, ווייל זי האָט געשאָלטן די יידישע קינדער, זיי זאָלן דערטרונקען ווערן"...

מיר פלעגן אָפט מאַכן מיט אונדזערע אייגענע שיפן ווייטע אויספלוגן און אויך פאַרמעסטונגען. אויף איינעם אַזאַ אויספלוג איז שיער נישט דערטרונקען געוואָרן חנה קרישטאַלקע. ווען דוד אשכנזי האָט זי געוואָלט ראַטעווען, האָט זי אים אַראָפּגעשלעפּט פון דער שיף. אַ נס, וואָס מיט דער מיטהילף פון די חברים איז געלונגען זיי אַרויסצוראַטעווען.

די פאַרמעסטונגען אויף שנעלקייט פון שווימען אויף אַ שטח פון אַ קילאָמעטער און אויף אויסדויער אין וואַסער זענען פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון מאַסן יוגנטלעכע. איך, „דער אַדמיראַל", און מיין געהילף דער „וויצע־אַדמיראַל", דער באַרימטער לויצקער שווימער בנימין קאַלקער (פרישבערג) זענען פאַרשווימען ביזן דאָרף זשידיטשין. בלויע האָט מען אונדז, עקשנותדיקע שווימער, אַרויסגעצויגן פון וואַסער.

שפּעטער האָבן מיר באַשלאָסן אַדורכצומאַכן די הכשרה און גרייטן זיך אין וועג אַריין קיין ישראל. ביים סאַמע סוף פון זעקסטן קלאַס האָב איך פאַרלאָזן די גימנאַזיע און גענומען זיך צו דער אַרבעט. אַ טייל פון אונדז האָט געאַרבעט אַלס טרעגער און אָנלאָדער אויף דער באַן, טייל האָט אויסגעפירט אין שטאָט אַלע שווערע פיזישע אַרבעטן. די געלטער אין דער אַלגעמיינער קאַסע זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ס'האָבן נאָר געפעלט סערטיפיקאַטן. און פונקט האָט די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט פאַרמאַכט די עמיגראַציע. כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט און נישט אָפּשטיין פון מיינע שול־חברים, בין איך אַריבער אין דער פויליש־יידישער גימנאַזיע, זיך גענומען געשמאַק צו לערנען עברית. ווען מיר האָבן באַקומען אייניקע סערטיפיקאַטן, זענען חברים פון גדוד, ווי יאַקל און דוד אשכנזי, בנימין פרישבערג עולה געווען.

אייניקע פון די פאַרבליבענע, ווי שמואל מעלאַמוד, משה גראָסבערג א. א. זענען אומגעקומען דורך די פאַשיסטישע מערדער.

הרצליה, 1960

אפרים דיק

ברית טרומפלדור

אפרים דיק

אין פרילינג 1927, דעם 28 מאַי, איז געגרינדעט געוואָרן אין לויצק די בית"ר־באַוועגונג. נעבן פרידמאַנס מיל, ביים קליינעם רויקן טייכל, איז פלוצעם געוואָרן לעבעדיק: יידישע יונגעלייט האָבן זיך פאַרזאַמלט, מען האָט געפירט שמועסן און פון צייט צו צייט אויך געזונגען לידער פון נאַציאָנאַלער בענקשאַפט און האָפענונג.

אויפן אַלטן יידישן בית־עולם, נעבן די קברים פון אונדזערע זיידעס, זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע פאַרזאַמלונגען. דאָס איז געווען דער פרילינג פון אונדזער אַרבעט אין לויצק און אויך אין גאַנץ וואָלין. פון דאַנציק איז דאַן געקומען אורי גליקליך און אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די נייע לערע פון זאב זשאַבאָטינסקי. אַרום אים האָבן זיך באַלד גרופּירט כמעט אַלע געוועזענע אָנפירער פון „השומר הצעיר" פון 1920 — און ס'איז געגרינדעט געווררן דער ערשטער קן א. נ. „ברית־השומר", וואָס האָט געטראָגן אַ סקויטישן כאַראַקטער.

ווי אין אַ פילם שלייכן זיך דורך די מנהלים פון קן: גילדין, פינקעלשטיין, באַר, דריישפּון, שרה ספּעקטאָר, וויסמאַן, שוואַרצבלאַט, מפקד הקן ליבערמאַן, דאַדיק, לעאָ באַריל און פיל אַנדערע.

בעת אַ פייערלעכן אָוונט אין זאַל פון דער קהילה, האָט „משה'לע" אָנגעטאָן דאָס ערשטע מאָל אין לויצק דאָס בית"רישע היטל. דער ערשטער מפקד הגליל אורי גליקליך און דער ערשטער מפקד הקן אונדזערער לעאָ באַריל האָבן גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון אַ פאָן בעת דער פייערלעכער פאָן־אַנטהילונג אין דער גרויסער שול, און מיר אַלע האָבן געשווירן טרייהייט דער אידעע און דעם ראש בית"ר.

אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן זענען פלוצעם די גאַסן לעבעדיק געוואָרן: ס'האָבן מאַרשירט בית"רים. אויף דער יאַגיעלאָנסקאַ־

דער קרייז־ראַט פון בית״ר

גאַס, נעבן דעמאָלטדיקן לאָקאַל פון „חשמונאי״־קלוב. האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און מיט אים — די גאַנצע באַוועגונג אויף דער הויפּט־גאַס. פון באַלקאָן האָט גערעדט אונדזער איבערגעגעבנסטער פריינד ד״ר בראַנבערג ז״ל. ס׳איז דאַן געווען די ערשטע עפנטלעכע רעדע, לויצק האָט צום ערשטן מאָל געהערט אַ ניי וואָרט וועגן אַ נייעם וועג.

איך בין דאַן געווען אַ שילער פון דער יידישער גימנאַזיע. צו אונדז פלעגט אָפט קומען אַ נידעריקער בחור מיט ברילן און גערופן גיין אין בית״ר. זיין אויפקלערונגס־אַרבעט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אונדזערע קרייזן און אַ גאַנצע גרופּע שילער איז אַריינגעטראָטן אין בית״ר. געהייסן האָט דער בית״רי משה שטיינבערג ז״ל, אַ באַוווסטזיניקער בחור, אַ גרויסער העברעער און אַ ליבלעכער חבר. דער מפקד הקן ל. באַריל, האָט זיך מיט אונדז שטאַרק פּאַראינטערעסירט און אונטער זיין רעדאַקציע איז דערשינען די ערשטע בית״ר־שריפט אין לויצק א. נ. „קדימה״. עס דערמאָנט זיך דער ערשטער כינוס אין לויצק פון גאַנץ וואָלין, אין יאָר 1928, און דער צווייטער — אין יאָר 1929, מיט דער באַטייליקונג פון נציב פּראָפּעס. די שטאָט אונדזערע האָט צום ערשטן מאָל געזען אַ געזונטן יוגנט־לעכן, מיט אַ ברוינער בלוזע, וואָס סימבאָליזירט דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין לעגאַליזאַציע, האָט אונדז דער היגער „חשמונאי״־קלוב לעגאַליזירט אַלס זיינע אַ טוריסטן־סעקציע. דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם פריינד פון אונדזער באַוועגונג, בנימין פאַרשטיי.

נאָך אַ געוויסער צייט איז די בית״ר־אַרבעט געוואָרן אַ מער פּראַקטישע. ס׳זענען געגרינדעט געוואָרן אין קלאַסאָוו און ראָקיטנע הכשרה־קיבוצים. די ערשטע פון היגן קן זענען געפאָרן קיין א״י: טרוצקעוויטש, געלער, י. שער און מ. מאַרגון, וואָס איז אַזוי יונג געשטאָרבן פון דער שווערער אַרבעט אין ראָקיט־נער הוטע.

די פּוילישע מיליטער־מאַכט האָט אונדז דערמעגלעכט צו לערנען די „הכשרה־הגנתית״. מיר האָבן באַקומען געווער און אינסטרוקטאָרן. אונדזערע שעפן פון פ.וו. זענען געווען א. גענדלער, ש. אַסיפּאָוו און יצחק שלייפשטיין. אויך דער פאָנד אונדזערע פאַר הכשרה הגנתית — דער קרן תל־חי — האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק. צוזאַמען מיט דער גרויסער פאַרשטאַר־קונג פון בית״ר, האָבן אויך אַנדערע רעוויזיאָניסטישע גרופּן אָנגעהויבן אַקטיוו צו אַרבעטן. די לאַנד־אָנפירונג פון הצה״ר האָט איינגעלאַדן דיר. באָריס גרייצער און ד״ר בראָנבערג ז״ל צו לייטן מיט דער היגער אָפּטיילונג פון ברית הצה״ר.

פיל האָבן געלייסטעט פון די סטודענטן פון פּראַג: ש. יוניטשמאַן, ישראל לעשנער (געפאַלן אין געטאָ), טוביה לעשנער (היינט אין אַמעריקע) און אינזש. מירסקי (גע־פאַלן אין געטאָ). אַדאַנק דעם באַזוך פון ה׳ וואָליטשקער פון וואַרשע, איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ שול־יוגנט־גרופּע א. נ. „מסדה״. מיטגעהאָלפן דער „מסדה״ אין איר אַרבעט האָבן יוסף קאָלעסניק, י. וואַקסמאַן, שטיינבערג, דיק, גוטמאַן, שלום ראָזענפעלד און צבי רובינשטיין (ביידע אין ישראל), פּרוי ראָטמאַן, הויזמאַן, שמחה שלייפשטיין און מרדכי קאַניש (היינט אין ישראל). „מסדה״ האָט געפירט אַן אַקטיווע טעטי־קייט, ביז אַלע אירע מיטגלידער האָבן אין יאָר 1933 זיך אָנגעשלאָסן אין בית״ר. אויך אַ ספּאָרט־קלוב „טרומפּלדוריה״ איז געשאַפן געוואָרן דורך די חברים יואל משרת, ברייזגאַל און נפתלי פּערעל.

אין יאַנואַר 1930 באַטייליקט זיך אַלס דעלעגאַט פון לויצק דער דיר. באָריס גרייצער אויף דער 9־טער אַלפּוילישער ציוי־ניסטישער לאַנד־קאָנפערענץ און ער ווערט אויסגעוויילט אין די וויכטיקסטע קאָמיסיעס. אַ גרויסער יום־טוב איז געווען אין אונדזער היגער משפחה דער ערשטער באַזוך פון ראש בית״ר און מנהיג — ז. זשאַבאָטינסקי. זיין באַזוך האָט אַפילו געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין שטאָטראַט, ווו ראָטמאַן בראָנבערג האָט פאָר־געשלאָגן אָנצורופן אַ גאַס אויף זיין נאָמען. דער פאָרשלאָג איז געוואָרן אָנגענומען און די גאַס „שעראָקאָ״ (נעבן אַמאָליקן „וואָינסקי נאַטשאַלניק״), האָט באַקומען דעם נאָמען „זשאַבאָ־טינסקיעגאָ״.

אויף אַלע געביטן פון אונדזער אַרבעט איז פאָרגעקומען

אינסטרוקטאָרן־קרייז פון בית״ר אין לויצק

אַ פאַרשטאַרקונג. דער מפקד הקן י. בראָנפמאַן (היינט אין בראַזיל), האָט געשאַפן אַן אָפּטיילונג אויף קראַסנע א. נ. „השחר״. אויך דער פּרעזידיום פון הצה״ר: פרוי האַוסמאַן, ש. שלייפשטיין, י. פינקלשטיין, האָבן געפירט אַקטיווע פּאַרטיי־אַרבעט. דער קן נעמט איבער דער ה׳ שמחה שלייפשטיין, וועלכער האָט באַקומען פון דער וואָיעוואָדשאַפט אַ דערלויבעניש פאַרן בית״ר אויפן שטח פון גאַנץ וואָלין, ווערנדיק גלייכצייטיק מפקד־הגליל. אויך די סטודענטן אָרגאַניזירן זיך אַדאַנק דער אַרבעט פון די ה׳ וואָלף קלימבורד, לעשנער און באַריל און מ׳גרינדעט אַ סטו־דענטן קאָרפּאָראַציע „ירדניה״. סעניאָרן זענען געווען: י. לעש־נער, וואָלף קלימבורד און מאַג. מיכאל ווינדזבערג. ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ הכשרה־פּלוגה, וועלכע האָט עקזיסטירט איניקע יאָר.

אַ גרויסע אבדה האָט אונדזער רעוויזיאָניסטישע משפּחה געליטן מיטן פריצייטיקן טויט פון אונדזער פריינד ד״ר אליהו בראָנבערג ז״ל. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער אין דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי אין לאַנד. זיין אָנדענק איז פאַראייביקט געוואָרן דורך אַ ביבליאָטעק אויף זיין נאָמען.

טיף דערשיטערט פון אומגליק, איז אונדזער אַרבעט דאָך נישט געוואָרן אָפּגעשטעלט. ס׳איז דאַן פאָרגעקומען אַ קרייז־קאָנפערענץ פון הצה״ר, מיט דער באַטייליקונג פון צענטראַלע פאָרשטייער ד״ר א. ליפּמאַן און ד״ר ז. לערנער. די קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט אַ קרייז־צענטראַלע מיט פרוי האַוסמאַן אַלס פאָרזיצערין. ד״ר קרעמיניעצקי אַלס וויצע־פּרעזעס, ה׳ קאַגאַן אַלס סעקרעטאַר און י. שיינער אַלס אינסטרוקטאָר.

גרויס אויפלעבונג האָט אַרויסגערופן אין לויצק און אין גאַנץ וואָלין דער באַזוך פון ד״ר יוסף שעכטמאַן, וועלכער איז אייפגעטרעטן מיט אַ רעפעראַט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סך פאַראינטערעסירונג אין שטאָט. נאָך זיין באַזוך שאַפט זיך ביי


MAGISTRAT

די גאַס א. נ. פון זשאַבאָטינסקי אין לויצק


בית״ר־קאָנפערענץ אין יאָר 1932

גרופּע „מסדה" אין יאָר 1933

אונדז אַ ברית־החיל, מיט וועלכן ס'פירן אָן די ה"ה בנימין פאַרשטיי, לעאָ באַריל, ש. שלייפשטיין און ווערבאַ.

אין מאַי 1933 פייערן מיר דעם 6־טן יובל פון אונדזער קן. פון דער נציבות האָט די פייערונג באַזוכט אונדזער ד"ר יוניטשמאַן. די מפקדה האָט באַשאַנקען מיט זשעטאָנען די בית"רים, וואָס אַרבעטן אַקטיוו זינט דער גרינדונג פון קן: חנה ספּעקטאָר, אלקנה פינקלשטיין, שושנה שיינמאַן, יצחק שלייפשטיין און דער שרייבער פון די שורות.

אויך דער מפקד שלייפשטיין ווערט באַשאָנקען מיט אַ גאָלדענעם זשעטאָן אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע לייסטונגען.

דאָס יאָר 1933 איז געשטאַנען אונטערן איינדרוק פונעם סטאַווסקי־פּראָצעס און פון דער גרויסער פּאָליטישער אַקציע פון זשאַבאָטינסקין — די פּעטיציע.

אין אויגוסט 1934 באַזוכט אונדזער שטאָט, אין אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, דער פּרעזידענט פון דער הצה"ר אין פּוילן, ד"ר דוד וודאָווינסקי.

ס'קומען דאָ פּאָר געוויסע ענדערונגען אויף די אָנפירנדיקע אַמטן. אין בית"ר נעמען איבער די לייטונג די אחים דב בילעריי און אפרים דיק, וועלכער ווערט קורץ דערנאָך באַשטימט אַלס מפקד הקן מיט פאָלגנדיקער מפקדה: דב בילעריי, ש. שיינמאַן, א. שפּיצמאַן, א. פינטשוק, ד. מאַנדעל.

אויך דער הצה"ר פאַרשטאַרקט דאַן זיין טעטיקייט, אַדאַנק פּרוי הויסמאַן, דיר. באַק, דיר. גרייצער, מ. מירסקי, א. גערטנער, א. גאָרדאָן און לעאָ באַריל. די לייטונג פון דער קרן תל־חי קאָמיסיע נעמט איבער דער דיר. מ. באַק.

דעם 12־טן מאַי 1935 נעמען מיר אויף דאָ צום צווייטן מאָל אונדזער ליבן פירער ז. זשאַבאָטינסקי. אין שטאָט — טויזנטער „בית"רים" פון גאַנץ וואָלין. די גאַסן ווערן פון מינוט צו מינוט אַלץ מער ברויזנער, פון אומעטום פאָרן זיי זיך צונויף, די שילער פונעם גרויסן לערער און מנהיג, כדי צו זען און צו הערן זיין שטאַרק נביאיש וואָרט. די פרייד איז אָבער געשטערט געוואָרן: ווען נאָכן רעפעראַט האָט געזאָלט צושטאַנדקומען אַ באַנקעט, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער ערשטער פּוילישער מאַרשאַל, דער באַפרייער פון פּוילן, לעבט שוין נישט מער. פּרעזעס פרישבערג האָט מיטגעטיילט די ידיעה און געהייסן דעם עולם זיך פונאַנדערגיין און זשאַבאָטינסקי האָט תיכף אַרויסגעשיקט קאָנדאָלענץ־דעפּעשן צו דער רעגירונג און צו דער פאַריתומטער פאַמיליע פּילסודסקי. דער באַנקעט איז פאַרשטייט זיך שוין נישט צושטאַנדגעקומען.

✶

דאָס יאָר 1937־38 אין דער געשיכטע פון לוציקער קן דאַרף פאַררעכנט ווערן אַלס די גליקלעכסטע עפּאָכע פון עליה קיין ארץ־ישראל. ס'האָבן עולה געווען: די בית"ריות חנה וואַקסמאַן, ש. ראָזענפעלד, שוועסטער ספּעקטאָר, ליבריק, קופּערמאַן, ראַוויטש, יוניטשמאַן, קאָזיאָל, שער, פאַמיליע קליינמאַן, ל. קופּערשטיין, ווי אויך דער קצין־נציבות ד"ר ש. יוניטשמאַן.

גרויסע נוצן האָבן מיר געהאַט פון דעם קורס פאַר מדריכים, וואָס איז ביי אונדז געגרינדעט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון קצין נציבות יוסף כרוסט און מדריך א. אמפּער. עלף אינסטרוקטאָרן פון קן האָבן געענדיקט דעם קורס, אַזוי, אַז די אַרבעט איז אויף אַלע געביטן ווידער פאַרשטאַרקט געוואָרן. דאַן האָבן מיר צום ערשטן מאָל אָפּגעגעבן די בית"רישע שבועה „הנדר", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך זשאַבאָטינסקין אַליין. צווישן די נודרים איז אויך געווען שלום טאַבאַטשניק — „בן יוסף". די שבועה האָט אָפּגענומען דער מפקד הקן יצחק פוגאַן. דאָס איז געווען אין י"א אדר 1936.

בעת די פייערלעכקייטן צום 10־טן יובל פון אונדזער קן (מאַי 1937) זענען דורך דעם מפקד מ. גרויסבערג פאַרטיילט געוואָרן זשעטאָנען צו אַלע 10־יאָריקע בית"רים. זייער צאָל איז געווען אַ קליינע, צווישן די אויסגעצייכנטע איז אויך געווען שלמה בן־יוסף.

אַ געוויסע צייט פירט אָן מיטן קן אברהם שפּיצמאַן. דערנאָך ווערט אַלס מפקד נאָמינירט יעקב פאַרשטיי.

✶

דעם 24־טן אַפּריל 1938 ברענגען די צייטונגען די ידיעה פון א"י, אַז צווישן די אַרעסטירטע בית"רים פון ראש פּינה, געפינט זיך אונדזער חבר שלמה בן יוסף. נישט אַלע האָבן געוווּסט ווער ס'איז געמיינט אונטערן נאָמען בן־יוסף און אַז דאָס איז אונדזער שלום טאַבאַטשניק.

אַ בית"ר־גרופּע

דעם 12־טן יולי איז אין דער גרויסער שול פאָרגעקומען אַ תפילה פאַר זיין באַגנעדיקונג. נאָכן איינלייטונגס־וואָרט פון דיר. גרייצער, האָט הרב סאָראָטשקין געהאַלטן אַ שטאַרקע, רירנדיקע רעדע און די בית״רים פאַרשטיי אין דיק האָבן גערעדט וועגן דער טאַט פון פאַרמשפּטן בן יוסף.

די טעג פון אורטייל ביזן באַשטעטיקן אים דורכן גענעראַל היינינג האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן. ס׳זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן פּראָטעסט־רעזאָלוציעס צום ענגלישן אַמבאַסאַדאָר קעגן אורטייל און צו אונדזער טייערן חבר האָבן מיר אַוועקגעשיקט קיין עכו אַזאַ דעפּעשע:

„לאחנו שלמה בן יוסף, חבריך לדעה מבטיחים לעולם לדרוך בעקבותיך הנשגבים.״

דאָס ערגסטע איז געקומען, ווען דינסטיק, דעם 23־טן יוני 9 אָוונט, האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז מאָרגן פרי ווערט דער אורטייל איבער בן יוסף אויסגעפירט.

ווער האָט שוין אין יענער טרויעריקער נאַכט געקאָנט איינשלאָפן? אַלע, דער גאַנצער קן, זענען מיר געווען וואַך אין לאָקאַל. פון יעדן ווינקל האָט זיך דערטראָגן דער גרויסער טרויער. מיר האָבן געקלונגען אין אַלע רעדאַקציעס אין לאַנד וועגן גענויע פּרטים. 3 אַ זייגער פאַרטאָג איז פאָרגעקומען דער „טרויער מסדר״. אַלע וואָס האָבן אין אים אָנטיילגענומען, וועלן אים געדענקען אייביק. 5 פרי האָבן מיר געזאָגט תהילים אין דער טריסקער שול, און 8 פרי, ל׳ סיון תרצ״ח, איז אויף דער אַלטער קרייצער־פעסטונג אין עכו געפירט געוואָרן צו דער תליה בן־יוסף, דער אַרעסטאַנט נומער 3118. די נאַכט פאַר דער עקזעקוציע האָט ער פאַרבראַכט רויק. געשריבן בריוו צו דער מוטער „זי זאָל שטאָלץ זיין, וואָס איר זון גייט שטאַרבן פאַרן ווילן פון יידישן פאָלק״, און צום ראש בית״ר שרייבט ער, אַז „ער איז גליקלעך מיט זיין לאַגע, וויסנדיק, אַז זיין טויט וועט נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר אַ באַפרייטער, נישט געטיילטער יידישער מלוכה״. דעם קצין נציבות ד״ר יוניטשמאַן, וועלכער האָט אים באַזוכט אַ טאָג פאַר דער עקזעקוציע, האָט ער געבעטן מען זאָל זיינע נאָענטע חברים: פאַבריקאַנט, שפּיצמאַן און ראַפּאָפּאָרט דער־מעגלעכן עולה צו זיין. די נציבות האָט דערפילט זיין צוואה, ווען די לעצטע באַזוכער זענען אַריין צו אים אין דער צעלע, זענען אויף דער וואַנט געווען אויסגעדרוקט די ווערטער פון זשאַבאָטינסקין:

— „למות או לכבוש את ההר...״

ווען דער ענגלישער תלין האָט זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער אויסגעשריגן:

„זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק! זאָל לעבן זאב זשאַבאָ־טינסקי!״

די גאַנצע שטאָט איז איינגעהילט אין טרויער. פון גאַנץ פּוילן קומען צייטונגס־מענטשן זיך דערוויסן גענויע פּרטים ווי אַזוי די שטאָט פון בן יוסף טרויערט. אין דער גרויסער שול קומט פאָר אַ אזכרה מיטן אָנטייל פון הרב סאָראָטשקין, בנימין פאַרשטיי, א. דיק, יעקב פאַרשטיי, לעאָ באַריל און פון נציב פון בית״ר — א. פּראָפּעס.

די אַרבעט ווערט אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשטעלט, קיין ארץ־ישראל פאָרן אַוועק דער מפקד יעקב פאַרשטיי און א. שפּיצמאַן —ביידע טרייע איבערגעגעבענע בית״רים.

די ליטונג אין קן נעמט איבער דער שרייבער פון די שורות און דערנאָך י. בעניס, מיט פאָלגנדיקער מפקדה: סגן מפקד הקן דב בילעריי, יעקב סימאַ, י. פאַבריקאַנט, מ. ראַנץ, ש. ליבובער, י. אַלטער, ז. שניידער.

*

12 יאָר עקזיסטירן מיר שוין אין לויצק. במשך פון דער צייט איז אויף קיין איין טאָג די אַרבעט נישט איבערגעריסן געוואָרן. הונדערטער יוגנטלעכע זענען דערצויגן געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן גייסט. זייער פליכט אין ארץ ישראל האָבן דער־פילט: ד״ר יוניטשמאַן, ש. ראָזענפעלד, ד. ראַוויטש, מרים יוניטשמאַן, אברהם שפּיצמאַן, אייזיק פוגאַן (געפאַלן בעתן באַמ־באַרדירן תל־אביב), שלום גלעדי.

לויצק, 1938

י. פרשטיי

הארגון הצבאי הלאומי בלוצק

בעוד הם עסוקים בפעילותם הרגילה בקן בית״ר, נכספו מספר חברים, מבין הוותיקים, למגע עם „ברית הבריונים״ בארץ, שהד פעולותיה הגיע גם ללוצק. ומשהגיעו שליחי בית״ר מן הארץ ב־1935 והביאו דרישת שלום מ„החזית״, אורגנה כאן הקבוצה הראשונה של „האקטיביסטים״ בראשותו של שלום רפפורט (גלעדי), שאליה השתייכו: שלום טבצניק (שלמה בן יוסף הי״ד), יצחק פבריקנט ואחר כך גם אייזיק פיגן ורוזה בקוביצקה. קבוצות דומות אורגנו בפלוגות ההכשרה של בית״ר בווהלין (כגון בהורוכיב בראשותו של אברהם שפיצמן מלוצק). מרכזם היה בטורצ׳ין.

אולם רק עם פרוץ מאורעות הדמים בארץ בשנת 1936 והפיכתה של ההגנה הלאומית לארגון צבאי לאומי, הוקמו — כהמשך לנ״ל — לראשונה בווהלין ואחר כך ברחבי פולין, תאי האצ״ל, שתפקידם היה להכין קאדרים של אנשי מחתרת מבין חברי הבית״ר ו„ברית החייל״.

תאים אלה, ארבעה במספר, שהוקמו בלוצק היו קונספי־רטיביים במהותם ובמבנם. כל אחד מנה 5 אנשים ובראשם אחראי. חבריהם עסקו בלימוד השימוש בנשק קל (נרכשו לשם זה 3 אקדוחי־פרבלום, נאגאן וכ.ב.; קליעה למטרה למדו ברובה אויר), ניהול קרבות רחוב, תולדות מלחמות שחרור וכו׳. השיעו־

רים התיאורטיים (מתוך חוברות הדרכה בעברית שהגיעו מהארץ) התקיימו במועדון הקן בשעות הערב המאוחרות או בדירות פרטיות. האימונים ותרגילי השדה נערכו בעיקר בפולונקה, בנידווה ועל הוואל. נוסף לזה עסקו אנשי התאים בהפצת החומר התעמולתי שהגיע לידיהם מהמרכז בוורשה, לאחר שהוקמה רשת התאים בכל פולין — במקביל לקני בית״ר.

לתאים אלה בלוצק השתייכו: ב. אינבינדר, י. אלטר, מ. בורשטיין, י. בניס, י. בלפיור, ב. וא. גרגיס, ש. ווסקו־בויניק, י. טוריסק, י. ליבהבר, א. מנקר, י. סימא, פ. פוגן, ב. פלדנקרייז, מ. רנץ, מ. שיפר, ז. שניידר וי. שידלר. ריכז אותם י. פרשטיי ואחר עלייתו ארצה — אינבינדר.

בסתיו 1937 התקיים בלוצק הקורס הבלתי רשמי הראשון של האצ״ל בפולין בפיקודו של א. אמפר מלודמיר (מי שהיה אחר כך מפקד התאים בפולין. נרצח ע״י הבריטים בתל־אביב) ובהדרכתו של י. פוזננסקי (קצין יהודי בצבא הפולני שבא במיוחד מלודז׳). בקורס השתתפו חברי התאים שבסביבת לוצק והוא נמשך שבוע ימים (במועדון הקן על־יד בית־המשפט המחוזי).

בשנים 1938-9 התגבשו והלכו התאים וחלק מחבריהם הצליח לעלות ארצה — בסרטיפיקטים או בלעדיהם.

בפרוץ מלחמת העולם, בספטמבר 1939, עמד, כאמור, בראש התאים ב. אינבינדר (הוא היה גם מפקד הקן אחר בניס). כניסת הסובייטים אילצה את חברי בית״ר והתאים לרדת למחתרת ממש. בחצרו של אינבינדר נקבר באישון לילה דגל הקן יחד עם הארכיון והנשק של התאים (להם נוספו האקדחים שמנקר הצליח „לסחוב״ מערימת הנשק שנצטברה ברחבת העיריה לפי צו השלטונות). אם כי רשמית אסור היה לקיים כל פעילות פוליטית, המשיכו אנשי הקן, וביחוד חברי התאים, להיפגש ולטכס עצה איך להינצל ולהגיע ארצה. י. בניס נשלח לסניאטין לחפש דרך לרומניה, אולם נעצר בגבול וישב בכלא רוסי עד גיוסו לצבא אנדרס ועלייתו ארצה עם צבא זה. אחריו יצא לגבול הרומני אינבינדר. אף הוא נעצר על־יד קולומיה ומשנשתחרר חזר ללוצק. בינתים החליטו י. סימא וע. פרקל לצאת לווילנה שטרם נכבשה ואחריהם יצאו לשם — כבר לאחר שהגבול נסגר — מנקר, טוריסק, פלדנקרייז, אלטר, רנץ ואינבינדר. אך למרות העובדה שבית״ר היתה כמעט התנועה היחידה בלוצק שקיימה קשר עם וילנה, לא הצליחו רוב חבריה ואנשי התאים להיחלץ.

לאחר צאת הנ״ל לווילנה נשאר הקשר בלוצק בידי אייזיק גרגיס עד בוא הגרמנים והקמת הגיטו.

בווילנה הצטרפו הנ״ל לגדוד הפליטים הבית״רים, ומשפוזר זה על ידי הסובייטים השתקעו בערי השדה. רק אינבינדר וסימא הצליחו לעלות בינתיים ארצה דרך טורקיה.

משכבשו הגרמנים את ליטא והחלו להקים את הגיטאות נקלעה לשוול קבוצה של חברי אצ״ל מלוצק (אלטר, טוריסק, מנקר ופלדנקרייז) ואלה, יחד עם אנשי אצ״ל אחרים, עברו בצוותא את מוראות המלחמה, הגיטו ומחנות הריכוז, עזרו איש לרעהו תוך שמירה על זיקתם לארגון (אפילו נשק ניסו והצליחו להשיג בגיטו ובמחנה), ועם תום המלחמה הצטרפו מחדש לשו־רות אצ״ל באירופה, ואחר כך בארץ, כשם שעשו זאת חבריהם שהצליחו להקדימם ולהגיע ארצה ופעלו בשורות אצ״ל ולח״י. גם הם השתתפו בפעולות־קרב נגד הבריטים והערבים ומילאו תפקידים אחראיים בארגוניהם.

*

קן בית״ר ותאי אצ״ל בלוצק העלו גם קרבנות לא מעטים מבין חבריהם במלחמת השחרור העברית:

שלמה בן יוסף, שהגיע ארצה בעליית אצ״ל, היה היהודי הראשון מאז כיבוש הארץ ע״י הבריטים שעלה לגרדום בגלל התנקשות בפורעים ערבים על־יד ראש־פנה ב־1938.

אגב, מגורל דומה ניצל אייזיק פוגן, שהגיע ארצה לפני המלחמה. היה בפלוגות הגיוס של בית״ר בגליל, שרת בבריגדה ולפי הוראות אצ״ל נשאר באירופה אחר פירוק הבריגדה. הברי־טים עצרוהו על־יד הנובר (בגרמניה) ב־1947 בעד נסיון לפוצץ רכבת צבאית גרמנית, הועמד לדין ונשפט למוות. רק הודות ללחץ ציבורי ומדיני רב באנגליה ובארצות־הברית הוחלף פסק־הדין, לאחר ערעור, ל־20 שנות מאסר. לאחר ישיבה של 3 שנים בבתי כלא בגרמניה נחן וחזר ארצה.

שמעון ווסקובויניק (דוד יעקובי), שהגיע ארצה עם צבא אנדרס דרך טהרן, פעל בשורות לח״י ומשגוייס לצה״ל עם קום המדינה כקשר בחיל השריון, השתתף בקרבות הנגב ונפל בקרב על עוג׳ה אל חפיר ב־1948.

יצחק פוגן, שהגיע אף הוא ארצה בעליית אצ״ל ערב המלחמה וגוייס מיד לפלוגות בית״ר בדרום הארץ, נהרג בשעת הפצצת תל־אביב ע״י האיטלקים ב־1940.

גם בתי הסוהר הבריטים ומחנות ההסגר בארץ ומחוצה לה הכירו לוחמי חופש מיוצאי לוצק שהיו עצורים בהם שנים רבות.

דוב בלוריי

זכרונות מימי ההכשרה בלוצק

הואיל ובעיירה שלנו ניאָסכיז לא היתה קיימת עדיין תנועת נוער, נשלחתי אני ועוד חבר אחד בקיץ 1932 על־ידי סניף „החלוץ הצעיר" שבקמין־קושירסק — ללוצק, להכשרה.

הפלוגה עדיין היתה אז בראשית התהוותה. היינו בסך הכל כעשרים וכמה חברים וחברות והתגוררנו באחד הבתים שברחוב נובו־סטרויייניה (Nowo Strojenie).

העבודה העיקרית בהתחלה היתה כמובן חטיבת עצים. כבשנו לנו „פּלאַצובקה" (מקומות) ברחובות יאַגלונסקה, קראַסנה ועוד, ליד המאפיות היהודיות.

אולם לאט־לאט התחלנו לחדור גם לענפי עבודה אחרים: לטחנות־קמח, לעבודות בנין, והבנות — גם למשק־בית.

ודאי, לא קל היה הדבר להוכיח ליהודי לוצק שגם „באַלעבאַטישע קינדער" (בני טובים) יודעים לעשות כהלכה מלאכות שברגיל עסקו בהם רק הגויים.

חייבים היינו לעמוד במאבק בכמה חזיתות בבת אחת: ה„בונד" קרא לנו „לומפּן־פּראָלעטאַריער", ואילו הפועלים הפול־נים ראו בנו מתחרים שבאו להוציא פת־לחמם מפיהם. הם לא רצו להבין כי אם רצוננו להיעשות פועלים הרי זו זכותנו.

אך למרות הכל הלכה הפלוגה וגדלה. שכרנו בית נוסף באותו רחוב, אולם גם הוא לא הספיק. אז עברנו לבית הגדול של מיכל לומר ברחוב ווילקי. הפלוגה כבר מנתה אז למעלה ממאה איש (איני זוכר את המספר המדויק). לוצק נעשתה מרכז ההכשרה של כל הסביבה ולא היה יום שלא יעברו בה חלוצים לכיוונים שונים. לוצק צעדה בראש בכיבוש מקומות — מכאן יצאו לצמידובקה, לטורטשין, לקליוואן, לברסטיצ'קה ועוד. בית מיכל לומר היה תמיד כמרקחה.

צפים ועולים עתה בי זכרונות מן הימים ההם: מצד אחד שבים מעבודתם חוטבי העצים, גרזנים על כתפיהם; מצד שני באים פועלי הבנין, הולכים ושרים. נעלים כבדות, מסומרות

קבוצת „עליזות" (1927)

קבוצת „שלגוניות"

לרגליהם, והנה הם פורצים בשירה ספונטאנית: „אנו באנו ארצה לבנות ולהיבנות בה".

יהודי לוצק נוכחו בינתים לדעת כי אם יש צורך בפועל ישנה כתובת — בית לומר. לא עוד „באַלעבאַטישע קינדער", כי אם פועלים ממש. הרבה עזר גם סניף „החלוץ" במקום.

לא פעם קרה שמיכל לומר, בעל הבית, בא לגבות שכר־דירה ולא היה כסף. היינו מושכים גם אותו למעגל הרוקדים...

בראש השנה התקיים כינוס של כל קיבוצי ההכשרה בגוש בהשתתפות חברי המרכז. באו חברים מקלוסובה, מדומברוביצה, מאוליק וממקומות אחרים. מן הארץ באו לכינוס פיבוש בנדורי ז"ל מגבעת השלושה וגרשון אוסטרוסקי מעין חרוד.

בכינוס נערך ויכוח סוער בשאלה, אם לאשר חברים לעליה אחרי ששה חדשי הכשרה, או רק אחרי תשעה חדשים. הכריעו תובעי הששה, כי הארץ תבעה עליה משום שהיתה זקוקה לידים עובדות.

בסניפי „החלוץ" ו„גורדוניה" רופדו הרצפות בקש וכך סודרו מקומות־לינה לחברים שבאו להשתתף בכינוס.

בחורף החמיר המצב. לחברים בקיבוץ ההכשרה לא היתה עבודה. גם מספר החולים גדול היה. חיקה בינשטוק ז"ל (נפטרה בגבעת השלושה), המרכזת, היתה אובדת עצות. לא פעם עבר יום שכל מזוננו היה מעט תפוחי אדמה.

זוכרני: ב„סידור העבודה" סודרו שלושה, שהוטל עליהם ללכת ולחפש עבודה: אני ועוד חבר וחברה. מדדנו את לוצק לאורכה ולרוחבה, כיתתנו רגלינו לכל מקום, חיטטנו בכל הסימטאות, אולי נמצא משהו — אך הכל היה לשוא. עברנו את הגשר, הגענו לקראסנה. והנה יוצאת לקראתנו אשה, מסתכלת בנו ודמעות בעיניה: „איך האָב אַ טאָכטער אין טשענסטאָכאָוו" (יש לי בת בצ'נסטוכוב), והוסיפה: „קומט אַריין קינדער זיך

דערוואַרעמען מיט אַ גלאָז טיי" (היכנסו ילדים הביתה להתחמם בכוס תה). בינתיים העריב היום. חזרנו דרך השביל לאורך הנחל, והנה מצאנו שני מטרים עצים לניסור וחטיבה. הגענו לעמק השווה בענין המחיר והתחלנו לעבוד במרץ. בחוץ כבר היה חושך, אבל אנו עבדנו בשקידה. חזרנו הביתה במצב רוח מרומם. סוף סוף הצלחנו.

אחרי זמן־מה יצאנו קבוצת חברים לכיבוש עבודה בדימ־בובקה.

כל זמן היותנו בלוצק נפגשנו הרבה עם יהודיה, בעיקר עם בני שכבות העמלים — בנאים, נגרים, צבעים, סבלים, עגלונים ועוד. היו אלה יהודים פשוטים וחביבים, טובי לב. וכמה כואב הלב שהיו ואינם עוד...

יוסף וייץ

ביקור חטוף בלוצק

בבוקר סגריר ועוטה קדרות של אחד מימי אלול האחרונים בשנת תר"ץ הביאתנו — אותי ואת רעיתי — הרכבת הבאה מוורשה לתחנת לוצק. עוד לא נדמו שריקות הקטר ושקשוק הקרונות בהיעצרם אגב האטת הנסיעה, ודרך חלון־הקרון נשקף אלי הדוד חייקיל מתחת למטריה, כשעיניו, מלאות צפיה, בולשות את החלונות. לבי, שהיה אחוז געגועים אל הדוד מאז הפרידה ממנו לפני עשרים ושתים שנה, נתפעם לקראתו בהתרפקות־נעורים, וכשזרועותינו נתחבקו ונתלפפו, הציצו אלי עיניו השוח־קות, ועל שפתיו ריצדה בת־הצחוק ברוכת הטוב והחסד, הנדי־בות והסליחה.

העיר לוצק היתה חדשה לי. זו לי הפעם הראשונה לבקר בה, אם כי העיירה בורמל, שבה עברו עלי שמונה־עשר קיצים וחרפים עד עלותי ארצה, לא היתה רחוקה ממנה ותושביה היו עוברים ושבים בעיר המחוז. ואם סרתי אליה, אגב ביקורי הקצר באירופה, ולא אל עיירת־המולדת, הרי זה מפני שבינתים עקרו רוב בני משפחתי מאותה העיירה והשתקעו בלוצק; ומטרת בואי הלא היתה לראות אותם: את בית הדוד ואת בית אברהם לנדר ובית ישראל לנדר, את בית יהודה נול ובית יקותיאל נול ואחרים. בני המשפחה המסועפת, שהעלתה מקרבה כמה בנים ובנות לארץ, ישבו כאן, ו"קשרי המולדת" — עד כמה שעוד שרדו בי אחרי כ"ב שנים בארץ — היו אתם.

קודרת, משעממת וחסרת־ישע נראתה לי העיר בשעה שהסיעה אותי המרכבה מהתחנה אל בית הדוד שבמרכז העיר. גשם דק, דוקרני, טיפטף מתוך עננות אפורה־אפלולית, ויהודים ברחובות, שחוחי־ראש, היו אצים־רצים כאומרים להתחמק מהר מקדרות זו אל איזה מפלט סמוי שמעבר לערפליות המסמררת. למראם היתה בלב הרגשה כבדה של תוגה ודכדוך. ייתכן — הרהרתי ביני לבין עצמי — שמסע־הלילה, חוסר שינה ועייפות, הם שגרמו להתרשמות זו. אולם לאחר מכן, בימים הבאים — עשרים ואחד במספר — של שהותי בעיר ובחברת בני המשפחה ומכיריהם, וגם כששמש סתיו, חמימה ובהירה, שבה לזרוח עליה ועל רחובותיה, כיכריה ונהרה — מצאתי כי אכן חיים היהודים בהרגשה של צורך להתחמק מן הקדרות האופפת אותם בעיר זו ובמדינה זו.

באותם הימים היו רבים משכימים לפתח ביתו של הדוד, ביניהם גם כאלה שכבר עלו לארץ ישראל ו"ירדו" — לשאול אצלי לשלום הארץ, למצבה המדיני והכלכלי, ועל האפשרות להסתדר בה. דופקה של התנועה הציונית פעם בחזקה, גם מבחינה רוחנית: חינוך ציוני, לימוד תרבות עברית, אימון בשפה העברית; וגם מבחינה גשמית: אוסף תרומות לשתי הקרנות וכיו"ב. הנוער, ברובו, היה ער ופעיל בזרמים ובתנועות שבתוך ההסתדרות הציונית. גם בענינים המקומיים נראו יהודי לוצק מאורגנים כציבור בעל הכרה, ער ומקפיד על שמירת זכויותיו, ורבים היו העסקנים שמסרו זמנם ומחשבתם לצרכי הכלל. לא מעט היה בזה חלקו של הדוד חייקיל, שכיהן אז כסגן לראש העיר הפולני, אבל כמעט כל הענינים היו נחתכים על פיו, ועם זאת לא הניח ידו ולבו מצרכי התנועה הציונית, אשר כאחד מראשי מנהיגיה שימש מופת לאחרים במסירות ובהקדשת כל שעה פנויה לעניניה של ארץ ישראל. עם כל זאת, ואולי בשל כל זאת, היתה מועקה בלבותיהם: עתידם בפולין לא נשקף אליהם בשחוקה של נדיבות וידידות. עמוק, עמוק, וברבים מתחת לסף הכרה, שכנה הרגשת פחד וחרדה לקראת ימים יבואו. הן אז כבר הגיעו הדים מצריחות־הפרא של השטן הממאיר היטלר! — ושם, באותם מעמקים שלהם, לחש קול: הצילו עצמכם בעוד מועד, צאו ועלו! אבל אזיקי־החיים היום־יומיים היו חזקים, ובאלה היו כבולים לא רק המון העם, כי אם גם המנהיגים והעסקנים שהיו מתלבטים ומתחבטים בין הרצוי לבין המצוי, בין השאיפה הכמוסה שבלב, לבין כורח החיים האפרוריים. ומכאן אותה שכבה פנימית של קדרות־צללים, כשהגוף מיטלטל כל היום בהתעסקות של מלחמת הקיום; אותו נצנוץ של תוגה ממבטי העינים גם כשהן שוחקות — בריתחת ויכוח או בשיחת רעים, בנשפי־משפחה או באסיפות המונים, במבוגרים ובבני הנעורים. ולעיני, עיני יהודי ארצישראלי, נראו אחים אלה כאסירים שאין בכוחם להתיר עצמם ממאסרם, והמשיח שיתירם אינו. וכל ימי שהותי בלוצק הייתי שרוי בדכאון קשה.

ולא רק בלוצק. נזדמנתי באחד הערבים לרכבת ההולכת מלוצק אל העיירה הוריכוב, אשר אליה נסעתי כדי לעלות על קבר אבי ז"ל, שנפטר בחודש אדר ב' שנת תרס"ט. הנסיעה ארכה שעות רבות ובתחנות הסמוכות זו לזו עלו יהודים רבים ושונים

ברעש ובהמולה, כאורח גוברין יהודאין שאין להם בעולמם אלא מהומת משא־ומתן והתרוצצות. אבל לא עברו רגעים מעטים, ומבלי שאדע היאך עמדו על סוד הווייתי: יהודי ארצישראלי ברכבת, — ומיד הקיפוני בשאילת־שלום ו„מה נשמע אצלכם", והיו לאנשים אחרים, לא מעולם זה, כאילו יד נעלמה החליפה לבושם החילוני ועטפתם באדרת של עריגה לעולם אחר, כיהודי עם בוא השבת בשירו הידוע של היינה. ובכולם אותה התחבטות בין שני הקטבים: המציאות המרה שאין הכוח והעוז להיחלץ ממנה והכמיהה להגיע לחוף מבטחים.

היה זה לי ליל שימורים. שכן הייתי עד לאותה התחבטות קשה ולבי נתמלא צער נוקב. ובראותי אותם ביסורי לבטיהם שאלתי עצמי: היכן המשיח שינתק את האזיקים מעל אַחים אלה ויגאלם משעבוד? בשעה סמוכה להפצעת השחר הגעתי לתחנה האחרונה שלפני העיירה, ומשם המשכתי בקרון רתום לשני סוסים, גדוש משא שקים וחבילות, והעגלון יהודי מהוריכוב. כששאלתיו, בהתישבי על שק קש לידו, אם יודע הוא את ביתו של שמחה שצקיס, השיבני בשאלה:

— אתה מארץ־ישראל?

ובלי חכות לתשובה המטיר עלי את השאלות שחזרו מפי כל יהודי — על החיים בא"י ועל אפשרות שעגלון כמותו יסתדר שם, וכו' וכו'. הוא שואל והוא משיב לעצמו, כשהשאלה ברורה במהותה ובתכליתה, והתשובה ספוגה פקפקנות והססנות, כשהוא מזרז בשוטו את הסוסים להליכה, ובשמים הגבוהים רוטטים כוכבים, מאירים ושוקעים ושחר מנצנץ והולך, והסוסים נעצרים והעגלון בעל השיחה נעצר גם הוא, בהצביעו בשוטו לעבר בית ברחוב:

— זהו ביתו של שמחה שצקיס.

הבית עמד באפלולית ואף־על־פי־כן זכרתי את התריסים לחדריו הפנימיים, וניגשתי אל אחד מהם ודפקתי. קול מנומנם ענה:

— מי שם?

— פתח, רבי שמחה, פתח לי, אני יוסף פה.

קריאת השתוממות וחדווה כפולת שני קולות נשמעה, ומיד חרקה דלת ואני נכנסתי פנימה, לתוך אווירה חמימה, נושמת ילדות מתוקה מאז, מאז.

שמחה שצקיס, סוחר ובעל אכסניה בעיקר לגויים, שהיו באים לימי היריד בעיירה ומאכסנים את בהמותיהם בחצר הגדולה שמאחורי הבית, ואשתו גולדה — זוג חשוכי־בנים, אבל ענווים, שקטים וטובים — היו שניהם ידידי המשפחה שלנו. אבי ז"ל היה נערץ עליהם ובניו אהובים עליהם כילדיהם. משנפטר אבי והמשפחה עקרה לארץ ישראל, היו כמיותמים. בואי לביתם באופן פתאומי נחשב בעיניהם כ„גילוי אליהו". הם חיבקוני, גיפפוני, השכיבוני במיטה וכיסוני. ידעתי שבשעות שנתי המעטות יתהלכו על בהונות רגליהם וישימו עינם עלי. משהקיצותי כעבור שעות מעטות האכילוני והשקוני, ולא פתחו פה לדבר, רק מבטם שלוח אלי, והמבט דובר ומשיח ועצוב. איזה עצבות עמוקה! וכשליווני אל בית העלמין ועמדו יחד עמי לפני קבר אבי, — שפכו הם דמעות, כי אני דומם הייתי כאבן. ראיתי את אבי הטוב־הטוב, כשהוא נושא בקרבו את הגעגועים לארץ „בה ישכון האביב עולמים", ועתה נחלתו מצבה עקומה, עגומה בנכר, ובלבי מנקרת החרדה: מי יודע מה הגורל הצפוי למיליוני השצקיסים, והלנדרים, והנולים והווייצים והקליבנרים, שלבם קן לגעגועים צובטים־כוססים.

וכך גם בשובי באותו יום ובערב שלאחריו מהוריכוב בקרונו של אותו עגלון לתחנת הרכבת, ועם אותם היהודים (גם אם למעשה היו אחרים) ברכבת לתחנת לוצק, ואותם היהודים בלוצק בימים המעטים שנותרו לי עוד להיות שם עד מלאת מספרם עשרים ואחד יום, בקהל עדת ישראל שבגולה, שמוטת־קרקע, אחוזת־דאגה, שקועת־טרדה תקופת־אימה והזיות־חלום הפוך, ביניהם הדוד חייקיל שהוא כאב־טיפוס לדור זה, וכבימים עברו אני רואהו צועד לבדו בבין השמשות ומהרהר עם עצמו על „בריכה צנועה וחולמת חלום עולם הפוך, ואין יודע מה בלבבה".

— — — והגיעה שעת פרידה... בין עשרות אנשים קרובים שבאו ללוות אותנו מתהלך הדוד לצדי. הוא הולך שחוח, ואין פלא. תמיד השמים שם כה נמוכים, רובצים כה בקדרותם. גם בוקר זה סגריר הוא. הדוד מעונה ומדוכא. אני מביט בעיניו. הניצוץ החלומי איננו. כבה. אני לוקח את ידו לפרידה ולוחש לו:

— דודי, דוד. אני רוצה לראותך עוד פעם. אבל שם, שם בעולם ההפוך, בעולם חלומותיך...

הבריק הניצוץ, אך דוק לח כיסהו. בכינו שנינו. האם ניבא הלב את הרעה מכל רעות שתבוא?

ירושלים, חנוכה תשי"ט

י. בן־אריה (זיניוק)

צרור מכתבים

צרור מכתבים נשאר לנו לזכרון ממשפחתנו המסועפת בלוצק. הנה הוא מונח לפני, דומם, שקט, ובו מקופלים חיים ומאבק של שנים רבות בלוצק אשר בגלות פולין.

מכתבים אלה, תעודות דוממות הן, המספרות רבות על חיי הורינו בלוצק.

למרות שלטון הזדון הפולני בשנות 1933—1939, נמשכו בלוצק חיים יהודיים וולהיניאיים, חיים של גאוה יהודית, כאילו לחשו השפתיים: „אין דבר, נבלה אותם!"

הנני מתיחד עתה עם המכתבים וקורא בהם, בעיני רוחי. הנני רואה את ביתנו שברחוב פשחודניה 4. קטן היה, אך לא צר היה המקום. חנות קטנה של קמח היתה בביתנו ופרנסתנו־כלכלתנו תלויה בה. אבינו היקר ז"ל, ריחים על צוארו, היה נאלץ לעבוד ולהיאבק קשה, כדי להרוית את לחמו. גרבסקי הפולני, צורר היהודים, היה מטיל מסים כבדים על היהודים. גוביו — עושי דברו — היו עושים שמות ברחוב היהודים. את עבודתם האכזרית היו עושים מתוך שמחה לאיד... לא פעם היתה אמנו ז"ל נאבקת עם הגובים שבאו לקחת את שק הקמח האחרון. הנה אני רואה אותה לפני עומדת ופורשת כפיה בתחנונים שלא יקחו את הכל מהחנות, שישאירו פרורי לחם לילדים... אני ממשיך לקרוא... כמו מתוך ערפל עולות לפני תמונות שונות מחיי המשפחה האומללה שלנו.

אין בכוחי לתאר הכל. כרגע מהדהדים באזני זמירות השבת של אבא. הנני מסתכל בפניו הקורנות, בחריצי המצח, ובעיניו, ומתפלא על הבטחון העצמי, על האמונה הגדולה... אבא שואל במכתביו איך אנו מקדשים את השבת בארץ הקודש...

עברו שנים. צעדי השטן נשמעו... מגפים מסומרים נתנו אותותיהם בעולם, ורוח אחרת נושבת מהמכתבים, רוח זלעפות עזה צורבת...

הגרמנים תושבי לוצק הרימו את ראשם וגילו את חוצפתם בכל מקום. הממשלה הפולנית הבוגדנית הכבידה את ידה במשנה כוח על היהודים.

צר מאוד היה להורינו לחיות בארץ הזאת. קדרות ירדה עליהם, מועקה נפשית העיקה עליהם.

והמכתבים מספרים ומספרים... על גזרות חדשות, על ניצול אכזרי, על סחיטות ועלבונות ועל הצעקות בחוצות העיר „ז'ידים לפלשתינה!" ואכן, מלות העלבון שלהם נהפכו למלת קסם להורינו. זיק של תקווה, שביב אור בתוך העלטה הגדולה שאפפה אותם, ראו בני משפחתנו בעליה לארץ. מתוך כל שורה במכתביהם מבצבצים געגועים, כיסופים וכמיהה לארץ והיאבקות על רשות כניסה...

והארץ סגורה ומסוגרת. הם דופקים על השערים והם נעולים. והם כותבים... כל מלה משוועת לגאולה, בכל שורה מאוויים חנוקים וצפיה עזה לגאולה...

ואנחנו ראינו כאן את עצמנו אומללים שלא היה בידנו להושיע. פעולתנו נתקלה בקיר אטום של ממשלת המנדט, אך בכל זאת לא התיאשנו והוספנו לפעול. היינו מעודדים אותם ומכתבינו היו נוסכים בהם תקוות, כי לא פסה האמונה, „נצח ישראל לא ישקר". היינו נופחים רוח חיים בעצמות היבשות. ובכוח זה חיו הורינו וחיכו. חיכינו גם אנו, קווינו לראותם באים אלינו והמשפחה מתלכדת יחד... חלום אבינו הולך ומתגשם... אך הנה הגיעו ימים אחרים, ימים אפלים ימי זוועה...

המכתבים מונחים על השולחן ואני מדפדף בהם מתוך רטט של קדושה, הם כתובים בדם לבם, והם העדים היחידים של הורינו היקרים זכרונם לברכה...

חיפה, 1959

אלעזר א. חרמוני

אזכרך לוצק

כבמחזה עוברים לנגד עיני מראות לוצק, ערש מולדתי. ואם כי שנים רבות עברו מאז עזבתיה בשחר נעורי, שמורים בזכרוני דמויות אנשיה, אישיה, הנוער על שכבותיו, מוסדות התרבות והכלכלה, בתי השעשועים, מועדוני הנוער והמפלגות וכו' וכו'.

ואף־על־פי שזה שלוש עשרות שנים אני נמצא בארץ, השתרשתי בה וכמעט שנהפכתי ל„צבר", בכל זאת יכול אני להעיד במלוא ההכרה, כי לולא לוצק וכדומות לה ערים ועיירות בתפוצות הגולה, לא היתה קמה המדינה — בכל אופן לא בזמננו. על חורבן בית ישראל בגולה קמה המדינה. אמנם כן, זוהי אמת היסטורית — ירושלים נבנתה מחורבנה של הגולה.

ויאמר האומר: בתחיה כאן בארץ ובקיבוץ הגלויות ננוחם. — גדולה זכותנו שבימינו ולנגד עינינו קם ונהיה הפלא של אתחלתא דגאולה. אולם אל לנו לשכוח את העבר; חובה עלינו להזכיר זה לזה, לשנן לבנינו את המקור שממנו חוצבנו.

אזכרה את ביה"ס „תרבות", את מוריו ותלמידיו; אלה האחרונים באו רובם ככולם מהחוגים הבעלי־בתיים־ציוניים.

המורים ראו בעבודתם שליחות־קודש ומילאוה בדחילו ורחימו ולשמה. לא פעם קרה שמורה זה או אחר היה מוסיף על שעות הלימודים הקבועות מזמנו החפשי ומרביץ תורה וציונות — בלי מרכאות. ייזכר לטובה המורה צבי חמרה אשר כמו אב היה מסור לתלמידיו ודאגתו להם לא ידעה גבול; או המורה שוסטר — זה האמן אשר ידע מלאכת מחשבת והיה חובב טבע — שהיה אוסף קבוצות תלמידים בימי החופש ומבלה אתם בטיולים ובתחביבים מעניינים. אווירה ארץ־ישראלית שררה בכל וצלילי השפה העברית בהברה ספרדית חפשית נשמעו בין חניכי „תרבות" — בין כותלי ביה"ס ומחוצה לו.

ומביה"ס לקן השומה"צ, אשר תלמידיו של זה היו בו הגרעין בשנים 1926/27. שיתוף פעולה מתוך רצון כן ומגמה חלוצית שררו בין המורים ומדריכי השומה"צ דאז. בשקט וברצינות התנהלה עבודה חינוכית ומעשית, שהכשירה דור מתנדבים לעבודה ציונית ומגשימים בפועל צו התנועה בעליה.

הלה של זוהר וחן ריחפה על רחובותיה של לוצק, אשר חיי יהודיה והנוער, שברובו היה ציוני, הטביעו חותמם עליהם.

אזכרה ימי חג ומועד — רישומם היה ניכר ברחובות העיר בנהירה המוגית לבתי־הכנסיות הרבים, וגם ל„מנין" שהיה מתקיים במועדון הציונים.

אזכור את מפעלי החג למען הקרן הקיימת, שחלקם של בני הנוער בהם רב היה. וכמו שמקובל אצלנו לאמור: „עכשיו מותר כבר לגלות". בשנים 1931/32 אורגן ע"י כותב השורות האלו, ממש „מתחת לחוטמם" של השלטונות, דואר פנימי למשלוח ברכות לראש־השנה ע"י שימוש בבולים של הקרן הקיימת והתמורה הכניסה סכומים גדולים לקרן. המפעל בוצע ע"י ארגוני הנוער.

הרבה אזכור, אולם קצר המצע להביע רחשי לב בגבור זכרונות ילדות. מתוך הצער והכאב על החיים התוססים אשר נכרתו ביד צר ואויב מתגנב ללב גם שמץ של גאווה, שמינית שבשמינית, על היותך יליד לוצק המעטירה.

רבים מאתנו זכו לעלות ולהיעלות בעוד מועד לארץ, ורבים מהניצולים מצאו דרכם אלינו וחידשו חייהם בחיק המדינה.

אלה אשר לא זכו לכך — יהי זכרם ברוך!

חדרה, 1959

מ. ש. גשורי

„מזרחי" אין לויצק

נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (תרע"ד—תרע"ח) האָט „מזרחי" אָנגעהויבן אַקטיווער טעטיק צו זיין אין פּוילן ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזע ציוניסטן, וועלכע שטרעבן מיטן גאַנצן האַרצן צו דער אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק אין ציון, אויף די יסודות פון דער יידישער רעליגיע און אין איר גייסט. איר רעליגיעזע שטרעבונג איז געקומען צום אויסדרוק אין איר קלאָרער לאָזונג: „שאַפן אַ זיכערע היים דורך אַן עפנטלעכן אורטייל פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל אין גייסט פון דער תורה און דער טראַדיציע, און איר טעטיקייט — פאַרטיפערן די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע דערקענטניש און פאַרשטאַרקן דעם יידישן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן ישוב אין ארץ־ישראל". די אופנים פון דער „מזרחי"־טעטיקייט זענען געווען: אַלע אַלגעמיינע ציוניסטישע טעטיקייטן בנוגע די פּאָליטישע רעכט פונעם יידישן לאַנד, דער אויסלייזונג פונעם יידישן באָדן און שאַפן יידישע אַרבעט אין ארץ־ישראל, און ספּעציעלע טעטיקייטן פאַר דער אויסבילדונג און אַנטוויקלונג פון דעם יידישן גייסט, דעם גייסט פון אונדזער תורה און אָריגינעלער קולטור. די אָרגאַניזאַציע פון „מזרחי" אין פּוילן איז געווען אַן איינהייט פאַר זיך אַליין. זי האָט געהאַט באַזונדערע מזרחישע שקלים, אַ באַזונדער סטאַטוט, אַ באַזונדערן צענטראַלן ועד און אַ באַזונדערע צענטראַלע ביוראָ.

די שטרעבונג פון „מזרחי" איז געווען צו פאַרשפּרייטן דאָס וויסן פון אונדזער געשריבענער תורה און פון דער טראַדיציע, דאָס קענען אונדזער פאָלק און זיין געשיכטע און דאָס קענען אונדזער שפּראַך און אונדזער העברעישע ליטעראַטור. צו דעם צוועק זענען דורכן „מזרחי" און זיינע יונגעלייט געגרינדעט געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט חדרים פאַר קינדער און אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, אין וועלכע מ'האָט געלערנט תנ"ך און תלמוד, העברעיש, יידישע געשיכטע און נאָך זאַכן, דורך וועלכע מען האָט פאַרטיפערט די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע דערקענטניש, דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געפיל און שטאָלץ.

✶

פון דער הויפּשטאָט וואַרשע, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע ציוניסטישע טעטיקייט, פלעגן קומען פאַרשידענע שליחים אין די וואָלינער שטעט צו אָרגאַניזירן די ציוניסטישע געזעלשאַפט אין די גרענעץ־געביטן. לויצק און אַנדערע וואָלינער שטעט האָבן זיך פאַרשפּעטיקט אין דער אָרגאַניזירונג־אַרבעט צוליב דעם מצב וואָס האָט זיך דאָרט געשאַפן נאָך דער אָקופּאַציע פון די דייטשן, דעם פּראָקלאַמירן די אוקראַינישע רעפּובליק און די כוואַליע פּאָגראָמען, וואָס האָט פאַרפּלייצט די געגנט אין יענער צייט. דאָס אַלץ האָט פאַקטיש איבערגעריסן די פּאָליטישע טעטיקייט פון נאָך דער רעוואָלוציע. די קראַפט און ענערגיע פון דער יידישער געזעלשאַפט איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרוועגדט געוואָרן אויף אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ קעגן די פאַרשידענע פּאָגראָמשטשיקעס. אין דער זעלבער צייט האָט זיך די יוגנט געגרייט צו שוץ און עליה. די כסדרדיקע זאָרגן פאַר זיכערקייט און עקזיסטענץ האָבן פאַראייניקט די יידישע געזעלשאַפט, און ס'איז קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר צעריסנקייט און באַזונדערקייט אויפן געביט פון אַלגעמיינעם ציוניזם, ביז דער וואָלינער קאַנט איז פאַראייניקט געוואָרן צו דער פּוילישער רעפּובליק.

די שליחים פון „מזרחי" פון קאָנגרעס־פּוילן פלעגן באַזוכן די וואָלינער שטעט, און לויצק צווישן זיי, און פּרווון אָרגאַניזירן די רעליגיעזע ציוניסטן זיי זאָלן טעטיק זיין, ווי אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע אונטער דער פאָן פון מזרחי. צווישן די שליחים האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער רב יחיאל יצחק ראַפּאָפּאָרט מיט זיינע רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די בתי־מדרשים און שולן. זיין שיין רעדן האָט אַריינגעבלאָזן אַ פרישן גייסט אין די רייען פון די עלטערע און די יוגנטלעכע, שאַפנדיק אַנהענגער פאַרן מזרחישן געדאַנק. אָבער די אָרטיקע רעליגיעזע ציוניסטן האָבן נישט געזען קיין דרינגענדיקע נויטווענדיקייט אין אַ באַזונדערער מזרחישער אָרגאַניזאַציע, ווייל די באַציונגען צווישן זיי און די אַלגע־

מיינע ציוניסטן זענען געווען מוסטערהאַפטע, און ווייל די געזעלשאַפטלעכע באַזע אין וואָלין איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי אין פּוילן.

אין צווישנצייט האָבן אָנגעהויבן אַרייַנדרינגען קיין וואָלין איינפלוסן מצד די אָנהענגער פון דער „אגודה", און ס'האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן גענומען ווירקן צווישן די לויצקער יידן לויטן אָנווייז פון דער „אגודה". ערשט דעמאָלט האָט מען זיך איבערגעצייגט, אַז ס'איז דרינגענדיק נייטיק צו שאַפן אַ מזרחי־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל פירן אַ טעטיקייט צווישן די אָרטאָדאָקסן אין גייסט פון רעליגיעזן ציוניזם.

אין דעם „מזרחי"־אָרגאַן (דערשינען אין וואַרשע אויף העברעיש) פון י"ח אייר תרפ"א, ווערט מיטגעטיילט, אַז אום שבת אחרון־של־פּסח האָבן זיך אין לויצק פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן, וועלכע סימפּאַטיזירן דער אידעע פון „מזרחי", זיך צו באַראַטן וועגן גרינדן אַ „מזרחי"־אָרגאַניזאַציע. נאָך פאַרהאַנדלונגען איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ועד, אין וועלכן ס'גייען אַרייַן די ה"ה: אריה פיש — פאָרזיצער, יהושע בערעזע — וויצע־פאָרזיצער, שרגא לעוויט — סעקרעטאַר; מיטגלידער: יעקב סימע, ישראל וויסנבערג און אַנדערע. דער ועד גרייט צו אַ קול־קורא צו אַלע לויצקער איינוווינער זיך צו פאַראייניקן אונטער דער פאָן פון „מזרחי".

אָנהייב יאָר תרפ"ב איז דער זשיכלינער רב, רבי יחיאל יצחק ראַפּאָפּאָרט פאַרבעטן געוואָרן פאַר אַ רב אין לויצק און אומגעגנט. די לויצקער רעליגיעזע קרייזן האָבן זיך געפרייט מיט דעם דאָזיקן גליקלעכן אויסוואַל, ווייל דער רב איז געווען פון די בעסטע מזרחישע עסקנים, אַ גאָט־געבענטשטער רעדנער. ער האָט זיך באַמיט צו טאָן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, אָן אונטערשיד פון אָנשויונג. ער פלעגט אַרויסטרעטן מיט דערפאָלג און אַ סך לויצקער יידן זענען אַרייַנגעטרעטן אין די רייען פון „מזרחי". דער „מזרחי" אין לויצק האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך די אַקטיוויסטן פון דעם אָרגאַניזירטן רעליגיעזן יידנטום און געטריי געוואַכט איבער דעם טראַדיציאָנעלן ציוניסטישן גייסט, האָט מיטגעאַרבעט מיט די ציוניסטן, זיך באַטייליקט אין אַלע ציוניסטישע געלט־זאַמלונגען, און איז געשטאַנען אין קאַמף בעת די וואַלן צו די מלוכהשע אינסטיטוציעס און די מוניציפּאַלע שטאָט־אינסטיטוציעס.

פון צייט צו צייט פלעגן לויצק באַזוכן רבנים־רעדנער געשיקט פון דער „מזרחי"־צענטראַלע. הרב ראַפּאָפּאָרט אַליין פלעגט אַרויסטרעטן אין די שכנישע שטעט און שטעטלעך: דובנע, קאָוולע, קרעמעניץ, לודמיר, אָסטרע, בריסק. צווישן די וואָלינער רבנים איז ער געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער טעטיקייט פונעם „מזרחי" מיט וואָרט און טאַט. ער האָט אָרגאַניזירט די וואָלינער רבנים און זיך באַמיט צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישן מצב. טאָגטעגלעך האָט ער אַלאַרמירט וועגן דעם פאַרוואָרלאָזטן מצב אויפן גייסטיקן פעלד אין וואָלין, ווי אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער גרויליקער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אין משך פון זעקס יאָר אָנגעמאַכט פאַרוויסטונגען אין אַלע טיילן פון דעם אייראָפּעישן יידנטום, און דער גייסטיקער חורבן האָט נאָך איבערגעשטיגן דעם מאַטעריעלן חורבן, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט. בעת זיינע באַזוכן אין די גרעסערע און קלענערע שטעט אין וואָלין האָט ער אין זיי געטראָפן אָפּגעשטאַנענקייט. אין אַ סך קהילות זענען בכלל נישט געווען קיין תלמוד־תורות, און די קינדער פון דער אָרעמשאַפט איז געוואַקסן אָן קיין שום דערציאונג. הרב ראַפּאָפּאָרט האָט אַלאַרמירט וועגן דעם געפערלעכן מצב פאַר דער יידישקייט. ער האָט זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די וואָלינער רבנים צו אַקטיווקייט און צו פאַרבעסערן דעם צושטאַנד, ווי אויך צו דערהייבן די ווערט פונעם רבנות און די רבנים.

אין יאָר תרפ"ה זענען אין לויצק געגרינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציעס „צעירי המזרחי" און „החלוץ המזרחי". די יוגנטלעכע האָבן זיך ענערגיש פאַרנומען מיט דער שקלים־אַקציע און מיט זאַמלען געלט פאַר דעם „קרן החלוץ המזרחי". אין די יידישע רייען פון דעם „החלוץ המזרחי" זענען געשטאַנען די דערצויגלינגען פון חדר און ישיבה, און די אָרגאַניזאַציע פלעגט שיקן אירע מיטגלידער אויף די באַזונדערע מזרחישע הכשרה־פּונקטן און האָט געקעמפט פאַר איר זכות עולה צו זיין, וואָס איז געוואָרן אַ לעבנספראַגע פאַר אַ סך, וועלכע האָבן געקלאַפּט אין די טירן פונעם ישראל־אַמט. יעדער סערטיפיקאַט איז דערוואָרבן געוואָרן דורך אַ שטאַרקן קאַמף צווישן די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער אין ארץ־ישראל־אַמט.

די בשותפותדיקע טעטיקייט פון „מזרחי" מיט זיינע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. די באַוועגונג פון „תורה ועבודה" איז בייגעשטאַנען אין יעדן מצב, פאַרשטאַרקט איר השפעה אויפן לעבן פון די יידן, אויפן אויפבוי פון לאַנד און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די מזרחי־באַוועגונג האָט אַ סך געאַרבעט און זיך באַמיט צו דערמוטיקן חברים עולה צו זיין. צווישן די חברים־עולים האָבן זיך געפונען אויך אַקטיווע מענטשן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן „הפּועל המזרחי" אין לאַנד און האָבן דורכגעמאַכט דעם לאַנגן וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם רעליגיעזן ציוניזם ביזן אַנטשטיין פון דער זעלבשטענדיקער מדינת ישראל.

1960

אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „מזרחי"

(י. ח—ש). פאַריקן זונטיק איז פאָרגעקומען אין דער קהילה די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון היגן „מזרחי". ה. ל. עדערמאַן עפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ קורצן רעפעראַט וועגן דער „באַדייטונג פון מזרחי". שפּעטער רעדן די ה"ה י. וויסענבערג, פּנחס ווייסמאַן, יוסף וויסענבערג און נפתלי גאַניק.

ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ועד פון די פּערזאָנען: י. וויסענבערג, ל. עדערמאַן, יעקב וואָפּניאַרסקי, פּ. ווייסמאַן, מאיר רוקח, א. שניידער, מאיר שטיינבערג, ז. ראָסאָגמאַן, יוסף שטיינבערג, אפרים כץ און זאב מאַרמור.

גלייכצייטיק זענען צוגעקאָאָפּטירט געוואָרן צום ועד פון „מזרחי הצעיר" די ה"ה: ברוך האָכמאַן, דב גאָלדשטיין, נפתלי גאַניק און בעריש שיפּער.

דער ועד איז צוגעטראָטן צו אַקטיווער אַרבעט.

(איבערגעדרוקט פון דער „וואָלינער פּרעסע" נומער 20 (230) פון 26.5.1933)

משה פערדמאַן / מעקסיקע

דער „בונד" אין לויצק צווישן ביידע וועלט־מלחמות

משה פערדמאַן

די אַרבעט, וואָס מיר גיבן דאָ ווייטער, איז נישט קיין דאָקומענטירטע שטודיע וועגן „בונד" אין לויצק — מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן צו שרייבן אַן אויסשעפּלעכע כאַראַקטעריסטיק פון זיין טעטיקייט, ווייל מיר פאַרמאָגן נישט די אַרכיוון פון „בונד"; זיי זענען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די בונדיסטן, אומגעקומענע כמעט אַלע אין לויצק אָדער אין אַנדערע מקומות בשעת דעם גרויסן חורבן.

*

דער „בונד" אין לויצק איז געווען טעטיק נאָך פאַרן יאָר 1905. פון מיינע קינדערשע יאָרן געדענק איך גוט אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. טאַקע אין דעם שטורמישן פינפטן יאָר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אָרגאַניזירט דורכן „בונד" אין דער גרויסער שול, ווו עס איז אויפגעטראָטן אַ באַקאַנטער בונדישער אָראַטאָר — חבר דאַוויד. די פאַרזאַמלונג איז צעטריבן געוואָרן דורך קאָזאַקן. עס האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. עס איז דעמאָלט אויך פאָרגעקומען אַ שטיקל פּאָגראָם, מיט דער באַטייליקונג פון שוואַרץ־מאהניקעס. איך געדענק, אַז אַ יידישער שלאָסער־אַרבעטער האָט געשאָסן אין דעם לויצקער „איספּראַווניק".

צווישן די בונדיסטן פון יענער צייט זענען געווען, אויף וויפל איך ווייס, שמואליק אייזן, קלמן פרישבערג, שמואליק גאַרבער און אפרים מאַראַנץ, — דער לעצטער איז געווען אַקטיוו אין דער בונדישער אַרבעט אויך אין די יאָרן 1923—1939.

*

די נייע בונדישע אָרגאַניזאַציע אין לויצק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1923 דורכן שליח פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פּוילן, חבר אַרטור זיגלבוים. ער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן, ווי דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין פּוילן. אין יאָר 1942 האָט ער אין לאָנדאָן טראַגיש־העלדיש פאַרענדיקט זיין לעבן, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם שטילשווייגן פון דער וועלט, בעת דאָס יידישע פאָלק איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך די דייטשן.

ביז דער אַנטשטייונג פון דער אָפיציעלער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך די בונדיסטן און זייערע סימפּאַטיקער גרופּירט אַרום דער יידישער ביבליאָטעק, דעם קינדערגאָרטן און אַנדערע קולטור־פּאָזיציעס, ווי אויך אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט ס'רוב אַדאַנק זייער איניציאַטיוו.

אַזוי זענען דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן: דער דערנערונגס־פאַראיין (די אַרבעטער פון די מילן און בעקערייען); דער האָלץ־פאַראיין (סטאָליערס, טעסלערס, בוי־אַרבעטער א.א.); דער לעדער־פאַראיין (שוסטערס, זאַגאָטאָווטשיקעס, גאַרבערס א.א.). די דערמאָנטע דריי פאַראיינען זענען געווען אינטערנאַציאָנאַלע — צו זיי האָבן געהערט יידן, פּאָליאַקן, אוקראַינער, רוסן). שפּעטער זענען אויך אויפגעקומען נאָך צוויי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — ריין־יידישע: דער נאָדל־פאַראיין און דער פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

די פּראָפ. פאַראיינען האָבן זיך פאַרנומען מיט עקאָנאָמישע אַקציעס, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַרבעסערן די לוינען און אַרבעטס־באַדינגונגען. צווישן די פאַראיינען האָט זיך אויסגעצייכנט באַזונדערס דער דערנערונגס־פאַראיין, מיט זיין אָרגאַניזירטקייט און קאַמפס־גרייטקייט, מיט זיין אינטערנאַציאָנאַליסטישן גייסט, ווי אויך מיט חברישער סאָלידאַריטעט און זעלבסט־הילף. אַזוי, למשל, איז דאָרט געווען איינגעפירט און שטרענג אָפּגעהיט די אינסטיטוציע פון „פּייראַנט". דאָס הייסט, אַז אַן אַרבעטסלאָזער בעקער פלעגט קריגן עטלעכע טעג אַרבעט, וואָס עס פלעגן אים אָפּטרעטן זיינע חברים — דאָס איז געווען שייך סיי צו אָרטיקע מיטגלידער פון פאַראיין סיי צו געקומענע פון דער פרעמד.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — דער עיקר די יידישע — פלעגן אויך פירן אַ קולטור־פּאָליטישע אַרבעט צווישן די מיטגלידער, אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך ביים שטרענגן קרעסן־רעזשים. בכלל האָט די פּוילישע מאַכט אָנגעווענדט

דער קאָמיטעט פון „בונד" אין לויצק אין יאָר 1905

אַ בונדישע 1־מאַי דעמאַנסטראַציע אין לויצק

כל־המיני שיקאַנעס און רעפּרעסיעס קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און זייערע אַקטיוויסטן.

אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין לויצק זענען געווען אָנגעשלאָסן אין געהעריקע לאַנד־צענטראַלעס אין וואַרשע, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די פּ.פּ.ס. (פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) און „בונד“.

די ערשטע צייט האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע נישט געהאַט קיין גרויסע צאָל אָפיציעל דעקלאַרירטע מיטגלידער. די ארבעט פון דער אָרגאַניזאַציע איז געגאַנגען דער עיקר אין דער ריכטונג פון אידעאָלאָגישער אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך אין די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס אין שטאָט. עס פלעגן פאָרקומען רעגולערע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און קרייזן, אויף וועלכע מען פלעגט שמועסן וועגן פאַרשידענע אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. מען פלעגט פאַרשפּרייטן די פּאַרטיי־פּרעסע („די פאָלקס־ציייטונג“ א.א.). מען האָט געשטעלט די ערשטע טריט צו שאַפן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע („צוקונפט“). די בונדיסטן זענען אויך געווען די איניציאַטאָרן און ערשטע טוערס אין דער ווידער־געעפנטער יידיש־וועלטלעכער שול (1925).

פון צייט צו צייט פלעגט מען אַראָפּברענגען פּאַרטיי־טוערס פון וואַרשע, וועלכע זענען ס'רוב אויך אַרויסגעטראָטן מיט עפנטלעכע רעפעראַטן אויף פּאָליטישע און אַלגעמיינע קולטור־טעמעס.

✶

די ערשטע גרעסערע פּאָליטישע אַקציע פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז געווען די וואַל־אַקציע צום ערשטן דעמאָקראַטיש געוויילטן שטאָטראַט אין יאָר 1927.

לכתחילה האָט דער בונד געוואָלט שאַפן אַ בשותּפותדיקע ליסטע מיט אַנדערע ראַדיקאַלע טוערס. מען האָט אונטערגעהאַנדלט מכוח דעם מיט שלמה גאָלדבערג, זלמן זאַרעצקי א.א., אָבער פון דער פּלאַן איז גאָרנישט אַרויסגעקומען צוליב אַ ריי פּרינציפּיעלע טעמים. און דער „בונד“ איז אַרויסגעקומען צו די וואַלן מיט אַן אייגענער ליסטע, אויף וועלכער עס האָט פיגורירט אויך דער ד״ר יוסף מינינזאָן, וואָס איז נישט געווען קיין אָפיציעלער בונדיסט, אָבער אַן אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טוער. צו יענער צייט איז מינינזאָן געווען דער פאָרזיצער פון דער לויצקער אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע („ציש״אָ“) און פון דער שול־פאַרוואַלטונג.

די וואַל־קאַמפּאַניע, וואָס דער „בונד“ האָט געפירט, איז געווען זייער אַ לעבעדיקע און האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. די וואַל־אַקציע איז אויסגענוצט געוואָרן דורך דעם „בונד“ פאַר אַ ברייטער אויפקלערונגס־אַקציע און האָט טאַקע געבראַכט צו אַ באַדייטנדיקן וווּקס פון דער אָרגאַניזאַציע. די וואַל־רעזולטאַטן זענען פאַר דעם „בונד“ געווען זייער גוטע, נעמענדיק אין באַטראַכט די פאַרהעלטענישן אין לויצק, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרויסע אַרבעטער־באַפעלקערונג. עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן דריי בונדישער ראַטמענער: ד״ר יוסף מינינזאָן, משה פערדמאַן און ברוך צווערנער (אַ שניידער־אַרבעטער, פאָרזיצער פון לויצקער נאָדל־אַרבעטער־פאַראיין). שפּעטער איז אויפן אָרט פון ב. צווערנער אין שטאָטראַט אַריין שלמה רימאַרטשוק, אַ שניידער־אַרבעטער, היינט אין אַרגענטינע. ווען שלמה רימאַרטשוק האָט שפּעטער עמיגרירט קיין אַרגענטינע, איז אויף זיין אָרט געקומען טוביע ברומאַן.

נישט געקוקט אויף דער פאַרהעלטענישמעסיק קליינער פראַקציע, האָט די טעטיקייט פון די בונדישע ראַטמענער זיך דערוואָרבן אַ גרויסן אָנזען אין שטאָט, באַזונדערס צוליב דער זאַכלעכער אָבער שטענדיק פּרינציפּיעלער שטעלונג אין די וויכטיקסטע פראַגן פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט און איר באַציונג צו דער יידישער באַפעלקערונג. אַפילו די פּוילישע ראַטמענער און די אָנפירערס פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג (מאַגיסטראַט) האָבן זיך גערעכנט מיט די בונדישע ראַטמענער, און זיי זענען געווען פאַרטראָטן אין די וויכטיקסטע קאָמיסיעס (בודזשעט א.א.). זייערע אַרויסטרעטונגען אין די בודזשעט־דעבאַטעס פלעגן שטענדיק אַרויסרופן אַ גרויסן אינטערעס, און אַ סך מענטשן פלעגן דאַן קומען צו די זיצונגען.

דער ערשטער שטאָטראַט האָט טאַקע געפירט אַ פאַרהעלטענישמעסיק ליבעראַלע קאָמונאַלע פּאָליטיק, באַזונדערס אין די שטייערן־ענינים; עס איז אויך געלונגען צו באַקומען

אַ גרופּע בונדיסטן אין לויצק

סובסידיעס פאַר אַ סך יידישע אינסטיטוציעס (שולן, שפּיטאָל א.א.).

עס זענען געווען פאַלן, ווען די בונדישע ראַטמענער האָבן געמוזט אָפן און אַפילו שאַרף אַרויסטרעטן קעגן דער שטעלונג און האַנדלונגען פון די איבעריקע יידישע ראַטמענער. אַזוי, למשל, איז געווען, ווען אַ טייל יידישע ראַטמענער האָבן געשטימט קעגן דעם בונדישן פאָרשלאַג אָנצורופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון יצחק־לייבוש פּרץ, און צוליב דעם איז דער פאָרשלאַג דורכגעפאַלן (די יידישע ראַטמענער האָבן דעמאָלט געהאַט אַ מערהייט אין שטאָטראַט, אַזוי ווי די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אַ מערהייט אין שטאָט). די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן אויפרוף קעגן דער האַנדלונג פון די בירגערלעכע יידישע ראַטמענער. דער אויפרוף איז, פאַרשטייט זיך, קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער „סטאַראָסטווע" און דער שרייבער פון די שורות (ווי דער אָפיציעל פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן אויפרוף) האָט געהאַט אַ פּראָצעס דערפאַר.

אין דעם צווייטן שטאָטראַט האָט דער „בונד" געהאַט נאָר צוויי ראַטמענער. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער ענדערונג אין דער פּאָליטיק אין לאַנד. די רעגירונג האָט געטאָן אַלץ כדי צו פאַרקלענערן די צאָל יידישע ראַטמענער, און מען האָט געמאַכט אַ ספּעציעל צוגעשניטענע וואַלאָרדינאַציע, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל נישט האָבן קיין געהעריקע פאַרטרעטונג. אַלע יידישע פּאַרטייען האָבן געהאַט אין צווייטן שטאָטראַט קלענערע פראַקציעס. די בונדישע ראַטמענער זענען געווען משה פערדמאַן און טוניע ברומאַן.

די וואַלן צום דריטן שטאָטראַט, וואָס זענען פאָרגעקומען האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון פאַשיזאַציע און נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, באַזונדערס פון דער יידישער באַפעלקערונג, — האָבן נאָך מער אָפּגעשוואַכט די יידישע פאַרטרעטערשאַפט אין דער שטאָטפאַרוואַלטונג. אגב, האָט שוין דער דריטער שטאָטראַט פאַקטיש נישט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה.

✶

אין די יאָרן 1936—1937, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן פירן אַן אָפן־אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק, ווען אין לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטי־יידישע עקסצעסן (למשל, די מעשה פשיטיק א.א.), האָט דער „בונד" אין פּוילן געפירט אַברייטע פּאָליטישע קאַמפּאַניע קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר רעכט אויף אַרבעט א.א.וו. אויך די לוצקער בונדיסטן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם קאַמף. צום בולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין דעם אַלגעמיינעם פּראָטעסט־שטרייק דעם 17־טן מערץ 1936.

אין דער בונדישער אויסגאַבע „דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין יאָר 1936" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם פאַרלויף פון פּראָטעסט־שטרייק אין לוצק:

„אונדזער שטאָט האָט נאָך אַזאַ דעמאָנסטראַציע נישט איבערגעלעבט. נישט געקוקט אויף די באַקאַנטע קרעסן־באַדינגונגען, וואָס שוין אַ לאַנגע צייט האָט נישט קיין שום פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין די מינדסטע מעגלעכקייט צו פירן אַ טעטיקייט, האָט דאָך דער פּראָטעסט־שטרייק באַוויזן דעם כוח פון דער באַוווסטזיניקער אַרבעטערשאַפט.

„פון מויל צו מויל האָבן מיר פאַרשפּרייט דעם רוף פון אונדזער פּאַרטיי און פון לאַנדראַט (פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען) — דער אויפרוף, וואָס דער היגער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אַרויסגעלאָזט, איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

„שוין פון 7 פרי הייבן זיך אָן זאַמלען אַרבעטער־גרופּן אין פאַרשידענע ערטער פון שטאָט. (שפּעטער) האָבן גרויסע מאַסן אָנגעהויבן שטראָמען צוס צענטער פון שטאָט. די מוטיקע האַלטונג פון די אַרבעטער, און ספּעציעל פון דער יוגנט, רייסט־מיט די בירגערלעכע באַפעלקערונג. איינע נאָך די אַנדערע לאָזן זיך אַראָפּ מיט געבראַזג די שטאָרן פון די געשעפטן. דער שטרייק איז געווען אַ פולשטענדיקער.

„נישט געקוקט אויף דער אויסעראָרדנטלעכער שמירה (פּאָליציי צופוס און אויף פערד, אויף מאָטאָציקלען), גיט זיך איין צו אָרגאַניזירן עטלעכע אימפּאָזאַנטע מיטינגען אויף דער גאַס, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט אויסרופן און לאָזונגען. אין משך פון טאָג זענען אַרעסטירט געוואָרן פיל חברים.

„די פּוילישע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט האָט אויסגעדריקט איר סאָלידאַריטעט מיט דער פּראָטעסט־אַקציע. אין לאָקאַל פון היגן בוי־פאַראיין איז דורך די פּ.פּ.ס.־חברים איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן אין מיטן דורך דער פּאָליציי.

די גאַנצע שטאָט איז אונטערן רושם פון אונדזער ווירדיקן קאַמף־אַרויסטריט קעגן אַנטיסעמיטיזם."

✶

ביי דער בונדישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך מיט דער צייט גרופּירט אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער־יוגנטלעכע, יינגלעך און מיידלעך (שניידערס, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, בוי־אַרבעטער, שול־יוגנט א.א.), און זיי האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן די עלטערע חברים אין דער פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. אַן אָפיציעלע יוגנט־בונד־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" האָט שוין עקזיסטירט פון 1927, און זי האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע און פאַרצווייגטע טעטיקייט צווישן דער יידישער אַרבעטער־יוגנט. עס פלעגן פאָרקומען רעגולערע בילדונגס־קרייזן, וואָס האָבן איינגעשלאָסן אין זייער טעמאַטיק סיי אַלגעמיינע וויסנשאַפט סיי פּאָליטישע אויפקלערונג. ביי דער „צוקונפט" האָט זיך שפּעטער געשאַפן אַ פירשטימיקער כאָר (אונטער דער אָנפירונג פון שייליק פערדמאַן), וואָס איז עטלעכע מאָל אויפגעטראָטן עפנטלעך און מיט גרויס דערפאָלג. די צוקונפטיסטן פלעגן איינאָרדענען אָפטע אויספלוגן אויסער דער שטאָט און אין די קליינע שטעטלעך אַרום לוצק (טאָרטשין, ראָזשישטש, אָזדיוטיטש א.א.), אַריינברענגענדיק אַהין סיי פּאָליטישע אויפקלערונג סיי יוגנטלעכע פאַרוויילונג. רעדנדיק וועגן פאַרווייליונגען, איז כדאי צו דערמאָנען די שיינע טראַדיציע פון די אַזוי גערופענע רויט־בלויע באַלן (די צוקונפטיסטן פלעגן טראָגן בלויע בלוזעס מיט רויטע קראַוואַטן). דאָס זענען געווען ספּעציעלע און געשלאָסענע אָוונטן, אינטימע און קולטורעלע סיי אין דעם פּראָגראַם, סיי אין דער שטימונג.

כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דער אַרבעט פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר ציטירן עטלעכע אויסצוגן פון קאָרעספּאָנדענצן פון לוצק, פאַרעפנטלעכט אין

דעם צענטראַל־אָרגאַן פון יוגנט־בונד „צוקונפט" — „דער יוגנט־וועקער" — פאַרן יאָר 1929.

אַ קאָרעספּאָנדענץ פון לויצק, אין „יוגנט־וועקער" נר. 2, יאַנואַר 1929:

„אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרגרעסערט, מיר פירן אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יוגנט. מיר האָבן לעצטנס אַריבער־געשיקט אין דער פּאַרטיי 8 עלטערע חברים און חברטעס. מיר אָרדענען איין אָפטע פאָרלעזונגען אין די פאַראייגען. מיר פירן אַן אַקציע צו שאַפן געלט אויף אַ לאָקאַל."

מאָטיע

(מאָטיע גייער, היינט אין בראַזיל, אין סאַן פּאַולאָ)

„יוגנט־וועקער" נר. 11, 1929:

„מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ מאַי־אַקאַדעמיע אין שטאָט־טעאַטער. נאָך דעם האָט זיך פאָרמירט אַ צוג אונטער די פענער פון „בונד", „צוקונפט" און פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען. מיט פאַרשידענע אַרבעטער־לידער און אויסרופן האָט דער צוג דורכגעמאַרשירט אייניקע גאַסן אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג. ערב דעם ערשטן מאַי זענען פאָר־געקומען מאַסן־אַרעסטן. ס'איז אויך אַרעסטירט געוואָרן אונדזערער אַ חבר, וואָס געפינט זיך נאָך אין תפיסה."

מאָטיע ג. (ווי אויבן)

„יוגנט־וועקער" נר. 14, 1929:

„שבת דעם 22־טן יוני איז פאָרגעקומען אין אַ טשעכישער קאָלאָניע, 5 קילאָמעטער פון לויצק, דער צוזאַמענפלי פון וואָלינער צוקונפטיסן. געקומען זענען אַ פּאָר הונדערט חברים פון 10 ערטער: לויצק, ראָוונע, קאָוועל, דובנע, אָזדוטיטש, טריסק, קיסעלין, טאָרטשין, בערעסטעטשקע א.א. ס'איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע מיט דער באַטייליקונג פון ח' לוציאַן פון צ.ק. (צענטראַל־קאָמיטעט פון „צוקונפט". ח' לוציאַן — לוציאַן בליט, היינט אין לאָנדאָן. — באַמ. פון מ. פערדמאַן). אין אָוונט איז פאָרגעקומען, אין אוקראַיִנישן זאַל „פּראָסוויטאַ", אַ באַנקעט, פאַרטאָג — אַן עקסקורסיע מיט שיפלעך אויף דעם טייך סטיר. זונטיק האָבן די חברים באַזוכט דעם שלאָס, די קאַראַימער סינאַגאָגע, די אַלטע שול, די יידישע פאָלקסשול א.א. דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַן אמת גרויסע דעמאָנסטראַציע פאָר דער „צוקונפט".

אַ צוקונפטיסט

פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „יוגנט־וועקער" (יוני 1929 ?):

דריטע לויצקער ראַיאָן־קאָנפערענץ

די טעג איז פאָרגעקומען די דריטע ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די וואָלינער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכער עס האָט אויך אָנטיילגענומען דער ח' לוציאַן פון צ.ק. צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען 25 דעלעגאַטן פון 10 שטעט, 3 שטעט האָבן זייערע שליחים נישט צוגעשיקט. פון באַריכט זעט מען, אַז אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין ראַיאָן האָבן קרוב צו 300 אָרגאַניזירטע מיטגלידער. אויסער דעם אַ גרויסע צאָל סימפּאַטיקער. „יוגנט־וועקערס" (דער אָרגאַן פון דער „צוקונפט". באַמ. פון מ. פ.) פאַרשפּרייטן די אָרגאַניזאַציעס 280. מיר פאַרמאָגן 8 ביבליאָטעקן מיט העכער 9000 ביכער, 600 לייענער. 4 אָרגאַניזאַציעס האָבן „מאָרגנשטערנס" (די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון „צוקונפט", באַמ. פון מ. פ.) מיט 250 מיטגלידער. 4 אָרגאַניזאַציעס האָבן גוט־פונקציאָנירנדיקע דראַמאַטישע קרייזן.

די קאָנפערענץ האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיר זענען אין אַ צו־שטאַנד פון כסדרדיקער אויפלעבונג... די קאָנפערענץ האָט אויסגע־וויילט אַ נייעם ראַיאָן־קאָמיטעט און אָנגעצייכנט אַ גאַנצע ריי אַרבעטן פאָר דער נאָענטער צייט." — ר. ק.

פון „יוגנט־וועקער" נר. 19, אויגוסט 1929:

די אַנטי־מלחמה־אַקציע אין לויצק

פון 3־טן ביזן 10־טן אויגוסט האָבן מיר פּראָקלאַמירט די אַנטי־מלחמה־אַקציע. אין משך פון דער וואָך האָבן מיר דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי ספּעציעלע פאָרלעזונגען. שבת דעם 10־טן איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע מיט אַ זייער רייכן דראַמאַטישן כ״ל, אויסגעפירט פון דער יוגנט גופא. די אַקאַדעמיע איז פאָרגעקומען אין זאַל פון „פּראָסוויטע". מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל" און פון דער „שבועה" האָט זיך די אַקאַדעמיע געענדיקט.

אַ יוגנטלעכער

פון „יוגנט־וועקער" נר. 6, יאַנואַר 1930:

אַ מיכאַלעוויטש־קלוב אין לויצק

נישט קוקנדיק אויף דער מוראדיקער אַרבעטסלאָזיקייט ביי אונדז אין שטאָט, האָבן מיר גובר געווען אַלע שוועריקייטן און געשאַפן אַ קלוב אויפן נאָמען פון חבר מיכאַלעוויטש. שבת דעם 25־טן יאַנואַר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע יוגנט־פאַרזאַמלונג געווידמעט דער דער־עפענונג. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. עס האָט גערעדט אַ חבר פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט און אַ חבר פון יוגנט־קאָמיטעט א.א. מען האָט געזונגען פאַרשידענע אַרבעטער־לידער. מיט באַגייסטערטן מוט צו דער ווייטער־דיקער אַרבעט איז מען זיך צעגאַנגען. מיר האָבן איצט איינגעשטעלט די אַרבעט. די חברים קומען זיך צונויף יעדן אָוונט אין קלוב.

מאָטיע ג. (ווי אויבן)

פון „יוגנט־וועקער" נר. 11, מאַי 1930:

געמיינזאַמע מאַי־פייערונג אין לויצק

ביי אונדז אין לויצק איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע מאַי־פייערונג צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטער. באַלד אינדערפרי האָבן זיך די אַרבעטער צונויפגעזאַמלט אין זייערע (פאַראיינס־) לאָקאַלן. נאָכדעם האָבן מיר אַרויסמאַרשירט צום שטאָט־טעאַטער, וווּ עס איז פאָרגעקומען אַ (מאַי־) אַקאַדעמיע. מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן: מצד די פּוילישע אַרבעטער ח' זשוראַווסקי. אין נאָמען פון „בונד" האָט גערעדט אונדזער חבר בוכמאַן (דאָס איז אַ פּסעוודאָנים. דאָס האָט געקאָנט זיין אָדער ברומאַן, אַ בונדישער ראַטמאַן, אָדער פערד־מאַן). עס האָט נאָך געזאָלט רעדן אַ פאָרשטייער פון דער „צוקונפט", די פּאָליציי אָבער האָט עס נישט דערלויבט. די גאַסן (דורך וועלכע מיר האָבן מאַרשירט זענען געווען באַוואַכט מיט שטאַרקע אָפּטיילונגען פון רייטער־ און פיס־פּאָליציי. נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָט זיך פאָרמירט אַן אימפּאָזאַנטע דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט 800 אַרבעטער. בראש פון צוג איז געגאַנגען דער אָרקעסטער. מיטן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער און הילכיקע אויסרופן האָבן מיר דעמאָנסטרירט איבער אַ ריי גאַסן. אויפן פּרץ־פּלאַץ, נישט ווייט פון גידעווער בריק, ביים סטיר, איז פאָר־געקומען אַ געמיינזאַמער מיטינג. אויך דאָרט האָט די פּאָליציי נישט דערלויבט רעדן אין נאָמען פון „צוקונפט".

משה (מ. פערדמאַן)

פון „יוגנט־וועקער" נר. 20, 1930:

פּאָליציי צעטרייבט די דעמאָנסטראַציע פון וואָלינער צוקונפטיסטן

שבת דעם 30־טן און זונטיק דעם 31־טן אויגוסט איז פאָרגעקומען דער 2־טער וואָלינער ראַיאָן־צוזאַמענפאָר פון יוגנט־בונד „צוקונפט" אין לויצק. נאָך פרייטיק איז מען שוין געקומען פון אייניקע שטעט־לעך, ס'האָט זיך שוין געפילט יום־טובדיק.

שבת, 2 אַ זייגער ביי טאָג, איז מען שוין אין געשלאָסענע רייען אַוועק אין טעאַטער, וווּ עס איז פאָרגעקומען די פייערלעכע אַקאַדעמיע. ח' פערדמאַן האָט אַלס פאָרזיצער געעפנט די אַקאַדעמיע. ח' פלאַפּלער גיט איבער דעם ראַפּאָרט פאַרן פּרעזידיום, אַז צום צוזאַ־

מענפּלי האָבן זיך געשטעלט פון ראָוונע 40 חברים, קאָוועל — 35, טריסק — 3, אָזדוטיטש 11, קיסעלין — 6, אָליק — 2, דובנע — 1, לויצק — 46, צוזאַמען 144 ח״ח. נאָך דעם האָבן באַגריסט פאַרשטייער פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון לויצק און אַנדערע שטעט. דערנאָך האָט דער ראָוונער „מאָרגנשטערן״ אויסגעפירט עטלעכע גימנאַסטישע נומערן. דער דראַמאַטישער קרייז ביים י. ב. „צוקונפט״ אין לויצק האָט געשפּילט אַן איינאַקטער. נאָכן מיטאָג איז פאָרגעקומען אַ מיטינג אויף דער גאַס. עס האָט זיך פאָרמירט אַ צוג, וועלכער איז דורכגעגאַנגען די הויפּטגאַסן פון לויצק. מען האָט געטראָגן פאַקעלן און פענער פון „צוקונפט״ און „מאָרגנשטערן״.

ווען דער צוג האָט זיך שוין געדאַרפט שליסן, איז אָנגעפאַרן פּאָליציי. מען האָט בעשלאָגן און געיאָגט — דעם ווייטערדיקן טייל פון צוזאַמענפּלי האָט מען שוין נישט געלאָזט אויספירן.

פ—ר

פון די דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענצן איז צו זען, אַז די לויצקער „צוקונפט״־אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען דער צענטער פון דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג אויף וואָלין.

אַ היפּשע צאָל יוגנטלעכע זענען אין דער „צוקונפט״ אויסגעוואַקסן גייסטיק און פּאָליטיש, זענען דערנאָך אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער בונדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און האָבן אין איר פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע, למשל: מאָטיע און סטיסיע גייער, יאָסקע און גוטע עפּעל, שמואליק ברוינשטיין, איציק גערטנער, הערש פלאַפּלער, מלכה בידניק. פון דעם שפּעטערדיקן דור צוקונפטיסטן דאַרפן דערמאָנט ווערן די אַקטיווע יוגנטלעכע: שרה קלאָץ, ראָזע גערגיס, עטיע פעלדמאַן, משה זאַפראַן, רחל אייזן, סיאָמע פרידמאַן, איציק רייז און אַ סך, אַ סך אַנדערע, וועמענס נעמען איך קאָן זיך, צום באַדויערן, נישט דערמאָנען.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין 1939, און באַזונדערס מיטן פאַרנעמען לויצק דורך די סאָוויעטן, האָט דער „בונד״ דורכגעמאַכט דעם זעלבן גורל, וואָס אַלע אַנדערע נישט־קאָמוניסטישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, — ד.ה. פולשטענדיקע ליקווידאַציע.

אייניקע בונדישע טוער פון לויצק האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אויספאָרשונגען און כסדרדיקע אויפזיכט פון דער נ. ק. וו. ד., אָבער צום גליק איז אין לויצק נישט געקומען צו קיין אַרעסטן און פאַרשיקונגען, ווי דאָס איז געשען מיט בונדישע טוער אין אַנדערע ערטער. מען דאַרף אָננעמען, אַז דאָס איז געשען אַדאַנק דעם, וואָס די לויצקער קאָמוניסטישע טוער האָבן זיך נישט פאַרשמוצט מיט קיין בלבולים און מסירות קעגן די לויצקער בונדיסטן.

בעת די דייטשן האָבן פאַרנומען לויצק זענען פון די ערשטע קרבנות געווען אַ צאָל בונדיסטן, צווישן זיי דער לאַנגיאָריקער טוער און בונדישער ראַטמאַן דוד סטאָלער, וואָס איז אויף אַ שוידערלעכן אופן פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט.

1960

מאָטיע גייער / בראַזיל

דער יוגנט־בונד „צוקונפט״

אויף דער גאַס קאָנאַרסקע נר. 3 איז געווען אַ געזעלשאַפטלעך הויז, ווו עס האָט זיך געפונען די 7־קלאַסיקע יידישע פאָלקסשול אויפן נאָמען פון אונדזער גרויסן קלאַסיקער שלום־עליכם. דאָס דאָזיקע הויז איז טאַקע געווען דאָס אייגנטום פון דער שול. אין זיינער צייט איז דאָס הויז געקויפט געוואָרן פאַרן געלט, וואָס עס האָט געבראַכט, אין יאָר 1920, דאַכט זיך, דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט פּאַפּיר. חוץ דעם האָט זיך דאָרט אויך געפונען די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, די גרעסטע אין לויצק, וואָס האָט געהאַט הונדערטער לייענער.

די מיטגלידער און לייענער פון דער ביבליאָטעק זענען אַממייסטן געווען יוגנטלעכע און עלטערע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אויך אַ געוויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ. אין די צוואַנציקער יאָרן פון היינטיקן י״ה האָבן זיך אין די צימערן פון אָט דעם היסטאָרישן הויז, מעג מען זאָגן, גרופּירט אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן: שניידערס, שוסטערס, סטאָלערס א״א, וואָס זענען געוואָרן די גרינדער פון דער שפּעטער גוט־אָרגאַניזירטער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין לויצק.

אין די אָוונטן און אין די שבתים און ימים־טובים האָט אויף קאָנאַרסקע געקאָכט ווי אין אַ קעסל; עס זענען געפירט געוואָרן הייסע פּאָליטישע דיסקוסיעס, וואָס אַמאָל פלעגן זיי דערפירן צו קריגערייען. די יוגנט איז אין יענער צייט אין אַ גרויסער מאָס געווען באַאיינפלוסט דורך די קאָמוניסטן (די דאָזיקע דערשיינונג איז געווען צו באַמערקן נישט נאָר אין לויצק, נאָר אויך אין גאַנץ פּוילן, באַזונדערס אויף די קרעסן, ווו עס האָט געהערשט אַ שטרענגער פּאָליציייִשער רעזשים). און אָט אין יענער ברויזנדיקער צייט איז אָרגאַניזירט געוואָרן, אויף דער איניציאַטיוו פון דער ראָוונער „צוקונפט״־אָרגאַניזאַציע און דורך זייערס אַ פאָרשטייער, די אָרגאַניזאַציע פון דער לויצקער „צוקונפט״. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, ווי איך דערמאָן זיך, אין אַ פּראָסטיקן פּריוואַטצונאַכטס אויף קאָנאַרסקע 3.

דער ערשטער קרייז איז באַשטאַנען פון 7 צוקונפטיסטן, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צענדליקער יוגנטלעכע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „צוקונפט״. אָט די יוגנטלעכע, וואָס זענען אין קיין שול נישט געוואָרן דערצויגן (חוץ דעם חדר, פאַרשטייט זיך, אָבער

די מיידלעך אַפילו דאָס אויך נישט), וועלכע האָבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון פריידיקע קינדער־יאָרן — צוליב דער גרויסער נויט וואָס האָט אָפט געהערשט אין זייערע היימען, אָט די יוגנטלעכע, וואָס זענען געווען געצוווּנגען נאָך אין דער גאָר פריסטער יוגנט צו גיין אַרבעטן, כדי אַרויסצוהעלפן דער מאַמען דער אלמנה, אָדער דעם קראַנקן פאָטער — האָבן אין דער ניי־געשאַפענער יוגנט־אָרגאַניזאַציע דערפילט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיי באַגייסטערט, האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ נייער, דערהויבענער און שענערער וועלט. אויף די וואָכנטלעכע קעסטל־אָוונטן, וואָס די לויצקער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע פלעגט איינאָרדענען, אויף די רעפעראַטן, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פון צייט צו צייט, זענען די יוגנטלעכע געוואָר געוואָרן, אַז זיי זענען נישט אַליין אין זייער עלנט און נויט, אַז זייער גורל איז פאַרבונדן מיט נאָך הונדערטער טויזנטער אַרבעטער־יוגנטלעכע אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס שטרעבט און קעמפט פאַר אַ נייער, שענערער און גערעכטערער וועלט.

פאַר די יונגע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אָרגאַניזירטע אין דער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע, האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען גערעדט וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק און אַנדערע ענינים. אַ סך יוגנטלעכע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן די אָוונט־קורסן ביי דער שלום־עליכם־שול, ווייל עס האָט זיך ביי זיי דערוועקט דער דראַנג נאָך מער וויסן, מער קענען. אין די פרייע טעג פלעגט די „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע אָפט איינאָרדענען קאָלעקטיווע אויספלוגן מחוץ דער שטאָט — אויף דער פרייער לופט, אין פעלד און וואַלד.

חוץ דער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער לויצקער אַרבעטער־יוגנט האָט די „צוקונפט" זיך אויך באַטייליקט אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַקציעס, וואָס עס האָט געפירט אין שטאָט די בונדישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין לויצק, ווי למשל ביי די וואַלן צום שטאָטראַט, סיים, קהלה. די יוגנטלעכע פלעגן דעמאָלט זיין זייער אַקטיוו ביים פּאַרטיילן די בונדישע וואַל־ליטעראַטור, ביים פירן די הויז־אַגיטאַציע אין די אָרעמע יידישע היימען. יוגנטלעכע „צוקונפט"־טוערס פלעגן אויך אַרויסטרעטן אויף עפנטלעכע וואַל־מיטינגען און באַזונדערס אויף

קאָמיטעט פון „יוגנט־בונד צוקונפט" אין לויצק

צקונפטיסטן ווערן אַרעסטירט ביים פאַרשפרייטן די „פאָלקסצייטונג"

קלענערע ראַיאָן־מיטינגען, וואָס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אין די וווינונגען פון די אַרבעטער אָדער בעל־מלאכות.

גאַנץ אַקטיוו איז די „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע געווען בעת די עקאָנאָמישע אַקציעס — די שטרייקן, וואָס פלעגן געפירט ווערן דורך די פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין לויצק, כדי אויסצוקעמפן בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען.

די צוקונפטיסטן פלעגן זיך אויך שטענדיק אויסצייכענען מיט זייער אָנטייל אין די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס דעם ערשטן מאַי און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, וואָס זענען געווען פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציעס קעגן דעם רעאַקציאָנערן פּוילישן רעזשים. דאָרט פלעגן אַרויסגערוקט ווערן פּאָליטישע פאָדערונגען סיי פון אַלגעמיינעם און סיי פון יידישן כאַראַקטער און באַזונדערס האָט מען דעמאָלט אונטערגעשטראָכן די פאָדערונג פון רעכט אויף אַרבעט פאַר יידישע אַרבעטער און בעל־מלאכות (ווי באַקאַנט האָט מען אין פּוילן אין יענע צייטן דיסקרימינירט קעגן יידישע אַרבעטער, זיי נישט צוגעלאָזט צו אַרבעטן אין די פאַבריקן אדג"ל).

אין יאָר 1931 האָט די „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע אָרגאַניזירט אַ „סקיף"־פאַרבאַנד, אַן אָפּטיילונג פון דער לאַנד־צענטראַלע פון „סקיף" (די ראשי־תיבות פון „סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד"). די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט גרופּירט אַרום זיך יונגע שול־קינדער און אַרבעטער־קינדער בכלל. דאָרט האָט מען זיי דערצויגן אין סאָציאַליסטישן גייסט און זיי צוגעגרייט ווי די קומענדיקע מיטגלידער פון דער „צוקונפט".

די „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען שטאַרק אַק־

טיוו ביים פאַרשפּרייטן אין לויצק די בונדישע פּרעסע — דעם טעגלעכן אָרגאַן פון „בונד", די „פאָלקסצייטונג", וואָס פלעגט דערשיינען אין וואַרשע און פון דעם „יוגנט־וועקער", דעם אָרגאַן פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון „יוגנט־בונד צוקונפט", אויך פון וואַרשע. פון צייט צו צייט פלעגן איינגעאָרדנט ווערן ספּעציעלע „פּרעסע־טעג", בעת וועלכע די יוגנטלעכע צוקונפטיסטן און אויך די סקיפיסטן פלעגן זיך אַרויסלאָזן איבער די לויצקער גאַסן און פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע יידישע פּרעסע.

איינע פון די וויכטיקסטע און שענסטע אַרבעטן פון דער לויצקער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע איז געווען דאָס אַרויספירן פון צייט צו צייט די יוגנטלעכע יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון זייערע ענגע און דושנע היימען און אַרבעטס־וואַרשטאַטן, אָן שום היגיענישע באַדינגונגען — אויף דער פרייער לופט. דאָס פלעגן מיר טאָן אין די שבתים און ימים־טובים, ווען מיר פלעגן איינאָרדענען אויספלוגן אויף דער פרייער נאַטור. אין די פרייטיק־צונאַכטסן זומער־צייט פלעגט מען אויך — נאָך די הייסע דיסקוסיעס אויף אַ קעסטל־אָוונט, אָדער נאָך אַ פאָרלעזונג — זיך אַרויסלאָזן צו „בענעס שיפלעך" און מאַכן אַ קאָלעקטיוון שפּאַציר אויפן סטיר. דאָס געזאַנג פון אונדזער „יונגער גוואַרדיע" האָט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אָפּגעהילכט גאַנץ ווייט.

אין די זומער־חדשים פלעגט מען איינאָרדענען אויספלוגן אין די שכנהשע שטעט און שטעטלעך — צוגאַסט ביי די דאָרטיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. עס פלעגן אויך פאָרקומען צוזאַמענפליען פון די צוקונפט־אָרגאַניזאַציעס איף וואָלין.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק פון איינעם אַזאַ קאָלעקטיוון אויספלוג, וואָס אונדזער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט קיין טאָרטשין און אָזדוטיטש. פרייטיק ביינאַכט, ביי אַ ליכטיקן אויסגעשטערנטן הימל, באַגלייט פון דער פולער לבנה האָבן מיר, אַ גרופּע פון 14 יוגנטלעכע, יינגלעך און מיידלעך, זיך אַרויסגעלאָזט איף דעם וועג קיין טאָרטשין (22 קילאָמעטער). פאַרטאָג־צו, באַגלייך מיטן זון־אויפגאַנג זענען מיר מיט געזאַנג אַריינגעקומען אין קליינעם שטעטל טאָרטשין. נאָך אַ קורצן אָפּרו האָט זיך צו אונדז פאַראייניקט אַ גרופּע טאָרטשינער צוקונפטיסטן און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין ווייטער — דורך קיסעלין קיין אָזדוטיטש, ווו עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען דער צונויפפלי פון די „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ וואָלין. דאָרט האָבן זיך צונויפגעטראָפן — אַ סך פון זיי צום ערשטן מאָל — די מחנה פון אַקטיווע יוגנטלעכע יידישע סאָציאַליסטן־בונדיסטן און עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי אַלע האָבן זיך דערפילט משפחה־דיק, ווי אמתע ברידער און שוועסטער. מיר האָבן דעמאָלט פאַרבראַכט זייער פריילעך און מונטער ביי פאַרשידענע שפּילערייען. אָבער מען האָט אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט די אויפקלערונגס־אַרבעט. עס זענען אויפן צונויפפלי אין אָזדוטיטש אויך פאָרגעקומען פאַרשידענע לעקציעס אויף פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטור־טעמעס. דאָס זענען געווען פריידיקע טעג מיט אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויף אונדזער גאַנצן וועזן.

בעת דעם ראַיאָן־צונויפפלי פון די וואָלינער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציעס, אין יאָר 1931, האָבן מיר, עטלעכע הונדערט יוגנטלעכע, אָנגעפילט די לויצקער יידישע גאַסן. אין אָוונט, פאַרן שליסן דעם צונויפקום, האָבן יונגע יידישע בחורים און מיידלעך, אָט די וואָס האָבן געשטאַמט פון אָרעמע און אומעטיקע היימען, זיך אַרויסגעלאָזט, פריילעכע און מונטערע, אָנגעטאָן אין זייערע בלויע בלוזעס מיט די רויטע קראַוואַטן, איבער די גאַסן פון לויצק מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן אין די הענט און האָבן דעמאָנסטרירט זייער קאַמפס־גרייטקייט פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט. דאָס איז געשען אין אַ שיינעם זומערדיקן אָוונט, ווען הונדערטער מענטשן האָבן שפּאַצירט אין גאַס. די דאָזיקע „צוקונפט"־דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אין שטאָט. אין לויף פון דער דעמאָנסטראַציע האָבן די צוקונפטיסטן אָפּגעהאַלטן קורצע פלי־מיטינגען־מאַסנוקעס — מיט אויסרופן קעגן דעם פּאָליציי־רעזשים אין פּוילן, קעגן דער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק בנוגע די יידישע מאַסן אדג"ל. פאַרשטייט זיך, אַז די פּוילישע פּאָליציי האָט זיך באַלד געכאַפּט און פונאַנדערגעטריבן די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע.

די „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע אין לויצק האָט אין משך פון איר 12־יאָריקער פאַרצווייגטער טעטיקייט דערצויגן און אויסגעשולט פיל הונדערטער יוגנטלעכע. דורכגייענדיק די שול פון „סקיף" און „צוקונפט" איז דער יוגנטלעכער יידישער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער געוואָרן גייסטיק באַוואָפנט און באַוווסטזיניק פון זיינע התחייבות אַלס מענטש און ייד. פון דער „צוקונפט" איז אַרויסגעקומען אַ באַדייטנדיקע צאָל רייפע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער, סיי אין דער אַלטער היים און סיי אין די נייע יידישע ישובים, ווו אַ טייל האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט.

בערל בריק / קאַרטיבאַ

א טאג עגמת־נפש

משה־יאָסע האָט געשפּאַנט פון בית־המדרש נישט מיט זיין געוויינלעכן גאַנג. איינגעהילט דעם קאָפּ אין ווייכן קאָלנער פון טכוירענעם טולופּ, האָט ער נישט געקוקט אויף די פאַר־בייגייער און נישט יעדן געענטפערט אויף די „גוט־מאָרגנס״, וועלכע מ׳האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן פון אַלע זייטן. ער האָט גיך געביטן די פיס, אָפט נישט געפונען די שמאָלע אויסגע־טראָטענע סטעזשקע, און אַלע ווײלע אַריין, איבער די טיפע קאַלאָשן, אין הויכן, ווייסן שניי.

פאַר זיין הויז האָט ער אָנגעטראָפן חיימען, וועלכער איז אַרויס פון שטוב מיט אַ בינטל ביכער אונטערן אָרעם. חיים האָט אים באַגריסט מיט אַ פריילעכן גוט־מאָרגן און איז אויף דער גיך אַוועק זיין וועג.

משה־יאָסע איז שטיין געבליבן און נאָכגעקוקט חיימען. די ברייטע פּאָלעס פון זיין סערע גימנאַזיסטישן שינעל האָבן זיך געפּאָכעט אין די זייטן, די מעשענע קנעפּ פון די פּאַטקעס אויפן רוקן האָבן גאָלדיק געגלאַנצט. משה־יאָסע איז אַ לאַנגע ווײלע געשטאַנען, צוגעשאָקלט באַזאָרגט מיטן קאָפּ און עפּעס שטיל איינגעטענהט מיט זיך אַליין.

ביי דער קאַווע איז משה־יאָסע געווען פאַרצאָרנט, זיך געריסן די איינציקע האָר פון דער האַנט, געביסן די נעגל פון די פינגער און מיט אָפּגעריסענע ווערטער אָנגעהויבן דערציילן ליפּשען דאָס נייעס, וואָס ער האָט זיך דערוווסט אין שול ביים דאַווענען:

— היינטיקע נאַכט האָט די פּאָליציי אַרעסטירט אַ סך יונגוואַרג. מ׳האָט אויך פאַרנומען דעם אַלטנס טאָכטער.

— וואָס איך הער! — האָט ליפּשע מיט נייגער, כמעט אַ צופרידענע, איבערגעפרעגט — אָט די געלע מויד?

— יאָ — האָט משה־יאָסע אַרויסגעזיפצט — און מענדל שוסטערס בחור אויך. אַ שאָד, באמת אַ שאָד! ווילע קינדער, און אויף די עלטערן איז אַ רחמנות — אַן אומגליק.

דער שכן זייערע, לייזער סטעלמאַך, האָט דערציילט:

— אין מיטן דער נאַכט האָט מען גענומען קלאַפּן אין די טירן. געקלאַפּט און געשריגן: פּאָליציי, עפנט! און איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט איז אין שטוב געווען פול מיט פּאָלי־ציאַנטן און געהיים־אַגענטן, וועלכע האָבן זיך גענומען צו דער „מלאכה״. זיי האָבן אין שטוב אַלץ איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף און קאָפּ אַראָפּ. געזוכט און גענישטערט, ס׳שטרוי פון די בעטן האָבן זיי אויך איבערגעקליבן און אָנגעמאַכט אַן אמתן חורבן אין דער וווינונג. נאָך דעם אַלעמען האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך דעם איינציקן זון. ווער ווייסט ווען זיי וועלן אים שוין צוריק זען... אָט דאָס הייסט צרות! נעבעך, נעבעך!

משה־יאָסע וואָלט נאָך לענגער אַזוי געזעסן און באַדויערט.

ליפּשע האָט שוין אָבער נישט געקאָנט מער דולדן און מיט אַ צעצויגענעם „אוי״ האָט זי אים איבערגעריסן.

— אוי, וואָס איז מיט דיר? וואָס האָסטו זיך אַזוי צעגעבעכט? מיך הייבט עס נישט אָן צו אַרן. אַז מ׳עסט נישט קיין ציבל — פילט זיך נישט פון מויל! אַ מצווה אויף זײ, אַ שיינע ריינע כפרה!..

משה־יאָסע האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול, אָנגעשטעלט אויף זיין ווייב אַ פּאָר צעעפנטע אויגן און אַ געשריי געטאָן:

— ליפּשע, זיי זענען יידישע קינדער!

ליפּשע איז, זעט אויס, נישט נתפּעל געוואָרן פון איר מאַנס געשריי. זי האָט זיך אונטערגעשפּאַרט די זייטן מיט ביידע הענט, אָפּמעסטנדיק משה־יאָסען פון אויבן אַראָפּ, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט פאַרביסנקייט געענטפערט:

— נו, זענען זיי! איז וואָס! וועל איך זיך צערייסן דעם ספּאָדעק!...

מיט רוגזה האָט זי אַוועקגעשפּאַנט אין קיך אַריין און דאָרט גענומען איבערדערציילן דער דינסט די נייעס.

— הערסט, מלכה, משה־יאָסע איז געקומען פון דאַווענען... אַ מצווה אויף זיי. סמאַרקאַטשעס ווילן אויסגלייכן די וועלט!

משה־יאָסע האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אין דער קיך־טיר און מיט פאַרדרוס אַ רוף געטאָן: ליפּשע, איך ראַט דיר, הער אויף, איך ראַט דיר...

ליפּשע האָט נערוועז אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און שטיל געבליבן.

*

ס׳שטיקל יאַגעלאָנסקע פון דער באַזיליאַנסקער בריק ביז „רענאַמעס אַפּטייק״, האָט אויסגעזען יום־טובדיק. אויסער די שטענדיקע בירזשעוויקעס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט נייע פאַרשוינען: אַרבעטער־יוגנט, יונגען און מיידן, חברה פון דער קאָנאַרסקאַ, פון די „רויטע״ און פון „בונד״, אַ ביסל שילער פון דער יידישער און אויך פון דער רוסישער גימנאַזיע. ס׳זענען געווען דאָרפישע יוגנט און פּויערים. די לעצטע זענען אָנגעפאָרן מיט פורן פון די אַרומיקע דערפער. אַלע האָבן אָפּגעוואַרט די אַרעסטירטע, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט אַדורכ־פירן. די עלטערע זענען געשטאַנען אין רעדלעך און קאָמענ־טירט די געשעעענישן. יונגוואַרג האָט זיך נישט געקאָנט איינ־האַלטן און נערוועז אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק.

מ׳האָט זיך איבערדערציילט:

גאַנצע מחנות אַרעסטירטע פּויערים פון די דערפער... פון דער באַן האַלט מען אין איין פירן אַרעסטירטע, צווישן וועלכע מ׳זעט אַ סך יידישע פּנימער. מ׳זאָגט, אַז אויף דער באַן־סטאַציע געפינען זיך נאָך ביי אַ הונדערט אַרעסטירטע פון

די אַרומיקע שטעט ראָוונע, קאָוועל, ראָזשישטש, לודמיר א.א.וו.

אַ טרעגער דערציילט: נאָך גאָר אין דער פרי, ווען ער איז געגאַנגען צום מאַרק און די געשעפטן זענען נאָך אַלע געווען געשלאָסן, האָט מען איינעם אַזעלכן, שוין אַן עלטערן, געפירט אין מיטן גאַס אַרומגערינגלט דורך צען פּאָליציאַנטן.

דורך די פענצטער אין גאַס אַרויס האָבן זיך דערהערט נחום דעם משוגענעמס געשרייען: „ס׳זאָל זיין שטיל אין שטוב. די בעטן ברענען”! ער איז אַרויס אין גאַס און האַסטיק געשפּאַנט. אַלע ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געפּאָכעט מיט דער האַנט צו די הימלען, אומאויפהערלעך געזידלט אברהם כיש און אַלעמאָל פאַרענדיקט מיטן פזמון: „אי ווינאָ וו׳ רעטשקיע ניע וויליעוואַיעטסאַ”! ווען ער איז צוגעקומען צו דער בירזשע, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ געדיכטע מאַסע מענטשן, איז ער אַראָפּ פון טראָטואַר און זיך געלאָזט שפּאַנען אין מיט פון שאָסיי. פּלוצעם האָט ער זיך פאַרהאַלטן און זיך אַ קער געטאָן צו משה־יאָסען, אַראָפּגענומען זיין היטל פון קאָפּ און אָננעמענדיק משה־יאָסעס האַנט — זי אַרויפגעלייגט אויפן שטערן, און אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן, אַ זאָג געטאָן: „ס׳ברענט, ר׳ משה־יאָסע, ס׳ברענט”! שפּעטער האָט ער זיך אַ קאַפּעטשקע אָפּגערוקט אין אַ זייט, געבליבן שטיין, צעשפּרייט אַ ביסל די פיס, צעוויגט דעם קערפּער און ביילנדיק זיין פויסט, האָט ער אָן אויפהער גענומען שרייען: „זדיעס אוזשע בילי ניעמצי, אוזשע בילי באָלשעוויקי, אי בילי אוזשע פּעטליוראָווצי, נאָ טאַקיע סוואָלאָטשי, קאַק פּאָליאַקי, יעשטשאָ ניע בילי, אי ווינאָ וו׳ רעטשקיע ניע וויליעוואַיעטסאַ”!

אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט אויסגעשריגן זיין פזמון, האָט ער געקוקט משה־יאָסען אין די אויגן. ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע איז ער צו צו אים נענטער און אים אַ פרעג געטאָן: „✱ קטאָ ווינאָוואַט”?... דערויף האָט ער באַלד, פון אַ ווייסן חברה־מאַן, וועלכער איז געשטאַנען נישט ווייט פון זיי, באַקומען אַן ענטפער היינטערן אויער: אברהם כיש!

— „פּראַווילנאָ!” — האָט ער אַ צופרידענער אויסגעשריגן און איז אַוועק זיין וועג. פונדערווייטנס האָט זיין ווייס ציכטיק העמד געלויכטן מיט זיין שנייאיקער ווייסקייט און די זויבערע קאַפּאָטע האָט זיך געטרייסלט צוזאַמען מיט זיין האַסטיקן גאַנג.

משה־יאָסע האָט אים לאַנג נאָכבאַגלייט מיט די אויגן. אויפן האַרצן איז אים וואָס אַמאָל געוואָרן שווערער. ער האָט שוין אַזויפיל מאָל געזען נחומען אין אַזאַ מצב, אָבער קיינמאָל האָט דאָס אויף משה־יאָסען נישט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק ווי איצט. פאַרוואָס? ער פרעגט עס זיך אַליין. אין די אויערן קלינגען אים די ווערטער: „טאַקיע סוואָלאָטשי, פּאָליאַקי!” ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשראָקן פאַר פּאָליציי, אָבער דווקא איצט האָט אים אַזאַ געפיל באַהערשט. וואָס טוט מען? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז מ׳זאָל זיין זיכער מיט די אייגענע קינדער, דער עיקר מיט חיימען? ער האָט שוין אַמאָל חיימען באַגעגנט שפּאַצירן מיט קאַטיע בלומענקראַנץ און אויך מיט שייקע קיבריק. די לעצטע זענען טאַקע איצט אַרעסטירט געוואָרן.

ס׳האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי: „מ׳פירט, מ׳פירט!” אַלע אין גאַס האָבן זיך אויסגעשטעלט ביים ראַנד פון טראָטואַר מיט די פּנימער צום שאָסיי. ווען מ׳האָט די אַרעסטירטע פאַרבייגעפירט דער מענטשן־מאַסע, האָט זיך משה־יאָסע איינגעקוקט אין די פּנימער פון עטלעכע אַרעסטירטע. יאָ, האָט ער זיך אין האַרצן געזאָגט, דאָס זענען דאָך יידישע קינדער, און אַזעלכע טייערע.

ער האָט זיך פּלוצעם געפילט אין אַ ספּעציפישער נאָענטקייט צו זיי. ער קאָן נישט משיג זיין, וואָס ס׳קומט מיט אים פאָר. עפּעס זענען זיי אים נאָענט און היימיש. און ווי פריי זיי פילן זיך? אָט גייען זיי איצמיטן גאַס אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע פּאָליציי־לייט. אין זייער גאַנג פילט זיך אַזאַ לייכטקייט און זעלבסטזיכערקייט. אויף זייערע פּנימער זעט זיך בכלל נישט אָן קיין טרויער. פאַרקערט, זייער אויסזען ווייזט, אַז זיי זענען ביי זיך גאַנץ פריילעך און האָפערדיק. ער באַמערקט בכלל נישט אין זייערע פּנימער קיין שום אויסדרוק פון פּחד און מורא. קינדער, נעבעך, וואָס ווייסן זיי, וואָס פאַרשטייען זיי?

ביים מיטיק האָט משה־יאָסע גאָרנישט געגעסן. אַלע אין שטוב זענען געווען שטאַרק פאַרדאַגהט. פון איציקלען האָט זיך ליפשע דערוווּסט, אַז צווישן די אַרעסטירטע געפינען זיך פינף שילער פון דער יידישער גימנאַזיע, צווישן זיי צוויי פון חיימס קלאַס, פון גאָר גבירישע הייזער. משה־יאָסע האָט זיך פון צייט צו צייט איבערגעוואָרפן מיט חיימען מיט אייניקע ווערטער, וועלכע ליפשע האָט אַלעמאָל באַגלייט מיט אַ זיפצן און קרעכצן: „אוי אַ✱ מיר, וויי איז מיר”!

און משה־יאָסע האָט געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט חיימען: „חיים, איך בעט דיך, זאָלסט מיר נישט אָנמאַכן קיין צרות. זאָלסט מיך נישט פאַרשעמען”!

חיימס פּנים האָט געפלאַמט ווי פון הייץ. דעם טאַטנס רייד האָבן אים שוין לאַנג דערעסן. ער וואָלט גערן געוואָלט מאַכן אַ סוף דערצו, נעמען דעם שינעל און אַרויס פון שטוב. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אַ נייעם מבול פון פראַגן. האָט ער זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און צוגעגאַנגען צום פענצטער, סתם זיך איינגעקוקט אין די צוויי שוואַרצע קוילן, וואָס זענען געלעגן צווישן די דאָפּלטע פענצטער אויף ריינער און שניי־ווייסער וואַטע. ער האָט געטראַכט פון זיינע שול־חברים, וואָס געפינען זיך איצט אין דער „דעפענסיווע”. ער האָט שוין געהערט געוווּסט מיט וואָס דאָס שמעקט... די מעשיות וועגן זאַרעמבאַס סאַדיזם זענען אים געווען באַקאַנט. מ׳האָט זיך פיל אָנדערציילט וועגן זיינע ספּעציעלע מעטאָדן ביים אַרויספּרעסן דערקלערונגען פון די אַרעסטירטע. זיינע אַרעסטירטע חברים זענען איצט אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן, געוואָרן גרויס, זייער גרויס — אמתע רעוואָלוציאָנערן, מאַרטירער.

דער פאָטער האָט אָן אויפהער געהאַלטן אין איין זאָגן: „חיים, איך בעט דיך, איך וויל נישט!” דערויף האָט חיים זיך האַסטיק אויסגעדרייט און מיט אימפּעט אויסגעשריגן: „וואָס ווילסטו נישט? איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט אַזויפיל איבער מיר. כ׳האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, אַז איך האָב מיט זיי נישט געהאַט קיין שום געשעפטן”. דערביי האָט ער מיט אַ געשריי צוגעגעבן: „מ׳וועט מיך נישט אַרעסטירן, מ׳וועט מיך נישט אַרעסטירן, מ׳וועט מיך נישט אַרעסטירן”!

ליפשע איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט. אַלעמאָל איז זי אַריין און אַרויס פון קיך. דערהערנדיק חיימס געשרייען,

האָט זי זיך שוין אַריינגעמישט און גענומען מוסרן משה־יאָסען:

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו אים? וואָס ווילסטו פון אים? באשר־בכן — מ׳האָט אַרעסטירט דעם שוסטערס זון. חיים פאַרנעמט זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן!

מיט האַלב־צוגעזשמורעטע אויגן האָט זי אים גענומען אָבסערווירן פון אַ זייט.

משה־יאָסע האָט אויפגעהויבן די אויגן און באַקוקט זיין ווייב מיט ביטול און רחמנות און זי אַ פרעג געטאָן:

— דו ווייסט מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך יאָ און מיט וואָס נישט? דו ווייסט, זאָג! איך ווייס נישט! איך וויל, אַז ער זאָל נישט קריכן, אַז דאָס איז נישט פאַר אים.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן גלייך ווי חיים וואָלט דערביי נישט געשטאַנען און זיך נישט צוגעהערט צום געשפּרעך צווישן טאַטע־מאַמע. דערביי האָט משה־יאָסע צוגעגעבן:

— מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז חיים פאַרנעמט זיך יאָ מיט אָט די געשעפטן. זיינער אַ שול־חבר האָט מיך געוואָרנט, אַז כ׳זאָל אויף אים אַכטונג געבן!

ליפשע האָט פאַרפלאָכטן אירע פינגער און נאָך איינמאָל, אין דער שטיל, אַז זי זעלבסט האָט קוים אירע אייגענע ווערטער געהערט, געזאָגט: „אוי איז מיר, וויי איז מיר״!

חיים איז ווי אויפגעשפּרונגען און זיך האַסטיק אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן פאָטער און גענומען אויספרעגן:

— וואָס האָט מען דיר געזאָגט? זאָג מיר ווער? איך וויל וויסן!

משה־יאָסע האָט נישט געענטפערט, ער איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך און אויפמערקזאַם באַטראַכט חיימען, גלייך ווי ער וואָלט אים ערשט איצט דערזען צום ערשטן מאָל. אין דעם מאָמענט איז שוין פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז חיים, דער זעלבער וואָס שטייט איצט פאַר אים, זיין זון, איז שוין איצט אַן אַנדערער. ער האָט פּלוצעם פאַר זיך דערזען אַ גאָר אַנדערן חיים. דאָס איז שוין נישט געווען דער זעלבער שטילער זון, פאַר וועלכן ער האָט זיך געוואָלט אַזויפיל מקריב זיין, זיין שטאָלץ און האָפענונג. פאַר אים איז איצט געשטאַנען אַ חוצפּה־דיקער בחור און געהאַלטן אין איין מאָנען: זאָג, זאָג!

משה־יאָסע האָט מיט אַ נאָכגיביקער שטימע געענטפערט:

— אַ בחור פון דיין קלאַס.

— ווער? — האָט מיט אומגעדולד ווידער געפרעגט חיים.

— לייב מאַרגאָליעס — האָט משה־יאָסע געענטפערט.

חיים האָט זיך אויסגעגלייכט און נאָכגעלאָזט די אָנגע־שטרענגטקייט. ס׳איז אים לייכטער געוואָרן אויפן געמיט. שוין פילמאָל געהערט דעם טאַטן רעדן מיט ביטול וועגן דעם „זייפענמאַכער פאָן מאַרגאָליעס״, וועלכער האַלט פון זיך ווי פון אַ גרויסן פאַבריקאַנט... און איז תמיד „פּאַניע פּאָטשעבאָווסקי״ און אויך זיינע בנים זענען גאָרנישט שבגאָרנישט און האַלטן זיך פאַר גרויסע יחסנים.

— אַזוי גאָר, אָט דער שוטה, אָט דער לאַנגער לאָשעק! — האָט חיים אויסגעשריגן — ער האָט צונויפגענומען אַ ביסל קליינוואַרג, לערנט זיי שפּאַנען אין די רייען, לויפט אַרום ז׳יי מיט אַ שטעקן, קוקט זיי אויף די פיסלעך און האַלט אין איין קאָמאַנדעווען: אחד, אחד, אחד, שתיים, שלוש... — חיים האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער, מעשה סאָלדאַט, נאָכגע־מאַכט לייב מאַרגאָליעסן. — ער מיינט, אַז אויב ער איז אַ ראש ביי אַ צענדליק קינדער, איז ער שוין אַ גוואַלדיקער אויפטוער, אַ גאַנצער גענעראַל און ווער ס׳טוט נישט אַזוי ווי ער — ווערט ביי אים פאַררעכנט פאַר אַ קאָמוניסט!

משה־יאָסע האָט זיך דערפילט ווי שולדיק און געוואָלט חיימען באַרויקן:

— הער שוין אויף אַרומשפּאַנען, ס׳שווינדלט פאַר די אויגן. מאַכסט דאָך אָן אַ ווינט אין שטוב!

חיים האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צום פאָטערס רייד און ווייטער געשפּאַנט איבער דער שטוב.

משה־יאָסען האָט שטאַרק באַנג געטאָן וואָס ער האָט דער־מאָנט מאַרגאָליעסעס נאָמען. ער האָט שוין אָבער דאָס נישט געקאָנט צוריקכאַפּן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און אויף דער גיך שנעל צוגעוואָרפן חיימען:

— זאָלסט זיך מיט אים נישט קריגן, צי גאָר זיך פּרווון שלאָגן. כ׳האָב פיינט סקאַנדאַלן.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אין זיין צימער, ווו ער פלעגט זיך חשבונען מיט סוחרים און פאַרקויפער. פון זיינע רייד האָט זיך אַרויסגעפילט אַ טאָן פון חרטה.

אַז ליפשע האָט זיך דערוווּסט פונוואַנען ס׳האָט זיך צו משה־יאָסען גענומען די מרה־שחורה, האָט זי אָנגעהויבן שעלטן די אַלע ציוניסטן, וואָס ווילן ברענגען משיחן. ספּעציעל איז זי געווען אין כעס אויף די שומרים, וואָס שפּאַנען איבער די גאַסן מיט שטעקנס אויף די אַקסלען. אַז גיין זאָלן זיי, רבונו של עולם, אויף הילצערנע פיס!

זי האָט נישט אויפגעהערט צו שעלטן ביז איציקל האָט איר דערמאָנט, אַז אויך ער איז אַ שומר. דערויף האָט זיך ליפשע אַ כאַפּ געטאָן און, אויף דער גיך איבערגעפרעגט: האַ, וואָס? נו, שוין! נישט דיר מיינט מען. טפו, טפו, טפו. זי האָט דערביי דריי מאָל אויסגעשפּיגן, צוגעבנדיק: צו מיינע שונאימס קעפּ... ער איז אויך דאָ. און מיט כעס אַ געשריי געטאָן צו אים: דאַרפסט טאַקע נישט זיין קיין שומר!

משה־יאָסע איז אַריין אין זיין באַזונדערן צימער, לאַנגזאַם צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן קאָפּ און אויף אַ וויַיל שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט. ער האָט געפּרווּט זוכן אַן עצה: וואָס טאָן? ווי אַזוי אויסמיידן די צרה וואָס רוקט זיך אָן? וואָלט עס געווען אַ ליגן אָדער אַן השערה, וואָלט חיים זיך נישט געווען אַזוי געבייזערט. די פראַגע איז נאָר, ווי ווייט ער איז שוין אין יענע זאַכן פאַר־קראָכן. צי איז עס ערשט אַ התחלה, אָדער ווער ווייסט?

און ווידער אָנגעהויבן פונדאַסניי מיט זיינע מחשבות... ער האָט זיך גענומען חקרענען, גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען איבער אַ בלאַט גמרה און זיך געפּילפּולט איבער אַ שווערן קל־וחומר. זאָל איך אים לאָזן פאָרן קיין ארץ־ישראל? וואָס הייסט לאָזן? ער האַלט דען דערביי? ווי אַזוי? מה דאָך, אַז איציקל וויל ווערן אַ חלוץ — שריי איך חי־וקיים, אַז ניין! גיטעלע האָט געענדיקט די תרבות־שול „באופן מצוין״, רעדט העברעיש, שוין געהאַט אַ בחור און געוואָלט וואָס שנעלער זיין אין ארץ, האָב איך דאָך געגוואַלדעוועט, ביז ס׳איז פון דעם שידוך גאָרנישט געוואָרן. און דאָ פּלוצעם, גיי און שיק אַהין חיימען! ווי אַזוי, ער וויל דען? ער וועט נישט וועלן! נאָר וואָס דען, אַלע זאָלן מיר פאָרן? אַלע זאָלן מיר פאָרן! טאָן

אַזוי ווי הערשקע פונעם בראָוואַר! מיטנעמען שמעונען מיט דער שנור און אייניקל. אַלע — איז אַלע, אם ירצה השם!

ביי דער וועטשערע איז שוין אַלץ געווען ווי געוויינלעך. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַלע ווילן פאַרגעסן וועגן די אַרעסטן און אַרעסטירטע; מ׳האָט גערעדט וועגן גאָר אַנדערע ענינים...

משה־יאָסע האָט זיך, נישט ווילנדיק, כלומרשט דערמאָנט אין הערשקע פונעם בראָוואַר, הערשקע שניידער, וועלכער האָט פאַרקויפט דעם זאַוואָד, די פאַרעוועע מיל און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און געפאָרן קיין פּאַלעסטינע, קיין ארץ־ישראל — הייסט עס, מיטגענומען אַלע קינדער מיט זיך, אַפילו זיין איידעם, דעם דענטיסט מאָטל אַפּצוג, האָט ער אויך מיטגענומען. עטלעכע מאָל האָט ער דעם דאָזיקן ענין אַדורכגערעדט און אָנגעהויבן לויבן דעם אויפטו פון הערשקען, וועגן וועלכן ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ לייכטן דרך־ארץ.

ליפשע האָט פאַרקערט, אַנדערש גענומען דעם ענין. זי האָט פּרובירט אים פאַרטונקלען: אוי וויי, אַ געוואַלדיקער אויפטו! וואָס־זשע, ס׳האָט אים דאָ עפּעס געפעלט? נישט געהאַט, נעבעך, קיין פּרנסה? הלוואי זאָל איך אַ ליגן זאָגן: ער וועט זיך קלאַפּן אין האַרצן פון חרטה! ער וועט דאָרטן דאַרפן האַקן שטיינער.

— ער וועט דאָרט קיין שטיינער נישט האַקן — האָט משה־יאָסע אָפּגעענטפערט, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט.

ליפשע איז נישט אָפּגעשטאַנען:

— ער וועט האַקן, איי וועט ער האַקן. אַלע וועלן זיי קלאַפּן! זיי וועלן דאָרט קלאַפּן סמעטענע מיט די פּאַנטאָפל. דאָרט וועלן זיי שוין נישט זיין די „בראָוואַר־לייט". ניין!

משה־יאָסע האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. הערשקע שניידער איז נישט קיין נאַרישער ייד, נישט אַבי ווער. מן הסתם האָט ער געוווסט וואָס ער טוט. אַ ייד אַ לערנער, אַ ייד אַ בר־דעת. כ׳וואָלט געוואָלט, אַז ס׳זאָל זיי דאָרט זיין גוט!

— יאָ, האָט ליפשע אונטערגעכאַפּט — איך וויל אויך. אָבער וואָס העלפט דאָ אַ ווועלן? ביי מיר איז עס ריינער שגעון! גענומען און צעבראָכן אַזאַ גוטס, וואָס ער האָט דאָ געהאַט און אָפּגעפאָרן, וווּהין? נאָך וואָס?

יעדעס מאָל, ווען משה־יאָסע האָט געפינען אַ זכות, האָט ליפשע אויסגעפונען כל־ערליי חסרונות.

משה־יאָסע האָט געפילט, אַז צו רעאַליזירן זיין פּלאַן וועט אים אָנקומען שווער. אין זיך איז ער שוין געווען גרייט אויף אַ מלחמה מיט ליפשען, אַפילו, ווען ער זאָל זיך דאַרפן באַנוצן מיט כוח. אָבער ער האָט נאָך דערווייל נישט געוואָלט אויפדעקן זיין באַשלוס. בהדרגה... איז ער דעריבער איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדערער טאַקטיק אין ענין הערשקע שניידער: וואָס קאָן מען וויסן? ווער קאָן משפּטן יענעמס מעשים? אפשר איז ער דערצו געווען געצוווּנגען, אפשר האָט ער געמוזט... גרויסע פּאַדאַטקעס, פאַרשידענע פּראָטאָקאָלן... וואָס מיינסטו, מ׳קאָן עפּעס וויסן? וואָס מיינסטו, ס׳איז אַזוי גרינג מיט די פּאָליאַקן? אַז זיי הייבן זיך אָן צוצוטשעפּען צו עמעצן, וועלן זיי אים שוין נישט אָפּלאָזן... זיי האָבן דאָך אַזוי שטאַרק ליב דעם ייד... זיי זענען פעיק צו ברעכן דעם שטאַרקסטן גיבור. זיי וועלן יענעם לאָזן אין לעצטן העמד און אַפילו דאָס לעצטע העמד אויך צונעמען...

✶

משה־יאָסע איז געזעסן אויף זיין בעט אין דער פינצטער־ניש. פון צייט צו צייט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער זייט, ווו ליפשע איז געשמאַק געשלאָפן.

פון זאָגן ביז טאָן, איז אַ גרויסער שפּרונג. ס׳טוט זיך נישט אַזוי ווי ס׳רעדט זיך. פון וואָס הייבט מען אָן? ווי פאַרקויפט מען אַלץ? ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פון די פּריצישע ווועקסלען? אַ מעשה אויף יאָרן! און וואָס ווייס איך ווו די סכנה שפּאַרט אָן? צי וועט די פּאָליציי וואַרטן ביז כ׳וועל זיך מיט אַלעם אָפּפּאַרטיקן?

דער וואַנט־זייגער אין דערבייאיקן עס־צימער האָט אויס־געקלונגען צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט און פון שלאָפן — קיין זכר.

דער טאָג עגמת־נפש, די פּאָליציי, די אַרעסטירטע, די בירזשע — אַלץ ליגט אין קאָפּ און דריקט אויפן האַרצן. נחום דעם משוגענעמס אויגן זעט ער איצט אין דער פינצטער, פולע מיט וואָרענונג... ס׳קול זיינס הילכט נאָך אין די אויערן: „טאַקיע סוואָלאָטשי קאַק פּאָליאַקי יעשטשאָ ניע בילי"!

יאָ, ס׳איז אמת, זיי זענען זיך נוקם אין די יידישע קינ־דער, וואָס פאַלן אַריין אין זייערע הענט. נישט איין יידיש קינד האָבן זיי שוין פאַרפייניקט צום טויט! חיים וועט אַזעל־כעס נישט אויסהאַלטן. רבונו של עולם, טו מיט מיר אַ חסד, נישט ווייל איך בין עס ווערט!

ער האָט זיך גענומען דערמאָנען אין אַלע זינד, וואָס ער איז ווען עס איז באַגאַנגען. מערסטנס זענען עס געווען חטאים בין אדם לחברו. מיט גאָט איז ער געווען אין אָרדענונג, כמעט נישט געווען פאַר וואָס זיך צו קלאַפּן על חטא. אָ, גאָטעניו, איינציקער און טייערער! איך האָב געזינדיקט; איך האָב זיך פאַרדינט די שטראָף, זיי מיר מוחל!

ער האָט נישט געפילט ווי ער האָט העכער אויפגעהויבן זיין שטים. ליפשע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר געשמאַקן שלאָף, זיך איבערגעדרייט און גענומען רופן צו משה־יאָסען:

— משה־יאָסע, שלאָפסט נישט?

משה־יאָסע האָט זיך געכאַפּט און געמאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ווי זי וואָלט אים אויפגעוועקט פון שלאָף:

— וואָס איז? וואָס רעדסטו?

— האָסט גערעדט, האָסט געלאַכט — האָט אים ליפשע מיט אַ פאַרשלאָפענער שטימע אויפגעקלערט.

משה־יאָסע האָט זיך דערפילט לייכטער. אויב זי זאָגט, אַז כ׳האָב געלאַכט — הייסט עס, אַז זי האָט גאָרנישט געהערט! ער האָט זי גענומען באַרויקן. ס׳איז גאָרנישט, ס׳האָט זיך דיר אויסגעדוכט. וואָס, כ׳האָב געלאַכט? ניין, ס׳האָט זיך דיר בלויז אויסגעדוכט!

ער האָט זיך לאַנגזאַם, אָן רעש, אַוועקגעלייגט אויפן בעט. צוגעוואַרט, אַז ליפשע זאָל ווידער איינשלאָפן און אַז אויך ער זאָל קאָנען כאַפּן אַ דרימל.

פונעם עס־צימער האָט זיך ווידער דערהערט דער קלאַנג פונעם וואַנט־זייגער: דריי! משה־יאָסע האָט אַ טראַכט געטאָן: ס׳איז שוין שפּעט. מ׳דאַרף איינשלאָפן. ס׳איז שוין באַלד טאָג. כדי אָפּצווענדן זיך פון זיינע מרה־שחורהדיקע געדאַנקען, האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן אַן ענין, וואָס מ׳דאַרף מאָרגן באַלד דערליידיקן.

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן אין אַ פאַרקערטער ריכ־

טונג. אויס מורא, אויס סכנה. ער האָט געפילט ווי אויף זיין פּנים צעשפּרייט זיך אַ ברייטער שמייכל און ס'האָבן אָנגעהויבן שטראָמען גאָר אַנדערע געדאַנקען:

דעם אמת זאָגנדיק, בין איך אַ פּוסטער נפש, אַ גרויסער פּחדן. און שכל פאַרמאָג איך ווי אַ קינד. אַזוי דערשרעקן זיך... מה רעש? וואָס איז דען? לייב מאַרגאָליעס איז זיך משער, אַז חיים איז... אָט דאָס איז דאָך דער אָנהויב, די סיבה פונעם גאַנצן כעסן זיך! פונעם גאַנצן עגמת־נפש! וואָס האָב איך אָנגעמאַכט אַזאַ יריד? פאַרוואָס האָב איך אים געגריזשעט? ליפּשען, זיך און אַלע שטוביקע? וויפל זענען עס דאָ אין לוציק אַזעלכע טייערע קינדער ווי מיין חיים, וואָס זיצן אין טורמע? פינף, צען, פופצן! מוז שוין חיים זיין דער זעכצנטער! פאַרוואָס? ווייל אַזוי מיינט דוד מאַרגאָליעס? מיין חיים איז גערעכט, נישט געדאַרפט אויסהערן דעם דאָזיקן שוטה, און אַז שוין יאָ אויסגעהערט, נישט געדאַרפט אַפילו איבערדערציילן.

משה־יאָסע האָט זיך געמוסרט: איך בין אַ יידענע, נאָך ערגער ווי אַ יידענע. נאָך גוט, וואָס כ'האָב זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט מיין פּלאַן! און כ'בין שוין געווען גרייט אין וועג אַריין... כ'וואָלט אַלץ דערפירט צום אָפּגרונט, צום דלות. ליפּשע איז גערעכט, הערשקע פונעם בראָוואַר האָט זיך צעבראָכן, אַ סוף געמאַכט פון זיך, פון אַלע, פון די קינדער. זיי וועלן גוט חרטה האָבן!

ער האָט באַדויערט דעם טאָג עגמת־נפש, וואָס נאָר ער אַליין האָט אים גורם געווען און אַ באַרויקטער און זיכערער איז ער איינגעשלאָפן.

1959

ד"ר יעקב שאַמפּאַניער / חיפה

לוציק ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה

אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג האָט לוציק אָנגעהויבן שטאַרקער צו פילן דעם טעם פון אַנטיסעמיטיזם. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך שטאַרק פאַרוואָרצלט ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, אַרומכאַפּנדיק אַלע שיכטן, פון קליין ביז גרויס. אויך פריער פלעגן יידישע קינדער זעלטן ווען זיך פילן פריי און נישט מורא האָבן זיך אַרויסצולאָזן אויף אויספלוגן הינטער דער שטאָט. לעצטנס איז דאָס שוין געווען ממש אוממעגלעך. די שיינע נאַטור פון דער געגנט אַרום לוציק איז ווי פאַרסמט געוואָרן פונעם אַנטיסעמיטישן באַקציל. יידישע קינדער האָבן מורא געהאַט זיך צו באַווייזן אין אַזעלכע ערטער ווי אילאַנוווקע, קאַפּאַציוקע, אָדער ראָזשישטשער בריקל. ווען אָרעמע יידישע קינדער פלעגן זיך אַוועקגעלאָזן, פאַר שבועות, קיין קראַסנע אָדער גידעוו, בכדי צו באַזאָרגן די יידישע באַפעלקערונג מיט לעפּעכע אויף יום־טוב — פלעגן זיי אָפט צעשלאָגן ווערן דורך כוליגאַנעס.

פון 1936־37 האָבן די יידישע קינדער כמעט נישט געקאָנט אָנגענומען ווערן אין די מלוכה־שולן מיט דער פּוילישער אונטערריכטס־שפּראַך. אין די אויגן פון די לערער פלעגן זיי אָפט דורך די שילער באַליידיקט און געשלאָגן ווערן. אין דער פּראָפעסיאָנעלער גימנאַזיע זענען איינגעפירט געוואָרן אַלץ שטרענגערע באַגרענעצונגען קעגן אָננעמען יידישע שילער.

די לאַגע פון דער ברייטער מאַסע הענדלער און האַנטווערקער איז געוואָרן מיט יעדן טאָג ערגער און ערגער. אַמאָל איז האַנדל און האַנטווערקעריי געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט, אָבער אין די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג איז אַריינגעטראָטן אַ גרויסע ענדערונג צום שלעכטן. די קליינע צאָל קריסטלעכע סוחרים און האַנטווערקער האָבן געפירט מיט זייערע יידישע קאָנקורענטן נישט קיין סוחרישע קאָנקורענץ, נאָר אַ כוליגאַנישע. די באַקאַנטע פּיקעטן־אַקציע האָט אויך באַהערשט לוציק. יידן האָבן געהאָפט, אַז די דאָזיקע וואַקכאַנאַליע וועט זיך סוף כל סוף אַמאָל ענדיקן.

און ווען די פּיקעטן האָבן נישט געהאָלפן און יידן האָבן דאָך ווייטער געהאַנדלט און געאַרבעט — האָב די אַנטיסעמיטן זיך גענומען צו פּשוט כוליגאַנישע מעטאָדן און געלאָזט אין גאַנג טעראָר־מיטלען.

דאָס איז געווען אין אַ שבת, סוף יאָר 1938. אין קינאָ־זאַל „סלאָנצע" איז געוויזן געוואָרן אַ יידישער פילם. ביי דער בילעטן־קאַסע האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער יידן. דאָס האָבן אויסגענוצט די אָרטיקע כוליגאַנעס מיטן באַקאַנטן ראָזאַלינו בראש. זיי זענען אַרויס פון קאַפע־הויז און אָנגעפאַלן אויף יידן, וועלכע זענען רויק געשטאַנען אין דער ריי פאַר דער בילעטן־קאַסע. די יידן האָבן אָבער זיך אַזוי אָפּגערעכנט מיט דער באַנדע, אַז אַלע אָנפאַלער זענען געוואָרן בלוטיק צעשלאָגן און אין בלוט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט זיי געראַטעוועט, כלומרשט אַרעסטירנדיק זיי.

נאָך איינער אַזאַ אינצידענט איז פאָרגעקומען, ווען ס'זענען, אין האַרבסט 1938, פאָרגעקומען די מאַנעווערס פון דער פּוילישער אַרמיי, צו וועלכע ס'איז קיין לוציק געקומען רידז־שמיגלי. די אָרטיקע כוליגאַנעס האָבן זיך ווידער דערפילט אינעם זאָטל. זיי זענען אַרומגעלאָפן איבער די לוציקער גאַסן און געזוכט אַ געלעגנהייט צו שלאָגן יידן. דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבן, ווען זיי האָבן, אָט דאָ אָט דאָרט, אָנגעטראָפן אויף קליינע גרופּעס יידן. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געלאָזט ווויילגיין, ביז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרעסערער גרופּע יידישע בחורים אויף דער קראַסנער בריק. דאָ האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד, איניקע זענען פאַר־

ווונדעט געוואָרן און די רעשט האָט זיך וואָס שנעלער אָפּגעטראָגן.

אַזעלכע כוליגאַנישע אָנפאַלן האָבן זיך געהאַלטן אין מערן. כוליגאַנעס האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט און אַריינגעוואָרפן שטיינער אין די בתי־מדרשים, ווען יידן האָבן רויק געדאַוונט.

געווען איינמאָל אַ פאַל ווען כוליגאַנעס האָבן אַריינגעוואָרפן אין דער שול אויף קראסנע, וועלכע מ׳האָט גערופן „די קיטייסקע״, שמאַטעס מיט ברען־מאַטעריאַל. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. אייניקע יידן זענען פאַרווונדעט געוואָרן. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע שול האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אַ פּאָליציי־אַמט. די פּאָליציי האָט זייער שוואַך רעאַגירט אויפן דאָזיקן אָנפאַל.

צום גליק האָט „עמך״, דער פשוטער ייד פון די אָרעמע יידישע געסלעך אין לויצק, געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד. אַדאַנק זיי איז דער כוליגאַניזם אַ ביסל איינגעצוימט געוואָרן.

ס׳האָבן זיך אָבער געמערט פאַרשידענע ענדעקישע און פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. די ענדעקישע כוליגאַנעריע האָט אויפגעהויבן פראַנק און פריי דעם קאָפּ. די שוואַרצע מונדירן מיט די שלענגלעך אויף די אַרבל האָבן באַהערשט די לויצקער גאַסן. די אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן געהאַט זייער זיך־אָרט אויף דער שענקעוויטש־גאַס, האָבן אויסגעשפּרייט זייער ממשלה איבער דער נישט־יידישער באַפעלקערונג און אַריינגעדרונגען אין אַלע שפּעלטעלעך פון פּוילישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לויצק. אין דער זעלבער צייט האָבן אויפגעלעבט די אוקראַאינישע פּעטליוראָווצעס. ס׳האָט מיט זיי געראַיעט יעדן זונטיק ביים סאָבאָר. די פּעטליורישע מונדירלעך האָבן זיך אָנגעהויבן פילן ווי ביי זיך אינדערהיים. דער האַס קעגן די יידן האָט זיי פאַרסמט די מוחות.

מיטן דערנענטערן זיך פון דער מלחמה האָט זיך די לאַגע פון די יידן אין לויצק נאָכמער פאַרערגערט. ביינאַכט איז געווען אַ פחד צו גיין איבער דער קראסנער בריק, שוין אָפּגערעדט וועגן בענעס בריק. דאָרט האָט געהערשט די פּעטליורישע דרוביטקאָ־גרופּע, וועלכע האָט זיך שפּעטער טרויעריק אויסגעצייכנט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

אין סעפּטעמבער 1939, ווען די היטלעריסטישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די פּוילישע טעריטאָריע, איז דער יידישער באַפעלקערונג פון לויצק באַפאַלן אַ גרויס אומרו. די יידישע באַפעלקערונג האָט געגראָבן שוץ־גראָבנס קעגן דער היטלעריסטישער אַרמיי. אָבער די פּראָ־היטלעריסטישע עלעמענטן צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט דערויף געקוקט מיט שפּאָטישע בליקן, גלייך ווי דער אַריינמאַרש פון דער היטלעריסטישער אַרמיי וואָלט גאָר פאַר זיי באַדייט אַ נאַציאָנאַלער זיג. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און געשטאָכן אַלעמען די אויגן מיט זייער פריילעכקייט.

די אָרטיקע פּוילישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויפצומאַכן די געשעפטן. מ׳האָט אָנגעהויבן מאַסנווייז צו קויפן פאַרשידענע פּראָדוקטן. צוויי יידישע הענדלער זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר כלומרשט נעמען צו־הויכע פרייזן. אויף די טירן פון זייערע געשעפטן זענען געהאָנגען אויפשריפטן: „דאָ איז געווען אַ פּאַסקאַזש (שפּעקולאַנט), וועלכן מ׳האָט אַרויסגעשיקט קיין קאַרטוז־בערעזע״. יעדן יידישן הענדלער האָט געדראָט דער דאָזיקער גורל.

אויף צומאָרגנס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שטראָם אַנטלאָפענע יידן פון די צענטראַלע וואָיעוואָדזטוועס פון פּוילן. יידן מיט העק און פּעק, הונגעריק און דורשטיק, דערשעפּט פון די לאַנגע מאַרשן, האָבן געזוכט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. עלטערן האָבן געזוכט זייערע קינדער, קינדער האָבן געזוכט זייערע עלטערן. די געשרייען און האַרצרייסנדיקע געוויינען האָבן זיך געהערט אויף טריט און שריט. יידן האָבן געזוכט באַקאַנטע און קרובים, ביי וועמען זיך אָנצושפּאַרן און אויסרוען פונעם לאַנגן און מאַטערנדיקן וועג. אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט מלבושים.

ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג — מ׳האָט אים מורא אָפּן אַרויסצוזאָגן — אַז די רויטע אַרמיי איז אַריבער די גרענעץ און מאַרשירט קעגן דער דייטשער אַרמיי. באַלד ווערט מען געוואָר, אַז די רויטע אַרמיי האָט שוין פאַרנומען ראָוונע און מאַרשירט קיין לויצק. אַ שטראַל פון האָפענונג באַווייזט זיך אויף די יידישע פּנימער. יידן ווערן ביי זיך האָפערדיקער. דאַקעגן איז געוואָרן טרויעריק און קאַלעמוטנע אויף די הערצער פון די פּעטליוראָווצעס, ענדעקעס, פּאָליציי־באַאַמטע. די דאָזיקע עלעמענטן פאַרלאָזן אויף גיך לויצק.

ס׳באַווייזן זיך די ערשטע טאַנקען פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע ווערן ערטערווייז באַגריסט דורך יידישע יוגנטלעכע מיט רויטע פענער. די יונגעלייט, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון לויצק, קערן זיך אום צוריק אין זייער היימשטאָט אויף די רוסישע טאַנקען. אויפן האַרצן ווערט פריילעך.

יעדער טאָג ברענגט מיט זיך נייעס. אָט הויבט מען אָן צו פּאַספּאָרטיזירן די איינוווינער. נישט יעדער איינער האָט דאָס רעכט צו באַקומען אַ פולבאַרעכטיקטן פּאַספּאָרט. פאַר געוויסע בירגער, אויך יידן, ווערט אָנגעווענדט דער פּאַראַגראַף 13 — זיי האָבן נישט קיין רעכט צו וווינען אין זייער געבורטסשטאָט.

אַ געוויסע נאַכט זענען אויפגעזאַמלט געוואָרן אַלע נישט־אָרטיקע איינוווינער, וועלכע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טיף רוסלאַנד.

ס׳גייען אַזוי פאַרביי טעג, וואָכן און חדשים. ס׳הייבן אָן אָנצוקומען נישט קיין פריילעכע גרוסן פון דער דייטשער זייט. יידן ליידן, יידן ווערן געפּייניקט, דער יידישער חורבן איז גרויס. מ׳פילט, אַז איראָפּע שטייט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. די דייטשע בעסטיע גרייט זיך צום ווילדן שפּרונג. רוסלאַנד אָבער זעט דערווייל גאָרנישט. זי האַלט אין איין ליפערן פּראָדוקטן קיין דייטשלאַנד. אין נידעוו איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פון וואַנען ס׳ווערן איבערטראַנספּאָרטירט גרויסע מאַסן פון פאַרשידענע פּראָדוקטן. אין דער זעלבער צייט מערן זיך די רייען ביי די רעגירונגס־געשעפטן. דער שוואַרצער האַנדל בליט. פון צייט צו צייט ווערן צוליב דעם לויצקער איינוווינער אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט.

דעם 22־טן יוני 1941 איז לויצק ווידער אַמאָל באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דער דייטשער אַוויאַציע. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן ס׳לעצטע און טראַגישסטע קאַפּיטל פון דער לויצקער יידישער באַפעלקערונג.

ד"ר מ. גיבער / ניו־יאָרק

טאָרטשינער יידן און זייער פאַרבינדונג מיט לויצק

טאָרטשין האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 5000 איינוווינער, צווישן זיי העכער 3000 יידן. ליגנדיק אויפן שליאַך פון לודמיר קיין לויצק, איז טאָרטשין געווען בלויז 20 קילאָמעטער ווייט פון לויצק.

געווען אַ צייט, ווען קראַסנע, היינט אַ טייל פון לויצק — נאָכדעם ווי איבערן טייך סטיר איז אויסגעבויט געוואָרן די בריק — האָט געהערט צום טאַרטשינער „וואלאסט".

טאָרטשין האָט נישט געהאַט קיין אייגענע באַן־סטאַציע. צווישן דעם קנאַפן צענדליק בעלי־עגלות, וואָס פלעגט באַדינען ס'שטעטל מיט סחורה־און פּאַסאַזשירן־טראַנספּאָרט, זענען בלויז צוויי געפאָרן קיין ראָזשישטש. די איבעריקע פלעגן קורסירן קיין לויצק. אפילו די פּאָסט פלעגט טאָג־טעגלעך קורסירן אויף אַקס צווישן דיביידע דערמאָנטע שטעט.

לויצק איז שטענדיק געווען די גרויסע שטאָט, וואָס האָט געלאָקט און באַצויבערט ס'טאָרטשינער קינד. ווען אַ קינד האָט אַרויסגעוויזן אַ חשק צום לערנען, האָט מען אים געשיקט אין דער לויצקער ישיבה, בית־ספר, אָדער גימנאַזיע, אָדער גאָר לערנען אַ פאַך. ווען אַ כלה האָט געפאָדערט בעסערע אויס־שטאַטונג, האָט מען אויך געמוזט אָנקומען קיין לויצק.

ווען אַ טעאַטער אָדער צירק, פלעגט קומען אויף גאַסטראָלן קיין לויצק, זענען מאַנכע פון די פּני פון טאָרטשין געפאָרן אין שטאָט אַריין זען די פאָרשטעלונג. שוין אין ערשטן יאָרצענדליק פון לויפנדיקן יאָרהונדערט איז געווען אַ שטאַרקע גייסטיקע פאַרבינדונג צווישן לויצק און טאָרטשין.

כאָטש אַ קאַפּעטשקע אָפּגערוקט אין אַ זייט, איז טאָרטשין נישט געווען אָפּגעשטאַנען פון וועלטלעכער טעטיקייט.

שוין סוף פאָריקן יאָרהונדערט קומען אויף אין שטעטל נייע כוחות וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נייע באַוועגונגען — אַלגעמיינע און יידישע.

ליטעראַרישער קלוב אין טאָרטשין (1912)

Торчинское Еврейское Двухклассное Училище „Талмуд-Тора" 1912

די השכלה־באַוועגונג האָט געהאַט איר איינפלוס אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל. ס׳זענען אַנטשטאַנען די חובבי־ציון־קרייזלעך. די שפּעטערדיקע יוגנט ווערט טעטיק אין דער ציון־באַוועגונג. ס׳אַנטשטייען פאַרשידענע ליטעראַרישע און אַנדערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וועמענס ציל ס׳איז געווען אויפצוהייבן די באַפעלקערונג אויף אַ העכערער קולטורעלער מדרגה. ס׳זענען אויך אַנטשטאַנען אָרגאַניזאַציעס צווישן דער האָרעפּאָשנער און אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג.

אין יענע יאָרן פלעגט די אַקטריסע פון לויצק, באַשע לערנער, זייער אָפט קומען צו אונדז אין שטעטל, ווו זי האָט צוזאַמען מיט יאַנקל גאַלפּערסאָן, איטע פליישער, בערל וועכטער, גרישא לערנער, זוניא קאָן, זישע באַגלייבטער א.א. אָרגאַניזירט אַ טעאַטער־גרופּע און געשפּילט טעאַטער.

די אַמאַטאָרן־גרופּע, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט אין יאָר 1906, איז געווען טעטיק ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. די איינקונפטן פון די פאָרשטעלונגען זענען פאַרווענדט געוואָרן פאַר דער קינדער־שול, ביבליאָטעק א.א.וו.

טאָרטשין האָט אַלעמאָל אַרויפגעקוקט מיט גרויס דרך־ארץ צו דער גרעסערער שטאָט לויצק. זי האָט אָבער אויך פאַרמאָגט אַן אייגענע רייכע פאָלקסטימלעכקייט און אַ וואַרעמע קולטור־אַטמאָספערע. אונדזער יוגנט האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געשאַפן אַ דראַמאַטישן קרייז, וועלכער האָט זיך פאַרדינט אויף שבחים מצד די לויצקער אַקטיאָרן.

לויצקער פלעגן אָפט קומען אויף די אינטערעסאַנטע דיסקוסיע־אָוונטן, וואָס מענדל צוקער, הערשל פּעל א.א. האָבן ביי אונדז איינגעאָרדנט.

אינערהאַלב דער גרופּע האָבן עקזיסטירט פאַרשידענע פּאָליטישע מיינונגען. דאָך האָט דאָס נישט געשטערט דער צוזאַמענאַרבעט אויפן טעאַטער־געביט. די הכנסות ווערן פאַרטיילט יעדער אָרגאַניזאַציע, אומאָפּהענגיק פון איר פּאָליטישן פּנים.

דער ערשטער וועלט־קריג האָט מיט זיך פאַר טאָרטשין געבראַכט אַ פולשטענדיקן חורבן.

אין רעזולטאַט פון די קריגס־אָפּעראַציעס ווערט דאָס שטעטל אינגאַנצן אָפּגעברענט. גאָר שנעל קומט פאָר די ווידעראויפבויונג פון דער געגנט. ס׳ווערן אויסגעברוקירט די וועגן, וואָס פאַרבונדן טאָרטשין מיט לויצק. דאָס פאַרקירצט די קאָמוניקאַציע, וועלכע הויבט שוין אָן פאָרצוקומען אויף אויטאָבוסן. אין דער צווישנצייט טראָגן זיך פיל טאָרטשינער איינוווינער אַריבער קיין לויצק. צווישן אַנדערע האָבן זיך אַריבערגעצויגן פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

ד״ר ביילין, זישע באַגלייבטער, יאָנטל אַרמעל, אברהם און גיטל אַרמעל, שייקע ווייסבערג, יצחק יוז מיט זיין פאַמיליע, איטע דאַווידסאָן (גארבאטש), עוזר טובלין, ישראל שוואַרץ, מרדכי שיינשפּאַן, ישראל ווייסענבערג, מאָטקע שוואַרץ, חיים גערשנזאָן מיט דער משפּחה, שמואל ראָציעס, ישראל און קיילע (דער פּוילישער), משפּחה ראַטנאָווסקי, אברהם לייב באָנציעס, בן־ציון קאָפּעלמאַן, פוקס דער פעלדשער, לייב טאָפּלער, משפּחה האָכמאַן, אברהם גאָרענשטיין, שמחה און מרים שניידער.

צווישן די אויסגערעכנטע זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען שפּעטער געווען טעטיק אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט אין לויצק.

שייקע ווייסבערג

ד״ר ביילין, וועלכער איז געווען אַקטיוו אויפן געזעלשאַפטלעכן באָדן אין טאַרטשין און איר געווידמעט פיל ענערגיע, איז דערנאָך געוואָרן אויך אַקטיוו אין לויצק. אין טאַרטשין האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך אָנגעזעענע בעלי-בתים, אָרגאַניזירט אַ קינדער-שול, אַ שפּאַר- און ליי-קאַסע, אויפגעבויט אַ שאָסיי אין שטאָטישן טייל, אויפגעשטעלט צוויי פּלומפּן, וואָס האָבן געליפערט פריש וואַסער פאַר דער באַפעלקערונג.

אויך אין לויצק ווייזט ער אַרויס די זעלבע ענערגיע. ווערט פּרעזעס אין דער פאָלקס-באַנק, גיט אַרויס אַ צייטונג א.אַ.וו.

די פאַמיליע גערשנזאָן איז טעטיק אויפן ציוניסטישן געביט. נאָכן טויט פון פאָטער פאַרלאָזן זיי לויצק און זענען עולה קיין ארץ-ישראל, וווּ זיי וווינען אין חיפה.

שייקע ווייסבערג, ווי נאָר ער קומט אָן קיין לויצק, וואַרפט ער זיך אַריין מיט זיין גאַנצער ענערגיע אין דער אַקטיווער טעטיקייט פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס, וווּ ס׳איז נויטיק מאַטעריעלע און פיזישע הילף. ער איז אַקטיוו אין שול-וועזן, קינדער-היים, ביבליאָטעק, ווערט אויסגעוויילט אַלס פּאַרזיצער פון לויצקער פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. נאָך זיין חתונה מיט אסתר יוז, זענען זיי ביידע טעטיק אינעם לויצקער אַמאַטאָרישן דראַמאַטישן קלוב. ביי דער מיטאַרבעט פון באַוווּסטן לויצקער אַקטיאָר לייבטשע לערנער קומען פאָר אָפּטע טעאַטער-פאָרשטעלונגען. ווען ער האָט שוין באַוויזן אויפצושטעלן אַ פאַמיליע ווערט ער אַ רייכער סוחר און איז מצליח אין זיינע געשעפטן.

ווען די באָלשעוויקעס זענען אַריינגעקומען קיין לויצק אין יאָר 1939, ווערט ער אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר. אַלס גרויסער סוחר ווערט ער באַשולדיקט אין פיינטשאַפט צו דער נייער סאָוויעטן-מאַכט. ער ווערט פאַראורטיילט אויף 8 יאָר לאַגער. ער פאַרלאָזט רוסלאַנד נאָכן ענדיקן זיך פון צווייטן וועלט-קריג, קומט דורך אורוגוואַי קיין בראַזיל ווּ ער שטאַרבט אין 60-טן יאָר פון זיין לעבן.

בעני טויבער, אַ טאַרטשינער, געלעבט ביזן יאָר 1928 אין לויצק, איז אויך געווען דאָרט טעטיק און פיל בייגעטראָגן מיט זיין ענערגיע. צוזאַמען מיט ד״ר ביילין איז ער געווען פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון דער פאָלקס-באַנק, און במשך פון 5 יאָר — סעקרעטאַר פון יידישן האַנטווערקער-פאַראיין אין לויצק. אין ניו-יאָרק איז ער געווען אַקטיוו אין דער טאַרטשינער לאַנדסמאַנשאַפט.

נישט ווייניק טאַרטשינער האָבן זיך אַקטיוויזירט אויפן רעוואָלוציאָנערן געביט און געוואָרן הייסע אָנהענגער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַריבער קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווּ זיי האָבן אָנטיילגענומען אינעם בויען אַ נייַ לעבן — לויט זייערע באַגריפן.

אַ סך טאַרטשינער פאַרלאָזן ס׳שטעטל און לאָזן זיך אויף וועגן און אומוועגן קיין ארץ-ישראל, ווּ זיי נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל און טראָגן אַריין זייער גרויסן ביישטייער אינעם אויפקום פון מדינת ישראל. פיל אַנדערע לאָזן זיך מעבר לים, קיין אַמעריקע, ווּ זיי בויען אויף פאַר זיך אַ נייַ לעבן.

מערקווירדיק, ווי די אַמאָליקע וואַרעמע און היימישע אַטמאָספערע אין שטעטל ווירקט נאָך ביזן היינטיקן טאָג און האַלט אונדז אַלע, ווּ נאָר מיר געפינען זיך, צוזאַמען.

נאָך אין דער צייט פון ערשטן וועלט-קריג, אין יאָר 1915, זענען מיר, טאַרטשינער לאַנדסלייט אין ניו-יאָרק, געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַ הילפס-קאָמיטעט פאַר די טאַרטשינער יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער אַלטער היים. מיר האָבן אויך אַרויסגעוויזן זאָרג פאַר אַלע טאַרטשינער, וואָס זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. מיט אונדזער הילף איז אין טאַרטשין אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שפּאַר- און ליי-קאַסע, וועלכע האָט געגעבן הלוואות דעם אָרעמען בעל-מלאכה און אָרעמען קרעמער און זיי דערמעגלעכט זיך צו שטעלן אויף די פיס נאָכן חורבן פון דער מלחמה. מיר האָבן אויך געשטיצט די תלמוד-תורה און תרבות-שול. אין יאָר 1923 האָבן די טאַרטשינער אין אַמעריקע איינגעזען די נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ טאַרטשינער לאַנדסמאַנשאַפט. אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט ציילט דאַן ביז 200 מיטגלידער. מיר פירן אַ לעבהאַפטע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייט.

אין די יאָרן פון צווייטן וועלט-קריג האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ פילזייטיקע הילף פאַר אונדזער שארית-הפליטה, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען פון חורבן און בלייבן לעבן.

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל צייכענען זיך אויס די טאַרטשינער לאַנדסלייט אויפן געביט פון העלפן ז׳ער יונגער מדינה און נעמען אָנטייל אין אַלע פּאָליטישע און געלט-קאַמפּיינען. מיר שיקן אַרויס פיל הילף די אַלע, וואָס זענען געקומען קיין ישראל און נעמען אָנטייל אין איר אויפבוי.

זייער אַקטיוו צייכענען זיך אויס די טאַרטשינער פרויען אין דער לאַנדסמאַנשאַפט אַדאַנק וועמען ס׳ווערן געשאַפן פיל מיטלען, מיט וועלכע מיר קומען צו הילף די נויטבאַדערפטיקע פּליטים. אונדזערע פרויען שאַפן די נויטיקע וואַרעמע חברישע אַטמאָספערע, וועלכע צעמענטירט אונדז אין איין גאַנצקייט.

מיר פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אייניקע אונדזערע לאַנדסלייט דורך שאַפן פונדאַציעס ביי וויכטיקע אינסטיטוציעס אין ישראל. אַזוי האָבן מיר פאַראייביקט לזכר-עולם דעם נאָמען פון ד״ר סאַמועל קאַוואַלער ביי דער ירושלימער אוניווערסיטעט, אין מעדיצינישן פאַקולטעט.

אויפן נאָמען פון אונדזער לאַנגיאָריקן לאַנדסמאַנשאַפטס-סעקרעטאַר יחיאל גאַרבער ווערט אויפגעבויט אַ שפּיל-פּלאַץ אין עפולה.

דאָס אַלץ האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער טעטיקייט פון אַ גרופּע טוער מיט ברוך טשאַפּניק בראש. אין דער דערמאָנטער גרופּע, וועלכע האָט פיל בייגעשטייערט צו אונדזער טעטיקייט, געפינען זיך:

מעק ראַזעל, אייזיק שיפּריס, ד״ר יעקב טובלין, ד״ר מרדכי יונה גיבער, אברהם גערשנזאָן, אשר גאַרבער, משה גאָלדוועבער, עמיל גרינבערג, סעם שטערן, סעם וואַגשאַל, פאַני טובלין, העלען קעטש, חנה גערשנזאָן, אסתר גאַרבער, העלען שפּירא א.א.

מ ו ס ד ו ת
כ ל כ ל י י ם
וסוציאליים

ווירטשאפטלעכע
און סאָציאַלע
אינסטיטוציעס

אלתר באַרדיטש / באַלטימאָר

די צווייטע לויצקער ליי־און שפּאַר־קאַסע

שוין אין די ערשטע יאָרן פון XX יאָרהונדערט האָבן אין לויצק עקזיסטירט צוויי יידישע קרעדיט־אינסטיטוציעס: „קרוינשטיינס באַנק און די „קאָמערטשעסקי באַנק". ביידע האָבן הויפּטזעכלעך באַדינט דעם פאַרמעגלעכן קלאַס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

עס האָט זיך אפילו אויך געפונען אין מאָטיע כאַראַקס מויער די „פּערוואָיע לוצקאָיע ססודאָ־סבערעגאַטעלנאָיע טאָוואַרישטעסטוואָ" מיט אַ קליינער קריסטלעכער מיטגלידערשאַפט פון אַרום 25. זי איז געווען אָפן נאָר 2 טעג אין וואָך און וויניק באַוווּסט אין שטאָט. יידן, אַלנפאַלס, זענען אַהין נישט אַריינגענומען געוואָרן.

די יידישע האַנטווערקער און קליינהענדלער פון אונדזער שטאָט האָבן זיך אין יענע שווערע יאָרן, נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג, זייער געניטיקט אין הילף. מערסטנס אין אַ ליי־קאַסע וווּ זיי זאָלן קאָנען קריגן קליינע הלוואות, וועלכע זאָלן זיי דערמעגלעכן אָנצוגיין און ציען דאָס ביסל חיונה פאַר זייערע פרויען און קינדער.

סאַלאָמאָן כאַיט, דער באַוווּסטער לויצקער אַדוואָקאַט, דער זון פון דעם דאַן פאַרשטאָרבענעם, געוועזענעם קאַזיאָנע־ראַבינער פון לויצקער באַצירק, אַ מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, האָט אונטערגענומען צו פועלן ביי דער צאַרישער רעגירונג אַ דערלויבעניש פאַר אַ יידישער ליי־ און שפּאַר־קאַסע אין לויצק, בכדי צו קאָנען פאַרלייכטערן די נויט פון די האַנטווערקער און קליינהענדלער. ער האָט גלייך באַקומען די קאָאָפּעראַציע און מיטהילף פון איניקע עסקנים אין שטאָט. נאָך אַ פּאָר יאָר שתדלנות און שווערע אָנשטרענגונגען האָט ער ענדלעך די דערלויבעניש געקריגן מיט אַ צוזאָג אויך וועגן טיילווייזער שטיצע פון דער מלוכהשער באַנק.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ לאַנגע צייט דאָס איינצואָרדענען און צוגרייטן. קודם כל איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג, ראַט און רעווידיר־קאָמיסיע פון די אַלע עסקנים, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן סאַלאָמאָן כאַיטן דאָס צו דערגרייכן. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ווערביר־אַקציע פאַר מיטגלידער און ענדלעך האָט זיך די יידישע „ווטאָראָיע לוצקאָיע ססודאָ־סבערעגאַטעלנאָיע טאָוואַרישטשעסטוואָ" (די צווייטע לויצקער ליי־ און שפּאַר־קאַסע) אָפיציעל געעפנט אין קלמן גאָלדבערגס מויער, אויף דאָמיניקאַנסקאַיאַ, קעגנאיבער די בודקעס אויפן מאַרק־פּלאַץ.

מיטגלידער אָדער „פּיישטשיקעס" — ווי מען האָט זיי גערופן — וואָס האָבן איינגעצאָלט דעם 10־רובלדיקן פּיי, האָבן גלייך באַקומען אַלע פּריווילעגיעס, וואָס די ליי־ און שפּאַר־קאַסע האָט געקאָנט געבן. הלוואות זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון 25 ביז 200 רובל אויף אַ קליינעם פּראָצענט און קליינע וועכנטלעכע אויסצאָלונגען, אונטער צוויי חתימות, דעם לייערס און דעם גוט־זאָגערס אָדער זשיראַנטס. מיט דער צייט האָבן איך אָנגעהויבן אַריינקומען שפּאָרונגען פון אַ סך וואָס פלעגן קלייבן געלט אויף אַ נדן, אָדער אויף אַנדערע צוועקן. די רעגירונג האָט אויך בייגעשטייערט איר צוגעזאָגטן חלק, און די ביז איצטיקע שווערע לאַגע פון די האַנטווערקער און קליינהענדלער האָט זיך גענומען פאַרגרינגערן און פאַרבעסערן.

אָנגעשטעלטע אין דער צווייטער ליי־און שפּאַר־קאַסע

דערביי איז אויך געווען דאָס געפיל, אַז יעדער איז אַ שותף פון דער זעלבסטהילף־אינסטיטוציע.

אין איינקלאַנג מיט די רעגולאַציעס פון רעגירונגס־געזעץ, פלעגט יעדעס יאָר אַראָפּקומען אַ רעוויזאָר פון דער מלוכהשער אָפּטיילונג אין ראָווּנע רעווידירן די ביכער, די אַרויסגעגעבענע הלוואות, אָפּשפּאָרונגען און אַלע אַנדערע טראַנזאַקציעס, וועלכע זענען אין פאַרלויף פון יאָר דורכגעפירט געוואָרן, און שטענדיק איז אַלץ געפונען געוואָרן אין פולער אָרדענונג.

אין טעאַטער „אָדעאָן" פלעגן אויך פאָרקומען די אַלגעמיינע יערלעכע פאַרזאַמלונגען, וואַלן פון באַאַמטע; עס פלעגן אָפּגעגעבן ווערן באַריכטן און געמאַכט ווערן פּלענער פאַר דער צוקונפטיקער אַרבעט.

די קאַסע איז געווען טעטיק יעדן טאָג אויסער שבת, פון 10 פרי ביז 2 נ.מ. און פון 5 ביז 7 אָוונט. פרייטיק — פון 10 פרי ביז 2 נ.מ. יעדן דינסטיק אין אָוונט איז זיך צונויפגעקומען די פאַרוואַלטונג און די ראָט־באַאַמטע אויף צו באַשטעטיקן די אַפּליקאַציעס פאַר הלוואות, די ביטעס צו פאַרלענגערן דעם טערמין פאַר די יעניקע, וואָס האָבן פאַרפעלט צו מאַכן די צאָלונגען אין צייט. און אָט אויף אַזאַ אופן זענען די ברייטסטע שיכטן פון דער לוצקער יידישער באַפעלקערונג באַדינט געוואָרן מיט אַכטונג און איבערגעגעבנקייט פון די באַאַמטע און פון די אָנגעשטעלטע.

אָט זענען די נעמען פון די בויער און שעפער פון דער אינסטיטוציע — די צווייטע לוצקער ליי־ און שפּאָר־קאַסע — די איידעלע און גוטע מענטשן, פאַרטרעטער פון אַלע שיכטן, וואָס האָבן געווידמעט זיך, זייער צייט און ענערגיע, אָן שום שכר, נאָר לטובת הכלל: סאַלאָמאָן כאַיט, אברהם כיזש, יחיאל איינבינדער (אַ סטאָליער), ליפּא פינטשוק, אברהם לענדער, פנחס אסתרקעס (אַ מוליער), שמואל יצחק איסרסאָן, ד"ר איליא בראָנבערג, יוסף זשיטין, לאַזאַר דאַל, מרדכי דימענט, שלום לייב גאַרבאַזש, פייסי פוטער אָדער פייסי פויגל (שניידער) א. א.

אַלס אָנגעשטעלטע האָבן במשך די אַלע יאָרן געאַרבעט: קאַסירער — מ. קופערמאַן (נאָך זיין טויט האָט זיין פרוי אים פאַרטראָטן), הויפּט־בוכהאַלטער און אָנפירער — יהודה יואל פייערשטיין, געהילפן — אברהם דיקשטיין, אַ זון פון דעם לערער משה דיקשטיין, אלתר באַרדאטש (דער שרייבער פון די שורות) פייערשטיינס אַ קוזין, ביידע אייניקלעך פון דער באַרימטער לוצקער באָבע דבורה; יודל און דוד פוגאַטש פון ווולקע און בערל פינקלשטיין.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין זומער 1914 און מיטן דערנענטערן זיך פון רוסיש־עסטרייכישן פראָנט, איז דאָס לעבן געוואָרן אַלץ שווערער און קריטישער פון טאָג צו טאָג. אָט דער צושטאַנד האָט זיך אויך געמוזט אָפּרופן אויף די בענק אין שטאָט; עס איז אוממעגלעך געוואָרן איינצוקאַסירן די חובות און אויסצאָלן די אָפּשפּאָרונגען.

און ענדלעך, אין אָנהויב פון יאָר 1915, ווען די שטאָט האָט געהאַלטן ביים ווערן אָקופּירט דורך דער עסטרייכישער אַרמיי, האָבן זיך אַלע בענק, איינשליסלעך די לוצקער ליי־ און שפּאָר־קאַסע, צוגעמאַכט און אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

1960

יואל כאַראַק

די „גמילת־חסד־כללי"־קאַסע

סוף יאָר 1931 האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון אַן עקאָנאָמישער ירידה. די קרעדיט־אינסטיטוציעס, אַרום וועלכע דער מיטל־קלאַס האָט געפונען אין אַן עת־צרה אַן אָנהאַלט, האָבן זיך אַ וואַקל־געטאָן.

יואל כאַראַק

ס'האָט פאַר די אויגן אָנגעהויבן צו שוועבן דאָס געשפּענסט פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער וועט אַרויסווייזן אַ טענדענץ זיך צו פאַרשאַרפן און פאַרשווערן די יידן זייער חיונה. מ'האָט זיך אָבער „געטרייסט", אַז זיין אָנקום וועט באַדייטן אַ ווייטערדיקע אָפּשוואַכונג פון דער שלעכט־סיטואירטער יידישער באַפעלקערונג. דאַקעגן וועט דער מיטלשטאַנד, דער ווייט־גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, זיך ווי ס'איז מיט די שוועריקייטן אַן עצה־געבן.

האָט מען דעריבער געגרינדעט די „גמילת־חסד־כללי"־קאַסע. געהייסן האָט עס: מען גרינדעט אַן אינסטיטוציע — נאָר הלוואי מ'זאָל זי נישט דאַרפן!

אָבער דער קריזיס האָט זיך געשטאַרקט און געוואַקסן מיט אַ פיל גרעסערן טעמפּאָ ווי מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט.

מען האָט זיך דאַן נישט אַריינגעטראַכט וועגן אָרגאַניזירן אַ ברייטע און פּלאַנמעסיקע אַרבעט, בכדי זיך צוצוגרייטן אויף יעדער עווענטואַליטעט. צו דעם צוועק האָט מען געדאַרפט אַרייַנציִען די פאַרמעגלעכע שיכטן, וועלכע זאָלן בייהילפיק זיין מיט מאַטעריעלער שטיצע. דאָס האָט געפאָדערט פיל צייט און ישוב־הדעת — און דער קריזיס, וועלכער האָט שוין געהערשט אויף דער יידישער גאַס, האָט דערויף נישט דערלויבט. מיט אַ סומע פון זעקס הונדערט און פינף און צוואַנציק זלאָטעס האָט מען געעפנט די גמילת־חסד־קאַסע.

מען האָט אָנגעהויבן די אַרבעט אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב.

די צייט אָבער האָט אויפגעצוווּנגען אויפן יידישן קיבוץ אין לויצק אַזאַ לאַגע, אַז די ג.ח.ק. האָט זיך געמוזט אַנטוויקלען.

*

אין משך פון איר עקזיסטענץ איז די קאַסע אַדורכגעגאַנגען דריי פעריאָדן. אין דער ערשטער צייט האָט זי דערטיילט קליינע, נישט־פּולע און נישט־אָרגאַניזירטע הילף. דאָס איז געווען אַזאַ מין הצלה פּורתא, פון וועלכער זייער ווייניק יידן האָבן געקאָנט געניסן. מ'האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַרויסגעבן הלוואות פון גאַנץ באַשיידענע סומעס.

אין דער באַריכטס־טעטיקייט פון ערשטן יאָר פיגורירט אַ הלוואה אין דער גרויס פון 5 זלאָטעס. דאָס איז געווען אַן

די אַנפירונג פון דער גמ״ח־קאַסע

עס זיצן פון רעכטס: שירזשיק, באַק, עלקין, כיזש, הרב סאַראַטשקין, דימענט, גאָלדבערג, כאַראַק. עס שטייען: י. סימאַ, האָפּמאַן, געכט, שאַבניוק, פיינטוך, ראַנע, בורשטיין, גאָלדפאַרב, דער שמש פון הרב סאַראַטשקין.

אמתער ציפער! ווען אין אַ צייט אַרום איז דער רעווידענט געקומען לוסטרירן די ביכער פון דער געזעלשאַפט און האָט, כלאחר יד, איבערלויפנדיק די סטאַטיסטיק פון די אַרויסגעגעבענע הלוואות, ווידער באַמערקט די דערמאָנטע ציפער, האָט ער דערויף געקוקט מיט פאַרוואונדערונג. ער האָט נישט געקאָנט תופס זיין, אַז אַזעלכע סומעס דאַרפן עס דעצידירן וועגן פאַרבעסערן, אָדער פאַרערגערן דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון פּעטענט. דער שרייבער פון די שורות האָט אים דאַן אויפגעקלערט: וואָס קלענער די ציפער — אַלץ גרעסער די חשיבות פון דער אַרויסגעגעבענער הלוואה. דאָס פאַרשטייט אויך די יידישע באַפעלקערונג פון לויצק.

שפּעטער איז געקומען די צווייטע שטופּע פון דער טעטיקייט. מ'האָט געמוזט אַנבינדן אַ קאָנטאַקט מיטן אַמעריקאַנער „דזשאָינט דיסטריבושן קאָמיטעט" און אויך מיט די אַמעריקאַנער לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטן.

דאָס איז געווען אַ נויטווענדיקייט, ווייל די נויט, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליבן קריזיס, איז וואָס אַמאָל געוואָרן גרעסער און גרעסער. פריער האָט מען אויף די פאַרוואַלטונגס־זיצונגען דיסקוטירט, צי די לווים מוזן דורכאויס זיין מיטגלידער צי נישט — איצט האָט מען שוין דיסקוטירט וועגן דעם צי די מיטגלידער מעגן ווערן לווים אין קאַסע, צי נישט... פון צייט צו צייט פליסט איין אַ ביטע פון אַזאַ יידן, צו וועלכן מ'האָט נאַרוואָס געקלערט זיך ווענדן, אַלס צו אַ פאַרמעגלעכן סוחר, וועגן געבן שטיצע דער גמ״ח־קאַסע...

די דריטע סטאַדיע פון דער קאַסע־טעטיקייט איז דאַן, ווען זי האָט אויף זיך געמוזט נעמען אַזעלכע אויפגאַבן, וועלכע גרענעצן זיך מיט פּאָליטישע — אין אַ מאָמענט, ווען אין רעזולטאַט פון פּאָליטישע צעטרייסלונגען ווערן יידן אַלץ מער צוגעדריקט צו דער וואַנט און זיי פאַרלירן מאַטעריעל דעם באָדן אונטער די פיס. די גמ״ח־באַוועגונג אין לויצק, ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, מוז נעמען אויף זיך אייניקע פּאָליטישע פונקציעס. די אויפגאַבע איז אַ דאָפּלטע: פון איין זייט טאָר מען נישט צולאָזן צו אַזאַ סיטואַציע, אַז מענטשן זאָלן אַזוי פאַלן, אַז זיי זאָלן זיין געצוווּנגען אַנצוקומען צו בעטל־ברויט; פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען אויספילן אַן ערשטקלאַסיקע יידיש־נאַציאָנאַלע מיסיע, אין אַנבליק פון דער פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטישער כוואַליע.

*

די גמילת־חסד־קאַסע ווערט דער שטיצפּונקט פאַרן אָרעמען בעל־מלאכה און דער אָנשפּאַר פאַרן קליינהענדלער, קרעמער און סאַדאָווניק.

לאָמיר ברענגען אייניקע ביישפּילן. דער שוסטער, נעמענדיק אין גמ״ח־קאַסע אַ הלוואה נישט מער אַפילו ווי 50 זלאָטעס, רעכנט זיך, לויט זיינע באַגריפן, גליקלעך דערמיט, וואָס מיט אַ מזומנעם 50־קער קאָן ער קומען צום לעדער־סוחר מיט אַ דרייסטער פּנים. דער קרעמער פון זיין זייט קרעדיטירט אים פיל מער ווי ער באַקומט פון שוסטער במזומנים. און אַזוי אַרום קויפט זיך דער בעל־מלאכה איין ביסל סחורה און ער קאָן דערנאָך אַרבעטן מיט אַ רויקן קאָפּ און ווי־נישט־איז אויסאַרבעטן זיין פּרנסה פאַר דער וואָך.

אַ יידישער סטראַגאַניאַזש קויפט זיך איין, מיט דער באַקומענער הלוואה, זיין ביסל סחורה ביים הורטאָווניק מיטוואָך, בכדי דאָנערשטיק צום יריד קאָנען לייזן און פאַרדינען אויף פּרנסה.

אַ ייד אַ סאַדאָווניק נעמט איינמאָל אין יאָר אַ גרעסערע הלוואה. אַלס פּאַכטמאַן אין הלכות סעדער און מיט אַ ביסל מזומן געלט, ווערט ער בכבוד אריינגענומען אַלס אַ שותף צו אַ פאַרמעגלעכערן ייד, וועלכער דינגט אָפּ סעדער אַרום לויצק.

פאַרשטענדלעך, אַז די קאַסע איז נישט אַזוי פּאָפּולער צווישן יידן־גבירים אין לויצק. זיי דאַרפן דאָך צו איר נישט אָנקומען... דאַקעגן איז זי שטאַרק פּאָפּולער ביים פּשוטן עולם. דווקא צווישן אָט די פּשוטע מענטשן איז די דאָזיקע אינסטיטוציע פּאָפּולער.

אונדזער אינסטיטוציע, ווי שוואַך פינאַנציעל זי איז נישט, נאָר דאָך האָט זי, אָן דער מיטהילף פון אונדזערע גבירים, און מיט קליינע און באַשיידענע מיטלען אַרויסגעגעבן אין משך פון אירע מאָגערע זיבן יאָר קרוב צען טויזנט הלוואות אויף אַ סומע פון אַ קאַרגן האַלבן מיליאָן זלאָטעס.

די צאָל יידן, וועלכע האָט גענאָסן פון די הלוואות, דערגייט ביז אַ ציפער פון פופציק טויזנט יידישע נפשות!

די באַציונג צום לווה איז נישט ווי צו אַ געפאַלענעם נצרך, צו עפּעס אַ קליין מינדערווערטיק באַשעפעניש. אויף

ווי ווייט אונדזערע באַשיידענע מיטלען דערלויבן, ווענדן מיר אָן אונדזער איבערצייגונגס־קראַפט און זענען משפּיע אויף דעם, אָדער יענעם, אַז ער זאָל זיך דערוועגן און יאָ נעמען אַ הלוואה. און ווי באַוווּסט זענען פאַראַן פיל יידן, וואָס זענען נישט לאַנג געווען אויף אַ גוטער מאַטעריעלער מדרגה, אָבער זיי זענען מיט דער צייט פאַראָרעמט געוואָרן. קאָנען זיי זיך נישט צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז זיי מוזן זיך באַשליסן נעמען אַ הלוואה, וועלכע וועט זיי אַ קאַפּעטשקע אַרויסהעלפן אין זייער געדריקטער מאַטעריעלער לאַגע.

דער לווה פילט די באַציונג צו אים. ער קומט אַריין אין לאָקאַל פון דער גמילת־חסד־קאַסע, ווי צו אייגענע, צו ברידער, וועלכע טוען פאַר אים אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך.

צוליב דער דאָזיקער פּרוכטבאַרער טעטיקייט פון דער קאַסע, זענען די נישט־יידן, וועלכע האָבן זיך מיט איר באַקאַנט, אַריין אין גרויסער התפּעלות. זיי האָבן ערשט דאַן אָנגעהויבן פאַרשטיין אונדזער ספּעציפישע לאַגע און די גרויסע הילף, וועלכע מיר דערטיילן די נויטבאַדערפטיקע.

צוריק מיט 4־5 יאָר האָט דער גלח אַנטאָני יאַגלאָנסקי פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנט ווערק, געדרוקט אין דער לויצקער ביסקופן־קוריער — געווידמעט דער געזעלשאַפטלעכער אויפזיכט (אָפּיעקאַ ספּאָלעטשנאַ) אין לויצק. אינעם דאָזיקן בוך ווידמעט דער מחבר דער גמ״ח־קאַסע עטלעכע וואַרעמע ווערטער, פון וועלכע ס׳איז צו זען, אַז ער איז גוט תופס דעם זין און די אויפגאַבן פון אונדזער אינסטיטוציע, ווייל זי דערלאָזט נישט, אַז אַ גרויסע צאָל מענטשן זאָלן מוזן אָנקומען צו דער סאָציאַלער הילף. אַזאַ עדות־זאָגן פון אַן איינפלוסרייכער פּויליי־שער פּערזענלעכקייט איז זייער און זייער כאַראַקטעריסטיש.

*

דער עצם אינהאַלט פון דער קאַסע באַשטייט דערין, וואָס ער איז מקרב איין ייד צום צווייטן און פאַרבינדט זיי מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אחדות־געפיל, וואָס איז געמיינזאַם פאַרן טוער, לווה א.א.

די קאַסע האָט דערצויגן דעם עסקן, וועלכער האָט תופס געווען, אַז ס׳עקזיסטירט אויסערן אייגענעם „איך״, נאָך אַ נפש מישׂראל, וואָס איז אַ טייל פונעם אייגענעם יידישן ציבור, פאַר וועלכן דער עסקן דאַרף דאָך טאָן. פּונקט אַזוי פילט דער לווה זיין באַדייטונג. ער קומט נישט הכנעהדיק, ווי אַ קלענערער צום גרעסערן. ער קומט ווי ס׳קומט אַ ברודער צו אַ ברודער, וועלכער האָט גראָד מער מעגלעכקייטן און בעסערע געלעגנהייטן אים צו העלפן אין אַן עת־צרה.

ס׳איז מערקווירדיק, אַז די טוער פון דער גמ״ח־קאַסע פילן נישט איינמאָל אַ סאַטיספאַקציע, ווען זיי ווערן געוויר, אַז דער „דזשאָינט״ האָט באַשטימט אַ געוויסע סומע פאַר דער גמ״ח־קאַסע פון אַן אַנדערער שטאָט — לאָמיר זאָגן: ראָוונע, אָדער קאָוועל. פאַר זיי, פאַר די גמ״ח־טוער, עקזיסטירט נישט קיין לאָקאַלער ענין, נאָר אַן אַלגעמיין־יידישער ענין, וועלכער איז נוגע דעם כלל ישראל.

*

די טעטיקייט און דער עצם ענין גמילת־חסד־כללי — האָט אונדז פאַרשאַפט כבוד און אָנזען ביי דער נישט־יידישער עפנטלעכקייט. אויך די רעגירונגס־אָרגאַנען האָבן אָפיציעל אָנערקענט די נוצלעכקייט פון דער אינסטיטוציע. זיי האָבן דאָס געטאָן אין דער פאָרם פון אַ געוויסער סובווענץ, הגם נישט קיין גרויסע, אָבער דאָס איז דאָך געווען אַ געוויסער זשעסט, וואָס האָט געזאָלט הייסן, אַז אויך זיי ווייזן אַרויס אַ פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער ענין. פון צייט צו צייט באַקומען מיר פון דער רעגירונגס־אינסטיטוציע צ.ב.ק. אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס. מיר באַקומען פון דער מלוכה־באַנק פאַר לאַנדווירטשאַפט גרעסערע דיסקאָנטעס אויף אַ קורצן טערמין.

אין די רעגירונגס־קרייזן איז אונדזער אינסטיטוציע באַוווּסט אונטערן העברעישן נאָמען. און אַ פאַקט איז דאָך, אַז נישט איינמאָל טרעפט מען זיך מיט אַן ענטפער פון פּוילישן פינאַנס־מיניסטער: „גמילת־חסד — טאָ יוזש אינגאַ זשעטש״ — גמ״ח דאָס איז שוין אַן אַנדערער ענין! דערויף האָט מען שוין געפונען געלט אין דער רעגירונגס־קאַסע!

אַפילו דער אָנפאַל פון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ״ בעתן איינאָרדענען דעם גמילת־חסד־חודש אין גאַנץ פּוילן אין יאָר 1933, איז אויך פאַר יידן געווען אַ מאָראַלישער געווינס, ווייל ער האָט פאַר דער פּוילישער עפנטלעכקייט אַנטפּלעקט, וואָס פאַר אַ שיינע אָרגאַניזאַציעס מיר האָבן אויפגעשטעלט מיטן ציל אויפצוהאַלטן אונדזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן פיל כבוד.

פּונקט ווי סוף יאָר 1931 האָבן מיר נישט געקאָנט פאָרויסזען אויף וואָס פאַר אַ וועגן די קאַסע וועט דאַרפן גיין און ווי אַזוי זי וועט זיך מוזן פאַרוואַנדלען אין אַ שטיצפּונקט פאַרן כלל־ישראל — אַזוי קאָנען מיר אויך איצט נישט וויסן, וואָס פאַר אַן אויפגאַבן ס׳דערוואַרטן אונדז אין דער צוקונפט.

לויצק, 1938

באַריכט

פון דער געזעלשאַפט „גמילת־חסד־כללי" אין לויצק

געגרינדעט אין יאָר 1931 דורך אַ גרופּע עסקנים מיטן הרב ז. סאַראַטשקין אין דער שפּיץ. באַשטעטיקט דורכן וואָלינער וואָיעוואָדישן אַמט. אַנגעשלאָסן אין אַמעריקאַנער „דזשאָינט דיסטריבושן קאָמיטע" אין פּוילן. מיטגליד פון דער צענטראַלע פון די קאַסעס פאַר אַנפּראָצענטיקע הלוואות „צעקאַבע" אין פּוילן.

גיט אַרויס אַנפּראָצענטיקע הלוואות אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן ביז הונדערט זל. אויף אַ מאָל, אויסצוצאָלן אין 10 וועכנטלעכע ראַטעס, יעדן זונטיק.

גיט אַרויס אַנפּראָצענטיקע הלוואות אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן פון אַמעריקע א. א.

עס געניסן פון הלוואות קרוב פינפהונדערט יידישע פאַמיליעס, פון זיי 60% בעלי־מלאכות און אַרבעטס־מענטשן, 40% קליינהענדלער א. א. פון מיטלשטאַנד־קלאַס.

פאַר דער צייט פון אָנהויב 1932 ביז ענדע 1938 איז צעטיילט געוואָרן הלוואות 9318 (אַן ערך 50000 נפשות), אויף אַ סומע פון 445.000 זל.

אין משך פון דער אָפּגעפלאָסענער צייט איז די קאַסע געשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיט די לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין פאָלגנדיקע שטעט: ניו־יאָרק, אַלבינע, באַלטימאָר, וואַשינגטאָן, טשיקאַגאָ, וויניפּעג א. א.

אין דער פאַרוואַלטונג געפינען זיך:

הרב זלמן סאַראַטשקין שליט"א (פּרעזעס), קלמן גאָלדבערג און אהרן צוויטמאַן (וויצע־פּרעזעסן), יואל כאַראַק (סעקרעטאַר), אהרן פאַדאַראָווסקי (וויצע־סעקרעטאַר), נחמיה גאָלדבערג (קאַסיר), און אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: אליעזר בערגער, דירעקטאָר אברהם האָפמאַן, דירעקטאָר מאיר באָק, יעקב סימאַ, אשר פאַציאָרניק, גרשון מירסקי, אברהם לאַנדסבערג, שמואל מעש, יצחק דימאַנט, נפתל קאַמינסקי, יידל יוכט און נחום גאָלדוואַג.

אין דער רעווידיר־קאָמיסיע:

אליעזר בורשטיין, בעריש גאָלדפעדער, משה העכט, יחיאל איינבינדער און מענדל ליבערמאַן.

קאַסע־באַריכט פון דער גמילת־חסד־קאַסע אין לויצק

פונעם 1־טן אַפּריל ביזן 31־טן דעצעמבער יאָר 1938

קאָנטאָ	הכנסה	הוצאה
קאַסע	277.50	462.12
דזשאָינט און צעקאַבע	3428.00	1625
פקדונות און א. קרעדיט	5478	5420
איינפלוסן פון שטאַט	1308.32	
„ פון אַמעריק. לאַנדס.	237.78	
„ פון הלוואות	82.837.62	85.542
הוצאות		518.10
צוזאַמען	93.567.22	93.567.22

בילאַנס צום 31־טן דעצעמבער 1938 יאָר

1528	דזשאָינט און צעקאַבע	462.12	קאַסע
1528	פקדונות א. א. קרעדיטן	19.580.26	ביי לווים
10.986.38	אייגענער קאַפּיטאַל		
20.042.38		20.042.38	

ש. וואַרקאָוויצקי

יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון

ש. וואַרקאָוויצקי

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט לויצק פאַרמאָגט צוויי שטאַרקע יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון. דאָס זענען געווען: די לויצקער ליי־ און שפּאָר־קאַסע און די לויצקער קאָמערציעלע געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט.

די ערשטע האָט באַדינט די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, בעיקר — האַנטווערקער און קליינהענדלער. זי האָט געהאַט די אונטערשטיצונג פון ייק"א, באַזונדערס האָט זי זיך אָבער באַזירט אויף אייגענע קאַפּיטאַלן און פאַיען. כמעט אַלע קרעדיט־פאָדערונגען פלעגן באַפרידיקט ווערן, חוץ דעם האָט די קאַסע שטענדיק געהאַט אַ גרויסן רעזערוו אין דער מלוכהשער באַנק.

די לויצקער קאָמערציעלע געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט האָט באַדינט די סוחרים. אויך די קרעדיט־פאָדערונגען פון די סוחרים זענען באַפרידיקט געוואָרן דערפאַר, וואָס דאַן האָט עקזיסטירט אַ באַנק־קלירינג און מ'האָט דורך אַלע בענק אין לאַנד געקאָנט דורכפירן גרויסע איבערווייזונגס־אָפּעראַציעס אויף קרעדיט. די באַנק האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענעם אַנזעעוודיקן קאַפּיטאַל און באַדייטנדיקע פאַיען.

בעת דעם מלחמה־שטורעם זענען ביידע אינסטיטוציעס עוואַקוירט געוואָרן און פאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן. צוליב דעם מאָראַטאָריום האָבן זיי נישט געקאָנט אָפּנעמען זייערע חובות, אויסצאָלן די דעפּאָזיטן א. א. וו.

אין 1921 יאָר, ווען דער „דזשאָינט" האָט אָנגעהויבן זיין הילפס־טעטיקייט אויפן געביט פון קרעדיט־קאָאָפּעראַציע, האָט



זיך אין לויצק צונויפגענומען אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוערס און געגרינדעט די פאָלקס־באַנק. די ערשטע עטלעכע הונדערט מאַרק האָט אויסגעליען אברהם קלימבורד. פאַר דעם געלט האָט מען געקויפט עטלעכע טישן, טאַבורעטן, ביוראָ־מאַטעריאַלן און מ׳האָט אָנגעהויבן פירן אַ באַנק. מ׳איז אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט „שאַפן" מיטגלידער און פאַי־קאַפּיטאַל. די באַנק האָט וויזיטירט דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט", שאאן, און געגעבן די ערשטע הלוואה. די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער האָבן געאַרבעט מיט ברען; מ׳האָט געשטיצט די באַנק מיט וואָס נאָר מעגלעך. ווען ס׳האָט אויסגעפעלט געלט, פלעג איך זיך ווענדן צום דעמאָלטדיקן פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג, לאַזאַר דאָל. (ער האָט אַמטירט אין ביוראָ פון עלעקטראָווניע) און שטענדיק האָט ער אַנטקעגנגעטראָגן די נויטיקע סומע. די באַנק איז שיין געוואַקסן און אויסגעברייטערט איר טעטיקייט. אין יאָר 1923 איז זי געשטערט געוואָרן אין איר טעטיקייט דורך דער דעוואַלואַציע פון מאַרק. מ׳האָט זיך אָבער שנעל אויסגעגלייכט און פון דאַן אָן האָט די באַנק ווידער זיך אַנטוויקלט און געבראַכט פיל נוצן אירע מיטגלידער.

אין צווישנצייט האָט אַ גרופּע סוחרים זיך אָפּגעטיילט און געגרינדעט אַ באַזונדערע באַנק, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ שנעלן טעמפּאָ צוליב דער אַלגעמיינער גינסטיקער קאָניונקטור און אונטערשטיצונג פון די סוחרים.

ביידע בענק האָבן געהערט צום וואַרשעווער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד.

אין יאָר 1927 זענען געשאַפן געוואָרן: די וואָלינער אויפבוי־באַנק און די צענטראַלע ליי־באַנק, וואָס מיט דער צייט זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע אינסטיטוציעס מיט באַדייטנדיקע קאַפּיטאַלן. די אויפבוי־באַנק אַליין האָט געהאַט העכער אַ מיליאָן זלאָטעס דעפּאָזיטן און איבער 150.000 זל. אייגענעם קאַפּיטאַל. די באַוועגונג איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳פלעגט זי רופן „קאַזאַטינער וואָקזאַל". די באַנק האָט דורכגעפירט גרויסע געלט־אָפּעראַציעס און די יערלעכע אומזאַצן האָבן דערגרייכט צענדליקער מיליאָנען זלאָטעס.

אין יענער צייט האָט אויך געאַרבעט אין אַ באַדייטנדיקן פאַרנעם די באַנק קרעדיטאָווע־טאָוואַראָווי, וואָס האָט געהאַט אַ רעדיסקאָנטאָ־קרעדיט אויף פראַכטן אין באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָוועגאָ, אָפּטיילונג אין לויצק.

אין יאָר 1930, אונטערן דרוק פונעם עקאָנאָמישן קריזיס, האָבן זיך אַלע אויבנדערמאָנטע קאָאָפּעראַטיוון איינגעבראָכן.

אויף די חורבות פון די בענק זענען אַנטשטאַנען די „באַנק אודזשאַלאָווי" און דערנאָך — די „באַנק פּאָווּשעכני". נאָך אייניקע יאָר אַרבעט פון אַ קלענערער באַדייטונג זענען זיי שטיל און אומבאַמערקבאַר פאַרשוווּנדן.

אין יאָר 1932 איז געגרינדעט געוואָרן די „באַנק גאָספּאָדאַרטשי", וועלכער ס׳האָט זיך איינגעגעבן, אונטער דער שטרענגער און ענערגישער פירונג פון ה׳ א. האָפמאַן, צו שאַפן אַ באַדייטנדיקן אייגענעם קאַפּיטאַל, אָרגאַניזירן אַ מיטגלידערשאַפט און פעסט אַריינוואַקסן אינעם לויצקער באָדן, ברענגענדיק די מיטגלידער גרויסע נוצן.

אין 1934 יאָר איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָפּעראַטיווע באַנק־געזעלשאַפט אונטער דער אָנפירונג פון וואַרקאָוויצקי. די באַנק ציילט ביי אַ הונדערט מיטגלידער. זי האָט באַקומען אַ נאָמען און צוטרוי אַ דאַנק איר ראַיעלן דערליידיקן אינקאַסעס. די באַנק האָט אַן איינגעפירטע קליענטעלע, גיט אַרויס הלוואות, אָבער איר אייגענער קאַפּיטאַל און די אָפּעראַציעס זענען באַדייטנדיק קלענער פון דער באַנק גאָספּאָדאַרטשי.

לויצק, 1938

די געזעלשאַפט „אָרט“

די „אָרט“־געזעלשאַפט פירט אָן מיט אַ וויכטיקער אַרבעט. זי באַמיט זיך צו ענדערן די פאַרקריפּלטע סטרוקטור פון די יידן אויף זייערע איצטיקע וווין־ערטער; זי שולט אויס פאַכקאַדרען, וואָס זאָלן זיין, ווי געהעריק, צוגעגרייט צום לעבן; זי אָרגאַניזירט האַנטווערקער־וואַרשטאַטן און פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטס־אָביעקטן, ווו די יוגנט ווערט צוגעגרייט צו אַ פּראָדוקטיוו לעבן. די געזעלשאַפט פאַרמאָגט אייגענע געביידעס און וואַרשטאַטן אין כמעט אַלע שטעט פון וואָלין, ווו ס'ווערט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט, ביי דער מיטהילף און שטאַרקער פאַראינטערעסירונג מצד דער גאַנצער באַוווּסטזיניקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

יאָר־יערלעך, ערב די זומער־פעריען, קומען טאַקע קיין לויצק, ווו ס'געפינט זיך דאָס זיצאָרט פון דער האַנטווערקער־קאַמער, צענדליקער אַבסאָלווענטן פון די „אָרט“־שולן, בכדי דאָ צו באַלייגן זייערע עקזאַמענס און באַקומען געהעריקע דיפּלאָמען.

בלויז אין לויצק, ווו ס'געפינט זיך דאָס זיצאָרט פון דער האַנטווערקער־קאַמער און עקזאַמינירקאָמיסיע, האָט דער גורל געוואָלט, אַז ס'זאָל זיך, בשום אופן, נישט קאָנען פאַרוואָרצלען קיין געזעלשאַפט „אָרט“ און ס'זאָל נישט געגעבן ווערן קיין פאַכדערציונג.

די לעצטע פאַר יאָר האָבן מענטשן זיך גענומען צום ענין און פּרובירט אויפלעבן דעם „אָרט“, אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות, וועגן וועלכע מיר וועלן דאָ נישט רעדן, האָט זיך ווידער אַלץ אָנגעשלאָגן אין אַ וואַנט פון שטרויכלונגען און כל מיני מניעות, וועלכע ס'איז שווער געווען צו באַקעמפן.

לויט אַ ספּעציעלן באַשלוס פון דער לויצקער יידישער קהילה, ביי דער מיטווירקונג פון איר פּרעזעס ה. פּרישבערג און אויך הרב סאָראָטשקין, איז די קהילה־געביידע אָפּגעגעבן געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער פאַכשול. סאָראָטשקין האָט אויך אויסגעפועלט ביי דער „אָרט“־צענטראַלע, אַז זי זאָל זיך אויך באַשטייערן און דערפירן צו דער שנעלער עפענונג פון דער געפּלאַנטער פאַכשול. די צענטראַלע האָט צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן און דעלעגירט אירס אַ דעלעגאַט, דעם אינזשיניער בּוּכווייץ, ער זאָל באַטראַכטן די געביידע און פעסטשטעלן, צי זי טויג פאַרן געפּלאַנטן ציל. אינזשיניער בוכווייץ האָט טאַקע פעסטגעשטעלט, אַז נאָך אַן אַנטשפּרעכנדיקן רעמאָנט וועט די געביידע זיין ווי צוגעפּאַסט פאַר דער שול.

די צענטראַלע פון איר זייט טוט אַלץ בכדי צוצויאָגן די רעאַליזאַציע פון אונדזער פּלאַן. ס'זענען שוין צוגעגרייט געוואָרן די נויטיקע פּלענער, צייכענונגען און קאָסט־אויסרעכענונגען; ס'זענען שוין אַדורכגעפירט געוואָרן די נויטיקע קאָנפערענצן און אינטערווענצן, און ס'איז צו האָפן, אַז ענדלעך איצט, נאָך אַלע גילגולים, וועט די אידעע וועגן „אָרט“ ווערן רעאַליזירט.

אויסער דעם עיקר־פּראָיעקט פון דער פאַכשול, פירט די פאַרוואַלטונג מיט ד"ר איזידאָר קראָנשטיין און דירעקטאָר ב. גרייצער בראש, אויך אַן א.ג. קליין־אַרבעט. זיי האָבן ווערבירט 169 מיטגלידער. דאָס זענען מענטשן, וועלכע האָבן אַ וואַרעמען אינטערעס פאַר דער „אָרט“־אַרבעט. ס'עקזיסטירט שוין אַ קאָנצעלאַריע און ס'ווערן געמאַכט אַלע צוגרייטונגסאַרבעטן, בכדי דערווייל צו עפענען אייניקע פאַך־קורסן.

1938 ב—ן

ד"ר אסתר ביילין / לאָס אַנגעלעס

די געזעלשאַפט „טאָז“ אין לויצק

קודם כל דאַרף מען אויפקלערן דעם טעטיקייט־כאַראַקטער פון „טאָז“ אין פּוילן. די אַרבעט פון „טאָז“ (ראשי תיבות פון — Towarzystwo Ochrony Zdrowia Ludności Żydowskiej געז. צו שיצן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג) איז באַשטאַנען, פאַר אַלעמען, אין אויפהייבן דעם היגיענישן צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יענע געביטן, ווו די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע זענען תמיד געגאַנגען צוזאַמען מיט שרעקלעכער וווינונגס־באַדינגונגען, זענען געווען אונטער יעדער קריטיק.

ווען די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן איז איר נאָמען געווען „אָזע“ — אין רוסיש האָט עס די זעלבע באַדייטונג וואָס „טאָז“ אויף פּויליש. די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט האָט פאַקטיש זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד, ווו די יידן, מייסטנס אימפּאַרמעגלעכע, האָבן געוווינט אין די שטעטלעך און נישט־גרויסע שטעט, ווו מען האָט נאָך אַפילו נישט געחלומט וועגן וואַסער־לייטונג און קאַנאַליזאַציע.

אין רוסלאַנד איז די שטערבלעכקייט צווישן יידישע קינדער געווען אויסערגעוויינלעך הויך. יידישע קינדער האָבן, פּונקט ווי זייערע עלטערן, זיך דערנערט זייער שלעכט. (די הויפּט־מאכלים זענען געווען הערינג און קאַרטאָפל). אין רעזולטאַט דערפון איז דער טובערקולאָז געווען זייער פאַרשפּרייט. טאָקע אויף דער שרעקלעכער קראַנקייט איז געוואָרן געווענדט די אויפמערקזאַמקייט, און אַ גרופּע אינטעליגענץ, מייסטנס דאָקטוירים, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּעטערבורג ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה כדי זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך קעגנצושטעלן דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון די קראַנקייטן צווישן קינדער

און דערוואַקסענע; ווי אַזוי צו שאַפן אַן אויפזיכט איבער די, וועלכע קאָנען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן.

אין פוילן האָט „טאָז" אָנגעהויבן זיין טעטיקייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען ס'האָבן זיך געענדיקט די קריגס־אָפּעראַציעס אין קאָנגרעס־פּוילן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אין יעדן הינזיכט אַן אומדערטרעגלעכע. נישט בלויז דער לומפּנפּראָלעטאַריאַט, נאָר אַפילו די האַנטוועקער, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה גאַנץ פיין זיך מפרנס געווען פון זייער אַרבעט, זענען אויך געווען עקאָנאָמיש רויִנירט, אויך אין זייערע שטובן האָבן געהערשט נויט און פאַרשידענע קראַנקייטן.

קינדער אין לויצקער „טאָז"

דער הונגער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט דערפירט צו דעם, אַז דער „דזשאָינט" איז געווען געצוווּנגען צו שאַפן איבער גאַנץ פוילן הונדערטער קיכן פאַר קינדער און דערוואַקסענע.

אויף אַ שרעקלעכן אופן האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן טובערקולאָז. מיר האָבן נישט קיין גענויע ציפערן וועגן יענער תקופה (אַלע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן זענען פאַרפאַלן געוואָרן), אָבער מיר ווייסן, אַז פון שווינדזוכט און טיפוס זענען אין די ערשטע פינף יאָר געשטאָרבן מער מענטשן ווי פון די קריגס־אָפּעראַציעס אין די יאָרן 18—1914.

אין יענע טעג איז די געזעלשאַפט געבליבן שטיין פאַרן פאַקט, אַז עס איז אוממעגלעך זיך צו באַגיין אָן דער ראַדיקאַלער הילף פון אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל פירן אַ פּראָפילאַקטישע אַרבעט. אַזאַ אינסטיטוציע איז געווען „טאָז".

ווי איך האָב שוין געזאָגט האָט „טאָז" געהאַט פאַר אַ ציל נישט צו העלפן מיט נדבות, אַפילו נישט (פון אָנהייב) מיט היילונג, נאָר צו פאַרהיטן פון קראַנקייטן: אַרויסשיקן די קינדער, וועלכע זענען באַדראָט פון טובערקולאָז, אין ספּעציעלע אַנשטאַלטן, דערנערן זיי ווי געהעריק, האַלטן זיי אין היגיענישע באַדינגונגען, איינפלאַנצן אין די קינדער באַגריפן וועגן היגיענע, געבן זיי זון א. אַז. וו. די קינדער אין פאָרשול־עלטער איזאָלירן פון זייערע פאַרזאָרגטע עלטערן כאָטש אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג, אַוועקנעמען זיי פון שמוץ און פון הונגער, שאַפן פאַר זיי קינדערהיימען, אַרומרינגלען זיי מיט וואַרעמקייט, פרייד און פריילעכקייט און שאַפן פאַר זיי אַזאַ אַטמאָספער, אין וועלכער די אָרעמע קינדער זאָלן זיך פילן נישט ערגער ווי די רייכע קינדער אין זייערע היימען.

אויף דעם געביט האָט אונדזער לויצק זיך אויסגעצייכנט די גאַנצע צייט — זינט „טאָז" איז אַנטשטאַנען ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין עקזיסטענץ.

אונדזער פּרינציפּ איז געווען — נישט צו פירן קיין פילאַנטראָפּישע אַרבעט, נישט צו פאַרוואַנדלען קיין מענטשן אין שנאָרערס. מיר האָבן זיך באַמיט נישט בלויז צו שאַפן ביי דער יידישער באַפעלקערונג געהעריקע היגיענישע און געזונטהייט־באַדינגונגען, נאָר אויך בייטן די פּסיכישע איינשטעלונג פון די מענטשן, ד.ה. געזונט מאַכן נישט בלויז אין גוף, נאָר אויך אין גייסט.

ווען איך באַריר די פראַגע פון די קינדערהיימען, ווילט זיך מיר מאַכן אַ קליינע דיגרעסיע. אייגנטלעך געהער דאָך דאָס געביט גיכער צו דערציונג, טאָ פאַרוואָס האָבן מיר, אַ געזונט־אינסטיטוציע פאַר עקסעלאַנס אָפּגעגעבן דערויף אַזוי פיל ענערגיע און מיטלען? טאָקע דערפאַר, ווייל אונדז איז געגאַנגען אין אַנטוויקלען דעם יידישן קערפּער און גייסט. די אויסגעמאַטערטע קינדער פון די אַרבעטסלאָזע, קאַנדידאַטן אויף טובערקולאָז, האָבן געדאַרפט זיך געפינען אין אַ סביבה, וואָס איז לחלוטין נישט ענלעך צו יענער פון די קעלערס און פּאַציאַטעס, פון וועלכער זיי האָבן געשטאַמט.

די ריינע, עסטעטיש דעקאָרירטע זאַלן האָבן אוודאי מיטגעווירקט דערצו, אַז דאָס קינד זאָל כמעט פאַרגעסן אין זיין אומעטיקע דירה. מיט ווייטיק אין האַרצן האָבן אונדזערע איבערגעגעבענע דערציערינס תמיד געזעגנט די פריילעכע גליקלעכע קינדערלעך. אָט די דערציערינס, וועלכע זענען געווען ווי אמתע מוטערס פאַר די קינדער, האָבן גוט געוווּסט, אַז אין זייערע היימען האָבן נישט די קינדער נישט קיין וואַרעמען ווינקל און נישט קיין הייס געקעכץ. שוין נישט רעדנדיק וועגן שפּילצייג און שפּילערייען, וועגן וועלכע זיי האָבן געקאָנט בלויז חלומען ביז אין דער פרי — ווען זיי וועלן ווידער זיך געפינען אין פאַרכישופטן לאַנד.

ווען איך רעד וועגן דער שיינער אַרבעט פון „טאָז", און בפרט וועגן דער טעטיקייט אין די קינדערהיימען, וויל איך ספּעציעל אונטערשטרייכן די נעמען פון די טייערע דערציערינס, וועלכע האָבן זייער גאַנצע נשמה אַוועקגעגעבן די קינדער. זיי זענען געווען מייסטער אין זייער אַרבעט, וועלכע זיי האָבן אויסגעפירט נישט בלויז פאַכמעניש, נאָר מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט. אויפן ערשטן אָרט צווישן זיי מוז מען נאַטירלעך אַוועקשטעלן די אומפאַרגעסלעכע מעכטשע, מעכטשע בריטוואַר. די קינדער האָבן זי פאַרגעטערט און מיר אַלע האָבן זי אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט און געשעצט.

אויפן געביט פון אויפזיכט איבער מוטער און קינד האָבן מיר אומבאַדינגט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין פוילן. וועגן דעם האָט מען שוין אַ סך געשריבן און גערעדט.

די פּראָפילאַקטישע אַרבעט

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט איז די הויפּט־אויפגאַבע פון „טאָז" צו פאַרהיטן פון קראַנקייטן ד.ה. אַ פּראָפילאַקטישע.

די קינדערהיימען זענען טאַקע אַריינגעגאַנגען אין די ראַמען פון דער טעטיקייט. אַ טאָג פאַרברענגען אין ריינקייט, אין אידעאַל אויפגערוימטע זאַלן, אין ציכטיקע מלבושים, מיט בעדער ווי זייף און וואַסער איז געווען לרוב, אַ סך זון און לופט, אַ גענוגנדיקער און ווערטפולער סכום שפּייז (אויסגעמאָסטן לויט קאַלאָריעס), פיש־טראָן (ווי אַ פאַרהיטונג־מיטל קעגן טובערקולאָז), אַ גוטע פריילעכע שטימונג — דאָס אַלץ האָט דערפירט צו דעם, אַז נאָך די ערשטע 5 יאָר אַרבעט זענען אַפילו די קינדער פון טובערקולאָזע עלטערן געווען אינגאַנצן געזונט. נאַטירלעך, אַז צו דעם אַלעם זענען נאָך צוגעקומען די פאַרשידענע איינשפריצונגען, אויך פּראָפילאַקטישע, זומערדיקע קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס און די ווינטערדיקע טעטיקייט. די קינדער, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק אַדורכצוגיין די קינדערהיים, האַלב־קאָלאָניע און זומער־קאָלאָניע, זענען געווען פולווערטיק פון געזונט־ און דערציונג־שטאַנדפּונקט.

נאַטירלעך, אַז איין מענטשע בריטוואַר איז נישט געווען אימשטאַנד צו פירן די אַרבעט אין אַלע קינדערהיימען. אונטער איר אויפזיכט האָבן זיך אויסגעבילדעט נאָך אַנדערע, זייער ווערטפולע דערציערינס.

1960

קינדער־קאָלאָניע פון „טאז" אין לוויצק (1933)

ש. שלייפשטיין

דער יידישער שפּיטאָל

לוציק, די אַלטע היסטאָרישע שטאָט, רייך אין וויכטיק־היסטאָרישע מאָנומענטן, וועלכע דערציילן וועגן איר גרויסקייט און רייכער פאַרגאַנגענהייט פון אַלגעמיינער באַדייטונג, פאַרמאָגט אויך פיל יידישע מאָנומענטן. דער אונטערשיד איז אָבער דער, וואָס דער אַלגעמיינער, נישט־יידישער טייל, האָט אַ רייך פאַרשריבענע געשיכטע, און דאָס יידישע לוציק האָט, צום באַדויערן, זייער ווייניק דאָקומענטן, וואָס זאָלן אונדז דערציילן די געשיכטע פון יעדער געשאַפענער אינסטיטוציע, אַנשטאַלט אָדער פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע געשעענישן.

דער לוציקער שפּיטאָל איז אויך אין דער זעלבער לאַגע. געננוי פעסטשטעלן, לויט דאָקומענטן, ווען דער דאָזיקער נוצלעכער אַנשטאַלט איז אַנטשטאַנען, איז אוממעגלעך. כמעט אַלץ דערוויסן מיר זיך פון דעם וואָס אַלטע לייט דערציילן.

לויט די אויבנדערמאָנטע קוועלן, זאָל דער לוציקער שפּיטאָל האָבן געבויט געוואָרן אין יאָר 1870—1880, צוגלייך מיטן מושב זקנים. ביידע זענען געווען „שנים שהם אחד" און געטראָגן דעם אַלגעמיינעם נאָמען „הקדש"*. און ערשט שפּעטער „ביקור חולים". לויט דער דערציילונג פון איין זקן, זאָל דעם שפּיטאָל האָבן אויפגעבויט ר' ישראל קלאָוונער ע"ה, וועלכער איז אויך אַ געוויסע צייט געווען דער גאַנצער אויפזעער.

ערשט די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט די דעמאָלדיקע רוסישע מאַכט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דעם אַנשטאַלט און באַשטימט „פּאָפּעטשיטעלעס". די ערשטע אַזעלכע פּאָפּעטשיטעלעס זענען געווען ר' אברהם גליקליך און ר' שלמה בארדאך. שפּעטער — ר' שמואל יצחק איסערסאָן און ר' מרדכי קאַצענעלבויגן.

אויף אויסצוהאַלטן דעם ביקור־חולים פלעגט מען נעמען דער עיקר פון דעם אַזויגערופענעם „קאָראָבעטשנע סבאָר" די גרויסע סומע פון 600—700 רובל אַ חודש. די דאָזיקע סומע צוזאַמען מיט די איינפלוסן פאַר קוראַציע, האָבן געגעבן די מעגלעכקייט פון אַ זיכערער עקזיסטענץ. די דאָקטוירים זענען געווען געצאָלטע. די הויפּט־דאָקטוירים פון יענער צייט זענען געווען קריסטלעכע. אַזוי איז אַ געוויסע צייט געווען הויפּט־דאָקטאָר פון יידישן שפּיטאָל ד"ר וויניטש און ד"ר יאַסניקאָוו. אויך ד"ר ראַנץ פלעגט מיטאַרבעטן אין שפּיטאָל.

אויסער קראַנקע, וועלכע זענען צוגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל אויף קוראַציע, פלעגט מען אויך אויפנעמען קראַנקע פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. די דאָזיקע קראַנקע האָט מען נאָר אונטערזוכט און פאַרשריבן די נויטיקע קוראַציע אויף אַהיים.

ד"ר וויניטש איז אַ לענגערע צייט פאַרבליבן אַלס הויפּט־דאָקטאָר פון שפּיטאָל און ערשט ווען ער איז אַוועק אויפן פּראָנט, האָט דעם דאָזיקן אַמט איבערגענומען דער אַלטער, גוט־באַקאַנטער ד"ר אַבראַמסקי. ער האָט געאַרבעט פריייוויליק, אָן באַלוינונג. ס'איז אויך געווען אַנגאַזשירט אַ שטענדיקער פעלדשער, ה' באַרכאַש.

בעתן וועלט־קריג, אין יאָר 1915, ווען לוציק איז פאַרנומען געוואָרן דורך די עסטרייכער, איז דער שפּיטאָל באַזעצט געוואָרן דורך די אָקופּאַנטן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל.

אין יאָר 1916, נאָך דער גרויסער היסטאָרישער אָפענסיווע פון גענעראַל ברוסילאָוו, ווען די עסטרייכער זענען אַנטלאָפן פון לוציק, האָבן זיי, נאַטירלעך, אויך פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, איבערלאָזנדיק אַ רייכן אינווענטאַר. איז געקומען די רוסישע מאַכט און האָט באַזעצט דעם שפּיטאָל, אונטערוואַרפנדיק אים אונטער דער אָנפירונג פון דעם „וסיעראָסיסקי זיעמסקי סאָיוז" און באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער דעם דירעקטאָר פון סוחרים־פאַראיין, מ. באַק.

די דאָזיקע לאַגע האָט געדויערט ביז 1919, ווען די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער פּוילישער מאַכט. אַ לענגערע צייט האָבן דאָרטן באַלעבאַטעוועט די פּאָליאַקן און בכלל געוואָלט איבערנעמען דאָס שפּיטאָל אַלס אייגנטום. אַדאַנק אָבער די אומדערמידלעכע אינטערווענצן פון חייקל ווייץ ז"ל איז געלונגען צו באַווייזן, אַז דאָס שפּיטאָל איז ס'אייגנטום פון דער יידישער באַפעלקערונג און דאַרף איר אומגעקערט ווערן.

אין יאָר 1920 קומען ווידער צום שפּיטאָל דער אַלטער באַקאַנטער עסקן ר' אברהם גליקליך און קלמן גאָלדבערג, וועלכע נעמען זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע אַריינצופירן די נייטיקע רעמאָנטן, מאָדערנע סאַניטאַרע איינריכטונגען און דער „ביקור חולים" פון אַמאָל ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנעם יידישן שפּיטאָל. אין שפּיץ פון מעדיצינישן פּער־

* אין די רבישע קרייזן דערציילט מען, אַז ר' דב בער, דער באַקאַנטער מגיד פון מעזריטש, איינער פון די הויפּט־זיילן פון בעש"ט, וועלכער איז נפטר געוואָרן תקל"ג, ד. ה. אַוועלכע 166 יאָר צוריק, איז אַ געוויסע צייט געלעגן קראַנק אין לוציקער „הקדש".



דער יידישער שפּיטאָל אין לוציק

סאַנאַל קומט דאַן ד״ר ראַפּאַלאָווסקי ע״ה, וועלכער האָט מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט געטאָן אַ שטאַרקן שטויס פאָראויס די אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע, געווינענדיק די סימפּאַטיעס פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אויף די נייטיקע גרויסע הוצאות שעפּט דער שפּיטאָל זיינע הכנסות פון די אָפּצאָלונגען פאַר קוראַציע, סובווענצן פון מאַגיסטראַט, פון פּריוואַטע נדבות און פון אַ ריי יידישע פילאַנטראָפּישע קוועלן.

די דאָזיקע הכנסות זענען נישט גענוג אויף צו פירן דאָס שפּיטאָל אין דעם פאַרנעם, אין וועלכן די עסקנים האָבן זיך אָנגעצייכנט, אָבער דאָך שרעקט דאָס נישט אָפּ די איבערגעגעבענע טוער און זיי קלערן וועגן אויסברייטערן די טעטיקייט און אָפּטיילן אַן אָרט אין שפּיטאָל אויף איינצואָרדענען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר געווינערינס.

דער דאָזיקער באַשלוס איז געפאַלן אין יאָר 1922, דאַן ווען אין שפּיטאָל האָבן זיך געפינען נישט מער ווי 15—16 בעטלעך און מ׳האָט דעריבער נישט געקאָנט פיל אויפטאָן

פאַרוואַלטונג און דאָקטוירים פון יידישן שפּיטאָל
פון רעכטס אין דער ערשטער ריי: ד״ר פעמאָוו, ד״ר באַקשט, זשיטין, פרישבערג, ד״ר מינינזאָן, אַדוו. באַקשט.

אויף דעם געביט. דער איינדרוק אָבער וואָס דער באַשלוס האָט געמאַכט אין שטאָט, דער עיקר אין די אָרעמע קרייזן, איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. און דאָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך. מ׳האָט שוין לאַנג געפילט אין שטאָט אַ מאַנגל אין אַזאַ פּלאַטע, וואָס זאָל זיין צוטריטלעך פאַר אומפאַרמעגלעכע. די פּריוואַטע גוט איינגעאָרדנטע קליניקעס זענען פאַר די ברייטע שיכטן נישט געווען צוטריטלעך צוליב די הויכע פּרייזן. די דאָזיקע יידן האָבן געמוזט בלייבן אין דער היים, ווו ס׳האָבן געפעלט די עלעמענטאַרסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז אין אַ סך פאַלן האָבן די אָרעמע געווינערינס נישט געהאַט פּשוט די פּאָר זלאָטעס פאַר דעם דאָקטאָר און אַקושערין.

צים באַדויערן, אָבער, האָט מען נישט געקאָנט באַפרידיקן די אַלע באַדערפענישן מחמת מ׳האָט זייער ווייניק פּלאַץ געקאָנט אָפּטיילן פאַר דעם צוועק. לויצק איז דאָך עפּעס פאַרט אַ גרויסע שטאָט און קיין קראַנקע פעלן נישט, דערצו האָט נאָך דער מאַגיסטראַט געשיקט אין שפּיטאָל זיינע נישט־יידישע קראַנקע.

אין יאָר 1923 האָט זיך אָבער אַרויסגערוקט אַ מניעה, וואָס האָט געשטערט צו פאַרסירן די שפּיטאָל־אַרבעט בכלל און צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק וועגן עפענען די אָפּטיילונג פאַר געווינערינס בפרט. די מניעה איז געווען: די קראַנקייט פון הויפּט־טוער ר׳ אברהם גליקליך. דער שפּיטאָל איז געבליבן אָן אַ געהעריקער אָנפירונג.

דאַן האָבן זיך מיטן גורל פון שפּיטאָל פאַראינטערעסירט דער פּאָפּולערער דאָקטאָר משה ראַפּאַלאָווסקי און די באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע עסקנים קלמן פרישבערג און יוסף זשיטין.

ווען ס׳איז אין יאָר 1928 אַנטשטאַנען די ניי־געוויילטע יידישע קהילה, איז דורך איר, אַלס העכסטע אינסטאַנץ פון יידישן עפנטלעכן פאַרמעגן, אויסגעטיילט געוואָרן אויף אָנצופירן מיטן יידישן שפּיטאָל אַ ספּעציעלער קוראַטאָריום בראש טאַקע מיט די ה״ה ק. פרישבערג און י. זשיטין.

דער שפּיטאָל האָט אָנגעהויבן פּראָספּערירן און די לאַגע זיינע האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט. געשען איז עס נישט דערפאַר, ווייל די קהילה זאָל האָבן סובווענציאָנירט דעם שפּיטאָל מיט גרעסערע סומעס. להיפך, ביז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר זענען די קהילה־סובווענצן פאַרן שפּיטאָל נישט געווען קיין באַדייטנדיקע. געוואַקסן איז דער שפּיטאָל דערפאַר, ווייל די דערמאָנטע קוראַטאָרן זענען צוגעטרעטן ערנסט צום שפּיטאָל, האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע איניציאַטיוו און דער עיקר — געוואַגט זיך פאַרמעסטן אויף ממשותדיקער און וואָגיקער אַרבעט.

קודם איז פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל בעטלעך פון 15 אויף 36. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ שריט פאָרויס, אָבער דערמיט האָט זיך עס נישט געענדיקט. אין יאָר 1931, דווקא ווען ס׳האָט געווילדעוועט דער קריזיס בכלל און ביי יידן בפרט, נעמט אונטער דער קוראַטאָריום, מיט יוסף זשיטין בראש, אַן אַקציע אויפצובויען אַ באַזונדערע געביידע פאַר אַ געווינערין־אַנשטאַלט.

דאָס איז געווען אַ שריט, וואָס האָט אין שטאָט אַרויסגערופן שטוינונג. אין יענער צייט, ווען דער קריזיס האָט פּשוט געשטיקט און דער רוב הכנסות פון שפּיטאָל איז געפאַלן, איז אַזאַ פאַרמעסט געווען מער ווי אַ דרייסטער.

מ׳האָט אויפגעבויט אַ שיינעם פּאַווילאָן, וואָס האָט געקאָסט דעם קוראַטאָריום גאַנצע 2 טויזנט זל. אַ חוץ וואָס ס׳זענען איינגעפלאָסן נדבות און באַשטייערונגען פון פאַרשידענע פערזאָנען און פון די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן (אין נאַטור).

עס זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ מאָדערנער אינווענטאַר אין בעטן מיט אַלעם נויטיקן, פאַר שיינע טויזנטער זלאָטעס. ס׳איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ שילדל „אָפּטיילונג פאַר געווינערינס״ — און דערליידיקט.

ס׳רעדט זיך נאָר „דערליידיקט״. אין לעבן איז עס נישט אַזוי לייכט דורכגעפירט געוואָרן. די שטאָט האָט אָבער געהאָלפן. פיל פערזאָנען האָבן אויך אַריינגעשטעלט בעטן, פאַראייביקט אַזוי אַרום זייערע נעמען. אונדזערע לאַנדסלייט פון באַלטימאָר

האָבן צוגעשיקט אַ גרעסערע סומע געלט אויף איינצואָרדענען דעם געבורט־זאַל.

די דאָקטוירים האָבן געאַרבעט אָן שום באַלוינונג. ווען אָט די אַלע דאָקטוירים זאָלן דאַרפן פאַר זייער אַרבעט באַקומען האָנאָראַר, וואָלט דער שפּיטאָל נישט עקזיסטירט.

עס האָבן מיטגעאַרבעט פאָלגנדיקע דאָקטוירים: פּעמאָוו (הויפּט־דאָקטאָר), יוסף מינינזאָן (אָפּעראַטאָר), סימאַ באַקשט (אָרדינאַטאָר), טאָניאַ קוניצאַ, וו. ראָזענקראַנץ, מ. גריפעל, ש. גאָלדבערג, ראַפּאַלאָווסקי.

זאַל פאַר געווינערינס

עס האָבן אויך געאַרבעט צוויי אַקושערינס, דריי פלעגערינס, פינף סאַניטאַרינס, איין סאַניטאַר און אַן אַפּטייקער.

ביים שפּיטאָל איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט איבער צוויי טויזנט זלאָטעס און זי האָט באַשעפטיקט אַ ספּעציעלע לאַבאָראַנטקע.

דער שפּיטאָל האָט געהאַט אַ ספּעציעלן אינטענדענט, בוכהאַלטער, אַ קעכין און אַ בעל־הבית׳טע — אויפזעערין, צוויי וועשינס און אַ סטרוזש.

ביים שפּיטאָל איז אויך געווען אַ ספּעציעלער אַפּאַראַט פאַר זויערשטאָף, וואָס האָט אָפּגעקאָסט ביי אַ 700 זל.

דער בודזשעט פון שפּיטאָל וואַקלט זיך צווישן 45,000 ביז 50,000 זל. אַ יאָר. ערשט אין לעצטן בודזשעט־יאָר איז אויסער דעם געוויינלעכן רעמאָנט, איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שיינע, היגיענישע קיך, וואָס האָט אָפּגעקאָסט איבער דריי טויזנט זל.

די צאָל אויפגענומענע קראַנקע שטעלט זיך פאַר אַזוי:

יאָר	צאָל קראַנקע	געווינערינס
1924	311	—
1925	438	—
1926	477	—
1927	648	—
1928	610	—
1929	654	—
1930	756	—
1931	809	—
1932	807	—
1933	846	—
1934	777	263
1935	924	321
1936	1235	388
1937	1298	366
1938	1236	350

די צאָל אומזיסטע קראַנקע:

1934	147
1935	194
1937	209
1938	198

טראָץ אַלעמען, לאָזט נאָך דער מצב פון שפּיטאָל פיל זיך ווינטשן. ס׳וואָלט געווען וויכטיק, אַז אַזאַ שפּיטאָל זאָל האָבן אַן אייגענעם רענטגען־קאַבינעט, ווו די נישט־באַמיטלטע זאָלן קאָנען מאַכן די דורכלויכטונגען; ס׳וואָלט אַוודאי געדאַרפט זיין אַ „לוקס”־לאָמפּ און פיל אַנדערע מכשירים, אָבער — צו די זאַכן איז קיין גרענעץ נישט פאַראַן און די מיטלען זענען שטאַרק באַגרענעצט און נישט זיכער, ווי באַגרענעצט און נישט זיכער ס׳זענען אַלע געזעלשאַפטלעכע קנינים.

די קוראַטאָרן אָבער טוען אַלץ, וואָס זיי קאָנען, כדי דעם שפּיטאָל אַנטוויקלען ווי נאָר ס׳לאָזט זיך.

לויצק, 1938

זיבן יאָר האַנטווערקער קראַנקן־קאַסע

זינט אַ ריי יאָרן האָט ביי די אָרגאַניזירטע האַנטווערקער אין לויצק געשוועבט דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ מעדיצינישע הילפס־אָפּטיילונג פאַר די אָרעמע האַנטווערקער־שיכטן. דער געדאַנק איז אַרויסגעוואַקסן פון דער נויטווענדיקייט צו ברענגען די פאַראָרעמטע האַנטווערקער־פאַמיליעס קאָנקרעטע מעדיצינישע הילף.

די לאַגע פון יידישן האַנטווערקער האָט זיך די לעצטע יאָרן געביטן צום ערגערן. עס זענען אַוועק די „פעטע זיבן יאָר”, ווען אַלץ און אַלעמען האָט מקנא געווען דעם יידישן בעל־מלאכה אויף וועלכן מ׳האָט געקוקט מיט רעספּעקט און דרך־ארץ ווי אויף אַ פּראָדוקטיוון מענטש, וועלכער איז געבענטשט מיט דער מעגלעכקייט מפרנס צו זיין זיך און זיין פאַמיליע מיגיע כפּיו. אָט די צייט איז אַוועק און ס׳זענען געקומען די מאָגערע יאָרן, ווען דער בעל־מלאכה האָט אָנגעהויבן געפּרוווט צו ווערן מיטן נסיון פון זיצן אָן אַרבעט.

פון איין זייט האָט די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, אָנגעהויבן אַריינדרינגען אויך אין די קלענערע שטעט פון אונדזער שניט און געשאַפן גרויסע וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן מיט זייער

גמ״ח־קאַסע ביים שניידער האַנטווערקער־פאַראיין
עס זיצן פון רעכטס:
רימאַרטשיק, דאָססיק, כאַיאַק, גרינבלאַט, ציטוואַר, שניידער

קאָנקורענץ אָנגעהויבן אַרויסצושטופּן דעם פּשוטן און קליינעם האַנטווערקער. אַזוי איז געשען מיט דער גרויסער טשעכישער שיר־פירמע „באַטאַ״, די גרויסע טאַנדייט־וואַרשטאַטן פון גרייטע מלבושים, גרויסע מעבל־סקלאַדעס פון פּאַרטיקע לוקסוס־מעבל א.ד.גל., וועלכע האָבן מיט זייער רייכן אויסוואַל און ביליקייט געשטעלט אין שאָטן דעם יידישן קוסטאַרניק און כאַלופּניק מיט זייערע פּרימיטיווע וואַרשטאַטן, און פון זיי אָפּגעצויגן דעם קאָנסומענט.

פון דער צווייטער זייט האָבן די פאַרגרעסערטע מלוכה־און קאָמונאַלע־שטייערן, וועלכע מ׳האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן פון יידישן האַנטווערקער, אַרויסגעשטויסן אים פון זיינע פאַרנומענע פּאָזיציעס. ס׳איז דערמיט אַראָפּגענידערט געוואָרן דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון אַ גרויסער מאַסע יידן.

דער האַנטווערקער האָט זיך די ערשטע צייט שטאַרק גע־ראַנגלט און אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען, בכדי זיך דער־האַלטן אויף דער אויבערפלאַך. אָבער אין קאַמף מיטן נישט־גלייכן קעגנער איז ער געפאַלן אין אָפּגרונט פון אָרעמקייט.

דער יידישער בעל־מלאכה פירט אַ מיזערנע עקזיסטענץ, האָט נישט קיין אַרבעט און פאַרדינט נישט אויף קיין פרנסה. אין לויצק זענען גאַנצע פאַכן אונטערגעגאַנגען. אָט למשל קאָמאַשנמאַכערס, סטאָליאַרעס און שוסטערס, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק געפירט וואַרשטאַטן און האָבן זיך פאַררעכנט פאַר די אָנגעזעענסטע מייסטערס פון פאַך, זענען געצוווּנגען געוואָרן די וואַרשטאַטן צו ליקווידירן און זיך נעמען צו אַזאַ „גרויס־אַרטיקער״ פרנסה, ווי פאַרקויפן בייגל און פורים־מאַנדלעך, ביי וואָס מ׳פאַרדינט קוים גראָשנס.

ס׳זענען פאַראַן הונדערטער האַנטווערקער, וועלכע פאַרדינען נישט וואָכנוויז אויף קיין ברויט. זייערע קינדער הונגערן ממש און זיי האַלטן זיך אויס נאָר אַדאַנק דער באַשפּייזונג, וואָס זיי באַקומען פון די פילאַנטראָפּישע הילפס־קיכן, ווי „צענטאָס״, „טאָז״ א.א.

ביי אַזאַ לאַגע, ווען דער האַנטווערקער איז אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, איז נישט קיין ווּנדער, וואָס ער איז געוואָרן אַ קאַנ־דידאַט אויף פאַרשידענע קראַנקייטן. די אויסערגעוויינלעך שווערע וווינונגס־באַדינגונגען, ווו אין איין צימער האָבן געמוזט הויזן צוזאַמען פיל נפשות, דער אָפּטער הונגער, דאָס פעלן פון אַ וואַרעם מלבוש אויף ווינטער און באַהייצונג אין דער דירה — די אַלע סיבות האָבן דערפירט צו אַ שלעכטן מצב פון זיין גע־זונט־צושטאַנד און פון זיין פאַמיליע. זענען דעריבער די קראַנקייטן אין דער אָרעמער האַנטווערקער־משפחה געווען אַן אָפּטער גאַסט. אויך טויט־פאַלן, ווען מענטשן אין בליענדיקן עלטער זענען פריצייטיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן, זענען נישט געווען קיין אויסנאַמען. אין פיל פאַלן האָט פּשוט אויסגע־פעלט די מעדיצינישע הילף אין דער ריכטיקער צייט.

צוליב דער געשאַפענער לאַגע האָט אַ גרופּע אַקטיווע טוער פון די האַנטווערקער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע האַנטווערקער־פריינד, באַשלאָסן צו גרינדן אַ מעדיצינישע הילפס־אָפּטיילונג וועלכע זאָל דערטיילן דעם נויטבאַדערפטיקן האַנטווערקער אומ־זיסטע מעדיצינישע הילף.

צווישן די איניציאַטאָרן פון אָט דער אונטערנעמונג האָבן זיך געפונען: רעד. שמואל כאַזאַן, אַן אַלטער האַנטווערקער־פריינד, וויצע־דירעקטאָר פון דער האַנטווערקער־קאַמער יוסף וועגנער, פאָרזיצער פון פאָטאָגראַפיסטן־צעך אנניה דאָססיק און די האַנטווערקער פירער: זעליק פיינטוך, נחמן מעלימעווקער, אהרן פלאך, מענדל קאָזיאָל, בערל לופּין, וועלוול ראַנץ און חיים־יעקל סיגאַל.

אַדאַנק דער מי פון ה. וועגנער איז געלונגען צו באַקומען פון דער האַנטווערקער־קאַמער אַ סובווענץ פון אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס, וועלכע האָט דערמעגלעכט אָנצוהייבן רעאַליזירן דעם פּלאַן. די אונטערהאַנדלונגען מיט די דאָקטוירים זענען פּאָזיטיוו דערליידיקט געוואָרן און דעם 26־טן אויגוסט 1931 איז געעפנט

האַנטווערקער־פאַרבאַנד, אָנפירונג אין לויצק
1. א. מאַרגעל, 1a. ח. מאַרגעל, 2. נ. מעלימעווקער, 2a. ב. מעלימעווקער, 3. מ. קאָס, 3a. ש. קאָס, 4 ב. לופּין, 4a. ר. לופּין. 5. מ. קאָזיאָל, 5a. ח. קאָזיאָל, 6. פ. שידלער, 6a. ר. שידלער, 7. א. פעלדמאַן, 7a. ב. פעלדמאַן, 8. י. קושמיעזש, 9. י. גורמאַן, 10. י. ראַפּע, וו. פּ. ברייער, 12. ל. גיטעלמאַן, X ש. כאַזאַן, 13. ש. באַקאָוויעצקי, 14. י. קאַרטשאַק.

געוואָרן די מעדיצינישע אָפּטיילונג אונטערן נאָמען: „קראַנקן־קאַסע ביים האַנטווערקער־פאַראיין״.

דאָס גרינדן די קאַסע איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס צופרידנקייט דורך די האַנטווערקער־שיכטן. אויפן דערעפענונגס־באַנקעט זענען אָנוועזנדיק געווען פאַרשטייער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און אויך פיל דאָקטוירים.

שוין אין די ערשטע מאָנאַטן פון איר עקזיסטענץ האָבן פון דער קאַסע גענאָסן 105 האַנטווערקער־משפחות. ס׳זענען אַרויס־געגעבן געוואָרן 1365 קאַרטן אויף וויזיטן צו דאָקטוירים.

אין משך פון דער אָפּגעפלאָסענער צייט האָבן פון אונדזער מעדיצינישער הילף גענאָסן:

אין יאָר	1931 —	105	פאַמיליעס
״ ״	1932 —	297	״
״ ״	1933 —	365	״
״ ״	1934 —	502	״
״ ״	1935 —	497	״
״ ״	1936 —	382	״
״ ״	1937 —	402	״
״ ״	1938 —	267	״

מ׳דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די קאַסע האָט אין פיל פאַלן אויך געשטיצט מיט געלט די פאַראָרעמטע האַנטווערקער. די גרויס פון די סומעס איז טיילמאָל דערגאַנגען אין די הונדערטער זלאָטעס. זי האָט אין פיל פאַלן אויך אַרויסגעגעבן הלוואות אויף לאַנגטערמיניקע ראַטעס און ביי זייער לייכטע באַדינגונגען.

די אָנפירער פון דער קאַסע מיטן פרעזעס אברהם מארגעל, נ. מעלימעווקער און מרדכי קאַס, זענען אָבער נאָך נישט אינגאַנצן צופרידן פון די רעזולטאַטן פון זייער טעטיקייט. זיי האַלטן, אַז נאָך נישט אַלץ איז געטאָן געוואָרן. ס׳האַנדלט זיך דעריין, אַז די קראַנקן־קאַסע זאָל אויך קאָנען פאַרזאָרגן די נויטבאַדערפטיקע מיט אומזיסטע, אָדער פאַרביליקטע מעדיצינישע מעדיקאַמענטן. מ׳האָט טאַקע פּרובירט דאָס צו טאָן, אָבער לײדער דערלויבן נישט די אָרעמע געלט־מיטלען פון דער קאַסע דאָס צו טאָן אין אַ ברייטן מאַסשטאַב.

אין אַ געשפּרעך מיטן פרעזעס פון דער קאַסע וועגן איר טעטיקייט, האָט ער דערקלערט:

דער גאַנצער יסוד, וואָס האַלט אויס די דאָזיקע הילפס־אָפּטיילונג, בילדן די אימפּרעזעס, וועלכע ווערן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט און פון דעם חודש־אָפּצאָל. אָבער ביידע קוועלן קלעקן נישט. דערפון קאָן מען אַפילו נישט באַצאָלן די דאָקטוירים. ס׳איז נאָר צו פאַרדאַנקען דעם גוטן ווילן פון די דאָקטוירים און מ׳שטופּט זיך ווי ס׳איז אַדורך. אָבער מיט רעצעפּטן איז שוין ערגער. מיר האָבן אויסגעפּרובירט אַלע מיטלען. לײדער זענען מיר נישט אומשטאַנד מיט די אייגענע כוחות אַנטקעגנצוקומען דער פאַראַנגענער נויט.

יעדע אימפּרעזע, וואָס מ׳דאַרף דורכפירן, קומט אָן כקריעת ים־סוף. מ׳דאַרף אָבער צוגעבן, אַז די גרופּע טוער, וואָס זענען געטריי דער האַנטווערקער־באַוועגונג, אירע הילפס־אַנשטאַלטן און זענען גרייט איר צו געבן אַלע זייערע כוחות, זענען אויך ווייטער גרייט זיך מקריב צו זיין.

די קראַנקן־קאַסע ביים געמיינזאַמען האַנטווערקער־צעך נעמט אַרום פאָלגנדיקע פאַכן:

שניידערס — 80, שוסטערס — 15, פריזירער — 25, מאַליאַרעס — 22, קאַמאַשנמאַכער — 10, קירזשנער — 4, רימאַרעס — 8, זייגערמאַכער — 4, טאַפּעצירערס — 3, אינטראַליגאַטאָרן — 3, טעסלער־סטעלמאַכער — 7, וועש־נייערינס — 2, שלאָסער — 1, גלעזערס — 19, בע־קערס — 15, סטאָליאַרעס — 19, בלעכער — 10, קאָוואַליעס — 10, פאָטאָגראַפיסטן — 8.

די איבעריקע צאָל פאַלט אויס אויף פיל אַנדערע פאַכן, וואָס ציילן אַ קלענערע צאָל מיטגלידער, ווי צ.ב.ש. בערשטל־מאַכער, קאַטליאַרעס א. א.

די דאָקטוירים, וועלכע אַרבעטן אין דער קראַנקן־קאַסע זענען: ד״ר אַרנאָלד, ד״ר מינינזאָן, ד״ר לעאָ גוטעס, ד״ר גאָלד־בערג, ד״ר פאַדעוהעצט, צאָן־דאָקטאָר פרילינגאָוואַ, אויגן־דאָקטאָר יאַסינסקי, האַלדז־אויערן ד״ר סעגאַל, רענטגען ד״ר פּטיץ, באַקטעריאָלאָג ד״ר צילע ווינניק.

וו. פּ.

לוצק, 1938

פינאַנסיעלער באַריכט

פון דער קראַנקן־קאַסע ביים פאַראייניקטן יידישן האַנטווערקער־צעך, פון יאַנואַר ביזן 1־טן דעצעמבער יאָר 1938

הכנסה

.1	פון מיטגלידס־אָפּצאָל	— 210.00	זלאָטעס
.2	איינשרייב־געלט	— 73.50	״
.3	אָפּצאָלן פאַר וויזיטן	— 366.00	״
.4	חזרה פאַר נישט־אויסגענוצטע קוויטן	— 3.00	״
.5	פון אימפּרעזן	— 512.00	״
.6	סובווענצן פון אַמעריקע	— 766.04	״
.7	פון אַנדערע קוועלן	— 737.00	״
	סך הכל:	2,667.54	זלאָטעס

הוצאה

.1	אויף היילונג און רעצעפּטן	— 482.00	זלאָטעס
.2	אויף דאָקטוירים	— 1,307.50	״
.3	פּערסאָנאַל און אַדמינ.	— 295.00	״
.4	שטיצע פאַר האַנטווערקער	— 200.00	״
	סאַלדאָ אויפן 1־טן דעצעמבער	— 383.04	״
	סך הכל:	2,667.54	זלאָטעס

בתיה האַכבערג

דער פרויען־פאַראיין „ביקור־חולים"

געווען איז עס אין יאָר 1917. נאָך דער שוידערלעכער מלחמה האָט מען ערשט דערזען די גרויל־רעזולטאַטן פון דער וועלט־שחיטה: קאַליקעס, עגונות, אלמנות, פאַרעלנדטע, פאַרוואַרלאָזטע, קראַנקייטן און הונגעריקע.

אין יענער צייט האָבן אין לויצק אויסגעפעלט אַדרעסן, וווּהין די נויטבאַדערפטיקע זאָלן זיך ווענדן נאָך הילף, נאָך אַ דאָקטאָר, נאָך אַ מלבוש, נאָך אַ רעצעפּט. ביי אַ קליינער גרופּע פרויען איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו גרינדן אַ פרויען־פאַראיין, וועלכער זאָל דערטיילן מעדיצינישע הילף פאַר אָרעמע קראַנקע.

די ערשטע אַרבעט איז געווען: צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון די אַלע פרויען, וועלכע האָבן אינטערעס פאַר דער הילפס־אַרבעט. דער עולם פאַרזאַמלטע פרויען האָט זיך איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פאַר דעם פּלאַן צו שאַפן אַ פרויען־פאַראיין און טאַקע תיכף זיך דעקלאַרירט פאַר אָט דער אַרבעט מיט צייט און געלט. פון די פרייוויליקע באַשטייערונגען איז אויפן אָרט געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערע סומע געלט כדי צו שטילן די ערשטע נויטן ביי דער שטאָטישער אָרעמקייט. ס'איז אויך געווילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג, אין וועלכער ס'זענען אַריין פאָלגענדיקע אָנגעזעענע פרויען פון שטאָט: בינע ריכטער, חיה גאָלדבערג, גיטל גענדלער, ברכה קולינער, שיע, חנה גאָלדבערג, לויפּער, בערגער, ברכה גרויסבורד, ח. ר. קאַגאַן, פּערל הורוויץ, גאָלדבערג.

אויף צו זיכערן דעם פאַראיין אַ סטאַבילע הכנסה, האָט מען דורכגעפירט אין שטאָט אַ ווערבירונגס־אַקציע פון מיטגלידערינס מיט אַ רעגלמעסיקן חודש־אָפּצאָל. מ'האָט אויך אָנגעהויבן באַזוכן פאַרשידענע שמחות און זאַמלען געלט. ווען דער בודזשעט איז מער ווייניקער געווען פאַרזיכערט, האָט די פאַרוואַלטונג פאַרעפנטלעכט איבער דער שטאָט מודעות, אַז אָרעמע קראַנקע, וואָס נייטיקן זיך אין מעדיצינישער הילף און קאָנען זיך אַליין נישט העלפן, דאַרפן זיך ווענדן צום פרויען־פאַראיין, וווּ זיי וועלן די הילף באַקומען.

אויף קראַנקע האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן, ווייל ווי געזאָגט איז דאַן די נויט געווען גרויס און ביי דער יידישער אָרעמקייט איז קראַנקייט געווען אַן איינגעפונדעוועטער תושב. קראַנקע האָבן געשטראָמט מאַסנווייז — און זיי האָבן די מעדיצינישע הילף באַקומען.

מיט אָט דעם אַרבעטס־געביט האָבן זיך די טוערינס נישט באַנוגנט און זיי האָבן אָנגעהויבן באַזוכן די קראַנקע אין די הייזער. אויף דעם האָט זיך שוין געפאָדערט אַ שפּאָר ביסל אידעאַליזם און מסירות נפש, ווייל ס'איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געפאַר פון אָנשטעקן זיך מיט עפּידעמישע קראַנקייטן, וועלכע האָבן דאַן געווילדעוועט. די ענערגישע טוערינס האָבן זיך אָבער מיט דעם נישט גערעכנט און זיי פלעגן באַזוכן די קראַנקע אין די שטיבער. זיי האָבן אַהין געבראַכט רפואות, דאָקטוירים און אָפט אויך עפּעס אויף צו דערקוויקן די קראַנקע. איז דאָס נאָך געווען ווייניק — פלעגן זיי זיך פאַרוואַנדלען אין באַרמהערציקע קראַנקן־שוועסטער, פאַרנומען זיך מיט שטעלן באַנקעס אָדער באָדן און שמירן די קראַנקע, און אַז מ'האָט באַדאַרפט — פלעגן זיי אויך נעכטיקן ביים חולה.

אויסער דער געפאַר פון אָנשטעקן זיך איז געווען נאָך איינע: באַשטראָפט צו ווערן דורך דער מאַכט פאַרן פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ טעטיקייט אָן אַ לעגאַליזאַציע. קיין באַשטעטיקטן סטאַטוט האָט נאָך דער פאַראיין דאַן נישט געהאַט און במילא וואָלט די אַרבעט פון פאַראיין, האָט זי געמעגט זיין הומאַניטאַר און איידל, געקאָנט באַטראַכט ווערן אַלס נישט לעגאַלע. די

פרויען־פאַראיין „ביקור־חולים"

פאַרוואַלטונג איז דאַן געפאַלן אויף דער המצאה צו אַרבעטן אונטער די פליגל פון דער יידישער קהילה, ס'האָט געהייסן — אַ פרויען־קאָמיטעט ביי דער קהילה. דער פאַראיין האָט אָבער נישט געקאָנט פירן אַ נאָרמאַלע טעטיקייט, נישט געקאָנט מאַכן קיין עפנטלעכע זאַמלונגען א. א. וו.

ערשט אין יאָר 1926 איז דער טיכטיקער אָנפירערין סערל דריקער, וועלכע האָט שוין דאַן געאַרבעט דאָס נײַנטע יאָר אין פאַראיין, געלונגען צו לעגאַליזירן דעם סטאַטוט ביי דער מאַכט. די אַרבעט פון דער שוין לעגאַלער אינסטיטוציע איז תיכף געשטיגן. די לעגאַליזאַציע האָט אויך געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסטרעטן צו די זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען מיט דער פאָדערונג צו באַשטימען סובווענצן פאַרן פאַראיין. אַזוי איז טאַקע געשען. דער מאַגיסטראַט און אויך די קהילה האָבן אָנערקענט פאַרן

פאַראיין, און טאַקע אויסגעצאָלט, באַדייטנדיקע סובווענצן. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן די טעטיקייט פון פאַראיין און באַפרידיקן מער נויטבאַדערפטיקע.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביזן יאָר 1931. אין דאָזיקן יאָר איז געקומען צו אַ שטיקל צוזאַמענברוך. דער ווירטשאַפט־לעכער קריזיס האָט שטאַרק געטראָפן אין די עקזיסטענצן פון פיל שטאָט־איינוווינער; דער פאַראַרעמונגס־פּראָצעס האָט אָנגעהויבן שפּרייזן אין לויצק מיט האַסטיקע טריט; די פרייע נדבות און חודש־אָפּצאָלן זענען באַדייטנדיק קלענער געוואָרן. דערצו זענען נאָך די סובווענצן — סיי פון מאַגיסטראַט און סיי פון דער קהילה — געשטראָכן געוואָרן. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס פּאַראַליזירט דעם חשק צו אַרבעטן. חוץ דעם האָט סערל דריקער, צוליב פאַמיליע־סיבות, געמוזט פאַרלאָזן די אַרבעט פון פאַראיין. ס'זענען אויך אַוועק אַנדערע פרויען. טייל זענען אַרויסגעפאָרן.

דער פאַראיין איז געבליבן שטיין אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג. ס'איז געבליבן צו אַלאַרמירן אַלע מיטגלידער וועגן דער געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון פאַראיין.

דעם 22־טן אָקטאָבער 1932 איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. דאָרטן איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פרויען־פאַראיין דערפילט גאָר אַ וויכטיקע פונקציע און זי קאָן נישט פאַרטרעטן ווערן דורך קיין שום אַנדערע אינסטיטוציע, אַז זי מוז עקזיסטירן. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך מתחייב געווען ווייטער צו שטיצן מאַטעריעל דעם פאַראיין. אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג איז אויך געוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג. אַלס פאָרזיצערין איז איינשטימיק געוויילט געוואָרן בתיה האָכבערג, אַלס וויצע־פאָרזיצערין — העניע שטראָכמאַן, אַלס סעקרעטאַרין — גאָלדע ערלעכגערעכט. די קאַסע האָט מען איבערגעלאָזט אין די הענט פון דער טיכטיקער גיטל גענדלער. עס איז אויך געוויילט געוואָרן אַ רעווידיר־קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די פרויען: זשיטין, טשיטשאָטקע, געכט, שפּאַנערפליג, קראַקאָווער, אינגבערג, בויאַנער, די „נסתרים"־קאָמיסיע איז איבערגעבליבן אין די הענט פון סערל דריקער און חנה גאָלדוואָג.

מיט אַ פרישער ענערגיע האָט זיך דער פאַראיין אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. מ'האָט דורכגעפירט אַ ווערבירונגס־אַקציע פון נייע מיטגלידער; מ'האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו באַזוכן אַלע שמחות און נישט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט, וואָס קאָן אַריינברענגען הכנסה פאַרן פרויען־פאַראיין. גלייכצייטיק זענען אויך אָנגעקניפּט געוואָרן פאַרבינדונגען מיט אונדזערע אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן זיך תיכף וואַרעם אָפּגערופן אויפן אַפּעל פון פאַראיין און אים אָנגעהויבן צו שטיצן.

אַדאַנק דער ענערגישער אַרבעט איז די הכנסה פון פאַראיין געשטיגן און דערגרייכט די סומע פון זיבן טויזנט זלאָטעס, וועלכע איז נאַטירלעך אין גאַנצן פאַרווענדט געוואָרן אויף הילף אין דער פאָרם פון דאָקטוירים, רפואות, רענטגען־אויפנאַמעס, אַנאַליזן, פון אַרויסשיקן אויף קוראַציע און זומער־וווינונגען, פלעגע און אויך געלט־שטיצע. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט ווערט געלייגט אויף נסתרים, וועלכע ווערן געשטיצט מיט גרעסערע סומען.

די פאַרוואַלטונג פון פרויען־פאַראיין „ביקור חולים" איז אין 1938 באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פרויען: בתיה האָכבערג — פאָרזיצערין, וויצע־פאָרזיצערינס — חיה ליבהאָבער און גאָלדע ערלעכגערעכט, סעקרעטאַרין — שרה מאַרשאַלקאָוויטש, קאַסירערין — פינקעל ראָזענשטראָם, באַפולמעכטיקטע אַרויסצוגעבן קוויטלעך אויף מעדיקאַמענטן און וויזיטן — עטל אינגבער.

פאַרטרעטערינס: טוניע גאָסקאָ, רבקה שאַפּיראָ, שאַכניוק.

מיטגלידערינס: לאַנדסבערג, חיה גאָלדבערג, סטאָלאַר, ברכה גרוסבורד, דבורה וואַסערמאַן, שרה קאָסאָקע, חיה דבורה שיה, פאַני בלוושטיין, גיטל ווייסנבערג, מייקע זעלצער.

רעווידיר־קאָמיסיע: רבנית סאָראָטשקין, הינדע קאָטלאַר, שפּאַניערפליג, הינדע פוגאַטש, ברכה קולינער.

נסתרים־קאָמיסיע: סערל דריקער, חנה גאָלדוואָג.

חברים־געריכט: דבורה גאָלדבערג, זשעני מוליאַר, לענדער, רבקה פיינמעל, בוזי אינגבערג, חינקע שטיינבערג, חיה קימעלמאַן, רויער.

אָנפירערינס אויף קראַסנע: פאַניע שניידער, פריידע קיגעל, פיקוס, טענענבוים, חיה איטאַ גאָסקאָ, זעזי שטיינמאַן, פלאַמענבוים.

לויצק, 1938

פרויען־פאַראיין אויף קראַסנע

קאַסע־באַריכט פון פרויען־פאַראיין „ביקור חולים" אין לויצק פאַר יאָר 1937/38

הכנסות

		זל.
.1	סאַלדאָ אויף 1.10.37	145.64
.2	מיטגלידס־אָפּצאָל	3125.43
.3	שמחות און נפטרים	663.95
.4	ימים טובים	1418.95
.5	שטיצע פון אַמעריקע	768.55
.6	פון אימפּרעזעס	865.91
.7	בלימל־טאָג	173.84
.8	מאַגיסטראַט־סובווענץ	100.00
.9	פאַרשידענע נדבות	101.05
		7363.32
	חוזרות	32.60
		7395.92

הוצאות

		זל.
.1	געלט־שטיצע	1981.12
.2	אויף רפואות	2774.64
.3	דאָקטוירים	1120.45
.4	פאַר אינקאַסע	740.71
.5	פאַרשידענע אויסגאַבן	433.95
.6	סאַלדאָ־קאַסע אויפן 20.10.38	345.05
		7395.92

פרויען־פאַראיין „ביקור חולים" אין לויצק

געגרינדעט אין יאָר 1926

לויצק, דעם 9־טן יולי, 1935.

צו דער לויצקער לחם־עניים־סאָסייטי
אין נ י ו ־ י אָ ר ק

דערמיט באַשטעטיקן מיר דאָס דערהאַלטן די 25 דאָלאַר פון מאַי ה. י., פאַר וואָס איר ווערט באַדאַנקט אין נאָמען פון די אויבנדערמאָנטע אָרעמע און קראַנקע, וועלכע געניסן פון אייער הילף. הלוואי זאָל דער אויבערשטער אייך באַצאָלן לויט אייער ווערט.

גלייכצייטיק — אין צוזאַמענהאַנג מיטן א. ג. דלות־סעזאָן, רחמנא לצלן, ווען ס'פאָדערט זיך אַ פאַרגרעסערטע הילף פאַר די, וואָס נויטיקן זיך דערין, און ווען די הכנסות ביי אונדז זענען גאָר קליינע — קומען מיר צו אייך אין נאָמען פון די האַרצרייסנדיקע הילפס־רופן פון די אָרעמע און קראַנקע, מיט אַן אַפעל צו געדענקען אין אייערע אומגליקלעכע קראַנקע שוועסטער און ברידער אויף ווייטער נאָכמער ווי ביז איצט. אין צוזאַמענהאַנג מיט אייער באַשלוס אַריינצושטעלן אין אייער יערלעכן בודזשעט אַ סומע פון 60 דאָלאַר אַ יאָר פאַר אונדזער פאַראיין — אַפעלירן מיר צו אייך און בעטן איס רעווידירן און פאַרגרעסערן די סומע פון אייער יערלעכער סובסידיע. געדענקט, אַז אייער פאַרגרעסערטע הילף וועט פאַרזיכערן אונדזער אינסטיטוציע פון ליקווידאַציע.

אין דער זיכערקייט, אַז אונדזער הילפס־רוף וועט געפינען אַ געהעריקן אָפקלאַנג אין אייערע הערצער און איר וועט זיך וואַרעם אָפרופן אויף אונדזער אַפעל, פאַרבלייבן מיר מיט אַכטונג —

ד י פ אַ ר ו ו אַ ל ט ו נ ג
פרעזעס: בתיה האָכבערג
וויצע־פרעזעס: העניע שטראַכמאַן
סעקרעטאַר: גאָלדע פערלמוטער

ג. קרוק

די געזעלשאַפט „לינת הצדק"

נאָך אין יאָר 1924 איז ביי אַ גרופּע מתפּללים פון דער גרויסער שטאָט־שול, בראש מיטן פאַרשטאָרבענעם משה קיפּער־מאַן ע"ה, אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו גרינדן אין לויצק אַ „לינת הצדק", וואָס זאָל נישט טראָגן דעם כאַראַקטער פון די„לינת־הצדק"־חברות ביי די פאַרשידענע שולן און שטיבלעך, נאָר זי זאָל זיין אַ מאָדערנע אינסטיטוציע מיט אַ סטאַטוט און לאָקאַל, מיט ברייטע מעדיצינישע און הומאַניטאַרע אויפגאַבן אין זין פון העלפן אָרעמע קראַנקע.

באַשלאָסן — און רעאַליזירט. משה קיפּערמאַן, אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט פאַרשטענדעניש בכלל פאַר אָרגאַניזאַציע און אַ גרויסן סטאַזש פון אַרבעט פאַר אַ „לינת הצדק" בפרט, נאָך פון די צייטן, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין וואַרשע, האָט זיך גענומען ענערגיש צום פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן אין לעבן.

שווער איז אים אָנגעקומען צו מאַכן די ערשטע שריט, נישט באַזיצנדיק די מינימאַלע מיטלען, אָבער משה קיפּערמאַן האָט נישט געהערט צו די, וואָס רעזיגנירן. מיט דער קליינער סומע געלט, וועלכע איז געזאַמלט געוואָרן אויף דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, לייגט ער דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן גרונט־שטיין פון „לינת הצדק".

עס איז געוויילט געוואָרן אַ צייטווייליקע פאַרוואַלטונג און אַ ראַט אין באַשטאַנד פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: משה קיפּערמאַן, משה ביק, משה שפּיצמאַן, מאַטיס שפּאַנערפליג, מיכל ברוקשטיין, יצחק כהן, שלמה דייטש, יעקב רודיק, שמאי בראָדעצקי, יהושע קרוין, געצל קרוק און אברהם שיינערמאַן.

צו דער אַרבעט זענען צוגעטרעטן די פרויען ליבע שפּא־נערפליג און פרומע בערעגאָוואַי.

די ערשטע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען ווער־בירן מיטגלידער, וועלכע זאָלן צאָלן חודש־געלט.

די דאָזיקע אַקציע איז אַדורך מיט דערפאָלג און די צאָל מיטגלידער איז כסדר געוואַקסן. חוץ דעם חודש־אָפּצאָל האָט די פאַרוואַלטונג אָרגאַניזירט אַנדערע אַקציעס אין אימפּרעזעס, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט היפּשע הכנסות.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אייגנטלעכע אַרבעט פון „לינת הצדק", וועלכע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע צוויי טעטי־קייטן:

1) ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קרייז, וואָס זאָל אָפּהיטן די לינות, ד. ה. אַז יעדע נאַכט זאָל גיין אַן אַנדער פּאָרל צו אַ קראַנקן מיטגליד נעכטיקן און אים באַדינען לויט די מעג־לעכקייטן אין קענטעניש. דערביי זענען אויך איינגעקויפט גע־וואָרן די נייטיקע עלעמענטאַרע מכשירים בעת אַ קראַנקייט, ווי באַנקעס, אייזפּענכערס, שיסלען, וואַרעם־פלאַשן, טערמאָ־מעטערס און ענל. אויף אויסצובאָרגן די נישט־פאַרמעגלעכע קראַנקע, און 2) עס זענען אַנגאַזשירט געוואָרן דאָקטוירים, וועלכע זאָלן געבן הילף אָרעמע קראַנקע.

דער ערשטער, וועלכער האָט מסכים געווען צו שענקען אַ פּאָר שעה די אָרעמע קראַנקע דורכן „לינת הצדק", איז געווען ד"ר אַבראַמסקי. ס'האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו אַרבעטן ד"ר ב. ביילין, ד"ר ראַפּאַלאָווסקי, ד"ר פּעמאָוו און ד"ר מינינזאָן.

חוץ דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ חברה קדישא, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט הלוית המת.

ביסלעכוויז האָט די שטאָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק אינטערעסירן מיטן „לינת הצדק" און מיט זיין טעטיקייט. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשרייבן פאַר מיטגלידער און אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו אַרבעטן פאַר דער אינסטיטוציע.

דאָ האָט מען זיך ערשט אַרומגעזען, אַז די אינסטיטוציע נייטיקט זיך אין אַ לאָקאַל, מחמת די שול, וווהין דער עולם פלעגט זיך צוזאַמענקומען אויף באַראַטונגען, איז ווייט נישט געווען צוגעפּאַסט.

פאַרוואַלטונג פון „לינת הצדק"
1. ש. בראָדעצקי, 2. ש. עטינגער, 3. מ. קיפערמאַן, 4. י. פינקעלשטיין, 5. י. באַראַק, 6. ג. קרוק, 7. א. צנאָליוועך, 8. מ. שפּאַנערפליג, 9. ד"ר מינינזאָן, 10. באַקשט, 11. ד"ר גריפעל, 12. ראָזענפעלד

דערווייל איז מען אַריין אין אַ שטיבל צו פרוי שפּאַנערפליג. דאָרטן איז מען געזעסן ביזן יאָר 1925, ווען ס'איז ענדלעך לעגאַליזירט געוואָרן דורך דער מאַכט דער סטאַטוט א. נ. „וווילטעטיקע געזעלשאַפט צו העלפן אָרעמע קראַנקע ,לינת הצדק הראשונה' אין לויצק". דאַן ערשט איז געדונגען געוואָרן אַ לאָקאַל און דער אַנשטאַלט הייבט אָן צו פונקציאָנירן נאָרמאַל. עס ווערט געוויילט אַ נאָרמאַלע פאַרוואַלטונג, וועלכע באַשטייט פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט, ווי אברהם גליקליך, עזרא פינטשוק, אַלעקסאַנדער בערלינער, מאיר ווינשטיין, פרוי ביבערגאַל זלאָטע, ר' קלמן גאָלדבערג, שמאי בראָדעצקי, ג. קרוק, אברהם שיינערמאַן, מאַטיס שפּאַנערפליג, מיכל ברוקשטיין, פרוי מירל קאַפּע און שלמה קרוין. דאָס ערשטע בלימל איבער די גאַסן פון שטאָט האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע סומע געלט.

דער אויפשוווּנג פון „לינת הצדק" האָט פאַראינטערעסירט נישט בלויז די עלטערע געזעלשאַפט, נאָר אויך פאַרכאַפּט אַ באַדייטנדיקן טייל פון די יוגנט־שיכטן, וועלכע מעלדן זיך צאָלרייך אין קאַנצעלאַריע, פאַרשרייבן זיך אַלס מיטגלידער און הייבן אָן זיך פאַרזאַמלען אין „לינת הצדק", אַריינברענגענדיק לעבן און אַרבעטס־ברען. די יוגנט האָט אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישע סעקציע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט איינאָרדנען אַמאַטאָרן־פאָרשטעלונגען. די דאָזיקע האָבן געהאַט אַ דאָפּלטן ציל: אי זיי האָבן אַריינגעבראַכט הכנסה דעם „לינת הצדק", אי די יוגנט האָט דערווייל געאַרבעט איבער זיך, געבנדיק די מעגלעכקייט די מער פעיקערע זיך אויסצוטיילן. די יוגנטלעכע פון קרייז, וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען, האָבן געאַרבעט אַרום די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, פאַרברענגענדיק אַזוי אַרום די פרייע צייט אין אַן אייגענער סביבה.

אין יוגנט־קרייז האָבן געאַרבעט: חיים קאַנפער, חיים שמואל פריידפירער, אברהם געלער, אברהם ברוינשטיין, צבי עסטערקיס, לייב גערבאַטש, יעקב פישמאַן, לייב פישמאַן, יעקב טשיזשיק, אלי' טשיזשיק, זעליק שפּיצמאַן און די פריילינס: רבקה שפּיצמאַן, געניע שניידער, סאָניע שפּיצמאַן, ליובע גארמעל, סאָניע נייטער, פייגע געלער, זשעניע מאַטיוק און ראָזע שניידער.

*

די אינסטיטוציע האָט זיך באַפעסטיקט און אָנגעהויבן זיך פונאַנדערוואַקסן. אין יאָר 1927 איז דורך דער איניציאַטיוו פון שמאי בראָדעצקי, יעקב באַראַק, דוב בויאַנער, ג. קרוק און יצחק קרוין געשאַפן געוואָרן די אַמבולאַטאָריע ביים „לינת הצדק". ס'איז צונויפגעקליבן געוואָרן אַ קאַפּיטאַל פון עטלעכע טויזנט זל. אויף איינקויפן די נויטיקע כירורגישע אינסטרומענטן און מכשירים, ווי למשל אַ קוואַרץ־לאָמפּ, אַ גינעקאָלאָגישע שטול א. אַנד.

ווען די מכשירים זענען שוין געווען איינגעקויפט, איז גערופן געוואָרן אַ זיצונג פון די אָנגעזעענסטע יידישע שטאָט־דאָקטוירים, אויף וועלכע ד"ר אַבראַמסקי האָט אַפּעלירט צו אַלע זיינע קאָלעגן, אַז יעדער פון זיי זאָל שענקען זיין מי פאַר דער איינציקער יידישער אַמבולאַטאָריע אין שטאָט. ער אַליין — ד"ר אַבראַמסקי — האָט זיך מתחייב געווען צו שענקען יעדן טאָג צוויי שעה פאַרן „לינת הצדק".

אַלע פאַרזאַמלטע דאָקטוירים האָבן אויסגעדריקט זייער הסכמה. דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אויף פאָלגנדיקן אופן: ד"ר ביילין — אַלס לייטער, ד"ר אַבראַמסקי, ד"ר מינינזאָן, ד"ר רבקה באקשט און פעלדשער באַרכאַש.

פאַרשטייט זיך, אַז אויב אַזעלכע באַוווּסטע דאָקטוירים האָבן אויפגענומען אין אַמבולאַטאָריע, איז דאָרט כסדר געווען פול מיט פאַציענטן — אַלץ אָרעמע און נישט באַמיטלטע.

אין דעם יאָר דאַרפן באַצייכנט ווערן אַלס אַקטיווע און טיכטיקע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פאָלגנדיקע: מאיר באק, משה קיפערמאַן, א. לאַנדסבערג, יעקב באראק, ג. קרוק, מ. שפּאנערפליג, דוב בויאנער, פרל' טויבע דראליוק, פרל' געניע שניידער, מאַניע עלבירט, ח. ש. פריידפירער, יוסף פינקעלשטיין און נח מאַזור.

די דאָזיקע פאַרוואַלטונג האָט אויך באַקומען פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַ סובווענץ אין דער הויך פון 1000 זל. אויף אַ יאָר, און דורכגעפירט אַן אַמבולאַטאָריע־רינג און אַ פאַנטאָן־לאָטעריע, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַ גרעסערע הכנסה.

ס׳איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ פאָרשטעלונג פון די אַמאַטאָרן פון יוגנט־קרייז.

ווי ווייט דער „לינת הצדק" איז געווען פּאָפּולער ביי דער יידישער געזעלשאַפט, באַווייזט דער פאַקט, אַז אויף אַן איינערלעכער שמחה אין לאָקאַל פון „לינת הצדק", האָבן צווישן די געסט, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשריבן אין אָנדענק־בוך פון לינת הצדק, זיך געפונען: מאיר קראַנשטיין, שוצמאַן, אַניוטאַ גליקליך, גוטע וויינרייך און ר׳ משה גליקליך. דער קריסטלעכער אינזשינער קאַזשימיעזש שקאָלניצקי, וועלכער האָט געשמט מיט זיין אָפענער האַנט פאַר יידישע צוועקן, האָט זיך באַשטייערט מיט דער גרעסטער סומע — 100 זל.

*

אין יאָר 1931 האָט די פאַרוואַלטונג געפייערט דעם 7־יעריקן יובל פון „לינת הצדק" אויף אַ גרויסן שטייגער. די פייערונג האָט אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדיקע הכנסה און פאַרגרעסערט די צאָל מיטגלידער.

אין יענער צייט האָט די אינסטיטוציע זיך געפונען אויף דער העכסטער הויך פון אַקטיוויטעט און טעטיקייט. די דאָקטוירים האָבן זיך אויסערגעוויינלעך גוט באַצויגן צו די פּאַציענטן פון דער אַמבולאַטאָריע, די פאַרוואַלטונג האָט געאַרבעט מעשים, איינשאַפנדיק וואָס מער הכנסה, און דער יוגנט־קרייז פלעגט זיך יעדן אָוונט צונויפזאַמלען, אָרגאַניזירן די לינות און סתם פאַרברענגען אינעם לייען־זאַל ביים „לינת הצדק".

ס׳איז אָבער, ווייזט אויס, נישט באַשערט געווען, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע זאָל וואַקסן. דער „לינת הצדק" האָט שווער געליטן צוליבן טויט פון ד״ר אַבראַמסקי, ד״ר ביילין און פעלדשער באַרכאַש.

צו דער אַרבעט איז דאַן אַנגאַזשירט געוואָרן ד״ר גריפעל און די אויגן־דאָקטאָרין יאַשינסקאַ.

די טעטיקייט פון דער אַמבולאַטאָריע איז אויף אַ קורצער צייט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָבער דער דאָקטאָר גריפעל איז געווען זייער איבערגעגעבן דער אַמבולאַטאָריע, דעסגלייכן — די דאָקטאָרין יאַשינסקאַ. די פאַרוואַלטונג ווידער פון איר זייט האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַפּעל צו דער שטאָט וועגן שטיצן די אַמבולאַטאָריע. די אַרבעט איז אַוועקגעגאַנגען אויפסניי.

פון יענער תקופה דאַרפן פאַרצייכנט ווערן אַלס אַקטיווע אַרבעטער פון דער אַמבולאַטאָריע פאָלגענדיקע עסקנים: שמואל עטינגער, שלמה לעשנער, משה קיפּערמאַן, שמאי בראָדעצקי, חיים ספּעקטאָר, יצחק גאַרמעל, געניע שניידער, מרדכי ראַנץ, משה שפּיצמאַן, לייב און יעקב פישמאַן, י. באַראַק, מאַטיס שפּאַנערפליג, חיים שמואל פריידפירער און געצל קרוק.

אין יאָר 1934 איז געפייערט געוואָרן דער 10־יעריקער יובל פון „לינת הצדק". עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן יובל־אָפּצייכענונגען אין די טויזנטער. אויף דער ספּעציעלער אַקאַדעמיע אין זאַל פון „חשמונאי" האָבן זיך פאַרזאַמלט די אָנגעזעענסטע עסקנים פון שטאָט, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אָנערקענונג און אַ יישר כוח די אָנפירער פון „לינת הצדק" פאַר זייער אַרבעט.

דאָס יאָר 1936 איז געווען אַ קריטיש יאָר פאַר דער אַמבולאַטאָריע פון „לינת הצדק". די אַרבעט איז געוואָרן שוואַך, מיטגלידער האָבן אָנגעהויבן אָפּלאָזן די הענט און געמורמלט, אַז די אינסטיטוציע האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אַז זי וועט מוזן פאַלן.

אויף אַ ספּעציעל צונויפגערופענער גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג האָבן זיך די מיטגלידער געדאַרפט אַרויסזאָגן, צי זענען זיי פאַר סאַנירן די אינסטיטוציע, צי גאָר — פאַר ליקווידירן זי.

כמעט איינשטימיק האָט דער צאָלרייכער עולם מיטגלידער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ווייטער פירן דעם נוצלעכן אַנשטאַלט. אַלע האָבן צוגעזאָגט זייער מיטהילף דער נייער אָנפירונג, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון יונגן און ענערגישן עסקן ראַטמאַן דוד בערגער.

די אַרבעט פון דער אַמבולאַטאָריע האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט, די מיטגלידער האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט. דער נייער פּרעזעס ה. ד. בערגער האָט צוגעצויגן צו זיך נאָך טיכטיקע מענטשן צו דער פאַרוואַלטונג און צוזאַמען האָבן זיי גענומען שלעפּן דעם וואָגן פון „לינת הצדק".

מיטגעהאָלפן האָבן: שלמה גרינבלאַט און ראובן קאַגאַן — וויצע־פּרעזעסן, יעקב באַווערמאַן — דער ערן־פּרעזעס און די מיטגלידער: מ. שפּאַניערפליג, ח. ש. פריידפירער, יחיאל ראַנץ, חיים ספּעקטאָר, חיים גאַמער, יהודה יוכט, מרדכי פּיסאַרעווסקי, שלמה שניידער, חנה קאַפּוסטע, צבי עסטערקעס, זישע קעלערמאַן, יעקב טשיזשיק, באַזונדערס אַקטיוו זענען געווען די טיכטיקע פרויען: חיה עלבירט, געניע שניידער, מרים רויער, אסתר טענענבוים און חיה קרישטאַלקע; פון ראַט: רעד. ש. כאַזאַן — פּרעזעס, יעקב באַראַק — וויצע־פּרעזעס, מרדכי ראַנץ און געצל קאַליקע.

אין דעם זעלבן יאָר האָט דעם „לינת הצדק" באַזוכט די אָנוועזנדיקע פון טשיקאַגאָ מיסעס דאָראַ בראַטמאַן. ס׳איז איר זייער געפעלן די אַרבעט פון אַנשטאַלט. פאַר איר אָפּרייזע האָט די „לינת־הצדק"־פאַרוואַלטונג איינגעאָרדנט פאַר איר אַ באַשיידענעם געזעגענונגס־אָוונט. זי האָט איבערגעלאָזט אַ פיינע באַשטייערונג און זי איז איינגעשריבן געוואָרן אַלס ערן־מיטגלידערין פון „לינת הצדק".

אין יאָר 1937 פירט דער פּרעזעס דורך אין מאַגיסטראַט אַ יערלעכן סובווענץ פאַרן „לינת הצדק" אין דער הויך פון 600 זלאָטעס.

נישט אַזוי לייכט איז עס אָנגעקומען. מ׳האָט קודם געדאַרפט איבערצייגן דער מאַכט, אַז דער „לינת הצדק" איז אַן אינסטיטוציע, וואָס פירט אַ נוצלעכע אַרבעט און זי פאַרדינט דעריבער געשטיצט צו ווערן פון דער שטאָטישער קאַסע. ס׳זענען עטלעכע מאָל אַראָפּגעקומען פאַרשידענע קאָמיסיעס פון די מאַכט־פאָרשטייער, וועלכע האָבן לוסטרירט די טעטיקייט פון דער אַמבולאַטאָריע. אָפילו דער שטאָט־פּרעזידענט גופא איז געקומען אין „לינת הצדק" כדי זיך צו באַקענען מיט זיין אַרבעט.

די אָפּשאַצונג מצד די מאַכט־פאָרשטייער איז אויסגעפאַלן גלענצנדיק. אַלע האָבן זיי פעסטגעשטעלט, אַז די אַמבולאַטאָריע איז זייער נוצלעך פאַר דער שטאָט און די סובווענץ איז אָנערקענט געוואָרן.

דער פּרעזעס בערגער האָט זיך אָבער מיט דער סובווענץ נישט באַנוגנט. ער האָט נאָך אונטערגענומען באַמיונגען, אַז דער מאַגיסטראַט זאָל צוטיילן דעם „לינת הצדק" אַ פּלאַץ אויפצושטעלן אַ פּאַוויליאָן פאַר דער אַמבולאַטאָריע. דער ענין איז

געגאַנגען אויף אַ גוטן וועג; דער פלאַץ איז שוין געווען באַשטימט און באַשלאָסן. אָבער די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אינעם פלאַן פון דער שטאָט־פונאַנדערבויונג האָבן דערווייל געמאַכט אוממעגלעך פון דעם באַשטימטן פלאַץ צו גענוצן.

אין דער אַמבולאַטאָריע גופא פירט פרעזעס בערגער דורך עטלעכע רעפאָרמען. ס׳ווערן צוגעצויגן נאָך דאָקטוירים: ד״ר סעגאַל און ד״ר פאדנהעכט, וועלכער פאַרטרעט דעם ד״ר גריפעל. די אַרבעט גייט אַוועק אויסגעצייכנט. מען גיט פון צייט צו צייט אַ פאָרשטעלונג און מען שאַפט הכנסה פאַרן „לינת הצדק״, זי איז אָבער ווייניק לגבי דער הערשנדיקער נויט.

די אַמעריקאַנער ברידער און שוועסטער פאַרגעסן נישט אין „לינת הצדק״ און דערמעגלעכן מיט זייער שטיצע צו פירן ווייטער די אַרבעט.

מיטן טויט פון איניציאַטאָר און גרינדער משה קיפערמאַן איז אַוועק דער איבערגעגעבנסטער פריינד פון „לינת הצדק״. דער פאַרשטאָרבענער האָט אין זיין צוואה איבערגעלאָזט 500 זלאָטעס פאַרן „לינת הצדק״.

דאָס איז אָבער ווי אַ טראָפן אין ים. די נויט האַלט אין איין וואַקסן, קראַנקע מערן זיך, און די אַרבעטס־שעהן פון די דאָקטוירים מוזן ליידער זיין באַגרענעצטע צוליבן מאַנגל אין מיטלען.

די נוצלעכע טעטיקייט פון „לינת הצדק״ קאָן אילוסטרירט ווערן מיט פאָלגענדיקע ציפערן פון דער צאָל אויפגענומענע קראַנקע אין משך פון 12 יאָר עקזיסטענץ.

יאָר	צאָל קראַנקע
1927/28	5090
1929	3041
1930	1890
1931	1765
1932	1093
1933	578
1934	654
1935	2058
1936	2041
1937	2587
1938	2008

לויצק, 1938

10 יאָר „בית־לחם״

דער „בית לחם״ האָט עקזיסטירט פון יאָר 1929, זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג אַראָפּ פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס פון די ברייטערע, נישט שטאַנדהאַפטיקע שיכטן.

דער פאַראָרעמקייט־פּראָצעס איז דאַן אַוועק אַזוי ווייט, אַז מענטשן האָבן זיך געבייטיקט אין פשוטן טרוקענעם שטיקל ברויט. דאַן איז זיך צונויפגעקומען אַ גרופּע מתפללים פון פאַרשידענע בתי־מדרשים, ווי: ר׳ שלום גאָלדבערג ע״ה, י. אַקמאַן, שלייף, יעקב לייבעל, הרב חיים בנימין גרייס און אַנדערע נכבדי העיר, און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „בית לחם״, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שטיצן די אָרעמע יידישע באַפעלקערונג מיט פּראָדוקטן, ווי אויך מיט געלט.

באַלד איז לעגאַליזירט געוואָרן אַ סטאַטוט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָר אַקטיווע אַרבעט, וואָס האָט אָנגעטראָפן אויף גרויס סימפּאַטיע מצד אַלע שיכטן, נישט נאָר אין לויצק, נאָר אויך אויף יענער זייט ים, ביי אונדזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן געשאַפן הילפס־קאָמיטעטן א. נ. „לחם עניים סאָסייטע״ און גענומען באַדייטנדיק מיטהעלפן דעם „בית לחם״ דאָ, ער זאָל קאָנען דערפילן זיין אויפגאַבע.

צווישן די פאַרדינסטפולע און גאָר אַקטיווע אַלטע עסקנים דאַרפן פאַרצייכנט ווערן: דער ערשטער פּרעזעס צבי שטיינבערג, פּרעזעס ר׳ מנחם מאַנדעלבוים, פּרעזעס ר׳ יחזקאל שירזשיק, ראַט־פּרעזעס דיר. אברהם האָפמאַן, פּרעזעס יוסף־חיים קרישטאַלקע.

די טעטיקייט פון „בית לחם״ איז באַשטאַנען אין אַרויסגעבן יעדער וואָך ברויט און חלות די אָרעמע פאַמיליעס, אין איינצלנע פאַלן — אויך מזומן געלט פאַר נסתרים, און יעדן ערב יומטוב — פלייש, צוקער, בוימל און אַנדערע פּראָדוקטן.

די הכנסות פון „בית לחם״ זענען געווען: פון חודש־אָפּצאָל, פון פאַרשידענע אַקציעס און אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויך פון דער שטיצע פון די לאַנדסלייט אין אַמעריקע. חוץ דעם ווערן דורך מיטגלידער פון „בית לחם״ געזאַמלט יעדן שבת איבער דער שטאָט ברויט און חלה. דאָס דאָזיקע געזאַמלטע

פאַרוואַלטונג פון געז. „בית לחם״ (1933)

ברויט גייט פאַר אָרעמעלייט. ס׳איז אָבער ווייט נישט גענוגנדיק.

אין יאָר 1935 שטייגט גוואַלדיק די צאָל רעגיסטרירטע מקבלים, דערגרייכנדיק ביז צוויי טויזנט פּערזאָן. די דעמאָלטדיקע פאַרוואַלטונג האָט זיך דערפילט דערשעפּט פון דער שווערער אַרבעט, שטענדיקע זאַמלונגען און אויסערגעוויינלעך שווערן פאַרבינדן איין עק מיטן צווייטן. איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און אַריינציען פרישע כוחות. אַזעלכע נייע מענטשן האָבן זיך געפונען, און מ׳דאַרף מודה זיין, אַז אַדאַנק דער נייער אָנפירערשאַפט מיטן ענערגישן פּרעזעס ה׳ דוד בוסליק בראש, איז די אַרבעט אַוועק פיל בעסער.

די דאָזיקע אָנפירערשאַפט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע עסקנים:

פּרעזעס פון פאַרוואַלטונג — דוד בוסליק; פּרעזעס פון ווירטשאַפטס־קאָמיסיע — יחיאל ראַנץ, איינער פון די עלטסטע עסקנים אין „בית לחם״, וואָס קען אַלע נסתרים און וואָס איז פאַר זיינע לייסטונגען איינגעשריבן אין אָנדענק־בוך פון „בית לחם״; פּרעזעס פון ראַט — ראובן קאַגאַן, אַן אַקטיווער טוער אויך אויפן יידישן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן געביט; וויצע־פּרעזעס — בערל פיסאַרעווסקי, אויך אַן אַלטער אויסגעפּרוווטער טוער; ש. שניידער, ש. מעש, נפתלי דעבערט, אהרן ראַפּאָפּאָרט, יוסף בייגלער, צבי שיינמאַן, יעקב אקסמאַן, וו. ספּעקטאָר, וואָלף מאַרמאָר, מרדכי בעזפּאַיאַסניק, מ. אַלטער, י. ווייסמאַן, א. גורפינקעל, סאדע, י. קופּערשמיד, א. מעש, מ. ליבערמאַן, י. גרייעווער, יצחק גארמעל, ש. פּוקס, י. סימע, א. פּאַשט, י. איינבינדער, ש. מייסטל, ג. גאָלדבערג, זלמן בארמאק, ז. קעלערמאַן, י. יוכט, פּ. טייטעלבוים, פּ. בוידמאַן, ליפּע וועלוועלער, מ. ליטמאַן, ג. קאַמעניעצקי, יעקב טרויב, אליעזר אבציוק, ד. ארענצעל.

אין „בית לחם״ האָבן באַקומען שטענדיקע שטיצע ביי טויזנט פּערזאָן, חוץ דעם האָבן נאָך כמעט 2000 נפשות באַקומען איינמאָליקע שטיצע.

אין יאָר 1938 האָט אין לויצק געווילט דער לאַנדסמאַן פון אַמעריקע, דער ערן־פּרעזעס ר׳ מרדכי דימענט, וועלכער האָט באַזוכט דעם „בית לחם״, פאַרבראַכט מיט די עסקנים צוזאַמען אויף אַ באַשיידענעם טיי־אָוונט און פעסטגעשטעלט, אַז די טעטיקייט פון „בית לחם״ איז ערשטראַנגיק וויכטיק. ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ ברייטע אונטערשטיצונג ביי די ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים, פאַר די נויטן און באַדערפענישן פון „בית לחם״.

„מושב זקנים״ אין לויצק

צו די לויצקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק

(אַ בריוו געשריבן אין 1930)

פאַרוואַלטונג פון „בית לחם" אין שטאָט לויצק

דער שווערער קריזיס, וועלכן מיר לעבן אַדורך שוין זייט אַ לענגערער צייט, האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן אין גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן בכלל און יידישן בפרט. ס׳זענען געפאַלן אַ סך קרבנות. געוועזענע פאַרמעגלעכע בעלי־בתים, מנדבים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מקבלים. די נויט איז געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער. די דרינגלעכקייט פון אַ באַלדיקער הילף האָט באַוויגן אַ געוויסע גרופּע מענטשן צו שאַפן אַן אינסטיטוציע, וועלכע זאָל, כאָטש אַ ביסל, לינדערן די גרויסע און שווערע נויט און כאָטש טיילווייז שטילן דעם הונגער פון הונדערטער אומגליקלעכע נפשות. אַזאַ אינסטיטוציע איז טאַקע געשאַפן געוואָרן. ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון געוויסע מענטשן, וועלכע האָט אויפגעשטעלט אַ וווילטעטיקן אַנשטאַלט „בית לחם", וואָס עקזיסטירט שוין זייט צוויי יאָר. די דאָזיקע אינסטיטוציע איז שוין גענוג פּאָפּולער אין שטאָט צוליב איר נוצלעכקייט, ווייל:

1. „בית־לחם" פאַרזאָרגט 15 הונדערט נפשות מיט ברויט, חלה און אַנדערע הצטרכותן;
2. „בית לחם" האַלט אויס אַ מושב זקנים, אין וועלכן ס׳געפינען זיך 20 נפשות מיט עסן, קליידונג און זאָרגט פאַר זייער עקזיסטענץ;
3. „בית לחם" פאַרזאָרגט די יידישע אַרעסטירטע אין דער גרויסער טורמע מיט ברויט און געקעכץ. זייער צאָל אין טורמע וואַקלט זיך צווישן 50 און 60 מאַן;
4. „בית לחם" אָרדנט איין אַלע יום־טובים אַ כשרע אומ־זיסטע קיך פאַר הונדערטער יידישע זעלנער, וועלכע באַקומען דערמיט אַ מאַטעריעלע און מאָראַלישע באַ־פרידיקונג.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע קאָלאָסאַלע אויס־גאַבן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אויסהאַלטן אָט די אינסטי־טוציע, זענען אַ זייער שווערע לאַסט, וועלכע דראָט, חלילה, איינגאַנצן צו דערשטיקן דעם איינציקסטן און נוצלעכסטן אַנ־שטאַלט און טאָרמאָזירט זיין גאַנץ נוצלעכע טעטיקייט, ווייל מיט אָרטיקע מיטלען, ביי אַזאַ אַלגעמיינעם קריזיס, איז נישט מעגלעך אויסצופילן די אַלע פונקציעס, וואָס די עקזיסטירנדיקע נויט פאָדערט.

שטייענדיק אויף דער וואַך פון די לעבנס־אינטערעסן פון אונדזערע פאַראָרעמטע און הונגעריקע ברידער און שוועסטער, האָט דער קאָמיטעט פון „בית לחם" אָנגענומען אַ באַשלוס זיך צו ווענדן צו אייך, ליבע ברידער, מיטן רוף: העלפט! לאָזט נישט פאַלן דעם גרויסן בנין. געדענקט, אַז מיט זיין פאַלן, חלילה, וועלן אונטער זיינע חורבות דערשטיקט טויזנטער פון אונדזערע ברידער! געדענקט אין אייער אַלטער היים, ווו די מענטשן, וועלכע איר האָט איבערגעלאָזט אין זייער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, זענען נעבעך אַזוי געפאַלן, אַז זייער גאַנצע עקזיסטענץ ציען זיי נאָר פון „בית לחם". די דאָזיקע מענטשן קאָנען נישט אויסשטרעקן די האַנט און בעט־לען: געוועזענע גבירים קאָנען נישט אַזוי גיך ברעכן זייער שטאָלץ. אַזעלכע נסתרים ליידן הונגער און קעלט, שטיקן די טרערן אין זיך און ווען נישט דאָס וואַכנדיקע אויג פון „בית לחם", וואָס פאַרזאָרגט אַזעלכע נסתרים בכבוד, וואָלטן מיר, חס וחלילה, נישט איין טויט־פאַל פון הונגער געהאַט. געדענקט אין די אָרעמע אלמנות און יתומים, וואָס זענען דאָך דער אומבאַהאָלפנסטער עלעמענט אינעם לעבן. שטעלט אייך פאָר די גרויזאַמקייט פון דער לאַגע, ווען די יונגע קינדערלעך, די אומשולדיקע עופהלעך שטרעקן אויס זייערע הענטעלעך און בעטן, נישט קיין צוקערקעס און נישט קיין לוקסוס, נאָר אַ טרוקן שטיקל ברויט און די אומגליקלעכע מוטער־אלמנה באַגיסט זיך מיט זודיקע טרערן, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכ־קייט צו שטילן דעם הונגער פון אירע ליבסטע און טייערסטע. דער איינציקער רעטונגס־פּונקט איז נאָר דער „בית לחם", וועלכער געפינט זיך איצט אין אַ גרויסער געפאַר.

מיר ווילן גלויבן און האָפן, אַז כאָטש איר זענט ווייט פון אונדז, בלייבט איר דאָך אָרגאַניש ענג מיט אונדז פאַרבונדן. ווענדן מיר זיך צו אייך ווי צו אייגענע טייערע ברידער, וואָס נאָר זיי זענען איצט איימשטאַנד אונדז צו העלפן. מיר האָפן, אַז אונדזער ווייגעשריי וועט נישט בלייבן הענגען אין דער לופטן, און וועט זיכער געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין אייערע וואַרעמע יידישע הערצער. ברידער: העלפט! אין אייערע הענט איז איצט דער גורל פון טויזנטער נפשות!

פּרעזעס: מנחם מאַנדעלבוים

מיטגלידער: נישט לעזבאַרע אונטערשריפטן

סעקרעטאַר: שטעמפּל

די שטיצע קאָן געשיקט ווערן אויף פאָלגענדיקן אַדרעס:

Prezes Żydowskiego Towarzystwa Dobroczynności
„Bet Lechem"
Menachem Mandelbojm, Łuck, Jagiellońska 23.

האבּ"ד דל' מאשר ומקיים שכל הנכתב במכתב הזה אמת וצדק בלי מגרעת. מאת החותם למען התורה והצדקה יחיאל יצחק רפפורט אבּ"ד דפה.

שטעמפּל

טעטיקייטס־ און פינאַנס־באַריכט פון „בית לחם" אין לויצק

פון 1־טן אַפריל 1937 ביזן 1־טן אַפריל 1938

ה ו צ א ה

צעטיילט 28.621 קג. ברויט	7850.12
„ 7589 חלות	719.01
„ שטיצע במזומנים	74.25
„ אויף שבועות 420 חלות	83.02
„ אויף ימים נוראים 2979 חלות	461.89
„ 158 פונט פלייש	142.47
„ מזומן	10.00
„ אויף פורים 502 חלות	79.80
פאַרשידענע דרוקן	171.50
ביוראָ	120.90
באַהייצונג און באַלויכטונג	61.41
דירה־רעמאָנט	131.65
אינקאַסענט אייזנבערג	113.64
פוקס	475.44
בוכהאַלטער רויער	1040.00
אַנגעשטעלטער מאָטי טאַבאַטשניק	490.00
פאַרזיכערונג־אַנשטאַלט (אובעזפיעטשאַלניע)	408.71
איינאָרדענען די שבועות־אַקציע	32.55
בלעכענע פושקעס	8.00
פראָוויזיע פאַרן רינג	181.96
פראָוויזיע פאַר דער ימים־נוראים־אַקציע	96.05
פאַרשידענע	14.50
איינקויף פון קאַלענדאַרן	346.49
פראָוויזיע פאַר חנוכה־אַקציע	42.93
פראָוויזיע פון אַלערליי אַקציעס	132.13
פראָוויזיע פון חמשה־עשר־אַקציע	22.10
פראָוויזיע פון פורים־אַקציע	43.29
נישט־פאַרויסגעזעענע אויסגאַבן	81.76
סך־הכל	13435.57

ה כ נ ס ה

פון מיטגלידס־אָפּצאָל	2915.27
פון חתונות, תנאים א. א.	311.22
פון פורים־אַקציע	293.56
אַקאָנטאָ פסח־אַקציע	19.25
שבועות־אַקציע	202.45
געזאַמלט דורך פושקעס	112.12
רינג־אַקציע	754.15
ע"י אגרא דתעניתא	127.16
„ נדרים מפ׳ ראה	229.99
„ ראש־השנה־אַקציע	823.94
„ נדרים מפ׳ ויצא	267.11
„ חנוכה־אַקציע	237.35
„ קאַלענדאַרן־אַקציע	877.00
„ חמשה־עשר־אַקציע	188.86
„ נדבות פון פראָדוקטן	1605.34
„ נדבות חולף	94.55
„ שטיצע פון אַמעריקע 422	2214.64
„ דירה־געלט	510.72
„ נדבות	180.00
„ דעפיציט־אַקציע	96.85
„ פאַרשידענע נדרים	168.70
„ פאַרשידענע הכנסות	147.05
דעפיציט	1058.29
סך־הכל	13435.57

ו. טשיטשאַטקאַ

15 יאָר צענטאָס

אין אָנהייב 1923 האָט דער דעמאָלטדיקער פאָרשטייער פון „דזשאָינט", דירעקטאָר קאַהאַן, מיטגעטיילט די געזעל־שאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן דאַן אָנגעפירט מיט דער געלט־שטיצע־אַקציע, וואָס דער „דזשאָינט" האָט ביז דאַן געגעבן פאַר די ליידנדיקע קינדער פון נאָך דער וועלט־מלחמה, אַז דער „דזשאָינט" האַלט שוין זיין מיסיע פאַר געענדיקט. ער האָט דערביי פאָרגעלייגט, אַז די זאָרג איבער די קינדער זאָל איבערנעמען די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכקייט גופא. פאַרשטענד־לעך, אַז אויך דער „דזשאָינט" וועט אויף ווייטער, ווי ווייט מעגלעך, קומען צוהילף.

ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע נייעס האָט איבערראַשט אַלע געזעלשאַפטלעכע טוער אין לויצק, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט איינגעוווינט מיטן געדאַנק, אַז דער „דזשאָינט" וועט נאָך אויף לאַנגע יאָרן אָנגיין מיט זיין פּראָדוקטיווער הילף לטובת די געליטענע. די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן בכלל און אין לויצק בפרט, איז נאָך דאַן נישט געווען אויף אַזויפיל סטאַביליזירט און עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט, אַז ס׳האָט זיך בכלל נישט געזען קיין איבעריק גרויסע מעג־לעכקייט אויפצוטאָן עפּעס מיט די אייגענע כוחות.

ס׳איז גערופן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע באַראַטונג פון די אַלע, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן מיטן „דזשאָינט" אין דער הילפס־אַרבעט לטובת די אָרעמע קינדער. דער פאָרשטייער פון „דזשאָינט" האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז די אָרטיקע געזעל־שאַפטלעכקייט זאָל איבערנעמען אַלע אַגענדן, וואָס זענען פאַר־בונדן מיטן דאָזיקן ענין.

מ׳מוז מודה זיין, אַז די אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער

אין לויצק האָבן באמת מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות. דאָך האָט מען אָט די מורא גובר געווען אַדאַנק דעם אויפריכטיקן ווילן פון איינצלנע איבערגעגעבענע טוער און פאָרזיכטיק איז מען צוגעטראָטן און מ׳האָט אָרגאַניזירט די געזעלשאַפט א. נ. „געזעלשאַפט פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג און קינדער־שוץ״.

זומער־קאָלאָניע פאַר קינדער „צענטאָס״ (1936)

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז, מיט דער דערלויבעניש פון דער וואָלינער אויפזיכט־מאַכט, אָרגאַניזירט געוואָרן אויף גאַנץ וואָלין. אין לויצק האָט אַלזאָ עקזיסטירט איר אָפּטיילונג. אין שפּיץ פון דער ניי־געגרינדעטער געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט דער איבערגעגעבענער עסקן (געוועזענער ראש־הקהל פון דער לויצקער קהילה) ה׳ חייקל ווייץ ע״ה. אַדאַנק זיינע פעיקייטן און אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, איז געלונגען ווי געהעריק צו אָרגאַניזירן די לויצקער אָפּטיילונג.

אין דער אַרבעט פון דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע איז אַריינגעצויגן געוואָרן דאָס בעסטע און אינטעליגענטסטע, וואָס דאָס יידישע לויצק האָט פאַרמאָגט. ס׳זענען אויסגעטיילט געוואָרן פאַרשידענע קאָמיסיעס, ווי: רעגיסטראַציע־קאָמיסיע, ווירטשאַפטס־קאָמיסיע, דערנערונגס־קאָמיסיע, יורידישע קאָמיסיע, מעדיצינישע קאָמיסיע, פאַך־בילדונגס־קאָמיסיע א.א.וו., וועלכע האָבן אַרומגענומען אַלע שוצלאָזע און יתומים, וואָס זייער צאָל איז דערגאַנגען ביז 600. 200 פון זיי זענען איינגעאָרדנט געוואָרן ביי פּריוואַטע פאַמיליעס, ווו דער קאָמיטעט האָט פאַר אַלעמען געזאָרגט, און די איבעריקע 400 קינדער האָבן באַקומען צייטווייליקע שטיצע.

אַ ספּעציעלן אַכט איז געלייגט געוואָרן אויף דער אויסבילדונג פונעם קינד. אַלע קינדער האָבן געמוזט באַזוכן די שול. די עלטערע קינדער האָבן געמוזט באַזוכן ספּעציעלע אָוונט־קורסן. ס׳איז אויך געעפנט געוואָרן אַ שניידער־שול פאַר מיידלעך, ווו ס׳האָבן זיך געלערנט 40 שילערינס. אַ דאַנק דער גוטער צוזאַמענאַרבעט פונעם תרבות־טוער ה׳ יהושע בערגער מיט דער צענטאָס־געזעלשאַפט, האָבן די קינדער געהאַט אויך די מעגלעכקייט צו באַזוכן די תרבות־שול, ווו זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין נאַציאָנאַלן גייסט.

אין שפּיץ פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט דער איבעראַל־באַקאַנטער און געשעצטער ד״ר פרידמאַן פעמאַוו, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זייער פיל צייט און ענערגיע דער גרויסער צאָל קראַנקע קינדער, וואָס די מלחמה־יאָרן האָבן געשאַפן. אַדאַנק זיין מי ווערט יעדעס יאָר אַרויסגעשיקט אַ גרעסערע צאָל שוואַכע און קראַנקע קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס. הונדערטער קינדער זענען אויך געהיילט געוואָרן פון „פאַוווס״, די פּאָפּולערע מחלה אין יענער צייט.

גלייכצייטיק איז אין לויצק געווען טעטיק אַ גרופּע אינטעליגענטע פרויען, וועלכע האָט געהאַט די אויפזיכט אויף אַ קליינער צאָל קינדער מיט דערנערונג, קליידונג א.א.וו. און האָט געפירט אַ זעלבשטענדיקע אַרבעט. האָט עס טאַקע געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ס׳עקזיסטירן 2 קאָמיטעטן פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג. דאָס יאָר 1928 האָט געמאַכט אַ פולשטענדיקן איבערברוך אין דער גאַנצער אַרבעט.

אין יענעם יאָר שטעלט דער „דזשאָינט״ כמעט אָפּ זיינע שטיצע־איבערווייזונגען און מיר זענען געווען געצוווּנגען איבערצוגיין אויף „זעלבסטאויסהאַלטונג״. זינט דאַן זענעןביידע קאָמיטעטן פאַראייניקט און קאָאָרדינירט געוואָרן.

מיט אונדזער טעטיקייט הייבט זיך אָן צו פאַראינטערעסירן דער לויצקער מאַגיסטראַט. דאָס איז געשען אַדאַנק דעם קינדער־פריינד ה׳ חייקל ווייץ ע״ה, וועלכער איז דאַן געווען וויצע־בירגערמייסטער פון דער שטאָט לויצק. אין משך פון דריי יאָר האָבן מיר באַקומען אויסגעצאָלט אַ סובווענץ פון דריי טויזנט זלאָטעס יערלעך לטובת דעם צענטאָס. דער מאַגיסטראַט האָט פון אונדז געפאָדערט, אַז מיר זאָלן קאָנצענטרירן די קינדער אויף איין אָרט. זענען מיר דאַן, אין אַ צייט פון אַ גרויסער דירה־נויט אין לויצק, געווען געצוווּנגען „צייטווייליק״ צו עפענען אין די קעלער־שטובן פון דער יידישער קהילה אַ בית־יתומים פון 32 קיילעכדיקע יתומים אין עלטער פון 6 ביז 14 יאָר. די רעשט קינדער, אין אַ צאָל פון 86, זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פּריוואַט.

מיט אָט דער דאַטע הייבט זיך אָן די אָפיציעלע טעטיקייט פון יידישן בית־יתומים אין לויצק.

אין דער תקופה 1928—1931 איז פרוי גוטע וויינרייך געווען פאָרזיצערין פון קאָמיטעט. פון 1931 ביז 1935 האָט דעם דאָזיקן אַמט פאַרנומען ה׳ אברהם חיזש ע״ה. זיין אומגעריכטער טויט האָט געבראַכט פיל שאָדן אונדזער טעטיקייט. פאַר זיין טויט האָט ער אויך נישט פאַרגעסן צו פאַרשרייבן אין זיין צוואה אַ גרעסערע סומע פאַרן הויז, וואָס מיר האָבן געקלערט בקרוב צו בויען.

לויט דער סטאַטיסטיק קומט אויס, אַז ביזן יאָר 1928 זענען 209 קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון „צענטאָס״, געוואָרן זעלבשטענדיק. פון זיי האָבן 34 קינדער אויסגעוואַנדערט מעבר לים צו זייערע קרובים און נאָענטע, וועלכע מ׳האָט, אַדאַנק דער יורידישער קאָמיסיע, אויפגעזוכט און זייערע אַדרעסן באַקומען. די רעשט האָט זיך איינגעאָרדנט אויפן אָרט ביי פאַרשידענע פאַכן.

צוליבן מאַנגל אין געלט־מיטלען ווערט אונדזער אַרבעט ליידער באַשרענקט אויף אַ קלענערער צאָל קינדער. פון יאָר 1928 ביז יאָר 1933 האָבן זיך געפונען אונטער אונדזער אויפזיכט 130 קינדער, אַ חוץ די זומער־קאָלאָניעס, וועלכע ווערן אָן איבעררייס געפירט יעדעס יאָר.

אין יאָר 1931 ווערט אויך די מאַגיסטראַט־סובווענץ געקירצט. גייען מיר איבער צום סיסטעם פון איינמאָנען חודש־

אָפּצאָל. מיר אָרדענען איין פיל אימפּרעזעס, וועלכע ברענגען אונדז אַריין געוויסע הכנסות, און צוזאַמען מיט דער שטיצע פון אונדזערע ברידער פון מעבר־לים, האָבן מיר אַ מעגלעכקייט פאַרצוזעצן אונדזער נאָרמאַלער אַרבעט.

די לעצטע יאָרן איז אויך טעטיק געווען אַ האַלב־אינטערנאַט פאַר 75 קינדער און אַ באַשפּייזונגס־פּונקט פאַר 120 קינדער.

דאָס וווינונגס־פּראָבלעם פאַרן בית־יתומים האָט אונדז די גאַנצע צייט נישט געלאָזט רוען. ליידער מוזן מיר צום גרויסן באַדויערן פעסטשטעלן, אַז די לוויצקער יידישע באַפעלקערונג, איבערהויפּט אונדזערע גבירים, האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרשטענדעניש פאַר בויען אייגענע בנינים פאַר אירע אינסטיטוציעס. ס'זענען גערופן געוואָרן באַראַטונגען, מ'האָט זיך געווענדט צו דער באַפעלקערונג מיט פיל אויפרופן וועגן מיטהעלפן שאַפן אַ בעסערע דירה פאַר די אומגליקלעכע קינדער. ליידער איז דאָס אַלץ געבליבן ווי אַ קול קורא במדבר.

די לעצטע 4 יאָר פאַרנעמט דעם פאָרזיצער־אַמט פון אָרטיקן קאָמיטעט דער לאַנגיעריקער אָנפירער פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע, הויפּט־דאָקטאָר פון יידישן שפּיטאָל, ד״ר פרידמאַן פּעמאָוו, וועלכער ווידמעט זייער פיל צייט דער געזעלשאַפט און אַדאַנק זיין מי איז אין יאָר 1937 געקויפט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט אַ גרויסער פּלאַץ צו בויען אַ יתומים־הויז.

דער געקויפטער פּלאַץ געפינט זיך אין אַ גוטער און טרוקענער געגנט און אויף אַ זוניקן באָדן. דאָס איז אויף דער פראָנט־זייט פון דער באָל. כראָברעגאָ גאַס נומער 124. לויטן פּראָיעקט דאַרפן געבויט ווערן פאָלגנדיקע אַנשטאַלטן: אַ יתומים־הויז פאַר 50 קינדער, אַ האַלב־אינטערנאַט פאַר 75 קינדער, אַ פרעבל־שול פאַר 40 קינדער און אַ בורסע פאַר 50 קינדער, וועלכע לערנען זיך אַ פאַך.

אַדאַנק דער קהילה־פאַרוואַלטונג מיט איר חשובן ראש־הקהל ה' קלמן פרישבערג, האָבן מיר באַקומען אין יאָר 1936 די צימערן, אין וועלכע ס'האָט זיך געפונען דער האַנטווערקער־פאַראיין. דער דאָזיקער לאָקאַל, אין אײפן צווייטן שטאָק, אַנטהאַלט צוויי גרויסע זאַלן, אַן איזאָלאַציע־צימער און אַ קאָרידאָר. דאָרט האָבן מיר איינגעאָרדנט די שלאָף־צימערן פון בית־יתומים. אין די קעלער־שטיבן איז געבליבן דער האַלב־אינטערנאַט.

דער ציל פון דער געזעלשאַפט

זאָרגן פאַרן עלנטן און פאַריתומטן קינד — פון זיין געבוירן ביזן זעלבשטענדיק ווערן — מיט דערנערונג, בילדונג, מעדיצינישע הילף, קליידונג, פאַך־אויסשולונג, איינקויפן פאַר אים די נויטיקע געצייגן, בכדי צו ווערן זעלבשטענדיק, אויסזוכן פאַר אים זיינע נאָענטסטע קרובים, העלפן עמיגרירן א.א.וו.

די געזעלשאַפט איז די איינציקע אויף וואָלין, וועלכע פירט זינט 1924 אָן איבעררייס זומער־קאָלאָניעס, שיקט קינדער אויף הייל־קאָלאָניעס, אָרדנט איין קינדער ביי פאַרשידענע פאַכן. ווינטער־צייט פאַרטיילט די געזעלשאַפט אַ גרעסערן קוואַנטום פיש־טראָן פאַר די שוואַכע קינדער.

טאַבעלע פון די קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס

יאָר	רו־קאָלאָניע	האַלב־קאָלאָניע	טשעכאָטשינעק
1924	132	—	22
1925	109	—	26
1926	85	—	16
1927	102	—	21
1928	84	—	12
1929	88	—	14
1930	92	—	14
1931	86	—	9
1932	92	—	12
1933	96	—	16
1934	95	—	14
1935	88	—	16
1936	108	—	13
1937	—	240	11
1938	—	260	9

אין דער תקופה פון די לעצטע צען יאָר זענען געוואָרן זעלבשטענדיק 87 קינדער, דערונטער 48 יינגלעך און 39 מיידלעך, ביי פאָלגנדיקע פאַכן: סטאָליאַרעס — 7, שניידער — 8, הוטן־מאַכערינס — 4, שוסטער — 5, רימער — 2, קירזשנער — 2, מאַליאַרעס — 1, אָנגעשטעלטע — 6, פריזירער — 3, בלעכער — 2, לערערינס — 3, פרעבליסטינס — 2, שטוב־ווירטינס — 3, איינבינדער — 2, עמיגרירט קיין א״י — 4, אַנדערע לענדער — 2, דרוקעריי — 1, עלעקטראָטעכניק — 1. צוזאַמען — 86 קינדער.

זעלדע זיגמאַן (ליטמאַן) / חיפה

דאָס יתומים־הויז אין לוצק

אויף שיענקיעוויטשאַ 39 האָט זיך געפונען די יידישע קהילה אין לויצק, עטלעכע קלאַסן פון דער תרבות־שול און אויך דאָס יתומים־הויז, מיט וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט די ה"ה טשעטשאָטקאָ און ד"ר פּעמאָוו ז"ל. אין יתומים־הויז האָבן זיך געפונען בערך ביי אַ 60 קינדער. יידישע פרויען האָבן זיך מיט זיי פאַראינטערעסירט און צוגעטיילט שטיצע. אויך דער



פאַרוואַלטונג פון יתומים־הויז

שטאָטישער מאַגיסטראַט האָט אַ געוויסע צייט געגעבן אַ באַגרענעצטע שטיצע. אָבער די וויט־גרעסטע הילף און אויסהאַלטונג האָט אויף זיך גענומען די יידישע קהילה.

אויך איך האָב זיך געפונען צווישן די דעמאָלטיקע דערצויגענע פונעם יתומים־הויז. מיר האָבן דאָרט געהאַט פאַרשידענע צייטן. אַמאָל ערגער און אַמאָל בעסער. אַמבעסטן האָבן מיר זיך געפילט אום זומער. מיר פלעגן דאַן אַרויספאָרן קיין יוליאַנע אויף זומער־וווינונג, אָדער האַלב־קאָלאָניע, ווו מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט און אָנגענומען פרישע כוחות צום נייעם שול־יאָר.

ספּעציעל דאַרפן מיר דערמאָנען וואָווע טשעשאטקא (אומגעקומען אין געטאָ), וועלכער איז אונדז געווען איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן. באַזונדערס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון די סדר־נאַכט מיט דער באַטייליקונג פונעם לייטער. מיר האָבן געפראַוועט דעם סדר אויפן עכט יידישן שטייגער, מיט מצות, וויין און אַנדערע פּסחדיקע מאכלים. מען האָט געפרעגט די פיר קשיות און געזאָגט די הגדה. ערשט נאָכן פאַרענדיקן דעם סדר איז טשעשאטקא, שפּעט ביינאַכט, געגאַנגען צו זיך אַהיים, צו זיין פאַמיליע, פראַוועז ביי זיך דעם סדר. אַזוי איז געווען יאָר־איין, יאָר־אויס.

אין יאָר 1939 איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין אונדזער לעבן. מיר זענען איבערגעפירט געוואָרן אינעם אַלגעמיינעם סאָוויעטישן יתומים־הויז, ווו ס'איז אַמאָל, בעת דער פּוילישער הערשאַפט, געהאָנגען פאַרן טויער אַן אויפשריפט: „יידן און הינט — איינגאַנג פאַרבאָטן!" טשעשאטקא האָט מיט ביטערע טרערן צוגעזען ווי מען פירט איבער זיינע קינדער אין אַן אַנדער הויז.

מיר האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום נייעם גורל.

צום ערגסטן אָבער איז געווען אין יאָר 1941, נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה. אין יענער צייט זענען אומגעקומען אונדזערע דערציער וואָווע טשעשאטקא, ד"ר פּעמאָוו און פיל אַנדערע איבערגעגעבענע טוער פון יתומים־הויז. זאָל זייער אָנדענק אונדז לייכטן אויף אייביק.